STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09011

DAVID HA-MELEKH

Saul Saphire

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



שאול ספיר

דוד המלך

היסטאָרישער ראָמאַן פון דער צייט פון די ערשטע
אידישע מלכים.

פון

שאָול ספיר

מחבר פון „קאַליף פון קאָרדאָווא", „צווישען רוים און ירושלים"
„אברהם'ס אייניקלאך", א. ז. וו.

*

KING DAVID

Historical Romance by Saul Saphire

Author of "Caliph of Cordova," "Between Rome and Jerusalem," etc.

Published and copyrighted, 1930
by Saul Saphire
77 Bowery, New York

געווידמעט מיין ליבען זוהן

בנימין זאב

ערשטער קאַפּיטעל

אײפֿערזוכט

די װאַרעמע הערליכע זון האָט מיט לאַנגזאַמע טריט שפּאַצירט אױף דעם לזוטערען בלױען ארץ ישראל הימעל, און זיך שױן געהאַט אַ קעהר געטהאַן אין דער ריכטונג פֿון מערב זײט.

דער װעג פֿון גבעה, אין דעם לאַנד פֿון בנימין ביז בית לחם, אין דעם לאַנד פֿון יהודה, איז געװעזן אַ קורצער, סך הכל אַ מהלך פֿון דרײ שעה, אָבער נישט קײן גלײכער: בערג הױכע און נידעריגע, טהאָלען ברײטע און שמאָלע, פֿעלזען שפּיציגע און מעכטיגע, האָבען אונטערבראָכען דעם װעג.

עס איז געװעזן אין מאָנאַט אייר, אין מיטען פֿריהלינג. די פֿעלדער און גערטנער אַרום זײנען געװעזן אין זײער פֿולען גרינעם פּראַכט... די פֿײגען און טײטעל בױמער האָבען זיך צובליהט; דער אַנגענעהמער דופֿטיגער ריח װאָס איז געקומען פֿון די פּאָמעראַנצען, ציטראָנען און אתרוגים גערטנער, װעלכע זײנען געלעגען אין די טהאָלען, האָט זיך צונױפֿגעמישט מיט די װאונדער שעהנע שמעקענדע בלומען פֿון די בערג, און האָט בעצױבערט און פֿער'שכור'ט יעדען דורכװאַנדערער...

אױף אײנעם פֿון די בערג צװישען גבעה און בית לחם, זײנען געשטאַנען צװײ יונגען, יונתן, דער זוהן פֿון שאול, און שמעי, דער זוהן פֿון גרא, און האָבען מיט פֿאַרשענדע און נײגעריגע אױגען געקוקט פֿון אַלע זײטען... די שעהנע פּאַנאָראַמע האָט זײ אָבער יעצט נישט אינטערעסירט; בײדע זײנען זײ געװעזן שטאַרק בעזאָרגט װעגען מיכל, שאול'ס טאָכטער, װעלכע איז גאַנץ פֿריה אַרױס פֿון גבעה אױף אַ שפּאַציער, און בײם מיטאָג עסען איז זי נאָך נישט געװעזן צוריק.

מיכל האָט נאָך אַלס קינד ליעב געהאַט אַװעקצושפּאַצירען הינטער'ן שטאָדט, װאו זי האָט געקענט אונגעשטערט שטעהן און בעטראַכטען די פּראַכטפֿאָלע נאַטור און זיך צוהערען צו דעם געזאַנג פֿון דעם זמיר און דעם קאַנאַריק... זי האָט ליעב געהאַט נאָכצולױפֿען נאָך די שעהנע קאָלירטע זומער פֿײגעלעך, זײ פֿאַנגען און נאָכהער אָפּלאָזען... זי האָט גרױס הנאה געהאַט פֿון די בלומען װאָס זי האָט אַלײן אָנגעקליבען פֿון די זײטען פֿון װעג.

מיכל איז געװעזן שאול'ס אינגערע טאָכטער. זי איז אַלט געװעזן זעכצעהן יאָהר, און איז געװעזן זעהר שעהן, הױך געװאַקסען, און גראַציעז. איהרע הענדע,

טונקעל ברוינע אויגען האבן געלויכטן ווי בריליאנטען, און איהרע פעך שווארצע לאנגע צעפ האבען איהר צוגעגעבען נאך מעהר חן און צויבער... מיט איהר שוועסטער מרב, וועלכע איז געווען צוויי יאהר עלטער פון איהר, האט זיך מיכל געהאלטען פון ווייטען. זי האט געוואוסט דאס זי האט איהר נישט איבעריגס ליעב... זי ווייסט אז מרב קוקט אויף איהר קרום, ווייל זי איז אלעמענס ליעבלינג...

שטארק צוגעבונדען איז מיכל געווען צו איהר עלטערען ברודער יונתן, וועלכער איז געווען העלדיש, קלוג און גוטהערציג. ער איז געווען מיט פיער יאהר עלטער פון איהר. איהם פלעגט זי פערטרויען פיעלע פון איהרע סודות... זי האט געפיהלט אז יונתן האט איהר אויך ליעב מיט'ן גאנצען הארצען און וועט פאר קיינעם איהרע סודות נישט דערצעהלען.

די מוטער, אחינעם, שאול'ס פרוי, האט ליעב געהאט אלע איהרע קינדער גלייך, און נישט איינמאל האט זי אויסגערעדט שאול'ן פאר וואס ער פערשאפט עגמת נפש זייער עלטערע טאכטער, ארויסצייגענדיג מעהר ליעבע צו דער אינגערער.

פיעל מאל פלעגט זיך טרעפען אז שאול, פיטערנדיג די שאף, פלעגט אנ־טרעפען אויפ'ן וועג א הענדלער פון ציערונג און ביי איהם איינהאנדלען א פאר אוירינגלעך אדער א האלזבאנד, און עס ברייגנען א מתנה צו מיכל'ן...

מיכל האט זיך געפיהלט שולדיג נעגען איהר שוועסטער, און קושענדיג איהר פאטער פאר די מתנה וואס ער האט איהר געבראכט, פלעגט זי איהם א פרעג טהאן:

— פאטער, און פאר מרב'ן?... וואס האסטו איהר געבראכט?...

דאס פלעגט איהם ארייגברייגנען אין א פארלעגענהייט און פלעגט שטאמ־לענדיג ענטפערען:

— איך האב מעהר נישט געקענט קריגען... ער האט פערלאנגט צופיעל געלד... דער זיידע וועט זיין אין שטאדט וועט ער איהר עפעס אויך ברייגנען.

מיכל האט די ציערונג נישט אנגעטהאן, כל זמן דער זיידע האט פאר מרב'ן נישט געקויפט דיזעלבע זאך.

— זיידע, — האט מיכל איהם געזאגט, — נא דיר מיינע אוירינגלעך און אז דו וועסט זיין אין שטאדט, וועסטו צופאסען פונקט אזעלכע ווי דיזע און זיי ברייגנען צו מרב'ן...

קיש, שאול'ס פאטער, האט בעטראכט די אוירינגלעך און געזאגט:

— געבענשט זיי צו גאט, מיין קינד, וואס דו האסט אזא גוטע הארץ און ווילסט נישט מצער זיין דיין שוועסטער... איך וועל אין איינינע טעג ארום זיין אין שטאדט, וועל איך צופאסען נאך אזא פאר אוירינגלעך, און דאן וועט דיין שוועסטער דיך נישט דארפען מקנא זיין.

קיש איז געווען זיבעציג יאהר אלט, אבער ער האט אויסגעזעהן א סך אינגער. א לאנגע גראהע באָרד האט בעציערט זיין מילדען און מונטערען פנים. אין זיינע ווייכע אויגען האבען זיך אפגעשפיעלט מוטה און ענערגיע. ער איז געווען א רייכער בעל הבית אין גבעה, און האט געשטאמט פון שבט בנימין. ער האט געהאט פיעל שאף און רינדער, פעלדער און גערטנער... ביז נישט לאנג פלעגט ער צוזאמען מיט זיין זוהן שאול, בעארבייטען די ערד און פיטערען די שאף...

יעצט, אז ער האט דערגרייכט זיין זיבעציגסטען יאהר, האט ער איבערגעגעבען די שאף און רינדער צו שאול׳ן.

שאול איז געווען זעקס און דרייסיג יאהר אלט. ער איז געווען שעהן, שטארק און הויך, מיט א קאפ העכער פון דעם דורכשניטליכען פערזאן אין יענער צייט. זיין ארבייט פלעגט ער טהאן מיט גרויס פלייס און איבערגעבענהייט. ער האט געאקערט די ערד, געזעעט, געפלאנצט און געשניטען די תבואה און די פרוכט. און דערצו האט ער געפיטערט די שאף, אכטונג געגעבען אויף די אייזלען. ער איז געווען בעוואוסט אין דעם גאנצען שבט בנימין אלס העלד, און נישט איינמאל איז איהם אויסגעקומען זיך צו שלאגען מיט עטליכע פלשתים מיט אמאל, וועלכע פלעגען זיך אריינ׳גנב׳ענען אין די אידישע שטעדט און פרובירען בעראבעווען די אידישע פאסטוכער פון זייערע שאף.

שאול האט אויף זיי אנגעווארפען א שרעק... און די פלשתים-רויבער האבען געוויכט פון דעם גאנצען געגענד ארום גבעה...

אין דעם הויז פון קיש האבען זיך אלע געגרייט צו דעם יעהרליכען יום טוב פון שערען די וואל פון די שאף. דיזער יום טוב איז געפייערט געווארען פון אלע רייכע פיה בעזיצער מיט גרויס פאראד.

ווען די צייט איז בעשטימט געווארען צו שערען די וואל, האט קיש געשיקט עטליכע דינער זיי זאלען איינלאדען זיינע פריינד און קרובים פון די ארומיגע שטעדט און דערפער צו קומען און פייערען צוזאמען דעם יום טוב.

צווישען די איינגעלאדענע געסט איז אויך געווען זייער קרוב שמעי, דער זוהן פון גרא (גיירא), פון דער שטאדט בחורים. ער איז אלע מאל געווען דער ערשטער צו קומען און דער לעצטער אוועקצוגעהן. ביי איהם איז דאס שערען די וואל פון קיש׳ס שאף געווען די גליקליכסטע צייט פון יאהר... און דאריבער, ווען דער דינער איז געקומען אין זיין פאטער׳ס הויז זיי איינצולאדען צום יום טוב, האט שמעי נישט געווארט ביז וואנען זיין פאטער און מוטער וועלען געהן, נאר ער האט אנגעטהאן זיינע יום טוב׳דיגע בגדים און איז גלייך אוועק נאך גבעה.

די אורזאכע וואס איהם האט אהין אזוי שטארק געצויגען איז געווען מיכל, שאול׳ס איינגערע טאכטער. ער איז געווען שטארק פערליעבט אין די שעהנע מיכל, און ער האט קוים דערווארט די צייט ווען ער זאל זי קענען זעהן.

שמעי האט גאנץ גוט געוואוסט דאס מיכל איז צו איהם גלייכגילטיג, זי האט איהם די גאנצע צייט אויסגעמיטען, און זי האט נאך מיט איהם קיינמאל נישט שפאצירט, אבער ער האט געגלויבט אז דאס איז נאר צוליעב דעם וואס זי איז נאך גאר יונג... ווען זי וועט עטוואס עלטער ווערען, וועט זי אין גאנצען ענדערען איהר האלטונג צו איהם...

גרויסע האפנונגען האט שמעי געלעגט אויף דיזען מאל; מיכל איז דעם יאהר געווארען זעכצעהן יאהר אלט... ער איז זיכער, אז זי וועט זיך צו איהם יעצט גאנץ אנדערש בעציהען. זי איז דאך פול יעהריג... דערצו האט ער געהאט איהר צו דערצעהלען די וויכטיגע נייעס אז זיין פאטער האט איהם אפגעגעבען דעם וויינגארטען, און דעם קומענדען יאהר וועט ער איהם אויף בויען א הויז... אבער ער איז היינטיגען יאהר מעהר ענטטוישט געווען ווי פריהער... ער געפינט זיך שוין זעקס טעג אין דערזעלבער הויז און האט נאך מיט איהר קיין געלעגענהייט נישט געהאט צו ריידען... אין דער פריה גלייך נאך פריהשטיק, געהט זי

אוועק אויף עטליכע שטונדען, נאכהער, אז זי קומט צוריק פארברענגט זי אדער מיט איהר ברודער יונתן, אדער מיט'ן זיידען... אין אבענד קומט שאול פון פעלד, און אזוי געהט אוועק דער טאג און ער קען נישט באווייזען אויסצוריידען מיט מיכל'ן א פאר ווערטער...

וואוהין געהט זי דאס אוועק יעדען טאג? האט זיך שמעי געוואונדערט, און ער האט בעשלאסען אז ער מוז עס אויסגעפינען... און ווען אויף דעם צווייטען טאג האט מיכל, ווי איהר שטייגער, אוועקגעשפאצירט אויסערען שטאדט, האט שמעי איהר נאכגעפאלגט... ער האט זיך געהאלטען א היבשען מרחק פון איהר, זי זאל איהם נישט דערזעהען. און ווען מיכל האט זיך אפגעשטעלט, האט ער זיך בעהאלטען הינטער א בוים און געווארט. און ווען זי האט אנגעפאנגען צו געהן, איז ער איהר נאכגעגאנגען.

מיכל האט ארויפגעקלעטערט אויף א בארג; זי איז צוגעגאנגען צו דעם צווייטען זייט פון בארג, זיך אויסגעצויגען אויף דעם גראז, און ארונטערגעקוקט אין טהאל.

ווען שמעי האט גלייך נאך איהר אויך ארויפגעקלעטערט דעם בארג, האט ער פון ווייטען באמערקט ווי מיכל ליגט אויף דעם גראז באוועגלאז, ווי זי וואלט זיך צו עפעס צוהערען... ער האט זיך עטוואס דערנעהענטערט, און באלד האט צו זיינע אויערען דערגרייכט וואונדער־שעהנע מוזיק... טענער צויבערנדע האבען אפגעהילכט אין דער שטילקייט פון טהאל...

שמעי האט זיך אומבאמערקבאר אליין נעהנטער צוגערוקט צום ברעג פון בארג, און אט האט זיך פאר זיינע אויגען פאנאנדער געוויקעלט א פראכטפולעס בילד: ביי א שמאלען פליסענדען שטראם וואס לויפט דורך די פעלזען־שטיינער שטעהט א סטאדע שעפסען און טרינקען רוהיג פון דעם קלארען לויפענדען וואסער. נישט ווייט פון זיי שטעהט א קליין געצעלט און דערביי אויף א שטיין, זיצט א יונגער פאסטוך, האלט א הארפע אין האנט און שפיעלט... די טענער פון דער הארפע בעגלייט ער מיט געזאנג פון זיין שטימע...

א ווײלע איז שמעי געלעגען אויף דעם גראז ווי פער'כשופ'ט... די זיסע מעלאדיען האבען איהם צוגעצויגען... באלד אבער האט ער אלעס פארשטאנען: מיכל איז פערליעבט אין דעם פאסטוך... אהער קומט זי יעדען טאג זיך צו צוהערען צו די צארטע טענער פון זיין הארפע און אין דערזעלבער צייט אנזעטיגען איהרע אויגען מיט דעם געזונטען יונגען פאסטוך...

ווער איז ער דאס אט דער פאסטוך, וועלכער שפיעלט אזוי שעהן און הארציג? — ער שיינט צו זיין פון יהודה — האט שמעי זיך געטראכט און אנגעשטרענגט זיינע אויגען, ער זאל קענען בעסער זעהן זיין פנים... אבער דאס האט זיך איהם נישט איינגעגעבען, ער האט בלויז געקענט זעהן א זייט פון זיין פנים... אויך דעם קאליער פון געקרייזעלטע קאפ האר, האט ער אויך נישט געקענט בעשטימען, ווייל די זונען שטראהלען האבען אפגעשלאגען אויף זיינע האר און זיי געגעבען א גאלדענעם אויסזעהן.

א שרעקליכער כעס האט זיך אין איהם אנגעצונדען אויף דעם פאסטוך פון דעם טהאל... ער איז איהם שוין געווארען א דם שונא כאטש ער האט נאך זיין גאנצען פנים נישט געזעהן... א שמערצליכע קללה האט זיך פון זיין ברוסט

ארויסגעריסען אויף דעם הארפען שפּילער. ער האט געדריקט זיין פויסט און געקריצט מיט די ציינער... ער איז איהם גרייט געווען דורס צו זיין...

פלוצלונג האט ער בעמערקט ווי מיכל האט זיך אויפגעהויבען פון איהר פלאץ... ער האט איהר נאכגעפאלגט מיט זיינע אויגען. ער איז געווען זיכער אז אט באלד וועט זי ארונטערגעהן אין טהאל צו דעם פאסטוך... מיכל איז אבער געגאנגען צוריק אהיים. — איז דאס מעגליך אז זי קומט בלויז הערען דעם פאסטוך'ס שפּיעלען, האט שמעי ווידער געטראכט — עס קען גאר זיין אז זי האט נאך מיט דעם פאסטוך קיינמאל נישט גערעדט, און ער, דער הארפענ־שפּיעלער האט איהר נאך פיעלייכט קיינמאל נישט געזעהן... אויב אזוי טו ווי אזוי קומט זי אהער... פון וואנען ווייס זי אז דער פאסטוך שפּיעלט שעהנע מוזיק, און פאר וואס געהט זי איינע אליין אזא גרויסען מהלך? די געדאנקען האבען איהם זעהר בעאומרוהיגט... און כאטש ער האט יעצט געצווייפעלט צו דער פאסטוך איז אבזיכטליך שולדיג אין מיכל'ס קאלטקייט צו איהם, איז דאך זיין שטארקע שנאה צום שפּיעלער אויף א האר נישט געמינערט געווארען... און ווען מיכל איז שוין געווען ווייט אוועק, האט שמעי זיך אויפגעשטעלט, אויפגעזוכט א שטיין, איהם א שליידער געטהאן אויף דעם פאסטוך אונטען, אין טהאל, און גלייך גענומען לויפען... ער איז נישט געווען זיכער צו דער שטיין האט זיין שונא געטראפען ווייל שמעי האט געמאכט פליטה אין דעם זעלבען אויגענבליק... אבער ווען ער איז שוין אפגעלאפען א היבשע שטרעקע, האט ער פון ווייטען בעמערקט א פיגור קלעטערט ארויף דעם בארג... ער האט פארשטאנען אז דאס איז דער פאסטוך... ער האט זיך שטארק דערשראקען דאס זיין שונא זאל איהם נישט אניאגען, ער האט דערביי גענומען נאך שנעלער לויפען...

מיט צוויי טעג שפּעטער האט מיכל אוועקגעשפּאצירט פון גבעה, גאנץ פריח ווי איהר שטייגער, און זיך פערזאמט לייגנער ווי אימער. עס איז שוין געווען נאכמיטאג, און זי איז נאך אלץ ניטא. איהר מוטער, אחינעם איז געווארען שטארק בעזארגט, און ווען נאך אפּאר שטונדען זיינען אריבער און מיכל האט זיך נאך נישט צוריקגעקעהרט, האט זי צוגערופען איהר זוהן יונתן און איהם געזאגט:

— מיכל זאמט זיך מיר עפּעס צו לאנג... מיין הארץ שרעקט אין מיר... פיליכט האט עפּעס מיט איהר פּאסירט...

— זארג נישט, ליעבע מוטער — האט יונתן איהר געענטפערט — מיכל געהט נישט אוועק ווייט פון שטאדט. עס איז מעגליך אז זי האט געטראפען איהרע פריינדינעס און זיך מיט זיי פארזעדט.

— איך וועל איהר מעהר נישט לאזען אליין אוועקגעהן — האט אחינעם געזאגט — זאלען איהרע פריינדינעס קומען צו איהר.

— עס שטעקט א גרויסע סכנה צו לאזען א יונגע מיידעל אליין אוועקגעהן הינטערן שטאדט — האט שמעי, וועלכער האט צוגעהערט דעם געשפּרעך זיך אריינגעמישט. — די פלשתים בעוועגען זיך גאנץ פריי אין אונזערע שטעדט און דערפער, און נישט איינמאל האט שוין געטראפען ביי אונז אין בחורים, אז די פלשתים זיינען בעפאלען עטליכע אידען, פון זיי אוועקגערויבט אלעס וואס זיי האבען געהאט, און דערצו נאך גוט אנגעשלאגען...

— אחער, אין אונזער געגענד וועט קיין פלשתי נישט וואגען צו קומען —

האט יונתן מיט שמאָלץ געזאָגט — ווייל זיי האבען שוין געבאפט עטליכע מפלות או זיי וועלען פערזאגען א צעהנטעו, נישט אריבערצוגעהן אונזער גרעניץ...

— דאך, מיין זוהן — האט אחינעם געזאגט, — וואלט איך געוועלט אז דו זאָלסט געהן א זוך טהאן דיין שוועסטער, הינטערן שטאָדט... אפשר האט זי נאך פערבלאָנדזשעט...

— א ניין, מוטער, מיכל וועט קיינמאל נישט פערבלאנדזשען: זי ווייס אלע וועגען אויסגעצייכענט... אבער ווען דו ווילסט אז איך זאל געהן, וועל איך גלייך געהן.

— איך וויל מיט דיר מיטגעהן — האט זיך שמעי אנגעבאָטען רוים ווע־רענדיג דאבײ.

— גוט לאמיר געהן צוזאמען — האט יונתן געזאגט.

שמעי איז געווען גליקליך... ער האט געגלויבט אז יעצט וועט ער האבען א געלעגענהייט צו געהן מיט מיכל'ן, אמת, מיט די בעגלייטונג פון יונתן, אבער דאך וועט ער געהן ביי איהר זייט... ער האט בעשלאָסען אויסצוגיסען זיין הארץ פאר יונתן, ער וועט איהם געוויס פארשטעהען... פיעלייכט וועט ער איהם ארויסהעלפען...

ווייט, ווייט הינטער'ן שטאָדט זיינען שוין ביידע געווען; זיי האבען נאכגע־קוקט און נאכגעפארשט פון אלע זייטען, אבער זיי האבען מיכל'ן נישט געזעהן...

— לאמיר זיך אומקעהרען — האט זיך יונתן אפגערופען צו שמעי'ן — ווייטער פון דאנען איז זי געוויס נישט אוועק... מעגליך אז זי האט זיך פערנומען אויף אן אנדער וועג און זי מוז שוין זיין אין דערהיים...

— ניין, יונתן — האט שמעי געזאגט — איך בין זיכער, אז זי איז געגאנ־גען נאך ווייטער פון דאנען...

— פון וואנען ביזטו אזוי זיכער? — האט יונתן איהם אנגעקוקט ער־שטוינט — האט זי דיר דען געזאגט אז זי וועט געהן אזוי ווייט?...

שמעי האט זיך עטוואס פערלארען און רויט ווערענדיג האט ער געזאגט:

— איך ווייס... לאמיר צוגעהן צו יענעם בארג... דארטען וועלען מיר איהר געוויס געפינען...

יונתן האט איהם אנגעקוקט מיט מעהר פערוואונדערונג; ער איז געבליבען שטעהן און בעטראכט זיין בעגלייטער פון קאפ ביז די פיס, אזוי ווי ער וואלט איהם יעצט צום ערשטען מאל געזעהן. עפעס האט ער איהם אויסגעקוקט הײנט אזוי מאדנע, אזוי קאמיש...

שמעי איז געווען מיט א צוויי אדער דריי יאהר עלטער פון יונתן. דער קאנ־טראסט צווישען זיי ביידען האט זיך שטארק געווארפען אין די אויגען; יונתן איז געווען הויך און שלאנק און אויף זיין פנים האט זיך נאך קיין סימן פון א בארד נישט בעוויזען, שמעי איז געווען קורץ געוויקסיג, מיט ברייטע פלייצעס. זיין פנים איז געווען בעדעקט מיט א העל ברוינע בערדעל... זיינע קליינע שפיציגע אויגען האבען זיך שטענדיג בעוועגט... און יעצט ווען יונתן האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג, זיינען די אויגען זיינע נאך אומרוהיגער געווארען...

— דו רעדסט מיט אזא זיכערהייט, אזוי ווי דו וואלסט וויסען אז מיכל

נעהמ אימער צו אויף יענעם בארג — האט זיך יונתן צו איהם אנגערופען — זאג דאך מיר, שמעי, פון וואנען ווייסטו עס ?...

שמעי'ס פנים האט יעצט געפלאקערט... זיינע הענט און פיס האבען זיך געזויטע בעוועגט... דא האט ער זיינע פינגער דורכגעפיהרט זיין בערדעל, ער האט גענומען צורעכט מאכען זיין היטעל, ער האט גענומען פליקען די בלעטער פון א דערבייאיגען בוימעל...

— איך וויים עס... ווייל איך... ע... האב איהר דארט געזעהן, — האט ער געשטאמעלט

מעהר האט זיך יונתן נישט געקענט איינהאלטען און אויסגעשאסען מיט א געלעכטער:

— וואס איז מיט דיר, שמעי, עפעס רעדסטו מיר היינט ווי א שכור'ער, אדער ווי א משוגענע'נער, און אפשר גאר ווי א פערליעבטער...

שמעי איז געבליבען שטעהן צוטומעלט... באלד אבער האט ער געפאסט מוטה און זיך אפגערופען:

— דו האסט געטראפען, מיין ברודער! — איך בין פערליעבט!... און דו מוזט מיר צוזאגען ארויסצוהעלפען אין דעם... איך בין זעהר פערליעבט אין דיין שוועסטער, מיכל!...

און מיכל ליעבט דיך אויך?... האט יונתן געקוועטשט מיט די פלייצעס.

— אט וועגען דעם וויל איך טאקע מיט דיר רעדען — איז שמעי דרייסטער געווארען — איך ליעב מיכל'ן זינט זי איז נאך גאר יונג געווען... איך האב איהר אבער די גאנצע צייט גאר נישט געזאגט... איך האב געווארט ביז זי וועט עלטער ווערען... היינטיגען יאהר האב איך געגלויבט, וועל איך מיט איהר רעדען, אבער צו מיין גרוים שמערץ איז מיר די גאנצע צייט פון מיין זיין צו גאסט אין דיי. פאטער'ס הויז, נישט אויסגעקומען מיט איהר צו ריידען... יעדען פריהמארגען געהט זי אוועק... און ווען זי קומט צוריק, פערברייננט זי מיט דיר, אדער מיט דיין זיידען, נאכהער קומט דיין פאטער... און אזוי האב איך קיין געלעגענהייט נישט מיט איהר צו ריידען, וואלט איך דיך געבעטען צו ריידען מיט איהר וועגען מיר. דו קענסט איהר אויך דערצעהלען אז מיין פאטער האט מיר אוועקגעשאנקען דעם גרויסען וויינגארטען, און דעם קומענדען יאהר וועט ער מיר בויען א הויז... שאף און רינדער האב איך גענוג...

— אבער דו האסט מיר נאך אלץ נישט געזאגט פאר וואס דו ביזט זיכער אז מיכל געפינט זיך אויף יענעם בארג? — האט איהם יונתן אונטערבראכען.

— איך בין געווען זעהר נייגעריג צו וויסען וואוהין מיכל געהט אוועק יעדען פריהמארגען און פערזאמט זיך עטליכע שטונדען... איך האב געמיינט אז דאס טוט זי מיט די כונה מיר אויסצומיידען, איך האב דעריבער בעשלאסען איהר נאכצופאלגען און זעהן וואוהין זי געהט... מיט צוויי טעג צוריק גאנץ פריה, ווען מיכל איז ארוים פון שטאדט, בין איך איהר פון דערווייטענס נאכגעגאנגען... איך האב בעמערקט ווי זי איז ארויף אויף יענעם בארג, זיך אויסגעצויגען אויף די גראז און ארונטערגעקוקט אין טהאל... ווען איך האב זיך דערנעהענטערט האב איך געהערט טענער פון מוזיק... איך האב זיך אויך ארונטערגעבויגען און דערזעהן אונטען א פאסטוך שפילענדיג אויף א הארפע...

— נו, און מיכל איז ארונטערגעקומען צום פאסטוך ?—האט יונתן געפרעגט.

— ניין, א היבשע ווײַלע איז זי בעוועגלאז געלעגען אויף דעם גראז און זיך אײַנגעהערט צו די מוזיק... נאכהער האט זי זיך אויפגעהויבען און איז אוועק אהיים...

— אויב אזוי לאמיר טאקע ארויפגעהן אויף יענעם בארג — האט זיך יונתן אפגערופען מיט א שמייכעל... מעגליך אז דעם פאסטוך'ס שפילען האט איהר פארשלעפערט... און אפשר האט זי ארונטערגענידערט אין טהאל און זיך פארערדט מיט דעם הארפען־שפילער...

שמעי האט א ציטער געטהאן... די מעגליכקייט אז מיכל פערברענגט אונטען אין טהאל מיט דעם פאסטוך, האט איהם שטארק בעאומרוהיגט... זיין אייפערזוכט האט זיך אין איהם ווידער צופלאקערט... א שרעקליך נקמה געפיהל האט איהם ארומגענומען... איז הארצען האט ער שטארק געוואונשען, נישט צו טרעפען מיכל'ן אונטען אין טהאל...

יונתן און שמעי האבען ארויפגעקלעטערט דעם בארג און האבען זיך ארומגעקוקט אין אלע ריכטונגען... זיי זיינען צוגעגאנגען נעהענטער צום ברעג, און מיכל'ן דארטען נישט געפונען...

קלינגענדע מוזיק טענער פון טהאל האבען זיך דערטראגען צו יונתן'ס אויער... ער האט זיך ארונטערגעבויגען אבער ער האט בלויז געזעהן דעם געצעהלט און די שאף ארום... דאס שפיעלען האט זיך פארשטארקט. צארטע ווייכע טענער האבען אנגעפילט די לופט...

— קום ארונטער אין טהאל, — האט יונתן א זאג געטהאן צו שמעי'ן, — אפשר געפינט זי זיך דארטען...

— ניין, ניין, איך וועל דא בלייבען ! — האט שמעי אויסגערופען — איך וויל דארטען נישט ארונטערגעהן... ווייל טאמער געפינט זיך מיכל נעבען איהם... אין זיין געצעלט... דאן... דאן קען איך זיך נאך פערלירען.. און עפעס שרעקליכעס וועט פארקומען...

— אויב אזוי — האט יונתן א שמייכעל געטהאן — וועל איך אליין ארונטערגעהן, איך בין זיכער אז דער וועלכער קען אזוי שעהן אויסגיסען זיינע געפיהלען אין אזא בעצויבערענדען מוזיק, מוז בעזיצען אן איידעלע און נאבעלע נשמה... אזא פערזאן וועט קיינעם קיין שלעכטעס ניט טהאן... איך מוז איהם זעהן ! . . .

יונתן איז ארונטער דעם בארג און שמעי איז געבליבען ווארטען ; ער איז אויך געווען זעהר נייגיריג צו זעהן דעם פנים פון דעם פאסטוך, וועלכער האט פון איהם פאר די לעצטע פאר נעכט גערויבט זיין שלאף, אבער ער האט נישט געוואגט ארונטערצוגעהן ; ער האט מורא געהאט פיעלייכט האט איהם דער פאסטוך בעמערקט אנטלויפענדיג, נאכדעם ווי ער האט אויף איהם דעם שטיין געווארפען... און יעצט קען ער איהם נאך דערקענען... ער האט זיך אנידערגעלעגט אויף דעם גראז און ארונטערגעקוקט אין טהאל. און מיט א קלאפענדע הארץ געווארט דאס יונתן זאל ארויפקומען מיט זיין שוועסטער...

יונתן איז א ווײַלע געבליבען שטעהן אין טאל און זיך אײַנגעהערט... די ווייכע טענער פון דער הארפע זיינען נאך אנגענעמער געווארען אין דער נאהענטקייט... אלעס ארום איז געווען שטיל.... די שעפעלעך האבען זיך רוהיג

געפּאשעט... מיט לאנגזאמע טריט האָט זיך יונתן דערנעהעגטערט און אַט האָט ער דערזעהן דעם יונגען פּאסטוך זיצענדיג אונטער א בוים האלטענדיג די הארפּע אין האנט: ער האָט בעמערקט זיין שעהנעם מונטערען פּנים, זיין קאָפּ געקרייזעלטע טונקעל רויטע האר, זיינע בלויע פער׳חלומ׳טע אויגען וועלכע האבען ארויפגעקוקט צום הימעל... די סטרונעס וויינען, וויברירען אונטער זיינע פינגער, זיי ריידען, זיי דערצעהלען זיינע געפיהלען... זיי גיסען אויס א תּפלה צום בעשעפער פון דער וועלט, א לויב געזאנג צו דעם אלמעכטיגען גאָט פון ישראל...

שטעהט יונתן ווי צוגעשמידט צו זיין פּלאץ, ער נעמט זיינע פערגאפטע אויגען פון איהם נישט ארונטער, ער פערגעטערט דעם שעהנעם פּאסטוך וועלכער קוקט איהם אויס צו זיין ווי א מלאך פון הימעל...

פּלוצלונג האָט זיך דאָס שפּיעלען אָפּגעהאקט; דער פּאסטוך האָט דער־פיהלט יונתן׳ס דורכדרינגענדען בליק... ער האָט זיך שנעל א הויב געטהאָן פון זיין פּלאץ און איז געבליבען שטעהן פּנים צו פּנים מיט יונתן...

— ענטשולדיגט מיר, געבענשטער פון גאָט, פאר מיין שטערען דיר, — האָט זיך יונתן אָפּגערופען, פערניינענדיג זיך פאר איהם.

— דו האָסט מיר נישט געשטערט מיין האר — האָט דער פּאסטוך איהם מיט א פריינדליכען שמייכעל געענטפערט... דו האָסט מיר בלויז איבערראשט... אין ערשטען אויגענבליק האָט זיך מיר אויסגעדוכט אז א פּלשתּי איז צו מיר ארונטערגעקומען... אבער דו, דו ביזט דאָך פון אונזעריגע, מיינער א ברודער... דו ביזט ווילקאמען אין מיין געצעלט... וואהרשיינליך ביזטו מיעד פון וועג, אויך הונגעריג און דורשטיג... קום אריין, דו וועסט זיך ארומוואשען, עפּעס צו בייסען, נעמען א קאלטען טרונק און זיך אויסרוהען, נאכהער וועסטו מיר דערצעהלען ווער דו ביזט און ווי אזוי דו קומסט אהער...

— איך דאנק דיר, פאר דיין גוטהארציגקייט מיין פריינד — האָט יונתן איהם געענטפערט — איך בין נישט מיעד און נישט הונגעריג בלויז עטוואס דורשטיג.

דער פּאסטוך האָט פון זיין געצעלט ארויסגעטראָגען א קריגעל, איז צוגעלאָ־פען צום קלארען וואסער וואס האָט דורכגעשטראָמט צווישען די פעלזענשטיינער אנגעפילט איהם מיט פרישען קאלטען וואסער און איהם איבערגעגעבען צו יונתן.

יונתן האָט איהם נאָך אמאל בעדאנקט, און געטרונקען פון דעם וואסער. יעצט וועל איך דיר זאגען ווער איך בין — האָט ער געזאגט:

— מיין נאָמען איז יונתן, דער זוהן פון שאול, וועלכער איז דער זוהן פון קיש פון שבט בנימין... איך קום פון גבעה.

— מיין נאמען איז דוד, דער זוהן פון ישי פון בית לחם, פון דעם שבט יהודה. — האָט דער יונגער פּאסטוך זיך פארגעשטעלט. די צוויי יונגען זיינען געווארען אזוי צוגעבונדען איינער צום צווייטען, אזוי ווי זיי וואלטען זיך שוין געקענט פון יאהרען.

— איך בין העכסט גליקליך דאס איך האָב זיך מיט דיר געטראָפען — האָט איהם יונתן געדריקט די האנט — איך האָף אז אונזער פריינדשאפט וועט דויערען ביז עביג.

— איך דאנק דעם באשעפער, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט אזא פריינד

ווי דו — האט דוד מיט שמחה געזאגט — זאג דאך מיר, יונתן ווי אזוי קומסטו אהער, אין דיזען געגענד.

— יעצט וועל איך דיר אלעס דערצעהלען, מיין ברודער, — האט יונתן געזאגט און זיך געזעצט נעבען דוד'ן אויפ'ן גראז — מיין איינגערע שוועסטער, מיכל, שפאצירט יעדען פריהמארגען אוועק הינטערן שטאדט, און ארום מיטאג צייט קומט זי צוריק. היינט האט זי אויך גאנץ פריה פערלאזען דאס הויז און א פאר שטונדען נאך מיטאג זיינען פאריבער און זי האט זיך נאך נישט צוריקגעקעהרט. מיין מוטער איז געווארען זעהר אומרוהיג וועגען איהר, און זי האט מיר געבעטען איך זאל איהר געהן אויפזוכען. פיעלייכט האט עפעס מיט איהר פאסירט. מיין קרוב, שמעי פון בחורים, וועלכער איז איינגעלאדען געווארען צו אונז אויף דעם יום טוב פון דעם וואל־שערען, האט געזאגט דאס ער וויל מיט מיר מיטגעהן. אויף'ן וועג האט ער מיר דערצעהלט אז ער האט איינמאל געזעהן ווי מיכל איז ארויף אויף דעם בארג, זיך אויסגעצויגען אויף'ן גראז און זיך צוגעהערט צו דיין שפיעלען... מיר האבען דעריבער געמיינט אז זי געפינט זיך ווידער אויף דעם בארג...

— איז דאס מעגליך, אז דאס איז געווען דיין שוועסטער! — האט דוד אויסגערופען.

— וואס? קענסטו דען מיין שוועסטער? האסטו איהר שוין געזעהן — האט יונתן נייגיריג געפרעגט.

— ניין איך קען איהר נישט. — האט דוד געענטפערט — איך האב איהר קיינמאל נישט געזעהן... אבער היינט ארום מיטאג צייט, ווען איך בין געזעסען ביי מיינע שאף האב איך פלוצלונג דערהערט געשרייען פון א פרויען שטימע וואס איז געקומען פון בארג... איך האב גלייך געכאפט מיין שליידער האלץ מיט די טארבע שטיינער און שנעל ארויפגעקלעטערט דעם בארג... פון ווייטען האב איך בעמערקט ווי א פלשתי יאגט זיך נאך אימיצען... פון די געשרייען וואס האט מיר דערגרייכט, האב איך פערשטאנען אז די נאכגעיאגטע איז א אידישע פרוי. איך האב געצילעוועט מיט מיין שליידער האלץ אויף דעם פלשתי. דער שטיין האט איהם געטראפען און ער איז געפאלען טויט... די פרוי איז אבער פערשוואונדען געווארען און איך האב איהר אפילו נישט בעמערקט...

יונתן איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטער...

— יע, האט ער אויסגעשריען — דאס איז געווען געוויס מיין שוועסטער! ביזטו זיכער, מיין גוטער פריינד אז דער פלשתי איז געבליבען טוידט... פיעלייכט האט ער זיך בלויז געמאכט אז ער איז טויט און ווען דו ביזט ארונטער, האט ער זיך ווידער גענומען נאכיאגען נאך איהר און איהר שלעכטס געטהאן?...

— וועגען דעם קענסטו רוהיג זיין, יונתן — האט דוד געשמייכעלט. דער ערל האט איהר שוין קיין שלעכטעס ניט געקענט טהאן. ווייל ער איז געווען טויט... איך האב זיין קערפער בעהאלטען אין די זאמד אויף יענעם זייט בארג, קום מיט מיר און איך וועל דיר ציינען וואו דעם פלשתי'ס קערפער געפינט זיך.

יונתן האט זיך עטוואס בערוהיגט... ער האט ארויפגעקלעטערט נאך דוד'ן אויפ'ן בארג.

ווען שמעי האט דערזעהן, אז יונתן קומט ארויף מיט׳ן פאסטוך, האט ער געזוכט זיך צו באהאלטען, אבער דוד האט איהם באמערקט און ער האט זיך אפגערופען צו יונתן:

— מיר דוכט זיך אז דאס איז דער מאן וועלכער האט מיט א פאר טעג צוריק ארונטערגעשליידערט א שטיין אין מיין געצעלט. אט וועל איך איהם יעצט דערפאר בעשטראפען.

— דו מאכסט א טעות, דוד, יענער מאן איז מיין קרוב, שמעי, וועלכער האט מיר בעגלייט ביז אהער...

— פארוואס אבער האט ער מורא געהאט ארונטערצוגעהן מיט דיר אין טהאל? — האט דוד געפרעגט.

— פארשטעהסטו מיך, — האט יונתן געענטפערט מיט א שמייכעל — שמעי האט מיר געזאגט, אז ער איז פערליעבט אין מיין שוועסטער, מיכל, זי וויס דערפון נישט... ער געפינט זיך ביי אונז אין הויז שוין עטליכע טעג און זוכט א געלעגענהייט צו פערברייננגען אדער צו ריידען מיט איהר, אבער מיכל מיידט איהם אוים... יעדען פריהמארגען געהט זי אוועק פון הויז און קומט צוריק אין דער צייט ווען דער זיידע אדער די מוטער געפינט זיך אין הויז... און מיט אפאר טעג צוריק האט ער איהר נאכגעפאלגט און האט געזעהן ווי זי קומט ארויף אויף דעם בארג און הערט זיך איין צו דיין שפיעלען... יעצט איז ער אויף דיר אזוי אייפערזיכטיג, דאס ער וויל זיך מיט דיר נישט טרעפען...

— נו, אויב אזוי מאך איך דאך געוויס קיין טעות נישט — האט דוד גע־לאכט — ער האט דעם שטיין אויף מיר געוואָרפען צוליעב זיין אייפערזוכט... יעצט וועסטו איהם טאקע קענען דערקלעהרען אז איך בין אומשולדיג, וועט ער פיעלייכט מעהר קיין שטיינער נישט ווארפען...

יונתן האט זיך פאנאנדערגעלאכט: איך וועל איהם גוט אויסריידען דער־פאר... זאל ער זיך אפגעוואוינען פון צוואווארפען שטיינער אין יענעמ׳ס געצעלט...

— אט דא איז דער פלאץ, וואו איך האב דעם פלשתי בעהאלטען — האט דוד געזאגט און גענומען אפשארען דעם זאמד...

— אזא סוף זאלען האבען אלע שונאים פון ישראל — האט יונתן געזאגט.

— די פלשתים זיינען אונזערע ערנסטע שונאים, — האט דוד געזאגט — זינט זיי האבען חרוב געמאכט אונזער הייליגע שטאדט שלה און געפאנגען אונזער ארון קודש, לאזען זיי אונז מעהר נישט צורוה... מיר זיינען ניט זיכער מיט אונ־זערע לעבענס מיט אונזער האב און גוטס אפילו אין אונזער אייגענעם לאנד...

— דאס שטראפט אונז גאט, וויל פיעלע שבטים פון ישראל האבען אנגע־פאנגען צו דינען צו די געטער פון די שכנים׳שע פעלקער...—האט יונתן געזאגט.

— מיין פאטער האט מיר דערצעהלט — האט דוד זיך אפגערופען — אז דער געטליכער מאן, שמואל, פאהרט יעצט ארום פון שטאדט צו שטאדט, און הייסט די אלע זינדיגע תשובה טהאן, ער הייסט זיי צוברעכען די געטער פון האלץ און שטיין... ער לערנט זיי די וועגען פון אונזער גאט... און האבען מיר דען נישט מיט דער הילף פון אונזער נביא, שמואל, צושלאגען די פלשתים... אבער ווי עס ווייזט אוים האבען זיי שוין אונזערע קלעפ פערגעסען און זוכען

אונז ווידער צו דריקען... פילע פון זיי, געהן אריבער אנזערע גרעניצען און בעראבעווען יעדען ווען זיי טרעפען אויף'ן וועג...

— זאלען דיינע הענט זיין געבענשט, דוד — האט יונתן געזאגט — פאר וואס דו האסט בעצאהלט דעם פלשתי ווי ער האט פערדיענט און דו האסט גע־ראטעוועט מיין שוועסטער פון דעם ערל'ס אומריינע הענט... יעצט וועל איך זיך איילען אהיים, ווייל זי מוז שוין לאנג זיין אין הויז... איך וועל איהר פרעגען צו זי וויים ווער עס האט איהר פון א זיכערען טויט גערעטעט...

— עס איז דאך מעגליך — האט דוד געזאגט — אז דאס איז גאר דיין שוועסטער נישט געווען.

— אויב נישט — האט יונתן אומעטיג געזאגט — וואו איז מיכל?... עס האט נאך קיינמאל נישט געטראפען אז זי זאל זיך אזוי שפעט פערזאמען... נאר מיר מוזען געהן אהיים איידער עס ווערט פינסטער... זאג מיר דוד, ווי לאנג וועסטו פערבלייבען דא אין טהאל?

— איך גלויב אז בלויז נאך צעהן טעג וועל איך דא פיטערען די שאף... אבער איך ערוואַרט אז איינער פון מיינע ברידער זאל מיר אומבייטען אויף א פאר טעג... מארגען וועל איך נאך דא געווים זיין... איך וואלט זעהר וועלען ווי־סען דעם שיקזאל פון דיין שוועסטער...

— גוט, מיין פריינד, — האט יונתן געזאגט איך וועל מארגען דא ווידער זיין און דיר אלעס דערצעהלען, שלום!

— שלום! — האט דוד געענטפערט און איז ארונטער פון בארג.

— שמעי! שמעי! וואו ביזטו — האט יונתן אויסגערופען, באלד איז שמעי ארוים פון זיין באהעלטענים און איז צוגעגאנגען צו יונתן.

— נו? — האט ער געפרעגט, — וויים דער פאסטוך פון מיכל'ן?...

יונתן האט באשלאסען דערווייל קיינעם נישט צו דערצעהלען וועגען דעם וואס דוד האט מיט איהם גערעדט און ער האט געענטפערט:

— דער פאסטוך האט מיכל'ן קיינמאל נישט געזעהן, און פון איהר נישט געהערט.

שמעי'ס פנים האט אויפגעלויכטען:

— הא... און דער פאסטוך האט גאר נישט צו טהאן מיט איהר — האט ער געזאגט.

— געווים נישט! נו, זעהסטו שוין שמעי, האט ער פערדיענט ביי דיר אז דו זאלסט אויף איהם א שטיין ווארפען?

— וואס פאר א שטיין? איז שמעי רויט געווארען.

— דו דארפסט נישט לייקענען, שמעי, ער האט דיר באלד דערקענט, דו דארפסט זיך שעצען גליקליך, וואס ער האט זיך נאך דיר נישט געיאגט...

— איך האב זיך בענארישט — האט זיך שמעי מודה געווען און ארונטער־געבויגען זיין קאפ... איך... ע. איך בין געווען אזוי אייפערזיכטיג אז איך האב זיך אין גאנצען פערלארען... איך בעט דיר, דערצעהל נישט מיכל'ן וועגען דעם...

— נו, לאמיר זיך איילען אהיים, עס ווערט פינסטער — האט יונתן גע־זאגט — ווער וויים וואס מיט איהר האט פאסירט?...

זיי זיינען ביידע ארונטער פון בארג און מיט שנעלע טריט געגאנגען אין דער ריכטונג פון גבעה.

צווייטער קאפיטעל

דוד און מיכל

אין גלים, נישט ווייט פון גבעה, האט געוואוינט שאול׳ס א פריינד מיט׳ן נאמען ליש (לאיש), וועלכער איז געווען רייך אין שאף און רינדער. ווען שאול האט געפיטערט זיינע שאף אין דער געגענד פון גלים, האט ער זיך מיט איהם געטראפען אין פעלד, און זיי זיינעןביידע געווארען זעהר באפריינדעט.

שאול פלעגט ביי ליש׳ן אין הויז אפטמאל נעכטיגען, און ווען זיין פרוי, אחינעם, האט איהם צוגעשיקט שפייז דורך איהרע קינדער, פלעגען זיי פריהער צוקומען צו ליש׳ס הויז, און פון דארטען אויסגעפינען וואו זייער פאטער, שאול, פיטערט די שאף.

ליש האט געהאט א זוהן מיט א טאכטער; דער נאמען פון זיין זוהן איז געווען — פלטיאל, און זיין טאכטער׳ס נאמען איז געווען — מרים.

מיכל איז געווארען מרים׳ס פריינדין און ווען זי פלעגט אהין קומען פלעגען זיי צוזאמען פערברייינגען שטונדענווייז, זיך איינע דער אנדערער די סודות פערטרויען... אפלאכען פון די יונגע פאסטוכער וועלכע פלעגען אויף׳ן וועג, צו זיי א שמייכעל טהאן...

איינמאל ווען מיכל האט מיט מרים׳ן אוועקגעשפאצירט א היבשע שטרעקע פון גלים, האט זיך מרים צו איהר אפגערופען:

— איך וויל דיר פערטרויען א סוד, אבער דו מוזט מיר צוזאגען אז דו וועסט איהם צו קיינעם נישט ענטדעקען... אפילו נישט צו דיין ברודער יונת׳ן, ווייל ווען ער וועט דערפון וויסען וועט ער געוויס דערצעהלען מיין ברודער פאלטיאל׳ן, און דו קענסט דאך שוין מיין ברודער... ער האט זעהר ליעב זיך מיט מיר צו רייצען...

מיכל האט איהר פערשפראכען צו האלטען דעם סוד, און מרים האט מיט א שמייכעל געזאגט:

— קום מיט מיר ארויף אויף יענעם בארג און דער סוד וועט פאר דיר ענטפלעקט ווערען...

ביידע יונגע מיידלעך האבען מיט א הילכיגען געלעכטער ארויפגעקלעטערט דעם בארג.

מרים האט איהר צוגעפיהרט צום ברעג בארג, און מיכל איז אומגעדולדיג געווארען:

— נו, פארוואס דערצעהלסטו מיר נישט? — האט זי געפרעגט.

מרים האט ארונטערגעקוקט אין טהאל און זיך אפגערופען: — עס איז נאך עטוואס צו פריה...ווארט צו א ווייליע און דו וועסט עפעס הערען.

— אבער דו קענסט דאך מיר דערצעהלען וואס דא קומט פאר — האט איהר מיכל פארגעווארפען — אויב דו וועסט מיר באלד נישט דערצעהלען — נעה איך פו דאנען אוועק...

— אונטען אין טהאל פיטערט א יונגער פאסטוך, פון שבט יהודה, זיינע

שאף — האט מרים געזאגט — און ווען ער פאנגט אן שפּיעלען אויף זיין הארפע און די לופט ווערט אנגעפילט מיט זיינע זיסע מוזיק, שליסען זיך אלע פויגלען אן אין כאר... טאנצט מיט יעדער בוימעלע און גרעזעלע... און אפילו די בערג ארום בעוועגען זיך... ווארט נאר צו אביסעל, דער פאסטוך איז געגאנגען צום וואסער אנטרינקען זיינע שאף... ווען ער וועט פארטיג ווערען וועט יער געוויס אנפאנגען זיין שפּיעלען...

— אט דאס איז דיין גאנצער סוד ? — האט מיכל געלאכט.

— ווען דו וועסט איהם נאר הערען שפּיעלען — וועסטו דאן שוין דערפון נישט לאכען — האט מרים געזאגט — איך ווייס, מיכל, ווי שרעקליך ליעב דו האסט מוזיק... דו וועסט זיכער גרויס הנאה האבען פון זיין שפּיעלען...

— און איך האב געמיינט אז דיין סוד איז מי יודע וואס ! — האט מיכל געזאגט מיט ענטטוישונג — אויפ'ן וועג האב איך באגעגענט פיעלע פאסטוכער וואס שפּיעלען...

— אבער דער פאסטוך איז יונג, שלאנק און מיט שעהנע לאקען האר, און זיין שפּיעלען איז אין גאנצען אנדערש פון יענע פאסטוכער וואס מיר באגעגנען אויפ'ן וועג... ווען מיין פאטער און ברודער וואלטען מיר ערלויבט, וואלט איך אהער געקומען יעדען טאג. און שטונדען לאנג געזעסען און זיך צוגעהערט צו זיין שפּיעלען... און דו, מיכל, דו האסט דאך אזוי ליעב מוזיק, איך בין זיכער אז ווען דו וועסט איהם הערען, וועסטו צוגעבען, אז איך בין גערעכט...

מיכל און מרים האבען זיך געלעגט אויפ'ן גראז און געווארט.

א ווײלע שפּעטער האבען זיך צו זיי דערטראגען די זיסע טענער פון דער הארפע... ווי א כשוף האט די מוזיק אויף ביידען געווירקט... יעדער גליעד אין זייערע קערפּערס האבען זיך גענומען בעוועגען... מיט אמאל האבען זיי זיך אויפגעהויבען פון גראז און זיך אוועקגעלאזען טאנצען אויפ'ן בארג מיט גרויס אימפעט און היץ... לאנג האבען ביידע יונגע מיידלעך זיך געדרעהט און געטאנצט צו די טענער פון די מוזיק וואס איז געקומען פון טהאל. און ווען זיי זיינען מיעד געווארען, האבען זיי זיך ווידער אויפ'ן גראז געווארפען... די טענער האבען נאך אלץ אפגעהילכט אין דער לופטען... מיכל האט איינגעגראבען איהר פנים אין גראז און זיך פאנאנדערגעוויינט...

— פארוואס וויינסטו, מיכל ? — האט איהר מרים א דערשראקענע געפרעגט — טוט דיר עפּעס וועה ?

מיכל האט נישט געענטפערט. זי איז געלעגען מיט'ן פנים ארונטער און געוויינט. איהר קערפּער האט זיך ווי אין קאנוואולסיען געווארפען און זי האט געכליפּעט...

— מיכל, טײערע, זאג דאך מיר פאר וואס דו וויינסט ? — האט איהר מרים געגלעט איבער די האר. זי האט נישט געקענט פערשטעהן וואס מיט איהר איז פארגעקומען... מיכל, די פרעהליכע, זארגלאזע מיכל, זאל זיך פלוצלונג פאנאנדערוויינען !...

— אפשר פיהלסטו זיך נישט גוט ? — האט זיך מרים מיט שרעק אפגערופען — אט וועל איך ארונטערגעהן אין טהאל און בעטען דעם פאסטוך א קריגעל וואסער, און אז דו וועסט טרינקען וועט דיר גרינגער ווערען.

— ניין, ניין, געה נישט ארונטער, — האט מיכל אויסגעשריען, לאמיר געהן אהיים, איך פיהל זיך שוין בעסער. זי האט זיך אויפגעהויבען פון גראז, אויסגעווישט איהרע אויגען און געזאגט:

— לאמיר זיך איילען אהיים, ווייל עס ווערט שפעט און מיין מוטער וועט וועגען מיר זארגען.

אויפ'ן וועג צוריק, איז מיכל ווידער פרעהליך געווארען, אוןביידע זיינען ווי צוויי יונגע זארגלאזע ציגען געשפרונגען איבער די פעלזען און אפגעפליקט א שעהנע בלום פון וועג.

— זאג דאך מיר, פארוואס האסטו זיך אזוי פלוצלונג פאנאנדערגעוויינט — האט מרים איהר געפרעגט, איידער זיי האבען יזך צושיידט.

— איך וויים אליין נישט — האט מיכל מיט א שמייכעל געענטפערט עפעס האט מיר פלוצלונג אזוי גענומען דריקען ביים הארצען, אז איך האב גע־מוזט זיך אויסוויינען... אבער איך בעט דיר, מרים, דערצעהל קיינעם נישט וואס דא איז פארגעקומען... איך שעהם זיך יעצט פאר זיך אליין... און ווען מיין פאטער זאל אויסגעפינען אז איך האב געוויינט וועט ער מיר פערבאטען אליין צו געהן פאר א שפאציער...

— דיר איז גוט, מיכל — האט מרים מיט קנאה געזאגט — דו קענסט זיך באוועגען פריי, דיר איז ערלויבט צו געהן וואוהין דו ווילסט... אבער מיך לאזט מען אליין פון הויז נישט ארויס... מיין פאטער און מיין ברודער היטען מיינע טריט... בלויז מיט דיר קען איך געהן וואו איך וויל... ווען דו קומסט צו אונז אין הויז, ווערט אפילו מיין ברודער אנדערש צו מיר, ער טוט אלעס וואס איך פערלאנג... דו ווייסט, ווען עס געהט אוועק עטליכע טעג און דו קומסט נישט, פרעגט מיך פלטיאל, וואס איז די אורזאכע וואס דו קומסט מעהר נישט צו מיר...

א רויטקייט האט בעדעקט מיכל'ס פנים און זי האט זיך אפגערופען:

אין א וואך ארום פייערען מיר דאך דעם יום טוב פון דעם וואל־שערען, וועסטו דאך געווים קומען צוזאמען מיט דיין פאטער און ברודער צו אונז... דאן וועלען מיר ביידע פערברייינגע עטליכע טעג צוזאמען...

— דיין פאטער האט אונז שוין לאנג איינגעלאדען צו אייער יום־טוב — האט מרים געזאגט מיט שמחה... מיין מוטער האט מיר אויפגענעהט א קלייד פאר דעם יום טוב... און מיין ברודער האט שוין אויך געקויפט א נייעם בגד אין שטאדט...

ביידע חבר'טעס האבען זיך געזעגענט, מרים איז אוועק צו איהר היים אין גלים און מיכל האט זיך געלאזט געהן נאך גבעה.

יענע נאכט האט מיכל נישט געקענט שלאפען... די טענער פון דער שעהנער מוזיק וואס זי האט בייטאג געהערט, האבען אפגעקלונגען אין איהרע אויערען... איהר הארץ האט אהין געצויגען... אה ווי זי וואלט וועלען זעהן דעם פנים פון דעם שפיעלער... אין איהר פארשטעלונג זעהט זי איהם, דעם פאסטוך... ער איז שעהן און העלדיש... זיין קוק איז צערטליך און מילד... זי מוז אהין געהן אליין.— זיך צו הערען צו זיין שפיעלען און אפשר אנקוקען זיין פנים...

אויפ'ן צווייטען טאג, גאנץ פריה, ווען די מיידעל האט אפגעגעסען איהר פריהשטיק, איז זי אוועק אהין, צו יענעם בארג...

שטונדען לאנג איז זי דארט געלעגען אויף'ן גראז און זיך צוגעהערט צו דעם שפיעלען פון דעם פאסטוך... און ווען דאס שפיעלען האט אויף א ווײַלע אויפגעהערט — האט זיך דאס הארץ ביי איהר א צאפעל געטהאן... זי האט געפיהלט אז זי האט זיך אויפגעכאפט פון א זיסען חלום...

אויף מארגען איז זי ווידער אהין געגאנגען... און ווען זי איז צוגעקומען צום בארג האט איהר פנים געשטראהלט, איהרע פים האבען זיך פלינק בעוואויגען... זי איז צוגעגאנגען צו דעם זעלבען פלאץ און זיך אויסגעצויגען אויף'ן גראז... זי איז נאך מעהר בעצויבערט געווארען פון זיין שפיעלען... זי האט גאר נישט בעמערקט אז נישט ווייט פון איהר געפינט זיך שמעי, וועמען זי קען אזוי נישט דולדען... נישט געפיהלט האט זי זיינע דורכדרינגענדע בליקען... זי איז געווען אין אן אנדער וועלט, אין א וועלט פון זיסע טרוימען... נישט געוואוסט האט מיכל אז עטוואס ווייטער פון איהר לויערען אויף איהר א פאר אויגען פול מיט קנאה, אייפערזוכט און נקמה... און ווען זי האט זיך פון איהר פלאץ אויפגעהויבען און אוועקגעגאנגען, האט זי זיך גארנישט פארגעשטעלט אז א שטיין וועט געווארפען ווערען אויף דעם געצעלט פון דעם מוזיקער און אונטערברעכען זיין שפיעלען.

מיט צוויי טעג שפעטער, ווען מיכל האט זיך נאר וואס „עזעצט אויף דעם גראז פון בארג זיך צו צוהערען צו דעם שפיעלען פון אונטען, האט זי פלוצלונג געהערט א שארף צווישען די בוימער... זי האט זיך גלייך אויפגעשטעלט א דערשראקענע און געווענדעט איהרע אויגען צו דעם פלאץ פון וואנען דער גערויש איז געקומען... באלד האט זי דערזעהן א ווילד בעוואקסענע. פלשתי קומט איהר זי איז [illegible]...

מיכל האט ארויסגעלאזען א געשריי און גענומען לויפען. דער פלשתי האט איהר נאכגעיאגט און איהר כמעט שוין דערגרייכט... איהרע געשרייען האבען זיך פערשטארקט... זי איז געלאפען מיט אלע איהרע כוחות... און ווען זי איז שוין געווען ארונטער פון בארג, האט זי א קעהר געטהאן איהר קאפ, און מעהר דעם פלשתי נישט געזעהן... זי האט אבער נישט אויפגעהערט לויפען... איהר האט זיך די גאנצע צייט געדוכט אז דער פלשתי יאגט איהר נאך... ווען זי איז אנגעקומען אין גלים, האט זי זיך שוין געהאט עטוואס בערוהיגט... איהר פנים אבער איז נאך אלץ געווען טויט בלאס. איהרע אויגען צוטראגען און איהרע האר צעווארפען... זי האט זיך קוים דערשלעפט צו ליש'ס הויז.

— מיכל, וואס האט מיט דיר פאסירט?! — האט מרים אויסגערופען, ווי זי האט איהר דערזעהן.

— איך בין זעהר מיעד — האט מיכל מיט א שוואכע שטימע געענטפערט.

— זאל זי זיך א ווײַלע צולייגען אויף דיין בעטעל — האט פלטיאל געזאגט צו זיין שוועסטער, — און ווען זי וועט זיך אויסרוהען, וועט זי אונז דערצעהלען וואס מיט איהר האט פאסירט.

מרים האט מיכל'ן געהאלפען צו געהן צו איהר בעטעל. זי האט איהר געבראכט א גלאז מילך. מיכל האט געטרונקען די מילך. זיך עטוואס אויסגערוהט. מרים האט די גאנצע צייט פון איהר נישט אפגעטראטען. ווען זי האט בעמערקט אז מיכל האט זיך עטוואס בערוהיגט, האט זי זיך צו איהר אפגערופען:

— זאג דאך מיר, ליעבע מיכל, וואס איז מיט דיר געשעהן אויף'ן וועג?

מיכל האט זיך אנידערגעזעצט אויפ׳ן בעטעל און געזאגט:

— איך בין ארויס פון גבעה צוגעהן צו דיר, האב איך פלוצלונג דערשפירט ווי אימיצער געהט מיר נאך... איך האב זיך אומגעקוקט און בעמערקט א מורא׳דיגען פלשתי געהט מיר נאך... איך האב אנגעהויבען לויפען און ער איז מיר נאכגעלאפען... איך האב גענומען שרייען און לויפען מיט אלע מיינע כוחות... ער האט מיר שוין כמעט דערגרייכט... איך האב געמיינט אז איך בין א פערלארענע, ווייל קיינער איז אויף דעם וועג נישט געווען. און דער פלשתי האט אויסגעקוקט אזוי געזונט און שטארק. אבער פלוצלונג איז ער ווי פערשוואונדען געווארען... און איך האב נישט אויפגעהערט צו לויפען ביז וואנען איך בין אנגעקומען אין גלים...

— ווען פלטיאל האט געהערט וואס מיט מיכל׳ן האט פאסירט האט ער זיך אפגערופען:

— אט וועל איך צוזאמענרופען אונזערע קנעכט, און מיר וועלען נעהמען פייל און בויגען און ארויסגעהן אויפזוכען דעם פלשתי, אויב ער געפינט זיך נאך אין אונזער געגענד וועלען מיר איהם געוויס כאפען...

— ניין, — האט מיכל געזאגט — עס וועט זיין אומזיסט דיין מרחה, ער האט שוין לאנג געמוזט אנטלויפען... איך מוז יעצט אהיים געהן, ווייל אלע אין הויז וועלען זיין בעזארגט וועגען מיר... פיעלייכט קענסטו זעהן אז אימיצער זאל מיר בעגלייטען ביז גבעה...

— איך וועל דיר בעגלייטען, מיכל! — האט זיך פלטיאל אפגערופען.

— איך וויל אבער אז קיינער אין הויז זאל נישט וויסען וואס מיט מיר האט פאסירט — האט מיכל געזאגט — ווען מיינע עלטערען זאלען זיך דערפון דערוויסען, וועלען זיי מיר מעהר נישט ערלויבען אוועקצוגעהן אליין... און איך וועל אפילו נישט האבען די מעגליכקייט צו בעזוכען מיין איינציגע פריינדין.

— נו, וועל איך זיי גארנישט דערציילען דערפון — האט פלטיאל געזאגט מיט א שמייכעל.

— זיי זועלען זיך אבער אנשטויסען אז עפעס האט פאסירט, ווען זיי וועלען זעהן אז דו געהסט מיר בעגלייטען. — האט מיכל געזאגט.

— נו, וועט מרים אויך מיטגעהן — האט ער געזאגט ווענדענדיג זיך צו מרים׳ען.

— געוויס וועל איך מיטגעהן, — האט מרים א פרעהליכע געזאגט.

— איך האב א פלאן — האט זיך מיכל אפגערופען — אזוי ווי אין צוויי טעג ארום פאנגען מיר אן צו פייערען אונזער יום טוב פון דעם וואל שערען, פיעלייכט וועסטו און מרים מיט מיר מיטגעהן אלס די איינגעלאדענע געסט צו אונזער שמחה, נאכהער וועלען אויך צוקומען אייערע עלטערען.

— דאס איז זעהר א גוטער פלאן — האט זיך פלטיאל מיט שמחה אפגערופען — איך וועל זיך בלויז איבעררעדען מיט מיין פאטער.

א וויילע שפעטער זיינען שוין אלע דריי געווען אויפ׳ן וועג נאך גבעה.

ווען יונתן און שמעי זיינען אנגעקומען אין גבעה, האט שוין די זון געהאלטען ביים אונטערגעהן, און ווען זיי זיינען צום הויז צוגעקומען איז שוין גאנץ טונקעל געווען.

דאס גאנצע הויז־געזינד האט זיך פארזאמעלט אין דרויסען, נעבען הויז

און יעדערער האט געקוקט אין א פערשיעדענע ריכטונג...

שאול האט זיך נאר וואס געהאט צוריקגעקעהרט פון פעלד מיט זיינע שאף, און אחנעם האט איהם גלייך דערצעהלט אז מיכל איז אוועקגעגאנגען גאנץ פריה און זיך נאך נישט צוריקגעקעהרט.

בעת מעשה האט זיך שאול שטארק דערשראקען; ער האט זיך אבער באלד בערוהיגט און זיך אפגערופען:

— איך גלויב אז זי געפינט זיך אין ליש'ס הויז. זי איז מיט ליש'עס טאכ־טער זעהר גוט בעפריינדעט, מעגליך אז עס איז געווען צו שפעט צולאזען איהר געהן אליין אהיים, וועט זי מסתמא ביי זיי איבערנעכטיגען.

—אט קומען יונתן און שמעי! — האט מרים אויסגעשריען.

אחנעם איז זיי גלייך אנטקעגען געלאפען:

— נו, מיין זוהן — האט זי אויסגערופען מיט שרעק אין איהר שטימע — האסטו פון איהר גאר נישט געהערט...

— זי איז נאך ניטא! — איז יונתן בלאס געווארען — איך האב מורא אז אן אומגליק האט פאסירט.

— זאטעל אן די אייזלען און מיר וועלען אוועקרייטען נאך גלים, איך בין זיכער אז זי געפינט זיך אין ליש'ס הויז.

יונתן איז אריין אין שטאל מיט א פאר קנעכט, און זיי האבען גענומען אנזאטלען די אייזלען.

— זיי קומען אן! זיי קומען אן — האט שמעי אויסגערופען און איז גע־לאפען גלייך אין שטאל צו יונת'ן — מיכל קומט אן! — האבען זיך געהערט שטימען.

אלע זיינען מיכל'ן און איהרע בעגלייטער ענטקעגען געלאפען.

— מיין ליעבע טאכטער! — האט איהר אחנעם געהאלזט און געקושט, — אזוי שפעט!... מיר זיינען דאך אלע אין טויט שרעק געווען.. .א. געלויבט איז גאט, וואס ער האט דיר צו אונז צוריקגעקעהרט.

— מוטער! איך האב זיך נישט צוריקגעקעהרט אליין; איך האב אהער געבראכט די צוויי געסט פון גלים, מיין פריינדין מרים און איהר ברודער פלטיאל.

— נו, וואס האב איך דיר געזאגט, אחנעם, — האט שאול מיט שטאלץ זיך אפגערופען — איך האב געוואוסט אז זי געפינט זיך ביי מיין פריינד ליש'ן אין הויז. איך בין שוין געווען געגרייט אהין צו פאהרען... יעצט זייט איהר וויל־קאמען אין אונזער הויז, איהר קינדער, פון מיין בעסטען פריינד.

— דער אבענד־ברויט איז שוין לאנג געגרייט, — האט זיך אחנעם אפגע־רופען, — לאמיר אלע אריינגעהן אין הויז עסען.

קיש האט זיך געזעצט אויבענאן. נעבען זיין רעכטע האנט איז געזעסען שאול, און נעבען זיין לינקע האנד, — זיין שנור אחנעם, מרב איז געזעסען נעבען איהר מוטער און מיכל — נעבען איהר ברודער יונתן. מרים האט זיך געזעצט נעבען מיכל'ן און פלטיאל און שמעי זיינען געזעסען צוזאמען.

שמעי האט פון צייט צו צייט געווארפען א בייזען בליק אויף פלטיאל'ן. ער האט יעצט איבערגעטראגען זיין אייפערזוכט אויף זיין שכן ביים טיש... און יעדעס מאל ווען פלטיאל האט זיינע בליקען געווארפען אויף מיכל'ן, האט זיך שמעי גענומען ווערגען מיט'ן ביסען...

נאָכ׳ן עסן זיינען נאָך אַלע געבליבן זיצן בײַם טיש און גערעדט. שאול האָט געפרעגט פּלטיאל׳ן וועגן זיין פאָטער׳ס שאָף און וועגן היי־יאָהריגע גערעטענים. דער זיידע קיש, האָט גענומען אונטערדרעמלען. אחנעם האָט גע־האָלפן די דינסטן אָפּצורייניגן דעם טיש.

יונתן האָט אַ וואונק געטהאָן צו מיכל׳ן און ביידע זיינען אומבעמערקטער־הייט אַרויס פון הויז.

— קום, מיין שוועסטער אַריין אין גאָרטען אויף אַ ווײַלע — האָט יונתן צו איהר געזאָגט — איך וויל מיט דיר עפּעס ריידען.

— איך ווייס וועגן וואָס דו ווילסט מיט מיר ריידען, יונתן — האָט מיכל געזאָגט מיט אַ שמייכעל — אָבער איך קען דיר פערזיכערען אַז איך טראַכט אפילו וועגען דעם נישט...

— איך פערשטעה נישט וואָס דו מיינסט! — האָט איהר יונתן אָנגעקוקט — וועגען וואָס טראַכסטו נישט?

— איך האָב געמיינט אַז דו ווילסט מיט מיר ריידען וועגען פּלטיאל׳ן — האָט מיכל געזאָגט מיט ערנסט, ווייל דו וואונדערסט זיך מסתמא פאַר וואָס ער איז מיט מיר אַהיים געגאַנגען...

— ניין, מיכל, איך אַליין טראַכט אויך נישט וועגען דעם, — האָט איהר יונתן געענטפערט — אָבער זאָג מיר, האָסטו זיך גוט דערשראָקען ווען דער פּלשתי האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך דיר, היינט אין דער פריה?...

— יונתן! — האָט מיכל אויסגעשריען — פון וואַנען ווייסטו עס?! ווער האָט עס דיר געזאָגט?... איך בין זיכער אַז נישט פּלטיאל און נישט מרים האָ־בען עס דיר דערצעהלט... איך בין דאָך מיט זיי געוועזן די גאַנצע צייט... טו ווי קומט עס אַז דו ווייסט פון פּלשתי?!...

נישט נאָר ווייס איך פון פּלשתי — האָט יונתן געענטפערט, — אָבער איך ווייס אַפילו אויף וועלכען באַרג עס איז געשעהן... אונטען אין טהאל האָט וואונדערשעהנע מוזיק געשפּיעלט און אויבען, אויף׳ן באַרג, האָט דער פּלשתי דיין פאַרגעניגען צושטערט...

— מיין ליעבער ברודער, יונתן! — האָט מיכל איהם אָנגעקוקט מיט ער־שטוינונג — זאָג דאָך מיר, ווי אַזוי ווייסטו דאָס אַלעס! ביזטו דען דערביי געוועזן?!...

— ניין, איך בין דאָביי נישט געוועזן... אָבער איך האָב געזעהן דעם פּלשתי...

— דו האָסט דעם פּלשתי געזעהן? — האָט מיכל אַ ציטער געטהאָן, און אָנגענומען יונתן פאַר׳ן האַנט — איך בעט דיר, מיין ברודער דערצעהל מיר אַלעס וואָס דו ווייסט, האָסטו מיר פּיעלייכט נאָכגעפאָלגט היינט אין דער פריה?

— נישט איך האָב דיר נאָכגעפאָלגט, מיין שוועסטער — האָט יונתן גע־שמייכעלט — אָבער אימיצער אַנדערש...

— ווייס דען אימיצער אין הויז, אַ חוץ דיר, וואָס מיט מיר איז געשעהן?

— האָט זיך מיכל אָפּגערופען מיט שרעק.

— וועגען דעם פּלשתי, ווייס קיינער נישט, אַ חוץ מיר — האָט יונתן גע־ענטפערט, אָבער אַז דו ביזט געגאַנגען אויף יענעם באַרג זיך צוהערען צו די מוזיק פון טהאל ווייס איך שמעי פון בחורים...

— שמעי! דער רומער עזעל האָט מיר נאָכגעפאָלגט! — האָט מיכל אויסגערופן מיט פּעראַכטונג.

— נישט היינט האָט ער דיר נאָכגעפאָלגט, מיכל, אָבער מיט אַ פּאָר טעג פריהער, און ווען מירביידע זיינען ארויס דיך זוכען, האָט ער מיר געזאָגט אז דו געפינסט זיך וואהרשיינליך אויף יענעם בארג... ווען איך האָב איהם געפרעגט פון וואַנען ער וויים עס, האָט ער זיך מודה געווען אז ער האָט דיר איין מאָל נאָכגעפאָלגט, ווייל ער איז אין דיר פערליעבט און געזוכט אַ געלעגענהייט מיט דיר צו ריידען... ער האָט בעמערקט ווי דו הערסט זיך איין צו די מוזיק פון טהאָל, און איז אפילו געוואָרען זעהר אייפערזיכטיג אויף דעם פּאַסטוך וועלכער האָט דיר צוגעצויגען מיט זיין שפּיעלען...

— ווי געמיין און ניעדעריג דער שמעי איז! — האָט מיכל אויסגערופען מיט כעס — איך קען זיין פּנים נישט אנקוקען! איך וואָרט שוין מיט אומגעדולד אויף דעם ווען ער וועט צוריקגעהן אין בחורים... אָבער זאָג דאָך מיר יונתן, פון וואַנען ווייסטו וואָס עס האָט היינט פּאַסירט מיט מיר?

— דער יונגער פּאַסטוך פון טהאָל האָט מיר וועגען פלשתי געזאָגט.

— דער פּאַסטוך פון טהאָל ?! — איז מיכל'ס פּנים רויט געוואָרען — האָט ער דען די גאַנצע צייט געוואוסט אז...

— האָב נאָר אביסעל געדולד, מיין שוועסטער, וועסטו אלעס הערען: ווען איך און שמעי זיינען צוגעקומען צום בארג און דיר דאָרט נישט געפונען, האָט שמעי אנגעדייטעט אז דו מוזט געווים זיין אונטען, ביים פּאַסטוך...

די עצה פון אַ פּוסטען יונג אזוי צו טראַכטען וועגען מיר? — האָט מיכל געזאָגט מיט צאָרן.

— שמעי איז געבליבען וואַרטען אויפ'ן בארג און איך בין ארונטער אין טהאָל — האָט יונתן פאָרטגעזעצט — און געפרעגט דעם פּאַסטוך צו ער האָט דיר געזעהן. ער האָט מיר געזאָגט אז ער האָט דיר קיינמאָל נישט געזעהן... אָבער היינט אין דער פריה ווען ער האָט געשפּיעלט זיין האַרפּע, האָט ער פּלוצלונג דערהערט געשרייען פון אַ פרוי... ער האָט גלייך גענומען זיין שליידער האַלץ מיט די טאַרבע שטיינער און איז שנעל ארויף דעם בארג... ער האָט בעמערקט ווי אַ פלשתי יאָגט זיך נאָך אַ פרוי... ער האָט אויף איהם געציעלעוועט און איהם אויף אַן אָרט געטויטעט... די פרוי איז אנטלאָפען געוואָרען און ער האָט איהר אפילו נישט בעמערקט... און יעצט, מיין שוועסטער, זיי וויסען אַז דער יונגער פּאַסטוך, וועלכער בעצויבערט יעדען מיט זיין שפּיעלען, האָט דיר פון אַ זיכערען טויט געראַטעוועט...

— אַה — האָט מיכל אויסגערופען — האָט ער דעם פלשתי געטויטעט! זאָג דאָך מיר, מיין ברודער, ווי זעהט דער פּאַסטוך אוים?... ווי איז זיין נאָמען?... איך וואָלט איהם וועלען בעדאַנקען פאַר זיין העלדישקייט. אַ, ווי וואונדערבאַר ער מוז זיין! איך האָב זיין פּנים נאָך קיינמאָל נישט געזעהן... איך בעט דיר, יונתן, דערצעהל מיר מעהר וועגען איהם...

— זיין שפּיעלען האָט מיר בעצויבערט — האָט יונתן געזאָגט — און ווען איך וואָלט אפילו זיין פּנים נישט געזעהן, וואָלט מיר צו איהם געצויגען... אָבער וואָס פאַר אַ הערליך מאַיעסטעטישען פּנים ער בעזיצט... און זיין שטימע, ווי אנ־

גענעהם זי קלינגט אין די אויערען... איך בין געווארען אזוי צוגעבונדען צו איהם, אז מיר איז שווער געווען זיך אפצושיידען פון איהם...

— און ווי הייסט ער דער וואונדערבארער פאסטוך — האט מיכל אויסגערופען מיט שטראהלענדע אויגען.

— ער הייסט דוד, דער זוהן פון ישי, און ער קומט פון דער שטאדט בית לחם.

— דוד דער זוהן פון ישי פון בית לחם! — האט מיכל ווידערהאלט איהר ברודער'ס ווערטער — א וואס פאר א העלד ער מוז זיין... דוד, דער זוהן פון ישי...

— מיכל, — האט זיך יונתן אפגערופען — מארגען וועלען מיר ביידע אוועקשפאצירען צו דוד'ן אין טהאל, און איהם בעדאנקען פאר דעם וואס ער האט דיין לעבען גערעטעט:

— איך ווייס נישט, צו איך וועל מארגען קענען געהן אהין — האט מיכל מיט זארג געזאגט — מרים איז דאך מיין גאסט און איך וועל מוזען פערברייננגען מיט איהר דעם גאנצען טאג.

— נו, וועט זי מיט אונז מיטגעהן — האט יונתן געזאגט.

— א ניין, איך וויל ניט אז מרים זאל וויסען אז איך בין אויף דעם בארג אליין געווען און זיך צוגעהערט צו דעם שפיעלען פון דוד...

— ווייס זי דען נישט וועגען דעם פלשתי וועלכער האט דיר נאכגעיאגט?

— איך האב איהר נישט דערצעהלט אז דאס האט פאסירט אויפ'ן בארג... איך האב געזאגט אז דאס האט געטראפען נישט ווייט פון גלים... פערשטעהסטו מיר, מיין ברודער, וועגען דעם שפיעלען פון דעם פאסטוך פון טהאל, האב איך זיך דערוואוסט דורך מרים'ן, זי האט מיר איינמאל אהין אוועקגעפיהרט... און מיר ביידע האבען זיך צוגעהערט צו זיין שפיעלען... מיר האט אהין געצויגען. — איך האב געוואלט זיין איינע אליין אויפ'ן בארג... איך האב געוואלט הערען זיין שפיעלען אונגעשטערט... און איך בין אהין אוועק איינע אליין, אהן מיין פריינדין... זי ווייס נישט דערפון... און ווען זי וועט זיך דערפון יעצט דערוויסען, וועט זי אויף מיר זיין אין כעס... ניין, זי קען נישט מיטגעהן מיט אונז, צו דוד'ן...

— איך וועל שוין געפינען אן אויסרייד פאר אונזער אוועקגעהן — האט יונתן געזאגט — מיר מוזען מארגען צוגעהן צו דוד'ן, ווייל ער וועט געוויס זיין בעזארגט וועגען דיר.

— בעזארגט וועגען מיר! — האט מיכל אויסגערופען מיט א פערבארגענע פרייד אין איהר הארצען. — ער קען דאך מיר נישט, טו ווי אזוי איז מעגליך אז ער זאל וועגען מיר זארגען!...

— איך האב איהם וועגען דיר דערצעהלט... איך האב איהם געזאגט אז דו ביזט אזוי ענטציקט פון זיין שפיעלען אז דו קומסט אליין אויף דעם בארג און הערסט זיך צו צו די מוזיק וואס קומט פון טהאל...

— א יונתן, ווי אזוי האסט געקענט איהם דערצעהלען אזא זאך — האט מיכל איהם צערטליך פארגעווארפען — יעצט וועל איך זיך שעהמען פאר איהם די אויגען צו ווייזען...

— אבער דו האסט דאך זיין פנים קיינמאל נישט געזעהן, דו ביזט בלויז געקומען הערען זיין שפיעלען וואס בעגייסטערט און בעצויבערט יעדען צוהע-

רער... איך אליין, וואלט אהין יעדען טאג געגאנגען זיך צוהערען צו דיא וואונדערליכע מוזיק פון טהאָל... ניין, מיין שוועסטער, דו דארפסט זיך דאמיט פאר איהם נישט שעהמען... ער וועט פערשטעהן...

— קיינער אין הויז טאר וועגען דעם נישט וויסען — האט מיכל געזאגט

— און וואס פאר אן אויסרייד קענסטו אלעמען געבען פאר אונזער ביידענס אוועקגעהן, מארגען גאנץ פריה?

— איך האב פערשפראָכען אונזער זיידען אז מארגען וועל איך אריבערגעהן צו אונזער קאזין אבנר בן נר, איהם איינלאדען צו אונזער יום טוב, וועל איך איהם זאגען אז איך וויל אהין געהן מיט דיר... איך בין זיכער אז דער זיידע וועט נישט זיין דאגעגען אז דו זאָלסט מיט מיר מיטגעהן.

— און ווי אזוי וועל איך קענען איבערלאזען מרים'ן — האט מיכל געזאגט.

— זי בלייבט דאך נישט אליין אין הויז, מרב וועט מיט איהר פערברייננגען, און שמעי וועט שוין מסתמא זעהן איהר אונטערהאלטען מיט זיינע חכמות... יע, אזוי בלייבט עס, מיין שוועסטער, מארגען גאנץ פריה וועלען מיר געהן צו דוד'ן...

ווינציג האט מיכל יענע נאכט געשלאָפען... איהרע געדאנקען זיינען געווען פערנומען מיט דעם וואונדערבארען יונגען העלד, וועלכער האט איהר פון א זיכערען און שענדליכען טויט גערעטעט... דוד דער זוהן פון ישי... ווי שעהן איז זיין נאמען... ווי אנגענעהם איז איהר צו טראכטען וועגען איהם, וועלכער איז אזוי בראוו און העלדיש... זעהר ווינציג העלדען זיינען יעצט פאראן צווישען אידען, זינט שמשון הגבור... און שטענדיג האט זי געטרוימט וועגען א העלד, וועלכער זאָל, ווי שמשון, אנווארפען א שרעק אויף די אידישע גרעסטע שונאים — די פלשתים... טיעף אין איהר זכרון זיינען איינגעקריצט דיא וואונדער שעהנע געשיכטען פון שמשון הגבור, וואס איהר זיידע, קיש, האט איהר דערצעהלט... טאג און נאכט וואלט זי נישט מיעד געווארען צו הערען די העלדענטהאטען וואס שמשון האט בעוויזען געגען די פערהאסטע פלשתים... און איהר זיידע, ווי שעהן ער מאָלט פאר איהר דעם לעבען פון יענעם העלד... איהר הארץ ווערט אנגעפילט מיט שטאָלץ, ווען זי שטעלט זיך פאר ווי שמשון הגבור צושלאגט די פלשתים... זי זעהט איהם, דעם גרעסטען אידישען העלד... זיינע שווארצע לאנגע לאקען דערגרייכען איבער זיינע שולטערן... זיינע אויגען יוערען אנגעטרינקען מיט נקמה פאר ישראל'ס אונטערדריקער... זיי, די פלשתים, בעפאלען די אידען, רויבען זייער האב און גוטס, זיי פערניכטען זייערע תבואות, צינדען אונטער זייערע פעלדער און וויינגערטנער... שמשון, אבער רעבענט זיך אפ מיט זיי; ער פאנגט דריי הונדערט פוקסען, בינדט די עקען פון יעדע צוויי פוקסען צוזאמען, און לענט פאקלען צווישען די עקען און שיקט זיי אויף דיא פעלדער און די שייערען פון די פלשתים... זייער גאנצע תבואה ווערט אפּגעברענט... גוט פאר זיי! זאלעי זיי אויך פיהלען דעם טעם פון הונגער...

מיכל טהוט א שמייכעל ווען זי דערמאהנט זיך א צווייטע געשיכטע, וואס איהר זיידע האט איהר דערצעהלט וועגען שמשון... די פלשתים פערזאמלען זיך און געהען מלחמה האלטען מיט יהודה, נעבען די שטאדט עיטם, ווייל זיי האבען זיך דערוואוסט אז שמשון געפינט זיך אין יענער שטאדט. די אידען זיינען

גארנישט צוגעגרייט פאר א מלחמה... זיי דערשרעקען זיך פאר די פלשתים און שיקען זייערע פארשטעהער אין דעם פלשתים לאגער...

— וואס האט איהר צו אונז — טענה׳ן די אידישע שלוחים צו די פלשתים, מיר צאהלען דאך אייך צינזען, און טוען אלץ וואס איהר פערלאנגט, טו פאר וואס זייט איהר יעצט ווידער געקומען מלחמה האלטען מיט אונז?...

— מיר זיינען געקומען זיך אפרעכענען מיט שמשון — ענטפערען דיא פלשתים גראב, — ער געפינט זיך ביי אייך אין שטאדט — און אויב איהר וועט איהם ניט ארויסגעבען צו אונז, דאן וועלען מיר אייער גאנצע שטאדט פערניכטען... די אידען דערשרעקען זיך, קומען צו לויפען צו שמשון און שרייען אויף איהם: וואס האסטו צו אונז! ווייסטו דען ניט אז די פלשתים הערשען איבער אונז, און זיי קענען טהאן מיט אונז וואס זיי ווילען, פארוואס האסטו זיך אנגעפאנגען מיט זיי... יעצט פערלאנגען זיי מיר זאלען דיר איבערגעבען אין זייערע הענד... אויב נישט זיינען מיר און אונזערע פרויען און קינדער פערלארען...

מיכל שטעלט זיך פאר דעם שמייכעל וואס האט זיך בעוויזען אויף די ליפען פון דעם העלד, ווען ער האט זיך אפגערופען: "גוט, בינדט מיר מיט שטריק און גיט מיר איבער אין די הענד פון די פלשתים"... זיי בינדען זייער אייגענעם העלד, וועלכער איז געקומען זיי העלפען פון זייערע פיינד... וואס פאר א פייגלינגע, יענע אידען האבען געמוזט זיין — טראכט זיך מיכל ווען זי שטעלט זיך פאר ווי די אידען גיבען איבער זייער גרעסטען העלד, א געבונ־דענעם אין די הענד פון זייערע שונאים, וועלכע ווילען זיך מיט איהם אפרע־כענען... זי ווערט אנגעצונדען מיט האס אויף איהרע אמאליגע ברידער, וועלכע ציגען זיך ארויס צו זיין אזעלכע שוואכלינגע, אונטערטעניגע קנעכט, און אנ־שטאדט צו געהן קעמפפען אונטער די פהרערשאפט פון אזא וואונדערבארען העלד... פיהרען זיי גאר זייער גבור א געבונדענעם אין דעם לאגער פון דיא פלשתים...

באלד אבער בעווייזט זיך ווידער א שמייכעל אויף מיכל׳ס פנים, ווען זי שטעלט זיך פאר דאס בילד: די אידען לאזען איבער שמשון א געבונדענעם מיט נייע דיקע שטריק, אין דעם רשות פון די פלשתים, וועלכע זאמלען זיך ארום איהם אין די טויזענדער... צו זייער שמחה איז קיין גרעניץ נישטא... אט וועלען זיי זיך באלד אפרעכענען מיט זייער גרעסטען שונא... די אידען, וועלכע האבען איהם געבראכט צו זיי, געהען שנעל אוועק, דערשראקענע צו זייערע הייזער.

— באלד וועלען די פויגלען פון הימעל און די חיות פון פעלד עסען דיין פלייש — רופען זיך עטליכע פלשתים אפ צו איהם, און ווילען איהם א נעהם טהאן... שמשון גיט זיך א דרעה און די שטארקע שטריק ווערען פאר איהם ווי איבערגעברענטע שטרוי... ער טויטעט גלייך די וועלכע זיינען צוגעקומען נאהענט צו איהם... די פלשתים רינגען איהם ארום... זיי ווילען איהם צובייסען אויף שטיקער... שמשון האט ביי זיך קיין געוועהר... אבער אויף דער ערד זעהט ער, ליעגט א באק פון אן עזעל, ער הויבט אויף די באק און טויטעט דאמיט טויזענד פלשתים... די איבעריגע צולויפען זיך אין גרויס שרעק...

"המור חמורתים! פון די באק פון איין עזעל, ליעגען טויזענד עזלען!"...

— יע, זינט שמשון איז טויט, איז נאך ביי אידען קיין איין העלד נישט אויפגעשטאנען — האט מיכל געטראכט — די פלשתים דריקען אונז ווידער... זיי האבען פאר אונז קיין מורא נישט.. א דער שרעקליכער פלשתי!... ווען נישט דער העלדישער דוד, וואלט איך דאך אריינגעפאלען אין זיינע הענד... א שוידער געהט דורך איהר לייב ווען זי דערמאהנט זיך ווי דער בעוואקסענער ווילדער פלשתי האט אויף איהר אנגעשטעלט זיינע שרעקליכע אויגען... און דער חארפען שפיעלער פון טהאל, האט איהר פון איהם גערעטעט... יע, ער איז זיכער אויך א גרויסער העלד, דער יונגער פאסטוך, דוד דער זוהן פון ישי... מארגען וועט זי איהם זעהן!... זי וועט איהם בעדאנקען פאר זיין העלדישקייט... זי וועט איהם געבען נאך מעהר מוטה צו קעמפפען מיט די פערהאסטע פלשתים... יע, ער וועט געווים זיין א העלד ביי אידען... א ווי גליקליך זי וועט מארגען זיין, זי וועט איהם דריקען זיין האנד... זי וועט זעהן זיין וואונדער שעהנעם מאיעסטעטישען פנים... זי וועט ווידער הערען זיין שפיעלען... ווי לאנג עס ציהט זיך די נאכט!... ווען וועט זיך שוין דער מארגען שטערען בעווייזען?... פלוצלונג פאנגען אן אומעטיגע געדאנקען איהר צו בעאומרוהיגען: ווער איז זי דאס, זי זאל גאר קענען אפילו טראכטען פון דעם וואונדערבארען יונגען העלד... זי שטאמט דאך פון שבט בנימין, דער קלענסטער שבט פון אלע שבטים און איהר פאמיליע איז אויך די קלענסטע פון דעם שבט... און ער, דוד, שטאמט דאך פון דעם גרעסטען שבט און ישי, זיין פאטער, איז דאך איינער פון די חשוב'סטע אידישע זקנים אין בית לחם... טו ווי אזוי קומט זי צו איהם... באלד אבער פערטרייבט זי פון זיך די טרויעריגע געדאנקען... זי ליעבט איהם מיט איהר גאנצען הארצען... זי ליעבט איהם שוין איידער זי האט נאך זיין פנים געזעהן... היינט וועט זי איהם זעהן... זי וועט מיט איהם ריידען... א ווי טהייער יונתן איז איהר... ער איז דאך אזוי גוט צו איהר... פאר איהם קען זי איהר הארץ ענטפלעקען, זי איז זיכער, אז ער וועט פון איהר נישט אפלאכען, ער וועט איהר נאך ארויסהעלפען... ער איז דאך אויך געווארען צוגעבונדען צו איהם, צו דוד'ן...

— עס טאגט שוין! — האט מיכל אויסגערופען מיט פרייד, און איז שנעל ארונטער פון איהר בעטעל, זיך אנגעטהאן און אריין אויפוועקען איהר ברודער יונתנ'ען...

שנעל האט זיך יונתן אנגעטהאן און איז שוין געווען גרייט צו געהן.

די מוטער האט אפילו נישט געוואלט אז מיכל זאל מיטגעהן אבער יונתן האט זיך ביי איהר איינגעבעטען און זי האט מסכים געווען בתנאי אז זיי זאלען זיך נישט פערזאמען.

נאכ'ן פריהשטיק זיינען ביידע אוועקגעגאנגען... מיכל איז געווען העכסט גליקליך... אלע איהרע גליעדער האבען אין איהר געטאנצט און געזונגען... און יונתן האט אויך געהאט א גרויסען פערלאנג זיך נאך אמאל צו זעהן מיט דעם יונגען הארפען שפיעלער.

— דו ווייסט, מיכל — האט זיך יונתן צו איהר אפגערופען ווען זיי האבען זיך דערנעהענטערט צום בארג — מיר וועלען איהם איינלאדען צו אונז, אין גבעה... אויף אונזער יום טוב פון שערען די שאף...

— ער האט דאך נישט אויף וועמען צו פערלאזען זיינע שאף — האט מיכל געזאגט — טא ווי אזוי וועט ער קענען קומען צו אונז?

— ער האט מיר געזאגט דאס ער ערווארט, אז איינער פון זיינע ברידער זאל איהם אומבייטען אויף א פאר טעג, אפשר וועט ער די פאר פרייע טעג פארברענגען ביי אונז...

— ניין — האט מיכל געזאגט — איך גלויב, אז עס וועט זיין בעסער ווען דו וועסט איהם דערוויייל צו אונז נישט איינלאדען... מיר וועלען דאך דארפען געבען פאטער און מוטער אן ערקלעהרונג וועגען דעם, און איך וואלט נישט וועלען, אז זיי זאלען זיך דערוויסען וואס מיט מיר איז נעכטען פארגעקומען...

— דו ביזט גערעכט מיין שוועסטער, עס וועט זיין גלייכער אז מיר וועלען איהם יעצט נישט איינלאדען צו אונז.

ביידע זיינען ארויף אויפ'ן בארג און צוגעגאנגען צום ברעג... א שטילקייט האט געהערשט ארום. מיכל'ס הארץ האט גענומען האסטיג קלאפען...

— ער מוז זיין ביים וואסער מיט די שאף — האט יונתן זיך אפגערופען — קום ארונטער, מיכל און מיר'ן ווארטען נעבען זיין געצעלט...

— איך קען נישט ארונטערקומען — האט מיכל געזאגט רויט־ווערענדיג, איך וועל דא בלייבען... דו געה אליין ארונטער... איך שעהם זיך...

— מיכל, וואס איז מיט דיר? — האט איהר יונתן אנגעקוקט פערוואונדערט — דו ביזט דאך מיט מיר געקומען אהער כדי איהם צו בעדאנקען און יעצט ווילסטו נישט ארונטערגעהן צו איהם אין טהאל!...

— יונתן, דו ביזט דאך... מיין ברודער... האט מיכל געשטאמעלט — פאר דיר זיינען יענטפלעקט אלע מיינע סודות... דו וועסט דאך מיר פערשטעהן... עפעס פיהל איך זיך אזוי שולדיג געגען איהם, אונטען... איך האב אפשר אליין נישט געדארפט געהן אהער... אבער זיין שפיעלען האט מיר בעצויבערט... האט מיר געצויגען... א פארבארגענע קראפט האט מיר אהער געפיהרט... אומבעוואוסטזיניג בין איך דא אליין געקומען... און יעצט ווען איך וועל זעהן זיין פנים... א ווי עס שרעקט מיר דאס הארץ...

— שוועסטער מיינע! — האט איהר יונתן אנגענומען פאר'ן האנט — וואס איז מיט דיר? דו ביזט דאך אלע מאל געווען אזוי פערנינפטיג, דו ביזט דאך פערעכענט פאר די קליגסטע און שעהנסטע מיידעל אין גבעה... און יעצט אז דו דארפסט ארונטער און בעדאנקען איינעם וועלכער האט דיר דיין לעבען גערעטעט, שרעקט דיר דאס הארץ...

— א יע, דו ביזט גערעכט, יונתן, — האט מיכל זיך געפאסט מוטה — איך האב זיך עטוואס פערלארען — קום, לאמיר ארונטערגעהן!

מיכל און יונתן זיינען ארונטער אין טהאל... מיט לאנגזאמע טריט זיינען זיי צוגעגאנגען צו דעם געצעלט, אבער זיי האבען קיינעם נישט געטראפען...

— ער מוז זיין ביים וואסער מיט די שאף — האט יונתן בעמערקט.

— אט קומט ער אן! — האט מיכל אויסגערופען. איהר הארץ האט גענומען נאך שטארקער קלאפען, איהר פנים האט געפלאמט...

— יע, — האט יונתן געזאגט מיט א שמייכעל — דאס איז ער!

מיכל האט יעצט דערזעהן זיין פנים... זי איז נישט ענטוישט... אזוי האט

זי זיך פארגעשטעלט דעם העלד פון איהרע חלומות... זי איז געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו איהר פלאץ...

יונתן איז איהם ענטקעגען געלאפען:

— שלום! — האט ער איהם בעגריסט.

— שלום! האט איהם דוד געענטפערט, מיט א פריינדלאכען שמייכעל.

— מיין שוועסטער איז מיט מיר געקומען דיר בעדאנקען פאר איהר לעבען וואס דו האסט גערעטעט.

— איז דאס טאקע געווען דיין שוועסטער! — האט דוד אויסגערופען מיט פרייד.

— דאס איז געווען מיכל, מיין שוועסטער און אט איז זי!

ווען דוד האט דערזעהן מיכל'ן איז ער געבליבען א וויילע שטעהן ווי פער־כשופ'ט פון איהר שעהנקייט. באלד אבער האט ער זיך פערנייגט פאר איהר און זיך אפגערופען:

— געלויבט איז דער בעשעפער, וועלכער האט מיר די געלעגענהייט געגע־בען דיר, די שעהנסטע און איידעלסטע צווישען פרויען, פון די הענד פון דעם אומווירדיגען פלשתי צו רעטען...

— פון די טיעפענים פון מיין הארצען, נעהם אן מיין גרויסען דאנק, דו בראוועד זוהן פון דעם אויסדערוועהלטען שבט יהודה — האט מיכל איהם אויס־געשטרעקט איהר האנט.

דוד האט געדריקט איהר צארטע־סאמעטענע האנט און א גליקליכע אנגע־נעהמע פרייד האט דורכגעדרונגען זיין קערפער...

זייערע בליקען האבען זיך באגעגענט... זייערע הערצער האבע גערעדט... און ביידע האבען זיך פערשטאנען.

מיכל האט לאנגזאם און בעשיידען צוריקגעצויגען איהר האנט פון דוד'ס, און ארונטערגעלאזען איהרע אויגען...

— יעצט וועל איך דיר בעדאנקען, מיין פריינד — האט זיך יונתן אפגע־רופען — איידער איך האב געוואוסט אז דו האסט מיין ליעבע שוועסטער גע־רעטעט פון א שענדליכען טויט, בין איך צו דיר צוגעצויגען געווארען. דיין שפיעלען, דיין עהרליך פנים האט מיר בעגייסטערט און בעצויבערט... און יעצט ביזטו מיר טייערער פון א ברודער און איך וויל האפען אז אונזער פריינד־שאפט וועט זיין געגענזייטיג און זאל דער האר פון דער וועלט מאכען אונזער פריינדשאפט דויערהאפט.

דוד האט אויסגעשטרעקט זיין האנט צו יונתן און זיך אפגערופען:

— מיין פריינדשאפט און איבערגעגעבענהייט צו דיר, מיין ברודער יונתן, וועט קיינמאל נישט אויפהערען.

ביידע יונגען האבען געשלאסען א בונד פון פריינדשאפט.

מיכל האט די גאנצע צייט איהרע אויגען נישט ארונטערגענומען פון דוד'ן... זי האט איהם יעצט, ווען ער האט גערעדט מיט איהר ברודער אונגעשטערט גע־קענט בעטראכטען... זי האט זיך געפיהלט אזוי גוט, אזוי גליקליך... זי האט געשוועבט אין איהרע טרוימעריען און האט זיך געפיהלט אזוי גרינג... איהר האט זיך געדוכט, אז די גאנצע נאטור בעטייליגט זיך אין איהר הערצענס פרייד...

— יעצט, מיינע ליעבע געסט, האט דוד זיך אפגערופען — קומט אריין אין מיין געצעלט, איהר וועט זיך אפרוהען און דערקוויקען אייערע הערצער... דער וועג איז דאך א לאנגער און די זון ברענט זעהר שטארק.

מיכל און יונתן זיינען אריין אין זיין געצעלט און דוד האט זיי געגעבען פרישע און קאלטע וואסער פון שטראם און נאכהער זיי געגעבען ברויט און קעז...

זיי האבען געגעסען און געטרונקען, זיי האבען גערעדט וועגען די שאף, וועגען די פלשתים און וועגען די לאגע פון די אידישע שבטים...

— יעצט מיין ברודער — האט יונתן געזאגט — איידער מיר פעראפשיידען זיך פון דיר, וואלט איך דיר געבעטען עפעס צו שפיעלען אויף דיין הארפע...

— וואס איילט איהר זיך צו געהן? — האט זיי דוד געפרעגט — די זון איז נאך אין מיטען הימעל.

— מיר דארפען נאך טהאן די שליחות פון אונזער זיידען — האט איהם יונתן געענטפערט — דער זיידע האט אונז געבעטען איינצולאדען אונזער קוזין אבנר, צו דער פייערונג פון שערען די שאף וואס מיר געהען מארגען פייערען. איך וואלט געווען העכסט גליקליך ווען דו קענסט אויך קומען צו אונז אין גבעה אויף אונזער יום טוב...

— איך דאנק דיר מיין פריינד פאר דיין איינלאדונג, אבער איך וועל נישט קענען ערפילען דיין פארלאנג, ווייל איך האב נישט אויף וועמען צו פערלאזען די שאף...

— דו האסט דאך מיר געזאגט, אז איינער פון דיינע ברידער וועט דיר קומען אומבייטען אויף א פאר טעג — האט איהם יונתן געזאגט — קום דאך, איך בעט דיר צו אונז... מיין פאטער און מוטער דארפען דערוויל נישט וויסען אונטער וועלכע אומשטענדען מיר האבען אונזער פריינדשאפט געשלאסען... איך וועל זיי דערצעהלען אז איך האב זיך מיט דיר אויפ'ן וועג געטראפען און דו ביזט מיין פריינד געווארען...

— דיין קומען צו אונז, וועט אונזער שמחה פערדאפלען — האט מיכל מיט שטראהלענדע אויגען געזאגט.

— איך בין העכסט גליקליך אז דו דענקסט אזוי פון מיר, גנעדיגע מיכל... אבער איך בין שוין לאנג אין דער היים נישט געווען... נישט געזעהן מיין פאטער, מוטער און די ברידער... און ווען איך וועל בעפרייט ווערען אויף א פאר טעג, וועל איך לויפען נאך בית לחם זיך צו זעהן מיט מיינע עלטערען...

— אויב אזוי — האט זיך יונתן אפגערופען, ביזטו גערעכט — מיר וועלען דיר מעהר נישט פרובירען איבעררייידען, ווייל איך קען פערשטעהן ווי שטארק דו בייינקסט נאך דיינע עלטערען. אבער איך בעט דיר נאך אמאל, בעררויב דאך אונז נישט פון דעם פערגעניגען דיר נאך אמאל צו הערען שפיעלען אויף דער הארפע.

— אויב עס פערשאפט אייך פערגעניגען מיינע פריינד, וועל איך עס גערן טהאן — האט דוד געזאגט מיט א שמייכעל נעהמענדיג די הארפע אין האנט.

זיי זיינען ארויס פון געצעלט. דוד האט זיך געזעצט אויף דעם שטיין און מיכל און יונתן האבען זיך געזעצט אויפ'ן גראז נעבען איהם...

באלד איז די לופט פול געווארען מיט וואונדער שעהנע מוזיק... דוד האט

אין זיין יעצטיגען שפיעלען אויסגעדריקט אלע זיינע געפיהלען וואס האט זיך אין איהם אנגעזאמעלט, זינט ער האט דעם צויבערנדען פנים פון מיכל'ן דער־זעהן... ער האט מיט זיינע פינגער דורכגעפירט איבער די הארפע, און די סטרו־נעס האבען גערעדט... מיכל האט זייער שפראך פערשטאנען... זי האט איהרע אויגען פון שפילער נישט ארונטערגענומען און ווען דוד האט זיין שפיעלען גענ־דיגט, האבען זיך צוויי גרויסע פערל־טרעהרען אראפגעקייקעלט אויף איהרע בא־קען...

יונתן האט זיך ווי פון א חלום אויפגעכאפט, ער האט דוד'ן נאך אמאל נעדאנקט פאר אלעם און צוזאמען מיט זיין שוועסטער גענומען אפשייד פון דעם יונגען פאסטוך און שפיעלער...

דוד האט זיי מיט זיינע אויגען בעגלייט און ווען זיי זיינען שוין ביידע אויפ'ן בארג געווען, האט מיכל איהר קאפ אומגעדרעהט און איהרע בליקען הא־בען זיך בעגעגענט מיט דוד'ס...

— א ווי שווער עס איז מיר צו פערלאזען דיזען פלאץ — האט יונתן גע־זאגט און מיכל האט איהם געענטפערט מיט א זיפץ...

א ווילע שפעטער האבען זיך ביידע פערנומען אויף דעם וועג וואס פיהרט צום הויז פון אבנר, דער זוהן פון נר...

דריטער קאפיטעל

שמואל הנביא

אין דער שטאדט רמה וואס בעלאנגט צום שבט אפרים, האט געוואהנט שמואל הנביא.

שמואל איז שוין געווען אלט, און אויף זיין געטליך־פאטריאכאלישען פנים, וואס איז געווען בעציערט מיט א שעהנער ווייסער בארד, זיינען שוין טיעפע קנייטשען געווען... יעדער קנייטש איז געווען אן עדות צו א טיעפען צער און וועהטאג וואס שמואל האט דורכגעמאכט אין אלע זיינע יאהרען.

נאך אלס קינד, ווען זיין מוטער חנה האט איהם געבראכט אין דעם משכן פון שלה אונטער דעם אויפזיכט פון עלי הכהן, האבען די אידען דורכגעמאכט איינע פון די שווערסטע צייטען, זינט זיי האבען זיך בעזעצט אין ארץ ישראל.

פריש איז נאך דאס טרויעריגעס בילד פאר זיינע אויגען, כאטש עס איז שוין אריבער זעכציג יאהר זייט עס האט פאסירט.. ער איז דאן געווען אין משכן, וואו דער גוטער, גרייז־גרויער עלי האט מיט איהם געלערענט די וועגען פון גאט.

— מיין קינד — האט זיך דאן עלי צו איהם אפגערופען — ביי אונזערע גרעניצען געפינט זיך איינער פון די גרעסטע אידישע שונאים — די פלשתים... לאנג האבען מיר פון זיי געליטען, זיי האבען אונז געדריקט און געשטיקט... זיי רויבען אונזער תבואה און בהמות פון אונז... די לאגע איז געווארען אונ־ערטרעגליך און מיט דעם הילף פון אונזער פאטער אין הימעל, איז מיר ביס־לעכווייז געלונגען צו פעראייניגען עטליכע שבטים. יעצט זיינען די אידען ארויס מלחמה האלטען מיט די פלשתים... לאמיר מתפלל זיין צו גאט ער זאל שיקען

א ישועה אין דעם אידישען לאגער און דאס זיי זאלען אפהאלטען א נצחון איבער די פלשתים.

שמואל געדענקט נאך ווי עלי האט איהם צוגעפיהרט צום ארון הקדש... זיינע גוטע ליעבליכע אויגען האבען אויסגעדריקט דעם צער פון גאנצען פאלק...

— אט דא נעבען אונזער היילינטום וועלען מיר גאט בעטען... און דו, מיין קינד — האט איהם עלי געגלעט איבער'ן קאפ — דו ביזט נאך יונג און צארט, דו ביזט ריין פון זינד... דיין תפלה וועט גאט זיכער אננעהמען...

און שטעהענדיג ביי דעם ארון, האט ער, שמואל, נאכגעפאלגט זיין רבי'ן, און ביידע האבען אויסגעגאסען זייערע תפלות פאר דעם אלמעכטיגען... פלוצלונג אבער האבען זיי דערהערט א גערויש נעבען משכן. זיי האבען זייערע תפלות מפסיק געווען... א דערשראקענער איז עלי ארויסגעגאנגען פון משכן... און ער איז געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צום ארון... באלד האבען זיך צו זיינע אויערען דערטראגען א יאמער און א געוויין . . . זיין יונג הארץ האט אין איהם א צאפעל געטהאן...

די טיהרען פון משכן האבען זייך געעפענט... און אט קומען אריין איניוויניג עטליכע חשוב'ע אידען... צווישען זיי אויך, חפני און פנחס, די צוויי זיהן פון עלי...

— אוי וועה איז צו אונז! — האט איינער פון די אידען געיאמערט. א שווערע מפלה האט ישראל געליטען פון שונא — פיער טויזענד פון אונזערע העלדען זיינען געפאלען אויפ'ן שלאכטפעלד!...

— מיר זיינען געפלאגט געווארען פאר'ן שונא. גאט האט אונז געשטראפט, ווייל מיר האבען דעם ארון הקודש מיט אונז נישט מיטגענומען — האט זיך א צווייטער איד צואויינט...

— איך אבער האב אייך גלייך געזאגט — האט זיך אן אנדער איד אפגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען — אז מיר זאלען זיך נישט ריהרען פון ארט אהן דעם ארון קודש...

די זיפצען, יאמערן און געשרייען פון די פערצוויפעלטע און דערשלאגענע אידען אין משכן ביים ארון קלינגען נאך שמואל ער היום אין די אויערען... ער הערט ווי איינער רופט אוים צו עלי'ן: "גיב אונז דעם ארון! מיר מוזען פארטזעצען די מלחמה געגען די פלשתים, אויב נישט זיינען מיר פערלארענע!...

דער אלטער עלי איז געשטאנען מיט א געבויגענעם קאפ... פון זיינע אויגען האבען זיך טרעהרען געקייקעלט אויף זיין שנעע ווייסער בארד...

— מיינע קינדער! — האט ער אויסגערופען מיט א שוואכע ציטערנדע שטימע — טוט נישט קיין איבערגעאיילטען שריט... עס איז געווען דער ווילען פון הימעל מיר זאלען געפלאגט ווערען אין יעצטיגער מלחמה... לאמיר בעסער ווארטען אויף א גינסטיגערע צייט... מיר וועלען זיין בעסער צוגעגרייט, דאן וועט איהר נעהמען דעם ארון און גאט וועט אונז זיין ישועה פון הימעל שיקען...

— ניין, ניין, מיר ווילען יעצט דעם ארון! — האבען זיך געהערט שטימען — מיר טארען די מלחמה נישט אויפגעבען.

זיינע צוויי זיהן וועלען העלפען טראגען דעם ארון — האט אימיצער געזאגט.

— נעהמט דעם ארון, און זאל, דער וואס זיצט אין די הימלען, בעשיצען אייך און אונזער גרעסטע הייליגטום... אבער איך בעט אייך, נישט מיינע זיהן זאלען העלפען טראגען דעם ארון...

— פאטער, מיר ווילען העלפען טראגען דעם ארון אין דעם לאגער — האבען זיך חפני און פנחס, אפגערופען צו עלי'ן.

— נישט איהר, מיינע זיהן! נישט איהר, מיינע זיהן! — האט עלי אויסגערופען...

— זעהסט ווי ער ציטערט פאר זיינע אייגענע זיהן — האט שמואל געהערט ווי איינער האט א מורמעל געטאהן צו א צווייטען.

ער געדענקט נאך ווי שטארק די בעמערקונג וועגען זיין רבי'ן, האט איהם געערגערט... ווינציג האט דאס פאלק פערשטאנען די כונות פון זייער עהרליכען און הייליגען כהן, עלי... ער האט נישט געוואלט, אז זיינע זיהן זאלען זיך צוריהרען צו דעם הייליגען ארון, ווייל ער ווייס אז זיינע זיהן געהען נישט אין גאטעס וועגען... ער האט זעהר פיעל שלעכטעס וועגען זיי געהערט... ער האט זיי שוין אויך פיעל געמוסר'ט און געשטראפט, אבער זיינע זיהן זיינען געבליבען זינדיג און פערדארבען ווי פריהער... און יעצט ווילען זיי, וועלכע ווידערשפעניגען גאט'ס מצוות, פיהרען דעם הייליגען ארון אין דער מלחמה מיט די פלשתים... וועט זיי דען גאט וועלען העלפען?..

חפני און פנחס האבען נישט געפאלגט זייער פאטער, און צוזאמען מיט נאך עטליכע אידען האבען זיי גענומען דעם ארון...

און עלי האט זיי אלעמען געבענשט און געזאגט: "זאל דער אלמעכטיגער וועלכער האט געהאלפען יהושע'ן אין זיינע מלחמות, אייך העלפען און צוליעב דעם זכות פון אונזער גרעסטער הייליגטום, דעם ארון, וואס וועט זיך יעצט געפינען אין אייער לאגער, זאל אייך גאט געבען א גרויסע ישועה... אייער נצחון איבער די פלשתים זאל זיין פאלקאם און גרויס... זעהט, אז איידער אימיצער פון אייך ריהרט זיך צו צום ארון, זאל ער תשובה טהאן מיט'ן גאנצען הארצען... היט אפ דעם ארון ווי די שווארצאפעל פון אייער אויג, ווייל ער איז דער אוצר פון אונזער הייליגטום, דער ארון איז די נשמה פון אונזער פעראייניגונג..

און אט קומט דער גרעסטער אידישער אומגליק... א ציטער געהט נאך יעצט דורך שמואל'ס קערפער ווען ער דערמאהנט זיך אן יענער שרעקליכער צייט... דער אלטער, אבט און נייענציג יעהריגער, עלי, איז שוין כמעט אין גאנצען בלינד... ער ווערט זעהר בעזארגט, ער וואלט וועלען עפעס הערען נייעס, ער וואלט וועלען וויסען ווי עס האלט מיט דער מלחמה... ער רופט זיך אפ צו איהם:

— שמואל, מיין קינד, פיהר מיר צו צו די טויערען פון שטאדט, איך וועל זיך דארטען זעצען אויף דעם שטוהל... (דער שופט האט אויך געהאט א שטול ביי די טויערען פון שטאדט, וואו זיי פלעגען משפט'ן דעם פאלק) איך וועלווארטען אויף נייעס, פיליכט וועט אימיצער אנקומען פון שלאכטפעלד, און וועט מיר דערצעהלען וואס דארטען קומט פאר...

צוויי טעג איז ער מיט איהם געווען ביי די טויערען פון שטאדט, אבער

קיינער איז פון דעם מלחמה פלאץ נישט אנגעקומען. ער האט צוזאמען מיט עלי'ן מתפלל געווען, און האט איהם די גאנצע צייט בעדינט.. אויפ'ן דריטען טאג איז עלי נאך אומרוהיגער געווארען, און האט איהם, שמואל'ן, געהייסען יעדע ווײַלע זיך אומקוקען צו אימיצער קומט או...

— איך הער עפעס א טומעל וואס קומט פון שטאדט!.. — האט זיך עלי צו איהם אפגערופען...

אימיצער קומט אן אהער — האט איהם שמואל געענטפערט.. ער האט שוין געקענט דערקענען פון די צוריסענע קליידער פון דעם מאן און פון די שטויב אויף זיין קאפ, אז קיין פרעהליכע נייעס ברייגנט ער נישט... אבער אט הערט ער זיין יאמערדיגע שטימע, ווי דער "אנזאגער" דערצעהלט עלי'ן:

— גאט'ס צארן האט זיך אויף אונז אויסגעגאסען... מיר האבען נאך א גרעסערע מפלה פון פריהער, יעצט ערליטען...

טויזענטע זיינען געפאלען טויט אויפ'ן שלאכטפעלד... די איבעריגע זיינען זיך צולאפען, דיינע צוויי זיהן, חפני און פנחס זיינען אויך געפאלען אין שלאכט און דער הייליגער ארון פון גאט איז גענומען געווארען געפאנגען פון די פלשתים...

— דער ארון איז געפאנגען! — האט עלי ארויסגעלאזען א געשריי און האט גלייך גע'חלש'ט... און איידער שמואל האט נאך בעוויזען צוצולויפען צו עלי'ן, איז דער אלטער שוואכער כהן ארונטערגעפאלען פון זיין שטוהל און איז געשטארבען...

א וואס פאר א טרויעריגע און שרעקליכע צייט. ער, דער גאר יונגער שמואל, האט דאן איבערגעלעבט צוזאמען מיט אלע אידען... די פלשתים האבען זיך נאך נישט בעגונענט מיט דעם ארון... זיי האבען זיך צושפרייט איבער די איבעריגע אידישע שטעדט, זיי האבען זיך אריינגעבראכען אין דער שטאדט שלה, זיי האבען חרוב געמאכט דעם משכן און פערוויסטעט די שטאדט... און קוים, קוים איז איהם דאן געלונגען צו אנטלויפען פון שטאדט.

זינט דאן איז שוין עטליכע און זעכציג יאהר פאראיבער... נישט איין מלחמה האבען די אידען געהאט מיט די פלשתים... איהם, שמואל'ן האט זיך איינגעגעבען ווידער צו פעראייניגען די פערשידענע שבטים... ער האט זיינע בעסטע יאהרען מקריב געווען פאר דיעזען אידאל... ער פלעגט ארומפאהרען פון שטאדט צו שטאדט, לערנען די אידען, מוסר'ן זיי... ער האט זיי בעפוילען אויפצוגעבען די פערשידענע געטער, צו וועמען פיעלע האבען געגומען דינען... איהם האט אויך געלונגען צו פערזאמלען אלע אידען אין דער שטאדט מצפה און פון דארטען זיי ערמוטהיגט מלחמה צו האלטען מיט די פלשתים... און גאט האט טאקע געהאלפען... ישראל האט געהאט א נצחון איבער די פלשתים... אבער יעצט, צו זיינע עלטערע יאהרען?.. ווידער זיינען די אידען צושפליטערט... איין שבט ארט נישט פאר'ן צווייטען... די פלשתים האבען ווידער גענומען דריקען די אידען... זיי בעפאלען די אידישע שטעדט ביי די גרעניצען... און ער ווערט שוין עלטער... ער האט שוין נישט אזוי פיעל כוח און ענערגיע ארומצוואנדערען פון שטאדט צו שטאדט, און משפט'ן די אידען, זיי לערנען די וועגען פון גאט... און זיינע קינדער, יואל און אביה?... א ווי גרויס איז זיין ענטטוישונג אין זיינע זיהן... ער האט געהאפט און געגלויבט, אז

זיינע זיהן, וועלען איבערנעהמען די פיהרערשאפט איבער'ן פאלק... אבער יעצט זעהט ער, אז אומזיסט האט ער געהאפט... זיינע זיהן געהען נישט אין די וועגען וועלכע ער האט פאר זיי אויסגעטראטען... דאס פאלק איז מיט זיי נישט צופרידען, יואל און אביה נעהמען שוחד... פאר געלט גיבען זיי דעם רשע גערעכט און דעם צדיק אומגערעכט... דאס פאלק מורמעלט... זיי ווילען א קעניג, וועלכער זאל זיי פיהרען אין די מלחמות...

אין זיינע רייזעס צווישען די שבטים וואו שמואל האט פארשפרייט די לעהרע פון גאט און דעם אידעאל פון פעראייניגונג, זיינען צו איהם צוגעשטאנען פיעלע יונגע בעגייסטערטע אידען, וועלכע האבען איהם נאכגעפאלגט און בעגלייט אין זיין ארומוואנדערען... זיי זיינען געווען בעפרוכפערט מיט דעם רעליגיעזען גייסט, און שמואל'ס השפעה אויף זיי איז געווען זעהר גרויס.

אין זיין וואוין־ארט רמה, האט שמואל געגרינדעט א בית המדרש, וואו ער האט פערזאמעלט די פעהיגע יונגע לייט און זיי צוגעגרייט צו זיין די פיהרער און לעהרער פון פאלק, אנשטאט די כהנים... ווייל זינט די קינדער פון עלי, וועלכע האבען מיסברויכט די כהונה פאר פערזענליכע צוועקען און פארגעניגען, האבען די כהנים פארלארען דעם חן ביים פאלק, און זייער פלאץ האט יעצט פערנומען די חברה "בני הנביאים" וואס שמואל האט געגרינדעט.

די "בני הנביאים" פלעגען זיך גרופען־ווייז צושפרייטען איבער'ן לאנד, זינגענדיג און טאנצענדיג מיט גרויס התלהבות; אייניגע פון זיי זיינען געגאנגען פאראויס און געשפיעלט אויף פערשידענע כלי זמר, צוציהענדיג דאביי דעם המון. און פול מיט הייליגען פייער פאר גאט און זייער לאנד, האבען זיי געפרעדיגט פאר'ן פאלק. די אידען האבען געהאט גרויס דרך ארץ פאר די "בני הנביאים" און זיך צוגעהערט צו זייערע ווערטער.

איינמאל האט שמואל צוזאמענגערופען אלע "בני הנביאים" אין זיין שטאדט רמה, און האט זיך צו זיי אפגערופען:

— מיינע תלמידים! זעהר א שלעכטע צייט לעבען מיר יעצט איבער אין אונזער לאנד. די פלשתים דרינגען וואס טיעפער אריין אין אונזערע גרענעצען... זיי נעהמען בעלי־ביתי'שוועז איבער אונזערע שטעדט... אין פיעלע פון אונזערע גרויסע שטעדט האבען זיך בעזעצט זייער נציבים (גובערנאטארען) מיט חיל. און יעצט האבען זיי ארויסגעלאזען א באפעהל אז קיין שמיד טאר זיך נישט געפינען אין ישראל... זייער כוונה איז, מיר זאלען זיך נישט קענען באוואפענען געגען זיי.... קוקענדיג אויף די פלשתים האבען זיך אונזערע שכנים פון מזרח, די עמונים, אנגענומען מיט מוטה און פון צייט צו צייט מאכען זיי איבערפאלען איבער אונזערע שטעדט... דאס אלעס קומט פון דער אידישער שוואכקייט. די שבטים לעבען נישט אין אחדות איינער מיט'ן צווייטען... און די וועלכע זיינען צייטווייליג געזיכערט פון דעם שונא'ס איבערפאל, קומען נישט צו הילף זייערע ברידער אין אן עת צרה... קוים האט מיר מיט אייניגע יאהר צוריק געלונגען צו פעראייניגען עטליכע שבטים, זיינען זיי יעצט ווידער אפגעזונדערט געווארען... איך בין שוין אלט... איך האב אלע מיינע יאהרען אפגעגעבען פאר מיין פאלק, איך בין ארומגעפאהרען פון שטאדט צו שטאדט און געלערנט די אידען, און זיי געוועקט צו אחדות... איך האב געזעהן אז שלום זאל הערשען צווישען די שבטים... יעצט אבער, בין איך נישט אימשטאנד עס מעהר צו

טהאָן... די לאַנגע פון די אידען ווערט ערנסטער פון טאָג צו טאָג. איך האָב דאַריבער בעשלאָסען צונויפצורופען א פערזאַמלונג פון אלע אידישע עלטסטע, אין דער שטאָדט מצפה, כדי מיט זיי זיך צו בעראַטהען וואָס צו טהאָן, און איהר, מיינע תלמידים, וועט מיר מוזען אין דעם בעהילפיג זיין.

די "בני הנביאים" האָבען מיט נייגעריגקייט געוואַרט צו הערען וואָס דער "געטליכער מאַן" פערלאַנגט פון זיי.

— איך וויל, — האָט שמואל פאַרטגעזעצט, — אַז יעדער פון אייך זאָל בעזוכען א בעזונדער שטאָדט און זאָגען די עלטסטע פון יעדער שטאָדט, זיי זאָלען שיקען א פאָרשטעהער קיין מצפה, צו דער גרויסער פאָלקס־פערזאַמלונג.

— מיר וועלען טהאָן אלעס וואָס דער "געטליכער מאַן" וועט אונז הייסען, — האָבען די "בני הנביאים" געענטפערט.

שמואל האָט פאַר יעדען בעשטימט א בעזונדערע שטאָדט און האָט זיי פאַנאַנדערגעשיקט איבער גאַנץ ארץ ישראל.

מיט צוויי וואָכען שפּעטער זיינען שוין אלע פאָרשטעהער פון די אידישע שטעדט געווען אין מצפה.

שמואל האָט פאַר די פערזאַמעלטע איבערגעגעבען די טרויעריגע לאַגע וואָס הערשט יעצט אין ארץ ישראל.

— איהר זייט אלע קינדער פון איין פאָטער, — האָט ער פאַרענדיגט, — פאַרוואָס זאָלט איהר לעבען אזוי אָפּגעזונדערט איינער פון צווייטען? . . . פאַרוואָס זאָל איין שבט נישט העלפען דעם צווייטען אין א צייט פון נויט? ווען איהר וואָלט אלע געווען פעראייניגט, וואָלט אונז גאָט געהאָלפען אין אונזערע מלחמות מיט די שונאים. זיי וואָלטען נישט וואָגען אריינצודרינגען אין אונזערע גרענעצען און צווינגען אונזערע שמידען צו בעזעצען זיך אין זייער לאַנד, כדי מיר זאָלען קיין וואָפען נישט קענען קריגען...

— דער האַר, אונזער גאָט, האָט געשיקט זיין קנעכט משה'ן און ער האָט אויסגעלייזט אונזערע עלטערען פון מצרים. ער האָט זיי פערציג יאָהר געפיהרט דורך דער מדבר, און משה'ס נאָכפאָלגער, יהושע, האָט מלחמה געהאַלטען מיט אלע פעלקער, ער האָט איינגענומען דאָס לאַנד און עס צוטיילט צו די שבטים, און נאָך יהושע'ס טויט האָבען אייך די ארומיגע פעלקער גענומען דריקען, אבער ווען איהר זייט געווען פעראייניגט אונטער א שופט, האָט איהר אימער צו מנצח געווען דעם שונא...

— וואָס מיר דאַרפען, — האָט איינער פון די פערזאַמעלטע זיך אָפּגערופען, — איז א קעניג, וועלכער זאָל אונז משפּט'ן, א קעניג וועלכער זאָל אונז פעראייניגען און אָנפיהרען אונזערע מלחמות.

— פאַרוואָס זאָלען מיר זיין אנדערש פון אלע פעלקער, — האָט זיך א צווייטער אָפּגערופען, — זיי האָבען קעניגע און דאַריבער זיינען זיי פעראייניגט און שטאַרק. ווען מיר וועלען האָבען א קעניג וועלכער וועט הערשען איבער אלע שבטים, דאַן וועלען מיר אויך זיין פעראייניגט און מיר וועלען קענען ביישטעהן אונזערע גרעסטע און מעכטיגסטע שונאים.

— כל זמן מיר האָבען געהאַט די פיהרערשאַפט פון אזא געטליכען מאַן ווי שמואל, האָבען מיר קיין קעניג נישט געדאַרפט האָבען, אָבער יעצט, שמואל איז אַלט און שוואַך, און זיינע קינדער געהן נישט אין זיינע וועגען, מוזען מיר האָבען

א קעניג וועלכער זאָל אונז פיהרען און האַלטען פעראייניגט, — האָט א דריטער געזאָגט.

— א קעניג! א קעניג! — האָבען זיך געהערט שטימען פון פאָלק.

— נאָר א קעניג וועט גרינגער מאַכען אונזער יעצטיגע שווערע לאַגע! — האָבען אנדערע געשטורעמט, — א קעניג איז אונזער איינציגע רעטונג!

שמואל האָט בערוהיגט דעם עולם און זיך אָפּגערופען:

— איהר שרייט אלע אז איהר ווילט א קעניג. ווייסט איהר וואָס א קעניג פאָדערט פון פאָלק? ער וועט פאָדערען אייערע זיהן פון אייך און זיי מאַכען פאַר סאָלדאַטען, זיי וועלען דאַרפען אַקערען זיינע פעלדער, שניידען זיינע תבואה, אייערע טעכטער וועלען דאַרפען ווערען זיינע קעכינס און בעקערינס כדי אויפצוהאַלטען זיינע מענשען... איהר וועט דאַרפען צאָהלען דעם קעניג צינזען... א צעהנטעל פון אייער תבואה און א צעהנטעל פון אייערע שאָף וועט איהר מוזען אָפּגעבען דעם קעניג. אייערע בעסטע ארבייטער וועט ער נעהמען פאַר זיך... און איהר אליין וועט שוין מעהר קיין פרייהייט נישט האָבען, איהר וועט מוזען ווערען אייער קעניג'ס קנעכט. וועט איהר דען זיך דאַמיט צופרידענשטעלען?... וועט איהר זיך נאָך אלעמען פיהלען גליקליך מיט א קעניג?...

— יא, מיר וועלען זיין גליקליך מיט א קעניג!

— מיר ווילען א קעניג!

— מיר זיינען גרייט אויף אלעס, אבי מיר זאָלען האָבען א קעניג, וועלכער זאָל אונז האַלטען פעראייניגט און אונז בעפרייען פון דעם יאָך פון די פלשתים!

— א קעניג! א קעניג! — דאָס וואָרט האָט זיך ווי א כשוף צוטראָגען צווישען אלע פערזאַמעלטע.

— וועמען ווילט איהר פאַר א קעניג און פון וועלכען שבט זאָל ער זיין? — האָט שמואל געפרעגט די פאָרשטעהער פון גאַנץ ארץ ישראל.

— דו ביזט אונזער נביא און פיהרער, דאָס גאַנצע פאָלק האָט דיך ליעב און רעספּעקטירט דיך. דאריבער איז אונזער פערלאַנג אז דו זאָלסט אויסקלייבען פאַר אונז א קעניג... און וועמען דו וועסט זאָלבען פאַר א קעניג איבער אונז, וועט אלעמען געפעלען זיין, — האָבען די פערזאַמעלטע זיך אָפּגערופען צו שמואל'ן.

— גוט, — האָט שמואל געזאָגט, — איהר וועט האָבען א קעניג. יעצט קען זיך יעדער אומקעהרען צו זיין שטאָדט, און איך וועל לאָזען וויסען ווען צו קומען און צו שטימען פאַר דעם קעניג.

מיט גרויסע האָפנונגען און מיט צופרידענהייט זיינען די פאָרשטעהער אהיים געגאַנגען.

זיבען טעג האָט מען געפייערט דעם יום טוב פון "שערען די שאָף", אין קיש'ס הויז. צוזאַמען מיט די געסט האָבען זיך אלע שטאַרק משמח געווען. איינער איז אָבער געווען די גאַנצע צייט אומעטיג און אנגעשטויסען, און דאָס איז געווען שמעי בן גרא פון בחורים... ער האָט אַזוי פיעל האָפנונג געלעגט אויף דיזען מאָל, ער האָט זיך זעהר פיעל געגרייט צו דעם יום טוב. ער איז געווען

זיכער אז דעם יאהר וועט איהם געלינגען זיך דורכצורייידען מיט מיכל'ן, עפּעס פאר איהר זיין הארץ, ערקלעהרען איהר ווי שטארק ער ליעבט איהר... צום סוף אבער זעהט ער אז מיכל מיידט איהם גאר אויס... ווי נאר ער געהט צו צו איהר עפּעס ריידען, אזוי געפינט זי אן אויסרייד און געהט אוועק פון איהם... מיט אלעמען פארברייננגט מיכל, אבער נישט מיט איהם... א גרויסע שנאה האט ער יעצט געטראגען אויף פלטיאל'ן, דער זוהן פון ליש, ווייל ער האט איהם פיעלע מאל געטראפען שפּאצירענדיג מיט מיכל'ן און זיין שוועסטער מרים.

— יא, — האט זיך שמעי געטראכט, — גליקליך איז פלטיאל וואס ער האט א שוועסטער וועלכע איז מיכל'ס פריינדין און צוליעב זיין שוועסטער קריגט ער די געלעגענהייט צו פארברייננגען מיט דער שעהנער מיכל... ווען איך וואלט האבען אזא שוועסטער, וועלכע זאל זיין בעפריינדעט מיט מיכל'ן, וואלט איך שוין וויסען ווי אזוי צוצוקומען צו דער שטאלצער מיכל.

שמעי האט נישט געקענט בעשליסען צו מיכל איז פעראינטערעסירט אין פלטיאל'ן צי ניט... אמת, זי איז צו איהם פריינדליך... אבער דאס קען זיין איז, צוליעב זיין שוועסטער... ער האט נאכגעהיט און נאכגעקוקט אלע זייערע בעווע־גונגען און ער האט צו קיין בעשטימטען בעשלוס נישט געקענט קומען. דאך אבער איז זיין שנאה צו פלטיאל'ן נישט געמינערט געווארען... און בפרט, ווען ער פלעגט באמערקען ביים טיש אז ער ווארפט זיינע בליקען אויף מיכל'ן, אדער אז זי שענקט איהם מיט א בליק פון איהרע שעהנע אויגען, דאס פלעגט איהם אזוי שטארק ערגערען אז ער פלעגט שוין מעהר נישט קענען פארזוכען פון דעם עסען...

וועגען דעם פאסטוך פון טהאל, וואו ער האט געטראפען מיכל'ן זיך צוהערענדיג צו זיין שפּיעלען, האט ער שוין מעהר נישט געטראכט... ער האט דאך אויסגעפונען פון יונתן אז נישט דער פאסטוך האט ווען עס איז מיכל'ן געזעהן און נישט מיכל האט איהם געזעהן.

זי איז אהין געגאנגען, ווייל זי גלייכט מוזיק, האט ער בעשלאסען. און די האפנונג אז ער וועט נאך אריינקריגען די רייצענדע מיכל, איז איהם נאכדעם שטארקער געווארען... אבער יעצט קען ער איהר גארנישט פארשטעהען... ער פיהלט אז זי האלט נישט פון איהם... און ער קען נישט פארשטעהען פארוואס דאס איז אזוי... זאל עס זיין צוליעב דעם וואס זיין קרוב אבנר בן נר האט פון איהם אפּגעשפּאט אין איהרע אויגען... אבער וואס איז געווען פריהער איידער אבנר איז אנגעקומען? ... יא, מיט אבנר'ן פארברייננגט זי זעהר פיעל... אבער ערשטענס איז ער א סך עלטער פון מיכל'ן און ווידער האט ער דאך שוין א פרוי און מיכל וועט נישט וועלען זיין א צווייטע... פארוואס אבער מיידט זי איהם אויס? ... ער האט דאך איהר אויך געזאגט וועגען דעם וויינגארטען וואס זיין פאטער האט איהם אפּגעגעבען. ער האט איהר אויך דערצעהלט אז זיין פאטער איז זעהר רייך און אלעס וועט געהערען צו איהם, ווייל ער איז דער איינציגער יורש... און דאס אלעס האט אויף מיכל'ן נישט געווירקט...

— יונתן, — האט זיך שמעי איינמאל אפּגערופען צו איהם אין גרויס פארצווייפלונג — זאג מיר, איך בעט דיך, וואס איז די אורזאכע וואס מיכל זוכט מיר די גאנצע צייט אויסצומיידען, מיט וואס האב איך געגען איהר גע־זינדיגט? האסטו איהר פיליייכט דערצעהלט אז איך האב איהר איינמאל

נאכגעפאלגט?... דו ווייסט דאך אז איך האב דאס בלויז געטאהן צוליעב מיין גרויסע ליעבע צו איהר... נאר דו, מיין ליעבער פריינד, קענסט מיר אין דעם העלפען... רייד מיט דיין שוועסטער און זאג איהר, אז אויב זי וועט איינוויליגען מיין פרוי צו זיין, וועל איך שווערען אז איך וועל קיין צווייטע פרוי צו איהר נישט נעמען...

יונתן האט שמעי'ן אפגעמאסטען מיט זיינע בליקען און האט זיך אפגערופען לאכענדיג:

— פעהלט דיר דען מיידלעך אין דיין שטאדט, בחורים?... וואס ווילסטו האבען פון מיין שוועסטער, זי איז נאך יונג און קלערט נאך גארנישט פון אזעלכע זאכען... ניכטער זיך אויס פון דיין "ליעבע שכרות" און צייג פאר אלעמען א פרעהליכען פנים... ווייל דו ביזט דער איינציגער וועלכער צייגט ארויס א זויערע מינע אויף אונזער שמחה...

שמעי האט פון יונתן'ס רייד פארשטאנען אז אויף מיכל'ן האט ער נישט וואס צו האפען.. און נאך איידער דער יום טוב אין קיש'ס הויז האט זיך געענדיגט, האט ער אנגעגעבען אן אויסרייד, און פארלאזען גבעה...

קיינער האט שמעי'ס שנעלען אוועקגעהן נישט באדויערט, און מיכל איז געווען העכסט צופריעדען, וואס זי וועט מעהר נישט האבען ווער עס זאל היטען איהרע טריט.. זי האט איצט געווארט מיט גרויס אומגעדולד אויפ'ן טאג, ווען זייער יום טוב וועט זיך ענדיגען, און אלע איבעריגע געסט וועלען זיך צופאהרען צו זייערע שטעדט און דערפער, דאן וועט זי ווידער האבען א מעגליכקייט צו געהן אליין צו דעם פלאץ פון וואנען זי וועט קענען זעהן דעם שעהנעם פאסטוך, דוד, און הערען זיין וואונדערבארען שפיעלען...

זינט מיכל האט דוד'ן געזעהן, האט זי פון איהם נישט אויפגעהערט צו טראכטען... זיין געשטאלט האט די גאנצע צייט פארבייגעשוועבט איהרע אויגען... די זיסע טענער און מעלאדיען פון זיין הארפע האבען אפגעקלונגען אין איהרע אויערען... אין איהר הארצען האט א שטארקע בענקשאפט גענאגט... עס האט איהר געצויגען, גערופען צו איהם, אין טהאל...

ביינאכט ווען זי איז אין איהר בעטעל געלעגען האט זי אין איהר פארשטעלונגסקראפט געזעהן דעם יונגען, העלדישען דוד... זי האט געזעהן ווי ער האט איהר פארטיידיגט, ער האט איהר גערעטעט פון דעם פלשתי'ס הענד... זי האט געזעהן זיינע לעבליך שמייכלענדע און קלוגע אויגען... איהר דוכט זיך זי זיצט נעבען איהם אין טהאל, די ווייסע צארטע שעפעלעך פיטערען זיך רוהיג ארום... דאס קלארע לויפענדע וואסער וואס שטראמט צווישען די פעלזען שטיינער פלעשטשעט און באגלייט זיין שפיעלען... ער שפילט פאר איהר און זינגט איהר א ליעבעס ליד... עס ווערט איהר אזוי זיס, אזוי אנגענעהם... איהרע אויגען קלעפען זיך... זי לעהנט איהר קאפ אין זיין בוזים... ער גלעט איהר, צערטעלט איהר... ער דערצעהלט איהר ווי ליעב ער האט איהר... ער קושט איהר און דריקט איהר צו זיך...

אזוי טרוימט מיכל פון איהר העלדישען דוד... אזוי וועבט זי איהרע חלומות און פאנטאזיעס און פיהלט זיך זעהר גליקליך... ווען אבער זי ערוואכט פון איהרע טרוימערייען און נעמט זיך באקלערען ווער זי איז... פון וואנען זי שטאמט, איהר שבט איז דאך דער קלענסטער אין ישראל... איהר

משפחה איז אפילו נישט פון די ווינציגסטע אין שבט... טו ווי אזוי קומט זי צו איהם?... וועט ער, דער זוהן פון ישי, זיך גאר וועלען אומקוקען אויף איהר?... א טרויער באדעקט איהר פנים, אומעטיג ווערט איהר אויפ'ן האר־צען און עפעס א שווערקייט דריקט איהר אויף דער נשמה... זי שפרינגט אויף פון איהר בעטעל, און שפרייזט הין און צוריק איבער איהר צימער און איהר ליפען מורמלען:

— איך ליעב איהם! איך ליעב איהם!... ער איז מיינער, ער באַ־לאנגט צו מיר... ער האט מיר פון טויט גערעטעט, און מיין לעבען געהערט

פערטער קאפיטעל

די פארלוירענע עזלען.

די שמחה אין קיש'ס הויז איז דעם לעצטען טאג פארשטערט געווארען: עס איז געווען דער זיבעטער טאג פון דעם יום טוב פון וואַל שערען... די געסט האבען זיך פארזאמעלט אפצועסען דעם לעצטען מאלצייט און זיך גרייטען אהיים... קיש איז געווען גליקליך און צופריעדען; זינט ער האט אי־בערגעגעבען זיין זוהן, שאול'ן די שאף, האט נאך איין שעפעלע נישט גע־פעהלט... ער באטראכט מיט ליעבשאפט זיין זוהן און זיינע אייניקלעך, אלע זיינען גוטע, איבערגעגעבענע קינדער... אין שאול'ס הענט ליגט מזל ברכה, צו וואס ער נעמט זיך באגליקט ער.

שאול דערצעהלט פאר אלעמען וואס ער האט געהאט דעם יאהר אויס־צושטעהן פון די פלשתים'שע רויבער באנדעס, ביז וואנען עס איז איהם געלונגען זיי צו פארטרייבען פון דעם גאנצען געגענד ארום גבעה... יונתן ווינקט זיך איבער מיט מיכל'ן און שמייכעלט...

פלוצלונג האט זיך געעפענט די טיהר, און א יונג איז אריינגעקומען מיט א בייטש אין האנט... זיינע האר זיינען געווען צושויבערט, די אויגען צע־שראקענע, זיין פנים איז געווען בלאס, זיינע הענט און פיס האבען זיך גע־טרייסעלט און זיינע ליפען האבען געציטערט...

— וואס האט פאסירט?! — איז שאול אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ...

— איך האב די צעהן עזלען געטריבען פון פעלד אין שטאדט אריין — האט דער יונג מיט שרעק געזאגט — זיינען מיר אנטקעגען געקומען צוויי פלשתים און גענומען אפשפאטען און אפלאכען פון מיר... איך אבער האב זיך געמאכט נישט וויסענדיג, ווייל עס איז געווען נאך ווייט פון שטאדט און איך בין געווען איינער אליין אין פעלד, איך האב ווייטער געטריבען די אייז־לען... פלוצלונג האט איין פלשתי ארויסגעריסען דעם בייטש פון מיין האנט און גענומען שרעקליך שמייסען די עזלען... און דער צווייטער פלשתי האט זיי גענומען פארווארפען מיט שטיינער... די עזלען האבען זיך שטארק דער־שראקען און גענומען לויפען מיט א ווילדען אימפעט...

דער פלשתי האט מיר א' ווארף געטאהן דעם בייטש און מיט א הילכיגען געלעכטער זיך אפגערופען:

— נעם דעם בייטש און לויף כאפען דיינע "ברידער"...

איך האָב אויפגעהויבען דעם בייטש און גענומען לויפען אין דער ריכ־טונג, וואוהין די עזלען זיינען געלאָפען... אבער איך האָב באלד פארלאָרען דעם שפור... לאנג בין איך געלאָפען און זיי געזוכט אין אלע פלעצער אבער אומ־זיסט... איך האָב זיי נישט געפונען...

— צעהן פון די בעסטע עזלען ! — האט קיש אויסגערופען מיט זארג — יעדער פון זיי איז געווען ווערט מעהר ווי הונדערט שקלים... איך האָב דאך דיר אנגעזאָגט דו זאָלסט די עזלען נישט פיהרען פיטערען ווייט פון שטאָדט... האט ער זיך גענומען בייזערען אויף'ן יונג.

— עס איז ע... נישט געווען גאנץ ווייט פון שטאָדט — האט דער יונג געשטאמעלט — און אחוץ דעם האט מען דאך שוין אזוי לאנג נישט געזעהן קיין פלשתי אין אונזער געגענד אחוץ די עטליכע פלשתים, וועלכע שטעהן צוזאמען מיט'ן נציב אין אונזער שטאָדט... און יענע לאזען דאך אונז דער־וייל צורוה...

— אז דו ביזט א פייגלינג, און דו ציטערסט פאר א פלשתי, האסטו גע־דארפט האָבען מעהר שכל און פיטערען די עזלען נעבען שטאָדט — האט קיש איהם ווידער געזאָגט — נאָהענט צום שטאָדט וואלטען די פלשתים נישט געוואגט צו קומען, און אפילו ווען זיי וואלטען דאָרט יע צו געקומען וואלסטו דאך געקענט רופען צו הילף...

— זארג זיך נישט, פאָטער, — האט זיך שאול אפגערופען, — איך וועל די עזלען אויפזוכען!... קום! — האט ער זיך אפגערופען צום יונג — לאָמיר אריין אין שטאל און נעמען צוויי פערד און מיר וועלעןביידע אוועק־רייטען זוכען די עזלען...

— עס ווערט דאך שוין באלד טונקעל — האט זיך אהנעם אפגערופען צו איהר מאן — ווארט שוין ביז מאָרגען גאנץ פריה...

— אויב מיר זאָלען ווארטען ביז מאָרגען, וועלען מיר די עזלען געוויס נישט געפונען... מיר מוזען זיך צואיילען — האט שאול געזאָגט.

— איך וויל אויך מיטרייטען — האט זיך יונתן אפגערופען — איך וועל העלפען זוכען די עזלען... איך ווייס אלע וועגען זעהר גוט...

— ניין, מיין זוהן, — האט איהם שאול געענטפערט, — דו מוזט בלייבען אין הויז, ווייל טאָמער פארזאמען מיר זיך, וועסטו מוזען ארויסגעהן מאָרגען גאנץ פריה מיט די שאף אין פעלד.

שאול האט גענומען זיין פייל און בויגען און דער יונג האט מיטגענומען שפייז און ביידע האָבען זיך געזעצט אויף זייערע פערד און אין אן אויגענ־בליק פארשוואונדען געווארען פון די אויגען פון שאול'ס הויזגעזינד וועלכע זיינען ארויסגעגאנגען צו באגלייטען זיי....

נאָכדעם ווי שמואל האט פאנאנדערגעשיקט די אידישע פארשטעהער, יעדען צו זיין היים, האט ער גענומען ארומפאָהרען אין די ארומיגע שטעדט־לאך זוכען א מאן וועלכער זאָל זיין פעהיג און פאסיג צו ווערען קעניג איבער אלע שבטים... ער האט געזוכט א מאן וואס זאָל באזיצען דיעזע מעלות : ער דארף זיין גאָטספארכטיג, שעהן, העלדיש, בראוו און קלוג. ווען ער האט אנגע־

טראָפען א מאַן וועלכער האָט אויסגעזעהן פּאַסיג, האָט ער איהם מקרב גע־וועזן און זיך מיט איהם פאַנאַנדערגערעדט אָבער ווי נאָר ער האָט אויסגעפונען אז יענער איז נישט ראוי צו זיין א מלך איבער די אידען, האָט ער איהם באלד פארלאָזען און געגומען זוכען א צווייטען...

עטליכע וואָכען האָט שמואל אזוי ארומגעוואַנדערט איבער די שטעדט און דערפער... קיינער האָט נישט געוואוסט דעם צוועק פון זיין קומען און זיין אוועקגעהן... איבעראַל האָט ער געקראָגען א זעהר פיינע אויפנאַהמע... די "בני הנביאים" פלעגען קומען אין שטאָדט פאַראויס און אַנזאָגען אז דער "געטליכער מאַן" קומט אָן, און באלד פלעגען די עלטסטע פון שטאָדט איהם קומען אנטקעגען, און נאָך זיי אלע איינוואוינער פון שטאָדט... שמואל האָט געהאַט א געלעגענהייט צו באַטראַכטען יעדען איינציגען מאַן באזונדער, אָבער קיינער פון זיי איז איהם נישט געפעלען. ער האָט באַשלאָסען זיך צוריקקעה־רען נאָך זיין שטאָדט רמה, זיך אָפּצורוהען, כדי ער זאָל נאָכהער קענען ארומ־רייזען אין די ווייטערע שטעדט פון ארץ ישראל.

שאול און זיין יונג האָבען געזוכט די פארלאָרענע עזלען אומעטום... זיי האָבען נאָכגעפרעגט ביי יעדען וועמען זיי האָבען אויפ'ן וועג באַגעגענט. אָבער זיי האָבען קיין שפור פון די עזלען געהאַט. צוויי טעג האָבען זיי פארבראַכט אין זוכען, און אויפ'ן דריטען טאָג האָט זיך שאול אָפּגערופען צום יונג:

— לאָמיר זיך אומקערען אהיים. קיין זוכען וועט שוין מעהר נישט העל־פען... אָבער אז מיר וועלען זיך פארזאַמען עטוואָס לענגער, וועט מען אין הויז אויפהערען צו זאָרגען וועגען די עזלען, און אָנפאַנגען זאָרגען וועגען אונז.

— מיר זיינען איצט נישט ווייט פון שטאָדט רמה — האָט דער יונג זיך אָפּגערופען צו שאול'ן — און דאָרטען וואוינט דער "געטליכער מאַן", שמואל. לאָמיר צו איהם אריבערגעהן און זיך נאָכפרעגען וועגען די עזלען. ער וועט געוויס זאָגען וואָס צו טהאָן, און וואו זיי צו זוכען...

— אָבער מיר קאָנען דאָך ניט קומען צום נביא מיט ליידיגע הענט — האָט שאול געזאָגט — די שפּייז וואָס מיר האָבען מיטגענומען האָט זיך שוין געענדיגט. און געלט האָב איך מיט זיך אין גרוים איילעניש, ניט מיטגענומען.

— איך האָב ביי זיך א פערטעל שקל — האָט דער יונג געזאָגט, קום, לאָמיר געהן, מיר וועלען דאָס איהם געבען און ער וועט אונז שוין אלעס זאָגען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָהענט צום שטאָדט, האָבען זיי אויפ'ן וועג באַגעגענט עטליכע מיידלעך, וועלכע זיינען געגאַנגען, מיט קריג אויף זייערע שולטערען, צו שעפּען וואַסער פון ברונים, וואָס געפינט זיך הינטער'ן שטאָדט.

— קענט איהר מיר פּיליכט זאָגען צו געפינט זיך איצט דאָ אין שטאָדט דער נביא שמואל — האָט שאול געפרעגט די מיידלאך.

— געוויס קאָנען מיר דיר זאָגען — האָט זיך איינע פון זיי אָפּגערופען — ווער ווייס דאָס נישט וועגען דעם געטליכען מאַן... צו דיין גליק האָט ער זיך גראָדע היינט צוריקגעקעהרט פון זיין רייזע... אלע עלטסטע פון שטאָדט מאַכען א גרויסען מאָלצייט לכבוד זיין צוריקקעהרען זיך... ווייל שמואל איז ביי אלעמען זעהר באַליעבט און געאַכטעט....

— אז דו וועסט קומען אין שטאדט — האט זיך א צווייטע מיידעל אפּגערופען — און אז דו וועסט ווען עס איז א פרעג טאהן וועגען שמואל'ן, וועט מען דיר גלייך ציינען וואוהין צו געהן.... זעהר א שעהנע שטאדט, אונזער רמה... מיר שעצען זיך טאקע גליקליך אז אזא געטליכער מאן ווי שמואל וואהנט אין אונזער שטאדט... צוליעב איהם קומען אן אהער אלע חשוב'ע לייט פון גאנץ ארץ ישראל... דו ביזט געווים איינער פון זיי...

— דו דארפסט גארנישט געהן צו איהם אין הויז, דו דארפסט בלויז צוגעהן צו דער במה, דארטען וועט ער זיכער באלד אנקומען, ווייל קיינער פאנגט ניט אן צו עסען כל זמן דער געטליכער מאן קומט ארויף און גיט זיין ברכה — האט א דריטע מיידעל געזאגט.

— מיין פאטער איז איינער פון די געסט, וועלכער איז איינגעלאדען צום מאלצייט... ער זיצט אלעמאל ביי שמואל'ס טיש — האט זיך אנ'אנדער מיידעל גע'חנ'דעלט צו שאול'ן... מיין פאטער'ס נאמען איז...

די מיידלעך זיינען געווען אזוי ענטציקט פון שאול'ס שעהנעם, הויכען און שלאנקען אויסזעהן, אז יעדע פון זיי האט געזוכט א געלעגענהייט מיט איהם עפּעס צו ריידען...

שאול איז געשטאנען ווי צוטומעלט... יעדע איינע פון די מיידלעך האט גערעדט אבער צו קיין טאלק איז ער נאך אלץ נישט געקומען.

— איהר האט דאך מיר אבער נישט געצייגט אויף וועלכען וועג זיך צו פארנעהמען צום שטאדט ? — האט זיך שאול אפּגערופען מיט א שמייכעל.

— אט קום, וועלען מיר דיר ציינען ! — האבען זיך אלע מיט אמאל אפּגערופען — און האבען זיך גלייך אומגעקערט צו ציינען שאול'ן און זיין יונג דעם וועג.

— דו וועסט ארויפגעהן אויף דעם בארג, נאכהער וועסטו זיך פערנעמען רעכטס. און דאן וועסטו זעהן א גרויסע הויז, דאס איז מיין פאטער'ס הויז — האט זיך די ערשטע מיידעל ווידער אפּגערופען — פון מיין הויז וועט מען דיר שוין ציינען וואוהין צו געהן. דו קענסט אויך איבערלאזען דיינע פערד ביי אונז, ווייל מיר האבען גענוג היי און האבער פאר זיי... עס פּאסט דאך נישט צו קומען צו דער במה מיט פערד... און אויב דו ביזט מיעד פון וועג וועסטו קענען אויך מיט דיין בעדיענער נעכטיגען אין אונזער הויז... מיר האבען זעהר פיעל פּלאץ...

שאול האט די מיידלאך באדאנקט פאר זייער פריינדליכקייט און זיך קוים פון זיי אפּגעטשעפּעט...ביידע האבען שנעל א טרייב געטאהן זייערע פערד און אנגעקומען אין שטאדט...

— דארט געהט אן אלטער מאן — האט שאול געזאגט צו זיין יונג, און אראפּגענידערט פון זיין פערד — ער זעהט אוים צו זיין זעהר א וויכטיגער מאן און ער מוז געווים קענען דעם נביא. דו שטעה דא מיט די פערד און איך וועל צו איהם אריבער געהן און איהם פרעגען וועגען דעם "געטליכען מאן".

שאול איז צוגעגאנגען צום מאן און האט זיך פאר איהם פארנייגט.

— שלום ! — האט איהם דער אלטער געזאגט — פון וואנען קומסטו עס אן.

— איך קום פון גבעה, פון דעם לאנד בנימין, קענסטו מיר פילייכט זאָ־גען וואו איך קען געפינען דעם נביא, שמואל'ן?

— און צו וואס דארפסטו דעם נביא, מייז קינד? — האט איהם דער אלטער צערטליך געפרעגט.

— ביי מיין פאטער זיינען פארלארען געגאנגען צעהן אייזלען און עס איז שוין דער דריטער טאג, ווי איך און מיין באגלייטער זוכען זיי ארום און מיר געפינען זיי נישט... מיר האבען געהערט אז אין דיעזער שטאדט געפינט זיך דער "געטליכער מאן", וואלטען מיר וועלען זיך מיט איהם זעהן און איהם פרעגען; ער וועט אונז זיכער זאגען וואס צו טאהן....

— קענסטו מיר פילייכט זאגען אויך וואס פאר אן אופן זיינען דיין פאטער'ס אייזלען פארלארען געגאנגען?

— געוויס, מיין האר! מיר האבען געפייערט אין אונזער הויז דעם יום טוב פון שערען די שאף. מיר האבען די עזלען איבערגעגעבען אין די הענט פון דעם יונג. ער זאל זיי פיטערען אין פעלד הינטערען שטאדט... צוויי פלשתים האבען איהם אויפ'ן וועג געטראפען, זיי האבען פון זיינע הענט דעם בייטש ארויסגעריסען און גענומען שמייסען די אייזלען וועלכע האבען זיך שטארק דערשראקען און אנטלאפען... ווען איך אליין וואלט דאן געפי־טערט די אייזלען וואלט אזא זאך זיכער נישט פאסירט... די פלשתים ציטערען פאר מיר... זיי פלעגען ווייכען פון יענעם געגענד, נישט איינמאל האבען זיי פון מיר געבאפט גרויסע מפלות... זיי האבען זיך אבער מסתמא דער־וואוסט אז איך געפין זיך אין שטאדט, דעריבער האבען זיי זיך ווידערגענומען באוויזען הינטערען שטאדט.

— איז דיר אויסגעקומען פיעלע מאל צו קעמפען מיט איינצעלנע פלשתים? — האט איהם דער אלטער מאן ווידער געפרעגט.

— נישט נאר מיט איינצעלנע נאר מיט גאנצע באנדעם זייערע. איינ־מאל, ווען איך האב געפיטערט מיינע שאף אין פעלד זיינען צוגעקומען צו מיר א באנדע פון פינף פלשתים און געפאדערט איך זאל זיי אפגעבען פינף שעפסען... מיין כעס האט אין מיר געברענט פאר זייער חוצפה, איך האב זיי אזוי שטארק צושלאגען מיט מיין שטעקען, אז זיי זיינען קוים מיט'ן לעבען אנטלאפען... זינט דאן האבען זיי זיך שוין מעהר נישט באוויזען אין אונזער געגענד...

— נו, זארג נישט מיין זוהן וועגען די אייזלען, קום מיט מיר, איך בין דאס דער מאן וועמען דו זוכסט, איך בין שמואל — רוף צו דיין יונג און מיר וועלען צוזאמען געהן צו דער במה, ווייל די געסט ווארטען שוין...

שאול איז געבליבען אין פארלעגענהייט, ער האט דאך גראדע אנגעטרא־פען דעם געטליכען מאן און מיט איהם גע רעדט, און איצט לאדעט ער איהם אייז צום מאלצייט... ער איז ערשטוינט געווארען פון די גוטסקייט און צערט־ליכקייט וואס דער נביא צייגט איהם ארויס.

ער איז מיט זיין יונג נאכגעגאנגען שמואל'ן, און ווען זיי זיינען צוגע־קומען צו דער במה, זיינען די עלטסטע גלייך אנטקעגען געקומען דעם נביא און איהם ווארעם באגריסט.

דיעזע צוויי מענער וועלען עסען מיט אונז ביי איין טיש — האט שמואל

געזאגט — און אנגעצייגט שאול'ן א פלאץ נעבען זיך...

— פאר דעם מאן וואס זיצט נעבען מיר, זאלסטו געבען דעם גרעסטע און בעסטע חלק — האט שמואל אריינגערוימט אין אויער פון דעם אויפ־זעהער פון מאלצייט... ווייל ער איז זעהר א חשוב'ער גאסט...

שאול איז געזעסען נעבען שמואלן ווי צומישט און פערווירט; ער האט נישט געקענט פערשטעהן וואס דא קומט פאר מיט איהם... נאך מעהר צוטומעלט איז ער געווארען ווען ער האט בעמערקט די בליקען פון די פערזאמעלטע זיינען געווענ־דעם אויף איהם... און ווען מען האט איהם דערלאנגט דעם שעהנסטען און דעם בעסטען חלק איז צו זיין ערשטוינונג גאר קיין גרעניץ נישט געווען...

— אפשר מאכט דער נביא א טעות? — האט זיך שאול געטראכט — ער גלויבט פיעלייכט אז ער, שאול, איז גאר אן אנדער פערזאן, ווענען שמואל זוכט צו עהרען...

ער וויל זיך אויפהויבען פון זיין פלאץ און ערקלערען שמואל'ן זיין טעות... אבער ער קען זיך נישט ריהרען פון ארט... ווי צוגעשמידט צו זיין פלאץ זיצט ער... זיין פנים איז רויט און זיינע אויגען ארונטערגעלאזען...

נישט וויניגער האבען געשטוינט די "קרואים"... (פערזאמעלטע געסט) — ווער קען ער עס זיין, דער הויבער שעהנער מאן, ווענען שמואל טוט אן אזא גרוי־סען כבוד — האבען זיי זיך איינער דעם אנדערען שטילערהייט געפרעגט... קיינער האט אבער נישט געוואוסט צו ענטפערען... מען האט געקוועטשט מיט די פלייצעס, געשאקעלט מיט'ן קאפ און נאך אמאל געווארפען זייערע בליקען אויף דעם חשוב'ען גאסט און אויף זייער אלטען נביא...

נאך'ן מאלצייט האט שמואל איינגעלאדען שאול'ן צו זיך אהיים. די עלטסטע פון רמה זיינען ארויסגעגאנגען בעגלייטען שמואל'ן... זיי האבען געגלויבט אז ער וועט פיעלייכט זיי ענדעקען ווער דער וויכטיגער גאסט איז... פרעגען איהם האט קיינער נישט געוואגט... און ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם נביא'ס הויז, האט ער זיי בלויז געזאגט: "שלום"! און זיי פאנאנדערגעשיקט, יעדען צו זיין געצעלט.

— קום ארויף מיט מיר אויף'ן דאך פון מיין הויז — האט שמואל געזאגט צו שאול'ן — דארט איז יעצט קיהל און קיינער וועט אונז נישט שטערען, דיין יונג קען בלייבען אונטען...

שמואל און שאול זיינען ארויפגעגאנגען אויף דעם דאך: זיי האבען זיך געזעצט אויף די בענקלאך וואס זיינען דארט געשטאנען.

— איך האב מיט דיר זעהר וויכטיגעס צו ריידען — האט זיך שמואל אפגע־רופען נאך א קליינע פויזע...

— אבער מיין האר — האט זיך שוין שאול געגנועט ווטה און געזאגט — די מאכסט פיעלייכט אטעות...איך בין זיכער אז איך אב אזא גרויסען כבוד פון דיר נישט פערדיענט... איך בין אהער געקומען צופעליג, צוליעב די פערלארענע אייזלען...

וועגען די פערלארענע אייזלען האסטו נישט וואס צו זארגען — האט איהם שמואל געזאגט — זיי זיינען שוין געווים געפונען געווארען... און ווען אפילו זיי וואלטען זיך נישט געפונען, דארפסטו זיך אויך נישט נעהמען צום הארצען... ווייל צו ווענען דען געהערט דאס טייערסטע און בעסטע פון גאנץ ישראל, אויב נישט צו דיר און צו דיין הויז געזינט?...

— מיין פאמיליע איז אפילו נישט פון די רייכסטע פון דעם ארימסטען שבט בנימין. טו ווי אזוי קומט צו מיר דאס טייערסטע און בעסטע פון גאנץ ישראל? האט שאול געזאגט.

— וועגען דעם וועלען מיר שפעטער ריידען — האט איהם שמואל געענט־פערט — יעצט, אבער, וויל איך זיך מיט דיר אן עצה האלטען... דו ווייסט דאך גאנץ גוט די יעצטיגע טרויעריגע לאגע פון גאנץ ישראל... די פלשתים פון מערב, די עמונים פון מזרח, דריקען און רודף'ן די אידען... די שבטים זיינען נישט פער־אייניגט; יעדער זארגט נאר פאר זיך... און אויב עס זאל אזוי ווייטער אנגעהן, וועט קיין געדעכענים בלייבען פון גאנצען אידישען פאלק אין ארץ ישראל... אין דער צייט ווען די שבטים זיינען געווען מעהר אדער ווייניגער פער־אייניגט, פלעגען די פלשתים נישט וואגען זיך מיט אונז אנצופאנגען... יעצט אבער דרינגען זיי אריין אין אונזערע שטעדט... זייערע נציבים געפינען זיך כמעט אין יעדער גרויסער שטאדט... זיי דערלאזען נישט די אידען זיך צו בענוצען מיט געוועהר... זיי שפאטען און לאכען אפ פון אונז און זיי זוכען אונז צו בעלעסטיגען ווי וויט זיי קענען... יעצט זאג מיר דאך, שאול, וואס גלויבסט זאל געטהאן ווערען אום צו פערמיידען דעם גרויסען אומגליק וואס רוקט זיך אן אויף אונז?...

— די ערשטע זאך, לויט מיין מיינונג, דארף מען זעהן אויסצוראטען דיא געצענדינעריי פון צווישען פאלק... אויך די מכשפים און מכשפות, וועלכע פער־פיהרען דעם אומוויסענדען המון... פיעלע פון אונזערע ברידער פערלאזען גאט, וועלכער האט אונז אויסגעלייזט פון מצרים און אונז געבראכט אין דעם לאנד פון "מילך און האניג", און זיי ווענדען זיך צו די מכשפים וועלכע פראקטיצירען "אוב" און "ידעונים"... זיי טוען נאך די כנענים און ערוויטערען זיך פון אונזער תורה... ווען די כשוף מאכעריי וועט פערניכטעט ווערען, דאן וועט זיין גרינגער צו פעראייניגען די שבטים... און דאן, זאלסטו, געטליכער מאן, זעהן אויסקלייבען העלדישע און בראווע לייט פון יעדען שבט און פעראייניגען זיי אין איין ארמיי, וועלכע זאל, אונטער א הויפט, מלחמה האלטען מיט אונזערע שונאים...

— איך בין אבער שוין אלט און שוואך, שאול — האט שמואל געזאגט — דאס פאלק דארף האבען יונגע קרעפטען... דאס פאלק וויל א קעניג וועלכער זאל זיין יונג און שטארק... א קעניג, וועלכער וועט זיי אלעמען פעראייניגען, וועלכער וועט זיי פיהרען אין די מלחמות מיט די שונאים...

— יע, — האט שאול אויסגערופען — דאס פאלק איז גערעכט! נאר א קעניג וועט קענען ראטעווען די שבטים פון דיזער טרויעריגער לאגע... וואו געפינט זיך אבער צווישען אונז אזא העלד וועלכער זאל ווערטה זיין צו ווערען דער אידישער קעניג!...

— איך האב שוין אזא מאן געפונען! — האט שמואל געזאגט.

ווער איז ער, פון וועלכען שבט שטאמט ער?, איז שאול נייגעריג געווארען.

— דיר האט גאט אויסדערוועהלט צו זיין קעניג איבער ישראל! — האט זיך שמואל אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ.

שאול איז אזוי צוטומעלט געווארען פון שמואל'ס ווערטער, אז ער האט צום אנפאנג גארנישט פארשטאנען וואס מיט איהם קומט פאר, און ווען ער איז צו זיך געקומען האבען איהם אין זיינע אויערען געקלונגען דעם נביא'ס ווערטער: "דיר האט גאט אויסדערוועהלט צו זיין קעניג איבער ישראל"...

— ווער בין איך, א געטליכער נביא, וואס דו רעדסט צו מיר אזוי?! — האט שאול געזאגט מיט אן ארונטערגעבויגענעם קאפ — מיין שבט איז דער קלענס־טער פון אלע אידישע שבטים און מיין משפחה איז די פּשוט'סטע פון אלע משפחות פון שבט בנימין...

— אבער דו ביזט דער אויסדערוועהלטער פון גאט! ער האט דיר גראדע יעצט געשיקט צו מיר... איך זעה דיך אלס דעם פּאסיגסטען מאן אין גאנץ ארץ ישראל... נעכטיג איבער ד נאכט אין מיין הויז און מארגען גאנץ פריה ועסטו געהען אהיים, איך וועל דיר בעגלייטען ביז הינטערן שטאדט און אויף'ן וועג וועל איך דיר זאגען וואס דו זאלסט טאהן...

שאול און זיין יונג האבען גענעכטיגט אין שמואל'ס הויז. שאול האט אבער יענע נאכט נישט געשלאפען: דער גרויסער גליק וואס האט איהם פּלוצלונג, אזוי אונערווארטעט געטראפען האט איהם אזוי איבערראשט און צוטומעלט אז עס האט איהם לאנג גענומען ביז ער האט געקענט קאנצענטרירען זיינע געדאנקען...

גאנץ פריה איז שמואל אויפגעשטאנען און ווען ער איז אריין צו שאול'ן אין צימער, איז ער שוין אויך געווען אנגעטהאן...

שמואל האט גענומען א קליינעם קריגעלע בוימאייל און זיך אפּגערופען צו שאול'ן: וועק אויף דיין יונג, און איהר וועט געהן אייער וועג... קיינעם זאלסטו דערווייל נישט דערזעהלען וואס צווישען אונז ביידען איז פארגעקומען... איך וועל דיר בעגלייטען ביז הינטערן שטאדט.

שאול האט אויפגעוועקט זיין יונג, וועלכער איז אויך געווען שטארק אי־בערראשט פון דער פיינער און ווארימער אויפנאמע וואס דער נביא האט זיי ביידן געגעבען. און אלע דריי זיינען אוועקגעגאנגען הינטערן שטאדט.

— דו פיהר ביידע פערד — האט שאול געזאגט צו זיין יונג — ווייל דער נביא דארף מיט מיר עפּעס ריידען.

זאל דיין יונג געהן א פריהער — האט שמואל איהם געזאגט — דו וועסט איהם נאכהער אניאגען.

שאול האט א וואונק געטהאן צו זיין יונג, און יענער האט גענומען די צוויי פערד און איז אוועק אפריהער, א היבשען מרחק פון זיי.

— בלייב דא איבער מיט מיר — האט שמואל געזאגט צו שאול'ן און האט ארויסגענומען פון זיין קעשענע דעם קליינעם קריגעלע בוימאייל.

שמואל האט זיך געשטעלט אויף א שטיין און צוגערופען שאול'ן צו זיך. שאול איז צו איהם צוגעגאנגען און שמואל האט זיך אפּגערופען, בויג איין דיין קאפּ, דו אויסדערוועהלטער פון גאט.

שאול האט אזוי געטהאן און שמואל האט אויפגעהויבען דעם קריגעלע, געגאסען די בוימאייל אויף שאול'ס קאפּ און געזאגט: „גאט האט דיר געזאלבט פאר א קעניג איבער גאנץ ישראל... זיי בראוו און מוטהיג, ווייל דער בעשעפער פון דער וועלט איז מיט דיר... ער וועט דיר העלפען אין אלע דיינע מלחמות מיט די שונאים פון ישראל... יעצט געה אהיים און אין זיעבען טעג ארום וועל איך זיך מיט דיר טרעפען אין גלגל... דארטען וועל איך דיר זאגען אלעס וואס דו זאלסט טהאן".

שמואל האט שאול'ן א קוש געטהאן אויף'ן שטערען און זיך מיט איהם

געזעגנט, איהם נאכאמאל אנגעזאגט קיינעם נישט צו דערצעהלען וועגען דעם וואס שמואל האט מיט איהם גערעדט און ער האט זיך אומגעקעהרט אהיים, אין רמה.

שאול האט אנגעיאגט זיין יונג. ער האט זיך געזעצט אויף זיין פערד און ביידע האבען שנעל אוועקגעריטען.

צוקומענדיג צו זיין שטאדט גבעה, האט שאול בעמערקט א קאמפאני פון די בני הנביאים, זאגען נביאות און זינגען מיט התהלבות...

ער האט גלייך אראפגענידערט פון זיין פערד און זיך אנגעשלאסען אן זיי... שאול איז אריינגעפאלען אין אזא רעליגיעזען עקסטאז, אז ער האט גענומען זינ־גען מיט נאך א גרעסערען התלהבות ווי די בני הנביאים. "א ישועה וועט קומען אויף גאנץ ישראל" — האט שאול גענומען זאגען נביאות...

פיעלע מענשען פון גבעה וועלכע האבען גוט געקענט שאול'ן, האבען זיך אפגערופען איינער צום צווייטען מיט פערוואונדערונג:

— גיעב נאר א קוק און זעה וואס איז געווארען פון קיש'ס זוהן!

— שאול איז שוין אויך געווארען א נביא!...

— וואס זאגסטו אויף איהם, ער האט פערלארען זיין פאטער'ס שאף און זיך גאר אנגעשלאסען אן די בני הנביאים.

— עס איז ניטא ווער זאל לאכען... דער זוהן פון קיש איז גאר א נביא...

— נו, און ווער מיינט איהר, זיינען דאס די פאטער'ס פון די נביאים? אויך פשוט'ע ערד ארבייטער... — האט זיך א זייטיגער אריינגעמישט — די נבואה דארף מען נישט ירש'נען פון די עלטערען. פאר וואס קען שאול נישט זיין קיין נביא.

"שאול איז אויך א נביא!" — האבען זיך אלע פאנאנדערגעלאכט... דער־ווייל איז אנגעקומען שאול'ס אנקעל, נר און ער האט זיך אויך שטארק פער־וואונדערט.

— פון וואנען קומט איהר אן און וואס טוט איהר דא — האט ער געפרעגט שאול'ן מיט זיין יונג.

— מיר זיינען געגאנגען זוכען די אייזלען — האט שאול איהם געענטפערט

— און ווען מיר האבען זיי נישט געפונען, זיינען מיר אוועק צו דעם נביא שמואל'ן פון רמה.

— און וואס האט ער אייך געזאגט — האט איהם נר געפרעגט — ער האט אונז געזאגט אז די אייזלען זיינען שוין געפונען געווארען...

אויף'ן צווייטען טאג, נאכדעם ווי שאול און זיין יונג זיינען אוועק זוכען די אייזלען, איז געקומען פלטיאל דער זוהן פון ליש צוריק נאך גבעה, טרייבענדיג די צעהן פערלארענע עזלען צו דעם הויז פון קיש.

די עזלען זיינען דא! די עזלען זיינען דא! — האט מיכל אויסגעשריען, — און באלד זיינען אלע ארויס פון הויז און האבען דערזעהן די עזלען געטריבען פון פלטיאל'ן.

— מיין קינד, — האט זיך קיש צו איהם אפגערופען מיט שמחה — ווי אזוי האסטו געפונען די עזלען?

— ווען איך האב נעכטען געפיטערט מיינע שאף לעבען גלים האב איך

פון ווייטען בעמערקט עולען פיטערענדיג זיך אין טהאל... איך האב געזוכט דעם פאסטוך פון די עולען. אבער איך האב נישט געפונען... איך בין צוגעגאנגען עט־וואס נעהענטער און איך האב זיי איבערגעצעהלט און זיי זיינען געווען צעהן... איך האב באלד פערשטאנען אז דאס מוזען זיין אייערע פערלארענע עולען... איך האב געטריבען צוזאמען מיט מיינע שאף צו מיר אהיים, אין גלים, און איבער־לאזענדיג מיינע שאף, אין גלים, האב איך זיך פערנומען מיט די עולען נאך גבעה...

— געבענשט זאלסטו זיין צו גאט, מיין זוהן — האט דער אלטער קיש געזאגט צו פלטיאל׳ן — דו האסט אונז אומגעקעהרט די גרויסע אבדה וואס מיר האבען געהאט.

—שאול וועט דערווייל אומזיסט ארומוואנדערען איבער די שטעדט און שטעדטלאך זוכען די עולען — האט אחנעם געזאגט מיט זארג.

— איך האב אבער מורא — האט אחנעם זיך אפגערופען — אז שאול זאל נישט זוכען אויסצולאזען זיין כעס אויף די פלשתים ווענען ער וועט בעגעגע־נען אין וועג... און דערפון קען ארויסקומען אן אומגליק... ער האט דאך ביי זיך קיין געוועהר נישט, און דער יונג וועלכער בעגלייט איהם איז דאך א פחדן... ווען ער וועט דערזעהן עטליכע פלשתים וועט ער אנטלויפען און איבערלאזען שאול׳ן אליין...

— דו דארפסט וועגען דעם נישט זארגען, אחנעם, — האט איהם קיש ענ־זאגט — שאול ווייס ווי צו פערמיידען אן אומגליק... די איינציגע זאך איז וואס דערווייל ווערען די שאף פערנאכלעסיגט... יונתן קען מיט די שאף ווייט נישט אוועקגעהן און די פאשע איז א סך בעסער הינטערן שטאדט...

ווען נאך צוויי טעג זיינען פאריבער און שאול האט זיך נאך אלץ נישט צוריקגעקעהרט, איז שוין קיש אליין אויך געווארען שטארק בעזארגט. אבער ער האט עס נישט געוואלט ארויסצייגען פאר זיין שנור, אחנעם. ער האט צוגערופען מרב׳ן און מיכל׳ן און זיך צו זיי אפגערופען: קומט מיינע קינדער, לאמיר א שפאציער טהאן הינטערן שטאדט, פיעלייכט וועלען מיר אויך בעגעגנען אייער פאטער...

לאנג האט דער זיידע געשפאצירט מיט זיינע אייניקלאך הינטערן שטאדט, זיי האבען געקוקט פון אלע זייטען צו זעהן אויב שאול קומט אן. ווען אבער זיי האבען איהם נישט געזעהן, האבען זיי זיך צוריקגעקעהרט אין גבעה... און זיי זיינען צוגעקומען צום הויז און האבען דערקענט די פערד...

— דער פאטער איז שוין דא אין דערהיים! — האט מרב אויסגערופען. זיי זיינען אלע גלייך אריין אין הויז און זיך ארומגעבאפט מיט שאול׳ן...

— דו האסט אזוי לאנג געזוכט די עולען און זיי זיינען געווען דא — האט מיכל געזאגט, קושענדיג איהר פאטער.

— איך האב שוין אבער נעכטען געוואוסט אז די אייזלען האבען זיך גע־פונען — האט שאול געזאגט מיט א שמייכעל.

— פון וואנען האסטו עס געוואוסט? — האט איהם קיש געפרעגט. — שמואל דער נביא האט עס מיר געזאגט — ער איז זעהר א וואוילער מאן דער אלטער נביא... ער האט מיר מיט דעם יונג גאנץ פיין עמפפאנגען אין רמה...

מיר האבען ביי איהם גענעכטיגט און ער האט נאך מיר ארויסבעגלייט פון שטאדט...

— און ווי זעהט ער אויס, דער גוטער נביא? — האט מיכל איהם געפרעגט.

— זיין פנים איז געטליך און זיינע רייד זיינען זיס און אנגענעהם...

— א פאטער, איך וואלט איהם זעהר גערן געוואלט זעהן, דעם געטליכען נביא!... וועסטו מיר אמאל מיטנעהמען אין רמה?...

— דו וועסט איהם שוין זעהן, מיין טאכטער — האט שאול געגלעט מיכל'ן איבערן קאפ...

אין זיעבען טעג ארום איז שוין שאול געווען אין דער שטאדט גלגל נעבען דער במה, וואו ער האט געווארט אויף שמואל'ן.

באלד איז אנגעקומען שמואל און מקריב געווען אויף דער במת א קרבן שלמים... ער האט פאנאנדערגעשיקט די עטליכע מענשען וועלכע זיינען געווען ביי דער במה און זיך אפגערופען צו שאול'ן:

— יעצט קענען מיר ריידען אונגעשטערט; איך האב פערווּפען א פאלקס פערזאמלונג אין מצפה אין צוויי וואכען ארום. דו וועסט דארטען קומען מיט דיין גאנצע משפחה און איך וועל דיר פארשטעלען פאר'ן פאלק אלס דער אויס־דערוועהלטער פון גאט... שטארק זיך און קרעפטיג זיך ווייל גאט איז מיט דיר, און אויב דו וועסט טאהן אלעס וואס אונזער תורה האט פערזאגט, דאן וועסטו זיין גליקליך און צוזאמען מיט דיר — דאס גאנצע פאלק... דו זאלסט זיך פאר קיינעם ניט שרעקען... אלע דיינע פערזאגען וועלען מוזען אויסגעפאלגט ווערען, ווייל דו ביזט דער הערשער פון גאנץ ישראל...

די נייעס אז שמואל האט אויסגעקליבען א קעניג פאר אלע שבטים האט זיך בליץ שנעל פערשפרייט איבער גאנץ ארץ ישראל... און די פארשטעהער פון יעדען שבט און פון יעדער משפחה פון שבט, האבען זיך געגומען צוזאמענקליי־בען אין מצפה צו דער גרויסער פאלקס פערזאמלונג וואס שמואל האט פעררופען...

יעדערער איז געווען זעהר נייגעריג צו וויסען ווער דער קעניג איז און פון וועלכען שבט שמואל האט אויסגעקליבען...

— פון וועלכען שבט, וועט דער נביא אויסקלייבען א מלך, אויב נישט פון דעם שבט אפרים — האט זיך איינער אפגערופען — דער נביא שטאמט דאך פון דעם שבט אפרים — וועט ער געוויס זעהן אז דער קעניג זאל זיין פון דעם זעלבען שבט...

— אונזער נביא שמואל שטאמט נישט פון שבט אפרים, — האט זיך א צווייטער אפגערופען — ער שטאמט גאר פון שבט לוי, אבער איך בין זיכער אז א קעניג וועט ער אויסקלייבען פון דעם גרויסען שבט יהודה...

— און פאר וואס נישט פון שבט דן? — האט זיך א פארשטעהער פון דיזען שבט אפגערופען — האט דען אונזער שבט נישט ארויסגעגעבען אזא גרויסען מאן ווי שמשון הגבור...

— ווען דער נביא וועט אויסקלייבען, וועט ער זיכער זיין ראוי צו זיין א קעניג איבער אידען — האט זיך נאך איינער אפגערופען.

— דער נביא קומט אן! שמואל קומט אן! — האבען זיך געהערט שטימען צווישען פאלק און באלד זיינען אלע שטיל געווארען.

דער גרייז גראהער נביא איז ארויף אויף דער במה און האט אנגעפאנגען:

— מיינע ברידער פון גאנץ ארץ ישראל! איידער מיר טרעטען צו, צו בע־גריסען דעם פון גאט אויסדערוועהלטען קעניג, וועלען מיר מוזען ווארטען אויף דעם הייליגען ארון וואס דארף באלד אנקומען אהער אין מצפה פון קרית יערים... איך האב אהין געשיקט די "בני הנביאים", וועלכע ווייסען זיך ווי צו בעגעהן מיט גאט'ס הייליגטום... א שליח איז צו מיר נאר וואס געקומען און מודיע געווען אז דער ארון הקודש געפינט זיך שוין אין די טויערען פון מצפה... מיר וועלען א ווייליע צוואווארטען און ווען דער ארון וועט געבראכט ווערען אויף דער במה, דאן וועל איך פאר אייך פארשטעלען דעם קעניג... דערווייליע וויל איך אייך זאגען, מיינע ברידער די ווערטער פון גאט; אזוי האט גאט געזאגט:

"איך האב אייך ארויסגענומען פון דעם גלות מצרים, איך האב אייך גע־רעטעט פון זייערע הענד און פון די הענד פון פיעלע אנדערע מלכים, וועלכע האבען אייך געדריקט... און כל זמן איהר זייט געגאנגען אין מיינע דרכים האב איך אייך געהאלפען פון אייערע שונאים... ווען אבער איהר האט מיין תורה פערלאזען און איהר האט גענומען דינען דעם אפגאט "בעל" און "עשתרות", האב איך זיך פון אייך אפגערוקט און געגעבען אייערע פריינד די אויבערהאנד איבער אייך... יעצט, אז איהר האט דערפיהלט דעם שווערען יאך פון אייערע שונאים, זייט איהר געקומען און געבעטען מען זאל אייך געבען א קעניג, וועל־כער זאל אייך העלפען אין אייער נויט... זייט אבער וויסען אז אויב איהר וועט מורא האבען פאר גאט, איהר וועט היטען זיין תורה... דאן וועט אייך דער קעניג העלפען... טאמער אבער וועט איהר ווידערשפעניגען גאט'ס ווערטער איהר וועט וועלען נאכטהאן די אלע פעלקער און זיך בוקען צו זייערע געטער, דאן וועט אייך אפילו אייער קעניג אויך גארנישט קענען העלפען"...

דאס זיינען די ווערטער פון גאט צו אייך, און איך וויל מוסיף זיין און אייך זאגען — האט שמואל פערענדיגט — אז קוים האט איהר אויסדערוועהלט דעם קעניג, אזוי מוזט איהר טהאן אלעס וואס ער הייסט אייך... איהר מוזט איהם געטריי דינען, ווייל ער איז א געזאלבטער פון גאט...

— מיר וועלען טהאן אלעס וואס אונזער הייליגער נביא וועט אונז הייסען

— האבען זיך געהערט שטימען פון פאלק.

פון ווייטען האט זיך דערטראגען די קלאנגען פון מוזיק, און ווען דער עולם האט זיך אומגעקעהרט, האט ער בעמערקט ווי די "בני הנביאים" קומען אן מיט'ן ארון... עטליכע פון זיי זיינען געגאנגען אפריהער און האבען געשפיעלט און געזונגען... פון הינטען זיינען נאכגעגאנגען מיידלעך אנגעטהאן אין ווייסען און ביי יעדען אפשטעל האבען זיי געטאנצט פאר'ן ארון.

זעהר פייערליך איז געווען די צערעמאניע ווען מען האט דעם הייליגען ארון ארויפגעבראכט אויף דער במה... טרעהרען האבען זיך בעוויזען אין די אויגען פון די עלטערע פערזאמעלטע, וועלכע האבען זיך דערמאהנט אן דער צייט ווען די פלשתים האבען דעם ארון געפאנגען...

שמואל האט מתפלל געווען צו גאט נעבען ארון און דאס גאנצע פאלק האט איהם נאכגעטהאן.

נאך דער תפלה האט זיך שמואל אפגערופען: זאלען די פארשטעהער פון

יעדען שבט זיך שטעלען בעזונדער... ווען דאס איז געטהאן געווארען האט שמואל ארויפגערופען אויף דער במה די פארשטעהער פון שבט בנימין.

— ווער פון אייך איז דער פארשטעהער פון דער משפחה קיש? — האט שמואל זיי געפרעגט.

דער אלטער קיש איז צוגעגאנגען און האט זיך פאר שמואל פערנייגט און געזאגט:

— דיין קנעכט איז דער פארשטעהער פון דער משפחה.

— האסטו א זוהן מיט'ן נאמען שאול? — האט איהם שמואל געפרעגט.

— יע, איך האב א זוהן מיט'ן נאמען שאול — האט קיש געענטפערט — ער געפינט זיך דא צווישען עולם...

— וואו איז שאול? — האט שמואל אויסגערופען — זאל ער ארויפקומען אויף דער במה.

אלע האבען זיך אומגעקעהרט און איהם גענומען זוכען אבער מען האט איהם נישט געקענט געפינען...

— וואו איז שאול?! וואו איז שאול? — האט קיש אויסגערופען און איהם גענומען זוכען...

די פערזאמעלטע האבען מיט גרויס נייגעריגקייט געווארט זיי האבען געוואלט זעהן וועמען דער נביא האט אויסגעקליבען... מען איז געווארען אומרוהיג און אומגעדולדיג...

שאול געפינט זיך דארטען! — האט איינער אויסגערופען ער בעהאלט זיך צווישען די כלים...

— זאל מען געהן איהם רופען — האט שמואל געזאגט — ער איז זעהר בעשיידען און א שעהמעוודיגער, אבער ער וועט זיין א גוטער קעניג איבער אונז.

— האט ער זיך געווענדעט צום פאלק.

קיש און נאך עטליכע פון זיין שבט האבען געבראכט שאול'ן און איהם ארויסגעפיהרט אויף דער במה... ער איז געשטאנען צווישען אלעמען וועלכע זיינען געווען אויף דער במה און ער איז געווען מיט א קאפ העכער פון אלעמען... פון זיין שעהנעם פנים האט ארויסגעקוקט בראווקייט און ענטשלאסענהייט...

— דאס איז דער מאן וועמען גאט האט געזאלבט פאר א קעניג פאר אייך — זעהט איהר איהם, עס איז ניטא אזוי ווי ער צווישען גאנצען פאלק.

— לאנג לעבען זאל דער קעניג!! לאנג לעבען זאל אונזער קעניג שאול!!

— האט דאס פאלק אויסגעשריען.

יעדער פון די פערזאמעלטע האבען זיך גענומען שטופען צו דער במה, און איבערגעבען שאול'ן זייערע מתנות וואס זיי האבען געבראכט פאר'ן קעניג...

דאס פאלק איז געווען פרעהליך, אלע האבען געשאלט און געיובעל'ט, די מיידלעך האבען געטאנצט, די "בני הנביאים" האבען געזונגען און געשפיעלט... און שמואל האט זיי אלעמען נאך אמאל געבענשט און זיי צושיקט אהיים.

פיעלע פון די איבערגעבענע האבען גלייך נאכגעפאלגט שאול'ן און מיט איהם מיטגעגאנגען נאך גבעה...

אבער פיעלע פון די איבעריגע שבטים, וועמען עס האט שטארק פערדראסען פארוואס שמואל האט נישט אויסגעקליבען קיין מלך פון זייער שבט, האבען גענומען אפלאכען פון שאול'ן און פון זיין שבט בנימין.

— ווי געפעהלט איך דער קעניג פון דעם קלענסטען און נידריגסטען שבט פון אלע שבטים — האט איינער אויסגערופען — שמואל האט מסתמא פערגעסען די געשיכטע פון די "פלגש בגבעה"...

— נאר דורך אונזער חסד עקזיסטירט יעצט דער שבט בנימין — האט א צווייטער געזאגט.

— איז עס נישט געווען אין דער זעלבער שטאדט מצפה, וואו גאנץ ישראל האט דאן געשוואורען נישט צו געבען זיין טאכטער צו א מאן פון שבט בנימין! און יעצט קומט דער נביא און זאלבט א קעניג איבער אלע אידען פון דעם דאזיגען שבט...

שאול האט געהערט פיעלע פון די בעמערקונגען... ער האט אבער געשוויגען און זיך נישט געמאכט וויסענדיג... ער האט זיך אומגעקעהרט מיט זיין פאמיליע קיין גבעה, און האט דערווייל פארטגעזעצט צו פיטערען די שאף.

פינפטער קאפיטעל

דער יונגער העלד

אין דער שטאדט בית לחם האט געוואוינט ישי, דער זוהן פון עובד. ער איז געווען איינער פון די חשוב׳סטע איינוואוינער פון שטאדט. זיין פאטריארכאליש פנים האט ארויסגערופען אכטונג און רעספעקט פון אלעמען. ער איז געווען דער עלטסטער פון די זקנים פון שטאדט, ער האט געהאט שאף און רינדער, פעלדער און גערטנער און איז געווען פאררעכענט פאר איינעם פון די רייכסטע אין בית לחם.

ישי האט געהאט זיבען זיהן: אליאב, אבינדב, שמעה, נתנאל, רדי, אצם און דוד. אלע זיינען געווען שעהן און העלדיש, אבער זיין איננסטער זוהן, דוד, איז געווען דער שעהנסטער און העלדישסטער פון אלע זיינע ברידער.

פלעגען ישי׳ס זיהן געהן באארבייטען די פעלדער און גערטנער, פיטערען די שאף און העלפען זייער מוטער אין הויז.

דוד איז נאך דאן קליין געווען, ארום צעהן יאהר, פלעגט ער איינזאמלען גלאטע שפיציגע שטיינער, מיטנעהמען זיין שליידער-האלץ און אוועקגעהן אין וואלד אדער אין פעלד, און מיט דעם שיסען אויף קליינע און גרויסע חיות. פלעגען אלע באוואונדערען דעם קליינעם אינגעלם גליכע האנד. עס האט נאך נישט פאסירט, אז ער זאל זיך אויף עפעס ציעלעווען און עס נישט טרעפען...

איינמאל האט א קארשון (א רויב פויגעל) זיך איינגענארזשעט אין בית-לחם און פלעגט פארצוקען פיעלע פון די עופות, וואס פלעגען זיך געפינען אין גאס. מען האט איהם געפרואווט פאריאגען מיט שטיינער, אבער עס האט קיינעם נישט געלונגען איהם צו טרעפען.

— איך האב געהערט, אז ישי׳ס אינגעל, דוד, טרעפט פינקטליך אין ציעל — האט זיך איינער, ביי וועמען דער קארשון האט פארצוקט עטליכע עופות, אפגערופען, — לאמיר איהם רופען און ווען דער קארשון וועט זיך ווידער ווייזען, וועט שוין דער קליינער דוד וויסען ווי איהם צו עמפפאנגען...

מען איז אוועק צו ישי׳ס הויז און גערופען דוד׳ן צו דעם פלאץ, וואו דער קארשון פלעגט זיך אפשטעלען.

דוד האט מיטגענומען זיין שליידער־האלץ מיט עטליכע שטיינער און איז אוועקגעגאנגען צו יענעם פלאץ. א היבשע ווײלע האט ער געווארט און דער קארשון האט זיך נישט באוויזען. דוד האט שוין געוואלט אוועקגעהן, ווען פלוצלונג האט איינער אויסגערופען: אט קומט ער צו־פליהען!

— זאל זיך קיינער נישט ריהרען פון פלאץ, — האט דוד געזאגט, —כדי דער קארשון זאל זיך ניט דערשרעקען און ווייטער אוועקפליהען.

אלע האבען דעם קליינעם דוד׳ן געפאלגט און געבליבען שטעהן באוועגלאז.

דער קארשון האט זיך אפגעשטעלט אויף א דאך פון א שייער און האט ארונטערגעקוקט אויף דער ערד, וואו די היהנער האבען שטילערהייד געפיקט די קערענדלאך, ווי ער וואלט אויסגעקליבען אויף וועלכער ער זאל זיך פריהער ארונטערלאזען.

דוד האט זיך אויף איהם געציעלעוועט מיט זיין שליידער־האלץ און ווען דער קארשון איז געווען גרייט ארונטערצולאזען זיך אונטען, פאנאנדערשפרייטענדיג זיינע פליגלען, איז ער פלוצלונג ארונטערגעפאלען א טויטער...

די ארומיגע האבען זיך פארזאמעלט ארום דעם טויטען רויבפויגעל און האבען נישט אויפגעהערט צו לויבען דעם קליינעם אינגעל פאר זיין טרעפען אין ציעל.

דוד האט אויך זעהר ליעב געהאט צו שפיעלען און זינגען שירים. ער פלעגט אליין מאכען פארשיעדענע מוזיקאלישע אינסטרומענטען. פון ברעטלאך פלעגט ער מאכען א פלאכע קעסטעלע, אנגעצויגען עס מיט דינע פעדים און קונציג ארויסרופען פון זיי וואונדערשעהנע טענער.

האבען אלע איינוואוינער פון בית לחם זעהר ליעב באקומען דעם קליינעם דוד׳ן און גערעדט פון איהם מיט באגייסטערונג. האט עס זיינע ברידער שטארק פארדראסען: זיי טוען אלע שווערע ארבייט, זיי אקערען, זעען, פלאנצען, פיטערען די שאף און קיינער ריהמט זיי נישט און קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט זיי... זייער אינגסטער ברידער טהוט גארנישט, געהט ארום לידיג, שפיעלט און זינגט גאנצע טעג, אדער לויפט גאר ארום ווי א ווילדער איבער די פעלדער מיט זיין שליידער־האלץ אוןווארפט שטיינער אויף חיות און פויגלען... און פונדעסטוועגען ליעבט מען איהם מעהר ווי זיי... עס האט אין זיי געברענט זייער צארן אויף דוד׳ן און נישט איין מאל האבען זיי איהם פאר׳מסור׳ט פאר׳ן פאטער... און אז ישי האט זיך צו זיי נישט צוגעהערט און געלאזען דוד׳ן אומבאשטראפט, האבען זיי זיך אליין מיט איהם אפגערעכענט.

דערפאר, ווען עס פלעגט קומען ערב א יום טוב, ווען אלע מאנספארשוינען פלעגען פארלאזען די שטאדט און עולה רגל זיין צו דער שטאדט, וואו דער משכן און די כהנים זיינען געווען, פלעגען שוין די ברידער זעהן, אז דער קליינער דוד זאל פארבלייבען אין דער היים...

דאס האט דוד׳ן זעהר געקרענקט, ער האט געוויינט, געבעטען זיך ביים פאטער ער זאל איהם אויך מיטנעהמען, אבער דער פאטער האט אויף איהם אנגעשריען און געזאגט:

— דו ביסט נאך צו יונג, דעם יאָהר וועסטו נאָך מוזען בלייבען אין דער היים, נאָר אויב דו וועסט ווערטה זיין, וועל איך דיך מיטנעהמען דעם קומענדען יאָהר אויף שבועות.

דוד איז געווען צופרידען מיט זיין פאָטערס צוזאג און דעם גאַנצען יאָהר נאָכדעם האָט ער זיך באַמיהט צו געפינען חן אין זיין פאָטערס אויגען.

און אַט האָט זיך דערנעהענטערט דער יום טוב שבועות. די טעג זיינען געווען וואַרימע און טרוקענע, אַלץ ארום האָט געגרינט און געבליהט, די טרויבען פון די וויינגערטנער האָבען זיך שטילערהייט גע'סוד'עט און געוואונקען... דער ריח פון יונגען פרישען, נאָר וואָס געשניטענעם היי האָט פאַר'שכור'ט די לופט... די וואונדערשעהנע בלומען, וועלכע האָבען באַצירט גאָט'ס געבענטשט לאַנד, האָבען באַרייכערט און דערהויבען דעם מענשענס נשמה, האָבען איהם אָנגעפילט מיט דעם ראָמאַנטישען געפיהל, מיט ליעבע צו גאָט, צו דער נאַטור און צו אַלע גאָט'ס באַשעפענישען.

גליקליכער פון אַלעמען האָט זיך געפיהלט דער קליינער דוד... זיין פאָטער נעהמט איהם היי־יאָהר מיט עולה רגל צו זיין קיין נב, די שטאָדט, וואו דער משכן שטעהט, דאָרטען צו פייערען דעם שעהנעם ליעבען יום טוב, שבועות... צו זיין שמחה איז נישט געווען קיין סוף און צו זיין גליק — קיין גרעניץ... א קליינינקייט! ער וועט געהן קיין נב! דאָרטען וועט ער זעהן דעם משכן, די כהנים, דעם כהן גדול, אחימלך... דאָרטען וועט ער זעהן ווי מען איז מקריב קרבנות... געוויס וועט ער דאָרטען אויך זעהן דעם געטליכען מאַן, שמואל'ן, פון וועמען ער האָט געהערט אַזוי פיעל וואונדערליכע מעשיות... אַ, ווי שטאַרק איהם האָט זיך געגלוסט צו זעהן דעם גוטען, ליעבליכען נביא!

מאָרגען געהען אַלע מאַנספּערזאָנען פון בית לחם אָפּ קיין נב... די פרויען, אַלטע לייט און קליינע קינדער וועלען בלויז פאַרבלייבען אין שטאָדט... אָבער ער, דוד, וועט מיטגעהן מיט אַלעמען גלייך, ער איז שוין מעהר קיין קליין קינד נישט, ער איז שוין אויסגעוואַקסען... זיינע ברידער וועלען זיך שוין מעהר מיט איהם נישט רייצען... ער איז יעצט מיט זיי גלייך...

דוד האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי ער קומט אָן אין נב. ער גיט איבער זיין טנאָ (קערבעל) בכורים צו דעם כהן... דער כהן בענשט איהם, ער הערט ווי אַלע כהנים און לויים שפּיעלען און זינגען... און זיין האַרץ ווערט צעשפּרונגען פון שמחה און גליק...

— מאָרגען גאַנץ פריה וועט ער אויפשטעהן — האָט ער ביי זיך באַשלאָסען — און אָנקלייבען אין זיין טנא בכורים פאַר די כהנים. ער וועט זוכען די בעסטע צייטיגע פרוכט. ער וועט געהן אין פעלד, הינטער'ן שטאָדט און אָפּשניידען פריי־שע פולע זאַנגען און אין ווייַנגאָרטען וועט ער אָפּרייסען אַן אשכול פון גרויסע זאַפטיגע טרויבען און נאָך פרוכטען, ער וועט אָנפילען זיין קערבעל, וועלכען ער וועט באַצירען מיט פראַכטפולע שמעקענדיגע בלומען... אַ, וואָס פאַר א שעהנע מתנה דאָס וועט זיין פאַר דעם כהן!

יענע נאַכט האָט דוד נישט געקענט איינשלאָפען. ער האָט מיט דעם גרעס־טען אונגעדולד געוואַרט עס זאָל אָנפאַנגען צו טאָגען. און ווי נאָר דער מאָרגענ־שטערען איז אויפגעגאַנגען, איז שוין דער קליינער דוד אַרונטער פון זיין בעט

און גענומען דעם טנא, וואס ער האט אליין מיט זיינע הענד געפלאכטען...

אלע אין הויז זיינען נאך געשלאפען, א חוץ ישי, זיין פאטער, וועלכער איז אויך אויפגעשטאנען אין דער זעלבער צייט און ארויסגעגאנגען זעהן צי די בהמות אין שטאל האבען גענוג צו עסען און צו טרינקען.

דער מזרח האט זיך גענומען פורפורען. דער טוי האט זיך צעליינט און צעשפרייט איבער פעלד און טהאל. און ווען די זון איז ארויסגעקומען מיט א פלאם פייערדיגען ברען, האט זיך באלד דער טוי ארום אין פערעל פארוואנדעלט.

—אזוי פריה בייזטו אויפגעשטאנען, מיין זוהן? — פרעגט ישי זיין דוד׳ן. — עס איז נאך פארבליבען גענוג צייט ביז וואנען אלע פון שטאדט וועלען גע־גרייט זיין צום וועג.

— איך וויל אנפילען מיין טנא מיט בכורים! — האט דוד געענטפערט און זיינע אויגעי האבען מיט פרייד געשטראהלט, — איך וויל נעהמען די בעס־טע זאנגען פון אונזער פעלד, וואס הינטער׳ן שטאדט, דארטען זיינען שוין די זאנגען רייף און די בלומען וואונדער־שעהן און רייצענד.

— געבענשט זיי פון גאט, מיין זוהן! — האט איהם ישי געגלעט איבער׳ן קאפ — דו איילסט זיך צו טהאן גאט׳ס מצוות און דערפאר וועט דיך דער באַ־שעפער באלוינען, אז דו זאלסט אויסוואקסען צו זיין א געטרייער זוהן צו דיין פאלק און לאנד. אבער איידער דו געהסט אוועק אין פעלד, דארפסטו עטוואס צובייסען. אט ווארט ביז די דיענסט וועט אויסמעלקען איינע פון די קיה, וועסטו טרינקען פרישע מילך און עסען קעז מיט ברויט, וועסטו נאכהער געהן.

דוד איז נאך גאר אפילו נישט געווען הונגעריג. און ער האט זיך געאיילט אין פעלד אריין, אבער וועט ער דען נישט פאלגען זיין פאטער? ער האט א ביי־סעל צוגעווארט, ביז די דיענסט האט די מילך געבראכט און ער האט שנעל אויסגעטרונקען א קליין קריגעלע מילך און עטוואס צוגעביסען. ער האט א חוץ זיין קארב אויך נישט פארגעסען מיטצונעהמען זיין שליידער־האלץ מיט א טארבע גלאטע שפיציגע שטיינער — זיין וואפען זיך צו באשיצען פון די חיות — און איז אוועק אין פעלד.

אין בית לחם אויפ׳ן מארק־פלאץ האבען זיך צונויפגעזאמעלט אלע מענער פון שטאדט מיט קעמלען און אייזלען אנגעלאדען מיט עסענווארג. יעדער איינער האט געטראגען א געפלאכטען קארבעל מיט אלערליי שעהנע רייפע פרוכטען, דאס איז די בכורים, די ערשטע אראפגענומענע צייטיגע פרוכט, וואס מען וועט אפגעבען די כהנים, בעת זיי וועלען מקריב זיין קרבנות אויפ׳ן מזבח.

אלע זיינען גרייט און פארטיג צו געהן נאך נב, דארטען צו פייערען דעם שעהענם יום טוב שבועות.

שטעהען עטליכע אידען אין א גרופע און שמועסען. זיי דערצעהלען פון פריהערדיגע יאהרען, ווען מען האט נאך עולה רגל געווען קיין שילה, ווען דער ארון איז דארט געשטאנען.

— ווי קען מען גאר פארגלייכען נב צו שילה! — האט זיך א איד א זקן אפגערופען. — איך געדענק נאך, ווען איך האב פארבראכט די ימים טובים אין

דער שעהנער גרויסער שטאָדט שילה. אַ, וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע שטאָדט שילה איז געווען, איידער די פלשתים האָבען זי חרוב געמאַכט! וואָס פאַר אַ פרעה־ליכקייט עס האָט געהערשט אין שטאָדט, בעת די אידען פון אַלע שבטים האָבען זיך גענומען באַווייזען אין שטאָדט! אַלעס האָט אויפגעלעבט, געטאַנצט און געזונגען.

— עפּעס אַ קליינינקייט, דער הייליגער ארון, וואָס איז געשטאַנען אין משכן! — האָט אַ צווייטער זקן זיך אָפּגערופען, — יעדענס האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ הייליגער ציטערניש, ווען מען איז אַריין אינעווייניג אין משכן. עפּעס זיינען גאָר דאָן די תפלות געווען אַנדערע, דאָס געזאַנג פון די כהנים און לויים האָט פיעל שעהנער געקלונגען ווי יעצט אין נב... מען האָט געפיהלט, אַז די שכינה רוהט אין אַלע ווינקעלאַך.

— פאַרוואָס ברענגט מען יעצט נישט דעם ארון אַריבער פון קרית יערים קיין נב? — האָט זיך אַ איינגערער איד אָפּגערופען. — ווי באַלד אַז אין נב שטעהט יעצט דער משכן און דאָרטען געפינען זיך אַלע כהנים, פאַרוואָס קען זיך שוין דאָרטען אויך נישט געפינען דער ארון קודש?

— פאַרשטעהסטו מיך, — האָט איהם דער ערשטער זקן געענטפערט, — אויב מען קען דעם ארון צוריק נישט ברענגען נאָך שילה, איז שוין גלייכער, אַז ער זאָל בלייבען אין קרית יערים.

— פאַרוואָס אָבער זאָל מען נישט צוריקבויען די שטאָדט שילה און אַרי־בערפיהרען דעם משכן און אַלע כהנים ווידער אַהין, דערנאָך וועט מען אויך אַהיי צוריקברענגען דעם ארון?

— דאַרפען דאָך די פלשתים דאָס פריהער דערלאָזען... וואָס זאָלען מיר טהאָן, אַז מיר האָבען ביי גאָט פאַרזינדיגט און ער האָט אונז איבערגעגעבען אין די פלשתישע הענד? זיי האָבען אין פיעלע פון אונזערע שטעדט אוועקגעשטעלט נציבים מיט חיל און ווען זיי זאָלען זיך דערוויסען, אַז מיר נעהמען זיך צוריק־בויען די שטאָדט שילה, וועלען זיי אויף אונז גלייך געהן מלחמה האַלטען. נו, זיינען מיר דען צוגעגרייט יעצט צו אַ מלחמה? מיר האָבען דאָך אַפילו קיין געוועהר נישט... זיי האָבען אונז פאַרבאָטען צו האָבען אייגענע שמיעדען...

— נו, און אין נב דערלאָזען די פלשתים אויך נישט צו ברענגען דעם ארון?

— האָט אַן אַנדערער געפרעגט.

— געוויס, עס לוינט זיך דאָך פאַר זיי נישט. ווען דער ארון וואָלט אויף שטענדיג געבראַכט געוואָרען אין נב וואָלטען דאָך דאָן אַלע אידען פון אַלע שבטים אַהין געקומען... און דאָן וואָלט דאָך מעגליך געווען אַ פאַראייניגונג... נו, די פלשתים ווילען אַזאַ זאַך פאַרהיטען!

— אַ, גאָט, ווען וועט שוין נעהמען אַ סוף צו דער פלשתימ'שער הערשאַפט איבער אונז?! — האָט זיך נאָך אַ איד אָפּגערופען.

— צו וואָס אָבער זאָלען מיר פאַרשטערען אונזער שמחה? מיר געהען דאָך עולה רגל זיין צו פייערען אונזער שעהנעם יום טוב, טאָ לאָמיר זיין פרעהליך!

— האָט זיך אַ גאַנץ עלטערער איד אָפּגערופען.

— וואָס וואַרטען מיר? לאָמיר אָנפאַנגען געהן! — האָט איינער פון די פאַרזאַמעלטע אונגעדולדיג געפרעגט.

— ישי און זיינע זיהן זיינען נאָך ניטאַ. — האָט אַ צווייטער געענטפערט.
— אַלע מאָל איז ישי כמעט דער ערשטער. איז מיר אַ וואונ־ער, וואָס היינטיגס מאָל האָבען זיי זיך פאַרשפּעטיגט. ווי נאָר זיי קומען אָן, אַזוי וועלען מיר אָנ־פאַנגען געהן.
— די גאַנצע שטאָדט אידען קענען דאָך נישט וואַרטען אויף אָן איינציגער פאַמיליע, — איז דער אונגעדולדיגער נאָך מעהר אונגעדולדיג געוואָרען.
— מיר קענען אָבער נישט דערלאָזען, אַז אַזאַ חשוב'ער און בכבוד'יגער בעל הבית ווי ישי, זאָל אויסען בלייבען און דערנאָך זיין געצוואונגען דורכצו־מאַכען די רייזע אַליין, — האָט מען איהם געענטפערט.
— אפשר וויל ער גאָר דיעזען מאָל נישט עולה רגל זיין נאָך נב און מיר וואַרטען אויף איהם אומזיסט?
— וואָס רעדסטו, איך האָב אַליין געזעהן ווי די גאַנצע פאַמיליע פון ישי האָבען זיך געגרייט צו דער רייזע.
— נו, אָבער וואָס קען דאָס פאַרט זיין, וואָס זיי זיינען נאָך נישט געקומען אַזוי שפּעט?
— פיעלייכט זאָל זיך אימיצער אריבערכאַפּען צו ישי'ס הויז און זעהן פאַר־וואָס זיי זיינען נאָך נישטאַ...
— אויב אימיצער וועט אַכטונג געבען אויף מיין אייזעל, וועל איך אריבער־לויפען צו ישי'ן — האָט זיך אַ מיטעל־יעהריגער איד אָפּגערופען.
— גוט, מען וועט שוין אַכטונג געבען, אָבער מאַך דאָס שנעל, ווייל דער עולם ווערט אונגעדולדיג.
דער איד האָט אַראָפּגענומען זיינע פּעקלאַך פון אייזעל און זיי אוועקגע־לייגט אויפ'ן באָדען. ער האָט דעם צוים פון זיין אייזעל איבערגעגעבען אין די הענד פון זיין שכן און מיט שנעלע טריט איז ער געגאַנגען צו ישי'ס הויז.

דוד איז צוגעקומען צום פעלד. די זאַנגען זיינען געווען זעהר תויך. פון וויטען האָט ער דערזעהן די גרויסע פּראַכטפולע בלומען.
— פריהער וועל איך באַצירען דעם טנא מיט יענע בלומען, — האָט זיך דוד געטראַכט און איז געגאַנגען אַלץ טיעפער אין פעלד.
ער געהט צווישען די הויכע זאַנגען, וועלכע זיינען געווען העכער פון איהם און פּלוצלונג האָט זיך צו זיין אויער דערטראָגען אַ געשפּרעך פון מענשען. ער האָט זיך גלייך איינגעבויגען און גענומען פּאַמעלעך פויזען צווישען די זאַנגען, ביז ער האָט זיך דערנעהענטערט צו דעם פּלאַץ, פון וואַנען די שטימען זיינען געקומען. דעם שליידער־האַלץ מיט זיין טאַרבע שטיינער האָט ער מיטגענומען... ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און גענומען צוהערען זיך צו דעם געשפּרעך.
דוד האָט גוט פאַרשטאַנען די פלשתים שפּראַך. פיעלע פון די פלשתים פלעגט אָפט קומען אין בית לחם. אייניגע האָבען זיך זאַנאַר דאָרט באַזעצט און דוד האָט זיך אויסגעלערענט ריידען זייער שפּראַך.
כאָטש אָפיציעל האָט אין יענער צייט געהערשט שלום צווישען די אידען און די פלשתים, אָבער ביי יעדער געלעגענהייט פלעגען מאַנכע באַנדעס פון די

פלשתים מאכען אנפאלען אויף די אידען פון א שטאדט, אויסהרג'ענען די איינ־וואוינער און צעראבירען זייער האב און גוטס.

דוד איז שוין געווען גאנץ נאהענט צו זיי. ער האט איינגעהאלטען זיין אטעם. ער האט עטוואס אויפגעהויבען זיין קאפ פון צווישען די זאנגען און האט יעצט גאנץ גוט געקענט זעהן צוויי גרויסע געזונטע פלשתים. ער האט זיך גלייך צוריקגעלייגט אויף דער ערד און אנגעשטרענגט זיינע אויערען זיך צוצוהערען צו זייער געשפרעך.

— דו האסט מיר נישט געוואלט גלויבען, — האט זיך איין פלשתי אפגע־רופען צום צווייטען. — האסטו דען נישט באמערקט, ווען מיר זיינען געשטא־נען אויפ'ן בערגעל, ווי אלע אידען פון בית לחם קלייבען זיך צונויף אויפ'ן מארק־פלאץ, גרייט צו פארלאזען די שטאדט. היינט געהען אלע יונגע, געזונטע אידען אוועק פון שטאדט פייערען זייער יום טוב אין נב...

— ביסטו דען זיכער, אז זיי וועלען פארלאזען די שטאדט? אפשר וועלען זיי פייערען דעם יום טוב אין שטאדט גופא? — האט זיך דער צווייטער פלשתי אפגערופען.

איך בין זיכער, ווי דגון איז אונזער גאט, אז אלע יונגע, געזונטע מענער וועלען באלד פארלאזען די שטאדט. איך האב עס אליין געהערט פון א אידען, וועלכער וואוינט אין בית לחם. דעריבער זאג איך דיר, אז היינט איז אונזער טאג... עטליכע פון אונזערע פלשתים וועלען פלוצלונג באפאלען די שטאדט, אויסשלאכטען די פרויען, די אלטע לייט און זייערע קינדער. מיר וועלען צערא־בירען זייער האב און גוטס און זייערע שעהנע יונגע מיידלאך וועלען מיר זיך צעטיילען צווישען זיך.

— פונדעסטוועגען איז מיין עצה, אז מיר זאלען אהער רופען אונזער גאנ־צע באנדע. עס קען דאך מעגליך זיין, אז עטליכע געזונטע אידען זיינען דארטען פארט פארבליבען און זיי וועלען קעמפפען מיט פארביטערונג קעגען אונז...

— ניין, די גאנצע באנדע איז נישט נויטיג, — האט דער ערשטער פלשתי געענטפערט, — צעהן פון אונזערע געזונטע פלשתים וועט זיין גענוג. די ערשטע זאך, וואס מיר וועלען טהאן, ווען מיר וועלען זיכער זיין, אז אלע יונגע מענער זיינען אוועק פון שטאדט, איז אונטערצינדען עטליכע הייזער ביים ענדע פון שטאדט. דאן וועלען דאך די פארבליבענע איינוואוינער ווערען צעטומעלט און ארויסגעהן העלפען לעשען דאס פייער, וועלען מיר זיך דאמיט באנוצען און זיי אלעמען אויסשעכטען און צעראבירען זייערע הייזער.

— דו ווארט נאר צו זעהן, ווען די אידען פארלאזען די שטאדט, — האט זיך דער צווייטער פלשתי אפגערופען — און איך וועל דערווייל לויפען אנזאגען אונזערע ברידער זיי זאלען זיין גרייט.

דער פלשתי האט זיך אומגעקעהרט און געוואלט געהן, אבער איידער ער האט א טריט געשטעלט, האט ער ארויסגעלאזען א שרעקליכען געשריי און איז אנידערגעפאלען א צעבלוטיגטער פון א שארפען שטיין, וואס איז אריינגעזונקען געווארען אין זיין קאפ.

א צעשראקענער האט דער צווייטער פלשתי גענומען זיך ארומקוקען פון

וואנען דער שטיין איז געקומען. אָבער איידער ער האָט באַוויזן זיך א ריהר צו טהאָן, איז ער שוין אויך געלייגען אין א טייך בלוט...

ביידע פּלשתים זיינען יעצט געלעגען איינער נעבען צווייטען. דוד האָט גע־הערט ווי איינער פון זיי קרעכצט. נאָך עטוואס. באלד אָבער איז דאָס שוואכע קרעכצען אויך שטיל געוואָרען. דער קליינער העלדישער אינגעל איז לאנגזאם צוגעגאנגען צו דעם פּלאַץ און איז געבליבען שטעהן א ווײלע א צעטומעלטער און צעשראָקענער. באלד האָט ער זיך איבערצייגט, אז ביידע פּלשתים זיינען טויט. ער האָט א פריהער איין טויטען פּלשתי אוועקגעשלעפּט פון דעם פּלאַץ און איהם באהאלטען טיעפער אין פעלד צווישען די זאנגען קאָרן. דערנאָך האָט ער אזוי געטהאָן צו דעם צווייטען פּלשתי. און א צושראָקענער, איבערלאָזענדיג זיין קערבעל בכורים אין פעלד, איז דוד אהיים געלאָפען.

אין ישי'ס הויז זיינען אלע געוואָרען באזאָרגט וועגען דוד'ן.

— וואָס קען דאָס זיין מיט דוד? — האָט זיך ישי אָפּגערופען צו זיינע זיהן, — ער איז דאָך געווען אזוי נייגעריג מיטצוגעהן. ער ווייסט דאָך, אז באלד דארפען מיר אלע זיך נעהמען אין וועג און ער פארזאמט זיך אזוי לאנג. פיליכט האָט ער פארבלאָנדזשעט?

— דוד וועט נישט פארבלאָנדזשען! — האָט זיך אליאב, ישי'ס עלטערער זוהן אָפּגערופען. — ער ווייסט אויסגעצייכענט אלע וועגען און שטעגען ארום שטאָדט. ער האָט זיך מסתמא געמוזט נאָכיאָגען נאָך א פויגעלע און דערווײלע האָט ער זיך פארגעסען, אז מיר וואַרטען דאָ אויף איהם. גלויב מיר, פאָטער, דערפאר פארדיענט ער, דו זאָלסט איהם דיעזען מאָל אויך נישט מיטנעהמען. זאָל ער זיך נישט פארטראכטען וועגען די בלומען און די פויגעלאך, ווען ער וויל מיט אונז געהן אין נב.

— עפּעס האָט געמוזט פּאסירען מיט איהם! געהט איהר ביידע אין פעלד און זוכט איהם אויף — האָט ישי געזאָגט צו אליאב און אבינדב, זיינע עלטע־רע זיהן.

ביידע זיהן האָבען געטהאָן זייער פאָטערס פארזאָג און זיינען אוועק אין פעלד אויפזוכען דוד'ן.

דערווייל איז אָנגעקומען דער איד פון מארק און זיך אָפּגערופען צו ישי'ן:

— אלע אידען וואַרטען דאָך אויף דיר מיט דיינע זיהן, פאר וואָס האָסטו זיך פערזאַמט צו קומען?

— מיין אינגסטער זוהן דוד, איז ארוים גאנץ פריה אין פעלד און האָט זיך נאָך נישט צוריקגעקעהרט, — האָט ישי געענטפערט, — און יעצט וואַרטען מיר עס אויף איהם.

— עס מאכט ניט אוים אויב דוד וועט נאָך היינטיגען מאָל אויך נישט געהן נאָך נב, ער איז נאָך סאַי ווי סאַי צו יונג...

— איך האָב איהם אָבער פארשפּראָכען! — האָט ישי געזאָגט, — און איך וויל מיין פארשפּרעכען צו איהם האלטען.

— מען קען דאָך אָבער נישט פערהאלטען דעם גאנצען עולם צוליעב דיין אינגעל, — האָט דער איד געזאָגט.

— געה און זאָג זיי נישט צו וואַרטען אויף מיר, — האָט ישי געזאָגט, —

איך געה דאך נישט אליין, מיינע זיבען זיהן וועלען מיט מיר מיטגעהן... און עס קען נאך זיין אז מיר וועלען אייך אניאגען.

דער מאן איז אוועק צום מארק און איבערגעגעבען דעם אונגעדולדיגען עולם ישי׳ס ווערטער.

— לאמיר געהן! — האבען זיך געהערט שטימען, — מיר האבען א לאנגען וועג פאר אונז... ישי׳ער איז צוגעגאנגען צו זיין פעקעל און מען האט אנגעפאנגען צו געהן.

אליאב און יונדב זיינען געגאנגען הינטער׳ן שטאדט צו זוכען זייער ברודער... זיי האבען איהם גערופען ביים נאמען, אבער זיי האבען איהם נישט געזעהן... זייער כעס האט אויף איהם געברענט: צוליעב איהם דארפען אלע פארשפעטיגען... און ווען זיי האבען פון ווייטען באמערקט אז דער המון האט זיך שוין געריהרט פון מארק־פלאץ איז זייער צארן נאך שטארקער געווארען... זיי האבען איהם שוין מעהר נישט געוואלט זוכען און זיך גלייך אומגעקעהרט אין שטאדט...

דוד איז געלאפען פייל אויסען בויגען אהיים אנצוזאגען זיין פאטער וואס דא האט פאסירט, כדי ער זאל אין צייט ווארענען די אלע מענער וועלכע קלייבען זיך צו פערלאזען די שטאדט... פון זיין שנעל לויפען האט ער ניט באמערקט זיינע ברידער אויפ׳ן וועג און זיי האבען איהם אויך ניט געזעהן...

א צושראקענער און א פארסאפעטער איז ער אריינגעלאפען אין הויז...

— וואס האט פאסירט!... וואו ביזטו געווען, מיין קינד? — האט איהם ישי געפרעגט מיט שרעק ווען ער האט באמערקט זיינע צושויבערטע האר און צושראקענע אויגען.

— איך... ע... איך האב יעצט דער׳הרג׳עט אויף טויט צוויי פלשתים מיט מיין שליידער האלץ... — האט דוד קוים אויסגעאטעמט.

— וואס?! דו האסט געטויטעט צוויי פלשתים!! — האט ישי אויסגעשריען — ווי אזוי? וואו?...

דוד האט זיין פאטער דערצעהלט אלעם וואס ער האט געהערט אין פעלד פון די צוויי פלשתים ווען ער איז געגאנגען קלייבען בלומען...

— קיינער טאר היינט נישט פארלאזען די שטאדט, פאטער, — האט דוד פארענדיגט, — די איבריגע פלשתים וועלען פיעלייכט מאכען דעם אנפאל אויף אונזער שטאדט...

— דו ביזט גערעכט, מיין בראווער זוהן, — האט איהם ישי געקושט און האט גלייך צוגערופען זיין יונג.

— נעהם איינעם פון די שנעלסטע פערד, — האט ער איהם געזאגט, — און רייט אזוי שנעל ווי מעגליך ביז דו וועסט אניאגען אלע אידען וועלכע זיינען שוין אויפ׳ן וועג און זאג זיי אין מיין נאמען אז איך באפעהל זיי זאלען זיך גלייך צוריקקעהרען אין שטאדט אויפ׳ן מארק־פלאץ... איך וועל דארט באלד זיין און אלעם ערקלעהרען...

דער יונג האט זיך גלייך ארויפגעזעצט אויפ׳ן פערד און שנעל אוועקגעריטען הינטער׳ן שטאדט און אין א קורצע ווייל זיי דעריאגט.

— אין נאמען פון מיין האר, ישי, פון בית לחם, זייט איהר געבעטען זיך באלד צוריקקעהרען אין שטאדט, — האט דער יונג אויסגעשריען.

צווישען עולם איז באלד געווארען א טומעל:

— ווער איז ער דאס, ישי, דער זוהן פון עובד, אז א גאנצע עדה זאלען זיך צוליעב איהם פארשפעטיגען, — האט איינער זיך געקאכט.

— ער האט דאך מיר אליין געזאגט פריהער אז מיר זאלען געהן צו איהם, — האט דער איד, וועלכער איז געווען אין ישי'ס הויז, זיך געקאכט... און יעצט האט ער חרטה. ניין. עס איז צו שפעט. מיר וועלען זיך יעצט שוין נישט אומקעהרען צוליעב איהם און צוליעב זיין איינגסטען זוהן!

— אפשר האט עפעס פאסירט? — האט זיך אן עלטערער איד אפגערופען, — איך קען ישי'ן זעהר גוט און איך וויים אז ער וועט נישט זוכען צו באלעסטיגען אזוי פיעל מענשען פאר גארנישט...

— עס איז נישט פאר גארנישט! — האט זיך נאך איינער צושריען, — ער האט פשוט מורא ארויסצולאזען זיך איז וועג מיט זיינע זיהן, וויל ער אז מיר זאלעןווארטען אויף איהם...

— נו, האט דען ישי נישט ביי אונז פערדיענט אז מיר זאלען אויף איהם ווארטען...

— אבער ער האט דאך נאר וואס אנגעזאגט אז מיר זאלען געהן צו איהם...

דער טומעל צווישען עולם האט זיך פארשטארקט... איינער זיינען געווען זעהר אויפגעבראכט אויף ישי'ן און זיי זיינען בעשטאנען אויף דעם אז מען זאל פארזעצען די רייזע... אנדערע ווידער האבען געזאגט מען זאל זיך צוריקקעהרען אין שטאדט און ווארטען אויף ישי'ן מיט זיינע זיהן.

— לאמיר זיך אומקעהרען אין שטאדט, — האבען איינער פון די זקנים באפוילען און דער המון האט זיך ווילענדיג און נישט ווילענדיג גענומען אומקעהרען קיין בית לחם... פיעלע האבען געווארטשעט און אין הארצען געשאלטען ישי'ן מיט זיין גאנצער פאמיליע.

ישי און דוד זיינען מיט גרוים איילעניש אוועק צום מארק־פלאץ.

— קיינער פון אונזער שטאדט טאר דעם יאהר פון דאנען נישט אוועקגעהן, — האט ישי אויסגערופען, — נעהמט זיך אלע צו אייערע וואפען און זייט גרייט אויף אז אנפאל פון א פלשתים באנדע.

ישי האט זיי דערצעהלט אלעס וואס איז פארגעקומען מיט זיין זוהן דוד דיזען פריהמארגען.

פיעלע האבען גענומען צווייפלען און האבען זיך אפגערופען:

— מאלע וואס א קינד רעדט! ער האט א גרויסע פארשטעלונגס קראפט און ער האט זיך דאס איינגערעדט אז ער האט געטויטעט צוויי פלשתים.

דוד'ס צוויי עלטערע ברידער וועלכע זיינען דאביי געשטאנען האבען צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, ווי זיי וואלטען צוגעשטימט צו די באמערקונגען:

— ווילט איהר זעהן די צוויי טויטע פלשתים? — האט זיך דוד אפגערופען, — קומט מיט מיר, איך וועל אייך צייגען וואו זיי ליגען.

אלע זיינען זעהר נייגעריג געווען צו זעהן אויב עס איז ריכטיג וואס דער קליינער דוד האט דערצעהלט, און זיינען נאכגעגאנגען דוד'ן ביז צום פלאץ וואו די צוויי טויטע קערפערס פון די פלשתים זיינען געלעגען.

— דער זוהן פון ישי האט אונזער אלעמענס פרויען און קינדער פון א זיכערען טויט גערעטעט, — האבען זיך פיעלע אפגערופען און געוואלט דוד'ן ארומנעהמען און קושען... ישי אבער האט זיי נישט דערלאזען... ער האט אויסגערופען:

— אידען, געהט גלייך אהיים! נעהמט זיך צו אייערע וואפען און זייט גרייט צו באגעגנען דעם שונא ביי די טויערען פון שטאדט...

אלע זיינען אוועק צו זייערע הייזער און די יונגע געזונטע פון פאלק האבען זיך באוואפענט און האבען געלויערט אויף די פלשתים הינטער'ן שטאדט... ווי נאר די פלשתים האבען זיך באוויזען, זיינען אלע ארויסגעשפרונגען פון זייער בעהעלטעניש און זיך מיט זיי אפגערעכענט...

דעם יום טוב שבועות האבען אלע איינוואהנער פון בית לחם געפייערט אין שטאדט מיט גרויס שמחה און פאראד... יעדער האט געלויבט און געדאנקט גאט פאר דעם גרויסען נס וואס ער האט מיט זיי געטהאן.. .זיי האבען געשיקט פיעלע מתנות צו דעם קליינעם בראווען העלד וועלכער האט די גאנצע שטאדט פארהיט פון א גרויסען אומגליק... דוד'ס נאמען איז געלעגען אויף אלעמענס ליפען... יעדער איז געווען דאנקבאר צו איהם און מען האט נאך מעהר איהם ליעב בעקומען און אפילו זיינע אייגענע ברידער וועלכע האבען אין זייער הארצען אויף איהם געטראגען א שטיקעל שנאה, זיינען יעצט צו איהם מילד און ווייך געווארען... און האבען אויף איהם געקוקט מיט אביסעל דרך ארץ... ווי אויף א העלד...

דער קליינער דוד איז עטוואס ענטטוישט געווארען. ער וועט דיזען מאל אויך נישט "עולה רגל" זיין נאך נב. אבער ער האט זיך געפיהלט זעהר גליקליך וואס ער האט געראטעוועט די גאנצע שטאדט פון שונא'ס הענד...

דוד איז געווארען דער ליעבלינג פון בית לחם פאר פיעלע יאהרען נאך דער פאסירונג מיט די צוויי פלשתים וועמען ער האט געטויטעט. ער אליין האט אבער וועגען דעם קיינמאל נישט געוואלט ריידען... עפעס האט זיך איהם געדוכט אז די אלע וועלכע ריידען וועגען זיין העלדישקייט, שפאטען אפ פון איהם... מעגליך צוליעב דעם וואס זיינע ברידער, וועלכע האבען איהם די ערשטע צייט טאקע בעטראכט אלס העלד, האבען אבער אביסעל שפעטער בעניית זייער שנאה צו איהם... און אז זיי פלעגען זיך וועלען מיט איהם א רייץ טאהן האבען זיי זיך צו איהם אפגערופען:

— קוק נאר אן דעם "העלד" ווארפען שטיינער קען ער, אבער עפעס טאהן ניצליכעס, דאס נישט! עס איז ביי איהם רעכט, דעם פוילענצער, אפצוזיצען א גאנצען טאג אונטער א בוים און שפיעלען און זינגען!...

איינמאל, ווען ישי האט זיך ארייגעמישט און אויסגע'מוסר'ט זיינע זיהן פאר וואס זיי רייצען זיך מיט דוד'ן, האט זיך דער עלטערער זוהן, אליאב אפגערופען:

— מיר פארנאכלעסיגען אונזערע פעלדער און גערטנער, ווייל מיר זיינען

געצוואונגען אכטונג צו געבען די גאנצע צייט אויף די שאף, דוד געהט ארום לידיג גאנצע טעג, ער שפּיעלט אויף די האַרפּע. ער זינגט זיך ליעדער... אזא ארבייט קען ער דאך טאהן אויך ווען ער וועט פּאשען די שאף... בפרט ווען ער איז אזא קונציגער שטיינער וואַרפער, דאַרף ער דאך געווים קיין מורא נישט האבען פאר קיין חיות אדער פאר א רויבער... ווי וואלט נישט געווען גלייכער דאס ער זאל איבערנעמען צו פיטערען די שאף און בעפרייען אונז פון דיזער ארבייט, כדי מיר זאלען קענען טאהן די ארבייט אין פעלד...

— וועגען דעם ביזטו גערעכט, מיין זוהן, — האט איהם ישי געענטפערט — דוד איז שוין אלט גענוג צו קענען אליין אכטונג געבען אויף די שאף... איך קען זיך אויף איהם גאנץ גוט פערלאזען, ער וועט קענען בעשיצען זיך און די שאף פון אלערליי אנפאלען...

ישי האט דאן צוגערופען דוד'ן און איהם געזאגט.

— מיין קינד, אין גיכען וועסטו ווערען פערצעהן יאהר, דיינע ברידער האבען שוין אין דיינע יאהרען זעהר שווער געארבייט... עס איז שוין געקומען די צייט אז דו זאלסט זיי ארויסהעלפען... איך וויל איבערגעבען די שאף אין דיינע הענד... נעהם מיט דיין שליידער האלץ דיין האַרפּע און אלעס וואס דו ברויכסט און געה פיטערען די שאף...

— גוט, מיין ליעבער פאטער — האט זיך דוד א גליקליכער אפגערופען — איך האב זעהר ליעב צו פיטערען די שאף, אבער איך בעט דיר, קויף מיר א נייע האַרפּע אויף וואס איך זאל קענען שפּיעלען ווען איך וועל צייט האבען... די האַרפּע וואס איך האב אליין געמאכט איז נישט אזוי גוט און די טענער זיינען נישט קיין קלארע און קלינגענדע...

ישי האט דוד'ן א נייע האַרפּע געקויפט, זיין מוטער האט איהם צוגעגרייט ווארימע בגדים וואס זי האט אליין געמאכט פון די וואל, זי האט איהם מיט־געגעבען שפּייז: און דוד איז אוועק פיטערען די שאף הינטערן שטאדט בית לחם...

ער פלעגט זיך אויסזוכען א גוטע פּאשע־לאנד און דארטען אפּזיין וואכען לאנג... איינער פון די ברידער פלעגט יעדע עטליכע טעג צו איהם צוקומען, נאכפרעגען זיך אויף זיין צושטאנד און דעם צושטאנד פון די שאף, איהם אי־בערגעבען די שפּייז וואס די מוטער האט פאר איהם צוגעשיקט, און אוועק־געהן... איינמאל אין חודש, פלעגט איהם א ברודער אומבייטען אויף עטליכע טעג, און דוד פלעגט מיט גרוים שמחה געהן אהיים און פערווײלען דארטען א קורצע צייט...

איינינע יאהר זיינען פאריבער און דוד האט זיך רוהיג געפּיטערט זיינע שאף. ער האט אויסגעפונען א טהאל מיט א גוטע פּאשע, וואס איז געווען גאנץ ווייט פון בית לחם... דארטען האט ער בעשלאסען צו בלייבען אויף א לענגערע צייט; ער האט צונויפגעשטעלט א געצעלט און זיך צוגעגרייט מיט אלע מכשירים און איז געווען גליקליך צו זיין איינער אליין מיט זיינע שאף. דארטען אין טהאל פלעגט ער חלומ'ען זיינע חלומות, זינגען ליעדער פון גאט'ס וואונדערבארע וועלט, פון דער שעהנער נאטור, פון דעם קרישטאל בלויען הימעל, פון די לבנה און שטערען... זיינע ליעדער פלעגט ער אקאמפּאנירען מיט זיין שפּיעלען אויף די האַרפּע... שעהנע וואונדערבארע טענער האט ער פון זיין האַרפּע ארויסגערי־

פען. דער טהאל איז אנגעפיעלט געווארען מיט מוזיקאלישע קלאנגען... און אלעס ארום האט ווי מיט געטאנצט און מיטגעזונגען... פרעהלאך און גליקליך איז דוד געווען, אהן מורא, האט ער אליין אין דעם טהאל טאג און נאכט פערוויילט... זיין בטחון אין גאט האט איהם געשטארקט און געקרעפטיגט...

אט זעצט ער זיך אויף'ן ווייכען גראז נעבען דעם פליסענדען שטראם וואס לויפט דורך די פעלזען שטיינער, מיט דער הארפע אין האנט; ער קוקט ארויף צו דעם הערליך בלויען הימעל... ער רעדט מיט זיין בעשעפער, ער גיסט אויס פאר איהם זיין הארץ און שפיעלענדיג אויף זיין הארפע זינגט ער:

"גאט איז מיין פאסטוך, וואס פעהלט מיר דען;
אויף שעהנע צארטע גראזען מאכט ער מיר ליגען,
ביי קלארע רוהיגע וואסערען טוט ער מיר פיהרען.
און ווען איך געה אין טויט־שטילען טהאל אליין,
ציטער איך נישט און פירכט נישט קיין בייז;
ווייל יי ביזט מיט מיר, דו ביזט מיין בעשיצער און טרייסט...

אזוי זיינען פאריבער טעג און וואכען רוהיגע, זארגלאזע... דוד איז וויא צוזאמענגעוואקסען מיט דער ארומיגער וואונדער שעהנער נאטור, ער איז געווען גליקליך מיט זיין הארפע... און יעדעם מאל ווען ער האט א נייעם ליעד געשאפען איז ער געווען איבערגליקליך...

פלוצלונג, אבער, איז א גרויסער ענדערונג פארגעקומען אין דוד'ן; די נעכט זיינען פאר איהם געווארען שלאפלאזע... און די טעג אומעטיגע און זיין געזאנג — א טרויעריגער... די הארפע וויינט אונטער דעם דרוק פון זיינע פינגער... דאס שפיעלען יעצט איז פול מיט בענקשאפט און מעלאנכאליע... ער גיסט אויס זיין הארץ... ברומען די סטרונעס פלאטערען די טענער און זיפצען, הילכען אפ אין דער לופט... ריידען די סטרונעס און דערצעהלען אלעס וואס עס טוט זיך אין דעם יונגען פאסטוך'ס הארץ... זינגט ער האט די בעצויבערענדע מיכל דערזעהן...

— מיכל, מיכל!... שטילערהייט רופען זיינע ליפען און דוד פיהלט יעצט א מאדנעם געפיהל, וואס ער האט ביז אהער נישט געוואוסט... ער ליעבט די שעהנע מיכל... זי האט איהם בעצויבערט מיט איהרע שעהנע אויגען, מיט איהר זיסען ליעבליכען שמייכעלע... ער האט איהר, די שעהנסטע צווישען טעכטער, פון א זיכערען טויט געראטעט... א ווען ער זאל דאן האבען געוואוסט, אז די פרוי, וועלכע האט איף'ן בארג געשריען און גערופען פאר הילף, איז דאס געווען די רייצענדע מיכל... ער וואלט איהר דאן נאכגעלאפען, און איהר בערוהיגט... זי וואלט מיט איהרע אויגען געזעהן ווי ער האט געטויטעט איהר פארפאלגער, דעם שרעקליכען פלשתי, וועלכער האט זי נאך א האר דערגרייכט... ווען נישט איהר ברודער, יונתן, וואלט ער דאך עד היום נישט געוואוסט ווענען ער האט גערעטעט פון טויט... און מיכל... זי וואלט אפילו נישט געוואוסט אז אימיצער האט איהר גערעטעט פון די הענר פון דעם פלשתי...

— וואו איז זי יעצט די שעהנע מיכל? וואו איז איהר גוטער ברודער יונתן, מיט וועמען ער האט א בונד פון עביגע פריינדשאפט געשלאסען?... ער איז געווען זיכער אז זי וועט נאך קומען צו איהם. איהרע ווערטער קלינגען איהם נאך יעצט אין די אויערען: "פון די טיעפענים פון מיין הארצען, נעהם א

מיין גרויסען דאנק, דו בראוועד זוהן פון אויסדערוועהלטען שבט יהודה"... א, ווען ער וואלט איהר נאך דערצעהלט ווי אזוי ער האט געטויטעט צוויי פלשתים, ווען ער איז עלף יאהר אלט געווען. ווי ער האט די גאנצע שטאדט בית לחם געראטעוועט פון א פלשתים'שען איבערפאל... דאן וואלט זי געוואוסט ווער ער איז... מעגליך אז זי וואלט אפשר געהאט א פונק ליעבע און איהר הארצען פאר איהם... אבער ער איז געווען צופיעל בעשיידען... ער האט זיך נישט געוואלט בעריהמען מיט זיין העלדישקייט... די שעהנע שטאלצע מיכל איז איהם בלויז געקומען בעדאנקען, ווייל איהר ברודער האט איהר גערופען, אבער זי ליעבט איהם נישט.. מעהר קומט זי נישט אהער... און אפילו איהר ברודער קומט מעהר נישט צו איהם... זאל עס זיין אז זי ליעבט אימיצען אנדערש... זי האט דאך איהם אבער איינגעלאדען צו זיך אהיים צו דער פייערונג פון שערען די וואל פון די שאף... יעצט פערדריסט איהם זעהר שטארק וואס ער האט זייער איינלאדונג נישט אנגענומען... יע, ער געדענקט אז מיכל האט זעהר שטארק געוואלט דאס ער זאל קומען צו זיי אין גבעה... זי האט דאך דאן צו איהם גע־זאגט: "דיין קומען צו אונז וועט אונזער שמחה פארדאפלען"...

דוד איז שטארק אין כעס אויף זיך זעלבסט, פארוואס ער האט דורכגעלאזען אזא געלעגענהייט... זיין ברודער, שמעה, איך דאך געקומען איהם אומבייטען אויף עטליכע טעג, האט ער געזאלט געהן נאך גבעה... ער איז דאך אהיים, קיין בית לחם, נישט געגאנגען... אמת, ער האט נישט געוואלט געהן אהיים, ווייל ער האט אלץ געהאפט אז יונתן און מיכל וועלען אהער קומען... און זיי וועלען איהם נישט טרעפען אין טהאל... יעצט איז שוין באלד אריבער דריי וואכען, ער האט פון דעם טהאל נישט אפגעטראטען, און קיינער פון זיי האט זיך נישט בעוויזען...

א שטארקע בייגקעניש נעמט אן דוד'ן... זיין הארץ נאגט און זיין נשמה לעכצעט נאך מיכל'ס בליק, נאך מיכל'ס צארטע סאמעטענע האנט... נאך איהר שעהנע קלינגענדע שטימע, וואס קלינגט איהם נאך יעצט אין די אויערען... ער נעהמט זיין הארפע אין האנט, פערגלאצט זיינע אויגען צום הימעל, און די לופט ווערט באלד אנגעפילט מיט טרויעריגע טענער, וויינט דער גאנצער טהאל מיט איהם, פליסטער, די בוימער, און בעדויערען דעם יונגען פאסטוך, סוד'ען זיך די בלעטער, ברומען די שעפעלאך ארום און דער פליסענדער וואסערל ברוגז'ט זיך... ענטפערע: די פייגעלעך מיט א געזאנג... זיי טרייסטען דעם לײדענדען הארפען שפיעלער...

בעוויזען זיך טרעהרען אין דוד'ס אויגען... ער זוכט ארום, ער קוקט ארויף אויף'ן בארג... אבער טויט שטיל איז ארום... ער זעהט נישט קיין מענשען... ווערט ער אומרוהיג, לייגט ער אוועק די הארפע, שפרייזט הין און צוריק, און רופט צונויף די שאף.. ער וועט זיי אהיים טרייבען, ער קען שוין דא מעהר נישט בלייבען .... טוליען זיך צו איהם די שעפעלעך, זיי עסען פון זיינע הענד, לעקען איהם און זייערע אויגען בעטען זיך ביי איהם: נעהם אונז נישט אוועק פון דעם שעהנעם פלאץ... פערבלייב דא מיט אונז אויף ווייטער...

דוד פערשטעהט זיי גאנץ גוט, ער וואלט וועלען מיט זיי פערבלייבען לאנג, לאנג, ביז די צייט פון רעגען וועט קומען... אבער ניין, ער קען דא מעהר נישט בלייבען... די איינזאמקייט דריקט איהם יעצט זעהר פיעל... ער וועט ווארטען

ביז מאָרגען, און אויב קיינער וועט נישט קומען איהם אומבייטען, דאַן וועט ער די שאָף אהיים טרייבען...

דערצו איז אבער נישט געקומען; דעם זעלבען טאג זיינען אנגעקומען דוד׳ס צוויי ברידער און איהם געזאָגט:

— דער פאָטער וויל אַז דו זאָלסט גלייך אהיים קומען, ער איז געווען זעהר ביז דאַן, ווען שמעה איז צוריקגעקומען און איהם געזאָגט אַז דו האָסט זיך ענטזאָגט צו קומען...

— איך געה שוין — האָט דוד אויסגערופען מיט שמחה — איך האָב מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אַז אימיצער זאָל מיר קומען אומבייטען... און וואָלט איהר ביז מאָרגען נישט געקומען, וואָלט איך געווים די שאָף אהיים גע־טריבען... מיר איז שוין דאָ געוואָרען זעהר איינזאַם...

דוד האָט גלייך אנגעזעגענט איינעם פון די עזלען, ער האָט מיטגענומען זיין האַרפע און שליידערהאָלץ און זאָגענדיג "שלום" צו זיינע ברידער, האָט ער אוועקגעריטען פון טהאָל...

ווען ער האָט זיך עטוואָס דערווייטערט, איז איהם פּלוצלונג געקומען א געדאַנק אַז פיעליכט זאָל ער זיך גאָר פערנעהמען נאָך גבעה, דאָרטען וועט ער זיך טרעפען מיט מיכל׳ן, מיט יונתן... ער וועט זיך דאָך פאַר זיי נישט דאַרפען פערענטפערען; זיי האָבען דאָך איהם איינגעלאַדען צו זיך אהיים...

א גליקליכע פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער זיין קערפּער; אַלע זיינע גלידער האָבען אין איהם געזונגען; באַלד, אָט באַלד וועט ער זעהן די וואונדער שעהנע מיכל... ער וועט מיט איהר ריידען... ער וועט איהר דערצעהלען פון זיין העל־דישקייט, ווען ער איז נאָך גאָר א קליין אינגעל געווען; ער וועט איהר דער־צעהלען ווי ער האָט איינמאָל געקעמפּפט מיט א לייב און דערנאָך מיט א בער און האָט זיי ביידען געטויטעט... ער איז זיכער אַז זי וועט איהם אויפנעהמען זעהר וואַרעם... האָט ער איהר דען נישט גערעטעט פון דעם פלשתי?... ער וועט פאַר איהר די האַרפע שפּיעלען... זי האָט דאָך אַזוי ליעב צו הערען ווי ער שפּיעלט... און אנשטאָט צו פאַרקירעווען זיך אהיים נאָך בית לחם, האָט ער זיך פערנומען נאָך דעם וועג וואָס פיהרט נאָך גבעה... ער האָט פערגעסען זיין פאָטער׳ס פערזאָג דאָס ער זאָל גלייך קומען אהיים, און ווי שטאַרק ער האָט געביינקט נאָך זיין פאָטער און מוטער, ווי שטאַרק איהם האָט זיך געוואָלט מיט זיי זעהן, האָט איהם דאָך געצויגען אין דער צווייטער ריכטונג, נאָך גבעה, וואו עס געפינט זיך די ליעבענדע מיכל... און די מאַגנעטישע קראַפט וואָס האָט איהם אהין געצויגען איז געווען שטאַרקער פאַר אַלעם... ער האָט שנעל געטרי־בען זיין עזעל נאָך גבעה... זיין האַרץ איז געווען פערנומען בלויז מיט מיכל׳ן... פאַר זיינע אויגען האָט געשוועבט דאָס פּנים פון דער צויבערנדער מיכל...

שטאַרק און שנעל האָט דודס האַרץ געקלאַפּט ווען ער האָט דערגרייכט גבעה... ער האָט אָפּגעשטעלט דעם ערשטען מאַן, וועלכען ער האָט ביי די טויערען פון גבעה בעגעגענט און איהם געפרעגט:

— קענסטו מיר פיעליכט זאָגען וואו עס געפינט זיך דאָס הויז פון שאול, דער זוהן פון קיש?...

— שאול, דער זוהן פון קיש — האָט דער מאַן אויסגערופען מיט פער־וואונדערונג — ווער ווייס דאָס נישט וואו שאול, דער נאַר וואָס געקרוינטער קע־

ניג איבער אלע שבטים, געפינט זיך... זאג מיר דאך, יונג, וואס דארפסטו צו איהם, ביזטו געשיקט פון דעם נביא שמואל מיט א שליחות צו דעם נייעם קעניג?...

דוד האט דעם מאן אנגעקוקט מיט ערשטוינונג... ער איז געווארען שטארק צוטומעלט און א ווײלע געבליבען שטעהן מיט פערווירונג... זיינע אויגען האבען ארויסגעשטארטשעט; זיין צונג איז איהם געווארען ווי צוגעקלעפט צום גומען...

— וואס ביזטו געווארען אזוי איבעראשט? — האט איהם דער מאן א פרעג געטהאן, — ביזטו דען די גאנצע צייט ניט געווען אין ארץ ישראל, האסטו גאר נישט געהערט אז שמואל האט געזאלבט שאולן פאר א קעניג איבער דעם גאנצען לאנד? יע, מיר פון שבט בנימין, זיינען זעהר שטאלץ און גליקליך וואס אונזער הייליגער נביא האט אויסגעקליבען פאר א מלך, א מאן פון אונזער שבט...

— האבען שוין די אידען גאר א קעניג — האט דוד אויסגערופען מיט בעגייסטערונג - - און איך האב דערפון גארנישט געוואוסט... איך בין שוין עט־ליכע וואכען אין דער היים נישט געווען... געפיטערט די שאף איינער אליין אין מהאל... און ווען מיינע ברידער זיינען מיר געקומען אומבייטען האב איך זיך אזוי געאיילט אויעקצוגעהן, אז איך האב זיי אפילו נישט געפרעגט וואס עס הערט זיך אין אונזער לאנד... ווי לאנג איז עס אז שמואל האט דעם קעניג געקרוינט?

— בלויז דריי טעג, אבער איך בין זיכער אז גאנץ ארץ ישראל ווייס שוין דערפון... און דו, יונג, פרעגסט זיך נאך אויף איהם און ווייסט גאר נישט אז ער איז יעצט קעניג!...

— איך גלויב אז דו מאכסט א טעות, — האט זיך דוד אפגערופען, איך פרעג זיך נאך וועגען איינעם שאולן, וועלכער איז, ווי איך פערשטעה א פאסטוך, און האט א זוהן מייי'; נאמען יונתן און א טאכטער מיט'ן נאמען מיכל...

— נו, ער איז דאך טאקע אונזער קעניג — האט דער מאן זיך אפגערופען מיט א שמייכעל — שאול דער זוהן פון קיש וועלכער וואהנט דא אין גבעה און שטאמט פון דעם שבט בנימין איז יעצט דער קעניג איבער אלע שבטים...

דוד'ן האט געגומען שווינדלען אין די אויגען... וואס, מיכל איז פלוצלונג געווארען א פרינצעסין!... יעצט איז אלעס פערלארען... ער האט שוין מעהר קיין האפנונג נישט אויף מיכל'ן... א, גאט, וואס פאר א פלוצלינגע ענדערונג איז אזא קורצע צייט... יעצט פערשטעהט ער שוין, פארוואס זי איז מעהר נישט געקומען... זי איז דאך דעם קעניג'ס טאכטער... און ער א פאסטוך!...

— דארטען אויף'ן בערגעל שטעהט די הויז פון קיש — האט דער מאן איבערציינגט דוד'ן — ביי זיי וועסטו אויסגעפינען וואו דער קעניג געפינט זיך יעצט...

— אה ניין, ניין! עס איז א טעות!... — האט דוד אויסגערופען און גלייך זיך אומגעקעהרט מיט דעם אייזעל און זיך צוריק פערנומען נאך דעם וועג צו בית לחם...

זעקסטער קאפיטעל

שאול׳ס העלדישקייט

אויף׳ן אנדערען זייט פון דעם טייך ירדן, צו מזרח צו, אין דעם חלק פון דעם שבט מנשה, איז געווען די שטאדט יבש גלעד, וואס איז געווען נישט ווייט פון דעם גרעניץ פון דער לאנד עמון.

רוהיג און צופריעדען האבען די איינוואהנער פון יבש גלעד זיך געלעבט. זייער לאנד איז געווען רייך אין פאשע און דאריבער האבען זיי זיך בעשעפטיגט בלויז מיט האדוועען בהמות און ערד־ארבייט.

אין יענער צייט זיינען די אידען פון דעם אנדערען זייט ירדן גארנישט געווען פעראייניגט. איין שטאדט איז נישט געקומען דער צווייטער צו הילף אין דער צייט ווען א שונא איז אויף איהר בעפאלען.

נחש, איז דאן געווען דער קעניג פון עמון, ער האט צוזאמענגערופען זיינע גענעראלען און זיי געזאגט :

— מיט יאהרען צוריק איז אונזער לאנד געווען פיעל שטארקער און גרעסער, אבער מיינע עלטערען האבען אויסגעקליבען זעהר א שלעכטע צייט ארויסצוגעהן אויף מלחמה מיט ישראל... זיי האבען דאן שופטים געהאט און די שופטים האבען זיי שוין פעראייניגט, און דעריבער ווען מיין זיידע האט פעראזמעלט זיינע מחנות און גענומען מלחמה האלטען מיט די גלעדים, האבען זיי געקראגען א שופט, א גבור, מיט׳ן נאמען יפתח, און ער האט אונז בעזיעגט און ביי אונז פיעל לאנד אוועקגענומען... יעצט איז די לאגע פון די אידען זעהר א געדריקטע... די פלשתים פון מערב זייט הערשען איבער זיי און די אידישע שבטים פון יענע געגענדען קענען יעצט נישט קומען צו הילף די גלעדים. דאריבער איז יעצט געקומען אונזער צייט צוריקצונעמען אלע שטעדט און דערפער וואס מיר האבען פערלארען צו יפתח דעם גלעדי.

— דאס איז נאך גארנישט — האט זיך א גענעראל אפגערופען — מיר דארפען איינגעמען אלע זייערע שטעדט און זיי אין גאנצען פעריאגען פון דעם זייט ירדן...

— ווען מיר זאלען אלע אידען פון זייערע שטעדט פעריאגען, וועט פאר אונז זיין א קליינע טובה — האט א צווייטער זיך אפגערופען — די לאנד וועט נעמען פוסטעווען, די חיות וועלען זיך פארמעהרען, און מיר וועלען נישט האבען מיט וועמען צו האנדלען... מיין עצה דעריבער איז, אז מיר זאלען בעלאגערען די שטאדט יבש גלעד, און ווען די איינוואוינער וועלען ארויסקומען און וועלען מאכען שלום מיט אונז, זאלען מיר מיט זיי מאכען שלום מיט דעם בעדינג אז יעדער מאנספערזאן פון שטאדט זאל זיך לאזען אויסשטעכען זיין רעכטע אויג... דאן וועלען מיר אלע מענער מאכען אומפעהיג פאר מלחמה און מיר וועלען קענען טאהן מיט זיי אלעם וואס אונז וועט געפעהלען, מיר וועלען זיך אויך דאמיט נוקם זיין פאר די מפלה וואס אונזערע עלטערען האבען ערליטען דורך זייער העלד יפתח, און א חוץ דעם וועט אזא זאך בלייבען א שאנד פלעק אויף אלע אידען...

נחש, דעם קעניג פון עמון, איז זעהר געפעלען געווארען די עצה. ער האט באלד פערזאמעלט אלע זיינע מתנות און ארויס מיט זיי צו דער שטאדט יבש גלעד, און זי בעלאגערט...

די איינוואהנער פון גלעד זיינען געווארען אין טויט שרעק, ווען זיי האבען זיך דערוואוסט אז עמון וויל מיט זיי מלחמה האלטען... זיי האבען גלייך ארויסגע־שיקט שלוחים צו דעם קעניג פון עמון מיט פיעלע מתנות פון גאלד און זילבער. ער זאל מיט זיי מאבען שלום...

— איך וועל מיט די איינוואוינער פון יבש גלעד מאכען שלום בלויז מיט איין בעדינג או אלע מענער זאלען זיך לאזען אויסשטעכען די רעכטע אויג — האט דער קעניג געענטפערט די שלוחים, און ביי זיי צוגענומען די מתנות...

די שלוחים האבען זיך אומגעקעהרט אין שטאדט און געבראכט די טרויע־רינע נייעס וועגען דעם קעניג'ס פארלאנג.

באלד איז אין שטאדט יבש גלעד געווארען א יללה און א טרויער, פרויען האבען גע'חלש'ט און קינדער האבען געוויינט און געקלאגט...

— אוי וואס וועט פון אונז ווערען! נחש וויל אונז אלעמען פאר קאליקעס מאכען!... — האבען די מענער געיאמערט...

— דער ווייטאג איז גרויס, אבער די שאנדע איז נאך גרעסער! א גאנצע שטאדט אידען וועלען בלייבען בלינד אויף אן אויג — האבען די אידען צווישען זיך געדעדט מיט צעבראכענע הערצער... וואס קענען מיר אבער טאהן, מיר זיינען הילפלאז געגען מעכטיגען שונא, און אויב מיר וועלען זיך נישט אונטער־געבען און לאזען איהם טהאן צו אונז ווי ער פערלאנגט, דאן וועט ער דאך אונז אלעמען, מיט אונזערע פרויען און קינדער טויטען מיט'ן שווערד...

לאמיר פון דעם קעניג בעטען ער זאל אונז ערלויבען זיבען טעג צייט זיך צו בעדענקען וועגען דעם און דאן וועלען מיר איהם זאגען וואס ער זאל מיט אונז טהאן.

— א נאר וועט דער קעניג זיין און אונז וועלען געבען זיעבען טעג צייט!

— האבען איינינע געזאגט — פארוואס זאל ער אונז גיבען זיבען טעג צייט, ווען ער קען מיט אונז טהאן גלייך וואס ער וויל?

— פיעלייכט וועט ער פארט איינוויליגען עס צו טאהן פאר אונז — האט זיך איינער פון די עלטסטע פון גלעד זיך אפגערופען — ער איז דאך מיט אונז זיכער, ער ווייסט דאך אז מיר וועלען קעגען איהם נישט געהן מלחמה האלטען, אפילו ווען מיר זאלען האבען גענוג צייט זיך צוצוגרייטען...

די איינוואהנער פון יבש גלעד האבען ווידער געשיקט שלוחים צו דעם קעניג פון די עמונים.

— מיר זיינען געקומען בעטען ביי דיר א חסד, מעכטיגער קעניג פון עמון!

— האבען זיך די שלוחים פאר איהם פערנויגט גיעב דאך אונז זיעבען טעג צייט זיך צו בעזינען, וועגען דיינע בעדינגונגען און דאן וועלען מיר דיר געבען אונזער תשובה.

— איהר ווילט האבען גענוג צייט צו בעטען הילף ביי אייערע ברידער — האט נחש געלאכט — אבער גוט, איך וועל אייך געבען זיעבען טעג צייט און געהט אייערע ברידער בעטען זיי זאלען אייך קומען צו הילף. דאן וועט נאך זיין די שאנדע א גרעסערע, ווייל אלע אידען וועלען האבען געוואוסט וועגען אייער

אומגליק און קיינער וועט אייך נישט קומען צו הילף... ווייל ווי וועלען זיי קענען אייך העלפען, אז זיי קענען זיך זעלבסט נישט העלפען... דעריבער אז איך וועל פארטיג ווערען מיט'ן אויסשטעכען די רעכטע אויגען פון די איינוואהנער פון אייער שטאדט, וועל איך זיך נעמען צו די אנדערע שטעדט פון אייערע ברידער און טהאן צו זיי דיזעלבע זאך...

די שלוחים זיינען אריבער דעם טייך ירדן און זיינען אנגעקומען אין א האט זיי געזאגט.

מיר טארען קיין רגע נישט פערלירען — האט זיך דער עלטסטער פון זיי אפגערופען — מיר מוזען גלייך שיקען שלוחים איבער גאנץ ארץ ישראל, זאלען זיי וויסען וועגען וואס עס האנדעלט זיך דא, פיעלייכט וועלען זיי קומען אונז העלפען...

די זקנים האבען אויסגעקליבען צעהן איינוואהנער און זיי אוועקגעשיקט בעטען הילף.

די שלוחים זיינען אריבער דעם טייך ירדן און זיינען אנגעקומען אין א שטאדט און דערצעהלט זייער טרויעריגע לאגע.

— וואס קענען מיר אייך העלפען — האבען די מענשען פון יענער שטאדט געענטפערט — מיר האבען נישט קיין געוועהר, די פלשתים דריקען אונז זעהר פיעל... פרובירט געהן נאך גבעה, דארטען געפינט זיך דער נאר וואס געקרוינטער אידישער קעניג, שאול, פיעלייכט וועט ער אייך געבען אן עצה...

די שלוחים פון יבש גלעד האבען זיך שנעל געלאזט געהן נאך גבעה...

איידער שמואל האט אויסגעקליבען א מלך פאר אידען, זיינען אלע געווען זעהר אומגעדולדיג, זיי האבען וואס שנעלער געוואלט אז שמואל זאל קרוינען א קעניג איבער זיי. ווי נאר אבער שמואל האט אויף דער גרויסער פאלקס פערזאמלונג אין מצפה, געזאלבט שאול'ן פאר'ן קעניג, האט דאס פאלק פארלארען זיין ענטהוזיאזם און חשק פאר א קעניג... זיי האבען ארויסגעצייגט א קאלטקייט צו זייער אויסדערוועהלטען... פיעלע שבטים זיינען געווען ענטוישט פארוואס שמואל האט נישט אויסגעקליבען א קעניג פון זייערע שבטים... אנדערע האבען גלאט נישט געגלויבט אז אט דער בעשיידענער פאסטוך פון דעם קלענסטען שבט בנימין, וועט זיי עפעס קענען העלפען און דעריבער ווען די ערשטע פאר טעג פון אויפרעגונג זיינען פאריבער, האט מען זיך ביסלעכווייז גענומען פערגעסען אן קעניג...

שאול אליין האט זיך אויך געפיהלט זעהר אומבעקוועם... ער האט געהערט ווי פיעלע האבען אנגעפאנגען מורמלען געגען איהם, נאך גלייך ווי ער איז דערקלערט געווארען פון שמואל'ן אלס קעניג... זעהר ווייניג מענשען זיינען צו איהם צוגעשטאנען און מיט איהם מיטגעגאנגען קיין גבעה... בלויז דער שבט בנימין און איבערהויפט די איינוואוינער פון שטאט וועלכע זיינען געווען גליקליך און צופריעדען מיט שאול'ן אלס קעניג איבער אלע שבטים.

שמואל האט איהם צוגעזאגט צונויפצורופען אין א קורצע צייט ארום נאך א פאלקס פערזאמלונג, וואו שאול זאל בעשטימען זיינע בעאמטע און זיין ארמעע. דערווייל אבער איז שאול צוריקגעגאנגען צו זיינע שאף און רינדער... ער האט געפיטערט די שאף ווי פריהער, ער האט אויך בעארבייט די ערד און ער האט שוין אליין במעט ווי פערגעסען אן דער מלוכה...

די שלוחים פון יבש גלעד האבען דערגרייכט גבעה. זיי זיינען צוגעקומען צום מארק פלאץ און האבען מיט טרעהרען אין די אויגען אלעמען דערצעהלט וועגען גרויסען אומגליק וואס לויערט אויף אלע איינוואהנער פון זייער שטאדט...

א יאמער און א געוויין האט אויסגעבראכען צווישען פאלק ווען זיי האבען דערהערט דייזע שרעקליכע נאכריכט... אלע האבען ביטער געקלאגט... פיעלע האבען זייערע קליידער צוריסען פון טרויער...

שאול האט זיך נאר וואס געהאט צוריקגעקעהרט פון פעלד מיט א פאאר אקסען וועלכע זיינען געווען געשפאנט צום אקער אייזען... פארבייגעהענדיג דעם מארק, האט ער דערהערט דעם שרעקליכען געוויין און יאמער פון פאלק....

— וואס איז געשעהן ? ! — האט שאול א פרעג געטהאן, אלע האבען זיך פערנייגט פאר איהם... דער געוויין האט זיך נאך פערגרעסערט...

— ווען מיר אימיצער זאגען וואס דא קומט פאר ! — האט שאול אויס־געשריען.

— ער איז אונזער קעניג — האט אימיצער א זאג געטהאן צו די שלוחים — געהט און דערצעהלט איהם אלעס וואס נחש דער קעניג פון עמון וויל טאהן צו אייך.

די שלוחים האבען שאול'ן דערצעהלט וועגען זייער טרויעריגער לאגע און זיי האבען אויסגעלאזען מיט גרויס געוויין: "און יעצט אויב קיינער פון אייך וועט אונז נישט קומען צו הילף, זיינען מיר, אונזערע פרויען און קליינע קינדער, פערלארענע.

ווען שאול האט עס דערהערט, איז ער געווארען אזוי אויפגערעגט, זיין בלוט איז איהם אין פנים אריין...

— ברייננט מיר א שארפען לאנגען מעסער ! — האט ער בעפוילען — און האט צוזאמענגעדריקט זיינע פויסטען, און געקריצט מיט די ציינער פאר כעס.

מען האט איהם באלד געבראכט א שארפען מעסער... שאול האט גענומען דעם מעסער, איז צוגעגאנגען צו זיין פאר אקסען און האט זיי גלייך צושניטען אויף שטיקער... ער האט צוגערופען עטליכע מענשען און זיי איבערגעגעבען די צושניטענע שטיקער אקסען און צו זיי געזאגט:

— נעמט די צושניטענע שטיקער אקסען און לויפט שנעל איבער אלע שטעדט און דערפער פון ארץ ישראל און רופט אויס :

"דעם קעניג'ס שאול בעפעהל איז אז אלע מענער פון איבער צוואנציג יאהר מוזען גלייך צונויפקומען אין דעם טהאל פון יזרעאל און די וועלכע וועלען נישט וועלען ארויסגעהן נאך דעם קעניג און נאך דעם נביא שמואל, וועט מען טאהן צו זיינע בהמות ווי מען האט געטהאן צו דייזע אקסען...

שאולס שלוחים האבען גענומען פערד און גלייך אוועקגעריטען איבער גאנץ ארץ ישראל.

— און איהר אלע — האט זיך שאול אפגערופען — געהט גלייך אהיים און נעמט וועלכע געוועהר איהר קענט נאר געפינען און קומט דא צוריק און מיר וועלען אלע צוזאמען אוועקמארשירען צו דעם טהאל יזרעאל.

אלע געזונטע מענער פון גבעה זיינען באלד געווען געגרייט צו טאהן וואס זייער קעניג וועט זיי בעפעהלען.

— איהר געהט אהיים, צו אייער שטאדט, יבש גלעד און זאגט אלעמען

אַז אין מיין נאַכטן אַז זיי זאָלען זיך נישט שרעקען ווייל מיר וועלען אַזוי שנעל ווי מעגליך אייך קומען צו הילף.

די שלוחים פון יבש גלעד זיינען געפאַלען מיט זייערע פנים'ער צו דער ערד, געדאַנקט דעם קעניג פאַר זיין גוטע הבטחה און גליקליכע זיינען זיי צוריק אַוועק צו זייער שטאָדט...

אין דער צייט וואָס די שלוחים זיינען אַריבער דעם ירדן בעטען הילף ביי זייערע ברידער פון מערב, האָבען די איינוואָהנער פון יבש גלעד איבערגעלעבט נאָך א גרעסערע שרעק. זייער טרויער און יאוש האָט זיך נאָך מעהר פאַרשטאַרקט, און די עלטסטע פון שטאָדט האָבען אויסגערופען א תענית אויף דריי טעג.

— וואָס וועלען מיר יעצט טהאָן ? — האָבען די דאָרטיגע אידען געיאָמערט,

— וואָס מעהר מיר גיבען זיי נאָך אַלץ מעהר פערלאַנגען זיי פון אונז... נישט גענוג פאַר די רשעים וואָס יעדער מאַנספערשוין פון אונז וועט זיך לאָזען אויס־שטעכען די רעכטע אויג, פאָדערען זיי נאָך אונזערע טעכטער...

— אָ, ניין, דאָס וועל איך נישט דערלאָזען ! — האָט זיך א איד אָפגע־רופען, — מיין טאָכטערס עהרע וועל איך נישט דערלאָזען פאַרשוועכען, איך וועל קעמפּפען ביז מיין לעצטען טראָפּען בלוט...

— איך וועל בעסער טויטען מיין טאָכטער, איידער איבערצוגעבען איהר אין די הענד פון די פאַרפלוכטע עמונים ! — האָט זיך א צווייטער אָפּגערופען.

— מיר טאָרען דערצו נישט דערלאָזען ! — האָט נאָך איינער געדריקט מיט די פויסטען, — מיר מוזען דיזען בעסטיאַלישען פערלאַנג פון די עמונים צוריק־ווייזען, אפילו ווען עס וועט אונז קאָסטען אונזערע לעבענס... בעסער דער טויט איידער אַזאַ לעבען פון שאַנדע און קנעכטשאַפט...

— קענען מיר זיך דען העלפען געגען זיי ! — האָט אַן עלטערער איד אויס־גערופען, — מיר זיינען דאָך יעצט ביי זיי אין די הענד... זיי וועלען מן הסתם טהאָן מיט אונז וואָס זיי וועט געפעלען... מיר זעהען דאָך אַז גאָט'ס צאָרן האָט זיך אויף אונז אויסגעגאָסען... מיר וועלען דאַרפען נעהמען אַלעס פאַר גוט...

— און וואָס וועט זיין ווען מיר גיבען זיי נאָך, ווי אַזוי וועלען מיר זיין גע־זיכערט, אַז נאָכדעם ווי מיר ערפילען זייער פערלאַנג, און איבערגעבען אונזערע טעכטער אין זייערע הענד, אַז זיי וועלען באַלד נישט פאָדערען אויך אונזערע פרויען ?...

— לאָמיר קעמפּפען געגען די ווילדע עמונים, און שטאַרבען ווי העלדען, איידער זיך לאָזען טרעטען מיט די פיס ! — האָבען זיך עטליכע איינוואָהנער געהיצט.

— וואו זייט איהר געווען פריהער איידער מיר האָבען איבערגעגעבען די עמונים אונזערע אוצרות גאָלד און געוועהר ?!... — האָט דער עלטערער איד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — וועלען מיר דען קענען קעמפּפען מיט ליידיגע הענד געגען די שטאַרקע און ווילדע עמונים... בפרט נאָך ווען די טויערען פון אונזער שטאָדט איז פאַר זיי אָפען... און ווי נאָר מיר וועלען אַרויסצייגען א קליינעם ווידערשטאַנד, וועלען זיי אונז אַלעמען פאַרניכטען מיט זייערע שווערדען... און אונזערע קליינע אומשולדיגע קינדער וועלען זיי אומ'רחמנות'דיג אויסשעכטען... ניין, מיר מוזען זיך אונטערגעבען צוליעב אונזערע קינדער ! וואָס זיינען זיי שולדיג אויב מיר האָבען געגען גאָט געזינדיגט ?! . . .

— אוי, וועה איז צו אונז ! — האבען אייניגע געקלאגט, — עס איז דאך נישט געהערט געווארען פון אזא נבלה אין גאנץ ישראל. מיר זאלען מיט אונזער אייגענעם ווילען איבערגעבען אונזערע טעכטער אין די הענד פון די ערלים זיי צו פעראומרייניגען...

— מיר זיינען דאך עס געצוואונגען צו טאהן, האבען מיר דען אן אנדער ברירה. מיר זיינען הילפלאז געגען דעם מעכטיגען קעניג נחש...

— וואס האבען אונזערע עלטערען, יעקב׳ס זיהן, געטהאן ווען די איינוואהנער פון שכם האבען געוואגט פאראומרייניגען זייער שוועסטער דינה ? זיי האבען פאר זייער שוועסטער׳ס עהרע ווי לייבען געקעמפפט. און איהר גערעטעט פון זייערע הענט... זיי האבען די גאנצע שטאדט שכם פארניכטעט צוליעב די בעליידיגונג פון דינה׳ן, זייער שוועסטער... און מיר וועלען יעצט דארפען איבערגעבען אונזערע איידעלע און צארטע טעכטער אין די אומריינע הענט פון די עמונים... ווער פון אונז וועט קענען אריבערטראגען אזא שאנדע ?... וועמענס בלוט פון אונזרע ברידער וועט נישט קאכען און זידען פון אזא גרויזאמע און עקעלהאפטע פאדערונג פון אונזער שונא...

— אפשר וועלען מיר ביי זיי פועל׳ן זיי זאלען אויפגעבען דעם געדאנק אויסצושטעכען די רעכטע אויג פון יעדען מאנספערזאן, אויב זיי ווילען האבען אונזערע טעכטער, — האט זיך א דיקליכער איד אפגערופען.

— און איך וואלט שוין בעסער וועלען דאס זיי זאלען אויסשטעכען מיינע ביידע אויגען, איידער צוצוזעהן ווי מיין טאכטער׳ס עהרע ווערט פארשוועכט. און איך קען דערצו גארנישט טהאן... — האט זיך א צווייטער אפגערופען מיט כעס, — האט איהר געהערט א חוצפה פון א אידען.. .ער וויל זיך אויסקויפען מיט די עהרע פון זיין טאכטער...

— און אז אונזערע אויגען וועלען זיין אויסגעשטאכען, וועלען מיר דאמיט קענען פערגרינגערען די ליידען פון אונזערע טעכטער, — האט דער דיקליכער איד געענטפערט... וואס וועט אונזערע טעכטער ארויסקומען דערפון ווען זייערע פאטערס וועלען בלייבען בעלי מומים...

— לאמיר פרובירען זיי אנבאטען אלע אונזערע בהמות, פיעלייכט וועלען זיי איינוויליגען אויף אזא אויסטויש, און וועלען אונזערע טעכטער צורוה לאזען.

— ווען מיר זאלען זיי אוועקגעהן דעם איינציגען קוואל פון אונזער חיונה, וועלען דאך מיר און אונזערע פרויען און קינדער אויסגעהן פון הונגער, — האט אן אנדערער געזאגט.

— מיר זיינען פארלארען ! מיר זיינען אלע פארלארען ! — האבען אייניגע אידען גענומען קלאגען, — וואוהין מיר זאלען זיך נישט קעהרען און וואס מיר זאלען נישט טהאן זיינען מיר פארלארענע !...

— אפשר וועט גאט העלפען און אונזערע שלוחים וועלען זיך צוריקקעהרען מיט א פרעהליכע בשורה...

איין טאג צייט איז בלויז פארבליבען... און אז אונזערע שלוחים האבען זיך ביז איצט נישט צוריקגעקעהרט, איז א סימן אז עס איז ניטא מעהר קיין האפנונג... אונזערע ברידער פון מערב קענען נישט און ווילען אונז נישט העלפען... זיי האבען זייערע אייגענע צרות פון די פלשתים... ווען נחש וואלט געהאט דעם מינדעסטען

צווייפעל אז מיר קענען ערוואַרטען הילף פון אונזערע ברידער, וואַלט ער אונז אפילו קיין איין טאָג צייט נישט געגעבען...

— זיי קומען אַן! אַט קומען זיי! — האָבען אייניגע אויסגעשריען מיט פאַרצווייפלונג.

— ווער?! וואו!

— אַט דאָרטען קומען זיי די אָפיצירען פון דעם קעניג, נחש!... זיי קומען שוין נעהמען אונזערע טעכטער! אַ, גאָט, העלף אונז.

— מיר פערלאַנגען אַז יעדער פון אייך זאָל אונז גלייך אָפּגעבען זיין טאָכטער! — האָט זיך דער עלטסטער פון די אָפיצירען פון עמון אָפּגערופען.

— דער קעניג האָט דאָך אונז ערלויבט ביז׳ן אַכטען טאָג! — האָבען זיך די אידען געווענדעט צו די אָפיצירען מיט טרעהרען אין די אויגען. — יעצט איז דאָך בלויז דער זיבעטער טאָג... מיר בעטען דיך, גיב אונז צייט זיך מיט זיי צו זעגענען... זיי זיינען דאָך אונזערע קינדער, אונזער אייגען פלייש און בלוט...

— מיר האָבען ביי אייך געזעהן זעהר אַ שעהנע מיידעל, איהר נאָמען איז אביגיל! — האָט דער זעלבער אָפיציער זיך אָפּגערופען, — ווען מיר האָבען געלויבט איהר שעהנקייט פאַר אונזער קעניג, האָט ער אונז באַפוילען זי גלייך ברייגנען צו איהם... מיר זיינען געקומען צו איהר פאָטערס הויז און דאָרטען די מיידעל נישט געטראָפען... יעצט, אַז יענע מיידעל וועט נישט געפונען ווערען ביז אָוענט, וועלען מיר אייך צווינגען אַרויסצוגעבען אַלע אייערע טעכטער נאָך היינט, און דער וועלכער וועט נישט אויספאָלגען אונזער באַפעהל, וועט געטויטעט ווערען...

אַ טרויעריגע שטילקייט האָט געהערשט צווישען די אידען פון יבש גלעד... קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסצוריידען אַ וואָרט...

— וואָס שווייגט איהר ווי טויטע הינט! — האָט דער אָפיציער זיך צו־שריען, — אביגיל מוז גלייך געבראַכט ווערען און מיר וועלען איהר פיהרען צו אונזער קעניג! אַז נישט וועט פון אייך קיין געדענכנים נישט בלייבען.

— מיר בעטען דיך, אונזער האַר, טהו מיט אונז אַ חסד און וואַרט דאָ צו אַ ווײַלע מיט דיינע מענשען, און מיר וועלען אַוועקגעהן צו אביגיל׳ס פאָטער, פיעלייכט וועט ער אונז טהאָן די טובה און אונז געבען זיין טאָכטער... וועלען מיר איהר גלייך ברייגנען צו דיר...

— טו איילט זיך אונטער, איהר אומווירדיגע שקלאַפען! — האָט דער אָפיציער אַ טופּע געטהאָן מיט די פיס, — אַז איהר וועט מיר די מיידעל גלייך נישט ברייגנען וועל איך אייערע קעפּ אַרונטערהאַקען!...

— מיר געהן! מיר געהן! — האָבען זיך די אומגליקליכע אידען אָפּגע־רופען און זיינען מיט געבויגענע קעפּ אַוועקגעגאַנגען צו אביגיל׳ס פאָטער...

* * *

אַז אביגיל איז געווען די שעהנסטע מיידעל פון יבש גלעד, אין דעם האָט קיינער נישט געצווייפעלט... איהר פאָטער, דניאל, איז טאַקע געווען זעהר שטאָלץ אויף זיין איין־איינציגע טאָכטער, נישט נאָר צוליעב איהר שעהנקייט, נאָר אויך צוליעב איהר קלוגשאַפט און גוטסקייט....

דניאל איז געווען זעהר אָרים. ער האָט שווער און ביטער געאַרבייט כדי ער זאָל קענען מפרנס זיין זיין ליעבע בעשיידענע טאָכטער, וועלכע איז איהם געווען

טהייערער פון זיין לעבען... אביגיל׳ס מוטער איז געשטארבען און ער האט קיין אנדער פרוי נישט גענומען, אום נישט צו פארשאפען זיין טאכטער שמערצען...

די רייכסטע בחורים פון שטאדט האבען זיך גע׳שדכן׳ט צו איהר, אבער איהר פאטער האט פון זיי נישט געוואלט הערען.

ווען איינער פון די רייכסטע יונגע לייט פון יבש גלעד איז געקומען צו דניאל׳ןריידען וועגען זיין טאכטער, און איהם פארגעלייגט א העלפט פון זיין פארמעגען, האט זיך דניאל אפגערופען מיט א שמייכעל:

— געה זוך זיך דיר אן אנדער כלה! מיין טאכטער פאסט זיך בלויז צו זיין די ווייב פון א אידישען קעניג...

דאס האט די יונגע לייט פון יבש גלעד זעהר פארדראסען, און זיי האבען ביי זיך געטראגען א שטארקע שנאה אויף דניאל׳ן און זיין שטאלצע טאכטער. און ווען זיי האבען דערהערט אז דער קעניג נחש וויל אוועקנעהמען אלע אידי־שע מיידלעך פון שטאדט און זיי צוטיילען צווישען זיינע אפיצירען און זעל־נער, האט איינער פון זיי אריינגערוימט א סוד דעם הויפט פון דעם קעניג׳ס חיל, אז אין דניאל׳ס הויז געפינט זיך די שעהנסטע מיידעל פון שטאדט, און לויט די ווערטער פון איהר פאטער פאסט זי זיך בלויז פאר א קעניג...

דער הויפט מיט די אפיצירען זיינען אוועקגעגאנגען צו דניאל׳ן און ווען זיי האבען דערזעהען זיין טאכטער, זיינען זיי פערוואונדערט געווארען פון איהר שעהנקייט.

— גיב אונז דיין טאכטער, — האט זיך דער הויפט אפגערופען צו דניאל׳ן און מיר וועלען זי ברייננגען א מתנה פאר אונזער קעניג, און אז זי וועט געפינען חן אין זיינע אויגען, קען זיין אז ער וועט דיר באפרייען פון דער שטראף וואס ער האט ארויפגעלייגט אויף אלע מאנספערשוינען פון יבש גלעד.

— אה, ניין! איך וועל מיין טאכטער צו קיינעם נישט אוועקגעבען! — האט דניאל אויסגערופען און איהר צוגעדריטקט צו זיך...

אביגיל האט זיך געטוליעט צו איהר פאטער... איהר גאנצער קערפער האט געציטערט פון שרעק און א ווייענדיגע האט זי אויסגערופען:

— איך וויל נישט געהן! איך וויל נישט געהן!

— אז דו וועסט נישט וועלען געהן צום קעניג וועסטו געפיהרט ווערען מיט די איבריגע מיידלעך צוגלייך, און דאן קען נאך דיין גורל אויספאלען צו זיין די דיענסט פון איינעם פון דעם קעניג׳ס קנעכט... מיר גיבען דיר צייט זיך צו באזינען און מארגען אין דער זעלבער צייט וועלען מיר קומען הערען דיין ענטפער.

מיט א ברייטען שמייכעל איז דער הויפט ארוים פון דניאל׳ס הויז און האט גלייך געמאלדען נחש׳ן דעם קעניג פון עמון וועגען דער שעהנער אביגיל...

— מארגען מוז זי געבראכט ווערען צו מיר, — האט נחש אויסגערופען.

— איידער איך געה בעשטראפען אלע איינוואהנער פון שטאדט. וויל איך האבען די שעהנסטע מיידעל פאר מיר... איך וועל זיך אנזעטיגען מיט איהר שעהנ־קייט... און די איבריגע מיידלעך וועל איך לאזען צו אייך, מיינע געטרייע דיענער, יעדער וועט זיך קענען אויסקלייבען וועלכע מיידעל איהם וועט געפעלען

ווערען... ווייַן! זאָל מען מיר ברייַנגען ווייַן! איך וויל טרינקען פאַר אונזער מעכטיגע אַרמיי וואָס וועט באַלד ערנידעריגען איינע פון די גרעסטע אידישע שטעדט אין גלעד...

די דינער האָבען געבראַכט ווייַן, און דער קעניג האָט געטרונקען ביז ער איז געפאַלען אַ שכור׳ער אויף זייַן בעט.

— די מיידעל מוז צו מיר געבראַכט ווערען, — האָט ער באַפוילען מיט אַ שכור׳ע שטימע, — מאָרגען איידער די זון געהט אונטער זאָלט איהר זי צו מיר ברייַנגען...

* * *

נאָכדעם ווי דער הויפּט האָט פאַרלאָזען זייַן הויז, האָט דניאל זיך אָפּגע־רופען צו זייַן טאָכטער:

— ווייַן נישט, מייַן קינד, איך וועל דיר אין דעם שונא׳ס הענט נישט איבערגעבען. נישט וועיט פון דאַנען איז פאַראַן אַ פאַרבאָרגענע הייהל, דאָרטען וועל איך דיך בעהאַלטען ביז וואַנען אונזער גאָט וועט רחמנות האָבען... אפשר וועלען זיי זיך אָן דיר גאָר פאַרגעסען...

דניאל האָט זיך אַרומגעקוקט און ווען ער האָט געזעהן אַז קיינער באַמערקט נישט, האָט ער זייַן טאָכטער אַריינגעפיהרט אין דער הייהל. ער האָט איהר גע־בראַכט גענוג וואַסער און שפּייז און איהר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל פון דאָרטען נישט אַרויסגעהן ביז וואַנען די סכנה וועט זייַן פאַראיבער.

— וואָס וועט אָבער זייַן מיט דיר, מייַן ליעבער פאָטער! — האָט זיך אביגיל געוואָרפען אויף זייַן האַלז און געוויינט, — די שונאים וועלען דיר דאָך אַזוי וועה טהאָן, זיי וועלען דאָך דיר דייַן רעכטע אויג אויסשטעכען...

— וואָס עס וועט זייַן מיט אַלע אידען פון אונזער שטאָדט, וועט אויך זייַן מיט מיר. — האָט דניאל טרויעריג געזאָגט, — אָבער דיך, מייַן טאָכטער, מוז איך רעטען פון די אומרייַנע הענט פון די ערלים...

ער האָט איהר אָנגעזאָגט זיך נישט צו שרעקען און איהר נאָך אַמאָל גע־קושט און איז אַרוים פון הייהל...

אויף מאָרגען, ווען דער הויפּט מיט די אָפיצירען זייַנען געקומען צו דניאל׳ן נעהמען זייַן טאָכטער, האָבען זיי איהר נישט געפונען אין הויז.

— וואו איז דייַן טאָכטער! — האָט דער הויפּט אויסגערופען, — דער קעניג האָט אונז באַפוילען איהר צו ברייַנגען פאַר איהם...

— איך ווייס נישט וואו זי איז! — האָט דניאל געענטפערט, — זי איז פון מייַן הויז פאַרשוואונדען געוואָרען. איך קען איהר אַליין אויך נישט גע־פינען.

— דו ביזט אַ ליגנער! דו האָסט איהר בעהאַלטען! — האָט דער הויפּט זיך צושריען, — זוכט איהר אומעטום, מייַנע אָפיצירען!

זיי האָבען איהר איבעראַל געזוכט, אין הויז, אין פעלד, אין די אַרומיגע הייזער, אָבער אומזיסט... זיי האָבען אביגיל׳ן נישט געפונען.

— היינט וועלען נאָך אַלע אידען מוזען אַרויסגעבען זייערע טעכטער צו אונז! — האָט דער הויפּט געזאָגט, — און איז מיט זייַנע אָפיצירען אַוועק אין מיטען דער שטאָדט וואו די אידען האָבען זיך געפונען...

— מיר מוזן זעהן פועל'ן ביי דניאל'ן ער זאל ארויסגעבען זיין טאכטער, — האט זיך אפגערופען איינער פון די גרופע אידען וועלכע זיינען געגאנגען צו דניאל'ן אויפ'ן באפעהל פון דעם הויפט.

— איך צווייפעל אבער צי ער וועט זיך צוהערען צו אונז, — האט א צווייטער געשאקעלט מיט'ן קאפ, — פארוואס זאל טאקע זיין טאכטער זיין די ערשטע...

— עס איז אבער מעגליך, אז צוליעב איהר וועט דער קעניג האבען איינזעהעניש מיט די גאנצע שטאדט... זי איז דאך אזא זעלטענע שעהנהייט, און אז זי וועט איהם בעטען וואלט ער פיעלייכט פארגרינגערען אונזער שטראף...

— מיר גלויבט זיך נישט, אז עפעס וועט העלפען... מיר זיינען פארלארענע...

— מיר האבען דאך גארנישט צו פארלירען, לאמיר פרובירען זיך דורכריידען מיט אביגיל'ס פאטער...

מיט טרויעריגע געמיטהער זיינען די עטליכע אידען אריין צו דניאל'ן.

ער איז געזעסען אין א ווינקעל פון הויז, מיט אן ארונטערגעלאזענעם קאפ. ווען זיי האבען זיך דערנעהענטערט צו איהם, האט זיך דניאל פון ארט נישט גערירט.

— מיר זיינען אומגליקליך! מיר זיינען פארלארען! — האט איינער פון די אידען אויסגערופען מיט א יאמערליכען געוויין, — עס איז שוין מעהר קיין האפנונג פאר קיינעם נישטא...

דניאל איז נאך אלץ געזעסען באוועגלאז...

— דו ווייסט, דניאל, — האט זיך דער עלטסטער אפגערופען, — דער הויפט האט דאך אונז אלעמען געוואלט טויטען מיט'ן שווערד, זיין כעס האט געברענט ווי א פייער. אויב דו וועסט נישט איבערגעבען דיין טאכטער צו דעם קעניג נחש, וועט קיין לעבעדיגער נפש נישט בלייבען אין שטאדט...

— וואס!! — האט פלוצים דניאל א שפרונג געטהאן, — איך זאל מיט מיינע אייגענע הענט איבערגעבען מיין טאכטער אין די הענד פון דעם אכזר'ישען קעניג! ניין! ניין! גלייכער וועל איך אליין שטארבען איידער אזא זאך צו טהאן.

— אבער פיעלייכט טהוט עס גאט צוליעב אונז, אפשר וועט דורך דיין טאכטער קומען א ישועה אויף אלע איינוואהנער פון שטאדט.

— איך קען נישט! איך קען נישט אפפערען מיין טאכטער! איך וועל עס נישט טהאן! ניין!

— מעגליך אז דיין טאכטער זאל וויסען אז זי קען טהאן עפעס גוטעס פאר איהר פאלק, וועט זי זיך גערן מקריב זיין, ווי די טאכטער פון יפתח... — האט זיך איינער אפגערופען.

— יא, דער העלדישער גבור יפתח וואס איז געווען דער שופט איבער גאנץ גלעד, ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט זיעגרייך פון די מלחמה מיט די עמונים, און האט אלס דאנקבארקייט צו גאט זיך א נדר געטהאן מקריב צו זיין פאר גאט די ערשטע זאך וואס וועט איהם אנטקעגען קומען... און אז זיין איינציגע טאכטער, וועלכע איז אויך געווען א זעלטענע שעהנהייט, איז איהם אנטקעגען געקומען, האט ער דען איהר נישט מקריב געווען פאר א קרבן?... און זי, זיין העל-

דישע טאכטער, איז זי דען נישט געווען גליקליך צו שטארבען פאר איהר פאלק? און נאך עד היום געהען דאך אונזערע טעכטער אויף איהר קבר צום יאהרצייט.

— בלייבט איהר דא אין מיין הויז! — האט זיך דניאל צו זיי אפגערופען מיט פערצווייפלונג, — איך וועל געהן צו איהר און אויב זי וועט צושטימען וועט זי מיטגעהן מיט אייך... ער האט שנעל פארלאזען זיין הויז, און ארומקוקענדיג זיך פון אלע זייטען איז ער אוועק צו דער פארבארגענער הייהל.

* * *

די שלוחים פון יבש גלעד האבען נאר וואס אריבערגעקרייצט דעם ירדן און האבען זיך נישט געקענט באשליסען וואס צו טהאן.

— ווען מיר זאלען יעצט אנקומען אין שטאדט און מיר וועלען אנזאגען די בשורה אז דער נאר וואס אויסערוועהלטער קעניג קלייבט צונויף אן ארמיי און וועט אונז באלד קומען צו הילף, קען זיין אז די עמונים וועלען זיך אנשטויסען, און איידער מיר וועלען די הילף בעקומען וועלען זיי זיך מיט אונז אפרעכענען און דערנאך אפטרעטען פון שטאדט, — האט איינער פון זיך אפגערופען, — דאריבער איז מיין עצה, אז מיר זאלען ווארטען ביז'ן לעצטען טאג, און אז די אידישע ארמיי וועט נאך דאן נישט האבען אנגעקומען, וועלען מיר אנקומען אין שטאדט...

— מיר מוזען אריינקומען אין שטאדט מיט צוריסענע קליידער און ערד אויף אונזערע קעפ... ווען דער שונא וועט אונז אפשטעלען ביי די טויערען פון שטאדט, זאל ער מיינען אז מיר טרויערען, ווייל אונזערע ברידער פון מערב ווילען אונז ניט קומען צו הילף, — האט דער צווייטער געזאגט.

— איך גלויב אז מיר זאלען אונזערע אייגענע ברידער אויך נישט אנזאגען אז די הילף איז נאהענט, — האט דער ערשטער שליח געזאגט, — ווייל וויפיעל זיי וועלען זיך בעמיהען צו פארבארגען זייער פרייד, וועלען די עמונים דאך עס באמערקען און זיי און דערפון קען נאך ארויסקומען אן אומגליק...

— איז דאך שוין גלייכער אז מיר זאלען אנקומען אין שטאדט און קיינעם דערוייל נישט דערצעהלען וועגען אונזער גליק...

— וועלען מיר עס דען קענען פארבארגען פון אונזערע פנים'ער, און אויב אונז וועט יא געלינגען עס צו טהאן, וועלען מיר דען קענען צוזעהן דעם גרויסען צער פון אונזערע ברידער און זיי גארנישט דערצעהלען?

לאנג האבען די שלוחים צווישען זיך מישב געווען, ענדליך האבען זיי בעשלאסען צו פארבלייבען ביז דעם לעצטען טאג... דעם זיבעטען טאג פארנאכט, זיינען זיי צוגעגאנגען צום שטאדט... נישט ווייט פון די טויערען פון שטאדט האבען זיי זייערע קליידער צוריסען און געשאטען שטויב אויף זייערע קעפ...

אין דעם לאגער פון די עמונים איז געווען זעהר פרעהליך. מארגען וועט מען ארויספיהרען אלע יונגע אידישע מיידלעך פון שטאדט און זיי אויסטיילען פאר דעם חיל... דערוויל האבען אלע מנומען שכור'ן און הוליען...

נחש, דער קעניג אליין, האט אויך נישט אפגעשטאנען פון דער שמחה... זיינע געטרייע דיענער זיינען אוועק ברינגען פאר איהם די שעהנסטע אידישע מיידעל פון יבש גלעד... ער האט אין זיך געגאסען איין קריגעל וויין נאך דעם צווייטען, און דאביי געשאלטען און געזידעלט אלע אידישע שבטים:

— פייגלינגע זיינען זיי, די אידען! שוואכלינגע, פארשקלאפטע נשמות!...

א תל וועל איך מאכען פון זיי אלעמען... איך וועל זיי לאזען פיהלען מיין שטארקע האנד... אויסראטען וועל איך אלע אידען מיט מיין מעכטיגען שווערד, זייערע שעהנסטע מיידלעך וועל איך אייך געבען א מתנה, מיינע געטרייע גענעראלען... א, וואס זאמען זיי זיך אזוי לאנג, מיינע דיענער! פארוואס קומט שוין נישט די שעהנסטע מיידעל פון יבש גלעד!... איך וואלט שוין איהר וועלען אנקוקען... ווידערשפעניגען פיעלייכט די אומווירדיגע אי׳ען מיין באפעהל?!... זיי ווילען מיר נישט איבערגעבען זייער שעהנסטע טאכטער פון שטאדט?!... דעם טויט פארדיענען זיי אלע! מארגען גאנץ פריה וועלען מיר זיי אלעמען אויסשלאכטען... אדער אויסשטעכען ביידע אויגען פון יעדען מאן... זאלען זיי אין גאנצען בלינד ווערען... און זייערע מיידלעך מיט געוואלד בריינגען אין אונזער לאגער.. נאך א קריגעל שטארקען וויין... א, אין מיינע געדערים ברענט די נקמה אויף די פארפלוכטע אידען ווי א העלישער פייער... וויין! וויין! א, וואס נעהמט איהם דארטען אזוי לאנג... איך בין דורשטיג נאך נקמה... זאל דער וויין לעשען מיין דורשט ביז מארגען...

— די צוויי שלוחים וועמען די אידען האבען געשיקט בעטען הילף ביי זייערע ברידער פון מערב, זיינען נאר וואס אנגעקומען און זיינען ביי די טויערען פון שטאדט, — האט אן אפיציער געמאלדען דעם קעניג.

— בריינגט זיי פריהער אהער צו מיר, — האט נחש באפוילען, — איך וועל זיי גוט אנקוקען.

דעם קעניג׳ס באפעהל איז גלייך אויסגעפיהרט געווארען. מען האט די צוויי שלוחים געבראכט אין זיין געצעלט. זייערע קליידער זיינען געווען צו־ריסען, שטויב איז געווען אויף זייערע קעפ. זיי האבען זיך פארנויגט פאר׳ן קעניג און מיט טרויער געבויגען זייערע קעפ.

— נו, איהר שלוחים פון יבש גלעד, פאר וואס זייט איהר אזוי פארטרויערט?... פאר וואס זיינען אייערע קליידער צוריסען און אייערע קעפ פול מיט שטויב... ווילען דען אייערע ברידער אייך צו הילף נישט קומען... פאר וואס שווייגט איהר, זאגט מיר גלייך, איהר פערהאסטע שקלאפען!...

— אומזיסט האבען מיר אונזערע האפנונגען געלעגט אויף אונזערע ברידער! — האט זיך איינער פון די שלוחים אפגערופען אומעטיג. אונזער הילפס־געשריי איז געפאלען אויף טויבע אויערען...

— ווי א שטימע אין דער מדבר, אזוי האבען אונזערע ווערטער געווירקט אויף אונזערע ברידער, גנעדיגער קעניג פון עמון, — האט דער צווייטער געזאגט, — מארגען וועלען מיר אלע ארויסגעהן צו דיר און דו וועסט מיט אונז טהאן ווי דיר וועט געפעלען...

— אין אונזערע הערצער ברענט דער כעס אויף אונזערע ברידער פון מערב, פארוואס זיי האבען זיך ענטזאגט אונז צו העלפען אין דער צייט פון אונזער נויט, — האט דער ערשטער ווידער געזאגט, — דאריבער מעכטיגער קעניג, ווילען מיר דיך בעטען, אז דו זאלסט טהאן צו אונזערע ברידער דארטען, ווי דו וועסט טהאן צו אונז מארגען... שטעך אויס פון יעדען פון זיי די רעכטע אויג, און דאס וועט זיין אונזער נקמה אויף זיי...

— כא, כא, כא! — האט זיך דער קעניג פאנאנדערגעלאכט, — איך האב אבער געוואוסט אז אלע אייערע אידען זיינען פייגלינגע... יעצט בעט איהר אליין

אז איך זאָל בעשטראָפען אייערע ברידער דאַרטען מיט דער זעלבער שטראַף... ווייסט איהר אָבער אז די שטראַף וואס איהר אלע ווערט מאַגען בעקומען, וועט זיין א גרעסערע ווי איהר ערוואַרטעט...

— אָ, גנעדיגער קעניג! פאַרוואָס קומט אונז נאָך א גרעסערע שטראַף... איז דען נישט דאָס אויסשטעכען פון יעדענס רעכטע אויג א גרויסע שטראַף? — האָבען זיך די שלוחים גיבעטען ביים קעניג.

— איך האָב די איינוואָהנער פון אייער שטאָדט געשטעלט א צווייטע בעדינגונג, אז נאָך די זיבען טעג צייט זאָלען זיי צושטעלען פאַר מיינע גע־טריע דיענער זייערע יונגע טעכטער... מיינע אָפיצירען האָבען באַמערקט צווישען די אידישע מיידלעך א זעלטענע שעהנהייט, אָבער דער פאָטער האָט זיין טאָכטער בעהאַלטען פון מיר, און אויב זי וועט היינט אין אָוונט צו מיר נישט געבראַכט ווערען וועל איך מאָרגען יעדען פון אייך בלינד מאַכען אויף ביידע אויגען און אז דאָס וועט אויך נישט העלפען, וועל איך אייך אלעמען אויסשלאַכטען מיט מיין שווערד!... איהר הערט וואס איך זאָג אייך! אלעמען, פון קליין ביז גרויס וועל איך אייך אויסקוילענען ביז וואַנען די מיידעל, וועלכע מיינע גענעראַלען האָבען בעשטימט פאַר מיר אלס א מתנה, וועט געפונען ווערען.

— און אז די מיידעל וועט נאָך היינט געפונען ווערען, וועסטו פאַר־גרינגערען אונזער שטראַף? — האָט איינער פון די שלוחים א פרעג געטהאָן דעם קעניג.

— ווען די מיידעל וועט צוגעשטעלט ווערען נאָך היינטיגען אָוונט, וועל איך טהאָן די געפעליגקייט און אויסשטעכען בלויז די רעכטע אויג פון יעדען פון אייך, ווי איך האָב מיט אייך אָפּגעמאַכט מיט זיבען טעג צוריק... טאָמער אָבער וועט זי זיך נישט אָפּזוכען ביז היינט ביינאַכט, דאַן זייט איהר אלע פאַרלאָרען.

— ערלויב דאָך אונז, מעכטיגער קעניג, אריינצוגעהן אין שטאָדט. מיר וועלען די איינוואָהנער דערצעהלען אז זיי האָבען נישט וואס צו האָפען אויף די הילף פון זייערע ברידער, וועלען זיי זיך אַרומזעהן אז זיי מוזען אויספאָלגען אלע באַפעהלען פון דעם קעניג... — האָבען די שלוחים געזאָגט דעם קעניג, — מיר וועלען זעהן אז די מיידעל זאָל זיך אָפּזוכען און מיר וועלען נאָך היינט ביינאַכט זי אָפּשיקען צו דיר דורך דיינע געטריע דיענער...

— גוט, — האָט דער אומגעדולדיגער קעניג געזאָגט, — געהט שנעל אין אייער שטאָדט, אָבער געדענקט אז איהר מוזט צושטעלען היינט ביינאַכט צו מיר, אז נישט וועל איך מיט אייך טהאָן ווי איך האָב אייך געזאָגט.

— מיר וועלען נישט רוהען די גאַנצע נאַכט ביז וואַנען מיר וועלען די שעהנסטע מיידעל פון יבש גלעד געפינען און איבערגעבען אין די הענד פון דיינע דיענער, — האָבען זיך די שלוחים פאַרנויגט און ארויס פון דעם קעניג'ס געצעלט.

* * *

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָדט, האָט צו זייערע אויערען דערגרייכט דאָס געוויין און יללה פון די פרויען און קינדער... ביי דעם שיין פון דער לבנה האָבען זיי באַמערקט די טרויעריגע און פאַרזאָרגטע פּנים'ער פון די איינוואָהנער.

נישט ווייט פון זיי האבען זיי געזעהן דניאל׳ן מיט זיין טאכטער אביגיל... פאטער און טאכטער האבען זיך געהאלזט און געקושט און ביטערליך געוויינט.

— דאס איז געווים די שעהנע אביגיל, וועמען דער קעניג זוכט אוועקצורייסען פון דניאל׳ן, — האט איינער פון די שלוחים שטילערהייד באמערקט.

— לאמיר איהם צוגעהן טרייסטען, — האט זיך דער צווייטער אפגערופען.

— אבער מיר מוזען זעהר פארזיכטיג זיין, ווייל אין שטאדט געפינען זיך עטליכע אפיצירען פון די עמונים מיט זייער הויפט.

— וואס טרויערסטו אזוי, דניאל, — זיינען די שלוחים צו איהם צוגעגאנגען, — וואס איז דיין יאמער שטארקער פון אלעמענס ?...

— ווי זאל איך נישט וויינען און טרויערען, אז מיין איינציגע טאכטער דארף די ערשטע געבראכט ווערען א קרבן... א, גאט פון אונזערע אבות ! איך דערקען אין אייערע פנים׳ער אז מיר האבען שוין נישט אויף וואס צו האפען... אלעס איז פארלארען !...

— וואוהין פיהרסטו יעצט דיין טאכטער ?

— אין מיין הויז האבען זיך פערזאמעלט די עלטסטע פון שטאדט. זיי ווארטען אויף מיין טאכטער... איך האב זי בעהאלטען פון די עמונים... זיינען זיי אבער געקומען, די רשעים, זיי דראהען צו פארניכטען די גאנצע שטאדט אויב זיי וועלען נישט קריגען מיין טאכטער פאר זייער קעניג... זיינען די עלטסטע פון שטאדט צו מיר געקומען... און יעצט פיהר איך מיין טאכטער צו זיי, און זיי וועלען איהר איבערגעבען אין די הענד פון די עמונים... מיין אביגיל האט מיר געזאגט, איך זאל זי ארויסגעבען ווייל זי וויל שטארבען פאר איהר פאלק... יא, זי האט בעשלאסען אז ווי נאר דער קעניג וועט זיך צו איהר ונעלען צוריהרען וועט זי זיך זעלבסט גלייך טויטען... א, מיין טהייערע, ליעבע טאכטער !

— מיר וועלען מיטגעהן מיט דיר, — האבען זיך די שלוחים אפגערופען, — מיר ווילען ריידען צו די עלטסטע פון שטאדט...

זיי זיינען אנגעקומען אין דניאל׳ס הויז.

— אונזערע שלוחים האבען זיך נאר וואס צוריקגעקעהרט, — האט דניאל געזאגט צו די זקנים מיט א דערשלאגענע שטימע.

— נו, וואס הערט זיך ! — האבען אלע מיט אמאל אויסגערופען.

— שא ! — האבען די שלוחים זיך ארומגעקוקט, — מארגען וועט אויף אונז אלעמען קומען די ישועה... דער אידישער קעניג קומט מארגען אן מיט א מעכטיגע ארמיי געגען די עמונים... אבער דערווייל טאר קיינער דערפון נישט וויסען, כדי דער הויפט מיט זיינע אפיצירען, וועלכע געפינען זיך יעצט אין שטאדט זאלען פון אונזערע פנים׳ער נישט פארשטעהען...

— די הילף איז נאהענט ! די הילף איז נאהענט ! — האט דניאל אויסגערופען און זיך געווארפען קושען אויף די שלוחים פאר זייער גוטער בשורה.

— דו מוזט יעצט איינהאלטען דיינע געפיהלען, — האבען די שלוחים איהם געווארענט.

— וואס זאלען מיר אבער דערווייל טהאן... דער הויפט און זיינע אפיצירען האבען אונז אנגעזאגט אז אויב מיר וועלען נישט באלד צוריקקומען מיט אביגיל׳ן וועט ער אונזערע קעפ אראפהאקען...

— מיר וועלען אלע געהן צו זיי, — האבען די שלוחים געזאגט, — אביגיל

וועט אויך מיטגעהן... מיר וועלען דערווייל אויך מיטרופען עטליכע פון אונזערע העלדישע יונגע לייט... און אין טומעל וועלען אונזערע יונגע לייט בעפאלען דעם הויפט מיט זיינע אפיצירען און זיי בינדען... און מארגען גאנץ פריה וועלען מיר זעהן די נקמה אין אלע אונזערע שונאים. דער קעניג איז זעהר שכור, ער וועט באלד איינשלאפען און וועט דערווייל מעהר קיינעם נישט ארייננשיקען אין שטאדט...

דניאל מיט זיין טאכטער, די שלוחים אין דער בעגלייטונג פון די עלטסטע פון שטאדט און פון פיעלע יונגע לייט, זיינען צוגעקומען צום פלאץ וואו דער הויפט איז געשטאנען.

— מיר האבען דיר געבראכט די שעהנסטע מיידעל פון אונזער שטאדט, — האבען זיי געזאגט צום הויפט.

דער הויפט און זיינע אפיצירען האבען גענומען בעטראכטען אביגיל'ן... דערווייל זיינען די יונגע לייט באפאלען דעם הויפט מיט זיינע מיטהעלפער און האבען ביי זיי צוגענומען די געוועהר... זיי האבען זיי גלייך געבונדען...

— איהר פארפלוכטע אידען!! — האבען זיי געשריען, — מיר וועלען זיך מיט אייך רעכענען! קיינער וועט קיין לעבעדיגער פון אייך נישט בלייבען...

זייערע קללות און זידלערייען האבען באלד אויפגעהערט, ווייל די יונגע לייט האבען זייערע מיילער מיט טיכער פארשטאפט... זיי האבען זיי אוועקגעפיהרט און זיי פערשפארט אין א הויז ביז מארגען...

די נייעס האט זיך באלד פארשפרייט אין שטאדט אז די אידען פון מערב וועלען אנקומען מארגען צו זייער הילף... זייער שמחה איז געווען גרויס... א, וואס פאר א נקמה זיי וועלען זעהן אן זייער ערגסטען שונא.

אנדערע אבער האבען נאך אלץ נישט געקענט גלויבען אז די ישועה איז נאהענט.

— ווער ווייס צי וועלען זיי שוין נישט קומען צו שפעט, — האבען פיעלע געזאגט מיט זארג.

— מארגען פארטאג וועלען זיי אנקומען! זיי זיינען שוין נישט ווייט פון דאנען, — האבען די שלוחים געזאגט — גרויס און מעכטיג איז די ארמיי פון קעניג שאול, ווייל ער אליין איז א גרויסער העלד!...

— נעהמט די שווערדען וואס איהר האט נאר וואס צוגענומען פון די עמונים און שטעלט זיך נעבען די טויערען פון שטאדט, און ווען איהר וועט טרעפען אנדערע דיענער וועמען דער קעניג פון עמון וועט מעגליך שיקען, ווען ער וועט זעהן אז זיינע ערשטע דיענער פארזאמען זיך, זאלט איהר זיי גלייך בעפאלען און טויטען, — האבען זיך איינינגע אפגערופען צו די יונגע לייט.

מיט שמחה האבען זיך די יונגע לייט געווארפען צו די וואפען, און גלייך אוועקגעגאנגען צו די טויערען פון שטאדט צו היטען אז קיינער פון די עמונים זאלען דערווייל נישט אנקומען...

יענע גאנצע נאכט זיינען די איינוואהנער פון יבש גלעד נישט געגאנגען שלאפען... יעדער האט מיט גרויס אומגעדולד געווארט אויפ'ן פריהמארגען, ווען דער אידישער קעניג וועט קומען זיי העלפען פון זייער שונא... אלע זיינען געווען אויף די גאסען פון שטאדט און זיך שטילערהייד גע'סוד'עט איינער מיט דעם צווייטען.

עס האָט אָנגעהויבען טאָגען... די הערצער פון די אידען פון יבש גלעד האָבען געגומען קלאַפען. א שרעק האָט יעדען אָנגענומען... אפשר האָט דער אידישער קעניג פארשפעטיגט מיט זיין חיל... פיעלייכט האָט ער אין גאנצען חרטה געהאָט און וועט זיי נישט קומען צו הילף...

אזעלכע שרעקליכע געדאנקען האָט געעגבערט אין יעדענס מוח, אבער קיינער האָט עס נים ארויסגערעדט פאר'ן צווייטען... יעדער האָט זיך יעצט ארומגעטראָגען מיט די ליידען אין זיין הארצען... און וואָס ליכטיגער עס איז געוואָרען אלץ מעהר האָט זיך ביי יעדען דער צווייפעל געשטאַרקט, אלץ מעהר צושראָקען און האָפנונגסלאָז איז מען געוואָרען... אין יעדענס אויגען האָט זיך דער שרעקליכער יאוש אָנגעפאנגען צו בעוויזען.

— וואָס וועט זיין אז זיי וועלען נישט קומען צו אונזער הילף!... יעצט וועלען מיר דאָך שוין געווים זיין פארלאָרענע... מיר זיינען דאָך בעפאָלען דעם הויפט און זיינע אָפיצירען... וועט דען דער קעניג יעצט אונז נישט וועלען בעשטראָפען מיט דער הארבסטער שטראָף וואָס איז נאָר מעגליך... אלעמענס שמחה איז ווידער אין א טרויער פערוואנדעלט געוואָרען...

— אָ, גאָט, העלף אונז, מיר זיינען פארלאָרען!...

* * *

די שטאָדט בזק ליגט אין דעם טהאָל יזרעאל, אין דעם חלק פון דעם האלבען שבט מנשה, נישט וויים פון דעם ירדן פון מערב זיים. פונקט אנטקעגען איבער אויף דער אנדערער זיים ירדן, פון מזרח, געפינט זיך די שטאָדט יבש גלעד.

שאול האָט פערזאַמעלט אלע אידען וועלכע זיינען געקומען אויף זיין רוף, אין דער שטאָדט בזק. מיט פיבערהאַפטע שנעלקייט האָט ער צוזאַמענגעשטעלט א מעכטיגע ארמיי... ער האָט אויסגעקליבען די שטאַרקסטע און די בראַווסטע פון אלעמען און איבערצעהלענדיג האָט ער אויסגעפונען אז די צאָהל פון זיינע סאָלדאַטען דערגרייכט דריי הונדערט און דרייסיג טויזענד...

דער קעניג שאול איז געוואָרען דער הויפט קאָמאנדיר פון דער גאנצער ארמיי און רייטענדיג אויף זיין פערד האָט ער זיי געלערנט ווי צו קעמפפען.

— מיר מוזען איינמאָל פאר אלע מאָל צייגען אונזערע שונאים, — האָט שאול אויסגערופען, — אז כאָטש מיר זיינען א רוהיגעס פאָלק און וואָלטען געלעבט בשלום מיט אונזערע שכנים, ווען זיי וואָלטען אונז צורוה געלאָזען, קענען מיר דאָך אָבער קעמפפען ווי העלדען!...

— לעבען זאָל אונזער קעניג, שאול! — האָט די גאנצע ארמיי ענטוזיאַסטיש אויסגעשריען.

שאול האָט ארויסגעצויגען זיין שווערד און אויפגעהויבען אין דער הויך, האָט ער פאָרטגעזעצט:

— רוהיג און צופריעדען האָבען זיך אונזערע ברידער פון יבש גלעד געלעבט... זיי האָבען נישט געזוכט קיינע עראָבערונגען, זיי זיינען געווען גליקליך אז מען לאָזט זיי צורוה... זיי באַשעפטיגען זיך, ווי מיר אלע, מיט פיה־צוכט און ערד־ארבייט... און יעצט איז געקומען דער גרויזאַמער נחש, דער קעניג פון עמון און זוכט צו צושטערען דעם גליק פון אונזערע ברידער... עס איז איהם נישט גענוג וואָס די איינוואָהנער פון יבש גלעד צאָהלען איהם צינזען און שיקען איהם פיעלע מתנות... איז ער יעצט געקומען מיט א שוידערליכען און עקעלהאַפטען

פארשלאג... ער וויל אויסשטעכען די רעכטע אויג פון יעדען מאנספערשוין פון יענער שטאדט... אזא נידערטרעכטיגע און שרעקליכע זאך איז נאך נישט גע־הערט געווארען אפילו צווישען די ווילדעסטע פעלקער... די גרויסע חוצפה פאר־צושלאגען אזא גרויזאמען פארשלאג איז צו איהם געקומען, ווייל ער ווייס, אז מיר אידען זיינען נישט פעראייניגט צווישען זיך, און וועלען ניט קומען צו הילף אונזערע געדריקטע ברידער... יעצט, מיינע בראווע סאלדאטען, לאמיר דעם שונא צייגען אז ער האט געמאכט א גרויסען טעות! לאמיר קעמפפען ווי לייבען געגען די עמונים און ברייגגען א ישועה פאר די אומגליקליכסטע פון אונזערע ברידער! איך באשווער אייך אלעמען, אז קיינער פון אייך זאל נישט צוריקלייגען זיין שווערד אין דער שייד ביז וואנען דער שונא וועט אין גאנצען פארניכטעט ווע־רען פון אונזער שווערד...

— מיר שווערען! מיר שווערען! — האבען זיך געהערט דונערנדע קולות פון דער ארמיי, אויפהויבענדיג דאביי זייער געוועהר אין דער הויך... נקמה וועלען מיר נעהמען אין אונזערע שונאים!...

— פאר אונזער גאט, פאר אונזער לאנד און פאר אייער קעניג! — האט שאול אויסגעשריען, און פארקירעוועט זיין פערד צום ירדן צו...

— לאנג לעבען זאל אונזער קעניג! לאנג לעבען זאל אונזער קעניג שאול!

— האט די גרויסע מעכטיגע ארמיי געשטורעמט און גלייך גענומען נאכפאלגען זייער קעניג...

די נאכט איז געווען א ליכטיגע, די לבנה האט געשיינט און האט געגעבען שאול'ן א מעגליכקייט אריבערצוקריכען דעם ירדן מיט זיין חיל.

ווען אלע זיינען בשלום אריבער דעם ירדן, האט שאול איינגעטיילט זיין ארמיי אין דריי טייל. איין טייל האט ער אליין גענומען, דעם אנדערען טייל האט ער איבערגעגעבען זיין קרוב אבנר בן נר, און דעם דריטען טייל פון דער ארמיי האט ער איבערגעגעבען זיין זוהן יונתן...

— מיר וועלען דעם שונא ארומרינגלען פון דריי זייטען, — האט שאול געזאגט, — איך מיט מיין חיל וועלען בעפאלען דעם שונא צום ערשטען, דער־נאך זאלט איהר איהם אטאקירען פון אנדערע צוויי זייטען... און אונזער פאטער אין הימעל וועט אונז געבען א נצחון איבער אונזער שונא...

לאנגזאם און שטיל האבען זיך די מחנות געצויגען.

* * *

נחש, דער קעניג פון עמון האט יענע נאכט אומגעדולדיג געווארט אויף זיין הויפט ער זאל זיך אומקעהרען צו איהם מיט דער שעהנסטער מיידעל פון יבש גלעד... ער איז געווען זיכער אז ווי נאר די אידישע שלוחים וועלען אנקומען אין שטאדט און דערצעהלען אז זייערע ברידער פון מערב ווילען זיי נישט העלפען, וועט מען איהם גלייך צושיקען די שעהנע מיידעל פון וועלכע זיינע קנעכט האבען איהם דערצעהלט.

ער האט פערלאנגט מעהר וויין און האט געטרונקען אהן אן אויפהער...

— א, דער רוח זאל דארטען נעהמען מיין הויפט, — האט דער קעניג אויס־געשריען א שכור'ער, — וואס נעהטמ איהם דארטען אזוי לאנג צו קריגען די מיי־דעל... ניין, איך וועל מוזען שיקען א צווייטען. רופט מיר אריין מיין גענעראל ער וועט עס שנעלער מאכען, ער וועט מיט די פארפלוכטע אידען אנדערש האנדלען...

ווען דער גענעראַל איז אַרײַנגעקומען צום קעניג אין געצעלט, איז שוין נחש געלעגן אַ טויט־שכור׳ער אויף זײַן בעטל און געכראַפּעט.

אַ װײַלע איז דער גענעראַל געשטאַנען און בעטראַכט מיט אונטערטעניקייט און מורא דעם שכור׳ן קעניג... דערנאָך איז ער פּאַמעלעך אַרויס פון געצעלט.

עס איז געווען האַלבע נאַכט. אַלע גענעראַלן און אָפיצירן האָבן זיך שוין געלעגט שלאָפן אין זייערע געצעלטן... זיי האָבן דעם קעניג נישט געוואָלט אויפוועקן און פרעגן צי זאָלן זיי געהן זעהן וואָס זייער הויפּט טהוט אין יבש גלעד... זיי האָבן צווישן זיך געשמייכעלט און געוואונקען... און איין גענעראַל האָט זיך שטילערהייד גע׳סוד׳עט מיט׳ן צווייטן:

— דער הויפּט מוז דאָרטן אין יבש אַזוי גוט פאַרווײַלן, אַז ער האָט מסתמא פאַרגעסן אין זײַן צוזאָג וואָס ער האָט געמאַכט צום קעניג...

— דער קעניג איז געווען שטאַרק אין כעס אויף איהם, — האָט דער צווייטער געזאָגט, — ער וועט זיך שוין מאָרגן אין דער פריה נישט אַרויסדרעהן פון אַ שטראָף... זײַן גליק איז וואָס אונזער קעניג איז באַלד אײַנגעשלאָפן, אַז נישט וואָלט שוין זײַן שמחה צושטערט געוואָרן נאָך הײַנט בײַנאַכט...

— אָ, ווי אומגעדולדיג איך בין, — האָט זיך נאָך איינער אָפּגערופן, — ווי דערוואַרט מען זיך שוין ביז׳ן מאָרגן... וואָס פאַר אַמוזירענדע שפּיעל עס וועט זײַן פאַר אונז אַלעמען... מיר וועלן אויסשטעלן אַלע אידען פון יבש גלעד שורות־ווייז, און נעהמען אויסשטעכן די רעכטע אויג... אוי, וועלן זיי דאָס ציטערן, וויינען און קלאָגן... מיר וועלן זיי שטרענג פאַרזאָגן צו שטעהן גלייך און זיך נישט ריהרען פון אָרט... מיר וועלן מיט אונזער אַרבייט פאַרטיג ווערן זעהר שנעל, און דערנאָך וועלן מיר זיך אויסקלייבן זייערע שעהנסטע טעכטער...

— אָ, וואָס פאַר אַ קאָמישע ערשיינונג עס וועט זײַן, — האָט זיך איין גענעראַל פאַרנאַנדערגעלאַכט, — שטעלט זיך פאָר, אַז עס וועלן שטעהן טויזענדע אידען אין צײַלן, יעדער מיט אַן אויסגעשטאָכענע אויג!... מיר וועלן זיך דאַך קאַטשען פאַר געלעכטער... "איין אויגיגע העלדען", וועלן מיר זיי רופען...

— דער ספּעקטאַקעל וואָלט געווען נאָך שעהנער און מעהר אַמוזירענד, — האָט זיך אַן אָפיציער אָפּגערופן, — ווען דער קעניג גיט אַרויס אַ באַפעהל אויסצושטעכן די לינקע אויגען פון די ווייבער פון אַלעמען, אַ חוץ פון די וועלכע מיר וועלן צונעהמען פאַר זיך... דאָס וואָלט געווען אַ שעהנער שפּאַס! מאַן און ווייב וואָלטען געשטאַנען צוזאַמען; דער מאַן מיט אַ רעכטע אויסגעשטאָכענע אויג, און די ווייב מיט אַ לינקע אויסגעשטאָכענע אויג...

אַלע האָבן האַרציג און לאַנג געלאַכט ביז וואַנען זיי האָבן אײַנגעשלאָפן.

דער לאַגער פון די עמונים איז ביסלעכווייז אײַנגעשטילט געוואָרן... אַ שטאַרקער כראָפּען האָט זיך צוטראָגען פון די אָנגע׳שכור׳טע גענעראַלן און אָפיצירן. די סאָלדאַטען וועלכע זיינען געלעגן אויפ׳ן גראָז זיינען אויך געווען פאַרזונקען אין טיעפען שלאָף...

די וועכטער וועלכע האָבן אַרומגעשפּאַצירט אין לאַגער, האָבן אָנגעפאַנגען מיעד צו ווערן... זייערע גענעצען האָבן אָבגעהילכט אין דער שטילקייט און זיך צונויפגעמישט מיט דעם כראָפּען פון די שלאָפענדע... איין וועכטער האָט אַ גענעץ געטהאָן און באַלד האָט אַ צווייטער געענטפערט מיט אַ גענעץ...

אזוי דער דריטער, פערטער און די איברינע... זיי קלייבען זיך צוזאמען און פאנגען אן זיך מעשיות צו דערצעהלען כדי צו פארטרייבען דעם שלאף פון זייערע אויגען.

— א, ברידער! מיר דוכט זיך, אז איך זעה א באוועגונג פון מענשען אויף די בערג, — האט איינ וועכטער זיך פלוצים אפגערופען.

— וואו? ! — האבען די איבריגע וועכטער אויסגערופען.

— דארטען פון מערב זייט!...

— דו מאכסט א טעות!, — האט א צווייטער וועכטער איהם בערו־היגט, — דאס זיינען די שאטענס פון די בוימער, וועלכע ווערען גענויגען פון ווינט...

— מעגליך אז דאס זיינען גאר די נאכט־פויגלען וועלכע פליהען ארום אויף די בערג.

— און מיר דוכט זיך אויך אז דאס זיינען באוועגונגען פון מענשען! — האט אן אנדער וועכטער זיך אפגערופען.

אלע וועכטער האבען גענומען אנשטרענגען זייערע אויגען.

— יא! איך זעה די פערד! זיי קומען אן רייטענדיג אויף פערד!...

— דער שונא! דער שונא קומט אן! — האבען די וועכטער גענומען קלאפען טרעוואגע.

— צום קעניג! צום קעניג! לויפט שנעל צום קעניג און וועקט איהם אויף.

— זיין קומען זיי קומען! די אידען פון מערב! שנעל! שטעהט אויף! נעהמט זיך צום געוועהר! — האבען די וועכטער אויסגעשריען און גענומען טרובען מיט די טראמפעטען...

דער קעניג נחש איז זיך געלעגען אין זיין ווייכע בעט און געשמאק גע־שלאפען... זיסע חלומות האט זיך איהם גע׳חלומ׳ט... ער נעהמט איין גאנץ ארץ ישראל, ער קוילעט אויס אלע אידען... אנדערע שטעכט ער אויס די אויגען... מען ברייגנט פאר איהם די שעהנסטע טעכטער פון ישראל... זיי זיינען אנגעטהאן אין חוה׳ס קליידער און טאנצען פאר איהם... די טענץ זיינען משונה׳דיג ווילד און פייערדיג... אט שטעהט פאר איהם די שעהנסטע מיידעל פון יבש גלעד וואס זיין הויפט האט איהם געבראכט פאר א געשאנק... איהרע לאנגע צעפ זיינען צושפרייט איבער איהר נאקעטען שולטער... זי פאנגט אויך אן צו טאנצען און דרעהט זיך ווי א ווירבעל... ער כאפט איהר אן און שלעפט איהר צו זיך... זי רייסט זיך ארויס פון זיינע הענט און פארשווינדט...

— כאפט איהר! ברייגנט איהר צו מיר! — האט נחש אויסגערופען, ווען די גענעראלען האבען איהם גענומען וועקען, — ברייגנט מיר די שעהנע מיידעל שנעל! איך וועל אלע אידען די אויגען אויסשטעכען...

אונזער האר קעניג! אונזער האר קעניג! די אידישע שלוחים האבען אונז אפגענארט! א גרויסע אידישע ארמיי קומט אן פון מערב... שטעה אויף, מיר מוזען זיין גרייט.

דער קעניג איז נאך אלץ געווען פארשלאפען. ער האט געריבען זיינע אויגען און געשריען: "די מיידעל, די אידישע מיידעל, ברייגנט מיר!

עס איז געווארען א גרויסער רעש און טומעל אין דעם לאגער פון די עמונים... די געשרייען האבען זדי פארשטארקט.

— שנעל, ראטעוועט אונזער קעניג!! — האבען די אפיצירען אויס־געשריען, ארייננרייסענדיג זיך אין דעם געצעלט פון זייער קעניג.

ערשט יעצט האט דער קעניג פארשטאנען וואס דא קומט פאר.

— נעהמט זיך צו אייער געוועהר! גיכער! — האט נחש א קאמאנדעווע געטהאן און זיך שנעל אנגעטהאן... א, די פארפלוכטע אידען! זיי האבען מיך גענארט...

— זיי רינגלען אונז ארום פון דריי זייטען, — האט א גענעראל אויס־געשריען, — לאמיר זיך ראטעווען און אנטלויפען, כל זמן מיר האבען נאך צייט.

נחש איז געשטאנען א צושראקענער. ער האט געציטערט ווי א בלאט, עס האט איהם געקלאפט א צאהן אן א צאהן.

— וואוהין זאלען מיר לויפען, — האט ער אויסגערופען, און זיך ארומגע־קוקט פון אלע זייטען:

— מלך, אונזער גאט! כמוש, אונזער גאט פון מלחמה, העלף אונז! — האט נחש געשריען.

אבער נישט די געטער מלך און כמוש האבען זיי יעצט געקענט העלפען. שאול מיט זיינע מחנות זיינען שוין געווען נאהענט נעבען די עמונים און האבען גענומען שניידען אויף רעכטס און אויף לינקס. זיי האבען ארייננעבראכט אזא מהומה אין דעם לאגער פון די עמונים, אז זיי האבען אפילו נישט געזוכט זיך צו פערטיידיגען... זיי האבען גענומען לויפען אין גרויס אונארדנונג... באלד אבער האבען זיי געפונען אז די אנדערע צוויי וועגען זיינען אויך פארשטעלט פון די אנדערע אידישע ארמייען. דער איינציגער וועג וואס איז געווען אפען פאר זיי איז געווען דער בארג צו מזרח צו.

— צום בארג! צום בארג! — האבען די עמונים געשריען און האבען פארלאזען זייערע פערד, זייערע געוועהר און גאלד און זילבער, און זיך גע־לאזען לויפען צום בארג...

שאול מיט זיין חיל האבען אבער זיי גענומען נאכיאגען און איידער זיי האבען באוויזען צוצוקומען צום בארג זיינען שוין צעהנדליגע טויזענדע געלע־גען טויטע... יונתן'ס ארמיי האט זיך דערנעהענטערט און גענומען קעמפפען מיט די איבריגע עמונים וועלכע האבען פרובירט ארויסשטעלען א שוואכען ווידערשטאנד.

אבנר בן נר האט פון ווייטען באמערקט דעם קעניג פון עמון קלעטערנדיג אויפ'ן בארג. ער איז שנעל צוגעלאפען מיט זיין פערד און האט מיט גרויס אימפעט א ווארף געטהאן זיין שפיעז אויף נחש'ן און איהם געטויטעט...

יונתן האט גענומען געפאנגען עטליכע גענעראלען פון די עמונים, און ווען ער האט זיי פארשפראכען צו לאזען לעבען, האבען זיי איהם אנגעצייגט דעם געהיימען אריינגאנג צו זייער הויפט־שטאדט רבה, און יונתן איז אהין אוועק מיט זיין ארמיי און צושטערט די גאנצע שטאדט...

* * *

די שפאנונג פון די איינוואהנער פון יבש גלעד איז מיט יעדער רגע גע־ווארען אנגעשטרענגטער... עס טאגט שוין... וואס וועט דער פריהמארגען ברייג־גען פאר זיי — גליק און פרייד אדער אומגליק, צושטערונג און פארוויסטונג? די גאנצע שטאדט איז געווען אויף... אלע האבען געהאלטען זייערע אויגען פארריסען צום הימעל און מתפלל געווען...

— גאָט פון אונזערע אבות, ברייננג אונז שנעל די הילף! דער שונא איז אכזר'יש... ער וויל אויסמעקען אונזער געדעכנים פון אונטער די הימלען... שטארק די הענד פון דעם קעניג שאול, קרעפטיג און ערמוטיג זיינע ארמייען... אָ, גאָט, זיי זאָלען נישט קומען צו שפּעט צו אונזער הילף...

א שפּראָץ אויף טאָג... די זון האָט זיך גענומען באווייזען אין מזרח... די בראווע יונגע לייט וועלכע זיינען געשטאנען נעבען טויער פון שטאָדט, זיינען אויך אומרוהיג געוואָרען... די שטילקייט האָט זיי שטארק געשראָקען... באלד, אָ, באלד וועלען אין שטאָדט אריינקומען די עמונים און מיט זיי זיך אָפּרעכענען פאר אלעם... זייערע שוועסטער און כלות וועט מען פון זיי אוועקרויבען, זייערע אויגען אויסשטעכען... שוין ניטאָ קיין האָפנונג... עס ווערט ליכטיגער... אָבער א פינסטערניש דריקט זיי אויף דער נשמה... ווער ווייסט צי וועט די זון פאר זיי ווען עס איז נאָך שיינען...

— אָ, איך הער א גערויש!... — האָט זיך איינער אָפּגערופען צו זיינע חברים.

א ציטער האָט אלעמען אָנגענומען... יא, דאָס קומען שוין די עמונים אודאי צו אונז... זיי האָבען שוין קוים דערוואַרט דעם פריהמאָרגען... עס זאָל זיין ליכטיג פאר זיי אונז פינסטער צו מאכען...

דער טומעל און גערויש האָט זיך פארשטארקט

— איך הער געשרייען פון פערצווייפלונג! — האָט א צווייטער יונגערמאן געזאָגט, — עפּעס האָט פּאסירט.

— אָט וועל איך ארויפקלעטערען אויפ'ן טויער און זעהן וואָס עס קומט פאָר.

דער יונגער מאן איז ארויף אויפ'ן טויער און האָט געקוקט אין דער ווייטקייט. פּלוצלינג האָט ער אויסגעשריען:

— זיי זיינען דאָ!! אונזערע ברידער פון מערב זיינען געקומען! זיי שלאָגען אונזער שונא, זיי שלאכטען, זיי פּלינדערען, זיי שניידען אויף רעכטס און אויף לינקס... אָ, גאָט! די ישועה איז געקומען! מיר זיינען געראַטעוועט! מיר זיינען געראַטעוועט!! געלויבט איז גאָט!...

— געלויבט איז גאָט אונזער פאטער! מיר זיינען געראַטעוועט!...

— עפענט די טויערען! לאָמיר ארויסגעהן העלפען אונזערע ליעבע ברידער.

בליץ שנעל איז די גליקליכע, פרעהליכע בשורה פארשפּרייט געוואָרען איבער'ן שטאָדט, און אלע איינוואָהנער, יונג און אלט, פרויען און קינדער, האָבען זיך גענומען לאָזען צו די טויערען פון שטאָדט, מיט אויגען שטראָהלענדע פון גליק, מיט פרעהליכע פּנים'ער:

— דאנקען גאָט! מיר זיינען געהאָלפען! אונזערע טעכטער וועלען בלייבען אונזערע... מיר וועלען זעהן אונזער גליק מיטביידע אויגען...

מען האָט געעפענט די טויערען פון שטאָדט און באלד האָבען א שטראָם געטהאָן די איינוואָהנער פון שטאָדט, באוואָפענט מיט אייזענס, מיט שטעקענס, העק און שטיינער, און האָבען מיט'ן גרעסטען אימפּעט זיך גענומען וואַרפען אויף זייער ביטערסטען שונא, וועלכער האָט גענומען פליהען אין גרויס בהלה...

דעם גאנצען טאָג האָט די מלחמה געדויערט. ביז פארנאכט איז פון די גאנצע עמון'ישע ארמיי קיין געדעכנים נישט געבליבען. הונדערטע מוידענדע פגרים האָבען זיך געוואַלגערט אויף די פעלדער... זייערע פערד, שפּייז און

געווען די אידען צוגענומען פאר זיך... זייער גאלד און זילבער האט מען איבערגעגעבן דעם קעניג, עס זאל געהערען צום קעניגליכען שאץ...

טריאומפירענדיג און מיט גרויס נצחון האט דער קעניג שאול מיט זיינע ארמייען אריינגעמארשירט אין יבש גלעד און איז אויפגענומען געווארען פון אלע איינוואוהנער מיט דעם גרעסטען פאראד... די שמחה פון אלע איינוואוהנער איז געווען אומבעשרייבליך... אלע האבען געיובעלט און געזונגען שירים פון פרייד... די פרויען און די יונגע מיידלעך זיינען ארויס טאנצענדיג מיט פויקען און צימבעל...

א, ווי זיס און אנגענעהם עס איז פאר זיי געווען די נקמה אן זייערע פיינד...

דעם חויפט מיט זיינע אפיצירען וועלכע זיינען געהאלטען געווארען געבונדען אין געפאנגענשאפט, האט מען יעצט ארויסגעפיהרט און איבערגעגעבען אין די הענד פון שאול'ן... און מען האט צו זיי געטהאן דאס זעלבע וואס זיי האבען געוואלט טהאן צו די אידען.

שטארקער פון אלעמענס פרייד איז געווען די שמחה פון דניאל'ן און זיין טאכטער אביגיל... ער איז איצט דער גליקליכסטער פאטער אין דער וועלט... אביגיל האט געטאנצט און געזונגען און אלעמענס אויגען זיינען געווען געווענדעט אויף איהר...

צווישען אלע סאלדאטען פון שאול'ס ארמיי וועלכע האבען בעוואונדערט די שעהנע אביגיל איז געווען איינער פון מעון (א שטאדט וואס געפינט זיך אין דרום זייט פון יהודה נעבען די בערג פון חברון), און זיין נאמען איז געווען נבל. דערזעהענדיג אביגיל'ן האט ער פון איהר נישט אפגעטראטען...

נבל האט זיך גלייך נאכגעפרעגט אויף אביגיל'ס פאטער, און איז צו איהם גלייך צוגעגאנגען און געזאגט:

— דיין טאכטער אביגיל איז מיר זעהר געפעלען געווארען.

— דו ביזט נישט דער איינציגער, — האט דניאל אונטערבראכען מיט א שמייכעל, — איך האב עס שוין געהערט פון פיעלע יונגע לייט.

— אבער איך בין זעהר רייך, מיין געבורטסשטאדט איז מעון, איך פארמאג דריי טויזענד שעפסען און טויזענד ציגען... איך האב פיעל קנעכט און דינסטען... דיין טאכטער וועט ביי מיר גליקליך זיין...

— מיר איז זעהר שווער זיך צו שיידען מיט מיין טאכטער, — האט דניאל געזאגט, — זי איז אלעס וואס איך פארמאג, און אז איך זאל איהר אוועקשיקען אין א פרעמדע שטאדט, וועל איך שטארבען פון בענקעניש נאך איהר...

— ווי איך זעה ביזטו עלענד אין דיזער שטאדט, דו האסט קיינעם נישט א חוץ דיין טאכטער, קום דאך אויך מיט מיר, דו וועסט זיך באזעצען אויף מיין לאנד, איך וועל דיר זעהר פיעל מהר (נדן) געבען פאר דיין טאכטער.

— איך וועל זיך דארפען פריהער דורכריידען מיט מיין טאכטער, — האט איהם דניאל געענטפערט, — און הערען וואס זי האט צו זאגען וועגען דעם... אבער יעצט, אין אונזער גרויסער שמחה, קען איך דיר גארנישט זאגען,ווארט צו א פאר טעג...

— איך וועל זיין גליקליך צו ווארטען דא אין דיין שטאדט, איך האב אבער מורא טאמער וועט א צווייטער מיר פארכאפען דעם וועג... — האט נבל געזאגט...

— איך האב אימער צו געזאגט אז מיין טאכטער פאסט זיך צו זיין דעם אידישען קעניג׳ס פרוי... איך ווייס אז איך האב דאמיט געזינדיגט געגען אונזער גאט... און דער באשעפער פון דער וועלט האט מיר געצייגט אז א מענש טאר ביי זיך נישט זיין צו שטאלץ... און מיין טאכטער וואלט נאך א האר געבראכט געווארען פאר׳ן קעניג פון עמון, פון איהם געפייניגט צו ווערען... אבער געבענשט און געלויבט איז גאט וואס ער האט אייך אין דער ריכטיגער צייט צו אונז געשיקט, און אייער בראווער העלדישער קעניג האט געטהאן צו אונזערע פיינד וואס זיי האבען געוואלט טהאן צו אונז... ער האט געמאכט א סוף צו זייער הערשאפט איבער אונז... און יעצט אז דו ביזט דער ערשטער פון אונזער קעניג׳ס סאלדאטען וועלכער איז צו מיר געקומען בעטען מיין טאכטער פאר א פרוי, קען איך דיר פארזיכערען אז אויב זי וועט נאך איינשטימען, וועל איך טהאן ווי דו האסט מיר געזאגט...

נבל איז אוועק א צופרידענער פון דניאל׳ן, און האט אונגערולדיג געווארט אויף דער געלעגענהייט ווען ער וועט קענען אליין ריידען מיט דער שעהנער אביגיל...

דריי טעג האט שאול פערבראכט מיט זיינע חילות אין יבש גלעד. ער האט אלעמען גלייך פארטיילט די שלל וואס זיי האבען גענומען פון שונא, און צוזאמען מיט די איינוואהנער פון יבש גלעד, האבען זיי זיך שטארק משמח געווען אויף דעם גרויסען נצחון איבער די עמונים...

מיט גרויס פאראד, שאלען און הידד געשרייען, האבען די איינוואהנער פון שטאדט ארויסבעגלייט שאול׳ן מיט זיינע ארמייען.

די עלטסטע פון שטאדט האבען אויסגערופען א יום טוב אויף נאך זיבען טעג... פון גרויס ביז קליין האבען געהוליעט, געטאנצט, זיך שטארק משמח געווען און געלויבט גאט פאר דעם גרויסען חסד וואס ער האט מיט זיי געטהאן.

נבל האט געבעטען אורלויב ביי דעם בעאמטען, אונטער וועמעס אויפזיכט ער איז געווען, צו פארבלייבען אין יבש גלעד פאר נאך עטליכע טעג.

די גאנצע זיבען טעג האט איהם גענומען צו געווינען אביגיל׳ס הארץ... צום אנפאנג האט נבל גארנישט נושא חן געווען אין אביגיל׳ס אויגען, ווען אבער ער איז זעהר צוגעשטאנען און האט געמאכט איהר פאטער זאל איינשטימען צו איהם, האט זי זי אויך צוגעשטימט... זי האט געוואוסט איהר פאטערס שלעכטע לאגע אין יבש גלעד... א חוץ דעם האט זי זיך דערוואוסט אז די יונגע לייט פון יבש גלעד זיינען זעהר אויפגעבראכט אויף איהר און איהר פאטער, און אז דאס האבען זיי איהר פאר׳מסור׳ט פאר דעם הויפט פון די עמונים אום זיך אפצורעכענען מיט איהר, האט זי דאריבער בעשלאסען אנצונעהמען נבל׳ס אנבאט. זי האט מיט איהם חתונה געהאט און צוזאמען מיט איהר פאטער איז זי אוועקגעפאהרען נאך מעון, אין די שטאדט וואו נבל האט געוואהנט...

* * *

גרויס איז געווען די שמחה אין גאנץ ארץ ישראל, ווען זייער קעניג שאול האט זיך צוריקגעקעהרט זיעגרייך פון דער מלחמה מיט די עמונים... יעצט האבען זיך אלע ארומגעזעהן אז זיי האבען זיך אין זייער קעניג נישט גענארט... זיין העלדישקייט און בראווקייט האט געוואונען ליעבשאפט אין אלעמענס הערצער צו שאול׳ן דעם זוהן פון קיש.

שמואל הנביא איז אויך געווען גליקליך וואס איהם איז געלונגען אויסצו־

קלייבען דעם פאסענדען מאן פאר א מלך איבער אלע שבטים... ער האט גע־וואוסט אז פריהער זיינען נישט אלע געווען צופרידען מיט זיין אויסוואהל... פיעלע האבען אפגעלאכט און חוזק געמאכט פון שאול'ן. "וואס קען ער אונז העלפען?" — האבען זיי גע'טענה'ט, — אן איינפאכער פאסטוך פון דעם קלענ־סטען שבט בנימין... יעצט אבער ווען אלע האבען געזעהן זיין גבורה, וועט זייער בעציהונג צום קעניג זיין אינגאנצען אנדערש.

שמואל האט בעשלאסען צוזאמענצורופען א גרויסע פאלקס־פערזאמלונג אין דער שטאדט גלגל, צו פייערען מיט גרויס פאראד זייער קעניג'ס ערשטען נצחון און צו דערזעלבער צייט באנייען די מלוכה, קרוינען שאול'ן א צווייטע מאל מיט די צושטימונג פון גאנצען פאלק...

פון גאנץ ארץ ישראל האבען זיך גענומען די אידען צוזאמענקלייבען אין גלגל... יעדער האט מיטגעבראכט א מתנה פאר דעם קעניג... מיט גרויס פאראד און א זעלטענע התלהבות האבען די אידען פון אלע שבטים אויפגענומען זייער קעניג...

— לאנג לעבען זאל אונזער העלדישער קעניג שאול!!

— געבענשט זאל זיין די ערשטע אידישע מלוכה!!...

די געשרייען און שאלען האבען געהילכט איבער'ן גאנצען שטאדט. יעצט האט דאס פאלק גענומען זוכען יענע מענשען וועלכע האבען חוזק געמאכט פון שאול'ן, ווען ער איז צום ערשטען מאל ערוועהלט געווארען אין מצפה, פון שמואל'ן...

מען האט געפונען יענע מענשען און זיי פארגעבראכט פאר שמואל'ן און שאול'ן.

— דיזע שלעכטע מענשען פערדיענען דעם טויט! — האבען זיי געזאגט, — ווייל זיי האבען דאן, אין מצפה גע'חוזק'ט פון אונזער קעניג שאול...

— קיינער וועט נישט געטויטעט ווערען! — האט שאול אויסגערופען, — נאכדעם ווי גאט האט אונז געגעבען אזא ישועה. איך בין אלעמען מוחל, קיין בלוט זאל נישט פארגאסען ווערען היינט, אין דעם טאג פון אונזער גליק.

שאול האט מיט זיין גוטסקייט און מיט זיין מוחל זיין זיינע שונאים, זיך טיעפער אריינגעדרונגען אין די הערצער פון די אידען און מיט גרויס פייער־ליכקייט, מיט פראכט און גלאנץ האבען זיי נאך אמאל געקרוינט שאול'ן פאר זייער קעניג.

גליקליך און צופריעדען איז געווען דאס פאלק מיט זייער קעניג, גליקליך און צופרידען איז געווען שאול מיט זיין פאלק...

זיעבעטער קאפיטעל

"א פאטש אין פנים"

יעצט אז שאול האט בעפעסטיגט זיין קעניגרייך, נאך דעם גלענצענדען נצחון איבער די עמונים, האט ער זיך גענומען פיהרען ווי א קעניג... ער האט אויסגעקליבען העלדישע און שטארקע יונגע לייט, און צוזאמענגעשטעלט א שטענדיגע ארמעע. ער האט זיך געלאזט בויען א פראכטפולען פאלאץ אין גבעה, און אלע מיטגליעדער פון זיין משפחה האט ער אויסגעטיילט רעגיערונגס אמטען.

זיין קוזין אבנר בן נר, האט ער געמאכט אלס דעם הויפט קאמאנדיר איבער דער ארמעע...

זיין זוהן, דעם קרוינפרינץ יונתן, האט שאול געהאלטען נעבען זיך, ער האט איהם דערוויילע קיין מיליטערישען אמט געגעבען, כאטש ער האט אין דער מלחמה געגען די עמונים ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען און בראווקייט.

— יונתן, דו ביזט נאך צו יונג! — האט שאול געזאגט צו איהם, דו דארפסט נאך א סך לערנען, ביז דו וועסט קריגען די נויטיגע ערפאהרונג אין פיהרען מלחמות.

— אבער פאטער, — האט יונתן פראטעסטירט — איך האב דאך אבער געבראכט א גרויסען נוץ צו מיין פאלק! האב איך דען מיין לעבען אין געפאהר נישט געשטעלט, ווען איך בין אריין אין די הויפטשטאדט רבה, פון עמון...

— אט דאס זאג איך דאך, מיין זוהן — האט זיך שאול אפגערופען — דו ביזט נאך אונערפאהרען און דאריבער זעהר נישט פארזיכטיג... מיט דיין אריינדרינגען אין די הויפט שטאדט פון שונא, האסטו געשטעלט אין געפאהר נישט נאר דיין אייגען לעבען אבער אויך די לעבענס פון אלע דיינע געטרייע סאלדאטען וועלכע איך האב דיר אנפערטרויט... שטעלען זיך פאר, ווען דו וואלסט, ביים אריינגאנג פון שטאדט בעגעגענט א גרויסען ווידערשטאנד, און איידער דו האסט צייט געהאט זיך ארומצוקוקען, וואלטען זיי דיר געטויטעט... און וואס וואלט געווארען פון דיין חיל, ווען ער פערלירט זיין פיהרער, זיי וואלטען דאך זיך אין גאנצען פערלארען און דער שונא האט זיי גרינג געקענט פערניכטען... וואלט דען ניט געוועזען א סך זיכערער ווען דו וואַרטסט אויף די איבעריגע חיל?... מיט פעראייניגטע כוחות וואלט דאך קיין סכנה נישט געשטעקט אין אטאקירען די הויפט שטאדט פון עמון...

יונתן האט געשוויגען, כאטש אין הארצען האט ער געטראכט אז זיין פאטער איז נישט אינגאנצען גערעכט, אבער ער האט געוואוסט אז יעצט איז די בעסטע זאך נישט אריינצוזעהן אין ויכוחים מיט זיין פאטער... ער איז אינגאנצען נישט דערזעלבער וואס ער איז געוועזען, איידער ער איז געווארען קעניג... זיין פאטער ווערט יעצט זעהר גיך אויפגערעגט און אין כעס... א גרויסע ענדערונג איז אריין אין זייער אלעמענס לעבען, ספעציעל יעצט, נאך דער צווייטער קרוינונג.

איז ער, יונתן, יעצט גליקליכער ווי פריהער?... דאס איז א פראגע וואס ער אליין האט נישט געקענט פארענטפערען... שאול, זיין פאטער, איז יעצט דער קעניג איבער אלע שבטים... אלע גיבען איהם כבוד, אלע רייכטימער פון לאנד בעלאנגט צו איהם... וואהנט ער יעצט אין א וואונדער שעהנעם פאלאץ, זיצט אויף'ן טראהן מיט א גאלדענע קרוין אויף'ן קאפ. און אין זיין האנט א גאלדענע רוט... קומען זיך אין פאלאץ צונויף וויכטיגע פערזאנען פון אלע שבטים, ברייגגען דעם קעניג טייערע קאסטבארע מתנות... ווערט פרעהלאך און לוסטיג אין פאלאץ, די בעכער ווערען אנגעפילט מיט שטארקען רויטען וויין... קלינגט א געזאנג אפ אין דעם פאלאץ, שפילען די מוזיקער אויף זייערע כלי זמר, טאנצען יונגע שקלאפינס, פלעכטען און בויגען זיך אין א פערשייטען לוסטיגען טאנץ... אבער יונתן'ס הארץ איז יעצט גאנץ ווייט פון די אלע פערגעניגענס... ער זעהט די פעלדער און גערטנער. די פרעהליכע שפרינגענדע שעפסען און ציגען... ער זעהט די וואונדערבארע בלומען. ער הערט דעם געזאנג פון די פויגעל און א

בענקעניש נעמט אן זיין הארץ... עס בענקט זיך איהם נאך יענע יאהרען ווען ער איז פריי געווען, ער האט געקענט געהן וואוהין איהם האט זיך געלוסט, און טאהן וואס ער האט געוואלט... און מיכל, זיין שוועסטער מיכל ?... ער ווייס אז זי איז אויך ווייט פון זיין גליקליך... די פיעלע דינסטען וועלכע רינגלען איהר ארום ביטאג און ביינאכט, זיינען איהר דערווידער... זי איז צוגעבונדען צום פאלאץ און קען זיך נישט פריי בעוועגען... אלע אין פאלאץ זיינען גליקליך, זיין עלטערע שוועסטער מרב, די שטילע און רוהיגע, איז יעצט פול מיט לעבען און פרייד... אבער מיכל איז אומגליקליך... זי האט פאר איהם איהר הארץ אויסגע־גאסען... און ער פיהלט מיט איהר מיט...

יונתן האט גאנץ גוט געוואוסט אז מיכל איז נאך אלץ פערליעבט אין יענעם פאסטוך פון בית לחם, מיט דעם גאנצען ברען פון איהר יונגע נשמה... זי הערט נישט אויף צו ריידען פון איהם... אבער איהר שטימע קלינגט אזוי יאוש'דיג, אזוי האפנונגסלאז... פלוצלונג איז דאס געשעהען... אזוי אומגעריכט, ווערט שאול זייער פאטער געקרוינט קעניג... מיכל האט נאך געזאלט געהן מיט איהם צום טהאל, זיך נאך אמאל זעהן מיט דעם וואונדערבארען הארפען שפיע־לער.. יעצט אבער איז שוין מעהר פאר איהר קיין האפנונג ניטא... ווען אפילו זי זאל זיך מיט דוד'ן טרעפען, וועט זי איהם דען קענען געהערען ?... וועט דער פאטער דערלאזען אז זיין טאכטער מיכל זאל חתונה האבען מיט אן איינפאכען פאסטוך פון דעם שבט יהודה...

— יונתן ! — האט מיכל אונטערבראכען זיינע געדאנקען, — קום מיט מיר א ווילע אריין אין גארטען.. .איך האב מיינע קאמער מיידלעך געזאגט אז איך וועל זיי נישט דארפען פאר א היבשע ווילע... און מיר וועלען קענען פער־ברייגען אין גארטען אומגעשטערט...

— גוט — האט יונתן געזאגט — איך האב נאר וואס געטראכט וועגען דיר — איך האב מיט דיר זעהר פיעל צו ריידען...

א ווילע האבען ביידע שפאצירט און געשוויגען, דערנאך האט זיך מיכל אנגערופען :

— וואס האסטו פון מיר געטראכט, ינתן ?

— איך ווייס, — האט יונתן געענטפערט, — איך האב געטראכט צי דו, אלס די ערשטע אידישע פרינצעסין, ביזט גליקליך... ווייל די לעצטע צייט האב איך בעמערקט אן ענדערונג אין דיין פנים... דיין פרעהליכקייט איז עפעס ווי פערשוואונדען פון דיר... אין דיינע אויגען שפיגעלט זיך אפ אן אומעטיגקייט... דו שיינסט צו זיין בעזארגט וועגען עפעס... און דיין שוועסטער איז דאך אזוי גליקליך... מרב, וועלכע איז אימערצו געווען אן אומעטיג און צוריקגעהאלטען, איז יעצט אזוי פרעהלאך...

— איך בין נישט גליקליך. מיין ליעבער ברודער — האט איהם מיכל גע־ענטפערט — מיר דוכט זיך אז איך בין יעצט א סך ווייטער פון מיין גליק, דען אין דער צייט ה'עז איך בין געווען א טאכטער פון אן איינפאכען ערד ארבייטער און פאסטוך...

— זאג דאך מיר שוועסטער, לייקען גאר נישט פון מיר, איז נישט דוד, דער זוהן פון ישי, די סיבה פון דיין טרויער ?...

— יע, מיין ברודער, ער איז דאס! ער, וועלכער האט מיין לעבען גערע־טעט פון פלשתי'ס הענט... ער, וועלכער האט מיר אזוי בעגייסטערט און בע־צויבערט מיט זיין שפיעלען... ער, וועמענס געשטאלט שוועבט פאר מיינע אויגען יעדע רגע פון מיין לעבען, זינט איך האב איהם געזעהן... איך ליעב איהם, דעם יונגען העלדישען דוד!... איך ווער פערצעהרט פון די ליעבע וואס איך טראג אין מיין הארצען צו דעם הארפען שפיעלער... און איך ווייס אז מיינע האפענונגען זיינען שוואכע... איך בין יעצט א פרינצעסין און מיין פאטער וועט פאר מיר זוכען איינעם פון אונזער שבט... איך ווייס, אז פלטיאל, וועמען אונזער פאטער האט יעצט א מלוכה אמט געגעבען, אלס פריינדשאפט צו זיין פאטער ליש, זוכט צו געפינען חן אין די אויגען פון קעניג, כדי ער זאל מיר קענען קריגען פאר זיין פרוי... אויך שמעי בן גרא פון בחורים, קומט אפט אין פאלאץ... און דיר זיינען דאך בעוואוסט זיינע כונות...

— נעהם זיך נישט צום הארצען מיין שוועסטער, איך וועל זעהן, אז פון זייערע כונות זאל זיך גארנישט אויסלאזען.. אויב דו ליעבסט דעם יונגען פאסטוך פון בית לחם מיט דיין גאנצען הארצען, איז צו האפען אז דו וועסט איהם קריגען...

— ווי אזוי? האסטו אן עצה, מיין ליעבער ברודער — האט מיכל זיך אפגערופען מיט א שטראהלענדען פנים.

— דו ווייסט דאך מיכל, אז איך אליין בין אויך זעהר שטארק צוגעבונדען געווארען צו דוד'ן גלייך ווי איך האב איהם דערזעהן און מיט איהם גערעדט... איך האב גלייך געפיהלט אז ער וועט זיין דער איינציגער און בעסטער פריינד אין מיין לעבען... און קורץ נאכדעם, ווי אונזער פאטער איז געקרוינט געווארען פאר קעניג, בין איך אליין אוועק אין טהאל מיט דער האפענונג זיך נאך אמאל צו זעהן מיט איהם און צו פערזיכערען איהם אז מיין פריינדשאפט צו איהם איז נישט געמינערט געווארען... אבער איך האב איהם שוין דארטען מעהר נישט געטראפען... איך האב זיך אויף איהם נאכגעפרעגט ביי די איינוואהנער פון יענעם געגענד, קיינער אבער האט נישט געוואוסט וואוהין דער יונגער פאסטוך איז אוועק... מיט א קורצע צייט שפעטער האט זיך אנגעפאנגען די מלחמה מיט די עמונים און איך האב קיין מעגליכקייט נישט געהאט איהם געהן אויפזוכען אין בית לחם, איך האב אלץ געמיינט אז איך וועל איהם טרעפען אין דער ארמיי... יעצט אז אלעס האט זיך בערוהיגט, גלויב איך אז דער פאטער וועט מיר ער־לויבען אוועקצוגעהען אין בית לחם פאר א טאג זיך צו זעהן מיט מיין פריינד... און ווען איך וועל זיך מיט איהם זעהן, קענסטו זיכער זיין אז ער וועט שוין קומען אהער צו אונז, און דאן וועסטו אויך האבען א מעגליכקייט מיט איהם זיך דורכצורידען... און אפשר וועט ער אונזער פאטער אויך געפעלען ווערען און ער וועט איהם געבען א געלעגענהייט ארויסצוצייגען זיין העלדישקייט און בראוו־קייט אין א מלחמה געגען אונזערע שונאים...

— ווען וועסטו די ערלויבנים בעטען ביים פאטער? — האט איהם מיכל געפרעגט — איך בין דאך אזוי אומגעדולדיג... און טאמער וועט ער דיר נישט ערלויבען צו געהן נאך בית לחם...

— דאן וועל איך אהין שיקען מיין יונג און דורך איהם איינלאדען דוד'ן ער זאל קומען צו מיר פאר א בעזוך...

מיכל האט אויפגעלויכטעו פון שמחה... דער געדאנק אז זי וועט נאך האבען א מעגליכקייט זיך צו זעהן מיט דעם, אין וועמען זי איז אזוי שטערבליך פער־ליעבט, האט איהר געקרעפטיגט און ערמונטערט.

דערווייל האט עפעס פאסירט וואס האט געצוואונגען יונתן ווידער אפצו־לעגען זיין פלאן וועגען דוד'ן און די געשיכטע איז געווען פאלגענדע:

די פלשתים וועלכע האבען דאן געהערשט איבער די אידען אין ארץ ישראל, האבען זיך יעצט אנגעהויבען צו שרעקען פאר די מאכט פון דעם אידישען נייעם קעניג... צום אנפאנג האבען זיי זיך אויסגעלאכט פון די אידישע מלוכה... זיי האבען גע'חוזק'ט פון דער אידישער ארמעע, אבער זיי זיינען געווען רוהיג; זיי זיינען געווען זיכער אז אפילו דער קעניג מיט זיין שוואכע ארמעע וועט נישט וואגען ווידערצושפעניגען אין די פלשתים... די אידען וועלען זיין צופריעדען אז מען לאזט זיי נאר צו רוה... און דעריבער טאקע האבען די פלשתים נישט געשטערט שאול'ן צונויפצוזאמלען זיין חיל געגען די עמונים... די פלשתים זיינען געווען זיכער אז שאול'ס חיל, וואס איז נישט געאיבט אין מלחמה, וועט האבען א מפלה אין דער מלחמה מיט די עמונים... יעצט אבער, ווען זיי האבען דערזעהן אז דער קעניג האט בעזיעגט די עמונים. און האט זיך צוריקגעקעהרט מיט א סך כלי זיין און בעפעסטיגט זיין מלוכה, האבען זיך די פלשתים גענומען בע־אומרוהיגען...

די פלשתים נציבים (גובערנאטארען) וועלכע זיינען געווען אין פיעלע אידי־שע שטעדט מיט חיל און האבען אכטונג געגעבען, אז די אידען זאלען נישט מורד זיין אין די פלשתים, האבען ארויסגעגעבען א בעפעהל אז אלע אידען מוזען אפ־געבען דאס גאנצע געוועהר צו זיי... אלע אידישע שמידען האבען זיי ארויסגע־שיקט פון ארץ ישראל און זיי בעזעצט אין דער לאנד פון פלשתים. כדי זיי זאלען קענען בעסער קאנטראלירען צו די שמידען מאכען נישט קיין געוועהר פאר די אידען... און יעדער איד וועלכער האט געדארפט פערריכטען זיין אקער אייזען אדער שארפען זיין האק, פייל און סערפ, איז געווען געצוואונגען צו געהן אין דעם לאנד פון דעם שונא...

דאס האט זעהר שטארק געערגערט יונתן... ווייל ער האט געגעבען זיין פאטער א פארשלאג גלייך ווי זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט פון די עמונים, נישט צו פאנאנדערלאזען די גרויסע ארמעע וואס זיי האבען, כדי צו קענען גלייך בעפאלען די פלשתים, ארונטערוואַרפען זייער יאך און פערטרייבען זיי פון די אי־דישע גרענעצען... אבנר בן נר, האט אבער אפגערעדט שאול'ן פון דעם שריט...

— דאס פאלק איז אויסגעמאטערט פון די מלחמה מיט נחש'ן — האט ער גע'טענה'ט — און מיר זיינען נאך אין גאנצען נישט געגרייט צו א מלחמה מיט די מעכטיגע פלשתים, און ווען מיר זאלען פרובירען זיך אנפאנגען מיט זיי קענען מיר אלעס פערליערען... מיין עצה איז דעריבער אז מיר זאלען ווארטען אויף א בע־סערע געלעגענהייט, ווען מיר וועלען זיין מעהר געגרייט און מעהר בעפעסטיגט...

— מיר דארפען שוין קענען די פלשתים — האט יונתן דאן געזאגט, — ווי זיי וועלען זעהן אז מיר האבען פאנאנדערגעלאזען די ארמעע, וועלען זיי אונז נעמען דריקען נאך מעהר...

שאול אבער האט געפאלגט אבנר'ן און האט פאנאנדערגעשיקט די ארמעע...

יעצט זעהט יונתן אז ער איז געווען גערעכט... די לאגע פון די אידען ווערט ערגער און קיין וואפען האבען זיי נישט... זיין פאטער איז דער איינציגער וואס בעזיצט א שווערד און א שפיעז...

מעהר פון אלץ האט איהם געערגערט וואס דער נציב אין גבעה שפאט אפ פון דעם אידישען קעניג און פון זיין חיל... נישט איינמאל האט ער געבעטען זיין פאטער ער זאל איהם ערלויבען צו בעפאלען דעם נציב, אבער שאול האט איהם נישט דערלאזען...

— די צייט איז נאך ניט געקומען — האט ער איהם געזאגט — די אידען זיינען נאך נישט געגרייט צו א מלחמה...

— זיינען מיר אבער דען געווען געגרייט צו מלחמה מיט די עמונים? — האט יונתן געזאגט — ווען מיר זיינען געווען געצוואונגען צו געהן, זיינען מיר געגאנגען און געזיעגט...

איינמאל האט יונתן זיך פערקליידט אלס אן איינפאכער פויער, האט מיט־גענומען א פייל און א זעג און איז ארונטער אין א פלשתים שטאדט כלומרשט צו שארפען זיין זעג און פייל... דערווייל האט ער גוט בעטראכט די פערשיעדענע ריכטונגען פון וועגען... ער האט זיך אונטערוועגענס צוגעהערט צו די געשפרעכען פון די פלשתים, און אויסגעפונען פיעלע פון זייערע פלענער...

— וואו געפינט זיך דא א שמיד — האט יונתן געפרעגט ביי א פארבייגע־הענדען פלשתישען פויער.

— ביים ענדע פון יענער געסעל — האט איהם דער פלשתי אנגעצייגט — דארטען געפינט זיך א אידישער שמיד... א גאנץ וואוילער מענש איז אט יענער שמיד, ער מאכט גוטע ארבייט און גאנץ ביליג...

יונתן האט איהם בעדאנקט און זיך פערנומען צו יענער געסעל... פלוצלונג האט ער בעמערקט ווי עטליכע פלשתים קוקען איהם נאך און בעטראכטען איהם מיט נייגעריגע אויגען...

— דאס איז דאך דער אידישער פרינץ!! דער זוהן פון דעם קעניג שאול! — האט איינער אויסגערופען — ער איז געווים געקומען אויסצושפיאנירען אונ־זער לאנד!...

— דער זוהן פון דעם קעניג איז ביי אונז אין לאנד! — האבען נאך איינ־גע אויסגעשריען.

ווי יונתן האט דערזעהן אז מען האט איהם דערקענט, האט ער גענומען שנעל לויפען... ווען ער האט זיך א קער געטהאן, האט ער בעמערקט ווי פיעלע סאלדאטען און בעאמטע לויפען איהם נאך... ער האט גענומען לויפען נאך שנעלער

— איך בין פערלארען! — האט ער זיך געטראכט — און געלאפען אהן אן אטעהם...

אין א קליינע הייזעל, ביים ענדע געסעל איז געשטאנען די קוזניע פון דעם אידישען יונגען שמיד, חנן. דער שמיד איז געשטאנען ביי דער ארבייט; מיט איין האנט האט ער געהאלטען א ברענענדיגען אייזען אויף דער קאוואדלע און מיט דער צווייטער האנט האט ער געקלאפט מיט א גרויסען האמער...

די טיהר פון קוזניע האט זיך האסטיג געעפענט און יונתן איז דארטען אריין א פערסאפעטער און מיעדער...

— ניכער, שנעלער! העלף מיר, ראטעווע מיר! — האט יונתן אויסגערו־פען א דערשראקענער — איך בין יונתן, דעם קעניג שאול׳ס זוהן... די פלשתים האבען מיר דערקענט און יאגען מיר נאך!... ווען זיי כאפען מיר, דאן בין איך א פערלארענער! אח ראטעווע מיר פון זיכערען טויט! בעהאלט מיר ערגיץ וואו, ווייל זיי וועלען דא געוויס באלד אנקומען...

— וואוהין קען איך דיר בעהאלטען — האט דער שמיד א בלאסער געזאגט — מיין קוזנע איז קליין און ווען זיי וועלען דא אריינקומען, וועלען זיי דיר גלייך געפינען...

— איך בין א פערלארענער! איך בין א פערלארענער — האט יונתן אויסגערופען מיט גרויס פערצווייפלונג און געוואלט גלייך ארויסגעהן פון קוזניע.

—ווארט — האט זיך חנן אפגערופען איך האב א פלאן! טו אויס דיינע קליידער, אבער שנעל!... יונתן האט געפאלגט דעם שמיד און זיך אויסגעטהאן... דער שמיד האט יונתן׳ס קליידער גלייך ארויפגעווארפען אויף די גליהענדע קוילען, און פון זיי איז אש געווארען...

— טו אן שנעלער די קליידער פון וואנט, דאס זיינען די ארבייטס קליידער פון מיין יונג... ער וועט היינט גראדע נישט קומען...

יונתן האט שנעל אנגעטהאן די קליידער פון א שמיעד...

— יעצט שמיר איין דיין פנים און דיינע הענט אין סאזשע — האט דער שמיד איהם בעפוילען.

יונתן האט זיך גוט אויסגעשמירט אין סאזשע, ער האט גענומען דעם האמער וואס דער שמיד האט איהם געגעבען און אנגעפאנגען קלאפען אויף דעם ברענענדען אייזען...

דערווייל זיינען אנגעקומען די בעאמטע און סאלדאטען... זיי האבען האס־טיג געעפענט די טיהר פון קוזניע און זיך אפגערופען צום שמיד:

— איז צו דיר נאר וואס נישט אריינגעקומען א פרעמדער פון ארץ ישראל?

— א חוץ מיר און מיין ארבייטער — האט דער שמיד געענטפערט — איז דא קיינער א גאנצען טאג נישט געווען—האט דער שמיד געלאסען געענטפערט...

— איך בין זיכער אז ער האט קיין אנדער אויסוועג נישט געהאט ווי ארייג־צוגעהן צו דיר — האט א בעאמטער געזאגט דעם שמיד, זיי וויסען אז ער איז א שפיאן, דעם קעניג׳ס זוהן, און אויב דו בעהאלטסט איהם וועסטו דערפאר זעהר שווער בעשטראפט ווערען...

— איך פערזיכער אייך אז איך בעהאלט קיינעם נישט! — האט דער שמיד זיי געענטפערט.

— לאמיר א זוך טאהן דא אין הויז! האט דער בעאמטער בעפוילען.

די סאלדאטען האבען גענומען זוכען אין אלע ווינקעלאך פון הויז... יונתן האט געקלאפט מיט׳ן האמער איבער׳ן אייזען... זיין הארץ האט שטארק מיט־געקלאפט... זיינע קניע האבען זיך געבויגען... זיינע אויגען האבען איהם אנגע־פאנגען שווינדלען... אט באלד, באלד הערט ער אויף צו קלאפען...

דער שמיד האט עס בעמערקט... ער האט גלייך אויפגעהויבען זיין האנט און אריינגעלאזען יונתן א פייערדיגען פאטש אין פנים...

— וואס פארטראכסטו זיך, דו פוילענצער! — האט ער אויסגערופען מיט בעס — דו עסט מיין ברויט אומזיסט און ארבייטען ווילסטו נישט!... ארבייט, אז נישט וועל איך דיר פון מיין הויז פריאגען!...

יונתן האט זיך א כאפ געטהאן פאר'ן פנים... דער פאטש האט איהם שטארק וועה געטהאן, אבער ער האט זיך גלייך געכאפט צום האמער און גענומען קלאפען מיט מעהר שטארקייט און פלייס...

די פלשתים וועלכע האבען עס בעמערקט, האבען שטארק געלאכט און איינער האט זיך אפגערופען צו חנן:

— אט אזוי חנן, דו האסט גוט געטהאן! אויב דיין ארבייטער איז א פוי־לער, טו גיעב איהם פעטש... כא, כא, כא... דאס איז געווען איינמאל א פאטש, דער קלונג הילכט מיר נאך יעצט אין די אויערען, כא, כא, כא, כא...

די סאלדאטען און בעאמטע האבען געזוכט אומעטום און אז זיי האבען איהם נישט געפונען, האבען זיי פערלאזען דעם שמיד'ס הויז.

חנן האט דורך זיין קליינעם פענסטער באמערקט אז זיי האבען זיך דערוויי־טערט האט ער זיך אפגערופען צו יונתן:

— זיי מיר מוחל מיין האר, פאר די שמערצען וואס איך האב דיר פער־שאפט... איך האב באמערקט אז דו הויבסט זיך אן צו פארלירען און אט באלד, באלד וואלטען דיר די פלשתים דערקענט... דו האסט זיך גענומען טרייסלען און ציטערען און פאר זיי וואלט עס געווען אויפפאלענד... זיי וואלטען גענומען חושד זיין אז דו ביזט נישט מיין ארבייטער... און דאן וואלטען זיי דיר זעהר שנעל דערקענט... דעריבער האב איך דיר אזא שטארקען פאטש געטהאן אין פנים... דאמיט אפצואווישען זייער מינדסטען חשד...

— דיין פאטש אין פנים וואס דו האסט מיר געגעבען — האט דאך מיין לעבען געראטעוועט — האט יונתן זיך אפגערופען מיט א שמייכעל... איך האב בעמערקט ווי א פלשתי דרינגט מיר דורך מיט זיינע בליקען, און דאס האט מיר געמאכט אזוי נערוועאיש אז איך האב געפיהלט אז איך וועל זיך באלד אין גאנ־צען פערליערען... און דיין פאטש האט די גאנצע לאגע געענדערט... איך זעה אז דו ביזט בראוו און קלוג, און דו וועסט שוין מעהר נישט דארפען זיין קיין שמיד אין דעם לאנד פון פלשתים, קום מיט מיר צוריק אין אונזער לאנד, איך וועל דיר בעלוינען פאר דיין חסד וואס דו האסט מיט מיר געטהאן...

— זארג נישט וועגען דיין קוניע, דיר וועט ביי מיר גארנישט פעהלען... זאג דאך מיר ווי איז דיין נאמען, און פון וואנען קומסטו?

— אויף וועמען וועל איך איבערלאזען די קוזניע?

— מיין נאמען איז חנן און איך קום פון שבט יהודה.

— גוט, חנן, דו וועסט ווערען מיין נושא כלים (געווערהר טרעגער) און וועסט מיר העלפען אין די מלחמות מיט די פלשתים... יעצט שמיעד אויס צוויי שווער־דען און ביינאכט וועלען מיר ביידע אנטרונען ווערען פון דאנען.

חנן האט אויסגעשמידט צוויי שווערדען און ווען עס האט גענומען פינסטער ווערען האט ער מיט יונתן פארלאזען די קוזניע און דורך א זייטיגען וועג אריבער־געגאנגען דעם גרעניץ נאך ארץ ישראל...

שאול און זיין פאמיליע זיינען שטארק בעאומרוהיגט געווארען ווען יונתן איז פלוצלונג פערפאלען געווארען...

שאול האט גלייך געשיקט מענשען זיי זאלען געהן זוכען יונתן און ווען עס איז געווען שפעט ביינאכט, איז דערט רויער אין שאול'ס פאלאץ שטארקער געווארען... יעדער איז געווען בעזארגט טאמער האט מיט יונתן אן אומגליק פאסירט...

די איינציגע וואס האט נישט געטרויערט איז געווען מיכל... זי איז געווען פרעהלאך און מינטער, ווייל זי האט געגלויבט אז יונתן געפינט זיך יעצט אין בית לחם און פערברייננגט מיט דוד'ן... זי האט קיינעם נישט געוואלט זאגען וועגען דעם, ווייל זי האט פערשטאנען אז יונתן איז אוועק אהן איהר פאטער'ס ערלויבניס... ווען אבער זי האט געזעהן די פארזארגטע פנים'ער פון איהר פאטער און מוטער, האט זי זיך אפגערופען:

— איך גלויב אז יונתן איז אוועק אין בית לחם פון יהודה, בעזוכען זיינעם א פריינד... און מעגליך אז דער פריינד האט איהם דארטען פערהאלטען...

— וויסטו פיעלייכט דעם נאמען פון זיין פריינד? — האט איהר שאול געפרעגט.

מיכל האט א ווילע א טראכט געטהאן און דערנאך געענטפערט: "ניין!" שאול האט גלייך אוועקגעשיקט עטליכע רייטער נאך בית לחם...

דערווייל איז יונתן אנגעקומען מיט חנן אין גבעה...ביידענס פניב'ער זיינען געווען גוט אויסגעשמירט אין סאזשע...ביידע זיינען געווען אנגעטהאן אין צוריסענע און פערשמאלצענע קליידער פון א שמיד.

יונתן איז צוגעקומען צו זיין פאטערס פאלאץ און געוואלט אריינגעהען מיט חנן אבער די וועכטער האבען זיי נישט געלאזען...

— געה מעלד דעם קעניג אז זיין זוהן יונתן וויל אריינקומען אין פאלאץ מיט זיינעם א גוטען פריינד און די וועכטער לאזען איהם נישט — האט יונתן זיך אפגערופען לאכענדיג צו איינעם פון די וועכטער.

דער וועכטער איז אריין און געזאגט צו דעם קעניג:

— צוויי שמידען שטעהען ביי די טויערען פון פאלאץ און איינער פון זיי שרייט אז ער איז דיין זוהן, יונתן...

— אויב זיי טראגען ביי זיך נישט קיין געוועהר, זאלען זיי אריינקומען — האט דער קעניג בעפוילען...

דער וועכטער איז ארוים און האט זיך באלד צוריקגעקעהרט מיט צוויי שווערדען...

— זאל מען זיי בינדען און ברייננגען צו מיר! — האט שאול אויסגערופען מיט כעס — זיי זיינען געוויס געקומען מיר צו ערמארדען...

דעם קעניג'ס בעפעהל איז גלייך אויסגעפיהרט געווארען: מען האט געבונדען יונתן און חנן, און מען האט זיי געפיהרט אונטער א שטארקען וואך צום קעניג...

יונתן האט געלאכט און חנן איז שטארק דערשראקען געווארען... — ווער ווייס — האט ער געטראכט — אפשר איז ער טאקע נישט שאול'ס זוהן און ער האט איהם יעצט אריינגעפיהרט אין א צרה...

— ווער זייט איהר און פון וואנען קומט איהר — האט שאול שטרענג א פרעג געטהאן.

— איך בין יונתן, דעם קעניג שאול'ס זוהן און קום פון דעם פאלאץ פון גבעה — האט יונתן זיך אפגערופען און קוים איינגעהאלטען זיך פון געלעכטער.

— יונתן, דאס ביזטו עס מיין זוהן! — האט שאול אויסגערופען מיט פרייד... דערקענענדיג די שטימע פון זיין זוהן — וואס האט מיט דיר פאסירט? ווי אזוי קומט עס אז דו ביזט אזוי פערשווארצט געווארען?...

שאול אליין האט גלייך געהאלפען אפבינדען יונתן און חנן... יונתן האט דערצעהלט אלעם וואס מיט איהם האט פאסירט און פערענדיגט: איך קען מיט זיכערהייט זאגען אז דער פייערדיגער פאטש אין פנים האט מיר פון א זיכערען טויט גערעטעט... פון יעצט אז וועט חנן ווערען מיין געוועהר טרעגער און מיט די שווערדען וואס ער האט פאר מיר געמאכט דעם זעלבען טאג וועל איך נעמען ראכע אן די פלשתים, אונזערע שונאים...

— מיין זוהן — האט שאול געזאגט — איך בין זעהר שטאלץ אויף דיר. דו האסט ארויסגעצייגט פאר אונז אלעמען ווי בראוו און העלדיש דו ביזט. דעריבער גיעב איך דיר איבער א טויזענד פון מיינע סאלדאטען, נעם דיין שווערד און דיין יונג'ס שווערד און ווען די געלעגענהייט וועט קומען זאלסטו וויסען וואס צו טהאן מיט'ן נציב פון דער שטאדט גבע און זיין חיל...

אלע אין שאול'ס פאלאץ האבען זיך שטארק געפרעהט מיט יונתן... זיי האבען שטאלצירט מיט זיין גבורה... זיי האבען הערצליך בעדאנקט דעם שמיד חנן, פאר ראטעווען יונתן פון טויט.

— מיין פאלאץ איז פאר דיר אפען, חנן — האט שאול איהם געזאגט — און וואס דיין הארץ געלוסט זאלסטו זיך נישט שעהמען צו בעטען.

חנן האט זיך פערנייגט פאר'ן קעניג און זיך אפגערופען: "מיין איינציגער פערלאנג און וואונש איז איך זאל קענען זיין דער נושא כלים פון דעם קעניג'ס זוהן, ווייל איך בין איבערצייגט, אז דורך איהם וועט גאט שיקען די ישועה פאר אידען".

אויף מארגען איז יונתן דורכגעגאנגען צווישען זיינע טויזענד סאלדאטען און זיי געלערענט ווי צו קעמפפען.

— איהר דארפט אימערצו זיין געגרייט אויף מיין רוף — האט ער זיי געזאגט — ווייל מיר קלייבען זיך אין גיכען אראפצוואווארפען דעם יאך פון דיא פלשתים... היינט ביינאכט וועלען מיר אנקומען אין גבע וואו דער נציב פון די פלשתים געפינט זיך... איהר וועט זיך פערבארגען הינטערן בארג און ווען מיין יונג וועט א בלאז טאהן מיט זיין שופר זאלט איהר גלייך ארויסקומען פון אייער בעהעלטענים און בעפאלען דעם שונא.

יונתן מיט זיינע טויזענד סאלדאטען זיינען אנגעקומען אין גבע... שטי־לערהייט מיט חנן איז ער צוגעקומען צו דעם וואהנונגס־פאלאץ פון דעם נציב... יונתן איז גלייך אריין צו איהם אין הויז און מיט זיין שווערד האט ער דער־הר'געט דעם שטארקסטען נציב פון די פלשתים... חנן איז געשטאנען פון דרוי־סען און ווען ער האט דערזעהן אז איינעגע בעאמטע פון די פלשתים, לויפען העל־פען זייער הארר, האט ער זיי פערשטעלט דעם וועג... א גרויסער קאמפף איז

פארגעקומען... יונתן איז ארויס פון הויז מיט א צובלוטיגטען שווערד און זיך גענומען פעכטען מיט די פלשתים... דערווייל האט חנן גענומען בלאזען מיט'ן שופר, און באלד זיינען אנגעקומען יונתן'ס סאלדאטען און פערניכטעט אלע פלשתים, וועלכע האבען זיך געפונען אין שטאדט גבע.

ווען שאול האט דערהערט וואס זיין זוהן האט געטהאן האט ער גלייך ארויסגעלאזען א רוף צו אלע אידען: מיין זוהן יונתן האט געטויטעט דעם נציב פון גבע, איהר מוזט זיך אלע אנשליסען אין דער ארמעע, ווייל די פלשתים ווע־לען זיך זיכער נעמען גרייטען צו א גרויסע מלחמה מיט אונז...

טויזענדע יונגע לייט פון גאנץ ארץ ישראל האבען גענומען שטראמען קיין גלגל, וואו שאול האט זיך דאן געפונען מיט זיין קליינע ארמעע.

שאול האט איבערגעלאזען זיין ארמיי אין גלגל און איז אוועקגעגאנגען צו שמואל'ן אין רמה, זיך מיט איהם צו בעראטהען וועגען די מלחמה מיט די פלשתים.

— קלייב אויס די שטארקסטע און בראווסטע צווישען די אנגעקומענע, — האט איהם דער גרייז־גרויער נביא געזאגט, — און לערען זיי ווי צו קעמפפען, ווייל די מלחמה וועט געוויס זיין פארביטערט; די פלשתים וועלען זוכען נקמה צו נעהמען פון די אידען פאר זייער נציב וועמען דיין זוהן האט געטויטעט.

— דאס פאלק אבער האט דאך נישט קיין געוועהר, — האט שאול אויס־גערופען מיט פארצווייפלונג, — און די פלשתים זיינען בעוואפענט פון קאפ ביז די פיס... די ביסעל געוועהר וואס מיר האבען צוגענומען ביי די פלשתים פון גבע, וועט קלעקען צו בעוואפענען בלויז עטליכע הונדערט פון אונזערע סאלדאטען...

— די הילף פון גאט קען קומען דורך ווינציג אזוי גוט ווי דורך א סך, — האט שמואל געזאגט, — דו געה צוריק נאך גלגל און ווארט אויף מיר זיבען טעג, ביז וואנען איך וועל קומען און אפהאלטען א גאטעס־דיענסט. איך וועל מקריב זיין די קרבנות פאר גאט, און גלייך נאכדעם וועסטו אנ־פאנגען די מלחמה.

שאול האט געטהאן ווי שמואל האט איהם געהייסען. ער האט פון אלע פרייוויליגע אויסגעקליבען ארום זעקס הונדערט סאלדאטען און זיי פארטיילט די ביסעל געוועהר וואס ער האט געהאט און זיי איינגעאיבט ווי צו קעמפפען.

אויף דעם זיבעטען טאג האבען זיך אלע פערזאמעלט ארום דער במה, וואו שמואל האט געזאלט מקריב זיין די קרבנות... דעם גאנצען טאג האט שאול און דאס פאלק געווארט אויף שמואל'ן. אבער ער איז נישט געקומען... עס איז געווארען אבענד און שמואל איז נאך אלץ נישט געקומען.

דערווייל זיינען אנגעקומען ידיעות צו שאול'ן אז די פלשתים האבען ארייננעדרונגען אין ארץ ישראל מיט א גרויסע ארמיי און זיי געפינען זיך שוין נעבען מכמש, נים ווייט פון גבע...

— לאמיר אנפאנגען די מלחמה! — האבען אייניגע אידען אויסגערופען, — מיר טארען לענגער נים ווארטען... זאל דער קעניג מקריב זיין די קרבנות, אויב שמואל האט פארשפעטיגט.

— מיר וועלען אזוי לאנג ווארטען ביז וואנען דער שונא וועט צוקומען צו אונז! — האבען אנדערע געשריען, — מיר וועלען זיך צוגעהן יעדער צו זיין שטאדט, אויב דער קעניג וועט ניט גלייך אבהאלטען די גאטעס־דיענסט און אנפאנגען די מלחמה...

דער טומעל און די אומרוהיגקייט האט זיך פארשטארקט צווישען עולם... שאול איז געבליבען אין גרויס פארלעגענהייט. ער האט יעדע ווייל ארויס־געשיקט רייטער צו זעהן אויב שמואל קומט אן. זיי האבען זיך אומגעקעהרט און באריכטעט אז שמואל זעהט זיך נאך נישט...

שאול איז געווארען אין גרויס פארלעגענהייט. ער האט נישט געוואוסט וואס צו טהאן און ווי אזוי צו האנדלען אין אזא פאל... ווען ער האט דער־זעהן אז די אומגעדולדיגקייט פון פאלק צוואוקסט זיך, האט ער זיך אפ־גערופען:

— ברייגנט אהער צו מיר די שעפסען פאר די קרבנות, און איך וועל זיי אליין מקריב זיין פאר גאט און דאן וועלען מיר גלייך אנפאנגען די מלחמה...

מען האט די שעפסען געבראכט צו שאול'ן, און ער האט זיי מקריב געווען אויפ'ן מזבח פאר א קרבן צו גאט.

ווי נאר שאול האט געענדיגט מקריב זיין די קרבנות, זיינען די רייטערס אנגעקומען און אויסגערופען:

שמואל קומט אן!... שמואל קומט אן!...

שאול איז איהם גלייך אנטקעגען געגאנגען און איהם באגריסט.

— איך האב זיך עטוואס פארשפעטיגט, — האט שמואל געזאגט, — אויב אלעם איז שוין צוגעגרייט וועל איך גלייך אנפאנגען די תפלה און מקריב זיין די קרבנות.

— המ... אבער... ע... — האט שאול געשטאמעלט, — איך האב שוין די קרבנות אליין מקריב געווען..

— וואס?! — האט דער נביא אויסגערופען מיט כעס, — דו האסט מקריב געווען די קרבנות!.. איז דיר דען ווייניג די מלוכה, דו ווילסט אויך ארייננקריגען די כהונה!...

— וואס האב איך געקענט טהאן? — האט זיך שאול פארענטפערט, — דו ביזט נישט געקומען צו דער בעשטימטער צייט. דאס פאלק איז זעהר אומגעדולדיג געווארען. זיי האבען געדראהט צו פארלאזען מיך אויב איך וועל זיך נישט צואיילען און אנפאנגען די מלחמה... די פלשתים האבען זיך שוין באפעסטיגט אין מכמש... און איך האב דאך נישט געקענט אנפאנגען די מלחמה אהן די תפלות און די קרבנות...

— דו האסט זיך בענארישט! — האט זיך שמואל אפגערופען, — דאס צייגט מיר אז דו ביזט דאך נישט דער מאן וועלכער זאל רעגירען איבער אלע אידען...

שמואל איז געווארען שטארק ענטטוישט אין שאול'ן... ער האט יעצט אין איהם געזעהן א געגנער וואס זוכט אוועקצונעהמען פון איהם די לעצטע ביסעל הערשאפט וואס איז איהם פארבליבען...

איידער שאול איז געזאלבט געווארען פאר קעניג, איז שמואל געווען דער שופט, און זינט די כהנים פון עלי'ס הויז זיינען פער'מיאוס'ט געווארען ביים

פאלק, האט שמואל אויך פערטראַטען דעם אמט פון דעם כהן גדול; ביי יעדער גרויסער פאלקס פערזאמלונג האט מען קיין זאך נישט אנגעפאנגען צו טהאן איידער שמואל האט מקריב געווען א קרבן צו גאט און אפגעזאגט די תפלה...
בעת שמואל האט אויסגעקליבען שאול'ן פאר קעניג האט ער איהם איבערגע־געבען די הערשאפט איבער'ן פאלק, אבער די הערשאפט איבער דעם הייליגטום האט ער געלאזען פאר זיך... שאול האט געדארפט רעגירען איבער די אידען און מלחמה האלטען מיט זייערע שונאים, און שמואל האט געדארפט זיין דער גייסטיגער הערשער איבער'ן פאלק, און דאריבער ווען שמואל האט געזעהן אז שאול נעהמט אויף זיך אויך די גייסטיגע הערשאפט, האט עס איהם שטארק פארדראסען...

* * *

די פלשתים האבען צונויפגעזאמעלט א גרויסע און מעכטיגע ארמיי און האבען פערכאפט די שטאדט מכמש וואס האט זיך פאררעכענט פאר זעהר א שטארקען פלאץ אין מלחמה צייט. פון דארטען האבען די פלשתים ארויס־געשיקט קליינע מיליטערישע אפטיילונגען אנצופאלען אויף דערבייאיגע קליי־נע שטעדטלעך און דאמיט ארויסצורופען שאול'ן מיט זיין ארמיי פון זייערע באפעסטיגטע פאזיציעס צווישען די בערג...
שאול אבער האט זיך נאך נישט געאיילט. ער האט געווארט אויף א בעסערער געלעגענהייט אנצופאנגען מיט די פלשתים די מלחמה. ער האט זיך פעראייניגט מיט זיין זוהן יונתן אין גבע און זיך בעראטהען מיט זיינע גענעראלען וואס צו טהאן.
יונתן אבער איז שטארק אומגעדולדיג געווארען. ער האט נישט איינגע־שטימט מיט אבנר'ן אז דערוויל זאלען זיך די אידען האלטען אין דער פער־טיידיגונגס ליניע... און אין דער צייט וואס זיין פאטער איז געווען פערנומען מיט א קאנפערענץ, האט ער זיך אפגערופען צו זיין יונג, חנן:
— אויב דו ביזט גענוג בראוו, טו לאמיר זיך ביידע שטילערהייד ארויס־גנב'ענען אויף דעם גרויסען פעלז, וואו דער לאגער פון די פלשתים־וואך געפינט זיך, און איידער זיי וועלען צייט האבען זיך ארומצוקוקען, וועלען מיר אנווארפען א מורא אויף זיי מיט אונזערע שווערדען...
— אלעס וואס מיין האר פערלאנגט וועל איך טהאן, — האט זיך חנן אפגערופען און ארויסגעצויגען זיין שווערד.
— גוט, לאמיר ארויפקלעטערען דעם פעלז... אבער זיי זעהר פארזיכטיג, ווייל דער פעלז איז משופע'דיג, און איין אונפארזיכטיגער שריט קענסטו אראפ־פאלען.
די גאנצע פלשתים ארמיי האט געלאגערט אונטען אויף דעם צווייטען זייט פון פעלז. אויבען, אויפ'ן שפיץ פעלז, איז געווען די וואך וואס האט גע־דארפט נאכקוקען די באוועגונג פון דער אידישער ארמיי.
יונתן און חנן האבען געקלעטערט אויף אלע פיער, פאמעלעך, שטיל, זיי האבען קוים איינגעהאלטען זייערע אטעמס... ווען זיי האבען דערגרייכט דעם שפיץ פעלז, האבען זיי זיך אפגעשטעלט אויף א ווײלע און אפגערוהט...
יונתן האט לאנגזאם אויפגעהויבען זיין קאפ און האט באמערקט ווי די וועכטער שטעהען אין א גרופע און שמועס'ן צווישען זיך... איינינע צייגען אז

מיט זייערע פינגער אויף דעם אידישען לאגער און א הילכיגער געלעכטער ברעכט פלוצים אויס צווישען אלעמען.

— קום, חנן, לאמיר ארויפגעהן, — האט זיך יונתן אפגערופען, — און אין א רגע זיינען ביידע געבליבען שטעהן אויפ׳ן פעלז מיט בלויזע שווערדען.

— א טויט צו די פלשתים, — האט יונתן אויסגעשריען — און ארויפגעפאלען אויף די וועכטער שניידענדיג מיט זיין שווערד אויף רעכטס און לינקס. חנן האט נאכגעפאלגט יונתן און האט אויך בעפאלען די איבריגע. עס האט אויסגעבראכען א טומעל און א געשריי צווישען דער וואך... פיעלע האבען גענומען לויפען פון גרויס שרעק און זיינען ארונטערגעפאלען פון דעם שפיץ פון פעלזענשטיין.

די געשרייען און די געוואלדען האבען זיך דערטראגען אונטען, צו דעם לאגער פון די פלשתים, און ווען זיי האבען באמערקט אז עטליכע פון די וועכטער ווערען ארונטערגעשליידערט פון שפיץ פעלז, זיינען זיי שטארק צושראקען געווארען... עס איז געווארען א מהומה, און געשרייען האבען זיך געהערט: "די אידישע ארמיי רינגלען אונז ארום, שנעלער, לאמיר אנטלויפען! לאמיר זיך ראטעווען!... די פלשתים האבען גענומען מאכען פליטה...

די וועכטער פון שאול׳ס ארמיי, וועלכע זיינען געשטאנען אויף דעם צווייטען בארג, וואס איז געווען א היבשער מרחק פון דעם פלשתים לאגער, האבען פלוצלינג באמערקט דעם געלאף און די צושראקענקייט פון שונא... זיי האבען עס גלייך געמאלדען שאול׳ן.

— דאס ווילען די פלשתים אונז אפטהאן א שפיצעל, — האט זיך אבנר אפגערופען, — זיי מאכען זיך בכיון אזוי ווי זיי אנטלויפען, כדי מיר זאלען נאך זיי נאכיאגען, און נאכהער וועלען זיי זיך אומקעהרען אויף אונז...

— וואו איז יונתן? — האט שאול א פרעג געטהאן.

קיינער האט נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך... זיי האבען זיך מיט שרעק ארומגעקוקט פון אלע זייטען און יונתן און זיין יונג זיינען אין ערגעץ נישט געווען.

— זיי מוזען געווים זיין אין דעם לאגער פון די פלשתים! — האט שאול אויסגערופען, — אין דער צייט וואס מיר האבען זיך געקווייקעלט האט מיין העלדישער זוהן געוואגט... קומט... גאט האט אונז איבערגעגעבען די פלשתים אין אונזערע הענד!

שאול און זיין חיל האבען זיך גענומען נאכיאגען די פלשתים דורכ׳ן וואלד און טויטענדיג טויזענדע פון זייערע שונאים...

אין וואלד איז געווען א פלאץ פון זעהר פיעל בינשטאקען מיט האניג. שאול׳ס חיל זיינען שוין געווען מיעד און הונגעריג, און ווען זיי האבען דערזעהן האניג האבען זיי זיך אפגעשטעלט און געוואלט נעהמען עסען.

דער קעניג האט באמערקט ווי זיינע סאלדאטען האבען זיך פלוצלינג אבגעשטעלט פון נאכיאגען דעם שונא... ער האט גענומען אויספארשען די אורזאכע און האט זיך דערוואוסט אז זיינע סאלדאטען האט זיך פארגלוסט דער האניג.

שאול האט גלייך נעגעבען א באפעהל אז מען זאל דעם האניג נישט אנריהרען.

— איך באשווער אייך אלעמען, — האט דער קעניג אויסגערופען, — גארנישט צו נעהמען אין מויל ביז נאכט ווען מיר וועלען האבען א פולע נקמה אין אונזער שונא און איהם פארשאגען פון די גרעניצען פון אונזער לאנד...

די וועלכע האבען שוין געהאט דעם האניג מיט'ן האנד, האבען עס גלייך אוועקגעווארפען און מיט בענייטע קרעפטען האבען זיי זיך גענומען נאכצויאגען דעם שונא...

ווען יונתן און חנן האבען באמערקט אז שאול מיט זיינע מחנות האבען זיך נאך די פלשתים, האבען זיי זיך גלייך ארונטערגעלאזען פון פעלז און זיינען געלאפען זיך אנצושליסען אין דעם אידישען חיל.

יונתן האט באמערקט דעם האניג, און זייענדיג שטארק הונגעריג, האט ער אנגענומען א פולע האנד און גענומען עסען...

— דער קעניג האט דאך באשווארען אז קיינער זאל נישט פארזוכען קיין עסען ביז ביינאכט ווען מען וועט האבען פארטריבען דעם שונא, — האט זיך איינער פון די סאלדאטען אפגערופען צו יונתן ווען ער האט איהם געזעהן עסענדיג.

— מיר איז אבער ליכטיג געווארען אין די אויגען ווען איך האב דעם האניג פארזוכט, — האט זיך יונתן אפגערופען מיט א שמייכעל.

די אידען האבען פאריאגט די פלשתים ביז בית־און און האבען צוריק־גענומען מכמש און די איבריגע שטעדטלעך פון די פלשתים.

ווען שאול האט זיך צוריקגעקעהרט זיעגרייך מיט זיין ארמיי נאך גבעה, האט מען איהם געזאגט אז אימיצער האט עובר געווען זיין שבועה און האט יא געגעסען איידער דער אבענד איז געקומען...

— ווי גאט לעבט! — האט שאול אויסגערופען מיט כעס, — אז דער וועלכער האט געבראכען מיין שבועה, וועט דערפאר בעצאהלען מיט זיין לעבען... ווער האט געגעסען פון דעם האניג?!...

— דיין זוהן, יונתן! — האט זיך איינער אפגערופען.

—יונתן! — האט זיך דער קעניג געוואונדערט, זאל ער גלייך קומען צו מיר.

מען האט יונתן אנגעזאגט אז זיין פאטער וויל איהם זעהן, און ער איז גלייך צוגעקומען צו איהם.

— זאג מיר, מיין זוהן, האסטו געגעסען פון דעם האניג אין דער צייט ווען אלע אידען זיינען געווען אונטער מיין שבועה נישט צו עסען?...

— יא, מיין פאטער, איך בין זעהר הונגעריג געווען, האב איך פארזוכט פון דעם האניג.

— זאל מיר גאט אזוי העלפען, דו מוזט שטארבען דערפאר!

— פאטער, איך בין גרייט צו שטארבען פאר מיין פאלק.

— וואס?! יונתן, אונזער בעליעבטער העלד, יונתן, וועט שטארבען?!

— האבען זיך דערהערט שטימען פון פאלק, — חלילה! ווי גאט לעבט, אז מיר וועלען קיין האר פון איהם נישט לאזען פאלען... יונתן, וועלכער האט גע־טהאן אזא גרויסע ישועה פאר גאנץ ישראל מוז לעבען!...

— לעבען זאל יונתן! לעבען זאל יונתן! — האבען אלע געשריען.

— אז מיין פאלק איז דיר מוחל, מיין זוהן, — האט זיך שאול אפגע־רופען, בין איך דיר אויך מוחל.

אכטער קאפיטעל

שמואל און דוד

נאכדעם ווי שאול האט פארטריבען די פלשתים פון ארץ ישראל און האט פארשטארקט זיין ארמיי, איז געקומען צו איהם שמואל הנביא און געזאגט:

— גאט האט דיר געהאלפען און דו ביזט געווען זיעגרייך אין דיינעביידע מלחמות, מיט די עמונים און מיט די פלשתים... זיי אבער וויסען, אז דער ערגסטער שונא וואס מיר האבען איז — דאס פאלק עמלק! נאך אין דער צייט ווען די אידען האבען געוואנדערט אין דער מדבר, איז עמלק פלוצים זיי בעפאלען אהן קיין אורזאכע און מיט זיי מלחמה געהאלטען.. מיט פערציג יאהר שפעטער אז אונזערע עלטערען האבען דערגרייכט די ברעגעס פון ביזען לאנד, איז געקומען עמלק, ווייטער אהן קיין סיבה און זיך גענומען שלאגען מיט זיי... ווען זיי האבען זיך שוין באזעצט אין ארץ ישראל, און עגלון דער קעניג פון מואב איז אריבער דעם ירדן כדי מלחמה צו האלטען מיט די אידען איז עמלק אויך צוגעשטאנען צו זיי און געהאלפען שלאגען די אידען... מיט עט־ליכע יאהר שפעטער אז די מדינים האבען גענומען דריקען די אידען, האט עמלק זיי אויך געהאלפען... שוין הונדערטע יאהרען ליידען מיר פון דעם גרויזאמען און ווילדען פאלק עמלק... אונזער היילינע תורה האט אונז פאר־זאגט "אויסצומעקען די נעדעכנים פון עמלק אויף אייביג"... יעצט, געה אין גאט'ס נאמען און האלט מלחמה מיט די עמלקים... דו זאלסט זיי פארניכטען אז קיין זכר זאל פון זיי נישט בלייבען... זיי אבער וויסען אז די מלחמה איז נישט קיין מלחמה פאר ערֹאבערונג, כדי אריינצוקריגען די רויב פון שונא. דאס איז א מלחמה פון נקמה . . . דו ביזט דער ערשטער אידישער קעניג, און אויף דיר ליגט די פליכט צו פארטיליגען דעם ערשטען און דעם גרעסטען אידי־שען שונא — עמלק. און ווען גאט וועט געבען און דו וועסט זיין ערפאלגרייך אויך אין דיזער מלחמה, זאלסטו פארניכטען זייער גאנצע האב און גוטס, אלע זייערע בהמות, זייער גאלד און זילבער זאלסטו פארברענען... זאל קיין זכר פון עמלק נישט בלייבען... אזוי איז דער רצון פון גאט.

שאול האט יעצט פערזאמעלט א גרויסע ארמיי פון צוויי הונדערט און צעהן טויזענד סאלדאטען, און איז אוועק צו דעם לאנד עמלק און מלחמה געהאל־טען מיט זיי.

זעהר זים און אנגענעהם איז געווען פאר די אידען צו זעהן די גרעסטע נקמה אן זייער ערגסטען פיינד עמלק. שאול מיט זיין חיל האבען פארניכ־טעט דאס גאנצע פאלק, זיי האבען אויף קיינעם קיין רחמנות ניט געהאט. אלעמען אויסגעשלאכטעט און דעם קעניג פון די עמלקים האט מען געפאנ־גען א לעבעדיגען און געבראכט פאר שאול'ן...

— לאז מיר לעבען, איך בעט אייך, — האט זיך אגג גענומען בעטען ביי שאול'ן און ביים פאלק — איך וועל זיין אייער קנעכט, איך קען דאך אייך מעהר קיין שלעכטס ניט טהאן, מיין גאנצעס פאלק האט איהר דאך געטויטעט... לאזט מיך לעבען...

שאול האט נעקראגען אביסעל רחמנות אויף אגג׳ן און איהם ניט גע־טויטעט... זיי האבען איהם געשמידט אין קייטען און גענומען געפאנגען.

— שמואל האט מיר אנגעזאגט, אז קיינער זאל גארנישט נעהמען פון דעם רויב, אלעס מוז פארניכטעט און פארוויסטעט ווערען.

— אבער זיי האבען דאך דא אזוינע טהייערע און פעטע בהמות, — האבען זיך אייניגע סאלדאטען אנגערופען, — זיי וואלטען זעהר שטארק אונז צוניץ געקומען.

— און פארוואס זאלען מיר טאקע פארניכטען אזוי פיעל גאלד און זילבער, — האבען אנדערע גע׳טענה׳ט, — מיר קענען זיך דאך דאס צוטיילען צווישען זיך.

— איהר זייט גערעכט, — האט שאול צו זיי געזאגט, — איך זעה טאקע נישט איין פארוואס מיר זאלען ניט בערייכערען אונזער לאנד מיט דעם שונא׳ס פארמעגען . . .

זיעגרייך האט זיך דער קעניג שאול צוריקגעקעהרט פון דער מלחמה מיט עמלק... הונדערטע טויזענדע שעפסען, קיה און אקסען, האבען זיי מיט זיך מיטגעבראכט קיין ארץ ישראל. זיי זיינען אנגעקומען אין גלגל צו פייערען דעם גלענצענדען נצחון איבער דעם ערגסטען און פארביטערטסטען שונא פון די אידען.

שמואל האט דערזעהן די בהמות און די גאנצע רויב וואס שאול׳ס ארמיי האט מיטגעפיהרט פון עמלק, און איהם האט עס זעהר שטארק פארדראסען... ער איז צוגעקומען צו דעם קעניג אין גלגל.

— געבענשט זאל זיין דיין קומען צו גאט, — האט שאול באגריסט דעם אלטען נביא, — איך האב ערפילט אלעס וואס גאט האט מיר געהייסען טהאן.

— און וואס איז דאס דער ברומען פון די שעפסען און אקסען, און דאס הירזשען פון פערד וואס איך הער? — האט שמואל איהם א פרעג געטהאן.

— אט דאס האבען מיר געבראכט פון עמלק! — האט שאול געענטפערט.

— דאס פאלק האט געזעהן אזעלכע גוטע פעטע בהמות און אזוי פיעל רייכטום אז דאס הארץ האט זיי נישט דערלאזען אלעס צו פארניכטען... אבער די איבריגע זאכען און די מענשען האבען מיר פארטיליגט... די בהמות האבען מיר גענומען כדי צו ברייגגען זיי קרבנות פאר אונזער גאט...

א ביטערער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף שמואל׳ס ליפען, הערענדיג שאול׳ס לעצטע ווערטער.

— האסטו, הייסט עס, ווידערשפעניגט גאט׳ס ווערטער, און פון די זעלבע בהמות וואס גאט האט דיר פארזאגט נישט מיטצונעהמען מיט זיך, האסטו יא מיטגעבראכט און ווילסט זיי ברייגגען קרבנות פאר גאט... גלויבסטו אז גאט דארף האבען דיינע קרבנות? דארף דען אונזער גאט האבען דיינע פעטע בהמות פאר עולות און זבחים?... וואס גאט פארלאנגט פון מענשען, איז איהם צו פאלגען, זיך צוצוהערען צו זיינע ווערטער... צו טהאן גערעכטיגקייט און גוטעס איז פיעל טייערער און מעהר אנגעלעגט ביי גאט ווי מקריב צו זיין פאר איהם פעטע אקסען... אבער דו האסט זיך נישט געוואלט צוהערען צו די ווערטער פון גאט, דאריבער וויל דיר גאט נישט האבען פאר קיין קעניג איבער ישראל...

— איך האב געזינדיגט געגען גאט און דיר! — האט זיך שאול אפגע־רופען מיט טרעהרען אין די אויגען, — איך האב נישט געפאלגט דיין פארזאג...

אבער דאָס איז נישט מיין שולד... דאָס פאָלק האָט אזוי פארלאַנגט און איך האָב זיך געמוזט צוהערן צו זיי, ווייל איך האָב מורא געהאַט זיי נישט צו פאָלגען...

— און נישט צו פאָלגען גאָט, האָסטו קיין מורא נישט געהאַט? — האָט איהם שמואל געזאָגט, — דאָס ציינט אז דו ביזט צו שוואך צו זיין א מלך איבער גאַנץ ישראל... עס איז שוין דעם צווייטען מאָל וואָס דו וואַרפסט די שולד אויפ'ן פאָלק... איך אָבער ווייס דעם פאָלק בעסער ווי דו...

— נו, פארגיב דאָך מיר אויך דיזען מאָל, — האָט זיך שאול ביי איהם געבעטען, — און קום מיט מיר צו דער במה...

— ניין, איך וועל מיט דיר אהין נישט געהן, — האָט שמואל געזאָגט, און גענומען אוועקגעהן.

שאול האָט איהם אָנגעכאַפּט פאר'ן אויבער־מאַנטעל און איהם נישט געוואָלט לאָזען געהן, און אזוי האָט ער אָפּגעריסען א שטיק פון שמואל'ס מאַנטעל.

דאָס האָט נאָך מעהר אויפגערעגט דעם אַלטען נביא און ער האָט זיך אָפּגערופען:

— אזוי וועט גאָט אָפּרייסען דיין קעניגרייך פון דיר און זי אָפּגעבען צו איינעם וועלכער איז מעהר ראוי ווי דו, פאר מלוכה...

— זיי מיר מוחל און קום מיט מיר צו דער במה, — האָט שאול זיך ווידער גענומען בעטען ביי איהם, — ווייל אויב דו וועסט מיט מיר יעצט נישט מיטגעהן, וועסטו מיך פארשעהמען פאר אַלע זקנים און פאר'ן גאַנצען פאָלק . . .

— גוט, איך וועל מיט דיר יעצט מיטגעהן! — האָט שמואל געזאָגט.

שאול און שמואל זיינען אוועק צו דער בימה, וואו אַלע אידען האָבען אויף זיי געוואַרט.

— ברייננט אהער אגג'ן, דעם קעניג פון די עמלקים, — האָט שמואל געזאָגט.

באַלד האָט מען אגג'ן געבראַכט פאר שמואל'ן, געשמידט אין קייטען.

— דער ביטערער טויט קומט שוין אָן אויף מיר, — האָט אגג אויסגערופען.

— אזוי ווי דיין שווערד האָט אומרחמנות'דיג פיעלע מוטערס אין ישראל קינדערלאָז געמאַכט, אזוי וועט מיין שווערד יעצט דיין מוטער קינדערלאָז מאַכען, — האָט שמואל געזאָגט און געטויטעט דעם לעצטען קעניג פון עמ"ק.

גלייך נאָך דער גאָטעס־דיענסט, האָט שמואל פארלאָזען גלגל. און שאול איז אוועק א טרויעריגער און ענטמוטיגטער נאָך גבעה צו זיין פּאַלאַץ...

* * *

שמואל האָט יעצט גענומען זוכען צווישען די שבטים א מעהר פּאַסיגען מאַן פאר א קעניג איבער גאַנץ ישראל... געוועהנליך, דאָס האָט ער געטהאָן אין געהיים.

ער האָט זיך דערמאָהנט אז מיט יאָהרען צוריק ווען ער האָט בעזוכט בית לחם, האָט מען איהם דערצעהלט ווי אזוי א דאָרטיגער יונגער אינגעל, האָט מיט זיין העלדישקייט די גאַנצע שטאָדט בית לחם פון זיכערען טויט געראַטעט... ער געדענקט נישט זיין נאָמען, ער ווייס אפילו נישט איז יענעמס פאַמיליע דער יונגער העלד געפינט זיך... אָבער ווען עס זאָל איהם געלינגען

אויסצוגעפינען ווער ער איז און פון וואנען ער שטאמט, קען מעגליך זיין, אז יענער בראווער אינגעל וואלט געווען א גוטער נאכפאלגער פון שאול'ן...

שמואל האט מיטגענומען א הארן פול מיט אייל און איז אוועקגעגאנגען נאך בית לחם.

ווען ער איז אנגעקומען אין שטאדט, זיינען די זקנים איהם גלייך געקומען אנטקעגען.

— געבענשט זאל זיין דיין קומען צו אונזער שטאדט, — האבען איהם די זקנים באגריסט, — ביזטו געקומען צו אונז אלס גאסט, אדער עפעס האט פאסירט און דו קומסט אונז ווארענען ?...

— שלום ! — האט שמואל געענטפערט, — איך בין שוין אין בית לחם לאנג נישט געווען, און דאריבער בין איך געקומען דא אויף א באזוך. מיר וועלען מקריב זיין קרבנות צו גאט און מיר וועלען איינלאדען אלע נכבדים פון שטאדט און מיר וועלען פארברייגנען דא א טאג אדער צוויי.

— מיר זיינען גליקליך, א. געטליכער מאן, וואס דו האסט זיך אן אונז נישט פארגעסען און האסט אונז צוגעטיילט אזא כבוד מיט דיזען בעזוך...

— איך געדענק נישט מיט וויפיעל יאהרען צוריק האב איך אייער שטאדט באזוכט, — האט שמואל געזאגט, — אבער איך דערמאהן זיך אז ווען איך האב דעם לעצטען מאל באזוכט בית לחם, האט מען מיר דערצעהלט אז א יונגער אינגעל פון דיזער שטאדט, האט אין שבועות צייט פון יענעם יאהר געראטעוועט אלע איינוואהנער פון א רויבערישען אנפאל מצד די פלשתים... איך האב שוין אפילו פארגעסען זיין נאמען...

— יא, יא, — האבען די זקנים געענטפערט, — עס איז שוין צעהן יאהר פאראיבער זייט דער העלדישער אינגעל דוד, דער זוהן פון ישי, האט אונז אלעמען פון א זיכערען טויט געראטעט...

— זיין נאמען איז טאקע דוד בן ישי, — האט זיך שמואל אפגערופען מיט א שמייכעל, — יא, יעצט האב איך זיך טאקע דערמאהנט... וואהנט נאך ישי מיט זיין גאנצע פאמיליע דא אין שטאדט ?

— יא, געטליכער נביא, — האט איהם איינער פון די זקנים געענטפערט, — ישי איז איינער פון אונזערע חשוב'סטע בעלי בתים פון שטאדט ; ער איז דער שטאלצער פאטער פון זיבען העלדישע און געראטענע זיהן... זעקס פון זיינע זיהן האבען זיך שוין בעטייליגט אין די לעצטע דריי מלחמות וואס אונזער קעניג שאול האט געהאט... זיי זיינען אלע בראוו און שטארק, אבער זיין אינגסטער זוהן דוד, שטייגט זיי נאך אלעמען אריבער... דוד'ן האט זיך אזוי געוואלט מיטגעהן אין דער ארמיי, אבער ישי האט איהם נישט געלאזען... ווייל ער איז נאך צו יונג... זעהר א וואוילער אינגעל איז דער דוד, אלע אין שטאדט האבען איהם ליעב ווי דאס לעבען...

— זיינען נאך זיינע זיהן אין דער ארמיי ? — האט שמואל געפרעגט.

— זיי האבען זיך מיט עטליכע טעג צוריק אומגעקעהרט פון שאול'ס ארמיי. יעצט איז אין לאנד שטיל, וועלען זיי וואהרשיינליך זיך נעהמען צו פעלד־ארבייט ווי זיי האבען עס געטהאן פריהער.

שמואל האט געשיקט רופען ישי'ן אנטייל צו נעהמען אין דער סעודה

פון דעם פלייש פון קרבן... נאך דער סעודה האט זיך שמואל אפגערופען צו ישי'ן:
— אלע אין שטאדט לויבען דיינע זיהן, איך וואלט וועלען זיי זעהן איידער איך געה אוועק פון בית לחם, און זיי בענשען.
ישי'ס פנים האט גענומען לייכטען פון גליק.
— זאל איך זיי ברייגגען אהער צו מיין האר, אדער פיעלייכט וועט מיין האר מיר דעם כבוד אנטהאן און בעזוכען מיין הויז?...
— איך וועל געהן צו דיר אין הויז, — האט שמואל געזאגט, און האט זיך געזעגענט מיט די איבריגע געסט און איז אוועק צוזאמען מיט ישי'ן.
ישי האט דערווייל געשיקט זיין משרת א פריהער, ער זאל אנזאגען אין הויז, אז דער נביא שמואל קומט אן אויף א בעזוך...
ישי'ס פרוי און זיינע שניר האבען שנעל צורעכט געמאכט אלעס אין הויז און האבען מיט גרוים פרייד ערוואַרטעט דעם חשוב'ען גאסט.
ווען שמואל איז אנגעקומען אין הויז, זיינען איהם אלע גלייך אנטקעגען געגאנגען און איהם הערצליך באגריסט...
ישי'ס פרוי האט געגרייט צום טיש.
— מיר האבען נאר וואס געגעסען, — האט שמואל געזאגט, — אבער איך וועל נאך פארברייגגען אין אייער הויז א לענגערע צייט, און דאן וועלען מיר זיכער ווידער הונגעריג ווערען. איך וועל ווארטען ביז וואנען אלע זיהן פון ישי וועלען זיך צוריקקעהרען פון פעלד, וויל איך האב זעהר פיעל גוטעס געהערט פון זיי...
— דאנקען גאט, זיי זיינען אלע געראטענע קינדער, פינף פון זיי זיינען שוין פערהייראט, און אט זיינען מיינע שניר, — האט ישי'ס פרוי געזאגט מיט א שטאלצען שמייכעל אויף איהרע ליפען...
שמואל האט געווארט ביז'ן אבענד ביז וואנען די זיהן האבען זיך צוריקגעקעהרט פון פעלד.
— יעצט וועלען מיר געהן עסען אבענד־ברויט, — האט ישי געזאגט צו שמואל'ן, — מיינע זיהן זיינען שוין דא...
— וואו זיינען זיי? — האט שמואל געפרעגט, — פיהר זיי אריין, איך וויל זיי נאר אנקוקען...
ישי האט אריינגעפיהרט זעקס פון זיינע זיהן פאר שמואל'ן, און שמואל האט מיט יעדען פון זיי פערבראכט. ער האט זיי געפרעגט ווי זיי האבען גע־קעמפפט געגען די אידישע שונאים...
— אלע פון אונזער שבט האבען בראוו געקעמפפט געגען די שונאים, — האט אבינדב געזאגט צו שמואל'ן, — און מיין ברודער שמה האט זיך זעהר שטארק אויסגעצייכענט... אבער דער קעניג שאול האט איהם אפילו פאר קיין אפיציער נישט געמאכט. אלע אפיצירען און גענעראלען זיינען בלויז פון זיין אייגענעם שבט בנימין... קיינער פון אן אנדער שבט קען קיינמאל נישט האפען ארויפצוארבייטען זיך אויף א גרעסערען ראנג...
שמואל האט א שמייכעל געטהאן.
— ביי גאט זיינען אלע גלייך, — האט ער געזאגט, — און ווען דו ביזט אפילו א פשוט'ער סאלדאט, וועט דיין העלדישקייט אפגעשאצט ווערען ביי אלעמען.

— זיינען דען דאס אלע דיינע זיהן? — האט שמואל א פרעג געטהאן.

— דער אינגסטער זוהן מיינער, דוד, איז נאך מיט די שאף... ער פיטערט די שאף הינטער'ן שטאדט און פיעל מאל קומט ער נישט נעכטיגען אהיים, ווייל ער וויל נישט איינמיעדען די שאף, פיהרען זיי אהין און צוריק צו דער פאשע.

— איך האב אזוי פיעל געהערט פון דיין דוד'ן, — האט זיך שמואל אפגערופען, — אז איך וואלט איהם געוואלט זעהר גערן זעהן. קענסטו פיעלייכט שיקען אימיצען אנדערש צו היטען די שאף איבער נאכט, און זאל דוד קומען נעכטיגען דא היינט ביינאכט, און אין דער פריה איידער איך וועל פון דאנען אוועקגעהן, וועל איך איהם בענשען...

— דוד איז דער איינציגער פון מיינע זיהן וועלכער האט נישט קיין מורא צו בלייבען ביינאכט אליין אין פעלד מיט די שאף... ער שטעלט אויף זיין געצעלט און שלאפט איבער די נאכט, און אין דערזועלבער צייט גיט ער אכטונג אויף די שאף אז קיין בייזע חיות זאלען זיי נישט בעפאלען... און צו פיהרען יעצט די שאף אהיים איז שוין צו שפעט...

— שיק אוועק צוויי פון דיינע זיהן זיי זאלען אומבייטען דוד'ן! — האט שמואל פארגעשלאגען.

— ווער פון אייך וויל געהן אומבייטען דוד'ן אויף היינטיגע נאכט? — האט ישי געפרעגט ביי זיינע זיהן.

אלע זיינען געבליבען שטיל. קיינעם פון זיי האט זיך נישט געוואלט אוועקגעהן יעצט ווען אזא טהייערער און חשוב'ער גאסט געפינט זיך ביי זיי אין הויז.

— די קינדער זיינען דאך מיעד פון ארבייטען דעם גאנצען טאג אין פעלד, — האט זיך די מוטער אריינגעמישט, שיק בעסער צוויי פון די יונגע און זאלען זיי אומבייטען דוד'ן פאר היינטיגע נאכט... זיי האבען אלץ איינס היינט קיין סך ניט געארבייט.

ישי האט צוגערופען צוויי פון זיינע יונגען און זיי אנגעזאגט:

— געהט אוועק צו דוד'ן אין פעלד און הייסט איהם גלייך קומען אהיים און איהר פארבלייבט מיט די שאף ביז מארגען אין דער פריה.

די צוויי יונגען האבען זיך פארנייגט און זיינען אוועק אין פעלד, צו דעם פלאץ וואו דוד האט געפיטערט זיינע שאף.

— דיין פאטער האט אונז געשיקט אהער צו שטעהן מיט די שאף ביז מארגען, און ער האט געהייסען אז דו זאלסט גלייך קומען אהיים, — האט זיך איינער פון די יונגען אפגערופען צו דוד'ן.

— האט עפעס פאסירט? — האט דוד א דערשראקענער געפרעגט.

— ניין, קיין זאך האט נישט פאסירט, בלויז דער נביא שמואל געפינט זיך יעצט אין דיין הויז און, ווי איך פארשטעה, האט דער נביא אויסגעשפראכען זיין וואונש דיך צו זעהן, — האט דער צווייטער יונג געזאגט.

— דער נביא וויל מיך זעהן?! — האט דוד אויסגערופען מיט שמחה, — איך געה גלייך אהיים.

ער האט די יונגען אנגעזאגט וואס צו טהאן, און אליין איז ער שנעל אוועק אין שטאדט...

אין ישי'ס הויז האבען אלע געווארט אויף דוד'ן. שמואל האט נישט

געוואָלט אָנפאַנגען צו עסען דעם אָבענד־ברויט ביז וואַנען דוד וועט קומען.

די ברידער האָבען דוד'ן שטאַרק מקנא געווען און זיי האָבען צווישען זיך שטילערהייד דורכגעשמועסט.

— ווי קומט עס אַז דער נביא זאָל אַזוי פיעל האַלטען פון דוד'ן? — האָט זיך אַבינדב אָפּגערופען.

— אַזאַ מזל האָט ער שוין, דוד, טהוען טהוט ער גאָרנישט, און אַלע האַלטען איהם אין איין לויבען... מסתמא האָט איהם אימיצער פאַרלויבט פאַר דעם נביא און דאַריבער איז ער אַזוי נייגעריג איהם צו זעהן... מיר האָבען איינגעשטעלט אונזערע לעבענס אין די פערשידענע מלחמות און קיינער אינטערעסירט זיך מיט אונז נישט. און דוד... טאָמער וואַרפט ער אַ שטיין און טרעפט אין ציעל, קען מען זיך פון איהם נישט אָפּלויבען.

ווען דוד איז אַריין אין הויז האָבען זיך די ברידער אויפגעהערט צו שושקען און געוואָרפען בליקען פון קנאה אויף זיין זייט. זיי האָבען איהם אפילו נישט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג.

ישי האָט אָנגענומען דוד'ן פאַר'ן האַנט און איהם צוגעפיהרט צו שמואל'ן.

— דאָס איז מיין אינגסטער זוהן, געטליכער מאַן — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ, ער האָט נאָך מיט צעהן יאָהר צוריק פערהיט אונזער גאַנצער שטאָדט פון אַ גרויסען אומגליק... און דעריבער האָבען איהם אַלע ליעב... איך, אָבער גלויב, אַז דאָס וואָס מען צייגט איהם אַרויס צופיעל אויפמערקזאַמקייט ברייננט איהם קיין גוטעס... עס פעהלט איהם נאָך זעהר פיעל צו ווערען דער שטאָלץ פון בית לחם — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל, אמת, ער איז גאָטספאָרכטיג, געהאָרכזאַם און בראַוו, אָבער...

— וואָס האָסטו צום קינד — האָט ישי'ס פרוי איהם אונטערבראָכען — געלויבט איז גאָט, מיר קענען שטאָלצירען מיט אַלע אונזערע זיהן...

דוד איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ פערשעהמטער, די אויגען אַרונטערגעלאָזען צום באָדען, ער איז געווען אַזוי איבעררაשט צו זעהן דעם הייליגען נביא אין זיין פאָטער'ס הויז אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסריידען.

— קום צו נעהענטער צו מיר, מיין זוהן — האָט איהם שמואל צוגערופען.

דוד האָט זיך דערנעהענטערט צום נביא, זיך פאַר איהם פערנייגט און געזאָגט, "שלום".

— שלום, מיין קינד, זיי געבענשט פון גאָט — האָט שמואל אַרויפגעלעגט זיין האַנט אויף דוד'ס קאָפּ — איך האָב געהערט אַז דו שפּיעלסט אויף אַ האַרפע. שפּיעל עפּעס פאַר מיר יעצט איידער מיר זעצען זיך צום טיש... די נבואה פון גאָט רוהט אויף דעם פּערזאָן נור דאַן, ווען ער איז פרעהלאַך...

— איך האָב מיין האַרפע געלאָזען אין מיין געצעלט — האָט דוד געזאָגט — איך האָב זיך זעהר געאיילט צוקומען אַהער, און פון גרויס איילעניש האָב איך פערגעסען די האַרפע מיט זיך צו נעמען...

— אויב אַזוי — האָט שמואל געזאָגט — וועל איך מאַכען די ברכה און מיר וועלען קענען געהן גלייך עסען, און מאָרגען אין דער פריה, וועל איך מיט דיר מיטגעהן צו דעם פּלאַץ וואו דו פיטערסט דיינע שאָף און דאָרטען וועסטו פאַר מיר שפּיעלען. אפשר וועט אויף מיר ווידער רוהען די נבואה...

דער טיש איז געווען געגרייט. שמואל האָט זיך געזעצט אויבענאָן; צו זיין

ישי שטעלט פאַר דוד'ן און זיינע איבעריקע זיהן פאַר דעם נביא שמואל

רעכטע האנט האט ער געהייסען זעצען דוד'ן; ישי מיט זיין פרוי זיינען געזעסען ארום דעם צווייטען זייט טיש און די איבעריגע זיהן פון ישי זיינען געזעסען ווי שטענדיג אויף זייערע פלעצער...

נאך'ן עסען האט נאך שמואל לאנג און געמיטליך געשמועסט מיט דוד'ן, ער האט ביי איהם געפרעגט ווי ער האט די גאנצע צייט פערבראכט. און וואס מיט איהם פאסירט...

איידער דוד איז אוועק שלאפען, האט איהם שמואל געזאגט, — מארגען, גאנץ פריה ווי דער מארגענשטערען וועט נאר אויפגעהן זאלסטו שוין אויף מירווארטען און מיר וועלען צוזאמען געהן אין פעלד צו דיינע שאף...

—איך וועל טהאן ווי דער געטליכער מאן האט מיר פערזאגט — האט דוד זיך אפגערופען — און איז אוועק צו זיין צימער.

שמואל האט יעצט ארויסגערופען ישי'ן אין דרויסען און אוועקזעצענדיג זיך אויף א באנק אין גארטען, האט זיך שמואל אפגערופען צו איהם:

—איך בין געקומען אהער מיט א וויכטיגע שליחות פון גאט... געוועהנליך דערוויל מוז עס זיין א סוד און קיינער פון דיין פאמיליע, אפילו טאר דערפון נישט וויסען... זאג דאך מיר צו, ישי צו האלטען דעם סוד ביי זיך...

ישי האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג, דערנאך האט ער זיך אפגערופען: "אלעס וואס דער געטליכער נביא זאגט מיר איז ביי מיר הייליג"...

— זיי וויסען — האט שמואל איהם אריינגערוימט אין אויער — אז דער קעניג שאול האט פערלארען זיין חן אין די אויגען פון גאט... ער האט ווידער־געשפעניגט גאט'ס רייד און ארויסגעצייגט זיין שוואכקייט, וואס צייגט מיר איבער אז ער איז נישט דער פאסענדער מאן צו רעגירען איבער אלע שבטים, און זיינע קינדער וועלען זיין טראהן נישט ירש'נען... איך האב אויסגעפונען אז דיין בראווער און העלדישער זוהן, דוד, איז דער פאסענדסטער מאן צו זיין שאול'ס נאכפאלגער, אזוי איז דער ווילען פון גאט... און איך בין דעריבער אהער געקומען צו זאלבען דוד'ן פאר א קעניג איבער אלע שבטים... גאט האט שוין איינמאל דורך איהם געשיקט די ישועה צו פיעלע אידען און לאמיר האפען אז ווען ער וועט קעניגען איבער ישראל, וועט גאט דורך איהם אין גאנצען פערניכ־טען אלע שונאים פון ישראל...

ישי איז געשטאנען ווי צו טומעלט... חלומ'ט ער א חלום אדער איז עס ווירקליך! ?... זיין זוהן דוד וועט זיין דער צווייטער אידישער קעניג!...

— געטליכער נביא! — האט ער אויסגערופען — מיט וואס האב איך פערדיענט ביי גאט, דאס ער זאל מיר אזא גליק געבען ?

— דו האסט געפונען לייטזעליגקייט אין גאט'ס אויגען, דו האסט דיינע קינ־דער אין די יוגען פון גאט ערצויגען, און עס איז גאטעס ווילען אז דו זאלסט פון זיי נחת שעפען...

טרעהרען האבען זיך בעוויזען אין ישי'ס אויגען, דאס זיינען געווען טרעהרען פון פרייד און העכסטען גליק...

— הייליגער נביא! — האט ער זיך אפגערופען — דו זאגסט מיר אז איך זאל דעם סוד פערבארגען אפילו פון מיין פאמיליע, ווי אזוי וועל איך מיין פרייד קענען באהאלטען פון מיין פרוי און קינדער?

— דו וועסט עס מוזען טאהן, ישי — האט זיך שמואל אפגערופען —

שטעל זיך פאר ווען דער סוד דערגרייכט שאול׳ס אויערן, דאן ביזטו און דיין גאנצע פאמיליע פערלארען... ניין! שאול טאר דערפון נישט וויסען, און אז דיין פאמיליע וועט זיך דערפון דערוויסען, קען נאך אימיצער פון זיי געשטרויכעלט ווערען מיט אפאר ווערטער, און שאול קען נאך דערפון ערפאהרען... דו און דיין זוהן דוד, וועלען דערווייל וויסען פון דיזען סוד...

אויף מארגען גאנץ פריה ווען דוד האט זיך אנגעטהאן און ארומגעוואשען האט ער שוין געטראפען שמואל׳ן ווארטענדיג אויף איהם אין דרויסען...

עס האט נאר וואס אנגעפאנגען צו טאגען. די גראז איז נאך בעדעקט געווען מיט דעם פרישען טוי... פון דערווייטען האט זיך דערטראגען דאס קרעהען פון די העהנער... די פייגעל האבען זיך שוין צוזונגען און אלעם ארום האט זיך אנגעגורט מיט לעבען און פרישקייט...

אין הויז האבען נאך אלע געשלאפען און דוד איז שטילערהייט פון דארט ארויסגעגאנגען, ער האט נישט געוואלט אויפוועקען זיין פאטער און מוטער אזוי פריה... ווי ערשטוינט איז ער געווארען, ווען ער האט געהערט זיין מוטער׳ס שטימע: „דוד! דוד!"

— געה מיין זוהן, דאס רופט דיר דיין מוטער — האט שמואל געזאגט, זי האט מסתמא פאר דיר שפייז צוגעגרייט...

דוד איז אריין אין הויז, און האט געטראפען זיין מוטער צוגרייטענדיג פאר איהם א פעקעל שפייז; פרישע קוכען, קעז און א לאגעל פרישע מילך...

— מוטער, ליעבע, אזוי פריה ביזטו אויפגעשטאנען!

— מיין קינד דו געהסט דאך אוועק אויף עטליכע טעג, וויל איך אז דו זאלסט האבען גענוג צום עסען — די לעצטע צייט, דוכט זיך מיר אז דו ביזט אביסעל ארונטער... איך ווייס נישט צו דאס איז ווייל דו זארגסט וועגען עפעס אדער פיעלייכט ווייל דו עסט נישט גענוג... איך בין דאביי ניטא דיר צו דערמאהנען און גיווים לאזטו דיין הארץ פיעל מאל איבער׳חלש׳ן...

— א, ניין, טייערע מוטער! — האט דוד געזאגט מיט א שמייכעל — איך בין בעזארגט מיט גענוג שפייז און איך עס אויך צו דער צייט... דאס דוכט זיך דיר מסתמא אז איך קוק אויס שלעכט... איך פיהל זעהר שטארק און מונטער... נו, שלום, איך מוז געהן ווייל דער נביא ווארט אונטען אויף מיר:

— געה געזונט, מיין קינד — האט איהם די מוטער א קוש געטהאן אין קאפ — און געדענק אז ווען מיר שיקען וועמען עס איז דיר אומצובייטען, זאלסטו גלייך אהיים קומען...

דוד האט מיטגענומען דעם פעקעל וואס זיין מוטער האט פאר איהם צוגעגרייט. האט נאך אמאל א קוש געטהאן זיין געטרייע מוטער און איז ארויס פון הויז...

יעצט קענען מיר געהן! — האט זיך שמואל אפגערופען און איבערגעפיהרט זיין האנט איבער דוד׳ס שולטער.

ווען ביידע זיינען שוין געווען אפגעגאנגען א היבשע שטרעקע, האט זיך שמואל אפגערופען צו איהם:

— זיי וויסען אז פון אלע דיינע ברידער האב איך דיר אויסגעקליבען פאר דעם פאסענדסטען מאן...

דוד האט אנגעקוקט דעם אלטען נביא מיט גרויס פערוואונדערונג... — דיר

האט גאט אויסדערוועהלט צו זיין קעניג איבער זיין פאלק נאך שאול'ן — האט שמואל פארטגעזעצט — און ארויסנעמענדיג דעם הארן מיט אייל פון זיין קע־שענע האט ער געזאגט:

— דו האסט געפונען חן אין די אויגען פון גאט און דעריבער האט ער מיר געשיקט דיר צו זאלבען פאר א קעניג... זאל דיר גאט געבען גענוג כוח און קראפט. דו זאלסט העלפען דיין פאלק פון זיינע שונאים...

דוד האט איינגעבויגען זיין קאפ און שמואל האט אויף זיין קאפ ארויפגע־גאסען די אויל פון זיין הארן...

— געבענשט זאלסטו זיין פון גאט, דוד, וואוהין דו וועסט זיך קעהרען זאלסטו בעגליקען — האט איהם שמואל געזאגט — און געדענק, אז א חוץ איך, דיין פאטער און דו ווייס דערפון קיינער נישט... זיי זעהר פארזיכטיג פאר קיי־נעם עס נישט ארויסצורייִדען... ווען דו וועסט מיר דארפען, וועסטו מיר אימער געפינען אין רמה...

שמואל האט זיך מיט דוד'ן געזעגענט און איז אוועק צו זיין היים און דוד האט זיך אומגעקעהרט צו פיטערען זיינע שאף...

ניינטער קאפיטעל

דוד שפּיעלט פאר שאול'ן

באלד נאך די מלחמה מיט עמלק, האבען אלע בעמערקט אין שאול'ן א גרויסע ענדערונג. אפגעטהאן האט זיך פון איהם די פרעהליכקייט... אומעטיג און בייז איז ער געווארען...

— פאטער, ליעבער פאטער! — האט זיך יונתן צו איהם אפגערופען — דו שיינסט צו זיין לעצטענס אזוי טרויעריג... קיינער קען גאר מיט דיר קיין ווארט נישט אויסרעדען, אויף אלעמען ביזטו ברוגז... און גראדע יעצט אז גאט האט אונז געהאלפען און מיר האבען בעזיעגט אונזערע שטארקסטע שונאים... דו ביזט דאך אזוי שטארק בעליעבט געווארען ביים פאלק... האסטו נישט געהערט וואס אלע פרויען האבען געזונגען, ווען דו האסט זיך צוריקגעקעהרט זיעגרייך פון דיא מלחמה מיט עמלק?...

שאול האט זיך אנידערגעזעצט אויף זיין בעט, דעם גאלדען רוט האט ער געהאלטען אין זיין האנט, ער האט אנגעטהאן דעם גאלדענעם קרוין און האט אנגעשטעלט אוי׳ן זיין זוהן אפאר נייגעריגע אויגען:

— יע, וואס האבען די פרויען געזונגען, ווען איך האב זיך צוריקגעקעהרט פון די עמלקים?

— איך האב דאך שוין דיר איינמאל געזאגט וואס זיי האבען געזונגען וועגען דיר...

— נו, דערצעהל מיר נאך אמאל, ווי די פרויען זיינען ארויס בעגריסען מיין זיעגרייכע ארמעע... וואס האבען זיי געזונגען?...

יונתן האט אנגעקוקט זיין פאטער מיט ערשטוינונג... ער האט נישט פער־שטאנען פארוואס זיין פאטער וויל ער זאל פאר איהם נאך אמאל איבערזינגען די ליעד פון די פרויען...

— פארוואס טהוסטו נישט ווי איך הייס דיר?! — האט זיך שאול אנגע־בייזערט אויף זיין זוהן...

יונתן האט דערזעהן זיין פאטער'ס בייזע אויגען און ער האט פערשטאנען אז יעצט מוז ער טהאן אלעס וואס זיין פאטער הייסט איהם און ער האט זיך אפגערופען:

— געדענקסטו פאטער, ווען דו ביזט אריינגעקומען רייטענדיג אויף דיין פערד אין גלגל, וואס פאר א ווארעמע אויפנאהמע דו האסט בעקומען... ווי לוס־טיג און פרעהליך זיינען די אידען געווען... זייערע אויגען האבען געגלאנצט זייערע פנימ'ער האבען געלויכטען... זיי האבען געטאנצט און געזונגען, גע־יובעלט און געפרעהט זיך... דאן זיינען ארויסגעקומען די שעהנסטע פרויען פון גלגל מיט פויקען און פלייטען און האבען געזונגען טאנצענדיג:

געבענשט און געלויבט זאל זיין אונזער קעניג!
ער האט א ישועה געבראכט די אידען;
ער האט די שונאים געמאכט אונטערטעניג,
און אין אונזער לאנד געבראכט דעם פריעדען...

טויזענדע זיינען פון זיין שווערד געפאלען,
עמון, פלשתים, און עמלק צוזאמען...
דעריבער, קומט, לאמיר זינגען און שאלען,
לויבען דעם קעניג, און בענשען זיין נאמען!...

— אזוי האבען די אידישע פרויען געזונגען?! — האט זיך שאול אפגע־רופען — אלע האבען מיר געלויבט און געבענשט, נישט ריכטיג, יונתן?

— יע, ליעבער פאטער, יעדער פון פאלק איז גרייט זיין לעבען צו אפפערען פאר דיר און פאר אונזער פאטערלאנד... דו דארפסט זיך דאך פיהלען אזוי גליקליך, און צום סוף ביזטו אומעטיג און צייטענוויז מרה שחורה"דיג...

"אזוי וועט גאט אפרייסען דיין קעניגרייך פון דיר און זי אפגעבען צו איינעם וועלכער איז מעהר ראוי ווי דו, פאר מלוכה"...

— פאטער!! וואס רעדסטו! — האט יונתן זיך דערנעהענטערט צו זיין פאטער א דערשראקענער...

— יע, מיין זוהן, אזוי האט דער נביא שמואל מיר געזאגט... איך פיהל אז איך וועל די מלוכה לאנג נישט אנהאלטען... ווייל איך האב געזינדיגט געגען גאט און געגען זיין נביא...

— א פאטער נעהם זיך נישט צום הארצען... דער נביא האט דיזע ווערטער געזאגט ווען ער איז געווען אויפגערעגט און אין כעס... אבער איך בין זיכער אז גאט האט דיר שוין לאנג מוחל געווען... און יעצט אז שמואל'ס כעס איז פארריי־בער, וועט ער דיר אויך פערגעבען...

— ניין, שמואל וועט מיר שוין קיין מאל נישט מוחל זיין... ער האט נאך אויף מיר א כעס פון פריהער, ווען איך האב דעם קרבן מקריב געווען און אויף איהם נישט געווארט... זעהסטו דען נישט אז דער נביא בעווייזט זיך שוין מעהר נישט איז גבעה, ער קומט מעהר נישט צו געבען עצות און לערנען מיר די וועגען פון גאט...

— דאס איז נישט קיין ראיה, פאטער — האט יונתן געזאגט — אין לאנד איז יעצט שטיל, אונזערע שונאים האסטו פערטריעבען און פערניכטעט, און דער

נביא האָט מער קיין וויכטיגע זאַך דיר צו זאָגן, און דערצו איז ער שוין שוואַך און אַלט, זיצט אין זיין וואָהנאָרט און רוהט זיך אָפּ...

— דעם נביא'ס שרעקליכע ווערטער קלינגען מיר נאָך יעצט אין די אויערן... איבער מיר שוועבט שמואל'ס קללה: "אַזוי וועט גאָט אָפּרייסען דיין קעניגרייך פון דיר"... און ביינאַכט אין מיין בעט ווי איך מאַך נאָר צו די אויגען... אַזוי זעה איך יענעם, וועלכער איז מעהר ראוי ווי איך, צו זיין קעניג... ער שטעהט איבער מיין קאָפּ מיט אַ שאַרפען שווערד... זיינע אויגען שפּריצען פייער און ער נעמט רייסען דעם קרוין פון מיין קאָפּ... איך ראַנגעל זיך מיט איהם, איך רוף מיינע דינער צו הילף, אָבער אַלע האָבען מיר פערלאָזען זיי ווילען מיר מעהר נישט פאָלגען... אָבער זוהן, מיינער, ווערט שאול עטוואָס פרעהליכער — אפשר מיינט דער נביא אַז גאָט וועט אַוועקנעמען די קעניגרייך פון מיר און עס אָפּגעבען דיר, יונתן... אַ, ווי גליקליך איך וואָלט געווען ווען דאָס זאָל נאָר זיין די כונה פון דעם נביא... פאַר דיר מיין זוהן, בין איך געגרייט גלייך צו שטאַרבען, און דו זאָלסט ירשנ'ען מיין טראָהן...

— אַ ליעבער פאָטער וואָס רעדסטו אַזעלכע שרעקליכע ווערטער, מיר ווילען דאָך אַלע דו זאָלסט לעבען און זיין געזונט... דו דאַרפסט דאָך מיר קענען, פאָטער, איך יאָג זיך נישט נאָך דעם קרוין... מיין איינציגער וואונש איז אַז דו זאָלסט גליקליך זיין...

— איך בין זיכער אַז נישט דיר מיינט דער נביא! — איז שאול אויפגעשפּרונגען פון זיין בעט — איך זעה אַ ווילד פרעמדען מאַן, גאָר פון אַן אַנדער שבט, טרעט אַרויף מיין טראָהן! אַ ווען איך זאָל נאָר וויסען ווער ער איז! איך וואָלט דאָך איהם מיט מיין שווערד אויף טויט דערשטאָכען...

— פאָטער קום אַרוים אין דעם גאַסטצימער, דאָרטען איז יעצט פרעהלאָך, די שפּיעלער וועלען פאַר דיר שפּיעלען און דו טענצערינס וועלען טאַנצען... פיליכט וועסטו זיך אַרויסשלאָגען דיזע טרויעריגע געדאַנקען פון דיין קאָפּ און דו וועסט עפּעס מונטערער ווערען... די רופאים האָבען דאָך געזאָגט אַז דו מוזט האָבען פרעהליכקייט, איבערהויפּט זאָל מען פאַר דיר שפּיעלען: די טענער פון שעהנער מוזיק וועט היילען דיין טרויעריגע האַרץ, און פערטרייבען די בייזע מחשבות, וואָס האָט זיך אַריינגעקליבען אין דיין האַרצען...

— זייער שפּיעלען דאָרטען רעגט מיר נאָך מעהר אויף... זייער קלאַפּען און בראַזגען אויף די פּויקען און צימבלען צורייצען נאָך מעהר מיינע נערווען... און ווען אַפילו אימיצער פון זיי פּרובירט שפּיעלען די האַרפע, פאַנגט עס אַן צו גרילצען אין מיינע אויערען... זיי קענען דען שפּיעלען, די מוזיקאַנטען?! טרייב זיי אַלעמען אַרוים פון מיין פּאַלאַץ, איך וויל זיי מעהר נישט קענען... זאָלען זיי זיך בעסער נעמען צו ערד אַרבייט אָדער צו פּיטערען די שאָף, אַבי נישט צום שפּיעלען...

— פאָטער! — האָט יונתן'ס אויגען אָנגעפאַנגען צו לייכטען — איך האָב זיך יעצט דערמאָהנט, איך קען אַ יונגען אינגעל, אַ פּאַסטוך, וועלכער איז אויך אַ וואונדערבאַרער שפּיעלער אויף דער האַרפע... צופעליג בין איך פערבייגעגאַנגען דעם פּלאַץ וואו דער יונגער פּאַסטוך האָט זיינע שאָף געפּאַשעט... צו מיינע אויערען האָט דערגרייכט די זיסע וואונדערשעהנע טענער פון זיין האַרפע... איך בין ווי צוגעשמידט געוואָרען צו מיין פּלאַץ די מעלאָדיען האָבען מיר פער'כשופ'ט

די ווייכע צארטע טענער האבען מיר אזוי בעצויבערט, אז מיינע פיס האבען זיך געהויבען צו טאנצען צו דער בעגלייטונג פון מוזיק... עס איז ניטא קיינער צווישען דיינע שפיעלער וועלכער זאל זיך קענען פערגלייכען אין שפיעלען מיט יענעם פאסטוך...

— ווייסטו ווער ער איז און ווי ער הייסט ? — האט שאול זיך פעראינטערעסירט.

— יע, איך האב זיך מיט איהם פאנאנדער גערעדט... עס איז א פערגעניגען צו ריידען מיט איהם, איך האב זאגאר מיט איהם געשלאסען א בונד פון פריינדשאפט... אבער דאס איז געווען איידער דו ביזט קעניג געווארען... איך האב דאן געהאפט אז איך וועל איהם קומען בעזוכען... אבער איך האב שוין מעהר קיין צייט נישט געהאט... די מלחמות, און אנדערע אנגעלעגענהייטען אין פאלאץ האבען מיר געהאלטען שטארק פערנומען און מיר קיין געלעגענהייט נישט געגעבען זיך מיט איהם צו זעהן.

— אבער ווי הייסט ער, און פון וואנען קומט ער? — איז שאול אומגעדולדיג געווארען.

— זיין נאמען איז דוד דער זוהן פון ישי, און ער וואהנט אין בית לחם.

—קענסטו איהם פיעלייכט נאך היינט ברייגנען צו מיר, איך וויל איהם אנקוקען, און אויך הערען זיין שפיעלען, אפשר וועט זיין שפיעלען פערגרינגערען מיינע יסורים... פיעלייכט וועל איך אויף א קורצע וויילע פערגעסען דעם נביא'ס גרויזאמע ווערטער: "אזוי וועט גאט אפרייסען דיין קעניגרייך פון דיר"... א ווען דער נביא קומט יעצט וואלט איך איהם מיט מיין שווערד דער'הרג'עט...

— רעד דאך נישט אזעלכע ווערטער, פאטער! — האט זיך יונתן ביי איהם געבעטען, דו זינדיגסט דאך צו גאט, ווען דו טראכסט גאר אזעלכע זאכען וועגען געטליכען מאן... איך בין זיכער אז דער נביא האט דיר שוין לאנג מוחל געווען און ער וועט נאך קומען צו דיר און איהר ביידע וועט ווידער ווערען גוטע פריינד, ווי אמאל... יענע שרעקליכע ווערטער זיינען ביי איהם ארויסגערעדט געווארען בלויז פון אויפרעגונג... ווייל דו האסט איהם נישט געפאלגט...

— איך האב איהם נישט געפאלגט! איז ער דען געווען גערעכט מיט זיין פערזאג אלעס צו פערניכטען, פערברענען... פאר וואס זאל דאס פאלק נישט הנאה האבען פון די רויב פון די שונאים, פארוואס האבען מיר נישט געקענט מיטנעהמען די בהמות, די גאלד און די זילבער פון די עמלקים? ווינציג האבען זיי פון אונז גערויבט... איך זעה נישט איין וואס פאר א זינד איך האב עס בעגאנגען געגען גאט אז איך האב מיינע בראווע קעמפפענדע סאלדאטען, יע ערלויבט צו נעמען וואס זייער הארץ געלוסט פון די רויב פון מלחמה... צו וואס זאל מען פערברענען אזוי פיעל גאלד און זילבער, צו וואס פערניכטען דיא אומשולדיגע בהמות... א, דער נביא האט בלויז געזוכט זיך צו טשעפען צו מיר...

— אבער פאטער, עס איז דאך געווען דער נביא, שמואל, וועלכער האט דיר אויסדערוועהלט און נאכהער געזאלבט פאר קעניג איבער גאנץ ישראל, טו פאר וואס זאל ער זיך זוכען צו דיר צו טשעפען? ניין, פאטער ער האלט נאך פון דיר אזוי ווי ער האט געהאלטען אין דער צייט ווען דו ביזט געקרוינט געווארען קעניג, און דאס וואס ער האט מיט דיר אזוי שארף גערעדט, איז עס געווען בלויז דיר אויסצו'מוסר'ן פארוואס דו האסט איהם נישט געפאלגט... נאך

אלעמען פארוואס זאל ער ביטען זיין מיינונג וועגען דיר, האסטו דען נישט ארויסגעציינט דיין העלדישקייט נאך מעהר ווי מען האט געקענט ערווארטען? האסטו דען נישט בעזיעגט אלע אונזערע שונאים? זעהט דען נישט שמואל אז דאס גאנצע פאלק ליעבט דיר? פארוואס זאלסטו גאר צולאזען אזעלכע געדאנקען...

— אבער דו ווייסט נישט, מיין זוהן, שמואל האט נאך אויף מיר א כעס פון פריהער, ווען איך האב דעם קרבן געבראכט און נישט געווארט אויף איהם; ער האט געציטערט אז איך וויל ביי איהם אוועקנעמען די מאכט פון דער כהונה... און דערפאר איז ער אויף מיר אין כעס...

— ווען אפילו ער זאל האבען א פערזענליכע קריוודע געגען דיר, פאטער, דארפסטו דאך אבער אויך רוהיג זיין, ווייל דאס פאלק איז מיט דיר, דו ביזט בעליעבט ביי אלע שבטים צו גלייך... דאס קענסטו דאך זעהן פון דעם קבלת פנים וואס יעדער שבט גיט דיר ווען דו קומסט דארטען אן... און די פרויען...

— יע, מיין זוהן זינגט נאך אמאל איבער פאר מיר דאס ליעד פון די פרויען — האט שאול געזאגט.

— אבער פאטער, איך האב דאך עס נאר וואס געזונגען פאר דיר... — עס ווערט מיר א סך גרינגער ווען איך הער די ווערטער וואס די פרויען האבען וועגען מיר געזונגען, זינג דאך, יונתן! טאנץ און זינג ווי זיי האבען עס געטהאן!... א, ניין, רוף בעסער אהער אריין די טענצערינס זאלען זיי טאנצען און זינגען פאר מיר, פונקט ווי די פרויען האבען עס געטהאן אין גלגל...

יונתן האט אריינגערופען די טענצערינס אין שאול'ס צימער און זיי געהייסען טאנצען און זינגען דעם טאנץ און דאס ליעד פון זיעג וואס די פרויען האבען געזונגען ווען שאול האט זיך צוריקגעקעהרט פון די מלחמה מיט עמלק...

באלד איז דאס צימער אנגעפיעלט געווארען מיט די טענץ און געזאנג פון די טענצערינס...

געבענשט און געליבט זאל זיין אונזער קעניג

ער האט א ישועה געבראכט די אידען...

— — — — — — — — — — — —

צעהנדליגע מאל האט שאול געהייסען די טענצערינס איבערזינגען דאס זעלבע ליעד און ווען דאס איז איהם שוין אויך דערעסען געווארען האט ער די טענצערינס פון זיין צימער פערטריבען...

— פאטער זאל איך געהן און ברייגנען אהער דעם יונגען פאסטוך, דעם הארפען שפיעלער — האט זיך יונתן אפגערופען — ווען ער האט בעמערקט ווי שאול פאלט ווידער אריין אין א מרה שחורה...

דער קעניג האט געשוויגען... ער האט אויסגעשטארטשעט זיינע אויגען און ער האט געקוקט אויף א געוויסען פונקט פון וואנד... פלוצלונג איז זיין פנים אנגעפילט געווארען מיט שמערץ און עפעס א שרעק איז אויף איהם אנגעקומען ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין בעט און אויסגעשריען:

— ער קומט, דער רוצח! ער וויל מיר דערשטעכען מיט זיין שווערד, ער וויל ביי מיר מיין קרוין אוועקנעהמען... א העלפט מיר, ראטעוועט מיר פון זיינע הענט, לאזט איהם צו מיר נישט צו... דערשטעכט איהם מיט אייערע שפיזען, טויטעט איהם דעם רוצח!!

שאול האט א ווארף געטהאן זיין שפיעז אין וואנט, ווי ער וואלט וועלען אימיצען דאמיט דערשטעכען...

יונתן איז געווארען אזוי בלאס און דערשראקען, ער איז צוגעלאפען צו זיין פאטער און איהם געוואלט בערוהיגען... שאול האט זיך ווי אין קאנוואולסיעז געווארפען...

די געשרייע, האבען אויך דערהערט אחינועם, שאול׳ס פרוי און מיכל און מרב, זיינע ביידע טעכטער. זיי זיינען צושראקענע אריינגעלאפען אין זיין צימער.

— וואס איז מיט דיר, שאול — איז אחינועם צו איהם צוגעלאפען — וואס האט פאסירט ?...

שאול איז יעצט עטוואס געקומען צו זיך...

א גארנישט, מיינע ליעבסטע, איך האב א שרעקליכען חלום געזעהן און מיר איז זעהר שווער אויף׳ן הארצען געווארען... יעצט פיהל איך זיך גרינגער... יע, מיין זוהן, — האט ער זיך אפגערופען צו יונתן, געה און ברייננ אהער דעם יונגען פאסטוך פון בית לחם, ער וועט פאר מיר שפיעלען און מיר וועט זיכער גרינגער ווערען...

— וועמען זאל ער ברייננען — האט מיכל א פרעג געטהאן און אין איהרע אויגען האט זיך א פייעריל צושפיעלט...

דוד׳ן דעם זוהן פון ישי, מיין טאכטער האט איהר שאול געענטפערט — יונתן זאגט אז ער איז א שפיעלער, א קינסטלער אויף דער הארפע, ווען ער וועט פאר מיר שפיעלען וועט מיר פיעלייכט גרינגער ווערען.

—דוד דער זוהן פון ישי! — האט מיכל אויסגערופען און זיך באלד געכאפט צוריק, ווייל יונתן האט צו איהר א וואונק געטהאן... ווער איז דאס און פון וואנען קומט ער... ער איז פון בית לחם... ער שפיעלט וואונדערבאר שעהן — און איך בין זיכער אז זיין שפיעלען וועט זיין ווי א באלזאם צו אונזער פאטער׳ס הארץ...

מיכל׳ס פנים האט זיך געביטען קאליערען... זי האט קיין ארט נישט געפונען פאר איהרע אויגען... איהרע פינגער האבען נערוועאיש געצופט דעם פארהאנג וואס האט אפגעטיילט איהר פאטער׳ס צימער פון איהר מוטערס...

יונתן האט עס בעמערקט אויף זיין שוועסטער און ער האט זיך אפגערופען:

לאמיר יעצט לאזען אונזער פאטער זיך אפרוהען... ער האט געהאט זעהר א שלאפלאזע נאכט, און ווען ער וועט זיך אויסרוהען וועט ער פיהלען א סך בעסער... די רופאים ראטען אז מען זאל פאר איהם שפיעלען שעהנע מוזיק און דאס וועט זיבער בערוהיגען זיינע נערווען... איך וועל טאקע באלד אוועקגעהן קיין בית לחם און ברייננען דעם וואונדערבארען הארפען שפיעלער אין אונזער פאלאץ, זאל ער שפיעלען פאר אונזער פאטער און פערטרייבען דעם בייזען גייסט פון איהם...

אחינועם האט צורעכט געמאכט שאול׳ס בעט און איהם געבעטען ער זאל זיך צולעגען אביסעלע שלאפען. שאול האט זיך געלעגט אין בעט און זיי האבען אלע פערלאזען זיין צימער...

יונתן האט א וואונק געטהאן צו מיכל׳ן אז זי זאל ארויסגעהן מיט איהם אין גארטען... מיכל איז גלייך ארויס מיט איהר ברודער און אוועקגעשפאצירט וויים הינטערן פאלאץ.

— מיין שוועסטער — **האט זיך יונתן צו איהר אפגערופען** — דו דארפסט זעהר פארזיכטיג זיין... אויב דו האסט נאר א פונק פון ליעבע צו דעם יונגען פאסטוך וועלכער האט דיר פון זיכערען טויט געראטעט. דארפסטו זעהן יעצט נאך מעהר ווי פריהער איינצוהאלטען דיינע געפיהלען פאר איהם, אינזיך, און זאל דער קלענסטער פערדאכט נישט פאלען אויף דיר אדער אויף איהם... ווייל ווען דער פאטער זאל זיך דערפון בעצייטענס דערוויסען, דאן וועט אלעס זיין פערלארען... און דערצו וועסטו נאך פיעלייכט ברייננען אן אומגליק אויף דוד'ן... איך געה באלד צו איהם און וועל איה םברייננען אהער... ער וועט שפיעלען פאר אונזער פאטער... איך בין זיכער אז דער פאטער וועט איהם זעהר ליעב בעקומען... און ווען דו זאלסט נאר וויסען ווי אזוי צו האנדלען, קען זיין אז אלע דיינע חלומות וועגען דעם יונגען בראווען פאסטוך, זאלען פערווירקליכט ווערען.

— מיין ליעבער ברודער! — האט איהם מיכל געגומען האלזען און קושען.

— דו ביזט דאך דער איינציגער וועלכער פארשטעהט מיך אזוי גוט, דו קענסט מיטיפהלען מיינע ליידען... א, וויפיעל יסורים איך האב אין מיין הארצען אריי־בערגעטראגען זינט איך האב דוד'ן דעם ערשטען און דעם לעצטען מאל געזעהן... שלאפלאזע נעכט, לאנגזאמע טעג, געדריקטע שטימונגען, איינזאמקייט און בענ־קעניש האבען זיך צונויפגעקליבען און אזוי פיעל געדריקט מיין נשמה... און ווען איך וואלט פאר דיר מיין הארץ נישט געקענט אויסגיסען, וואלטען נאך מיינע ליידען א סך שטארקער געווען... איך ווייס אז נישט נור קען איך דיר אלע מיינע סודות אנפערטרויען, נאר דו וועסט מיר געוויס ארויסהעלפען און לינדערן מיינע שמערצען... א, דוד, דוד! דו האסט אין מיין הארצען א פונק אריינגעשיקט און ער האט זיך פאנאנדערגעבליהט און איז אין א העלישען פייער פערוואנדעלט געווארען... יא, יונתן, איך געה אוים פון בענקעניש נאך איהם... איך לעכצע איהם צו זעהן, צו הערען זיין שפיעלען און אריינצוקוקען אין זיינע קלוגע אויגען.

— בארוהיג זיך, שוועסטער, יעצט וועסטו דיין געלעגענהייט קריגען... איך האף נאר אז גאט זאל דורך איהם צושיקען א רפואה פאר אונזער ליעבען פאטער... זאל זיין שפיעלען איינשטילען אונזער פאטער'ס אויפגערעגטע נערוועו... און דאן וועט דיר שוין במילא זיין גרינגער צו ערדייכען דיין ציעל... נו, יעצט מוז איך געהן... איך וועל נאך היינט מיט איהם קומען אהער, אין פאלאץ, אבער דו, שוועסטער, זיי געלאסען און רוהיג... פארשפרעכסטו מיר עס צו טהאן?

— יא, מיין געטרייער ברודער, — האט איהם מיכל געקושט, — איך פערזי־כער דיר, אז איך וועל זיך קאנטראלירען.

יונתן האט זיין שוועסטער ווידער געקושט און איז גלייך אוועק נאך בית לחם.

ווען דוד האט זיך צוריקגעקעהרט צו זיינע שאף האט נאך די אייל מיט וואס שמואל האט איהם געזאלבט געגלאנצט אויף זיין קאפ. די צוויי יונגען וועלכע האבען איהם אומגעביטען האבען דאס בעמערקט און איינער האט זיך צו איהם אפגערופען:

— דוד, דיין קאפ איז פול מיט אייל, ווער האט עס דיר בעגאסען מיט אזא שמעקענדען אויל, אזוי פריה?

— געהט שנעל אהיים איהר ליידיגגעהער! — האט דוד ארויסגעזאגט מיט

א נעמאכטען כעס — און עס איז נישט דיין עסק וואו איך האב די אייל געקראגען! — האט ער א מאך געטהאן מיט זיין האנט צום יונג.

די יונגען וועלכע האבען נאך דוד'ן געהאלטען פאר גאר א אינגעל מיט וועמען זיי פלעגען זיך פון צייט צו צייט ערלויבען א רייץ צו טהאן, האבען זיך איצט דערשראקען פאר זיין ערנסטקייט, און געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט...

— וואס שטעהט איהר? — האט זיי דוד א פרעג געטהאן — געהט אהיים און זאגט מיין פאטער אז איך רעכען צו פערבלייבען אליין מיט די שאף איינינע טעג און דעריבער וועט ער נישט דארפען שיקען אימיצען מיר אומצובייטען פאר א לייננערע צייט.

די יונגען האבען זיך פערנייגט פאר דוד'ן און זיינען גלייך אוועקגעגאנגען.

יעצט ערשט האט זיך דוד ארומגעזעהן וואס מיט איהם האט פאסירט... ער האט זיין האנט איבער זיינע האר דורכגעפיהרט און דערפיהלענדיג די פייכטקייט פון דער אייל... האט זיין הארץ א צאפעל געטהאן. אין זיינע אויערען האבען אפגעקלונגען די מילדע צערטליכע ווערטער פון שמואל הנביא: "דו האסט געפונען חן אין די אויגען פון גאט און דאריבער האט ער מיר געשיקט דיר צו זאלבען פאר א קעניג"...

"וואס איז דא מיט מיר פארגעקומען — האט ער געטראכט — שמואל דער נביא האט מיר פאר א קעניג געזאלבט!... נו, און שאול?! ער האט דאך איהם אויסגעקליבען צו זיין קעניג... איז ער דען געווען ערנסט מיט מיר... איך וועל זיין קעניג נאך שאול'ן... און יונתן? דער קרוינפרינץ, אויב שאול האט מיט עפעס געזינדיגט געגען גאט, איז דאך אבער דער נאבעלער און בראווער יונתן עהרליך און גאט'ס פארכטיג און ער האט זיכער פערדיענט די קרוין מעהר איידער איך... מעגליך אז דער נביא האט איהם נאר געוואלט אויספרובירען... אבער די אייל... די הייליגע אייל מיט וואס דער נביא האט איהם געזאלבט... איז דאס מעגליך אז ער וועט ווערען קעניג איבער אלע שבטים?!... ניין, עס איז אונמעגליך!... ווער ווייס דען פון איהם, און ווער האט פון איהם געהערט? אנשליסען זיך אין דער ארמעע, וואו ער וואלט זיך געקענט אויסצייכענען דערלאזען נישט זיינע ברידער, ער מוז אימער צו פאשען די שאף... דריי מלחמות האט דער קעניג געפיהרט און אלע זיינע ברידער האבען זיך אין די מלחמות בעטייליגט אבער נישט ער... פיעל מאל האט ער זיך ביים פאטער געבעטען ער זאל איהם ערלויבען צו געהן קעמפפען אין דער זעלבער רייהע מיט זיינע ברידער... אבער דער פאטער זאגט אז ער האט נישט אויף וועמען זיך צו פערלאזען מיט די שאף... ווי עס ווייזט אויס איז איהם גאר בעשערט צו בלייבען דער עוויגער פאסטוך... קיין געלעגענהייט אויסצוצייכענען זיך אין א מלחמה ווערט איהם נישט געגעבען... טו ווי אזוי קען עס מעגליך זיין אז שמואל'ס ווערטער זאלען ערפילט ווערען...

לאנג אבער האט דוד וועגען דעם נישט געטראכט... די גאנצע פאסירונג מיט איהם און מיט'ן נביא איז שנעל ארויס פון זיינע געדאנקען, און דעם פלאץ דארטען האט פערנומען מיכל, די וואונדערשעהנע מיכל...

דוד האט זעהר ליעב געהאט די איינזאמקייט און די שטילקייט פון פעלד. דארטען האט ער אונגעשטערט געקענט טראכטען פון מיכל'ן, וועמען ער האט אזוי ליעב...

זיינע שאָף האָבען זיך שטילערהייט געפּאַשעט נישט ווייט פון איהם... ער זיצט זיך אונטער דעם שאָטען פון א בוים מיט דער האַרפע אין האַנט און זיינע געדאַנקען נעמען וואַנדערען... אָט דערמאָהנט ער זיך פון יענער צייט ווען ער האָט געפּיטערט זיינע שאָף אין טהאָל, איידער ער האָט מיכל'ן דערזעהען... ווי גליקליך ער איז געווען... זיין האַרץ האָט פון קיין טריעב און זאָרג נישט גע־וואוסט... זיין גאַנצער וועזען איז געווען אָנגעפילט מיט פרעהליכקייט, מיט מוטה און ענערגיע... די טענער פון זיין האַרפע האָבען אַזוי פיעל און הערליך געקלונ־גען... זיי האָבען ערקוויקט און ערפרישט זיין נשמה... דאָס שפּיעלען אויף דער האַרפע האָט איהם אוועקגעפיהרט אין א צווייטער וועלט, וואו אַלעס איז אַזוי שעהן, ערהאָבען און פּאָעטיש... און יעצט... זיין מונטערקייט איז פון איהם פערשוואונדען... די טענער פון זיין האַרפע זיינען געוואָרען אומעטיג... ברומ'ען און וויינען די סטרונעס ווי די צעשראָקענע טויבען, פלאַטערען און שוועבען האַרצרייסענדע טענער און דאָס האַרץ בענקט, און די נשמה לעבצט... טרויעריג און מעלאַנכאָליש ווערען זיינע מחשבות און עס קוועלט איהם און דריקט איהם אויף'ן האַרצען ווי א שווערע כמאַרע... מיכל! די שעהנע מיכל וועט איהם שוין קיינמאָל נישט געהערען... איהם האָט זיך א חלום גע'חלום'ט אָבער דער חלום איז פערשוואונדען... ער טאָר גאָר יעצט וועגען איהר אפילו נישט טראַכטען... זי איז א פּרינצעסין געוואָרען און ער... א פּשוט'ער פּאַסטוך... זי וואָהנט אין פּאַלאַצען, אַרומגערינגעלט מיט דינסטען און קאַמער־מיידלעך, און ער איז דאָ — אין זיין אָרעמען געצעלט אַרומגערינגעלט פון זיינע שאָף...

ער פיהרט זיינע פינגער דורך דער האַרפע און גיסט אויס זיין האַרץ פאַר דעם בעשעפער פון דער וועלט:

דו האָסט, א גאָט, געעפענט די טיהר,
און איך האָב דיין געטליכע ליכט דערזעהן...
ס'האָט זיך א פלאַם צופלאַקערט אין מיר...
און יעצט איז עס אויס, ווי גאָרנישט געווען!...

זי האָט מיר מיט איהרע אויגען געפאַנגען,
בעצויבערט האָט זי מיר מיט איהר בליק...
און יעצט איז אַלעס פערשוואונדען, פערגאַנגען,
פערלאָשען ס'ליכט, אוועק איז מיין גליק...

— — — — — — — — — — — — —

דוד האָט פּלוצלונג אויפגעהערט זיין שפּיעלען; ער האָט דערפיהלט אַז אַי־מיצער שטעהט נעבען איהם, און ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט האָט דערזעהן יונתן אין זיין פּרינצליכע קליידער...

— א יונתן! — האָט דוד אויסגערופען מיט פערוואונדערונג און זיך פאַר־איהם פערנויגט — מיין האַר ווי קומסטו אהער?

— דאָס האָט מיר ווידער אַמאָל דיין שפּיעלען צוגעצויגען — האָט יונתן געענטפערט מיט א שמייכעל, דריקענדיג זיין האַנט — און איך האָב געמיינט אַז דו וועסט מיר נישט דערקענען...

—און איך האָב געמיינט אז דו האָסט אַן מיר שוין לאַנג פֿערגעסען — האָט דוד געזאָגט — ווייל זינט מיר האָבען זיך דאָס לעצטע מאָל געזעהן איז אין דיר א גרויסע ענדערונג פֿאָרגעקומען...

— אַ דוד, דו בעשולדיגסט מיך אומזיסט, זינט דאַן איז נישט אוועק קיין טאָג דאָס איך זאָל דיין נאָמען נישט דערמאָנען צו מיין שוועסטער מיכל...

— מיכל! — האָט דוד אויסגערופען און זיך גלייך צוריקגעכאַפּט — איך מיין... וואָס מאַכט דיין שוועסטער מיכל? האָט זי מיר דען אויך ווען עס איז דערמאָנט?...

— מיין שוועסטער איז נאָך עד היום דיר דאַנקבאַר פֿאַר דעם וואָס דו האָסט איהר לעבען געראַטעוועט...

דוד איז רויט געוואָרען ער האָט זיך קיין אָרט נישט געפֿונען... באַלד אָבער האָט זיך אָפּגערופען:

— זאָג דאָך מיר יונתן ווי אַזוי האָסטו געוואוסט אַז איך געפֿין זיך דאָ אין פֿעלד?...

איך בין אָנגעקומען נעבען בית לחם, האָב איך זיך אויף דיר נאָכגעפֿרעגט און אימיצער האָט מיר געצייגט דעם וועג צו דרי... איך האָב שוין לאַנג געוואָלט דיר געהן אויפֿזוכען, נאָר דו ווייסט דאָך אַז די מלחמות און פֿערשיעדענע אַנדערע זאַכען האָבען מיר געהאַלטען זעהר שטאַרק פֿאַרנומען... און יעצט איז מיין פֿאָטער נישט אין גאַנצען געזונד... און איך פֿערברייננג מיט איהם כמעט דעם גאַנצען טאָג...

— איז דער קעניג נישט געזונט? — האָט דוד מיט זאָרג געפֿרעגט — וואָס איז מיט איהם?

— מיין פֿאָטער האָט זיך צואוואָרטעלט מיט דעם נביא און ער האָט עס גענומען שטאַרק צום האַרצען און יעצט ליידעט ער פֿון אַ שווערע מעלאַנכאָליע... פֿיעלע מאָל ווערט ער פּלוצלונג אומעטיג און טרויעריג און די רופֿאים זאָגען אַז ווען אַ גוטער שפּיעלער וועט פֿאַר איהם שפּיעלען, וועט איהם גרינגער ווערען... און דאַן האָב איך זיך דערמאָנט אַן דיר... און איך האָב מיין פֿאָטער דערצעהלט וועגען דיין שפּיעלען... ער האָט מיר געבעטען איך זאָל דיר אויפֿזוכען און דיר ברייננגען צו איהם...

— און איך זאָל שפּיעלען פֿאַר׳ן קעניג? — האָט דוד געזאָגט מיט שטראַהלענדע אויגען.

יע, דוד, דו וועסט שפּיעלען פֿאַר מיין פֿאָטער, און איך בין זיכער אַז מיט דיין קומען וועסטו אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ פֿיעל פֿרייד אין לעבען אריינברייננגען... איך וועל זיין גליקליך צו האָבען דיר נאָהענט צו מיר... און מיין שוועסטער מיכל וועט אויך צופֿריעדען זיין, זי וועט האָבען די מעגליכקייט אַרויסצוצייגען דיר איהר דאַנקבאַרקייט פֿאַרוואָס דו האָסט איהר פֿון דעם פּלשתי געראַטעוועט... זי האָט שוין פֿיעלע מאָל געוואָלט געהן צו דיר, אָבער זי האָט קיין מעגליכקייט נישט געהאַט, ווייל קיינער, אחוץ איך און זי ווייסען נישט וואָס איז דאַן פֿאָרגעקומען מיט איהר ווען דער פּלשתי האָט זיך אויף דעם באַרג נאָכגעיאָגט נאָך איהר... און יעצט איז עס אוממעגליך פֿאַר איהר אוועקצוגעהן אָהן דעם פֿאָטער׳ס וויסען נו, מיין ליעבער פֿריינד וועסטו מיט מיר מיטגעהן?

— איך פֿיהל זיך זעהר גליקליך אויב איך וועל האָבען די מעגליכקייט

דעם קעניג מיט עטוואס צו דינען — האט דוד געזאגט — איך וויל אבער פריהער קריגען ערלויבנים פון מיין פאטער...

— איך וועל מיט דיר צו רייטען צו דיין פאטער און איך בין זיכער אז דיין פאטער וועט מיין פערלאנג נישט צוריקווייזען — האט יונתן געזאגט.

— אבער אויף וועמען וועל איך קענען דערוויל איבערלאזען די שאף... דער פאטער האט קיינעם נישט געשיקט מיר אומצובייטען, און טרייבען די שאף קיין בית לחם וועט עס זיי איינמידען...

חנן איז פערבליבען מיט די שאף און יונתן איז אוועק מיט דוד'ן קיין בית לחם, צו די הויז פון ישי'ן...

— דו בלייב דא מיט די שאף און איך וועל מיט דוד'ן אוועקרייטען קיין בית לחם און ווען מיר וועלען זיך צוריקקעהרען וועלען מיר אלע אוועקרייטען קיין גבעה.

די איינוואהנער פון בית לחם זיינען נישט ווינציגער איבערראשט געווארען פון יונתן'ס בעזוך ווי פון שמואל'ס. פיעלע האבען דערוויל זייער ארבייט גע־לעגט אן א זייט און האבען נאכגעקוקט יונתן און דוד צו זעהען וואוהין זיי וועלען אריינגעהן...

באלד האבען זיך פערזאמעלט א גרופע מענשען און זיך גענומען סוד'ען וועגען דעם.

— עפעס מוז דא זיין — האט זיך איינער אפגערופען — נעכטען איז אהער אנגעקומען דער נביא שמואל און היינט דער קרוינפרינץ, יונתן...

— מיין נושא כלים, חנן, ווארט דא נישט ווייט אויף מיר מיט די פערד, אט וועל איך איהם צורופען און ער וועט פערבלייבען דערווייל מיט די שאף ביז וואנען דיין פאטער וועט שיקען אימיצען אומצובייטען דיר...

— חנן! חנן! — האט יונתן אויסגעשריען און אין א קורצע ווייל איז שוין חנן געשטאנען מיט די פערד נעבען יונתן.

— מערקווירדיג! — האט זיך א צווייטער אפגערופען — היינט גאנץ פריה, ווען איך האב ארויסגעקוקט פון מיין פענסטער האב איך בעמערקט דעם נביא געהענדיג אין דער בעגלייטונג פון דוד'ן, און יעצט בעגלייט דוד דעם קרוינפרינץ יונתן צו זיין פאטער'ס הויז.

— ווי עס ווייזט אויס איז די משפחה פון ישי געווארען זעהר חשוב ביים קעניג — האט אן אנדערער געזאגט — שאול האט פריהער אהין געשיקט דעם נביא, און יעצט זיין זוהן... איך בין זעהר גערן צו וויסען, וואס איז די אורזאכע, וואס פלוצלונג איז ישי'ס הויז אזוי אויפגעריכט געווארען.

— איך וועל שוין היינט ביינאכט אלעס וויסען — האט זיך דער ערשטער בעריהמט — מיין טאכטער איז זעהר בעפריינדעט מיט ישי'ס אינגסטע שנור? און אין אבענד וועלען זיי זיך טרעפען ביים ברונעם וועט זי איהר שוין אלעס דערצעהלען...

— איך גלויב אז דאס האט דער קעניג געשיקט זיין זוהן צו בעדאנקען ישי פאר שיקען זעקס פון זיינע זיהן אין דער מלחמה מיט די עמלקים, ווייל לויט ווי איך האב געהערט האבען זיי זיך זעהר גוט אויסגעצייכענט — האט זיך נאך איינער אפגערופען.

— טו פאַרוואָס איז ער אַנגעקומען מיט דוד׳ן? — האָט אימיצער איהם געפרעגט — דוד האָט זיך דאָך דערווייל אין קיין מלחמה נישט בעטייליגט...

— און איך זאָג אייך אַז דעם קרוינפּרינץ׳ס בעזוך האָט בלויז צו טהאָן מיט דוד׳ן... ווייל אויב דער נביא שמואל איז מיט דוד׳ן אַרוים פון שטאָדט און יונתן קומט מיט איהם אַן... מסתמא האָט דוד עס פאַרדיענט...

נאָך אַ גרעסערע איבעראַשונג האָט יונתן׳ס בעזוך געמאַכט אין ישי׳ס הויז... ישי איז איהם אַרוים ענטקעגען, זיך פאַרנויגט און געזאָגט:

— שלום!

— שלום! — האָט יונתן געענטפערט און אַראָפּגענידערט פון זיין פערד.

דוד׳ס ברידער האָבען מיט ערשטוינונג אַנגעקוקט דעם קרוינפּרינץ... יעדערער האָט זיך געטראַכט אַז דאָס איז יונתן געקומען צו איהם, צו דערהויבען צו אַ גרעסערען ראַנק אין דער אַרמעע... זיי האָבען זיך אַלע אויסגעשטעלט אין אַ שורה און האָבען איהם אָפּגעגעבען דעם מיליטערישען כבוד...

ווען זיי האָבען אָבער געהערט די אורזאַכע צוליעב וואָס יונתן איז אַהער אַנגעקומען זיינען ווי שטאַרק ענטוישט געוואָרען...

— און פון וואַנען האָסטו געוואוסט מיין האַר אַז מיין דוד שפּיעלט אַזוי שעהן אויף דער האַרפע? — האָט איהם ישי געפרעגט.

יונתן האָט זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען מיט דוד׳ן און שמייכלענדיג זיך אָפּגערופען:

— איך קען שוין דוד׳ן פון לאַנג, זינט ער האָט זיינע שאָף אין דעם טהאָל געפּיטערט... איך האָב זיין שפּיעלען געהערט און איך בין זעהר בעגייסטערט געוואָרען... איך בין זיכער אַז מיין פאָטער וועט אויך אָפּשאַצען זיין שפּילען און איהם דערפאַר גוט בעלוינען...

— איך וועל זיין העכסט צופריעדען אויב מיין זוהן וועט מיט וואָס עס איז קענען דינען דעם קעניג — האָט ישי געזאָגט. אָבער איהר געהט אַוועק פון דאַנען — וואָלט איך וועלען איהר זאָלט מיט אונז מיטאָג ברויט עסען...

— מיר וועלען קיין סך צייט נישט קענען וואַרטען — האָט זיך יונתן אָפּגערופען — מיר וועלען נאָר עפּעס צו בייסען און גלייך געהן, ווייל דער וועג נאָך גבעה איז לאַנג, און איך וויל אַנקומען מיט דוד׳ן איידער עס ווערט פינסטער.

יונתן אין דוד האָבען זיך געוואַשען און עפּעס צוגעביסען.

די מוטער האָט גענומען צוגרייטען פאַר דוד׳ן זיינע זאַכען און אַז זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען, האָט זיך יונתן אָפּגערופען צו ישי׳ן:

— דו וועסט מיר, מיין האַר מוזען מיטגעבען נאָך אַ פערד פאַר מיין נושא כלים, וועלכער היט דערווייל דיינע שאָף, און ער וועט דיר איהם אומקעהרען אין אַ פּאָר טעג אַרום.

ישי האָט אויסגעקליבען אַ גוטען פערד און איהם איבערגעגעבען צו יונתן. ער האָט מיטגעשיקט נתנאל׳ן און הדי׳ן צוויי פון זיינע אינגערע זיהן צו פאַרנעמען דוד׳ס פּלאַץ און אַרויפלעגענדיג זיינע הענט אויף דוד׳ס קאָפּ האָט ער געזאָגט:

— גאָט זאָל מיט דיר זיין, מיין קינד, און בעגליקען אַלע דיינע וועגען...

דוד האט געקושט זיין פאטער און מוטער, האט זיך געזעגנט מיט זיינע ברידער וועלכע האבען אויף איהם געקוקט מיט גרוים קנאה און זעצענדיג זיך אויף זיין פערד האט ער מיט יונתן אוועקגעריטען, אין די בעגלייטונג פון זיינע צוויי ברידער, צו דעם פלאץ וואו ער פיטערט זיינע שאף.

דוד האט זיינע ברידער אנגעצייגט וואו אלעס געפינט זיך, ער האט זיי געזאגט וואס צו טהאן מיט די שאף, און מיטנעמענדיג זיין הארפע האט ער זיך געזעצט אויף זיין פערד.

— דו קענסט דיין הארפע איבערלאזען דא — האט זיך יונתן צו איהם אפגערופען — ווייל די הארפע אין אונזער פאלאץ איז א סך בעסער פון דיינער...

— מיר איז אבער זיך שווער צו שיידען מיט מיינער — האט דוד געזאגט.

— טו נעם איהר טאקע מיט — האט יונתן געזאגט — און אין דיין פרייע צייט, וועסטו ארויסנעמען דיין הארפע אין אונזער גארטען און פאר אונז שפיעלען... מיכל וועט זיך זעהר גליקליך פיהלען צו הערען דיר שפיעלען... דוא ווייסט דאך ווי שטארק ליעב זי האט גוטע מוזיק...

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין גבעה, ביים פאלאץ, האט זיך די זון גע־האלטען ביים אונטערגעהן...

יונתן האט געמאלדען זיין פאטער אז דער יונגער פאסטוך מוזיק שפילער איז שוין דא.

— ברייננגט איהם אריין צו מיר — האט שאול געזאגט, — יונתן האט אריינ־געפיהרט דוד'ן אין שאול'ס צימער און איהם פארגעשטעלט פאר זיין פאטער.

— מיין זוהן האט דיר שטארק פערלויבט פאר מיר — האט שאול געזאגט בעטראכטענדיג דוד'ן — איך האף אז איך וועל אין דיר נישט זיין ענטוישט...

דוד האט זיך פערנייגט פאר שאול'ן און זיך אפגערופען:

— איך וועל טהאן אלעס אין מיין מעגליכקייט צופרידענצושטעלען מיין האר דעם קעניג.

— אויב דו ביזט נישט מיעד פון וועג, קענסטו פרובירען עטוואס שפיעלען פאר מיר.

— איך בין נישט מיעד — האט דוד געענטפערט.

שאול האט געהייסען אריינברייננגען די הארפע אין זיין צימער און דוד האט זיך געשטעלט קעגען איבער שאול'ס בעט און אנגעפאנגען צו שפיעלען...

די שעהנע קלינגענדע טענער האבען זיך באלד צעטראגען איבער'ן פאלאץ...

ליגט דער קעניג אויף זיין בעט און הערט זיך צו די זיסע מעלאדיען... א נעטליכע פערגעניגען געהט דורך אלע זיינע גליעדער... פערגעסט ער אז אלע זיינע זארגען... פערטרייבט אלע טרויעריגע מחשבות פון זיך. ווערט ליכטיגער שאול'ס פנים און פרעהליכער, הויבען זיך די קנייטשען אן אויסצוגלייכען און ער פיהלט זיך א סך אינגער...

דוד פערוואָרפט זיין קאפ מיט די געקרייזעלטע האר און פערטיעפט זיך אין זיין שפיעלען... זיין התלהבות צעוואקסט זיך און די טענער קלינגען און פאלען ווי א באלזאם אויף דעם קעניג'ס צוואוועהטאגטע הארץ...

דערזעהט דער קעניג זיין יוגענד, דערמאנט ער זיך אין יענע גליקליכע יאהרען ווען ער האט נאך זיין פאטער'ס שאף געפיטערט... ער קומט פון דער פאשע אין שטאדט און שטעלט זיך אפ ביי דעם ברונעם... אט דערזעהט ער די יונגע

אחינועם מיט איהרע שווארצע ברענענדע אויגען און מיט איהרע לאנגע שווערע צעפ... ער בעמערקט דעם שמייכעלע פון איהרע רויטע ליפען... זי האט דאן זיין הארץ געפאנגען... דעם ערשטען קוש וואס ער האט נאכהער געגנב'עט האט איהם פערשכור'ט... און נאכהער זייערע לאנגע שפאצירען הינטערן שטאדט, די פלאם פייערדיגע קושען און דאן די חתונה מיט זיין ליעבענדע אחינועם... גליקליכע יאהרען זיינען דאס געווען פאר איהם... זיין געטרייע אחינועם האט איהם געבארען יונתן, דאן מרב און מיכל'ן, און אין די שפעטערע יאהרען די איבעריגע קינדער...

שפיעלט דוד פאר שאול'ן און די שעהנע הארציגע מוזיק צוגיסט זיך אזוי זיס און אנגענעהם אויף שאול'ס נשמה...

— רוף אריין די מוטער — זאגט שאול צו יונתן און מרב און מיכל זאלען אויך אריינקומען...

יונתן איז ארויס און איז באלד צוריקגעקומען מיט זיין מוטער און שוועסטער מרב...

— וואו איז מיכל ? — פרעגט שאול — פאר וואס קומט זי נישט אריין זי האט דאך אויך אזוי ליעב מוזיק...

זי איז יעצט מיט עפעס פערנומען פערענטפערט יונתן זיין שוועסטער — זי וועט אריינקומען אביסעל שפעטער.

שאול ווינקט צו דוד'ן און דער יונגער שפיעלער לאזט ווידער זיינע פינגער לויפען איבער דער הארפע און די געטליכע טענער פיהלען נאך אמאל אן דעם צימער...

ווערט דעם קעניג'ס נשמה אנגעפילט מיט בענקשאפט און ליעבע. נעמט ער ארום זיין פרוי אחינועם, דריקט איהר צו זיך, בעדעקט איהר מיט צערטליכע ווארעמע קושען:

— מיין ליעבע אחינועם, איך בין ווידער גליקליך — מיין זארג און שמערץ איז פארשוואונדען. א ווי וואונדערבאר שעהן ער שפיעלט, ווי געטליך זיס זיינען די מעלאדיען אין קלאנגען... גאט האט מיר געשיקט א רפואה פאר מיין קראנקע נשמה...

— געה זעה צו מיכל איז פארטיג — האט שאול זיך אפגערופען צו מרב'ן — איך וואלט זעהר וועלען זי זאל זיך צו הערען צו די מוזיק... איך וויים אז זי וועט אויך גרוים הנאה האבען.

מרב איז אריין אין מיכל'ס צימער און האט געטראפען איהר שוועסטער ליגענדיג אין בעט...

— וואס איז מיט דיר, מיין שוועסטער ? — האט זי איהר געפרעגט — ביזטו דען נישט געזונט...

— איך... האב קאפ שמערצען — האט מיכל געשטאמעלט...

— אויב דו ווילסט פטור ווערען פון דיין קאפ שמערצען — האט מרב גע־שמייכעלט — דאן קום גלייך אריין אין אונזער פאטער'ס צימער... ווייל נאר וואס איז אנגעקומען א וואונדערבארער מוזיק שפיעלער... זיין שפיעלען בעצווי־בערט יעדען אויער... דו האסט געדארפט זעהן ווי גוט זיין שפיעלען האט גע־ווירקט אויף'ן פאטער... ער איז געווארען מונטער און פרעהלאך... און האט ער געקושט די מוטער מיט אזעלכע הייסע ברענענדע קושען...

— איך וועל זיך עטוואס אפרוהען — האט מיכל געזאגט און נאכהער וועל איך אריינקומען.

— ווען דו וואלסט וויסען ווי שעהן דער יונגער שפיעלער קוקט אוים; וואס פאר א קאפ געקרייזעלטע האר ער האט און וואס פאר א שעהנע אויגען ער פערמאגט, וואלסטו זיך שוין אביסעל מעהר צוגעאיילט אריינצוגעהן אהין...

— נו, ער וועט דאך מסתמא בלייבען אין פאלאץ, וועל איך נאך האבען א געלעגענהייט איהם צו זעהן — האט מיכל קאלטבלוטיג געענטפערט... — יעצט האב איך קאפ שמערצען און איך וויל זיך אויסרוהען אין בעט...

— נו, אז דו ווילסט נישט דיין קאפ שמערצען זאל פערשווינדען, איז דיר קיינער נישט שולדיג — האט מרב געזאגט און פערלאזען איהר שוועסטער'ס צימער.

לאנג האט דוד געשפיעלט פאר שאול'ן, ביז וואנען ער האט איינגעשלאפען. דאן זיינען אלע שטילערהייט ארוים פון זיין צימער... דוד און יונתן האבען אפגעגעסען און א דינער האט אנגעצייגט דוד'ן זיין צימער...

אויף מארגען גאנץ פריה, ווען מיכל איז אויפגעשטאנען איז זי ארוים אין גארטען, און האט שוין דארטען געטראפען איהר ברודער...

— מיכל! — איז יונתן איהר ענטקעגען געקומען — דו האסט זעהר קלוג און גוט געטהאן לעצטע נאכט וואס דו ביזט נישט אריינגעקומען זעהן דוד'ן בעת ער האט געשפיעלט פאר'ן פאטער...

— אבער יונתן האסטו מיט איהם גערעדט וועגען מיר? — האט מיכל איהם נייגעריג געפרעגט...

— איך האב איהם געגעבען אנצוהערען אז דו ביזט איהם זעהר דאנקבאר נאך פאר יענער צייט און אז דו האסט געזוכט א געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט איהם און אויסדריקען דיין דאנק צו איהם פערזענליך אבער דו האסט אונטער יעצטיגע אומשטענדען נישט געקענט טהאן...

— נו, און וואס האט ער דיר געזאגט? — האט מיכל געפרעגט — האט ער דיר ארויסגעצייגט אז ער טראכט אויך פון מיר, אדער ער האט שוין לאנג אן מיר פערגעסען...

— א ניין שוועסטער, איך גלויב אז ער געהט אוים פון בענקעניש נאך דיר...

— האט ער דען פאר דיר אויסגעגאסען זיין הארץ, זאג דאך מיר יונתן, פערלייקען נישט פון מיר...

— ער האט וועגען דיר מיט מיר כמעט גארנישט גערעדט. ער האט בלויז געפרעגט וואס דו מאכסט.

— טו פון וואנען דריינגסטו אז ער האט נאך מיר געבענקט — האט איהם מיכל געפרעגט לאבענדיג.

— ווען איך בין צוגעקומען אומבאמערקבאר נאהענט צו איהם, האט ער אויסגעגאסען זיין הארץ אויף דער הארפע און האט אויך געזונגען דאביי א ליעד, פון וואס איך האב פערשטאנען אז ער מיינט עס דיר...

— מיר? — האט מיכל אויסגערופען, — קענסטו פילייכט גערענקען דאס ליעד וואס ער האט געזונגען.

יונתן האט זיך א ווײַלע פערטראכט און נאכהער האט ער זיך אפגערופען:
— יע, איך געדענק בלויז דעם לעצטען פערז פון זיין ליעד...
— זאג עס איבער פאר מיר, ליעבער ברודער — האט זיך מיכל ביי איהם געבעטען.
— איך האב געהערט ווי ער האט אזוי געזונגען:

„זי האט מיר מיט איהרע אויגען געפאנגען,
בעצויבערט האט זי מיר מיט איהר בליק...
און יעצט איז אלעס פערשוואונדען, פערגאנגען,
פערלאשען ס'ליכט, אוועק איז מיין גליק"...

טרעהרען האבען זיך באוויזען אין מיכל'ס אויגען, ווען זי דערהערט די ליעדער וואס דוד האט געמאכט פון איהר...
— יונתן! — האט זי געשעפצעט — דו מוזט מיר זעהן בעהילפיג זיין... איך ליעב איהם! איך ליעב איהם!...

צעהנטער קאפיטעל

שמעי און דואג

די ערשטע נאכט אין דעם קעניג'ס פאלאץ האט דוד געהאט א שלאפלאזע... ער איז געלעגען אין דעם פראכטפאלען בעט, וואס איז געשטאנען אין דעם גרויסען שעהנעם צימער, און האט נישט געקענט איינשלאפען... ער האט צוגעמאכט זיינע אויגען און איהם האט זיך געדוכט אז דאס איז בלויז א חלום, און אין דער אמת'ן געפינט ער זיך אויף'ן פרייען פעלד צווישען זיינע שאף... ער האט אויפגעעפענט זיינע אויגען און האט ערווארטעט צו זעהן די לבנה און די שטערען פון דעם בלויען הימעל, אבער אנשטאט דאס האט ער דערזעהן שעהנע טעפיכער פון זייד און פליוש וואס האבען בעפוצט די ווענט... ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין בעט און בעריהרט די טעפיכער מיט זיין האנט... ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער ווי פער'שכורט פון גליק... עס איז דאך טאקע נישט קיין חלום... ער געפינט זיך אין דעם קעניג'ס פאלאץ, אונטער איין דאך מיט זיין ליעבענדע מיכל... זיין הארץ טוט א צאפעל ווען מיכל קומט איהם ארויף אויף די געדאנקען... פארוואס איז זי נישט ארייגעקומען אין דעם קעניג'ס צימער ווען ער האט פאר איהם געשפיעלט... מרב מיט איהר מוטער זיינען יע דארטען געווען און מיכל גיט... איז עס מעגליך אז מיכל איז אבזיכטליך נישט ארייגעקומען ווייל זי האט געוואוסט אז ער געפינט זיך דארט... דאן וואס בעדייט עס?... קען זיין אז יעצט אלס א פרינצעסין וויל זי גאר אפילו איהר, דעם פאסטוך, נישט אנקוקען... אבער פאר וואס איז מרב יע געווען?... זי האט פון איהם איהרע אויגען נישט ארונטערגענומען זי האט איהם דורכגעדרונגען מיט איהרע בליקען... מעגליך אז זי איז אין איהם פערליעבט און זי איז בכיון נישט אריין אין קעניג'ס צימער, כדי נישט ארויסצוצייגען איהרע געפיהלען... אבער ניין, דאס איז דאך אוממעגליך!... ווי קומט זי, די פרינצעסין צו איהם, דעם פאסטוך פון בית לחם...

פלוצלונג האט זיך דוד דערמאהנט אז דעם נביא שמואל'ן, ווי ער האט

איהם געזאלבט פאר דעם נעקסטען אידישען קעניג... און א שוויים איז דורך זיין קערפער... עס האט געראדע פאסירט אז דעם זעלבען טאג ווען ער איז געזאלבט געווארען, איז צו איהם געקומען דער קרוינפרינץ און איהם איינגע־לאדען צום קעניג׳ס פאלאץ... אפשר האט עס א שייכות צו שמואל׳ס נבואה ?... א ווי גליקליך ער וואלט געפיהלט ווען שמואל׳ס נבואה זאל האבען געמיינט אז ער וועט ווערען דעם קעניג׳ס איידעם... אבער ווי אזוי קען דאס מעגליך זיין ?... ווען ער זאל נאר קענען זעהן מיכל׳ס פנים, וואלט ער געוואוסט צו ער האט נאך אויף וואס צו האפען... די נאכט ציהט זיך... ער ווארט מיט גרויס אומגעדולד אויף׳ן פריה מארגען...

ווי נאר די ערשטע ליכט שטראהלען האבען זיך דורכגעשפארט דורך דיא שפאלטען פון די שווערע טעפיכער, אזוי האט דוד זיך אנגעטהאן און איז שטי־לערהייט ארויס פון פאלאץ... ער איז אריין אין דעם קעניגליכען גארטען. די גראז און די בלומען זיינען נאך פייכט געווען פון דעם טהוי... די פייגעלאך האבען זיך צעזונגען, די זוהן האט א גאס געטהאן איהרע גאלדענע שטראהלען... דוד האט זיך געפיהלט אזוי ערפרישט... ער איז געווען אזוי מונטער און גליקליך... ווי וואונדערבאר שעהן איז דער לויטערער קריסטאל הימעל, ווי מאיעסטעטיש די זון נעהט אויף!... וויפיעל פרייד און ענערגיע זי גיסט אריין אין אלע ערדישע בעשעפענישען...

ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און זיינע ליפען האבען שטילערהייט א לויב געזאנג צום בעשעפער געזונגען... און ווען ער האט זיין קאפ א קעהר געטהאן האבען זיך זיינע אויגען אנגעשטויסען אויף מיכל׳ס ברענענדע בליקען און דוד איז געבליעבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו זיין פלאץ...

מיכל האט זיך באלד צוריקגעצויגען פון דעם באלקאן אויף וואס זי איז געשטאנען, און פון וויטען בעאבאכטעט דעם יונגען פאסטוך...

זי האט פון איהם די גאנצע צייט די אויגען נישט ארונטערגעלאזען, זי האט נאכגעפאלגט זיין יעדע באוועגונג... אבער ווען זייערע אויגען האבען זיך בע־געגענט איז זי גלייך צוריק אין איהר צימער אריין...

מיכל האט אויך יענע נאכט נישט געשלאפען... זי איז געווען העכסט גליק־ליך, דאס דער ווערמען איהר הארץ ליעבט און פון וועמען זי חאט אזוי פיעל געטרוימט, געפינט זיך אין דעמזעלבען פאלאץ... איהר הארץ האט איהר גע־צויגען אהין אין איהר פאטער׳ס צימער, וואו דוד איז נאר וואס אנגעקומען, אבער זי האט זיך בעהערשט און אהין נישט געגאנגען... זי האט איהם נאך נישט געזעהן... און ווי נאר עס האט אנגעפאנגען טאגען האט זי איהר מארגען קלייד אנגעטהאן און אויף איהר באלקאן ארויסגעגאנגען אזוי ווי דאס הארץ האט איהר געזאגט אז זי וועט דוד׳ן אין גארטען דערזעהן...

ווען זי האט איהם פון וויטען דערזעהן, האט אין איהר עפעס א צאפעל געטהאן... ער האט יעצט אין איהרע אויגען אויסגעזעהן פיעל שלאנקער און העל־דישער ווי פריהער... זי האט איהם בעטראכט ווי ער האט שטילערהייט מתפלל געווען און זי איז געווען אזוי בעגייסטערט פון אלע זיינע בעוועגונגען אז זיא האט פון איהם די אויגען נישט ארונטערגענומען, ביז דוד׳ס אויגען האבען זיך מיט איהרע בעגעגענט... און זי האט זיך צוריקגעצויגען צו איהר צימער...

עטוואס שפעטער איז מרב אריין צו מיכל'ן אין צימער און איהר ארייננגע־רוימט אין אויער:

— דער הארפען־שפיעלער געפינט זיך יעצט אין גארטען, איך האב איהם דורך מיין פענסטער דערזעהן, קום מיט מיר ארויס מיכל, מיר וועלען אנקלייבען בלומען, און דערווייל וועסטו האבען א געלעגענהייט איהם צו זעהן.

מיכל האט א שמייכעל געטהאן און געזאגט:

—ווארט צו א ווייל, אט וועל איך מיינע האר פערקאמען און נאכהער וועלען מיר ארויסגעהן...

אראפשטייגענדיג די שטיגען האט זיך מיכל אפגערופען צו מרב'ן:

— איז אונזער פאטער צופריעדען מיט זיין שפיעלען? דו ביזט דאך געווען דארטען נעכטען באנאכט, האט דען זיין שפיעלען בערוהיגט אונזער פאטער... און וואס זאגט די מוטער וועגען איהם?...

— אז דו ביזט אזוי נייגעריג אלעס צו וויסען וועגען איהם, טו, פארוואס ביזטו נישט אריינגעקומען איהם הערען, איך האב דאך דיר גערופען...

— איך האב געהאט קאפ שמערצען, — האט מיכל געזאגט — און איך האב איהם נישט געוואלט צייגען א זויערען פנים ער זאל נישט דענקען אז זיין שפיעלען געפעלט מיר נישט, אבער די קלאנגען פון זיין הארפע האבען זיך דערטראגען צו מיינע אפענע פענסטער...

ווען זיי זיינען אריין אין גארטען האבען זיי פון ווייטען דערזעהן ווי יונתן, זייער ברודער, איז פערטיעפט אין א געשפרעך מיט דוד'ן...

— לאמיר זיי נישט שטערען — האט זיך מיכל אפגערופען און זיך פער־נומען אויף א צווייטען שטעגעל.

— פארוואס וועלען מיר זיי שטערען — האט מרב געזאגט — וואס פאר א סודות קענען זיי ביידע האבען? עס איז דאך אזא קורצע צייט ווי זיי קענען זיך!...

— זיי קענען האבען פיעלע סודות צווישען זיך — האט מיכל געזאגט — קום לאמיר אוועק פון דאנען.

— אפשר שטעהט דיר נישט אן זיך צו בעגעגענען מיט דעם שפיעלער?

— האט מרב געזאגט מיט סארקאזם — יונתן האט דאך איהם פון די שאף אוועקגענומען... ער איז אן איינפאכער פאסטוך און דו ביזט א פרינצעסין... אויב דיר פאסט נישט צו בעקאנען זיך מיט איהם, קענסטו גלייך צוריקגעהן...

— נו, שוועסטער זיי נישט אין כעס און אויפגערעגט — האט מיכל געזאגט מיט אן איינגעהאלטענעם שמייכעל — דו אליין ווייסט דאך גאנץ גוט אז איך נעם זיך זעהר ווינציג איבער דאמיט וואס איך בין א פרינצעסין... איך האב א סך גליקליכער געפיהלט, דאן, ווען אונזער פאטער האט די שאף געפיטערט... איך האב דאן געהאט מעהר פרייהייט ווי איך האב יעצט...

— יע, און דו פלעגסט אוועקגעהן און פערפאלען ווערען אויף א גאנצען טאג און דער מוטער פיעל שמערצען פערשאפען...

— אונזער פאטער איז אויך א סך גליקליכער געווען, איידער ער איז קעניג געווארען, און איך זעה נישט אין צו עס איז זיך פאראן מיט וואס איבערצונעמען ווען מען איז א פרינצעסין — האט מיכל צו איהר געזאגט.

דערווייל האט יונתן בעמערקט זיינע שוועסטער און איז מיט דוד'ן צו זיי צוגעגאנגען... ער האט זיי פארגעשטעלט פאר דוד'ן:

— מרב'ן האסטו דאך נאך נעכטען אין אבענד געזעהן און דאס איז מיין אינגערע שוועסטער מיכל...

דוד האט זיך פערנייגט פאר זיי... דאס בלוט האט איהם א זעץ געטהאן אין פנים ווען ער האט א קוק געטהאן אויף מיכל'ן...

ער איז געבליבען שטעהן א פערגאפטער און האט קיין ווארט נישט געקענט ארויסריידען.

יונתן האט עס באמערקט און כדי ארויסצונעמען איהם פון דער פערלעגענהייט האט ער זיך אפגערופען:

— דו ווייסט, דוד, יעצט איז נאך פריה, דער פאטער שלאפט נאך, אט וועל איך ארויסברייגנען דיין הארפע וואס דו האסט מיט זיך געבראכט און מיר וועלען אלע אוועקגעהן צו דעם טייכעל וואס געפינט זיך הינטער דעם גארטען, און דו וועסט פאר אונז שפיעלען... וועט עס דיר נישט פאלען צום לאסט, דוד?...

— איך האב מורא אז מיין שפיעלען קען נאך אויף אייך פאלען צום לאסט — האט דוד געזאגט מיט א שמייכעל...

יונתן האט דוד'ס הארפע ארויסגעטראגען; זיי זיינען אלע אוועק צום טייכעל, זיך געזעצט אויפ'ן גראז און דוד האט אנגעפאנגען צו שפיעלין... אין זיינע אויגען האט זיך א געטליכעס פייער צופלאקערט ער האט אויסגעגאסען אויף דער הארפע אלע זיינע געפיהלען וואס האט זיך אין איהם אנגעזאמעלט זינט ער האט מיכל'ן צום ערשטען מאל דערזעהן. ער האט צו איהר גערעדט דורך די טענער פון זיין הארפע, און זי האט איהם פערשטאנען...

מרב האט דורך די גאנצע צייט פון זיין שפיעלען פון דוד'ן די אויגען נישט ארונטערגענומען... זי האט שטארק בעדויערט אין איהר הארץ וואס דוד שטאמט פון אן אנדער שבט...

— ווען דוד וואלט געשטאמט פון דעם שבט בנימין — האט זי געטראכט — דאן וואלט ער דאך געוויס געקראגען א מיליטערישען אמט פון איהר פאטער, וואס וואלט איהם געגעבען א געלעגענהייט זיך אויסצוצייכענען אין מלחמה... און דאן וואלט זי זיך אין איהם געוויס פערליעבט און איהר פאטער וואלט נישט געהאט דאגעגען...

יונתן איז מיט יעדער רגע געווארען אלס מעהר צוגעבונדען צו דוד'ן... ער האט איהם ליעב בעקומען מעהר ווי א ברודער, ער איז געווען זעהר גליקליך דאס דוד געפינט זיך יעצט נאהענט צו איהם...

אלע זיינען געווען אזוי פערטיעפט אין דוד'ס שפיעלען אז זיי האבען נישט בעמערקט ווי שמעי בן גרא האט זיך דערנעהענטערט צו זיי...

שמעי בן גרא, וועלכער איז געווען א קרוב פון שאול'ן, האט זיך געליעבט אין מיכל'ן נאך איידער שאול איז געווארען קעניג... מיכל אבער האט איהם די גאנצע צייט אויסגעמיטען... אין יענע יאהרען פלעגט ער בלויז איין מאל א יאהר קומען אויף א בעזוך צו שאול'ן און דאס איז געווען אין דער צייט פון זייער וואל־שערען... יעצט אבער, האט איהם שאול געמאכט פאר דעם פערוואלטער פון זיינע פערד, און שמעי האט זיך געפיהלט זעהר געשמייכעלט מיט זיין אמט... א חוץ דעם וואס איז א גרויס כבוד צו זיין דעם קעניג'ס הויפט אויפזעהר איבער

די פערד, געפינט ער זיך אימער צו אין קעניג׳ס פאלאץ, און זיינע געפיהלען צו מיכל׳ן האט אין איהם גענומען ווידער ערוואכען... — יעצט אז מיכל איז א פרינצעסין — האט זיך שמעי געטראכט — וועט זי איהם קענען גרינגער אנקומען! ווי פריהער... שאול וועט דאך איהר געוויס נישט וועלען אפגעבען צו א מאן פון א צווייטען שבט, און אפילו פון אייגענעם שבט בנימין, איז ער דאך פון דער זעלבער משפחה, אלס נעהענטער פון פלטיאל בן ליש, וועלכער האט קיין שייכות נישט צום קעניג׳ס משפחה... בפרט יעצט ווען דער קעניג האט איהם דערהויבען מיט אזא אמת... אמת, פלטיאל האט אויך א מיליטערישען אמט, ער איז "א שר האלף" (הויפט איבער טויזענט) דערפאר אבער איז ער דאך קיין קרוב נישט צו שאול׳ן... דער קעניג האט איהם בעשטימט אלס שר האלף בלויז דערפאר וואס ער איז געוועזן בעפריינדעט מיט זיין פאטער, ליש... אזוי האט שמעי אין פלטיאל׳ן נישט געזעהן קיין געפעהרליכען קאנקורענט פאר מיכל׳ס האנט... ער ווייס אז שאול האלט פון איהם א סך מעהר ווי פון פלטיאל׳ן... און צו יעדען אנפאנג חודש, ווען דער קעניג מאכט א מאלצייט פאר אלע זיינע קרובים און בעאמטע, זיצט ער דאך א סך נעהענטער צום קעניג ווי פלטיאל... איין זאך קען שמעי נישט פערשטעהן, פאר וואס דער קעניג האט אוועקגעזעצט עדריאל׳ן פון דער שטאדט מחולה מיט א פאר פלעצער נעהענטער פון איהם... עדריאל איז דאך גאר א ווילד פרעמדער מי ווי קומט עס אז דער קעניג זאל איהם אזוי דערהויבען?...

שטארק צום הארצען האט זיך שמעי נישט גענומען, צוליעב דעם וואס עדריאל זיצט העכער פון איהם ביים קעניגליכען טיש... ער ווייס אז ער איז דאך נישט זיין געגנער פאר מיכל׳ן... פלטיאל׳ן האט ער שטארק פיינט געהאט, ווייל ער האט מורא געהאט אז צוליעב מיכל׳ס פריינדשאפט צו פלטיאל׳ס שוועסטער, מרים, וועט ער, זיין געגנער, האבען א גרינגערען צוטריט צו מיכל׳ן...

שמעי האט שוין לאנג בעשלאסען זיך צו ווענדען צום קעניג און בעטען ער זאל איהם געבען מיכל׳ן פאר א פרוי, אבער ווען ער האט די געלעגענהייט געקראגען צו רעדען מיט שאול׳ן, האט איהם ווי אפגענומען זיין צונג און אנשטאט וועגען מיכל׳ן האט ער גענומען ריידען וועגען די פערד...

שמעי האט בערעכטיגט זיין מוטלאזיגקייט צוליעב דעם וואס שאול׳ס עלטערע טאכטער, מרב, איז נאך נישט פערהייראט... — ווי אזוי קען ער רעדען מיט׳ן קעניג וועגען מיכל׳ן אז מרב איז די עלטערע — האט ער געטראכט... און דאן איז איהם אריינגעקומען א געדאנק וועגען עדריאל׳ן... ער האט שוין נישט איינמאל באמערקט ווי עדריאל קוקט אויף מרב׳ן מיט פערליעבטע אויגען... ער וועט איהם אונטערהעלפען אין דעם און דאמיט וועט ער זיך טהאן א טובה...

איינמאל ווען שמעי האט באגעגנט עדריאל׳ן אין דרויסען, האט ער זיך צו איהם אפגערופען:

דו ווייסט עדריאל איך האב מיט דיר זעהר וויכטיגעס צו רעדען קום לאמיר א שפאציר טאהן...

עדריאל איז געווען זעהר נייגעריג צו הערען וועגען וואס שמעי האט מיט איהם צו רעדען און האט מיט איהם אוועקגעשפאצירט צום טייכעל.

— איך פערשטעה אז דו ביזט זעהר פעראינטערעסירט אין דעם קעניג׳ס

עלטערע טאכטער, מרב, און איך בין זיכער אז דו וואלסט זעהר געוואלט וויסען וואס פאר א מיינונג מרב האט וועגען דיר...

עדריאל האט אנגעקוקט שמעי'ן מיט פערוואונדערונג. ער האט נישט געקענט פערשטעהען ווי אזוי שמעי, וועלכער איז ביי אלעמען פעררעכענט פאר נישט גאר קיין איבערשפיצטער זאל האבען געלעזען זיינע געדאנקען... ער איז זיכער אז ער האט קיין זאך נישט ארויסגעצייגט, וואס זאל ווארפען אויף איהם א חשד דאס ער טראכט וועגען מרב'ן... און דא קומט שמעי און זאגט עס איהם...

עדריאל האט זיך מיט זיינע עלטערען בעזעצט אין גבעה נאך מיט יאהרען צוריק; ער האט זיך בעפריינדעט מיט שאול'ן נאך איידער ער איז געווארען קעניג. און ווען ער האט זיך אויסגעצייכענט אין דער מלחמה מיט די עמונים, האט איהם דער קעניג שטארק ליעב בעקומען און איהם געמאכט פאר אן אפיציער אין דער ארמיי ער האט איהם איינגעלאדען צום טיש צו אלע ימים טובים... ער האט איהם געגעבען א בכבודי'גען פלאץ ביים טיש... און כאטש עדריאל האט געוואוסט דאס ער האט געפונען גנאדע אין דעם קעניג'ס אויגען, האט ער דאך נישט געוואגט אפילו צו טראכטען וועגען די פרינצעסין מרב... און ווען אזא געדאנק פלעגט ווען עס איז יא קומען צו איהם, האט ער איהם געזוכט צו פער־טרייבען פון זיך... און דא קומט שמעי און זאגט איהם אז ער איז זיכער דאס ער איז פעראינטערעסירט אין מרב'ן...

— איך האב דא נישט לאנג געהאט א געשפרעך מיט מרב'ן. — האט שמעי אונטערבראכען עדריאל'ס געדאנקען — און ווי איך פערשטעה האלט זי זעהר פיעל פון דיר...

— מרב האלט פון מיר? — האט עדריאל זיך אפגערופען — זאג דאך מיר, מיין פריינד, וואס האט זי דיר אזוינס געזאגט, אז עס האט דיר געמאכט צו גלויבען אזא אומעגליכקייט?...

— פון אלעס וואס איך האב מיט איהר גערעדט פערשטעה איך אז דו ביזט דער איינציגער פון אלע יונגע לייט אין קעניגליכען הויף, וועגען וועמען זי האט א זעהר געהויבענע מיינונג... און דו וועסט זיין דומער פון אן עזעל אויב דו וועסט אזא געלעגענהייט ווי צו ווערען דעם קעניג'ס איידעם, פאר־נאכלעסיגען...

— אבער מיין פריינד — האט זיך עדריאל נישט געקענט בעהערשען — טו דאך מיר די געפעליגקייט און דערצעהל מיר וואס זי האט פון מיר גערעדט...

— דארף איך דיר דען זאגען מעהר ווי איך האב דיר געזאגט — האט זיך שמעי אפגערופען מיט א ציניש'ען שמייכעל — איך האב געטהאן מייניגע, יעצט דארפסטו טאהן דאס איבעריגע...

שמעי איז געווען זעהר צופריעדען וואס איהם האט געלונגען צו מאכען עדריאל'ן גלויבען אז מרב האלט פון איהם... ער איז זיכער אז פון יעצט אן וועט ער דרייסטער זיין... דערווייליגע וועט ער זעהן געבען מרב'ן אנצוהערענים אז עדריאל איז איהר פערליעבט... און ווען ביידע וועלען קומען צו א פארשטענד־ניס, דאן וועט פאר איהם שוין זיין גרינגער צו רעדען מיט שאול'ן וועגען מיכל'ן... יעצט איז איהם פערבליבען בלויז צו ערנידעריגען פלטיאל'ן אין דעם קעניג'ס אויגען און דער וועג צו מיכל'ן וועט פאר איהם זיין אויסגעטראטען...

ווינציג האט שמעי געוואוסט אז א שטארקערער און מעכטיגערער שונא

פון פלטיאל'ן איז אנגעקומען אין פאלאץ... ווען ער האט זיך דערוואוסט אז א הארפען שפיעלער איז אנגעקומען צו שפיעלען פאר'ן קעניג, איז איהם גארנישט ארויפגעקומען אויף'ן געדאנקען, אז דאס וועט זיין דער זעלבער הארפען־שפיעלער פון דעם טהאל, וועמענס שפיעלען מיכל פלעגט אליין געהן הערען. און ווי שטארק זיין ערשטוינונג און ענטריסטונג איז געווען, ווען דערנעהענטעריג זיך צום פלאץ פון וואנען די קלאנגען פון דער הארפע האבען זיך דערטראגען, האט ער דערזעהן דעם זעלבען פאסטוך שפילענדיג פאר יונתן, מיכל און מרב'ן... ער איז געבליבען שטעהן א ווייליע ווי פערגליווערט צו זיין פלאץ... באלד האט ער בעמערקט מיכל'ס פנים... ער האט געזעהן ווי זי קוקט אויף דעם יונגען שפיעלער מיט אזוי פיעל צערטליכקייט און ליעבע... און איהם איז פינסטער געווארען אין די אויגען...

— ווי קומט אט דער פאסטוך אהער אין קעניגליכען פאלאץ? — האט זיך שמעי געוואונדערט — זאל עס זיין אז יונתן האט איהם אהער געבראכט? האט מיכל דערפון געוואוסט און זי האט יונתן געבעטען ער זאל רעקאמענדירען דעם פאסטוך הארפענשפיעלער צום קעניג? אבער ניין, ווי איז דאס מעגליך? מיכל וועט מוזען געהערען נאר צו מיר... איך וועל שוין זעהן ווי אזוי פטור צו ווערען פון דעם יונגען הארפען שפיעלער...

שמעי האט זיך שוין געוואלט צוריקציהען, אבער יונתן האט איהם בעמערקט און א וואונק געטהאן צו איהם ער זאלווארטען.

שמעי איז געבליבען שטעהן, זיין פנים האט געפלאמט... ער האט די אויגען נישט אראפגענומען פון מיכל'ן, און וואס מעהר מיכל איז געווען בעגייסטערט פון דוד'ס שפיעלען, אלס שטארקער האט געברענט שמעי'ס צארן אויף דעם שפיעלער...

ווי דוד האט געענדיגט שפיעלען האט יונתן צוגערופען שמעי'ן און האט איהם פארגעשטעלט פאר דוד'ן:

— דאס איז שמעי בן גרא, דער אויפזעהער פון מיין פאטער'ס פערד... ער איז אויך אונזערער א קרוב, און זיינע עלטערען געפינען זיך אין דער שטאדט בחורים...

דוד האט איהם גלייך דערקענט און האט עפעס געוואלט זאגען, אבער יונתן האט איהם פערכאפט און געזאגט:

— שמעי האט אויך זעהר ליעב מוזיק און ווען דו וועסט נאך אמאל שפיע־לען פאר אונז וועל איך איהם אויך רופען הערען...

שמעי'ס פנים האט זיך געביטען קאליערען... ער איז געבליבען שטיל אפ־געקערט די קאפ, בייסענדיג זיינע ליפען פון אויפרעגונג...

דעם קעניג'ס א דינער איז צוגעקומען און האט אנגעזאגט אז דער קעניג איז שוין אויפגעשטאנען און ער האט געהייסען דוד'ן אריינקומען צו איהם...

אלע האבען זיך געאיילט צום פאלאץ און דוד איז אריין מיט יונתן צו שאול'ן אין צימער.

— געבענשט זיי צו גאט, מיין פאטער — האט איהם יונתן בעגריסט — ווי פיהלסטו זיך יעצט? האסטו געהאט א רוהיגע נאכט?

— איך פיהל זיך זעהר גוט און איך האב גאנץ רוהיג געשלאפען היינטיגע נאכט — האט שאול געזאגט — איך בין זעהר גליקליך וואס גאט האט מיר

צוגעשיקט דעם יונגען דוד'ן צו בערוהיגען מיינע נערוועז... יעצט האָף איך אז איך וועל גאר אין גיכען אין גאנצען געזונט ווערען... און דו דוד, ביזטו צופריעדען צו פערבלייבען מיט מיר ?

דוד האָט זיך פערנייגט און געזאגט:

— איך בין זעהר גליקליך צו דיענען מיין האר דעם קעניג...

— קענסטו מיר זאגען, דוד, פון וואנען דו האָסט זיך אויסגעלערענט אזוי שעהן שפּיעלען ? — האָט איהם שאול געפרעגט.

— איך האָב נאך פון קינדערווייז אָן געפּיטערט די שאָף פון מיין פאָטער, און זייענדיג אליין אין פעלד האָב איך זיך צוגעהערט צו דעם זינגען פון דעם נאכטיגאל, און פון דעם זמיר... אין מיינע אויערען האָבען געקלונגען די צוויצעריי פון די פויגלען און דער זשומען פון די ביהנען... און פון זיי האָב איך די הייליגע מוזיק געלערענט...

— האָסטו זיך גארנישט בעטייליגט אין די מלחמות, מיין קינד? — האָט איהם שאול ווידער געפרעגט.

— זעקס פון מיינע ברידער האָבען זיך אין דריי מלחמות בעטייליגט און ווען איך האָב געוואָלט זיך אנשליסען אין דער ארמעע, האָט מיר מיין פאָטער נישט געלאָזען; ער האָט מיר געזאגט: דו ביזט דער אינגסטער פון מיינע זיהן, דו מוזט פערבלייבען מיט די שאָף... דיינע זעקס ברידער וועלען קעמפּפען פאר אונזער קעניג און פאטערלאנד אבער דו ביזט נאך דערווייל צו יונג...

— און יעצט, אויף וועמען וועט דיין פאָטער פאַרלאָזען די שאָף, יעצט ביזטו דאך מיט מיר...

— יעצט זיינען אלע מיינע ברידער אין דערהיים און זיי וועלען פערנעמען מיין פלאַץ...

— דו ווייסט דוד, איך וויל איינלאַדען דיין פאָטער און דיינע זעקס ברידער צו מיר אויף דעם פייערטאג פון דעם קומענדען ראש חודש, איך וויל דיין פאמי־ליע בעסער קענען און אויב דיינע ברידער זיינען ווירקליך בראווע יונגען וועל איך זיי מאכען פאר אָפיציערען אין דער ארמעע...

— איך דאנק דעם האר קעניג פאר דער גנאדע וואס ער וועט טאָהן מיט מיין פאמיליע — האָט זיך דוד ווידער פערנייגט...

— ווען איך וועל אין גאנצען געזונד ווערען, וועל איך דיר מאכען פאר מיין נושא כלים — האָט שאול געזאגט צו דוד'ן און יעצט, פאנג עפּעס צו שפּיעלען פאר מיר, אפשר וועל איך קריגען א בעסערען אפּעטיט צום עסען.

דוד האָט גענומען דעם קעניג'ס הארפע, זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל נעבען דעם קעניג'ס בעט און האָט אנגעפאנגען צו שפּיעלען...

שמעי בן גרא האָט יענעם גאנצען טאג צו זיך נישט געקענט קומען פון אויפרעגונג און כעס... ער האָט אזוינע זיסע חלומות געוועבט און געשפּונען פון מיכל'ן און איהם האָט זיך געדוכט אז זיינע חלומות וועלען גלייך פערווירקליכט ווערען און יעצט איז געקומען דער פאסטוך פון בית לחם און האָט זיינע שעהנע וועבונג צוריסען... אָ, ווי ער דורשט נאך נקמה! ער מוז דעם יונגען פאסטוך פון דעם פּאלאץ פעריאגען... ער וועט אבער דארפען זעהר פאָרזיכטיג זיין מיכל

זאל נישט אויסגעפינען פון זיינע פלענער... ווען ווען ער קענען זיינע סודות פערטרויען? ער וועט מוזען קריגען אימיצען וועלכער זאל איהם העלפען פערווירקליכען זיין פלאן... אבער וואס איז זיין פלאן? דאס האט ער נאך אליין ניט געוואוסט בעשטימט... איהם ערמארדען? ניין, דאס איז אוממעגליך, דער חשד וואלט געווים געפאלען אויף איהם...

אן אויפגערעגטער און צורודערטער איז שמעי אריין אין שטאהל פון שאול'ס פערד... דארטען האט ער דערזעהן דואג דער אדומי שטעהן און רייניגט די פערד... פלוצלינג איז איהם א געדאנק ארויפגעקומען, ער וועט אלעם פערטרויען דואג'ן און פון איהם קען ער ערווארטען פיעל הילף... דואג דיענט יעצט אונטער איהם און ווען ער וועט איהם פערשפרעכען צו פערלויבען פאר'ן קעניג אלס א בעלאהנונג... וועט ער פון איהם א סך נוצען קענען קריגען...

דואג, וועלכער האט געשטאמט פון לאנד אדום, האט געדיענט ביי קיש, שאול'ס פאטער, ווען ער איז נאך גאר א יונגער איגגעל געווען. ער האט זיך אויסגעלערענט די שפראך פון די אידען און האט געוואוסט פון אלע זייערע מנהגים און זיטען און ווען ניט זיין מגושמ'דיגע געזיכטסציגע, וואלט געווען שווער צו דערקענען צו ער איז נישט קיין איד...

— דואג, — האט זיך שמעי אפגערופען צו איהם ווען ער איז אריינגעקומען אין שטאהל, — דו דארפסט אזוי פיעל נישט ארבייטען, רוה זיך אפ אביסעל... איך וועל הייסען איינעם פון די יונגען פערענדיגען דיין ארבייט...

דואג האט געקוקט אויף שמעי'ן מיט דאנקבארע אויגען... ער האט אוועקגעלעגט די בערשטיל און אויסגעגלייכט זיינע פלייצעס...

— דו ביזט דאך זעהר קלוג, מיין פריינד — האט זיך שמעי צו איהם אפגערופען — און איך ווייס אז מען קען דיר פערטרויען א סוד... איך וועל זיך מיט דיר וועגען עפעס בעראטהען, אבער דו מוזט צוזאגען אז דו וועסט מיין סוד פאר קיינעם נישט ענדעקען...

— דואג האט נאך קיינמאל נישט פערראטען זיינע אנפערטרויער — האט דואג מיט שטאלץ געזאגט.

— גוט, מיין פריינד, איך וועל דיר אלעס דערצעהלען.

דואג האט זיך אנידערגעזעצט נעבען שמעי'ן אן א זייט פון שטאהל און אריינגעקוקט שמעי'ן אין די אויגען...

— נעכטען ביינאכט איז צום קעניג אין פאלאץ אנגעקומען א הארפען שפיעלער פון בית לחם... און ווי נאר איך האב איהם דערזעהן איז ער מיר גלייך נישט געפעלען געווארען... איך ווייס אז ווען ער זאל פערבלייבען ביים קעניג א לענגערע צייט וועט קיינער פון אונז נישט האבען קיין געלעגענהייט צו שטייגען עטוואס העכער... ער וועט נישט דערלאזען... דו ווייסט דאך מסתמא, מיין פריינד, אז איך בין בעשטימט צו זיין דעם קעניג'ס איידעם... מיכל איז שוין כמעט פערזעכענט פאר מיין כלה, אבער יעצט ווען דער יונגער שפיעלער איז געקומען, האב איך מורא, אז ער וועט מיר א סך שאדען טאהן... ווייל ער קען מיט זיין שפיעלען יעדען פערדרעהען די קאפ... דעריבער וויל איך דיר אנפערטרויען די גאנצע אנגעלעגענהייט. דו וועסט דארפען אויספארשען אלעס וואס דוד טוט, און אויב דו וועסט בעמערקען אז ער רעדט מיט מיכל'ן זאלסטו זעהן אומ־

בעמערקטערהייט צו צוקומען צו זיי און הערען וואס זיי ריידען און מיר אלעס איבערגעבען... און איך שווער דיר, מיין פריינד אז ווי נאר איך וועל ווערען דעם קעניג'ס איידעם, וועל איך שוין זעהן אז דו זאלסט בעשטימט ווערען אויף מיין פלאץ...

— איך וועל טהאן אלעס וואס מיין האר זאגט מיר, — האט דואג אויסגערו־פען מיט שמחה.

— דערווייל נעם פון מיר פופציג שקלים — האט איהם שמעי געגעבען דאס געלט אין האט — און ווען דו וועסט מיר בריינגען דעם ערשטען בעריכט, וועל איך דיין בעלאהנונג פערדאפלען.

דואג האט שמעי'ן בעדאנקט און נאך אמאל פערשפראכען צו זיין פארזיכ־טיג און אויסגעפינען אלעס וואס וועט פארקומען צווישען דוד'ן און מיכל'ן...

— דו מוזט זיך זעהר אפהיטען אז יונתן זאל דיר נישט בעמערקען — האט שמעי געזאגט ווייל, ווי איך פערשטעה איז יונתן זעהר שטארק בעפריינדעט מיט דעם פאסטוך...

— לאז עס איבער צו מיר, מיין האר — האט דואג געזאגט און אריינגע־לעגט די געלט אין זיין קעשענע — לאנג וועט שוין דוד נישט פערבלייבען אין דעם קעניג'ס פאלאץ...

שמעי בן גרא איז געווען זעהר צופריעדען וואס ער האט אנפערטרויט דואג'ן זיין סוד... ער האט געוואוסט אז דואג וועט איהם געטריי דיענען... פאר איהם וועט מען זיך אזוי שטארק נישט היטען... ער וועט אלעס אויסגעפינען וואס קומט פאר צווישען דוד'ן און מיכל'ן, און וואס יונתן רעדט וועגען איהם... ער איז געווען זיכער אז מיט דואג'ס הילף וועט איהם געלינגען אין גאנצען צו פערטרייבען דוד'ן פון דעם קעניג'ס פאלאץ.

דואג דער אדומי האט געטראגען א שנאה נישט נאר אויף דעם קעניג און זיין פאמיליע נאר אויך אלע אידען ווייל איידער שאול האט מלחמה גע־האלטען מיט די עמלקים, האט ער מיט א גרויסע ארמעע בעפאלען די אדומים וועלכע זיינען געווען אין דרום זייט פון ארץ ישראל און האט זיי בעזיעגט אין א פירכטערליכען שלאכט. און כאטש דואג האט זיין לאנד פערלאזען ווען ער איז נאך גאר יונג געווען, פונדעסטוועגען האט איהם אין הארצען שטארק פער־דראסען פארוואס זיין געבורטסלאנד האט געליטען אזא נידערלאגע פון שאול'ס ארמעע, און איז דעריבער אלעמאל געווען גענייגט צו טהאן וועמען עס איז שלעכטעס. און ווען שמעי בן גרא האט איהם פארגעלעגט ער זאל זעהן צו פערמיאוס'ן דוד'ן אין די אויגען פון קעניג, איז ער געווען מלא שמחה אויף דער געלעגענהייט וואס וועט קומען אין זיין האנט...

אויף מארגען איז דואג אוועק צו דעם פלאץ וואו דוד האט זיך געפונען מיט יונתן... פון ווייטען האט ער בעמערקט ווי זיי זיצען און רעדען צווישען זיך... שטילערהייט איז ער צוגעגאנגען און זיך ארונטערגעבויגען אונטער א פעלזען שטיין וואס איז געווען הינטער יונתן און דוד'ן. ער האט צוגעבויגען זיין אויער און זיך צוגעהערט צו זייער געשפרעך:

— איך בין אזוי גליקליך — האט יונתן געזאגט — וואס מיר איז געלונגען דיר אריינצובריינגען אין פאלאץ — זינט איך האב דיר צום ערשטען מאל דער־

זעהן אין טהאל האט מיין הארץ צו דיר געצויגען... דיין שפיעלען האט מיר אזוי בעצויבערט... מיין שוועסטער מיכל איז נאך געוועזן מעהר בעגייסטערט פון דיין שפיעלען ווי איך... און יעצט ווען דו שפיעלסט פאר מיין פאטער, ווערט ער גאר אן אנדער מענש... אלע זיינע זארגען פערשווינדען צוזאמען מיט זיין מרה שחורה...

— און איך בין שוין געוועזן זיכער אז דו האסט אן מיר פערגעסען — האט דוד געזאגט מיט א שמייכעל — יעצט אלס קרוינפרינץ האב איך גערעכענט, וועסטו געפינען א סך וויכטיגערע פריינד ווי מיר... איך האב געמיינט אז דיינע פריינד ווען זיין בלויז פון דער קעניגליכער פאמיליע, און ווי קום איך, א ווילד פרעמדער, פון א צווייטען שבט, און וועלכער האט זיך נאך אין קיין מלחמה ניט בעטייליגט, צו ווערען דעם קרוינפרינץ'ס בעסטער פריינד...

— צווישען אונזער גאנצער פאמיליע האב איך נאך נישט געפונען איינעם וועלכער זאל קענען פערנעמען דיין פלאץ אין מיין הארץ — האט יונתן איהם געזאגט — אייניגע פון אונזערע קרובים זיינען אזוי אפשטויסענד אז מיר וואונדערט זיך ווי אזוי מיין פאטער האט זיי געקענט בעשטימען אלס בעאמטע... נעהם צום ביישפיעל, שמעי בן גרא, ער איז ווי א דארן אין אונזערע אלעמענס אויגען... איבערהויפט קען איהם מיכל נישט דולדען, און דאך איז דער פאלאץ אפען פאר איהם, און מיר מוזען ליידען פון איהם און שווייגען, ווייל ער איז אונזערער א קרוב...

— דאס איז דאך דערזעלבער קרוב וואס האט איינמאל ארונטערגעשלייי־דערט פון בארג א שטיין אין מיין געצעלט...

— יע, דאס איז ער... דאן פלעגט ער בלויז קומען איינמאל א יאהר, צו אונזער יום טוב פון וואל שערען, און יעצט געפינט ער זיך אין פאלאץ און האט שוין נישט איינמאל געפרובירט בעלעסטיגען מיין שוועסטער מיט זיינע נארישע רייד...

— איך געדענק שוין נישט — האט זיך דוד אפגערופען וואס איז דאן געוועזן די סיבה פון זיין שטארקען כעס אויף מיר, דאס עס האט איהם בעוואויגען צו שליידערען אזא שווערען שטיין אויף מיין געצעלט... ווען ער וואלט מיר מיט דעם שטיין געטראפען וואלט ער דאך מיר געוויס געטויטעט...

— דאס איז געוועזן זיין אייפערזוכט... פערשטעהסטו מיר, ווען ער האט ביי אונז אלס גאסט פערבראכט, האט ער געזוכט צו פערוויילען מיט מיכל'ן אבער זי פלעגט איהם אויסמיידען, זי פלעגט אויף א גאנצען טאג פון הויז אוועקגעהן... ער האט דעריבער בעשלאסען איהר נאכצופאלגען... און ווען ער האט דערזעהן אז זי קוקט ארונטער פון בארג און הערט זיך צו צו דיין שפיעלען... האט ער חושד געוועזן אז דו ביזט איהר געליעבטער... די קנאה האט אין איהם געברענט און ער האט באלד, ווען מיכל איז פון דארט אוועק, אויף דיר דעם שטיין געווארפען...

— האסטו דערצעהלט מיכל'ן וואס שמעי האט צו מיר געטהאן ? — האט איהם דוד געפרעגט.

— דאן ווען דאס האט פאסירט האב איך איהר נישט דערצעהלט דערפון, אבער דא נישט לאנג ווען מיכל האט זיך פאר מיר פערקלאגט אז שמעי פער־פאלגט איהר מיט זיינע ליעבעס ערקלערונגען, האב איך איהר אלעס דערצעהלט,

און איהר ענטריסטונג איז נאך שטארקער געווארען... זינט דאן קען זי גאר אויף זיין פנים נישט קוקען...

— דו ביזט דאך צו מיר ווי א ברודער, יונתן — האט דוד איהם געזאגט נאך א קליינער פויזע — זאג דאך מיר איז מיכל'ן נישט דערווידער מיין זיין דא אין פאלאץ?...

יונתן האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג, און זיך צו איהם אפגערופען:

— פארוואס זאלסטו אזוי טראכטען פון מיין שוועסטער מיכל'ן... זינט דו ביזט צו אונז געקומען איז זי דאך העכסט גליקליך... זי האט דאך ע... — אבער צו וואס פערבארגען פון דיר מיין פריינד, מיכל האט די גאנצע צייט נאך דיר געבענקט, זי האט זיך זעהר אומגליקליך געפיהלט אין פאלאץ... ווייל זי האט זיך נישט געקענט פריי בעוועגען... און נישט איין מאל האט זי מיר געבעטען דיר אויפצוזוכען... זי האט דאך איהר לעבען דיר צו פערדאנקען...

— און פארוואס איז זי נישט אריין אין קעניג'ס צימער ווען איך האב פאר'ן קעניג געשפיעלט די ערשטע נעכט...

— ווייל זי האט מורא געהאט דאס זי וועט נישט קענען בעהערשען איהרע געפיהלען פון דאנקבארקייט צו דיר... ווייל קיינער א חוץ אונז, ווייס נישט, אז דו האסט איהר אמאל פון א פלשתי גערעטעט... איך האף אז עס וועט נאך קומען א צייט ווען מיר וועלען אלעס קענען דערצעהלען, אונזער פאטער און דאן... דאן וועט פיעלייכט אלעס אנדערש זיין...

דוד און יונתן האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און אוועקגע־שפאציערט ווייטער, און דואג האט זיך נאך ניעדעריגער ארונטערגערוקט, כדי מען זאל איהם נישט בעמערקען... ווען זיי זיינען שוין געווען ווייט פון איהם האט זיך דואג אויפגעשטעלט אויסגעגלייכט די ביינער און דורכגעפיהרט זיינע פינגער דורך זיין בארד...

— איך האב א סך געהערט — האט ער צו זיך געמורמעלט — דאס וועט מיר אלעס צוניץ קומען... אבער נישט יעדע זאך דארף איך שמעי''ן דערצעה־לען... ווען איך זאל איהם, צום ביישפיעל, דערצעהלען, אז מיכל פערהאסט איהם ווי א שפין, דאן וועט דאך פאר מיר אויך אלעס זיין פערלארען... ניין ער טאר דערפון נישט וויסען... אנאנדער געשיכטע וועל איך איהם דערצעהלען...

מיט שנעלע טריט האט זיך דואג דער אדומי דערנעהענטערט צום שטאהל און האט מיט גרויס אומגעדולד געווארט אויף שמעי'ן...

ווען שמעי איז אנגעקומען האט ער באלד בעמערקט אויף דואג'ס פנים אז ער האט פאר איהם וויכטיגע נייעס, ער האט זיך גלייך צו איהם דערנעהענ־טערט און געפרעגט:

— נו, דואג, איך זעה פון דיין פנים אז דו האסט עפעס צו דערצעהלען, זאג מיר, שנעלער וואס האסטו אויסגעפונען?....

— זעהר פיעל מיין הארר! האט דואג זיך פאר איהם פערנייגט — איך האב פרעהליכע ווי אויך אומעטיגע נייעס פאר דיר...

— נו, דערצעהל מיר פריהער פון די פרעהליכע נייעס — האט שמעי איהם געבעטען — איך בין נייגעריג צו וויסען וואס עס הייסט ביי דיר פרעה־ליכע נייעס.

— פרעהליכע נייעס הייסט ביי מיר, ווען איך האב זיך דערוואוסט אז די פרינצעסין מיכל איז אין דיר שטארק פערליעבט...

—דערצעהלסטו מיר דעם אמת ? ! — האט שמעי אויסגערופען.

יע, ווי מיין האר לעבט אז איך דערצעהל דעם ריינעם אמת — האט דואג געזאגט.

— פון וואנען האסטו זיך דערוואוסט אז מיכל איז אין מיר פערליעבט ?...

— איך האב עס געהערט פון יונתן׳ס מויל...

— פון יונתן׳ס מויל ? !

— יע, ער האט אזוי גערעדט צו דוד׳ן.

— א איך בעט דיר, דואג, דערצעהל מיר אלעם פון אנפאנג...

— היינט אין דער פריה, האב איך בעמערקט ווי יונתן שפאצירט מיט דוד׳ן... איך האב זיי נאכגעפאלגט, און ווען זיי האבען זיך אנידערגעזעצט האב איך זיך דערנעהנטערט און זיך פערבארגען הינטערן פעלזענשטיין און איך האב געקענט הערען זייער גאנצען געשפרעך...

— וועגען וואס האבען זיי גערעדט ? — איז שמעי אומגעדולדיג געווארען.

— זיי האבען טאקע גערעדט וועגען דיר, און דעריבער האב איך זיך נאך מעהר אנגעשטרענגט, איך זאל קייןווארט נישט פערהערען פון זייער געשפרעך...

— יונתן האט גערעדט וועגען מיר ? וואס האט ער אזוינס געקענט זאגען אויף מיר ?...

— ער האט געזאגט דוד׳ן אז דו ביזט אזוי ווי א דארן אין זיינע אויגען... און אז ער האט גרויס עגמת נפש דערפון וואס מיכל ליעבט שמעי׳ן...

— און וואס האט איהם דער הארפען־שפיעלען געזאגט ?

— איך האב געהערט ווי ער פרעגט איהם: "דאס איז דאך דערזעלבער שמעי וועלכער האט א שטיין אין מיין געצעלט געווארפען, ווען איך האב מיינע שאף אין טהאל געפיטערט"...

שמעי האט זיינע אויגען ברייט געעפענט... יעצט זעהט ער אז דואג דער־צעהלט דאך איהם דעם אמת... ער האט זיך דאך טאקע אונטערגעהערט זייער געשפרעך. ער האט ארויסגענומען א הויפען זילבערנע שקלים איהם דערלאנגט, און זיך אפגערופען:

— איך זעה אז דו ביזט מיר געטריי און איבערגעבען, מיין פריינד, איך וועל דיר פאר דינסט צו מיר, זעהר פיעל בעלאהנען, יעצט דערצעהל אלעם וואס דו האסט אונטערגעהערט...

— יונתן האט דעם פאסטוך געזאגט דאס ער איז זיין בעסטער פריינד, און ער וואלט זעהר געוואלט איהם האבען פאר א שוואגער, אבער צו זיין בע־דויערען, האט ער איהם געזאגט, איז דער קעניג זעהר שטארק גענייגט צו שמעי׳ן און מיכל אליין האט איהם אויך אנגעפאנגען צו ליעבען...

— מיכל האט מיר אנגעפאנגען ליעב צו האבען ? — איז שמעי אויפגע־שפרונגען פון שמחה — און דאס האסטו אליין געהערט פון איהר ברודער׳ס מויל ! נא דיר נאך עטליכע שקלים ! געבענשט זאלסטו זיין צו גאט, דואג, איך וועל קיינמאל נישט פערגעסען דיין טובה וואס דו האסט מיט מיר געטהאן... אבער זאג מיר, איך בעט דיר. וואס פאר א שלעכטע נייעס קען זיין נאכדעם ווי דו האסט אליין געהערט אז מיכל האט מיך ליעב...

דואג האָט א גלעט געטהאָן זיין שפּיציג רויטע באָרד און זיך אפּגערופען:
— פון זיין געשפּרעך מיט דעם האַרפען שפּיעלער, האָב איך פערשטאַנען אז ער איז שטאַרק דאַגעגען דאָס מיכל זאָל געהערען צו דיר... ער האָט איהם אויסדריקליך געזאָגט, דאָס ער האָט איהם בכיון געבראַכט אין דעם פּאַלאַץ, כדי ער זאָל אוועקגעווינען מיכל'ן פון דיר, מיין האַר... אָט דאָס איז די שלעכטע נייעס... ווייל איך בין זיכער אז כל זמן דוד וועט פערבלייבען אין פּאַלאַץ וועסטו נישט קריגען מיכל'ן...
— דו ביזט גערעכט, דואג — האָט שמעי געזאָגט מיט זאָרג — גיעב דאָך מיר אן עצה וואָס צו טהאָן, ווי אזוי קען מען איהם פון פּאַלאַץ פּאַריאָגען?...
דואג האָט א קנייטש געטהאָן מיט'ן שטערען און נאָכהער האָט ער זיך אפּגערופען:
— דער איינציגער וועג איז, אויף איהם אנצורייזען פאַר'ן קעניג אז ער פיהרט זיך נישט אויף גוט און אז ער פערפאָלגט מיכל'ן... דער קעניג וועט דאָך געוויס נישט וועלען אפּגעבען זיין טאָכטער צו א פּאַסטוך, בפרט ווען ער שטאַמט נאָך פון א צווייטען שבט...
— איך האָב אָבער מורא אז דער קעניג וועט גיכער גלויבען יונתן'ס ווער־טער... און א חוץ דעם ווייל איך נישט אז מיכל זאָל וויסען אז איך האָב איהם פערמסור'ט פאַר איהר פאָטער... א ווען דו קענסט איהם ערמאָרדען! דאָס איז דערווייל דער איינציגער וועג ווי פּטור צו ווערען פון איהם...
— דאָס איז אוממעגליך ביי דיזער צייט — האָט דואג געזאָגט — יונתן וואָלט זיך גלייך אנגעשלאָגען אז דאָס שטאַמט פון דיר, און דו וואָלסט פון דעם נאָכהער שטאַרק געליטען... ווען דו קענסט אויסגעפינען א בעסערען האַרפען שפּיעלער פון דוד'ן, איינער וועלכער זאָל שטאַמען פון שבט בנימין, דאַן וואָלט דער קעניג איהם זיכער אומגעביטען און דוד וואָלט דאַ אין פּאַלאַץ נישט גע־בליבען קיין איבעריגען טאָג נישט...
— איך צווייפעל צו מיר וועלען קענען געפינען אזא שפּיעלער וועלכער זאָל שפּיעלען שעהנער און בעסער פאַר דוד'ן — האָט שמעי געזאָגט מיט זאָרג — איך האָב איהם שוין עטליכע מאָל געהערט שפּיעלען... אָבער דו מוזט מיר זעהן ארויסהעלפען אין דעם, דואג...
— דערווייל וועל איך אויספאָרשען אַלעס וואָס ער טוט — האָט דואג גע־זאָגט — און איך וועל דיר איבערגעבען מעהר איינצעלהייטען, וואָס איך האָב פון איהם אויסגעפונען, דאַן וועט אפשר גרינגער זיין פון איהם פּטור צו ווערען.
— איך ווייס נישט וואָס יונתן האָט צו מיר — האָט שמעי ווי צו זיך גערעדט — מיר דוכט זיך אז איך האָב איהם קיינמאָל קיין שלעכטעס געטהאָן...
— נישט געזאָרגט מיין האַר! — האָט זיך דואג אפּגערופען — אויב נאָר די פּרינצעסין אליין איז אין דיר פערליעבט, און דו האָסט צוטריט צום קעניג, דאַן וועט מיכל געוויס געהערען צו דיר גאָר אין גיכען...

שמעי'ס האָפנונגען אויף מיכל'ן האָבען זיך פערשטאַרקט, זינט דואג האָט די "ענטדעקונג" געמאַכט אז מיכל האָט איהם שוין אנגעפאַנגען צו ליעבען...
— ווען איך זאָל נאָר האָבען גענוג מוטה צו רעדען מיט שאול'ן וועגען דעם, — האָט ער זיך געטראַכט — דאַן וואָלט איך זיכער נישט געהאַט וואָס מורא

צו האבען נישט פאר יונתן און נישט פאר דוד'ן... אבער פריהער מוז ער רעדען מיט מרב'ן וועגען עדריאל'ן... ווען זי זאל פערשלייערט ווערען, וועט איהם נישט אנקומען אזוי שווער זיך דורכצורײדען מיט'ן קעניג...

אין איניגע טעג ארום האט זיך שמעי געפאסט מוטה און איז צוגעגאנגען צו מרב'ן, זיך פאר איהר פארנייגט און געזאגט:

— ווירדיגע פרינצעסין, איך האב שוין לאנג געזוכט א געלעגענהייט מיט דיר וועגען א וויכטיגע זאך צו רעדען, אבער איך האב אלץ נישט געהאט קיין געלעגענהייט, יעצט אויב מיינע ווערטער וועלען דיר נישט פאלען צום לאסט, וועל איך ערלויבען מיט דיר צו ריידען...

— אויב די זאך איז אזוי טאקע וויכטיג ווי דו זאגסט, ערלויב איך דיר צו רעדען — אבער געדענק איך וויל פון דיר קיינע ליעבעס ערקלערונגען הערען, ווי דו האסט אפט צו מיכל'ן געטהאן...

—א ניין, פרינצעסין — איך טראג זיך נישט ארום מיט אזעלכע גע־דאנקען וועגען דיר... איך האב בלויז... ע.. הם... געוואלט רעדען מיט דיר וועגען א איך האב פערגעסען זיין נאמען... אט דער אפיציער וועלכער זיצט, מיט אפאר פלעצער העכער פון מיר, ביים קעניגליכען טיש..

— א עדריאל'ן פון מחולה מיינסטו! יעצט פערשטעה איך! — האט איהם מרב אונטערבראכען — דו ווילסט מסתמא איך זאל זיך איבעררײדען מיט'ן פאטער, ער זאל דיר ארויפהויבען אויף זיין פלאץ און איהם אראפנידערן צו דיין פלאץ...

— עס וואלט טאקע קיין גרויסע עולה נישט געווען ווען דיין פאטער וואלט עס געטהאן, נאכאלעמען איז דאך עדריאל א ווילד פרעמדער און איך בין דאך א נאהענטער קרוב פון דיין פאטער'ס משפחה... אבער דו האסט נישט געטראפען, מרב, נישט וועגען דעם בין איך יעצט צו דיר געקומען...

— דו האסט דאך מיר נאר וואס געזאגט אז דו ביזט געקומען ריידען צו מיר וועגען עדריאל'ן!...

— יע, טאקע וועגען עדריאל'ן אבער נישט וועגען דעם ענין... דאס האט גאר נישט צו טהאן צווישען מיר און איהם אבער דא האנדעלט זיך וועגען עדריאל'ן און... ע... איך מיין טאקע, דיר...

מרב האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג...

— וועגען עדריאל'ן און מיר!?...

— מיט איניגע טעג פריהער האט עדריאל פאר מיר זיין הארץ אויסגע־גאסען — איז שמעי עטוואס דרייסטער געווארען — ער האט מיר דערצעהלט אז ווען דו שענקסט איהם דיינעם א בליק, שעצט ער זיך דער גליקליכסטער אין דער וועלט?

— און ער האט עס דיר געזאגט?!... איז מרב רויט געווארען.

— נו, יע, ער האט עס מיר געזאגט! — האט שמעי געשטאמעלט — און אזוי ווי איך בין איהם א גוטער פריינד — האב איך געוואלט אז צווישען אייך ביידען זאל צו א פערשטענדניס קומען...

— א פערשטענדניס צווישען מיר און עדריאל'ן — האט מרב אויסגע־רופען מיט כעס — ווי וואגט ער גאר צו ריידען מיט דיר וועגען מיר!...

— אבער גנעדיגע פּרינצעסין, דו דאַרפסט איהם אין גאַנצען נישט בעשולדיגען... דאָס האָט איהם, ווייזט אויס שוין לאַנג געדריקט אויף׳ן הארצען און כדי עס זאָל איהם גרינגער ווערען האָט ער דאָך געמוזט מיט אימיצען וועגען דעם ריידען...

— ווער איז דער עדריאל און מיט וואָס האָט ער זיך אויסגעצייכענט ? — האָט מרב געזאָגט נאָך אַלץ מיט כעס — קען ער דען אַזוי וואונדערליך שעהן שפּיעלען ווי דוד ? אבער ניין ! אפילו ווען ער וואָלט געקענט נאָך שעהנער שפּיעלען פאר דעם הארפען שפּיעלער וועלכער איז נאָר וואָס אנגעקומען אין אונזער פּאַלאַץ, וואָלט דער פאקט, וואָס ער האָט געקענט אנפערטרויען דיר אַזאַ זאַך, גענוג געוועזען איך זאָל זיך אויף איהם נישט אומקוקען אפילו...

שמעי איז א ווײַלע געבליבען שטעהן אין פערלעגענהייט... באַלד איז איהם אבער ארויפגעקומען א נייער געדאַנק : מרב ליעבט דעם הארפען שפּיעלער !... דאָס איז דאָך דייטליך פון איהרע רייד... אויב אַזוי איז דאָך דוד׳ס זיין אין פּאַלאַץ גאָר נישט אַזוי געפעהרליך... אדרבה עס קען נאָך פאר איהם ארויסקומען דערפון א טובה... מרב זאָל זיך אין דעם פּאַסטוך פערליעבען, דאַן איז מיכל געזיכערט פאר איהם...

— איך ווײס — האָט שמעי ביטרע א זאָג געטהאָן — אַז אַזעלכע ווי דער הארפענשפּיעלער זיינען זעהר ווייניג פאַרהאַן... ווי איך האָב געהערט איז ער נישט נאָר פעהיג אַלס שפּיעלער, אבער אויך ער זינגט זעהר שעהן און פערפאַסט זאָגאַר זיינע אייגענע ליעדער... דערצו האָט ער זעהר א שעהנעם אויסזעהן און קלוגע אויגען...

מרב האָט זיך יעצט אין גאַנצען אומגעביטען... איהר כעס איז פון איהר ארונטער און א שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהר פּנים...

— ווי עס ווייזט אויס קענסטו נאָך דוד׳ן פון פריהער — האָט זי איהם געזאָגט...

— ניין, פּרינצעסין, איך קען איהם בלויז פון דאַנען, ביז ער איז אנגעקומען אין פּאַלאַץ האָב איך פון איהם נישט געהערט.

— טו פון וואַנען האָסטו אויסגעפונען אַלע זיינע מעלות אַזוי שנעל ?

— וועגען זיין שפּיעלען און זינגען זיינע אייגענע ליעדער, האָב איך אויסגעפונען אביסעל פון זיך אַליין און אביסעל פון אנדערע אבער אַז ער האָט א שעהנעם פּנים און קלוגע אויגען דאָס קען דאָך יעדער איינער זעהן...

— אבער מיין שוועסטער מיכל, האָט עס נישט געזעהן ! — האָט מרב געזאָגט מיט א געלעכטער — שטעלט זיך פאָר, שמעי, אַז ווען ער איז צום ערשטען מאָל געקומען שפּיעלען פאר׳ן פאָטער, האָט מיכל אפילו נישט געוואָלט אריינקומען אנקוקען זיין פּנים... וואָס איך האָב זיך ביי איהר ניט געבעטען... איך האָב איהר געזאָגט אַז ער בעצויבערט יעדען מיט זיין שפּיעלען און איז דאָצו אויך שעהן און קלוג. אבער איהר האָט עס גאָר נישט געאַרט... און אפילו נאָכדעם ווען זי האָט איהם שוין יע געזעהן, זוכט זי איהם אויסצומיידען...

— נו, יע — האָט שמעי א גליקליכער געזאָגט — יעדער האָט זיך זיין געשמאַק... מעגליך אַז דער פּאַסטוך איז נישט אין גאַנצען לויט דיין שוועסטער׳ס געשמאַק...

— פריהער האָב איך טאַקע געמיינט אַז זי איז ביי זיך צו שטאָלץ אַלס פּרינ־צעסין, פּאַסט איהר נישט דעריבער צו פערברייגגען מיט אַ פּאַסטוך... און איך האָב איהר דעריבער געמאַכט פאַרווירפע אבער זי האָט מיר ערקלערט אַז זי נעמט זיך שטאַרק נישט איבער מיט דעם וואָס זי איז אַ פּרינצעסין... איז עס מסתמא ווי דו זאָגסט — געשמאַק... ער איז נישט לויט איהר געשמאַק, איז דעריבער נישט פּעראינטערעסירט אין איהם...

נאָך דעם געשפּרעך מיט מרב'ן איז שמעי געוואָרען מעהר איבערצייגט אַז מיכל וועט בעלאַנגען צו איהם... ווי באַלד אַז מרב איז פאַרליעבט אין דוד'ן, וועט זי איהם געוויס קריגען... מיכל אַליין לויט איהר שוועסטער'ס ווערטער, איז נישט שטאַרק פּעראינטערעסירט אין דעם פּאַסטוך, ווי ער האָט לכתחילה גער־רעכענט... אויב אַזוי איז דאָך גאַר נישט נויטיג צו פּלאַנעווען מיט דואג'ן צו פערטריבען דוד'ן פון פּאַלאַץ... אדרבה דוד מוז יעצט פערבלייבען אין פּאַלאַץ... ער וועט נאָך זעהן איהם אַרויסצוהעלפען ווי ווייט מעגליך ער זאָל קענען חתונה האָבען מיט מרב'ן... און דאַן וועט ער קענען ריידען מיט שאול'ן וועגען מיכל'ן...

שמעי'ן האָט יעצט שטאַרק פערדראָסען וואָס ער האָט גאַר געהאַט דער־מאָהנט עדריאל'ס נאָמען פאַר מרב'ן... ער האָט יעצט מורא געהאַט טאָמער האָט ער דערוועקט אין מרב'ן אַ שטיקעל ליעבע פאַר עדריאל'ן און דאַן וועט דאָך דוד פערבלייבען זיין שטאַרקסטער קאָנקורענט צו מיכל'ן... אַ ווען מרב זאָל חתונה האָבען מיט דוד'ן, וואָלט ער דאָך דאָבײ געוואונען צוויי געווינסען: דוד וואָלט זיין קאָנקורענט מעהר נישט געווען אין ליעבע צו מיכל'ן, און אַז מרב וואָלט שוין געווען פערהייראַט, וואָלט ער גלייך געקענט ריידען מיט דעם קעניג וועגען זיין אינגערע טאָכטער...

שמעי האָט בעשלאָסען צו פערריכטען זיין טעות און איז דעריבער גלייך אַוועק צו עדריאל'ן...

— האָבסטו עפּעס גוטע נייעס פאַר מיר, מיין פריינד? — האָט איהם עדריאל בעגעגענט מיט אַ שמייכעל...

— דו האָסט זעהר אַ רייכע פאַנטאַזיע, עדריאל! — האָט שמעי איהם געזאָגט מיט אַ ביטערען שמייכעל — ווי קומסטו גאַר צו טראַכטען וועגען דיא פּרינצעסין, מרב... ביזטו דען אַ קרוב צו דעם קעניג?... דו ביזט דאָך גאַר פון אַ פרעמדען שבט... נישט גענוג וואָס דער קעניג טוט מיט דיר אַזאַ חסד און מאַכט דיר פאַר אַן אָפיציער, און דערצו נאָך ווערסטו אַ שטענדיגער גאַסט ביי זיין טיש... געהסטו שוין אַזוי הויך און פאַנגסט אָן צו פאַנטאַזירען וועגען דעם קעניג'ס עלטערע טאָכטער, די פּרינצעסין, מרב?!...

עדריאל איז געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער... ער האָט אָנגעקוקט שמעי'ן מיט פערוואונדערונג:

— אבער שמעי! — האָט ער אויסגערופען — איך האָב דאָך מיט דיר אַ וואָרט נישט גערעדט! דו ביזט דאָך צו מיר געקומען און גערעדט פון מרב'ן, וואָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע איבערראַשונג... דו ביזט געקומען און מיר געזאָגט אַז מרב האַלט זעהר פיעל פון מיר און זי האָט פון מיר אַ זעהר געהויר־

בענע מיינונג... און אז איך וועל זיין דומער פון אן עזעל אויב איך וועל די געלעגנהייט ווי צו ווערען דעם קעניג׳ס איידעם, פארנאכלעסיגען... וואס האסטו דען פון מיר אפגעשפאט?...

— נו, געווים האב איך געמאכט שפאס מיט דיר... האסטו דען נישט געקענט זעהן אז איך ביז נישט געוועזן ערנסט... איך האב דיר געוואלט אויספרובירען, ווייל איך האב אויף דיר געהאט א חשד...

— דו האסט דען, הייסט דאס, פון מיר אפגעלאכט — דו נידעריגע בעשעפעניש — האט עדריאל אויסגעשריען — און האט איהם מיט זיין פויסט א זעץ געטהאן אין פנים...

שמעי איז אנידערגעפאלען צום באדען מיט א צובלוטיגטען פנים... ער האט זיך אבער באלד צוריקגעשטעלט, געכאפט א שטיין און זיך געציעלעוועט א שליידער טהאן עדריאל׳ן אין פנים... אבער פלוצלונג איז אנגעקומען יונתן און זיך אפגערופען:

— וואס קומט דא פאר צווישען אייך, איהר שלאגט זיך גאר!...

— ער האט מיר בעליידיגט! — האט זיך עדריאל אפגערופען און דעריבער האב איך איהם געלאזט פיהלען די מאכט פון מיין פויסט...

שמעי איז געשטאנען א צוטומעלטער און א צושראקענער... ער האט מורא געהאט אז עדריאל זאל איהם נישט דערצעהלען דעם גאנצען ענין און מרב און מיכל קענען זיך נאך דערוויסען פון דעם... דאן איז ער א פערלארענער...

— ער האט דעריבער אפגעווישט דאס בלוט פון פנים און האט ארויפגעצוואונגען א שמייכעלע אויף זיינע ליפען:

— אט עס איז גארנישט, מיין האר — דאס האבען מירביידע נור עטוואס שפאס געמאכט...

— אבער דיין שוואכקייט צו ווארפען שטיינער, זעה איך האסטו אויך ווען דו טרייבסט שפאס — האט זיך יונתן צו איהם אפגערופען, אנצייגענדיג אויף׳ן גרויסען שטיין אין שמעי׳ס האנט...

שמעי האט גלייך דעם שטיין אויף׳ן באדען ארונטערגעלאזען און האט גענומען שמייכלען אזוי לעכערליך און נאריש אז יונתן האט זיך נישט געקענט איינהאלטען פון לאכען...

עדריאל האט גאר נישט געזאגט, ער איז גלייך אוועקגעגאנגען און שמעי האט זיך געפרואווט פערענטפערען, אבער ער האט געזעהן אז יונתן שענקט גארנישט קיין אויפמערקזאמקייט צו זיין רעדען... בלויז אן איראנישער שמייכעל בעוויזט זיך אויף זיינע ליפען... ער האט זיך דעריבער פערנייגט פאר יונתן און זיך צוריקגעצויגען צום שטאהל.

— ווער האט עס מיין האר אזוי צובלוטיגט? — האט זיך דואג אפגערופען ווען ער׳ האט דערזעהן שמעין ארייננקומענדיג...

— איך האב זיך אויסגעגליטשט און געפאלען... — האט שמעי געזאגט, האלטענדיג זיין האנט צום פנים — אט עס איז גארנישט, זיך נישט שטארק צוקלאפט...

דואג האט געווארפען אויף איהם א דורכדרינגענדען בליק, און ער האט גלייך בעמערקט אז שמעי׳ס צובלוטיגטער פנים קומט נישט פון א פאל... — דאס האט איהם דער יונגער הארפענשפיעלער וואהרשיינליך אנגעלערנט —

האט ער זיך געטראכט — ווי עס שיינט קען דוד אויך געבען א געזונטען קלאפּ, אויב נויטיג... יעצט וועל איך וויסען אז מען דארף זיין מעהר פארזיכטיג מיט'ן פאסטוך... ווען איך וואלט אונטערגעקומען אונטער זיין האנט וואלט איך דאך געקראגען צוקלאפּט און צובלוטיגט...

— דו ווייסט? — האט שמעי איבערגעריסען דואג'ס געדאנקען — איך האב בעשלאסען דערוויילע צורוה לאזען דעם הארפּענשפּיעלער, איך וועל דיר א צווייטען מאל דערצעהלען די אורזאכע...

— איך האב אבער גלייך פערשטאנען — האט דואג געזאגט מיט אן איינגעהאלטענעם שמייכעל — א דער הארפענשפּיעלער איז זעהר א געזונ־טער יונג, און מען דארף זיך גוט בערעכענען איידער מען פאנגט זיך אן מיט איהם... ווייל ער בעזיצט א מעכטיגען פויסט...

— איך זעה דואג אז דו מאכסט א טעות — האט איהם שמעי געזאגט — דו מיינסט אודאי אז דאס האט מיר דוד צוקלאפּט און דעריבער הייס איך דיר איהם דערוויילע צורוה לאזען, ווייל איך האב מורא פאר איהם... איך פערזיכער דיר אבער אז איך האב גאר היינט דוד'ן נישט אנגעזעהן... און כדי ארונטער־צונעמען דעם חשד פון דיר, וועל איך דיר אלעס יעצט דערצעהלען... פער־שטעהסטו מיר איך האב נאר וואס אויסגעפונען פון מרב'ן אז זי ליעבט זיך גאר אין דוד'ן... און ווען זי זאל טאקע מיט איהם הייראטען, וועט פאר מיר זיין א סך גרינגער צו קריגען מיכל'ן... דו וואונדערסט זיך ווי אזוי, זעה איך... טו הער זיך גוט איין: דו ווייסט דאך געוויס ווי שטארק איך בין געאכטעט ביי דעם קעניג... איך קען צו איהם ריידען צו יעדער ווילע... איך האב געהאט פיעלע געלעגענ־הייטען צו ריידען מיט איהם וועגען מיכל'ן, אבער איך ווייס גאנץ גוט דאס ער וועט מיר ענטפערען אז איידער זיין עלטערע טאכטער איז נישט פערהייראט, קען ער וועגען דער איינגערער גארנישט ריידען... געוועהנליך וועט ער דאך זיין גערעכט... יעצט אבער אז איך האב זיך דערוואוסט אז מרב איז פערליעבט אין דוד'ן, וועט דאך מיר מיכל יעצט א סך לייכטער אנקומען... ערשטענס וועט שוין דוד מעהר מיין קאנקורענט נישט זיין און דער קעניג וועט מיר מעהר נישט קענען געבען אזא תירוץ וועגען מיכל'ן...

— אויב אזוי דארפסטו, מיין האר גאר נישט זיין אויפגעבראכט אויף דוד'ן... דו דארפסט בלויז זעהן אויסצופיהרען דעם שדוך צווישען דוד'ן און מרב'ן — האט דואג געזאגט מיט א שמייכעל.

— דאס טאקע וועל איך טהאן — האט איהם שמעי געענטפערט — אבער דיין בעלאהנונג וועט אפילו יעצט אויך זיין זעהר גרויס... ווייל דו ווייסט מיינע סודות, און איך בין זיכער אז דו וועסט זיי פאר קיינעם נישט דערצעהלען...

עלפטער קאפּיטעל

ליגענס

דוד איז שוין געוועזן אין פּאלאץ עטליכע חדשים און כאטש ער האט מיכל'ן געזעהען כמעט יעדען טאג, האט ער דאך אבער קיין געלעגענהייט נישט געהאט צו זיין מיט איהר אליין, און אויסצוגיסען זיין הארץ פאר איהר... ער ווייס אז מיכל איז צו איהם אויך נישט גלייכגילטיג, און לויט ווי יונתן האט איהם

איבערגעגעבען, איז מיכל שטארק פאראינטערעסירט אין איהם... אבער עס קאן דאך זיין אז איהר גאנצער אינטערעס אין איהם קומט בלויז פון די דאנקבארקייט וואס זי האט אין הארצען פאר איהם, וועלכער האט איהר פון א זיכערען טויט געראטעוועט... און נאך א זאך איז איהם שווער צו פערשטעהן פארוואס מיכל קומט זעלטען אריין אין דעם קעניג׳ס צימער ווען ער שפיעלט פאר שאול׳ן... מרב האט נאך קיינמאל נישט פערפעהלט דארט אריינצוקומען און זי נעמט איהרע אויגען פון איהם נישט ארונטער... זי האט שוין אויך פרובירט מיט איהם רעדען אין [illegible] ווען ער איז אליין געווען... אבער מיכל... זעלטען ווען ער זעהט איהר אליין. זי איז אדער מיט איהר ברודער יונתן אדער מיט מרב׳ן... ווען זי איז [illegible] מיט יונתן, דאן האט ער יע א געלעגענהייט מיט איהר צו ריידען... אבער ווען זי איז מיט איהר שוועסטער, דאן זוכט זי איהם גאר אויסצומיידען... אפשר איז זי איהם נאך חושד אז ער איז פערליעבט אין מרב׳ן?... אזעלכע געדאנקען האבען דוד׳ן בזאומרוהיגט, און ער האט בעשלאסען איין מאל פאר אלע מאל אויסגיסען זיין הארץ פאר זיין בעסטען פריינד יונתן.

ווען אבער ער פלעגט מיט יונתן פערברייננגען, האט ער אליין געזעהן צו אויסצומיידען א געשפרעך וועגען מיכל׳ן... ער האט דערצו דעם מוטה נישט געהאט און א חוץ דעם האט ער מורא געהאט אז יונתן וועט איהם פיעלייכט זאגען אז מיכל איז אין איהם מעהר נישט פאראינטערעסירט...

זעהר פריה פלעגט דוד אויפשטעהען, אומבעמערקטערהייט ארויסגעהן פון פאלאץ מיט זיין הארפע און אריינגעהן אין דעם נאהענטען וועלדעל אדער צוגעהן צו דעם קלארען פליסענדען טייכעל און זינגען און שפיעלען אויף דער הארפע... ער האט פיעלע ליעדער פערפאסט און זיי געזונגען און געשפיעלט... און ווען רוישט פון דער וואונדער שעהנער נאטור... נעמען ריידען די סטרונעס פון זיין הארפע און בעגלייטען איהם זיין ליעד:

פרעכטיג שעהן ביזטו, פרינצעסין;
פרעכטיג ווי די זון אויפגאנג!
דיינע אויגען — ווי בריליאנטען,
דיין שטימע — א הארפען קלאנג!...

איך קוויק מייז הארץ מיט דיין געשטאלט;
איך לעש מיין דורשט מיט דיין בליק!
קום דאך, ליעבסטע, צו מיר גאנץ נאהענט,
און ברייננג ס׳פרייד צו מיר צוריק־...

אזוי האט דוד פערבראכט יעדען פריהמארגען... און נייע ליעבעס ליעדער געשאפען און ווען ער פלעגט זיך צום פאלאץ צוריקקערען, פלעגען זיינע בליקען וואנדערען צו מיכל׳ס באלקאן אדער צו איהרע פענסטער... אבער ווי צו להכעיס פלעגען זיי זיך בעגעגענען מיט מרב׳ס בליקען...

מרב האט זעלטען אויסגעלאזען די געלעגענהייט צו זיין נעבען דוד׳ן... יעדעס מאל ווען זי פלעגט הערען די טענער פון דער הארפע, דרינגען דורך

דעם פאלאץ, אזוי פלעגט זי שטילערהייט אויף די שפיץ פינגער, אין צימער אריינגעהן און בעטראכטען זיינע שעהנע לאקען, זיינע רויטע באקען און זיין שלאנקען בויגזאמען קערפער... זיין שפיעלען איז צו איהרע אויערען געווען ווי הימלישע מוזיק...

מרב האט וואס ווייטער געפיהלט אז זי איז פערליעבט אין דוד'ן... — א וועז ער זאל נאר בעווייזען א גרויסע העלדענטהאט, און ווען איהר פאטער וואלט איהם א הויכען מיליטערישען אמט געגעבען, דאן וואלט זי איינגעשטימט צו ווערען זיינע... אבער יעצט, נאך אלעמען איז ער דאך א פאסטוך און דערצו שטאמט ער פון שבט יהודה... ניין, זי טאר גאר אזעלכע געדאנקען נישט דערלאזען... פונדעסטוועגען האט זי גענומען וואונדערען וואס דוד טראכט וועגען איהר... זי האט שוין עטליכע מאל בעמערקט אז דוד קוקט ארויף אויבען... צו איהרע פענסטער, און ווען ער דערזעהט איהר, לאזט ער ארונטער די אויגען... דאס צייגט אז ער איז געווים פערליעבט אין איהר... און פלוצלונג ווערט זי אנגעפילט מיט שטאלץ און זי ווערט אביסעל אין כעס אויף די "חוצפה" פון יונגען פאסטוך וואס "וואגט" גאר אפילו צו טראכטען פון איהר, דעם קעניג'ס טאכטער... באלד אבער פערשווינדט איהר "כעס" און זי נעמט ווידער טרוימען פון דוד'ן... זי קען איהרע געפיהלען נישט בעהאלטען זי וויים דאך אז אין הארצען האט זי איהם פארט ליעב...

איינמאל ווען דער קעניג און זיין פאמיליע זיינען געזעסען ביים טיש און געגעסען פריהשטיק, האט זיך שאול אפגערופען!

— איהר ווייסט אז דוד'ס שפיעלען האט מיר קורירט בעסער ווי אלע רופאים פון פאלאץ... איך פיהל זיך יעצט שטארק גענוג צו טהאן מיינע פליכטען פאר מיין קעניגרייך... איך וויל דעריבער בעלאהנען דוד'ן פאר זיין שפיעלען, פרעג איך אייך מיינע קינדער, פון וואס זאל בעשטעהען זיין בעלאהנונג?...

— מאך איהם פאר א גענעראל איבער איינע פון דיינע ארמעען — האט זיך מרב אפגערופען — איך גלויב אז ער וועט ארויסצייגען אזא געשיקטקייט אין פיהרען אן ארמעע ווי אין שפיעלען די הארפע...

— אבער מיין טאכטער, — האט שאול געזאגט מיט א שמייכעל דוד האט נאך ביז אהער קיין מיליטערישע ערפאהרונג נישט געהאט, און א חוץ דעם איז ער נאך צו יונג פאר אזא פעראנטווארטליכען אמט...

— ווען דו קענסט איהם מאכען פאר דיין "נושא כלים" (געוועהר טרעגער), דאס וואלט געווען פאר איהם ווי צוגעפאסט, און איך גלויב אז ער האט טאקע פערדינט אזא אמט, ווייל ער איז בראוו און העלדיש — האט יונתן געזאגט.

— און וואס איז דיין מיינונג, מיכל? — האט איהר שאול געפרעגט.

מיכל'ס פנים איז בעדעקט געווארען מיט א רויטקייט... איהר פאטער'ס פראגע האט איהר געבראכט אין א פערלעגענהייט. באלד אבער איז זי צו זיך נעקומען און זיך אפגערופען:

— טו, ווי יונתן זאגט דיר, פאטער, ווייל ער קען דאך איהם זעהר גוט און וויים דאך וואס פאר איהם איז צוגעפאסט...

— אויב אזוי — האט שאול געזאגט — וועל איך טאקע מאכען דירפאר מיין "נושא כלים". געה יונתן, רוף איהם אריין, איך וועל איהם זאגען וועגען זיין נייעם אמט וואס ער קריגט ביי מיר.

יונתן איז ארויס פון עס צימער און איז באלד צוריקגעקומען מיט דוד׳ן.

— איך האב דיר אויסדערוועהלט צו זיין מיין נושא כלים — האט איהם שאול געזאגט, און דאס טו איך אלס א בעלוינונג פאר דיין וואונדער שעהנעם שפיעלען, וואס האט בערוהיגט מיינע צורודערטע נערוועז... איך וועל באלד נעמען מיין ערשטען שפאציער, זינט איך בין קראנק געווארען און דו וועסט מיט מיר מיטגעהן און טראגען מיינע געוועהר.

דוד האט זיך פערנייגט און בעדאנקט דעם קעניג פאר די גנאדע וואס ער טוט מיט איהם... ער האט אין דערזעלבער צייט א בליק געטהאן אין דער ריכ־טונג וואו מיכל איז געזעסען... און זיין הארץ האט גענומען שטארקער קלאפען...

דוד האט זיך געפיהלט זעהר גליקליך מיט זיין נייעם אמט... — יעצט, האט ער געטראכט, וועט ער האבען א געלעגענהייט זיך צו בעטהייליגען אין די מלחמות... זיינע ברידער וועלען איהם שוין מעהר נישט קענען שטערען... ער איז שוין נישט מעהר דוד דער יונגער פאסטוך פון בית לחם, נאר דוד, דעם קעניג׳ס נושא כלים...

ווען שמעי בן גרא האט דערהערט אז דוד איז געווארען שאול׳ס געוועהר טרעגער, האט עס איהם זעהר שטארק פערדראסען... ער האט שוין פון לאנג געהאפט צו קריגען דיזען אמט ביים קעניג, ווייל ער האט געוואוסט אז דער פריהערדיגער נושא כלים פון קעניג איז געוועזן צו אלט, און אז שאול וועט אין גיכען בעשטימען א צווייטען אויף זיין פלאץ און איז געוועזן זיכער אז שאול וועט קיין אנדערען ווי איהם נישט בעשטימען פאר דיזען אמט... און יעצט האט דער קעניג גאר בעשטימט דוד׳ן, זיין שונא, אנשטאדט איהם... ער זעהט שוין אז אזוי גרינג וועט ער שוין נישט קענען פטור ווערען פון דוד׳ן...

שמעי האט זיך יעצט גענומען נאך מעהר שרעקען, טאמער וועט דוד אוועקנעהמען מיכל׳ן פון איהם... אויך פריהער איז מיכל געוועזן גלייכגילטיג צו דוד׳ן, וועט זי יעצט אויף איהם גאנץ אנדערש קוקען, יעצט ווען דער פאסטוך איז אזוי פלוצלונג דערהויבען געווארען צו זיין דעם קעניג׳ס נושא כלים... — עפעס וועט ער מוזען טהאן און טאקע שנעל — האט זיך שמעי געטראכט — אבער דיזען מאל וועט ער מוזען זיין מעהר פארזיכטיג... דער וועהטאג און שאנדע וואס ער האט געהאט דורך זיין אומפארזיכטיגקייט מיט עדריאל׳ן, איז נאך אזוי שנעל נישט פאריבער... ער האט דעריבער בעשלאסען איידער ער וועט געהן עפעס טהאן, זיך דורכצוריידען מיט דואג׳ן דעם אדומי, און הערען זיין עצה...

ווען ער איז אריין אין שטאל האט ער געטראפען דואג׳ן ליגענדיג אויף דעם היי און דרעמלענדיג...

— שטעה אויף דואג — האט איהם שמעי א טרייסעל געטהאן — אז דו שלאפסט יעצט, וואס וועסטו ביינאכט טהאן?...

דואג האט זיך שנעל אויפגעשטעלט און זיך גענומען ענטשולדיגען פאר זיין שלאפען!...

— איך האב געהאט זעהר פיעל ארבייט היינט אין דערפריה, ווייל, ווי איך האב געהערט וועט דער קעניג זיך שוין ווידער אנפאנגען בענוצען מיט זיינע פערד...

— יע, — האָט שמעי געזאָגט — און ווייסטו ווער עס וועט מיט איהם מיטרייטען יעצט אלס זיין נושא כלים?

—איך האָב אין דעם גאר קיין צווייפעל נישט אז דו וועסט עס זיין, מיין האר... איך האָב אבער געוואוסט אז דער קעניג וועט דיר דערהויבען צו א העכערען אמט, לויט ווי דו האָסט פערדיענט... יעצט דארפסטו זעהן צו האלטען דיין ווארט וואס דו האָסט מיר פערשפּראָכען צו דערמאהנען פאר'ן קעניג איך זאָל עפּעס אויך געניסען און קריגען א גרינגערע און מעהר בכבוד'יגע שטעלע ביים קעניג...

— ניין, מיין פריינד! — האָט שמעי געביסען זיינע ליפּען, דיזען אמט האָט דער קעניג גאר אפּגעגעבען צו מיין גרעסטען שונא — דוד'ן!...

— אזוי גאר! — האָט דואג אויסגערופען — איך האָב אבער געוואוסט אז דער יונגער שפּילער וועט זוכען צו קלעטערען אלץ העכער און העכער...

— נו, גיעב דאָך מיר אן עצה וואס צו טהאָן? — האָט איהם שמעי געבעטען — איך האָב מורא אז איך וועל יעצט אויך פערליערען מיכל'ן. ווייל אויב מיכל איז ביז אהער געווען פערליעבט אין מיר, קען דאָך זיין, אז נאך דעם ווי דוד איז אזוי שנעל דערהויבען געווארען, זי זאָל נעמען טראכטען פון איהם...

—דו האָסט מיר אבער געזאָגט אז מרב איז פערליעבט אין דוד'ן — און אלס די עלטערע טאכטער פון קעניג, וועט זי מסתמא יעצט געוויס הייראַטען מיט איהם...

— אבער וואס וועל איך טהאָן אויב דוד ליעבט נישט מרב'ן און דערצו וועט איהם יונתן העלפען קריגען מיכל'ן...?

— מיין עצה איז — האָט זיך דואג אפּגערופען — אז דו זאלסט זיך דורכריידען מיט דוד'ן און איהם דערצעהלען ווי שטארק מרב ליעבט איהם און דערצו זאלסטו איהם צוזאָגען צו העלפען צו ווערען דיים קעניג'ס איידעם...

— דיין עצה וואלט געווען גוט, ווען איך וואלט נישט געהאט א טרויעריגע ערפאהרונג נישט לאנג צוריק מיט עדריאל'ן פון מחולה...

— וואס האָט דען פּאסירט? — איז דואג נייגיריג געווארען.

— פערשטעהסטו מיר, איך האָב געמאכט א טעות... מיר האָט זיך געדוכט אז דעם קעניג'ס עלטערע טאכטער איז פערליעבט אין עדריאל'ן... נו, האָב איך זיך געטראכט אז ווען זי וועט מיט איהם חתונה האָבען וועט פאר מיר א סך גרינגער זיין צו רעדען מיט'ן קעניג וועגען מיכל'ן... איך בין דעריבער אוועק זיך דורכריידען מיט עדריאל'ן וועגען מרב'ן, און איהם געזאָגט אז מרב איז אין איהם שטארק פערליעבט... ווען אבער איך בין אוועק צו מרב'ן און דערמאנט עדריאל'ס נאמען, איז זי אויף מיר בייז געווארען, און לויט איהרע ווערטער האָב איך פערשטאַנען אז זי איז גאר פערליעבט אין דעם הארפען־שפּילער, בין איך גלייך אוועק צו עדריאל'ן און איהם געזאָגט אז איך האָב געמאכט בלויז שפּאס מיט איהם און אז מרב ליעבט איהם נישט... איז ער אויפגערעגט געווארען און זיך געכאפּט צו מיר שלאָגען... זיין גליק וואס יונתן איז בעת מעשה אנגעקומען, אזוי וואלט ער שוין פערזאָגען א צעהנטען נישט הויבען קיין האנט אויף שמעי'ן... יעצט האָב איך מורא אז ווען איך וועל זאָגען דוד'ן וועגען מרב'ס ליעבע צו איהם, און טאָמער לאָזט זיך ווידער אויס אז איך האָב איהר נישט גוט פערשטאַנען, דאן וועט זיך דוד געוויס זוכען זיך אפּצורעכענען מיט מיר...

— נו, אויב אזוי מוזטו זעהען מעהר אזעלכע פעהלערען נישט מאכען, און איידער דו געהסט צו דוד'ן, געפין אוים אויף זיכער פון מרב'ן און אויב זי ליעבט איהם טאקע. דאן האסטו דאך נישט וואס מורא צו האבען און דו וועסט קענען אפען רעדען וועגען דעם מיט דוד'ן...

— דאס האב איך שוין אליין גערעכענט צו טהאן — האט שמעי געזאגט — אבער אין פאל דוד וועט גאר וועגען מרב'ן נישט וועלען הערען וואס קען איך דאן טהאן ?... ווען דו וועסט מיר קענען ראטען וואס צו טהאן, וועסטו קריגען א גוטע בעלאהנונג פון מיר...

דואג האט זיך צוגעזעצט אויף'ן היי, האט געריבען זיין שטערען, געפינגערט זיין בארד און נאכהער האט ער זיך אפגערופען:

— איך האב א פלאן, ווי אזוי אין גאנצען פטור צו ווערען פון דוד'ן אויב ער וועט זיך פערעקשנ'ען און זיך נישט וועלען צוהערען צו דיר...

— זאג מיר שנעלער דיין פלאן ! — האט שמעי אומגעדולדיג אויסגערופען.

— דו וועסט אוועקגעהען צום קעניג און איהם זאגען אז דוד זוכט איהם צו טויטען און ווערען קעניג אויף זיין פלאץ... און ווען שאול וועט דיר פרעגען פון וואנען דו ווייסט עס, זאלסטו איהם זאגען אז דו האסט עס געהערט פון מיר. און אויב דער קעניג וועט מיר שיקען רופען און פרעגען צו עס איז אמת, וועל איך איהם זאגען, אז דוד האט מיר זיין פלאן פערטרויט, און מיר געבעטען איך זאל איהם העלפען טויטען דעם קעניג, בעת ער וועט ארויפשטייגען אויף זיין פערד און דערפאר, וועט ער מיר מאכען פאר זיין נושא כלים...

— וועט דען דער קעניג וועלען גלויבען אזא זאך אויף דוד'ן ?

— איך וועל שווערען אז אלעס וואס איך זאג איז אמת... און דו אליין וועסט מוזען צוגעבען אז דו האסט געזעהן ווי דוד האט זיך מיט מיר געסוד'עט... דער קעניג איז קראנק און נערוועאיש און ער וועט זיכער גלויבען אזא זאך, ווען דו וועסט איהם דערצעהלען און איך וועל עס בעשטעטיגען...

— אבער טאמער געפינט ער אוים אז עס איז א בלבול, דאן בין איך א פערלארענער — האט שמעי געזאגט מיט זארג.

— גאנץ פריה שטעהט דוד אויף יעדען טאג און פערלאזט דעם פאלאץ און געהט מיט זיין הארפע אין וואלד אדער צום טייך... איך וועל איהם נאכפאלגען און מיט איהם עפעס ריידען... דו וועסט מיטנעהמען א פאר עדות, וועלכע וועלען קענען עדות זאגען אז זיי האבען געזעהן דוד'ן סוד'ען זיך מיט מיר, און דאס איבעריגע וועט שוין זיין זעהר גרינג...

— דאס איז אבער פארט א געעפהרליכע אונטערנעהמונג — האט זיך שמעי אפגערופען — ווען דער קעניג וועט אויסגעפינען דעם אמת, וועט ער דאך מיר געוויס לאזען טויטען...

— און מיר וועט ער אויך נישט שאנעווען, פונדעסטוועגען בין איך בער־גרייט איינצושטעלען מיין לעבען אין סכנה פאר מיין פריינד — האט איהם דואג א חניפה געטהאן.

— איך זעה, אז דו ביזט מיר אן איבערגעגעבענער פריינד — האט שמעי געזאגט און איהם דערלאנגט עטליכע שקלים — דיין עצה געפעלט מיר זעהר גוט... אבער איך גלויב אז דאמיט וועל איך זיך קענען בענוצען בלויז אין לעצ־טען פאל, ווען איך וועל זעהן אז ער זוכט טאקע אוועקצונעמען מיכל'ן פון מיר...

— יעדענפאלס, ביז איך דיר געגרייט צו דינען מיין האר — האָט דואג געזאגט — און וואָס דו וועסט מיר הייסען וועל איך טהאָן...

— דערווייל"ע דאַרפסטו זעהן נאכצופאָרשען אלע דוד'ס וועגען, און זיך אונטערהערען צו זיינע געשפּרעכען מיט יונתן, און איבערהויפּט, דאַרפסטו אויסגעפינען צו ער רעדט מיט מיכל'ן... אויב דיר וועט געלינגען זיך אונטערצוהערען וואָס זייריידען. און דו וועסט מיר בעריכטען, אלעס וואָס דו האָסט געהערט, וועסטו קריגען פאר יעדען בעריכט פינף און צוואנציג שקלים... איך בין גענוג רייך, איך וועל דיר גוט בעצאָהלען...

שמעי האָט יעצט געזוכט נאך א געלעגענהייט אריינצוגעהן אין א געשפּרעך מיט מרב'ן וועגען דוד'ן און געוויי אויסגעפינען וואָס זי טראכט וועגען איהם. ער האָט אפּגעוואַרט ווען זי איז ארויס פון פּאלאץ און אליין געשפּאצירט אין גארטען. ווען זי איז איהם פאַרבייגעגאנגען האָט ער זיך פאר איהר פערנויגט.

— וואָס טוסטו דאָ יעצט אין גארטען? — האָט איהם מרב געפרעגט.

— איך האָב געדענקט אז איך וועל דא זעהן דוד'ן, איך האָב איהם געוואָלט בעגריסען צו זיין נייעם אמט, צו וואָס דער קעניג האָט איהם נאר וואָס בעשטימט.

— און איך האָב געמיינט — האָט זיך מרב אפּגערופען מיט א שמייכעל — אז דיר וועט די זאך שטארק פערדריסען, ווייל ווי איך האָב דיר פריהער פערשטאנען, האָסטו אליין געזוכט דיזען אמט ביי מיין פאטער...

— א ניין, פּרינצעסין, ווי איך זעה קענסטו מיר נאך נישט גוט... — האָט ער געזאגט מיט א שמייכעל — אבער מיר דוכט זיך אז עס איז שוין צייט דו זאָלסט דיין קרוב קענען עטוואס בעסער... מיר פערדריסט קיינמאל נישט אויב דיין פאטער בעשטימט א פרעמדען, פאר א הויכען רעגיערונגס אמט, אויב דער פערזאָן האָט עס זיכער פערדיענט... איך בין זיך מודה אז דוד, דער וואונדערבארער הארפענשפּיעלער מיט זיין שעהנעם אויסזעהען, איז מעהר צוגעפּאסט צו זיין דעם קעניג'ס נושא כלים, ווי איך... אבער זעהסטו, ווען דער קעניג דערהויבט אזא פּוסטע כלי ווי עדריאל פון מחולה, מיט א פּאר פּלעצער העכער פון מיר און דערצו מאכט ער איהם נאך פאר אן אפיציער, דאס פאַרדריסט מיר שוין שטארק... וואָלט ער לכל הפּחות געווען פון אונזער שבט בנימין, וואָלט איך עס פערשטעהן, אבער ער איז דאך גאר א ווילד פרעמדער, פון אן אנדער שבט, און דערצו א גארנישט...

— אבער מיט איינינע טעג צוריק האסטו דאך מיר געזאגט אז דו ביזט עדריאל'ן א גוטער פריינד און דו האָסט געוואָלט אז צווישען אונז זאָל צו א פערשטענדניס קומען — האָט מרב געלאכט.

— נו, האָב איך געמאכט א טעות, איך האָב געמיינט אז עדריאל איז טאקע א וויכטיגע פּערזענליכקייט, אבער יעצט זעה איך דאך אז ער איז גאר א פּוסטער בעל גאוה...

—פון וואנען האָסטו עס אזוי שנעל אויסגעפונען?

— טאקע פון דיר אליין, מרב — האָט שמעי געענטפערט — ווייל ווען ער האָט מיט מיר גערעדט וועגען דיר, האָב איך געגלויבט, אז דו האָסט איהם דערצו ערמוטהיגט, אבער ווען איך האָב אויסגעפונען, אז דו קלערסט גאר אפילו

נישט פון איהם, האב איך שוין פערשטאנען וואס פאר א מענש ער איז... זעהסטו פון דוד'ן האלט איך זעהר פיעל... און ווען ער האט וועגען דיר גערעדט מיט בעגייסטערונג, האב איך זיך צו איהם גוט צוגעהערט און איך בין אין הארצען נישט געווען בייז אויף איהם וואס ער וואגט גאר אפילו צו טראכטען וועגען דיר...

— וואס, שמעי? — האט מרב אויסגערופען מיט פרייד און איהרע אויגען האבען געגלאנצט — האט דען דוד מיט דיר גערעדט וועגען מיר?...

שמעי האט בעטראכט מרב'ס פנים, ער האט געזעהן איהר נייגעריגקייט און האט געוואוסט אז זיין ארבייט איז יעצט נישט ארויסגעווארפען... ער האט זיך אפגערופען:

— איך ווייס נישט, מרב צו איך האב א רעכט דיר איבערצוגעבען וואס מיין פריינד האט מיר אנפערטרויט... איך גלויב אז ער ערווארט פון מיר איך זאל עס האלטען בסוד...

— אבער שמעי, איך בעט דיר דערצעהל דאך מיר אלעס וואס דו האסט געהערט פון זיין מויל, ווייל עס אינטערעסירט מיר זעהר פיעל... ביזטו דען נישט מיין קרוב פארוואס זאלסטו וועלען פערבארגען פון מיר א זאך וואס איז אזוי וויכטיג פאר מיר?... קום, לאמיר זיך זעצען דארטען אויף'ן באנק און דו וועסט מיר דערצעהלען...

— נו, גוט — האט זיך שמעי געמאכט ווי ער לאזט זיך בעטען — דו מוזט מיר אבער פערשפרעכען אז דו וועסט קיינעם דערפון נישט דערצעהלען, ווייל איך וויל נישט אז דוד זאל זיך דערוויסען אז איך פערראט זיינע סודות... און איך וואלט עס זיכער נישט געטאהן, נאר ווייל דו בעטעסט מיר אזוי שטארק און איך ווייס אז דאס איז דאך טאקע נוגע דיר וועל איך דיר דערצעהלען אלעס פון אנפאנג...

ער האט זיך א ווייל פערטראכט און גענומען קלערען ווי אזוי ער זאל דעם ליגען אנפאנגען...

— נו, דערצעהל דאך שוין — איז מרב געווארען אומגעדולדיג.

— מיט אפאר טעג צוריק — האט שמעי אנגעפאנגען — האב איך בעגעגענט דוד'ן און רעדענדיג מיט איהם וועגען פערשיעדענע זאכען, האב איך בעמערקט אז ער קוקט אויס צו זיין זעהר אומעטיג... איך האב איהם געפרעגט די אורזאכע האט ער מיר געזאגט אז ער פיהלט זיך זעהר איינזאם אין פאלאץ, און דערצו בענקט ער אהיים... און נאכהער האט ער מיר געזאגט, אז ער וואלט שוין לאנג געבעטען ביי דעם קעניג ערלויבניס צוגעהן נאך בית לחם... אבער איין זאך האלט איהם אפ דערפון... איך האב איהם געפרעגט וואס דאס איז און איך האב בעמערקט ווי ער זוכט עפעס פון מיר צו פערבארגען... איך בין צו איהם צוגעשטאנען אבער ער האט מיר געזאגט אז ער קען מיר יעצט גארנישט זאגען וועגען דעם...

פון זיינע אויגען האב איך גלייך פערשטאנען וואס די פערבארגענע זאך איז, און איידער ער האט צייט געהאט דערפון זיך ארויסצודרעהען, האב איך זיך צו איהם אפגערופען:

— אויב איך טרעף וואס דאס איז, זאגסטו מיר צו אז דו וועסט מיר

מודה זיין. ער האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ אויף יא, און איך האב אויסגערופען: איז עס נישט מרב, די יעניגע וועלכע האלט דיר אפ פון צו פערלאזען דעם פאלאץ?...

זיין פנים האט זיך געביעטען קאליערען און ער האט אויסגערופען מיט גרויס ענטציקונג: דו האסט געטראפען שמעי, מרב איז די וועלכע האט מיר געמאכט ענדערען מיין בעשלוס צו פערלאזען דעם פאלאץ... איך ווייס אז איך טאר גאר אפילו וועגען איהר נישט טראכטען, ווייל ווי קום איך, דער פאסטוך פון בית לחם, צו די פרינצעסין מרב... אבער איך קען מיר נישט העלפען, איך ליעב איהר מיט מיין גאנצען לעבען...

— אזוי האט דוד פון מיר געקעדט! — האט מרב אויסגערופען א גליקליכע

— יעצט וועל איך דיר אויך דעם אמת זאגען, שמעי, איך זעה דאך אז א קרוב איז פארט נישט קיין פרעמדער, און דעריבער וועל איך דיר אויך פארטרויען מיין סוד... איך האב דוד'ן ליעב בעקומען, זינט איך האב איהם צום ערשטען מאל דערזעהן און געהערט זיין וואונדערבארען שפיעלען... אבער געוועהנליך, איידער ער איז געווארען מיין פאטער'ס נושא כלים, האב איך אזא זאך נישט געטארט צולאזען צו מיינע געדאנקען. ווייל איך וואלט דאך נישט געהייראט אן איינפאכען פאסטוך, יעצט אבער אז ער איז דערהויבען געווארען צו אזא בכבוד'יגען אמט, און ער קען נאך שטייגען העכער און העכער, יעצט, בין איך זעהר גליקליך צו הערען פון דיר, אז דוד ליעבט מיר... איך בין זיכער אז מיין פאטער און מוטער וועלען אויך נישט האבען דאגעגען, ווייל דוד איז ביי זיי זעהר טייער...

— אין פאל דוד פרעגט מיר וועגען דיר — האט שמעי זיך אפגערופען— זאל איך איהם ערמוטהיגען אדער איך זאל זיך גארנישט מאכען וויסענדיג...

— דו קענסט איהם ערמוטהיגען! — האט מרב געזאגט — און אויב דו ווילסט קענסטו אונז נאך ביידען א סך העלפען אין דעם, דו ווערסט פון איהם אויסגעפינען וואו ער וויל זיך טרעפען מיט מיר און נאכהער וועסטו עס מיר זאגען... דו וועסט זיין אונזער שליח און דערפאר וועל איך דיר אפטהאן א טובה...

שמעי האט זיך פארנייגט און איז אוועקגעגאנגען. ער איז געווארען פרעהלאך און מונטער... ער זעהט שוין אז זיין פלאן וועט פערווירקליכט ווערען... יעצט וועט ער קענען ריידען מיט דוד'ן וועגען מרב'ן און נישט דארפען מורא האבען... ער וועט דאך איהם זאגען דעם אמת אז מרב איז אין איהם שטערבליך פערליעבט...

אויף מארגען איז שמעי אויפגעשטאנען זעהר פריה און ער האט אפגעווארט דוד'ן ביי דעם ארויסגאנג פון פאלאץ.

— גוט מארגען, מיין פריינד דוד, האט זיך שמעי אפגערופען, איך וויל דיר פון מיין טיעפסטען הארצען בעגריסען צו דיין אנגעזעהענעם אמט וואס דו האסט געקראגען פון קעניג... איך בין זיכער אז דו ביזט דער איינציגער פערזאן פון אלע וועלכע געפינען זיך אין קעניגליכען פאלאץ, וועלכער איז ווערט געווען צו קריגען אזא כבוד ווי צו ווערען דעם קעניג'ס נושא כלים...

— איך דאנק דיר פאר דיין הערצליכער בעגריסונג, שמעי — האט איהם דוד געענטפערט — איך בין זעהר צופריעדען צו וויסען אז דו ביזט אויך איינער פון מיינע פריינד אין פאלאץ.

— דורך דיין קורצער צייט פון דיין שטעהן אין פאלאץ, האסטו זיך ערוואָרבען פיעלע גוטע פריינד — האָט איהם שמעי געחנפ'ט — אבער זינט דער קעניג האָט דיר פאר זיין נושא כלים בעשטימט, איז די פרינצעסין'ס פריינדשאפט צו דיר פערוואנדעלט געווארען אין עפּעס העכערעס און שעהנערעס...

— וואס מיינסטו דאמיט, שמעי? האט איהם דוד געפרעגט מיט פערוואונדערונג...

— דיר איז דאך מסתמא בעוואוסט — האט זיך שמעי אפגערופען מיט שמאָלץ, אז איך בין א מיטגליעד פון דער קעניגליכער פאמיליע... און פאר מיר איז קיין פערבארגענעס נישטא, און אפילו דעם קעניג'ס טעכטער דערצעהלען מיר אלע זייערע סודות...

און אט האט פאר מיר די פרינצעסין אויסגעגאסען איהר הארץ און האט מיר דערצעהלט אז זי איז אין דיר זעהר שטארק פערליעבט און מיר געבעטען איך זאָל איהר העלפען געווינען דיין ליעבע... און ווי איך פערשטעה ביזטו אליין צו איהר אויך נישט גלייכגילטיג... דעריבער איז מיין עצה צו דיר, דוד, דו זאלסט בעשטימען די צייט און א פלאץ וואו און ווען איהר זאלט זיך בעגעגענען און קומען צו א פערשטענדניס...

דוד איז געבליבען שטעהן ווי א בערווישטער... זיין פנים איז בעדעקט געווארען מיט א רויטקייט... אט שטעהט פאר איהם שמעי בן גרא, וועלכער איז איהם אמאל געווען א שונא, און לויט ווי יונתן האט איהם געזאגט האט שמעי דעם שטיין געווארפען אויף אייפערזוכט צו מיכל'ן און יעצט קומט ער גאר צו איהם אלס איהר שליח... איז דאס מעגליך אז מיכל האט שוין מעהר נישט געקענט ווארטען און שמעי'ן אויסגעקליבען צו טהאן אזא שליחות... האט זי דאך בעסער עס געקענט טהאן דורך איהר ברודער... אבער שמעי זאגט אז ער איז פערעכענט אלס איינער פון די פאמיליע און פאר איהם זיינען קיינע סודות ניטא... קען זיין, אז זי האט זיך געשעהמט פאר איהר ברודער...

— איך דאנק דיר שמעי — האט דוד אויסגערופען און זיין פנים האט נאך מעהר געפלאמט — איך וועל דיר דיין חסד קיינמאָל נישט פערגעסען... איך בין גליקליך צו הערען פון דיין מויל, דאס וואס איך האב אפילו נישט געוואגט צו חלומ'ען...

— נו, אויב אזוי זאג דאך מיר ווען און וואו דו ווילסט זיך מיט איהר טרעפען און איך וועל איהר שוין איבערגעבען, ווייל איך ווייס, אז זי ווארט מיט גרויס אונגעדולד אויף דיין ענטפער...

— מארגען גאנץ פריה, נעבען טייכעל... — האט דוד ארויסגערעדט.

— גוט איז עס אפגעמאכט — האט שמעי געזאגט און איז אוועקגעגאנגען.

דוד איז געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו זיין פלאץ... די איבערראשונג האט איהם ווי צוטומעלט... זיינע געדאנקען און געפיהלען זיינען געווען אזוי פערנומען מיט מיכל'ן אז איהם איז גארנישט איינגעפאלען אז שמעי זאָל האבען געמיינט מרב'ן און נישט מיכל'ן... ער איז געווען אזוי זיכער אז שמעי רעדט עם מיט איהם וועגען מיכל'ן, דאס ער האט אפילו נישט געפונען פאר נויטיג און פאסיג איהם צו פרעגען וועלכע פרינצעסין ער מיינט.

מיט גרויס אומגעדולד האט דוד געווארט אויף דעם קומענדען פריהמארגען...

מיכל'ס ליעבע צו דוד'ן איז געווארען שטארקער און הייסער פון טאג צו

טאג... זי האט פון איהם נישט אויפגעהערט צו טראכטען... און יעצט ווען איהר פאטער האט איהם געמאכט פאר זיין נושא כלים, איז איהר שמחה געווען זעהר גרויס... יעצט איז זי זיכער אז איהר פאטער האט דוד'ן אויך ליעב און וועט געוויס נישט זיין דאגעגען ווען ער וועט זיך דערוויסען פון איהר ליעבע צו איהם...

די גאנצע צייט, זינט דוד געפינט זיך אין איהר פאטער'ס פאלאץ, האט זי נאך מיט איהם אונטער פיער אויגען נישט גערעדט... זי האט אויסגעמידען אריינצוגעהן אין איהר פאטער'ס צימער, ווען ער פלעגט דארטען שפיעלען, כדי קיינער זאל נישט האבען א פערדאכט וועגען איהר ליעבע צום הארפער שפיעלער. איבערהויפט איז זי געווען זעהר פארזיכטיג, אז איהר שוועסטער מרב זאל נישט אויסגעפינען ווי שטארק זי איז אין דוד'ן פערליעבט... זי האט מורא געהאט דאס איהר גליק זאל זיך נישט ארויסגליטשען פון איהרע הענט... זי האט געקומען בעמערקען ווי מרב ווערט וואס מעהר פעראינטערעסירט אין דוד'ן און זי וואלט יעצט אויסגעפונען פון איהר ליעבע, וואלט זי געוויס געזוכט צו שטערען איהר...

דער איינציגער וועלכער האט געוואוסט מיכל'ס געפיהלען, איז געווען איהר ברודער יונתן; פאר איהם פלעגט זי אויסגיסען איהר הארץ.... זי האט געוואוסט ווי גרויס איז יונתן'ס פריינדשאפט צו דוד'ן און זי איז דעריבער געווען פול מיט האפענונג אז יונתן וועט איהר בעהילפיג זיין, ער וועט זעהן זי זאל קיין שטערונג פון איהר פאטער נישט האבען... זי ווייס אז זי האט יונתן צו פערדאנקען וואס דוד געפינט זיך יעצט אזוי נאהענט צו איהר... דעם גרעסטען דאנק קומט דאך טאקע דוד'ן אליין וועלכער האט מיט זיין וואונדערבארען שפיעלען בערוהיגט די נערווען פון איהר קראנקען פאטער... אלע זיינען איהם דערפאר דאנקבאר, און איהר פאטער האט איהם דערפאר בעצאהלט מיט אזא בכבוד'יגען אמט...

מיכל האט פלוצלונג דערפיהלט אז זי מוז האבען אן אפענעם געשפרעך מיט איהר ברודער און איהם פרעגען ווי אזוי צו האנדלען.... ווייל זינט דוד איז דא, האט זי נאך מיט איהם נישט גערעדט אליין...

זי איז אריין צו איהר ברודער אין צימער. יונתן איז געווען פערנומען מיט חנן זיין נושא כלים, איז רייניגען די געווער. ווי ער האט זיין שוועסטער דערזעהן האט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און איהר אנטקעגען געגאנגען.

— האב איך דיר געשטערט, יונתן? — האט זיך מיכל אפגערופען.

— ניין, שוועסטער, מיר האבען נאר וואס גערייניגט אונזער געוועהר.... דו ווייסט מיין שווערד איז דאך שוין כמעט פערזשאווערט געווארען... געלויבט איז גאט, אונזערע פיינד לאזען אונז צורוה, דערווייל... ווי עס ווייזט אויס האט זיי אונזער פאטער'ס שווערד אויסגעלערענט ווי צו האבען דרך ארץ פאר אונזערע גרעניצען... זעהר זעלטען קען מען זעהן א פלשתי אין אונזערע שטעדט ביי דעם גרעניץ...

— נישט אזוי גיך וועלען שוין אונזערע שונאים זוכען אונז צו בעלעסטיגען — האט מיכל געזאגט — אונזער פאטער האט אין א קורצע צייט בעזיעגט דריי פון געפעהרליכסטע שונאים וואס מיר האבען געהאט פאר פיעלע יאהרען...

— יע, אבער ווי עס ווייזט אויס ווילען די פלשתים נישט צוגעבען אז זיי האבען געכאפט א גרויסע מפלה אין דער לעצטער מלחמה... און לויט די ידיעות

וואס מיר האבען לעצטענס ערהאלטען פערשטארקען די פלשתים זייערע מחנות, און עס קען מעגליך זיין אז דאס גרייטען זיי זיך ווידער מלחמה צו האלטען מיט אונז...

— מיר גלויבט זיך קוים אז די פלשתים זאלען וואגען ווידער זיך אנצור־פאנגען מיט אונז... ווייסען זיי דען נישט וואס דער אידישער קעניג האט נישט לאנג צוריק געטהאן צו דעם פאלק עמלק?...

— מיר אבער מוזען זיין שטענדיג געגרייט — האט יונתן זיך אפגערופען — היינט אין דערפריה האט דער פאטער זיך בעראטען מיט מיר און אבנר'ן און מיר האבען בעשלאסען צו פערבעסערען אונזער ארמעע.

— א פערגרעסערטע ארמעע קען קיין מזל נישט שאדען — האט מיכל געזאגט מיט א שמייכעל — מיר פערמאגען גענוג גרויסע העלדען וועלכע וואלטען אפגעווישט דעם אנדענקונג פון די פלשתים אזוי ווי זיי האבען געטהאן צו די עמלקים, זאלען זיי נאר זיך מיט אונז אנפאנגען...

— פונדעסטוועגען פערשטעה איך נישט, מיין האר — האט זיך חנן אפגערופען — פארוואס מיר זאלען אימער צו ווארטען אז די פלשתים זאלען פריהער אריינדרינגען אין אונזער לאנד — לאמיר טהאן צו זיי ווי מיר האבען געטהאן צו עמלק... לאמיר זיי אנפאלען פלוצלונג און זיי פערטיליגען אז עס זאל פון זיי קיין געדעכנים נישט בלייבען... איך האב א לאנגע צייט פער־בראכט אין פלשתים לאנד איך ווייס אלע זייערע פערבארגענע וועגען... ווען מיר בעפאלען זיי פלוצלונג, אומגעריכטערהייט, וואלט מיר זיי זיכער באזיעגט.

— דאס איז אלע מאל — געוועזען מיין מיינונג — האט יונתן געזאגט — אבער אבנר דער הויפט קאמאנדיר פון אלע ארמעען איז אימערצו געגען אזא פלאן און ווען נישט אונזער נביא שמואל'ס פערזאג ארויסצוגעהן אויף מלחמה מיט די עמלקים, וואלטען זיי נאך עד היום עקזיסטירט...

— פיעלייכט וואלסטו זיך דורכגערעדט מיט דעם נביא — האט מיכל זיך אפגערופען צו יונתן — איך גלויב אז זיינע ווערטער וואלטען אונזער פאטער מעהר בעאיינפלוסט ווי אבנר'ס.

— דער נביא האט זיך שוין לאנג צוריקגעצויגען פון אלע מלוכה ענינים — האט יונתן געענטפערט — ער איז שוין צו אלט און שוואך... און א חוץ דעם ווייסטו דאך... — דא האט זיך יונתן אפגעשטעלט... ער האט זיך געווענדעט צו זיין נושא כלים און איהם געזאגט:

— יעצט קענסטו געהן, איך דארף עפעס ריידען מיט מיין שוועסטער.

חנן האט זיך פערניינט און האט פערלאזען דעם צימער, און יונתן האט פארטגעזעצט: דו ווייסט דאך, מיכל אז דער נביא איז צוקריגט מיט אונזער פאטער און ער האט זיך אויפגעהערט צו מישען אין די מלחמה אנגעלעגענ־הייטען...

— איך גלויב, יונתן — האט מיכל געזאגט אז דו וואלסט געקענט מאכען שלום צווישען אונזער פאטער און דעם נביא... דאס וואלט זעהר גוט געווירקט אויף'ן פאטער'ס געזונדס־צושטאנד... זיין מעלאנכאליע וואלט פון איהם אין גאנ־צען פערשוואונדען געווארען....

— איך האב מיט'ן פאטער וועגען דעם גערעדט, אבער ער האט מיר דערפון

— גיבער, שנעלער! העלף מיר, ראטעווע מיר! — האט יונתן אויסגעדרי־פען א דערשראקענער — איך בין יונתן, דעם קעניג שאול'ס זוהן... די פלשתים האבען מיר דערקענט און יאגען מיר נאך!... ווען זיי כאפען מיר, דאן בין איך א פערלארענער! אה ראטעווע מיר פון זיכערען טויט! בעהאלט מיר ערגיץ וואו, ווייל זיי וועלען דא געוויס באלד אנקומען...

— וואוהין קען איך דיר בעהאלטען — האט דער שמיד א בלאסער געזאגט — מיין קוזנע איז קליין און ווען זיי וועלען דא אריינקומען, וועלען זיי דיר גלייך געפינען...

— איך בין א פערלארענער! איך בין א פערלארענער — האט יונתן אויסגערופען מיט גרויס פערצווייפלונג און געוואלט גלייך ארויסגעהן פון קוזניע.

—ווארט — האט זיך חנן אפגערופען איך האב א פלאן! טו אויס דיינע קליידער, אבער שנעל!... יונתן האט געפאלגט דעם שמיד און זיך אויסגעטהאן... דער שמיד האט יונתן'ס קליידער גלייך ארויפגעווארפען אויף די גליהענדע קוילען, און פון זיי איז אש געווארען...

— טו אן שנעלער די קליידער פון וואנט, דאס זיינען די ארבייטס קליידער פון מיין יונג... ער וועט היינט גראדע נישט קומען...

יונתן האט שנעל אנגעטהאן די קליידער פון א שמיעד...

— יעצט שמיר איין דיין פנים און דיינע הענט אין סאזשע — האט דער שמיד איהם בעפוילען.

יונתן האט זיך גוט אויסגעשמירט אין סאזשע, ער האט גענומען דעם האמער וואס דער שמיד האט איהם געגעבען און אנגעפאנגען קלאפען אויף דעם ברענענדען אייזען...

דערווייל זיינען אנגעקומען די בעאמטע און סאלדאטען... זיי האבען האס־טיג געעפענט די טיהר פון קוזניע און זיך אפגערופען צום שמיד:

— איז צו דיר נאר וואס נישט אריינגעקומען א פרעמדער פון ארץ ישראל?

— א חוץ מיר און מיין ארבייטער — האט דער שמיד געענטפערט — איז דא קיינער א גאנצען טאג נישט געווען—האט דער שמיד געלאסען געענטפערט...

— איך בין זיכער אז ער האט קיין אנדער אויסוועג נישט געהאט ווי אריינ־צוגעהן צו דיר — האט א בעאמטער געזאגט דעם שמיד, זיי וויסען אז ער איז א שפיאן, דעם קעניג'ס זוהן, און אויב דו בעהאלסט איהם וועסטו דערפאר זעהר שווער בעשטראפט ווערען...

— איך פערזיכער אייך אז איך בעהאלט קיינעם נישט! — האט דער שמיד זיי געענטפערט.

— לאמיר א זוך טאהן דא אין הויז! האט דער בעאמטער בעפוילען.

די סאלדאטען האבען גענומען זוכען אין אלע ווינקעלאך פון הויז... יונתן האט געקלאפט מיט'ן האמער איבער'ן אייזען... זיין הארץ האט שטארק מיט־געקלאפט... זיינע קניע האבען זיך געבויגען... זיינע אויגען האבען איהם אנגע־פאנגען שווינדלען... אט באלד, באלד הערט ער אויף צו קלאפען...

דער שמיד האט עס בעמערקט... ער האט גלייך אויפגעהויבען זיין האנט און אריינגעלאזען יונתן א פייערדיגען פאטש אין פנים...

— וואס פארטראכסטו זיך, דו פוילענצער! — האט ער אויסגערופען מיט כעס — דו עסט מיין ברויט אומזיסט און ארבייטען ווילסטו נישט!... ארבייט, אז נישט וועל איך דיר פון מיין הויז פעריאגען!...

יונתן האט זיך א כאפ געטהאן פאר'ן פנים... דער פאטש האט איהם שטארק וועה געטהאן, אבער ער האט זיך גלייך געכאפט צום האמער און גענומען קלאפען מיט מעהר שטארקייט און פלייס...

די פלשתים וועלכע האבען עס בעמערקט, האבען שטארק געלאכט און איינער האט זיך אפגערופען צו חנן:

— אט אזוי חנן, דו האסט גוט געטהאן! אויב דיין ארבייטער איז א פוי־לער, טו גיעב איהם פעטש... כא, כא, כא... דאס איז געווען איינמאל א פאטש, דער קלונג הילכט מיר נאך יעצט אין די אויערען, כא, כא, כא, כא...

די סאלדאטען און בעאמטע האבען געזוכט אומעטום און אז זיי האבען איהם נישט געפונען, האבען זיי פערלאזען דעם שמיד'ס הויז.

חנן האט דורך זיין קליינעם פענסטער באמערקט אז זיי האבען זיך דערוויי־טערט האט ער זיך אפגערופען צו יונתן:

— זיי מיר מוחל מיין האר, פאר די שמערצען וואס איך האב דיר פער־שאפט... איך האב באמערקט אז דו הויבסט זיך אן צו פארלירען און אט באלד, באלד וואלטען דיר די פלשתים דערקענט... דו האסט זיך גענומען טרייסלען און ציטערען און פאר זיי וואלט עס געווען אויפפאלענד... זיי וואלטען גענומען חושד זיין אז דו ביזט נישט מיין ארבייטער... און דאן וואלטען זיי דיר זעהר שנעל דערקענט... דעריבער האב איך דיר אזא שטארקען פאטש געטהאן אין פנים... דאמיט אפצואווישען זייער מינדסטען חשד...

— דיין פאטש אין פנים וואס דו האסט מיר געגעבען — האט דאך מיין לעבען געראטעוועט — האט יונתן זיך אפגערופען מיט א שמייכעל... איך האב בעמערקט ווי א פלשתי דרינגט מיר דורך מיט זיינע בליקען, און דאס האט מיר געמאכט אזוי נערוועאיש אז איך האב געפיהלט אז איך וועל זיך באלד אין גאנ־צען פערליערען... און דיין פאטש האט די גאנצע לאגע געענדערט... איך זעה אז דו ביזט בראוו און קלוג, און דו וועסט שוין מעהר נישט דארפען זיין קיין שמיד אין דעם לאנד פון פלשתים, קום מיט מיר צוריק אין אונזער לאנד, איך וועל דיר בעלוינען פאר דיין חסד וואס דו האסט מיט מיר געטהאן...

— זארג נישט וועגען דיין קוניע, דיר וועט ביי מיר גארנישט פעהלען... זאג דאך מיר ווי איז דיין נאמען, און פון וואנען קומסטו?

— אויף וועמען וועל איך איבערלאזען די קוזניע?

— מיין נאמען איז חנן און איך קום פון שבט יהודה.

— גוט, חנן, דו וועסט ווערען מיין נושא כלים (געוועהר טרעגער) און וועסט מיר העלפען אין די מלחמות מיט די פלשתים... יעצט שמיעד אוים צוויי שווער־דען און בינאכט וועלען מיר ביידע אנטרונען ווערען פון דאנען.

חנן האט אויסגעשמידט צוויי שווערדען און ווען עס האט גענומען פינסטער ווערען האט ער מיט יונתן פארלאזען די קוזניע און דורך א זייטיגען וועג אריבער־געגאנגען דעם גרעניץ נאך ארץ ישראל...

שאול און זיין פאמיליע זיינען שטארק בעאומרוהיגט געווארען ווען יונתן איז פלוצלונג פערפאלען געווארען...

שאול האט גלייך געשיקט מענשען זיי זאלען געהן זוכען יונתן און ווען עס איז געווען שפעט ביינאכט, איז דערט רויער אין שאול'ס פאלאץ שטארקער געווארען... יעדער איז געווען בעזארגט טאמער האט מיט יונתן אן אומגליק פאסירט...

די איינציגע וואס האט נישט געטרויערט איז געווען מיכל... זי איז געווען פרעהלאך און מינטער, ווייל זי האט געגלויבט אז יונתן געפינט זיך יעצט אין בית לחם און פערברייננגט מיט דוד'ן... זי האט קיינעם נישט געוואלט זאגען וועגען דעם, ווייל זי האט פערשטאנען אז יונתן איז אוועק אהן איהר פאטער'ס ערלויבנים... ווען אבער זי האט געזעהן די פארזארגטע פנים'ער פון איהר פאטער און מוטער, האט זי זיך אפגערופען:

— איך גלויב אז יונתן איז אוועק אין בית לחם פון יהודה, בעזוכען זיינעם א פריינד... און מעגליך אז דער פריינד האט איהם דארטען פערהאלטען...

— ווייסטו פיעלייכט דעם נאמען פון זיין פריינד? — האט איהר שאול געפרעגט.

מיכל האט א ווײלע א טראכט געטהאן און דערנאך געענטפערט: "ניין!" שאול האט גלייך אוועקגעשיקט עטליכע רייטער נאך בית לחם...

דערווייל איז יונתן אנגעקומען מיט חנן אין גבעה... ביידענס פניב'ער זיינען געווען גוט אויסגעשמירט אין סאזשע... ביידע זיינען געווען אנגעטהאן אין צוריסענע און פערשמאלצענע קליידער פון א שמיד.

יונתן איז צוגעקומען צו זיין פאטערס פאלאץ און געוואלט אריינגעהען מיט חנן אבער די וועכטער האבען זיי נישט געלאזען...

— געה מעלד דעם קעניג אז זיין זוהן יונתן וויל אריינקומען אין פאלאץ מיט זיינעם א גוטען פריינד און די וועכטער לאזען איהם נישט — האט יונתן זיך אפגערופען לאכענדיג צו איינעם פון די וועכטער.

דער וועכטער איז אריין און געזאגט צו דעם קעניג:

— צוויי שמידען שטעהען ביי די טויערען פון פאלאץ און איינער פון זיי שרייט אז ער איז דיין זוהן, יונתן...

— אויב זיי טראגען ביי זיך נישט קיין געוועהר, זאלען זיי אריינקומען — האט דער קעניג בעפוילען...

דער וועכטער איז ארויס און האט זיך באלד צוריקגעקעהרט מיט צוויי שווערדען...

— זאל מען זיי בינדען און ברייננגען צו מיר! — האט שאול אויסגערופען מיט כעס — זיי זיינען געווים געקומען מיר צו ערמארדען...

דעם קעניג'ס בעפעהל איז גלייך אויסגעפיהרט געווארען: מען האט געבונדען יונתן און חנן, און מען האט זיי געפיהרט אונטער א שטארקען וואך צום קעניג...

יונתן האט געלאכט און חנן איז שטארק דערשראקען געווארען... — ווער ווייס — האט ער געטראכט — אפשר איז ער טאקע נישט שאול'ס זוהן און ער האט איהם יעצט אריינגעפיהרט אין א צרה...

— **ווער זייט איהר און פון וואנען קומט איהר** — האט שאול שטרענג א פרעג געטהאן.

— איך בין יונתן, דעם קעניג שאול'ס זוהן און קום פון דעם פאלאץ פון גבעה — האט יונתן זיך אפגערופען און קוים איינגעהאלטען זיך פון געלעכטער.

— יונתן, דאס ביזטו עס מיין זוהן! — האט שאול אויסגערופען מיט פרייד... דערקענענדיג די שטימע פון זיין זוהן — וואס האט מיט דיר פאסירט? ווי אזוי קומט עס אז דו ביזט אזוי פערשווארצט געווארען?...

שאול אליין האט גלייך געהאלפען אפבינדען יונתן און חנן... יונתן האט דערצעהלט אלעם וואס מיט איהם האט פאסירט און פערענדיגט: איך קען מיט זיכערהייט זאגען אז דער פייערדיגער פאטש אין פנים האט מיר פון א זיכערען טויט גערעטעט... פון יעצט אן וועט חנן ווערען מיין געוועהר טרעגער און מיט די שווערדען וואס ער האט פאר מיר געמאכט דעם זעלבען טאג וועל איך נעמען ראכע אן די פלשתים, אונזערע שונאים...

— מיין זוהן — האט שאול געזאגט — איך בין זעהר שטאלץ אויף דיר. דו האסט ארויסגעצייגט פאר אונז אלעמען ווי בראוו און העלדיש דו ביזט, דעריבער גיעב איך דיר איבער א טויזענד פון מיינע סאלדאטען, נעם דיין שווערד און דיין יונג'ס שווערד און ווען די געלעגענהייט וועט קומען זאלסטו וויסען וואס צו טהאן מיט'ן נציב פון דער שטאדט גבע און זיין חיל...

אלע אין שאול'ס פאלאץ האבען זיך שטארק געפרעהט מיט יונתן... זיי האבען שטאלצירט מיט זיין גבורה... זיי האבען הערצליך בעדאנקט דעם שמיד חנן, פאר ראטעווען יונתן פון טויט.

— מיין פאלאץ איז פאר דיר אפען, חנן — האט שאול איהם געזאגט — און וואס דיין הארץ געלוסט זאלסטו זיך נישט שעהמען צו בעטען.

חנן האט זיך פערנייגט פאר'ן קעניג און זיך אפגערופען: „מיין איינציגער פערלאנג און וואונש איז איך זאל קענען זיין דער נושא כלים פון דעם קעניג'ס זוהן, ווייל איך בין איבערצייגט, אז דורך איהם וועט גאט שיקען די ישועה פאר אידען".

אויף מארגען איז יונתן דורכגעגאנגען צווישען זיינע טויזענד סאלדאטען און זיי געלערענט ווי צו קעמפפען.

— איהר דארפט אימערצו זיין געגרייט אויף מיין רוף — האט ער זיי געזאגט — ווייל מיר קלייבען זיך אין גיכען אראפצואווארפען דעם יאך פון די פלשתים... היינט ביינאכט וועלען מיר אנקומען אין גבע וואו דער נציב פון די פלשתים געפינט זיך... איהר וועט זיך פערבארגען הינטערן בארג און ווען מיין יונג וועט א בלאז טאהן מיט זיין שופר זאלט איהר גלייך ארויסקומען פון אייערע בעהעלטענים און בעפאלען דעם שונא.

יונתן מיט זיינע טויזענד סאלדאטען זיינען אנגעקומען אין גבע... שטילערהייט מיט חנן איז ער צוגעקומען צו דעם וואהנונגס־פאלאץ פון דעם נציב... יונתן איז גלייך אריין צו איהם אין הויז און מיט זיין שווערד האט ער דער־הר'געט דעם שטארקסטען נציב פון די פלשתים... חנן איז געשטאנען פון דרויסען און ווען ער האט דערזעהן אז איינער בעאמטע פון די פלשתים, לויפען העל־פען זייער הער, האט ער זיי פערשטעלט דעם וועג... א גרויסער קאמפף איז

פארנעקומען... יונתן איז ארויס פון הויז מיט א צובלוטיגטען שווערד און זיך גענומען פעכטען מיט די פלשתים... דערווייל האָט חנן גענומען בלאָזען מיט׳ן שופר, און באלד זיינען אנגעקומען יונתן׳ס סאָלדאַטען און פערניכטעט אלע פלשתים, וועלכע האָבען זיך געפונען אין שטאדט גבע.

ווען שאול האָט דערהערט וואס זיין זוהן האָט געטהאָן האָט ער גלייך ארויסגעלאָזען א רוף צו אלע אידען: מיין זוהן יונתן האָט געטויטעט דעם נציב פון גבע, איהר מוזט זיך אלע אנשליסען אין דער ארמעע, ווייל די פלשתים וועלען זיך זיכער נעמען גרייטען צו א גרויסע מלחמה מיט אונז...

טויזענדע יונגע לייט פון גאנץ ארץ ישראל האָבען גענומען שטראָמען קיין גלגל, וואו שאול האָט זיך דאן געפונען מיט זיין קליינע ארמעע.

שאול האָט איבערגעלאָזען זיין ארמיי אין גלגל און איז אוועקגעגאנגען צו שמואל׳ן אין רמה, זיך מיט איהם צו בעראטהען וועגען די מלחמה מיט די פלשתים.

— קלייב אויס די שטארקסטע און בראַווסטע צווישען די אנגעקומענע, — האָט איהם דער גרייז־גרויער נביא געזאָגט, — און לערען זיי ווי צו קעמפפען, ווייל די מלחמה וועט געווים זיין פארביטערט; די פלשתים וועלען זוכען נקמה צו נעהמען פון די אידען פאר זייער נציב וועמען דיין זוהן האָט געטויטעט.

— דאָס פאָלק אָבער האָט דאך נישט קיין געוועהר, — האָט שאול אויס־גערופען מיט פארצווייפלונג, — און די פלשתים זיינען בעוואפענט פון קאָפּ ביז די פיס... די ביסעל געוועהר וואס מיר האָבען צוגענומען ביי די פלשתים פון גבע, וועט קלעקען צו בעוואפענען בלויז עטליכע הונדערט פון אונזערע סאָלדאַטען...

— די הילף פון גאָט קען קומען דורך ווינציג אזוי גוט ווי דורך א סך, — האָט שמואל געזאָגט, — דו געה צוריק נאך גלגל און ווארט אויף מיר זיבען טעג, ביז וואנען איך וועל קומען און אָפּהאלטען א גאָטעס־דיענסט. איך וועל מקריב זיין די קרבנות פאר גאָט, און גלייך נאכדעם וועסטו אָנ־פאנגען די מלחמה.

שאול האָט געטהאָן ווי שמואל האָט איהם געהייסען. ער האָט פון אלע פרייווילינע אויסגעקליבען ארום זעקס הונדערט סאָלדאַטען און זיי פארטיילט די ביסעל געוועהר וואס ער האָט געהאט און זיי איינגעאיבט ווי צו קעמפפען.

אויף דעם זיבעטען טאָג האָבען זיך אלע פערזאַמעלט ארו ם דער במה, וואו שמואל האָט געזאָלט מקריב זיין די קרבנות... דעם גאנצען טאָג האָט שאול און דאָס פאָלק געווארט אויף שמואל׳ן. אָבער ער איז נישט געקומען... עס איז געוואָרען אָבענד און שמואל איז נאך אלץ נישט געקומען.

דערווייל זיינען אָנגעקומען ידיעות צו שאול׳ן אז די פלשתים האָבען אריינגעדרונגען אין ארץ ישראל מיט א גרויסע ארמיי און זיי געפינען זיך שוין נעבען מכמש, ניט ווייט פון גבע...

— לאָמיר אָנפאנגען די מלחמה! — האָבען אייניגע אידען אויסגערופען,— מיר טאָרען לענגער ניט ווארטען... זאָל דער קעניג מקריב זיין די קרבנות, אויב שמואל האָט פארשפּעטיגט.

— מיר וועלען אזוי לאנג ווארטען ביז וואנען דער שונא וועט צוקומען צו אונז! — האבען אנדערע געשריען, — מיר וועלען זיך צוגעהן יעדער צו זיין שטאדט, אויב דער קעניג וועט ניט גלייך אבהאלטען די גאטעס־דיענסט און אנפאנגען די מלחמה...

דער טומעל און די אומרוהיגקייט האט זיך פארשטארקט צווישען עולם... שאול איז געבליבען אין גרויס פארלעגענהייט. ער האט יעדע ווייליע ארויס־געשיקט רייטער צו זעהן אויב שמואל קומט אן. זיי האבען זיך אומגעקעהרט און באריכטעט אז שמואל זעהט זיך נאך נישט...

שאול איז געווארען אין גרויס פארלעגענהייט. ער האט נישט געוואוסט וואס צו טהאן און ווי אזוי צו האנדלען אין אזא פאל... ווען ער האט דער־זעהן אז די אומגעדולדיגקייט פון פאלק צוואוקסט זיך, האט ער זיך אפ־געררופען:

— ברייגנט אהער צו מיר די שעפסען פאר די קרבנות, און איך וועל זיי אליין מקריב זיין פאר גאט און דאן ווען מיר גלייך אנפאנגען די מלחמה...

מען האט די שעפסען געבראכט צו שאול'ן, און ער האט זיי מקריב געווען אויפ'ן מזבח פאר א קרבן צו גאט.

ווי נאר שאול האט געענדיגט מקריב זיין די קרבנות, זיינען די רייטערס אנגעקומען און אויסגערופען:

שמואל קומט אן!... שמואל קומט אן!...

שאול איז איהם גלייך אנטקעגען געגאנגען און איהם באגריסט.

— איך האב זיך עטוואס פארשפעטיגט, — האט שמואל געזאגט, — אויב אלעס איז שוין צוגעגרייט וועל איך גלייך אנפאנגען די תפלה און מקריב זיין די קרבנות.

— המ... אבער... ע... — האט שאול געשטאמעלט, — איך האב שוין די קרבנות אליין מקריב געווען..

— וואס?! — האט דער נביא אויסגערופען מיט כעס, — דו האסט מקריב געווען די קרבנות!.. איז דיר דען ווייניג די מלוכה, דו ווילסט אויך ארייגקריגען די כהונה!...

— וואס האב איך געקענט טהאן? — האט זיך שאול פארענטפערט, — דו ביזט נישט געקומען צו דער בעשטימטער צייט. דאס פאלק איז זעהר אומגעדולדיג געווארען. זיי האבען געדראהט צו פארלאזען מיך אויב איך וועל זיך נישט צוויילען און אנפאנגען די מלחמה... די פלשתים האבען זיך שוין באפעסטיגט אין מכמש... און איך האב דאך נישט געקענט אנפאנגען די מלחמה אהן די תפלות און די קרבנות...

— דו האסט זיך בענארישט! — האט זיך שמואל אפגערופען, — דאס צייגט מיר אז דו ביזט דאך נישט דער מאן וועלכער זאל רעגירען איבער אלע אידען...

שמואל איז געווארען שטארק ענטטוישט אין שאול'ן... ער האט יעצט אין איהם געזעהן א געגנער וואס זוכט אוועקצונעהמען פון איהם די לעצטע ביסעל הערשאפט וואס איז איהם פארבליבען...

איידער שאול איז געזאלבט געווארען פאר קעניג, איז שמואל געווען דער שופט, און זינט די כהנים פון עלי'ס הויז זיינען פער'מיאוס'ט געווארען ביים

פאָלק, האָט שמואל אויך פערטראַטען דעם אמט פון דעם כהן גדול ; ביי יעדער גרויסער פאָלקס פערזאמלונג האָט מען קיין זאך נישט אנגעפאנגען צו טהאָן איידער שמואל האָט מקריב געווען א קרבן צו גאָט און אָפּגעזאָגט די תפלה... בעת שמואל האָט אויסגעקליבען שאול'ן פאר קעניג האָט ער איהם איבערגעגעבען די הערשאפט איבער'ן פאָלק, אָבער די הערשאפט איבער דעם היילינטום האָט ער געלאָזען פאר זיך... שאול האָט נעדארפט רעגירען איבער די אידען און מלחמה האלטען מיט זייערע שונאים, און שמואל האָט געדארפט זיין דער גייסטיגער הערשער איבער'ן פאָלק, און דאריבער ווען שמואל האָט געזעהן אז שאול נעהמט אויף זיך אויך די גייסטיגע הערשאפט, האָט עס איהם שטארק פארדראָסען...

* * *

די פלשתים האָבען צונויפגעזאמעלט א גרויסע און מעכטיגע ארמיי און האָבען פערכאפט די שטאָדט מכמש וואָס האָט זיך פאררעכענט פאר זעהר א שטארקען פלאץ אין מלחמה צייט. פון דארטען האָבען די פלשתים ארויסגעשיקט קליינע מיליטערישע אָפּטיילונגען אָנצופאלען אויף דערבייאיגע קלייגע שטעדטלעך און דאמיט ארויסצורופען שאול'ן מיט זיין ארמיי פון זייערע באפעסטיגטע פּאָזיציעס צווישען די בערג...

שאול אָבער האָט זיך נאָך נישט געאיילט. ער האָט געוואַרט אויף אַ בעסערער געלעגענהייט אָנצופאנגען מיט די פלשתים די מלחמה. ער האָט זיך פעראייניגט מיט זיין זוהן יונתן אין גבע און זיך בעראטהען מיט זיינע גענעראלען וואָס צו טהאָן.

יונתן אָבער איז שטארק אומגעדולדיג געוואָרען. ער האָט נישט איינגעשטימט מיט אבנר'ן אז דערווייל זאָלען זיך די אידען האלטען אין דער פערטיידיגונגס ליניע... און אין דער צייט וואָס זיין פאטער איז געווען פערנומען מיט א קאָנפערענץ, האָט ער זיך אָפּגערופען צו זיין יונג, חנן:

— אויב דו ביזט גענוג בראַוו, טו לאָמיר זיך ביידע שטילערהייד ארויסגנב'ענען אויף דעם גרויסען פעלז, וואו דער לאגער פון די פלשתים־וואך געפינט זיך, און איידער זיי וועלען צייט האָבען זיך ארומצוקוקען, וועלען מיר אנוואַרפען א מורא אויף זיי מיט אונזערע שווערדען...

— אלעס וואָס מיין האַר פערלאַנגט וועל איך טהאָן, — האָט זיך חנן אָפּגערופען און ארויסגעצויגען זיין שווערד.

— גוט, לאָמיר ארויפקלעטערען דעם פעלז... אָבער זיי זעהר פאָרזיכטיג, ווייל דער פעלז איז משופע'דיג, און איין אונפאָרזיכטיגער שריט קענסטו אראָפּפאלען.

די גאנצע פלשתים ארמיי האָט געלאגערט אונטען אויף דעם צווייטען זייט פון פעלז. אויבען, אויפ'ן שפּיץ פעלז, איז געווען די וואך וואָס האָט געדארפט נאָכקוקען די באַוועגונג פון דער אידישער ארמיי.

יונתן און חנן האָבען געקלעטערט אויף אלע פיער, פּאַמעלעך, שטיל, זיי האָבען קוים איינגעהאלטען זייערע אָטעמס... ווען זיי האָבען דערגרייכט דעם שפּיץ פעלז, האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף א ווילע און אָפּגערוהט...

יונתן האָט לאנגזאם אויפגעהויבען זיין קאָפּ און האָט באמערקט ווי די וועכטער שטעהען אין א גרופּע און שמועס'ן צווישען זיך... איינינע ציינען אַז

מיט זייערע פינגער אויף דעם אידישען לאגער און א הילכינער געלעבטער ברעכט פלוצים אוים צווישען אלעמען.

— קום, חנן, לאמיר ארויפגעהן, — האט זיך יונתן אפגערופען, — און אין א רגע זיינען ביידע געבליבען שטעהן אויפ׳ן פעלז מיט בלויזע שווערדען.

— א טויט צו די פלשתים, — האט יונתן אויסגעשריען — און ארויפגעפאלען אויף די וועכטער שניידענדיג מיט זיין שווערד אויף רעכטס און לינקס. חנן האט נאכגעפאלגט יונתן און האט אויך בעפאלען די איבריגע. עס האט אויסגעבראכען א טומעל און א געשריי צווישען דער וואך... פיעלע האבען גענומען לויפען פון גרוים שרעק און זיינען ארונטערגעפאלען פון דעם שפיץ פון פעלזענשטיין.

די געשרייען און די געוואלדען האבען זיך דערטראגען אונטען, צו דעם לאגער פון די פלשתים, און ווען זיי האבען באמערקט אז עטליכע פון די וועכטער ווערען ארונטערגעשליידערט פון שפיץ פעלז, זיינען זיי שטארק צושראקען געווארען... עס איז געווארען א מהומה, און געשרייען האבען זיך געהערט: „די אידישע ארמיי רינגלען אונז ארום, שנעלער, לאמיר אנטלויפען! לאמיר זיך ראטעווען!... די פלשתים האבען גענומען מאכען פליטה...

די וועכטער פון שאול׳ס ארמיי, וועלכע זיינען געשטאנען אויף דעם צווייטען בארג, וואס איז געווען א היבשער מרחק פון דעם פלשתים לאגער, האבען פלוצלינג באמערקט דעם געלאף און די צושראקענקייט פון שונא... זיי האבען עס גלייך געמאלדען שאול׳ן.

— דאס ווילען די פלשתים אונז אפטהאן א שפיצעל, — האט זיך אבנר אפגערופען, — זיי מאכען זיך בכיון אזוי ווי זיי אנטלויפען, כדי מיר זאלען נאך זיי נאכיאגען, און נאכהער וועלען זיי זיך אומקעהרען אויף אונז...

— וואו איז יונתן? — האט שאול א פרעג געטהאן.

קיינער האט נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך... זיי האבען זיך מיט שרעק ארומגעקוקט פון אלע זייטען און יונתן און זיין יונג זיינען אין ערגעץ נישט געווען.

— זיי מוזען געווים זיין אין דעם לאגער פון די פלשתים! — האט שאול אויסגערופען, — אין דער צייט וואס מיר האבען זיך געקווייקעלט האט מיין העלדישער זוהן געוואגט... קומט... גאט האט אונז איבערגעגעבען די פלשתים אין אונזערע הענד!

שאול און זיין חיל האבען זיך גענומען נאכיאגען די פלשתים דורכ׳ן וואלד און טויטענדיג טויזענדע פון זייערע שונאים...

אין וואלד איז געווען א פלאץ פון זעהר פיעל בינשטאקען מיט האניג. שאול׳ס חיל זיינען שוין געווען מיעד און הונגעריג, און ווען זיי האבען דערזעהן האניג האבען זיי זיך אפגעשטעלט און געוואלט נעהמען עסען.

דער קעניג האט באמערקט ווי זיינע סאלדאטען האבען זיך פלוצלינג אבגעשטעלט פון נאכיאגען דעם שונא... ער האט גענומען אויספארשען די אורזאכע און האט זיך דערוואוסט אז זיינע סאלדאטען האט זיך פארגלוסט דער האניג.

שאול האט גלייך געגעבען א באפעהל אז מען זאל דעם האניג נישט אנריהרען.

— איך באשוועד אייך אלעמען, — האט דער קעניג אויסגערופען, — גארנישט צו נעהמען אין מויל ביז נאכט ווען מיר וועלען האבען א פולע נקמה אין אונזער שונא און איהם פאריאגען פון די גרעניצען פון אונזער לאנד...

די וועלכע האבען שוין געהאט דעם האניג מיט'ן האנד, האבען עס גלייך אוועקגעווארפען און מיט בענייטע קרעפטען האבען זיי זיך גענומען נאכצויאגען דעם שונא...

ווען יונתן און חנן האבען באמערקט אז שאול מיט זיינע מחנות האבען זיך נאך די פלשתים, האבען זיי זיך גלייך ארונטערגעלאזען פון פעלז און זיינען געלאפען זיך אנצושליסען אין דעם אידישען חיל.

יונתן האט באמערקט דעם האניג, און זייענדיג שטארק הונגעריג, האט ער אנגענומען א פולע האנד און גענומען עסען...

— דער קעניג האט דאך באשווארען אז קיינער זאל נישט פארזוכען קיין עסען ביז ביינאכט ווען מען וועט האבען פארטריבען דעם שונא, — האט זיך איינער פון די סאלדאטען אפגערופען צו יונתן ווען ער האט איהם געזעהן עסענדיג.

— מיר איז אבער ליכטיג געווארען אין די אויגען ווען איך האב דעם האניג פארזוכט, — האט זיך יונתן אפגערופען מיט א שמייכעל.

די אידען האבען פאריאגט די פלשתים ביז בית־און און האבען צוריק־גענומען מכמש און די איבריגע שטעדטלעך פון די פלשתים.

ווען שאול האט זיך צוריקגעקעהרט זיעגרייך מיט זיין ארמיי נאך גבעה, האט מען איהם געזאגט אז אימיצער האט עובר געווען זיין שבועה און האט יא געגעסען איידער דער אבענד איז געקומען...

— ווי גאט לעבט! — האט שאול אויסגערופען מיט כעס, — אז דער וועלכער האט געבראכען מיין שבועה, וועט דערפאר בעצאהלען מיט זיין לעבען... ווער האט געגעסען פון דעם האניג?!...

— דיין זוהן, יונתן! — האט זיך איינער אפגערופען.

—יונתן! — האט זיך דער קעניג געוואונדערט, זאל ער גלייך קומען צו מיר.

מען האט יונתן אנגעזאגט אז זיין פאטער וויל איהם זעהן, און ער איז גלייך צוגעקומען צו איהם.

— זאג מיר, מיין זוהן, האסטו געגעסען פון דעם האניג אין דער צייט ווען אלע אידען זיינען געווען אונטער מיין שבועה נישט צו עסען?...

— יא, מיין פאטער, איך בין זעהר הונגעריג געווען, האב איך פארזוכט פון דעם האניג.

— זאל מיר גאט אזוי העלפען, דו מוזט שטארבען דערפאר!

— פאטער, איך בין גרייט צו שטארבען פאר מיין פאלק.

— וואס?! יונתן, אונזער בעליעבטער העלד, יונתן, וועט שטארבען?!

— האבען זיך דערהערט שטימען פון פאלק, — חלילה! ווי גאט לעבט, אז מיר וועלען קיין האר פון איהם נישט לאזען פאלען... יונתן, וועלכער האט געטהאן אזא גרויסע ישועה פאר גאנץ ישראל מוז לעבען!...

— לעבען זאל יונתן! לעבען זאל יונתן! — האבען אלע געשריען.

— אז מיין פאלק איז דיר מוחל, מיין זוהן, — האט זיך שאול אפגערופען, בין איך דיר אויך מוחל.

אכטער קאפיטעל
שמואל און דוד

נאכדעם ווי שאול האט פארטריבען די פלשתים פון ארץ ישראל און האט פארשטארקט זיין ארמיי, איז געקומען צו איהם שמואל הנביא און געזאגט:

— גאט האט דיר געהאלפען און דו ביזט געווען זיעגרייך אין דיינעביידע מלחמות, מיט די עמונים און מיט די פלשתים... זיי אבער וויסען, אז דער ערגסטער שונא וואס מיר האבען איז — דאס פאלק עמלק! נאך אין דער צייט ווען די אידען האבען געוואנדערט אין דער מדבר, איז עמלק פלוצים זיי בעפאלען אהן קיין אורזאכע און מיט זיי מלחמה געהאלטען.. מיט פערציג יאהר שפעטער אז אונזערע עלטערען האבען דערגרייכט די ברענעס פון ביזען לאנד, איז געקומען עמלק, ווייטער אהן קיין סיבה און זיך גענומען שלאגען מיט זיי... ווען זיי האבען זיך שוין באזעצט אין ארץ ישראל, און עגלון דער קעניג פון מואב איז אריבער דעם ירדן כדי מלחמה צו האלטען מיט די אידען איז עמלק אויך צוגעשטאנען צו זיי און געהאלפען שלאגען די אידען... מיט עט־ליכע יאהר שפעטער אז די מדינים האבען גענומען דריקען די אידען, האט עמלק זיי אויך געהאלפען... שוין הונדערטע יאהרען ליידען מיר פון דעם גרויזאמען און ווילדען פאלק עמלק... אונזער היילינע תורה האט אונז פאר־זאגט "אויסצומעקען די גערעכנים פון עמלק אויף אייביג"... יעצט, גאט איז גאט'ס נאמען און האלט מלחמה מיט די עמלקים... דו זאלסט זיי פארניכטען אז קיין זכר זאל פון זיי נישט בלייבען... זיי אבער וויסען אז די מלחמה איז נישט קיין מלחמה פאר עראבערונג, כדי אריינצוקריגען די רויב פון שונא. דאס איז א מלחמה פון נקמה . . . דו ביזט דער ערשטער אידישער קעניג, און אויף דיר ליגט די פליכט צו פארטיליגען דעם ערשטען און דעם גרעסטען אידי־שען שונא — עמלק. און ווען גאט וועט געבען און דו וועסט זיין ערפאלגרייך אויך אין דיזער מלחמה, זאלסטו פארניכטען זייער גאנצע האב און גוטס, אלע זייערע בהמות, זייער גאלד און זילבער זאלסטו פארברענען... זאל קיין זכר פון עמלק נישט בלייבען... אזוי איז דער רצון פון גאט.

שאול האט יעצט פערזאמעלט א גרויסע ארמיי פון צוויי הונדערט און צעהן טויזענד סאלדאטען, און איז אוועק צו דעם לאנד עמלק און מלחמה געהאל־טען מיט זיי.

זעהר זיס און אנגענעהם איז געווען פאר די אידען צו זעהן די גרעסטע נקמה אן זייער ערגסטען פיינד עמלק. שאול מיט זיין חיל האבען פארניכ־טעט דאס גאנצע פאלק, זיי האבען אויף קיינעם קיין רחמנות ניט געהאט. אלעמען אויסגעשלאכטעט און דעם קעניג פון די עמלקים האט מען געפאנ־גען א לעבעדיגען און געבראכט פאר שאול'ן...

— לאז מיר לעבען, איך בעט אייך, — האט זיך אגג גענומען בעטען ביי שאול'ן און ביים פאלק — איך וועל זיין אייער קנעכט, איך קען דאך אייך מעהר קיין שלעכטס ניט טהאן, מיין גאנצעס פאלק האט איהר דאך געטויטעט... לאזט מיך לעבען...

שאול האָט געקראָגען אביסעל רחמנות אויף אגג'ן און איהם ניט גע־טויטעט... זיי האָבען איהם געשמידט אין קייטען און גענומען געפאַנגען.

— שמואל האָט מיר אָנגעזאָגט, אז קיינער זאָל גאָרנישט נעהמען פון דעם רויב, אלעס מוז פארניכטעט און פארוויסטעט ווערען.

— אָבער זיי האָבען דאָך דאָ אזוינע טהייערע און פעטע בהמות, — האָבען זיך אייניגע סאָלדאטען אָנגערופען, — זיי וואָלטען זעהר שטארק אונז צוניץ געקומען.

— און פאַרוואָס זאָלען מיר טאקע פארניכטען אזוי פיעל גאָלד און זילבער, — האָבען אנדערע גע'טענה'ט, — מיר קענען זיך דאָך דאָס צוטיילען צווישען זיך.

— איהר זייט גערעכט, — האָט שאול צו זיי געזאָגט, — איך זעה טאקע נישט איין פאַרוואָס מיר זאָלען ניט בערייכערען אונזער לאַנד מיט דעם שונא'ס פארמעגען . . .

זיעגרייך האָט זיך דער קעניג שאול צוריקגעקעהרט פון דער מלחמה מיט עמלק... הונדערטע טויזענדע שעפסען, קיה און אָקסען, האָבען זיי מיט זיך מיטגעבראַכט קיין ארץ ישראל. זיי זיינען אָנגעקומען אין גלגל צו פייערען דעם גלענצענדען נצחון איבער דעם ערגסטען און פארביטערטסטען שונא פון די אידען.

שמואל האָט דערזעהן די בהמות און די גאנצע רויב וואָס שאול'ס ארמיי האָט מיטגעפיהרט פון עמלק, און איהם האָט עס זעהר שטארק פארדראָסען... ער איז צוגעקומען צו דעם קעניג אין גלגל.

— געבענשט זאָל זיין דיין קומען צו גאָט, — האָט שאול באַגריסט דעם אלטען נביא, — איך האָב ערפילט אלעס וואָס גאָט האָט מיר געהייסען טהאָן.

— און וואָס איז דאָס דער ברומען פון די שעפסען און אָקסען, און דאָס הירזשען פון פערד וואָס איך הער? — האָט שמואל איהם א פרעג געטהאָן.

— אָט דאָס האָבען מיר געבראַכט פון עמלק! — האָט שאול געענטפערט.

— דאָס פאָלק האָט געזעהן אזעלכע גוטע פעטע בהמות און אזוי פיעל רייכטום אז דאָס האַרץ האָט זיי נישט דערלאָזען אלעס צו פארניכטען... אבער די איבריגע זאכען און די מענשען האָבען מיר פארטיליגט... די בהמות האָבען מיר גענומען כדי צו ברייגנען זיי קרבנות פאַר אונזער גאָט...

א ביטערער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף שמואל'ס ליפּען, הערענדיג שאול'ס לעצטע ווערטער.

— האָסטו, הייסט עס, ווידערשפּעניגט גאָט'ס ווערטער, און פון די זעלבע בהמות וואָס גאָט האָט דיר פארזאָגט נישט מיטצונעהמען מיט זיך, האָסטו יא מיטגעבראַכט און ווילסט זיי ברייגנען קרבנות פאַר גאָט... גלויבסטו אז גאָט דאַרף האָבען דיינע קרבנות? דאַרף דען אונזער גאָט האָבען דיינע פעטע בהמות פאַר עולות און זבחים?... וואָס גאָט פארלאַנגט פון מענשען, איז איהם צו פאָלגען, זיך צוצוהערען צו זיינע ווערטער... צו טהאָן גערעכטיגקייט און גוטעס איז פיעל טייערער און מעהר אָנגעלעגט ביי גאָט ווי מקריב צצ זיין פאַר איהם פעטע אָקסען... אָבער דו האָסט זיך נישט געוואָלט צוהערען צו די ווערטער פון גאָט, דאריבער וויל דיר גאָט נישט האָבען פאַר קיין קעניג איבער ישראל...

— איך האָב געזינדיגט געגען גאָט און דיר! — האָט זיך שאול אָפּגע־רופען מיט טרעהרען אין די אויגען, — איך האָב נישט געפאָלגט דיין פארזאָג...

אבער דאס איז נישט מיין שולד... דאס פאלק האט אזוי פארלאנגט און איך האב זיך געמוזט צוהערען צו זיי, ווייל איך האב מורא געהאט זיי נישט צו פאלגען...

— און נישט צו פאלגען גאט, האסטו קיין מורא נישט געהאט? — האט איהם שמואל געזאגט, — דאס ציינט אז דו ביזט צו שוואך צו זיין א מלך איבער גאנץ ישראל... עס איז שוין דעם צווייטען מאל וואס דו ווארפסט די שולד אויפ׳ן פאלק... איך אבער ווייס דעם פאלק בעסער ווי דו...

— נו, פארגיב דאך מיר אויך דיזען מאל, — האט זיך שאול ביי איהם געבעטען, — און קום מיט מיר צו דער במה...

— ניין, איך וועל מיט דיר אהין נישט געהן, — האט שמואל געזאגט, און גענומען אוועקגעהן.

שאול האט איהם אנגעכאפט פאר׳ן אויבער־מאנטעל און איהם נישט גע־וואלט לאזען געהן, און אזוי האט ער אפגעריסען א שטיק פון שמואל׳ס מאנטעל.

דאס האט נאך מעהר אויפגערעגט דעם אלטען נביא און ער האט זיך אפגערופען:

— אזוי וועט גאט אפרייסען דיין קעניגרייך פון דיר און זי אפגעבען צו איינעם וועלכער איז מעהר ראוי ווי דו, פאר מלוכה...

— זיי מיר מוחל און קום מיט מיר צו דער במה, — האט שאול זיך ווידער גענומען בעטען ביי איהם, — ווייל אויב דו וועסט מיט מיר יעצט נישט מיטגעהן, וועסטו מיך פארשעהמען פאר אלע זקנים און פאר׳ן גאנצען פאלק . . .

— גוט, איך וועל מיט דיר יעצט מיטגעהן! — האט שמואל געזאגט.

שאול און שמואל זיינען אוועק צו דער בימה, וואו אלע אידען האבען אויף זיי געווארט.

— ברייננט אהער אגג׳ן, דעם קעניג פון די עמלקים, — האט שמואל געזאגט.

באלד האט מען אגג׳ן געבראכט פאר שמואל׳ן, געשמידט אין קייטען.

— דער ביטערער טויט קומט שוין אן אויף מיר, — האט אגג אויסגערופען.

— אזוי ווי דיין שווערד האט אומרחמנות׳דיג פיעלע מוטערם אין ישראל קינדערלאז געמאכט, אזוי וועט מיין שווערד יעצט דיין מוטער קינדערלאז מאכען, — האט שמואל געזאגט און געטויטעט דעם לעצטען קעניג פון עמלק.

גלייך נאך דער גאטעס־דיענסט, האט שמואל פארלאזען גלגל. און שאול איז אוועק א טרויעריגער און ענטמוטיגטער נאך גבעה צו זיין פאלאץ...

* * *

שמואל האט יעצט גענומען זוכען צווישען די שבטים א מעהר פאסיגען מאן פאר א קעניג איבער גאנץ ישראל... געוועהנליך, דאס האט ער געטהאן אין געהיים.

ער האט זיך דערמאהנט אז מיט יאהרען צוריק ווען ער האט בעזוכט בית לחם, האט מען איהם דערצעהלט ווי אזוי א דארטיגער יונגער אינגעל, האט מיט זיין העלדישקייט די גאנצע שטאדט בית לחם פון זיכערען טויט גערעטעט... ער געדענקט נישט זיין נאמען, ער ווייס אפילו נישט איז יועמענס פאמיליע דער יונגער העלד געפינט זיך... אבער ווען עס זאל איהם געלינגען

אויסצוגעפינען ווער ער איז און פון וואנען ער שטאמט, קען מעגליך זיין, אז יענער בראווער אינגעל וואלט געווען א גוטער נאכפאלגער פון שאול'ן...

שמואל האט מיטגענומען א הארן פול מיט אייל און איז אוועקגעגאנגען נאך בית לחם.

ווען ער איז אנגעקומען אין שטאדט, זיינען די זקנים איהם גלייך געקומען אנטקעגען.

— געבענשט זאל זיין דיין קומען צו אונזער שטאדט, — האבען איהם די זקנים באגריסט, — ביזטו געקומען צו אונז אלס גאסט, אדער עפעס האט פאסירט און דו קומסט אונז ווארענען?...

— שלום! — האט שמואל געענטפערט, — איך בין שוין אין בית לחם לאנג נישט געווען, און דאריבער בין איך געקומען דא אויף א באזוך. מיר וועלען מקריב זיין קרבנות צו גאט און מיר וועלען איינלאדען אלע נכבדים פון שטאדט און מיר וועלען פארברייינגען דא א טאג אדער צוויי.

— מיר זיינען גליקליך, א. געטליכער מאן, וואס דו האסט זיך אן אונז נישט פארגעסען און האסט אונז צוגעטיילט אזא כבוד מיט דיזען בעזוך...

— איך געדענק נישט מיט וויפיעל יאהרען צוריק האב איך אייער שטאדט באזוכט, — האט שמואל געזאגט, — אבער איך דערמאהן זיך אז ווען איך האב דעם לעצטען מאל באזוכט בית לחם, האט מען מיר דערצעהלט אז א יונגער אינגעל פון דיזער שטאדט, האט אין שבועות צייט פון יענעם יאהר געראטעוועט אלע איינוואהנער פון א רויבערישען אנפאל מצד די פלשתים... איך האב שוין אפילו פארגעסען זיין נאמען...

— יא, יא, — האבען די זקנים געענטפערט, — עס איז שוין צעהן יאהר פאראיבער זייט דער העלדישער אינגעל דוד, דער זוהן פון ישי, האט אונז אלעמען פון א זיכערען טויט געראטעוועט...

— זיין נאמען איז טאקע דוד בן ישי, — האט זיך שמואל אפגערופען מיט א שמייכעל, — יא, יעצט האב איך זיך טאקע דערמאהנט... וואהנט נאך ישי מיט זיין גאנצע פאמיליע דא אין שטאדט?

— יא, געטליכער נביא, — האט איהם איינער פון די זקנים געענטפערט, — ישי איז איינער פון אונזערע חשוב'סטע בעלי בתים פון שטאדט; ער איז דער שטאלצער פאטער פון זיבען העלדישע און געראטענע זיהן... זעקס פון זיינע זיהן האבען זיך שוין בעטייליגט אין די לעצטע דריי מלחמות וואס אונזער קעניג שאול האט געהאט... זיי זיינען אלע בראוו און שטארק, אבער זיין אינגסטער זוהן דוד, שטייגט זיי נאך אלעמען אריבער... דוד'ן האט זיך אזוי געוואלט מיטגעהן אין דער ארמיי, אבער ישי האט איהם נישט געלאזען... ווייל ער איז נאך צו יונג... זעהר א וואוילער אינגעל איז דער דוד, אלע אין שטאדט האבען איהם ליעב ווי דאס לעבען...

— זיינען נאך זיינע זיהן אין דער ארמיי? — האט שמואל געפרעגט.

— זיי האבען זיך מיט עטליכע טעג צוריק אומגעקעהרט פון שאול'ס ארמיי. יעצט איז אין לאנד שטיל, וועלען זיי וואהרשיינליך זיך נעהמען צו פעלד־ארבייט ווי זיי האבען עס געטהאן פריהער.

שמואל האט געשיקט רופען ישי'ן אנטייל צו נעהמען אין דער סעודה

פון דעם פלייש פון קרבן... נאך דער סעודה האט זיך שמואל אפגערופען צו ישי'ן:
— אלע אין שטאדט ליבען דיינע זיהן, איך וואלט וועלען זיי זעהן איידער איך געה אוועק פון בית לחם, און זיי בענשען.
ישי'ס פנים האט גענומען לייכטען פון גליק.
— זאל איך זיי ברייגגען אהער צו מיין האר, אדער פיעלייכט וועט מיין האר מיר דעם כבוד אנטהאן און בעזוכען מיין הויז?...
— איך וועל געהן צו דיר אין הויז, — האט שמואל געזאגט, און האט זיך געזעגנט מיט די איבריגע געסט און איז אוועק צוזאמען מיט ישי'ן.
ישי האט דערוויילי געשיקט זיין משרת א פריהער, ער זאל אנזאגען אין הויז, אז דער נביא שמואל קומט אן אויף א בעזוך...
ישי'ס פרוי און זיינע שניר האבען שנעל צורעכט געמאכט אלעס אין הויז און האבען מיט גרוים פרייד ערוואַרטעט דעם חשוב'ען גאסט.
ווען שמואל איז אנגעקומען אין הויז, זיינען איהם אלע גלייך אנטקעגען געגאנגען און איהם הערצליך באגריסט...
ישי'ס פרוי האט געגרייט צום טיש.
— מיר האבען נאר וואס געגעסען, — האט שמואל געזאגט, — אבער איך וועל נאך פארברייננגען אין אייער הויז א לענגערע צייט, און דאן וועלען מיר זיכער ווידער הונגעריג ווערען. איך וועל ווארטען ביז וואנען אלע זיהן פון ישי וועלען זיך צוריקקעהרען פון פעלד, ווייל איך האב זעהר פיעל גוטעס געהערט פון זיי...
— דאנקען גאט, זיי זיינען אלע געראטענע קינדער, פינף פון זיי זיינען שוין פערהייראט, און אט זיינען מיינע שניר, — האט ישי'ס פרוי געזאגט מיט א שטאלצען שמייכעל אויף איהרע ליפען...
שמואל האט געווארט ביז'ן אבענד ביז וואנען די זיהן האבען זיך צוריק־געקעהרט פון פעלד.
— יעצט וועלען מיר געהן עסען אבענד־ברויט, — האט ישי געזאגט צו שמואל'ן, — מיינע זיהן זיינען שוין דא...
— וואו זיינען זיי? — האט שמואל געפרעגט, — פיהר זיי אריין, איך וויל זיי נאר אנקוקען...
ישי האט אריינגעפיהרט זעקס פון זיינע זיהן פאר שמואל'ן, און שמואל האט מיט יעדען פון זיי פערבראכט. ער האט זיי געפרעגט ווי זיי האבען גע־קעמפפט נעגען די אידישע שונאים...
— אלע פון אונזער שבט האבען בראוו געקעמפפט געגען די שונאים, — האט אבינדב געזאגט צו שמואל'ן, — און מיין ברודער שמה האט זיך זעהר שטארק אויסגעצייכענט... אבער דער קעניג שאול האט איהם אפילו פאר קיין אפיציער נישט געמאכט. אלע אפיצירען און גענעראלען זיינען בלויז פון זיין אייגענעם שבט בנימין... קיינער פון אן אנדער שבט קען קיינמאל נישט האפען ארויפצוארבייטען זיך אויף א גרעסערען ראנג...
שמואל האט א שמייכעל געטהאן.
— ביי גאט זיינען אלע גלייך, — האט ער געזאגט, — און ווען דו ביזט אפילו א פשוט'ער סאלדאט, וועט דיין העלדישקייט אפגעשאצט ווערען ביי אלעמען.

— זיינען דען דאס אלע דיינע זיהן ? — האט שמואל א פרעג געטהאן.

— דער אינגסטער זוהן מיינער, דוד, איז נאך מיט די שאף... ער פיטערט די שאף הינטער'ן שטאדט און פיעל מאל קומט ער נישט נעכטיגען אהיים, ווייל ער וויל נישט איינמיעדען די שאף, פיהרען זיי אהין און צוריק צו דער פאשע.

— איך האב אזוי פיעל געהערט פון דיין דוד'ן, — האט זיך שמואל אפגערופען, — אז איך וואלט איהם געוואלט זעהר גערן זעהן. קענסטו פיעלייכט שיקען אימיצען אנדערש צו היטען די שאף איבער נאכט, און זאל דוד קומען נעכטיגען דא היינט ביינאכט, און אין דער פריה איידער איך וועל פון דאנען אוועקגעהן, וועל איך איהם בענשען...

— דוד איז דער איינציגער פון מיינע זיהן וועלכער האט נישט קיין מורא צו בלייבען ביינאכט אליין אין פעלד מיט די שאף... ער שטעלט אויף זיין געצעלט און שלאפט איבער די נאכט, און אין דערזעלבער צייט גיט ער אכטונג אויף די שאף אז קיין בייזע חיות זאלען זיי נישט בעפאלען... און צו פיהרען יעצט די שאף אהיים איז שוין צו שפעט...

— שיק אוועק צוויי פון דיינע זיהן זיי זאלען אומבייטען דוד'ן ! — האט שמואל פארגעשלאגען.

— ווער פון אייך וויל געהן אומבייטען דוד'ן אויף היינטיגע נאכט ? — האט ישי געפרעגט ביי זיינע זיהן.

אלע זיינען געבליבען שטיל. קיינעם פון זיי האט זיך נישט געוואלט אוועקגעהן יעצט ווען אזא טהייערער און חשוב'ער גאסט געפינט זיך ביי זיי אין הויז.

— די קינדער זיינען דאך מיעד פון ארבייטען דעם גאנצען טאג אין פעלד, — האט זיך די מוטער אריינגעמישט, שיק בעסער צוויי פון די יונגען און זאלען זיי אומבייטען דוד'ן פאר היינטיגע נאכט... זיי האבען אלץ איינס היינט קיין סך ניט געארבייט.

ישי האט צוגערופען צוויי פון זיינע יונגען און זיי אנגעזאגט:

— געהט אוועק צו דוד'ן אין פעלד און הייסט איהם גלייך קומען אהיים און איהר פארבלייבט מיט די שאף ביז מארגען אין דער פריה.

די צוויי יונגען האבען זיך פארניינגט און זיינען אוועק אין פעלד, צו דעם פלאץ וואו דוד האט געפיטערט זיינע שאף.

— דיין פאטער האט אונז געשיקט אהער צו שטעהן מיט די שאף ביז מארגען, און ער האט געהייסען אז דו זאלסט גלייך קומען אהיים, — האט זיך איינער פון די יונגען אפגערופען צו דוד'ן.

— האט עפעס פאסירט ? — האט דוד א דערשראקענער געפרעגט.

— ניין, קיין זאך האט נישט פאסירט, בלויז דער נביא שמואל געפינט זיך יעצט אין דיין הויז און, ווי איך פארשטעה, האט דער נביא אויסגע־שפראכען זיין וואונש דיך צו זעהן, — האט דער צווייטער יונג געזאגט.

— דער נביא וויל מיך זעהן ?! — האט דוד אויסגערופען מיט שמחה, — איך געה גלייך אהיים.

ער האט די יונגען אנגעזאגט וואס צו טהאן, און אליין איז ער שנעל אוועק אין שטאדט...

אין ישי'ס הויז האבען אלע געווארט אויף דוד'ן. שמואל האט נישט

געוואָלט אָנפאַנגען צו עסען דעם אַבענד־ברויט ביז וואַנען דוד וועט קומען.

די ברידער האָבען דוד'ן שטאַרק מקנא געווען און זיי האָבען צווישען זיך שטילערהייד דורכגעשמועסט.

— ווי קומט עס אַז דער נביא זאָל אַזוי פיעל האַלטען פון דוד'ן? — האָט זיך אבינדב אָפּגערופען.

— אַזאַ מזל האָט ער שוין, דוד, טהוען טהוט ער גאָרנישט, און אַלע האַלטען איהם אין איין לויבען... מסתמא האָט איהם אימיצער פאַרלויבט פאַר דעם נביא און דעריבער איז ער אַזוי נייגעריג איהם צו זעהן... מיר האָבען איינגעשטעלט אונזערע לעבענס אין די פערשידענע מלחמות און קיינער אינטערעסירט זיך מיט אונז נישט. און דוד... טאָמער וואַרפט ער אַ שטיין און טרעפט אין ציעל, קען מען זיך פון איהם נישט אָפּלויבען.

ווען דוד איז אַריין אין הויז האָבען זיך די ברידער אויפגעהערט צו שושקען און געוואָרפען בליקען פון קנאה אויף זיין זייט. זיי האָבען איהם אפילו נישט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג.

ישי האָט אָנגענומען דוד'ן פאַר'ן האַנט און איהם צוגעפיהרט צו שמואל'ן.

— דאָס איז מיין אינגסטער זוהן, געטליכער מאַן — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ, ער האָט נאָך מיט צעהן יאָהר צוריק פערהיט אונזער גאַנצער שטאָדט פון אַ גרויסען אומגליק... און דעריבער האָבען איהם אַלע ליעב... איך, אָבער גלויב, אַז דאָס וואָס מען ציינט איהם אַרויס צופיעל אויפמערקזאַמקייט ברייגנגט איהם קיין גוטעס... עס פעהלט איהם נאָך זעהר פיעל צו ווערען דער שטאָלץ פון בית לחם — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל, אמת, ער איז גאָטספאָרכטיג, געהאָרכזאַם און בראַוו, אָבער...

— וואָס האָסטו צום קינד — האָט ישי'ס פרוי איהם אונטערבראָכען — געלויבט איז גאָט, מיר קענען שטאָלצירען מיט אַלע אונזערע זיהן...

דוד איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ פערשעהמטער, די אויגען אַרונטער געלאָזען צום באָדען, ער איז געווען אַזוי איבערראַשט צו זעהן דעם הייליגען נביא אין זיין פאָטער'ס הויז אַז ער האָט קיין ווערט נישט געקענט אַרויסריידען.

— קום צו נעהענטער צו מיר, מיין זוהן — האָט איהם שמואל צוגערופען.

דוד האָט זיך דערנעהענטערט צום נביא, זיך פאַר איהם פערנייגט און געזאָגט, "שלום".

— שלום, מיין קינד, זיי געבענשט פון גאָט — האָט שמואל אַרויפגעלעגט זיין האַנט אויף דוד'ס קאָפּ — איך האָב געהערט אַז דו שפּיעלסט אויף אַ האַרפּע. שפּיעל עפּעס פאַר מיר יעצט איידער מיר זעצען זיך צום טיש... די נבואה פון גאָט רוהט אויף דעם פּערזאָן נור דאַן, ווען ער איז פרעהליך...

— איך האָב מיין האַרפּע געלאָזען אין מיין געצעלט — האָט דוד געזאָגט — איך האָב זיך זעהר געאיילט צוקומען אַהער, און פון גרויס איילעניש האָב איך פערגעסען די האַרפּע מיט זיך צו נעמען...

— אויב אַזוי — האָט שמואל געזאָגט — וועל איך מאַכען די ברכה און מיר וועלען קענען נעהמען גלייך עסען, און מאָרגען אין דער פריה, וועל איך מיט דיר מיטגעהן צו דעם פּלאַץ וואו דו פיטערסט דיינע שאָף און דאָרטען וועסטו פאַר מיר שפּיעלען. אפשר וועט אויף מיר ווידער רוהען די נבואה...

דער טיש איז געווען געגרייט. שמואל האָט זיך געזעצט אויבענאָן; צו זיין

ישי שטעלט פאַר דוד'ן און זיינע אי בעריקע זיהן פאַר דעם נביא שמואל

רעכטע האנט האט ער געהייסען זעצען דוד'ן ; ישי מיט זיין פרוי זיינען געזעסען ארום דעם צווייטען זייט טיש און די איבעריגע זיהן פון ישי זיינען געזעסען ווי שטענדיג אויף זייערע פלעצער...

נאך'ן עסען האט נאך שמואל לאנג און געמיטליך געשמועסט מיט דוד'ן, ער האט ביי איהם געפרעגט ווי ער האט די גאנצע צייט פערבראכט. און וואס מיט איהם פאסירט...

איידער דוד איז אוועק שלאפען, האט איהם שמואל געזאגט, — מארגען, גאנץ פריה ווי דער מארגענשטערען וועט נאר אויפגעהן זאלסטו שוין אויף מיר ווארטען און מיר וועלען צוזאמען געהן אין פעלד צו דיינע שאף...

—איך וועל טהאן ווי דער געטליכער מאן האט מיר פערזאגט — האט דוד זיך אפגערופען — און איז אוועק צו זיין צימער.

שמואל האט יעצט ארויסגערופען ישי'ן אין דרויסען און אוועקזעצענדיג זיך אויף א באנק אין גארטען, האט זיך שמואל אפגערופען צו איהם :

—איך בין געקומען אהער מיט א וויכטיגע שליחות פון גאט... געוועהנליך דערווייל מוז עס זיין א סוד און קיינער פון דיין פאמיליע, אפילו טאר דערפון נישט וויסען... זאג דאך מיר צו, ישי צו האלטען דעם סוד ביי זיך...

ישי האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג, דערנאך האט ער זיך אפגע־רופען : "אלעס וואס דער געטליכער נביא זאגט מיר איז ביי מיר הייליג"...

— זיי וויסען — האט שמואל איהם אריינגערוימט אין אויער — אז דער קעניג שאול האט פערלארען זיין חן אין די אויגען פון גאט... ער האט ווידער־געשפעניגט גאט'ס רייד און ארויסגעצייגט זיין שוואכקייט, וואס צייגט מיר איבער אז ער איז נישט דער פאסענדער מאן צו רעגירען איבער אלע שבטים, און זיינע קינדער וועלען זיין טראהן נישט ירש'נען... איך האב אויסגעפונען אז דיין בראווער און העלדישער זוהן, דוד, איז דער פאסענדעסטער מאן צו זיין שאול'ס נאכפאלגער, אזוי איז דער ווילען פון גאט... און איך בין דעריבער אהער געקומען צו זאלבען דוד'ן פאר א קעניג איבער אלע שבטים... גאט האט שוין איינמאל דורך איהם געשיקט די ישועה צו פיעלע אידען און לאמיר האפען אז ווען ער וועט קעניגען איבער ישראל, וועט גאט דורך איהם אין גאנצען פערניכ־טען אלע שונאים פון ישראל...

ישי איז געשטאנען ווי צו טומעלט... חלומ'ט ער א חלום אדער איז עס ווירקליך ! ?... זיין זוהן דוד וועט זיין דער צווייטער אידישער קעניג !...

— געטליכער נביא ! — האט ער אויסגערופען — מיט וואס האב איך פערדיענט ביי גאט, דאס ער זאל מיר אזא גליק געבען ?

— דו האסט געפונען לייטזעליגקייט אין גאט'ס אויגען, דו האסט דיינע קינ־דער אין די יוגען פון גאט ערצויגען, און עס איז גאטעס ווילען אז דו זאלסט פון זיי נחת שעפען...

טרעהרען האבען זיך בעוויזען אין ישי'ס אויגען, דאס זיינען געוועזען טרעהרען פון פרייד און העכסטען גליק...

— הייליגער נביא ! — האט ער זיך אפגערופען — דו זאגסט מיר אז איך זאל דעם סוד פערבארגען אפילו פון מיין פאמיליע, ווי אזוי וועל איך מיין פרייד קענען באהאלטען פון מיין פרוי און קינדער ?

— דו וועסט עס מוזען טאהן, ישי — האט זיך שמואל אפגערופען —

שטעל זיך פאר ווען דער סוד דערגרייכט שאול׳ס אויערן, דאן ביזטו און דיין גאנצע פאמיליע פערלארען... ניין! שאול טאר דערפון נישט וויסען, און אז דיין פאמיליע וועט זיך דערפון דערוויסען, קען נאך אימיצער פון זיי געשטרויכעלט ווערען מיט אפאר ווערטער, און שאול קען נאך דערפון ערפאהרען... דו און דיין זוהן דוד, ווען דערוויילע וויסען פון דיזען סוד...

אויף מארגען גאנץ פריה ווען דוד האט זיך אנגעטהאן און ארומגעוואשען האט ער שוין געטראפען שמואל׳ן ווארטענדיג אויף איהם אין דרויסען...

עס האט נאר וואס אנגעפאנגען צו טאגען. די גראז איז נאך בעדעקט געווען מיט דעם פרישען טוי... פון דערוויטען האט זיך דערטראגען דאס קרעהען פון די העהנער... די פייגעל האבען זיך שוין צוזונגען און אלעם ארום האט זיך אנגעגורט מיט לעבען און פרישקייט...

אין הויז האבען נאך אלע געשלאפען און דוד איז שטילערהייט פון דארט ארויסגעגאנגען, ער האט נישט געוואלט אויפוועקען זיין פאטער און מוטער אזוי פריה... ווי ערשטוינט איז ער געווארען, ווען ער האט געהערט זיין מוטער׳ס שטימע: "דוד! דוד!"

— געה מיין זוהן, דאס רופט דיר דיין מוטער — האט שמואל געזאגט, זי האט מסתמא פאר דיר שפייז צוגעגרייט...

דוד איז אריין אין הויז, און האט געטראפען זיין מוטער צוגרייטענדיג פאר איהם א פעקעל שפייז; פרישע קוכען, קעז און א לאגעל פרישע מילך...

— מוטער, ליעבע, אזוי פריה ביזטו אויפגעשטאנען!

— מיין קינד דו געהסט דאך אוועק אויף עטליכע טעג, וויל איך אז דו זאלסט האבען גענוג צום עסען — די לעצטע צייט, דוכט זיך מיר אז דו ביזט אביסעל ארונטער... איך וויים נישט צו דאס איז ווייל דו זארגסט וועגען עפעס אדער פיעלייכט ווייל דו עסט נישט גענוג... איך בין דאביי ניטא דיר צו דערמאהנען און גיווים לאזטו דיין הארץ פיעל מאל איבער׳חלש׳ן...

— א, ניין, טייערע מוטער! — האט דוד געזאגט מיט א שמייכעל — איך בין בעזארגט מיט גענוג שפייז און איך עס אויך צו דער צייט... דאס דוכט זיך דיר מסתמא אז איך קוק אויס שלעכט... איך פיהל זעהר שטארק און מונטער... נו, שלום, איך מוז געהן ווייל דער נביא ווארט אונטען אויף מיר:

— געה געזונט, מיין קינד — האט איהם די מוטער א קוש געטהאן אין קאפ — און געדענק אז ווען מיר שיקען וועמען עס איז דיר אומצובייטען, זאלסטו גלייך אהיים קומען...

דוד האט מיטגענומען דעם פעקעל וואס זיין מוטער האט פאר איהם צוגעגרייט. האט נאך אמאל א קוש געטהאן זיין געטרייע מוטער און איז ארויס פון הויז...

יעצט קענען מיר געהן! — האט זיך שמואל אפגערופען און איבערגעפיהרט זיין האנט איבער דוד׳ס שולטער.

וועןביידע זיינען שוין געווען אפגעגאנגען א היבשע שטרעקע, האט זיך שמואל אפגערופען צו איהם:

— זיי וויסען אז פון אלע דיינע ברידער האב איך דיר אויסגעקליבען פאר דעם פאסענדסטען מאן...

דוד האט אנגעקוקט דעם אלטען נביא מיט גרוים פערוואונדערונג... — דיר

האט נאך אויסגערוועהלט צו זיין קעניג איבער זיין פאלק נאך שאול'ן — האט שמואל פארטגעזעצט — און ארויסנעמענדיג דעם הארן מיט אייל פון זיין קע־שענע האט ער געזאגט:

— דו האסט געפונען חן אין די אויגען פון גאט און דעריבער האט ער מיר געשיקט דיר צו זאלבען פאר א קעניג... זאל דיר גאט געבען גענוג כוח און קראפט. דו זאלסט העלפען דיין פאלק פון זיינע שונאים...

דוד האט איינגעבויגען זיין קאפ און שמואל האט אויף זיין קאפ ארויפגע־גאסען די אויל פון זיין הארן...

— געבענשט זאלסטו זיין פון גאט, דוד, וואוהין דו וועסט זיך קעהרען זאלסטו בעגליקען — האט איהם שמואל געזאגט — און געדענק, אז א חוץ איך, דיין פאטער און דו וויים דערפון קיינער נישט... זיי זעהר פארזיכטיג פאר קיי־נעם עס נישט ארויסצוריידען... ווען דו וועסט מיר דארפען, וועסטו מיר אימער געפינען אין רמה...

שמואל האט זיך מיט דוד'ן געזעגענט און איז אוועק צו זיין היים און דוד האט זיך אומגעקעהרט צו פיטערען זיינע שאף...

נײַנטער קאפיטעל

דוד שפיעלט פאר שאול'ן

באלד נאך די מלחמה מיט עמלק, האבען אלע בעמערקט אין שאול'ן א גרויסע ענדערונג. אפגעטהאן האט זיך פון איהם די פרעהליכקייט... אומעטיג און בייז איז ער געווארען...

— פאטער, ליעבער פאטער! — האט זיך יונתן צו איהם אפגערופען — דו שיינסט צו זיין לעצטענס אזוי טרויעריג... קיינער קען גאר מיט דיר קיין ווארט נישט אויסרעדען, אויף אלעמען ביזטו ברוגז... און גראדע יעצט אז גאט האט אונז געהאלפען און מיר האבען בעזיעגט אונזערע שטארקסטע שונאים... דו ביזט דאך אזוי שטארק בעליעבט געווארען ביים פאלק... האסטו נישט געהערט וואס אלע פרויען האבען געזונגען, ווען דו האסט זיך צוריקגעקעהרט זיעגרייך פון דיא מלחמה מיט עמלק?...

שאול האט זיך אנידערגעזעצט אויף זיין בעט, דעם גאלדען רוט האט ער געהאלטען אין זיין האנט, ער האט אנגעטהאן דעם גאלדענעם קרוין און האט אנגעשטעלט אויף זיין זוהן אפאר נייגעריגע אויגען:

— יע, וואס האבען די פרויען געזונגען, ווען איך האב זיך צוריקגעקעהרט פון די עמלקים?

— איך האב דאך שוין דיר איינמאל געזאגט וואס זיי האבען געזונגען וועגען דיר...

— נו, דערצעהל מיר נאך אמאל, ווי די פרויען זיינען ארוים בעגריסען מיין זיעגרייכע ארמעע... וואס האבען זיי געזונגען?...

יונתן האט אנגעקוקט זיין פאטער מיט ערשטוינונג... ער האט נישט פער־שטאנען פארוואס זיין פאטער וויל ער זאל פאר איהם נאך אמאל איבערזינגען די ליעד פון די פרויען...

— פארוואס טהוסטו נישט ווי איך הייס דיר ?! — האט זיך שאול אנגעבייזערט אויף זיין זוהן...

יונתן האט דערזעהן זיין פאטער'ס בייזע אויגען און ער האט פערשטאנען אז יעצט מוז ער טהאן אלעס וואס זיין פאטער הייסט איהם און ער האט זיך אפגערופען:

— געדענקסטו פאטער, ווען דו ביזט אריינגעקומען רייטענדיג אויף דיין פערד אין גלגל, וואס פאר א ווארעמע אויפנאהמע דו האסט בעקומען... ווי לוסטיג און פרעהליך זיינען די אידען געווען... זייערע אויגען האבען געגלאנצט זייערע פנימ'ער האבען געלויכטען... זיי האבען געטאנצט און געזונגען, געיובעלט און געפרעהט זיך... דאן זיינען ארויסגעקומען די שעהנסטע פרויען פון גלגל מיט פויקען און פלייטען און האבען געזונגען טאנצענדיג:

געבענשט און געלויבט זאל זיין אונזער קעניג!
ער האט א ישועה געבראכט די אידען;
ער האט די שונאים געמאכט אונטערטעניג,
און אין אונזער לאנד געבראכט דעם פריעדען...

טויזענדע זיינען פון זיין שווערד געפאלען,
עמון, פלשתים, און עמלק צוזאמען...
דעריבער, קומט, לאמיר זינגען און שאלען,
לויבען דעם קעניג, און בענשען זיין נאמען!...

— אזוי האבען די אידישע פרויען געזונגען?! — האט זיך שאול אפגערופען — אלע האבען מיר געלויבט און געבענשט, נישט ריכטיג, יונתן?

— יע, ליעבער פאטער, יעדער פון פאלק איז גרייט זיין לעבען צו אפפערען פאר דיר און פאר אונזער פאטערלאנד... דו דארפסט זיך דאך פיהלען אזוי גליקליך, און צום סוף ביזטו אומעטיג און צייטענווייז מרה שחורה'דיג...

"אזוי וועט גאט אפרייסען דיין קעניגרייך פון דיר און זי אפגעבען צו איינעם וועלכער איז מעהר ראוי ווי דו, פאר מלוכה"...

— פאטער!! וואס רעדסטו! — האט יונתן זיך דערנעהענטערט צו זיין פאטער א דערשראקענער...

— יע, מיין זוהן, אזוי האט דער נביא שמואל מיר געזאגט... איך פיהל אז איך וועל די מלוכה לאנג נישט אנהאלטען... ווייל איך האב געזינדיגט געגען גאט און געגען זיין נביא...

— א פאטער נעהם זיך נישט צום הארצען... דער נביא האט דיזע ווערטער געזאגט ווען ער איז געווען אויפגערעגט און אין כעס... אבער איך בין זיכער אז גאט האט דיר שוין לאנג מוחל געווען... און יעצט אז שמואל'ס כעס איז פארייבער, וועט ער דיר אויך פערגעבען...

— ניין, שמואל וועט מיר שוין קיין מאל נישט מוחל זיין... ער האט נאך אויף מיר א כעס פון פריהער, ווען איך האב דעם קרבן מקריב געווען און אויף איהם נישט געווארט... זעהסטו דען נישט אז דער נביא בעווייזט זיך שוין מעהר נישט אין גבעה. ער קומט מעהר נישט צו געבען עצות און לערנען מיר די וועגען פון גאט...

— דאס איז נישט קיין ראיה, פאטער — האט יונתן געזאגט — אין לאנד איז יעצט שטיל, אונזערע שונאים האסטו פערטריעבען און פערניכטעט, און דער

נביא האט מעהר קיין וויכטיגע זאך דיר צו זאגען, און דערצו איז ער שוין שוואך און אלט, זיצט אין זיין וואהנארט און רוהט זיך אפ...

— דעם נביא'ס שרעקליכע ווערטער קלינגען מיר נאך יעצט אין די אויערען... איבער מיר שוועבט שמואל'ס קללה: "אזוי וועט גאט אפרייסען דיין קעניגרייך פון דיר"... און ביינאכט אין מיין בעט ווי איך מאך נאר צו די אויגען... אזוי זעה איך יענעם, וועלכער איז מעהר ראוי ווי איך, צו זיין קעניג... ער שטעהט איבער מיין קאפ מיט א שארפען שווערד... זיינע אויגען שפריצען פייער און ער נעמט רייסען דעם קרוין פון מיין קאפ... איך ראנגעל זיך מיט איהם, איך רוף מיינע דינער צו הילף, אבער אלע האבען מיר פערלאזען זיי ווילען מיר מעהר נישט פאלגען... אבער זוהן, מיינער, ווערט שאול עטוואס פרעהליכער — אפשר מיינט דער נביא אז גאט וועט אוועקנעמען די קעניגרייך פון מיר און עס אפגעבען דיר, יונתן... א, ווי גליקליך איך וואלט געווען ווען דאס זאל נאר זיין דיא כונה פון דעם נביא... פאר דיר מיין זוהן, בין איך געגרייט גלייך צו שטארבען, און דו זאלסט ירשנ'ען מיין טראהן...

— א ליעבער פאטער וואס רעדסטו אזעלכע שרעקליכע ווערטער, מיר ווילען דאך אלע דו זאלסט לעבען און זיין געזונט... דו דארפסט דאך מיר קענען, פאטער, איך יאג זיך נישט נאך דעם קרוין... מיין איינציגער וואונש איז אז דו זאלסט גליקליך זיין...

— איך בין זיכער אז נישט דיר מיינט דער נביא! — איז שאול אויפגעשפרונגען פון זיין בעט — איך זעה א ווילד פרעמדען מאן, גאר פון אן אנדער שבט, טרעט ארויף מיין טראהן! א ווען איך זאל נאר וויסען ווער ער איז! איך וואלט דאך איהם מיט מיין שווערד אויף טויט דערשטאכען...

— פאטער קום ארויס אין דעם גאסטציממער, דארטען איז יעצט פרעהלאך, די שפיעלער וועלען פאר דיר שפיעלען און די טענצערינס וועלען טאנצען... פילייכט וועסטו זיך ארויסשלאגען דיזע טרויעריגע געדאנקען פון דיין קאפ און דו וועסט עפעס מונטערער ווערען... די רופאים האבען דאך געזאגט אז דו מוזט האבען פרעהליכקייט, איבערהויפט זאל מען פאר דיר שפיעלען: די טענער פון שעהנער מוזיק וועט היילען דיין טרויעריגע הארץ, און פערטרייבען די בייזע מחשבות, וואס האט זיך ארייגעקליבען אין דיין הארצען...

— זייער שפיעלען דארטען רעגט מיר נאך מעהר אויף... זייער קלאפען און בראזגען אויף די פויקען און צימבלען צורייצען נאך מעהר מיינע נערוועו... און ווען אפילו אימיצער פון זיי פרובירט שפיעלען די הארפע, פאנגט עס אן צו גרילצען אין מיינע אויערען... זיי קענען דען שפיעלען, די מוזיקאנטען ?! טרייב זיי אלעמען ארויס פון מיין פאלאץ, איך וויל זיי מעהר נישט קענען... זאלען זיי זיך בעסער נעמען צו ערד ארבייט אדער צו פיטערען די שאף, אבי נישט צום שפיעלען...

— פאטער! — האט יונתן'ס אויגען אנגעפאנגען צו לייכטען — איך האב זיך יעצט דערמאהנט, איך קען א יונגען אינגעל, א פאסטוך, וועלכער איז אויף א וואונדערבארער שפיעלער אויף דער הארפע... צופעליג בין איך פערבייגעגאנגען דעם פלאץ וואו דער יונגער פאסטוך האט זיינע שאף געפאשעט... צו מיינע אויערען האט דערגרייכט די זיסע וואונדערשעהנע טענער פון זיין הארפע... איך בין ווי צוגעשמידט געווארען צו מיין פלאץ די מעלאדיען האבען מיר פער'כשופ'ט

די ווייכע צארטע טענער האבען מיר אזוי בעצויבערט, אז מיינע פיס האבען זיך געהויבען צו טאנצען צו דער בעגלייטונג פון מוזיק... עס איז ניטא קיינער צווישען דיינע שפיעלער וועלכער זאל זיך קענען פערגלייכען אין שפיעלען מיט יענעם פאסטוך...

— ווייסטו ווער ער איז און ווי ער הייסט? — האט שאול זיך פעראינטערעסירט.

— יע, איך האב זיך מיט איהם פאנאנדער גערעדט... עס איז א פערגעניגען צו ריידען מיט איהם, איך האב זאגאר מיט איהם געשלאסען א בונד פון פריינדשאפט... אבער דאס איז געווען איידער דו ביזט קעניג געווארען... איך האב דאן געהאפט אז איך וועל איהם קומען בעזובען... אבער איך האב שוין מעהר קיין צייט נישט געהאט... די מלחמות, און אנדערע אנגעלעגענהייטען אין פאלאץ האבען מיר געהאלטען שטארק פערנומען און מיר קיין געלעגענהייט נישט געגעבען זיך מיט איהם צו זעהן.

— אבער ווי הייסט ער, און פון וואנען קומט ער? — איז שאול אומגעדולדיג געווארען.

— זיין נאמען איז דוד דער זוהן פון ישי, און ער וואהנט אין בית לחם.

—קענסטו איהם פיעלייכט נאך היינט ברייגנען צו מיר, איך וויל איהם אנקוקען, און אויך הערען זיין שפיעלען, אפשר וועט זיין שפיעלען פערגרינגערען מיינע יסורים... פיעלייכט וועל איך אויף א קורצע ווייל פערגעסען דעם נביא'ס גרויזאמע ווערטער: "אזוי וועט גאט אפרייסען דיין קעניגרייך פון דיר"... א ווען דער נביא קומט יעצט וואלט איך איהם מיט מיין שווערד דער'הרג'עט...

— רעד דאך נישט אזעלכע ווערטער, פאטער! — האט זיך יונתן ביי איהם געבעטען, דו זינדיגסט דאך צו גאט, ווען דו טראכסט גאר אזעלכע זאכען וועגען געטליכען מאן... איך בין זיכער אז דער נביא האט דיר שוין לאנג מוחל געווען און ער וועט נאך קומען צו דיר און איהר ביידע וועט ווידער ווערען גוטע פריינד, ווי אמאל... יענע שרעקליכע ווערטער זיינען ביי איהם ארויסגערעדט געווארען בלויז פון אויפרעגונג... ווייל דו האסט איהם נישט געפאלגט...

— איך האב איהם נישט געפאלגט! איז ער דען געווען גערעכט מיט זיין פערזאג אלעס צו פערניכטען, פערברענען... פאר וואס זאל דאס פאלק נישט הנאה האבען פון די רויב פון די שונאים, פארוואס האבען מיר נישט געקענט מיטנעהמען די בהמות, די גאלד און די זילבער פון די עמלקים? ווינציג האבען זיי פון אונז גערויבט... איך זעה נישט איין וואס פאר א זינד איך האב עס בעגאנגען געגען גאט אז איך האב מיינע בראווע קעמפפענדע סאלדאטען, יע ערלויבט צו נעמען וואס זייער הארץ געלוסט פון די רויב פון מלחמה... צו וואס זאל מען פערברענען אזוי פיעל גאלד און זילבער, צו וואס פערניכטען דיא אומשולדיגע בהמות... א, דער נביא האט בלויז געזוכט זיך צו טשעפען צו מיר...

— אבער פאטער, עס איז דאך געווען דער נביא, שמואל, וועלכער האט דיר אויסדערוועהלט און נאכהער געזאלבט פאר קעניג איבער גאנץ ישראל, טו פאר וואס זאל ער זיך זוכען צו דיר צו טשעפען? ניין, פאטער ער האלט נאך פון דיר אזוי ווי ער האט געהאלטען אין דער צייט ווען דו ביזט געקרוינט געווארען קעניג, און דאס וואס ער האט מיט דיר אזוי שארף גערעדט, איז עס געווען בלויז דיר אויסצו'מוסר'ן פארוואס דו האסט איהם נישט געפאלגט... נאך

אלעמען פארוואס זאל ער בייטען זיין מיינונג וועגען דיר. האסטו דען נישט ארויסגעצייגט דיין העלדישקייט נאך מעהר ווי מען האט געקענט ערווארטען? האסטו דען נישט בעזיעגט אלע אונזערע שונאים? זעהט דען נישט שמואל אז דאס גאנצע פאלק ליעבט דיר? פארוואס זאלסטו נאר צולאזען אזעלכע געדאנקען...

— אבער דו ווייסט נישט, מיין זוהן, שמואל האט נאך אויף מיר א כעס פון פריהער, ווען איך האב דעם קרבן געבראכט און נישט געווארט אויף איהם; ער האט געצייטערט אז איך וויל ביי איהם אוועקנעמען די מאכט פון דער כהונה... און דערפאר איז ער אויף מיר אין כעס...

— ווען אפילו ער זאל האבען א פערזענליכע קריוודע געגען דיר, פאטער, דארפסטו דאך אבער אויך רוהיג זיין, ווייל דאס פאלק איז מיט דיר, דו ביזט בעליעבט ביי אלע שבטים צו גלייך... דאס קענסטו דאך זעהן פון דעם קבלת פנים וואס יעדער שבט גיט דיר ווען דו קומסט דארטען אן... און די פרויען...

— יע, מיין זוהן זינגט נאך אמאל איבער פאר מיר דאס ליעד פון די פרויען — האט שאול געזאגט.

— אבער פאטער, איך האב דאך עס נאר וואס געזונגען פאר דיר... — עס ווערט מיר א סך גרינגער ווען איך הער די ווערטער וואס די פרויען האבען וועגען מיר געזונגען, זינג דאך, יונתן! טאנץ און זינג ווי זיי האבען עס געטהאן!...

א, ניין, רוף בעסער אהער אריין די טענצערינס זאלען זיי טאנצען און זינגען פאר מיר, פונקט ווי די פרויען האבען עס געטהאן אין גלגל...

יונתן האט אריינגערופען די טענצערינס אין שאול'ס צימער און זיי געהייסען טאנצען און זינגען דעם טאנץ און דאס ליעד פון זיעג וואס די פרויען האבען געזונגען ווען שאול האט זיך צוריקגעקעהרט פון די מלחמה מיט עמלק...

באלד איז דאס צימער אנגעפיעלט געווארען מיט די טענץ און געזאנג פון די טענצערינס...

געבענשט און געלויבט זאל זיין אונזער קעניג
ער האט א ישועה געבראכט די אידען...

— — — — — — — — — — — — —

צעהנדליגע מאל האט שאול געהייסען די טענצערינס איבערזינגען דאס זעלבע ליעד און ווען דאס איז איהם שוין אויך דערעסען געווארען האט ער די טענצערינס פון זיין צימער פערטריבען...

— פאטער זאל איך געהן און ברייגנען אהער דעם יונגען פאסטוך, דעם הארפען שפיעלער — האט זיך יונתן אפגערופען — ווען ער האט בעמערקט ווי שאול פאלט ווידער אריין אין א מרה שחורה...

דער קעניג האט געשוויגען... ער האט אויסגעשטארטשעט זיינע אויגען און ער האט געקוקט אויף א געוויסען פונקט פון וואנד... פלוצלונג איז זיין פנים אנגעפילט געווארען מיט שמערץ און עפעס א שרעק איז אויף איהם אנגעקומען ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין בעט און אויסגעשריען:

— ער קומט, דער רוצח! ער וויל מיר דערשטעכען מיט זיין שווערד, ער וויל ביי מיר מיין קרוין אוועקנעהמען... א העלפט מיר, ראטעוועט מיר פון זיינע הענט, לאזט איהם צו מיר נישט צו... דערשטעכט איהם מיט אייערע שפיזען, טויטעט איהם דעם רוצח!!

שאול האט א ווארף געטהאן זיין שפיז אין וואנט, ווי ער וואלט וועלען אימיצען דאמיט דערשטעכען...

יונתן איז געווארען אזוי בלאס און דערשראקען, ער איז צוגעלאפען צו זיין פאטער און איהם געוואלט בערוהיגען... שאול האט זיך ווי אין קאנוואולסיעז געווארפען...

די געשרייען, האבען אויך דערהערט אחינועם, שאול'ס פרוי און מיכל און מרב, זיינע ביידע טעכטער. זיי זיינען צושראקענע אריינגעלאפען אין זיין צימער.

— וואס איז מיט דיר, שאול — איז אחינועם צו איהם צוגעלאפען — וואס האט פאסירט ?...

שאול איז יעצט עטוואס געקומען צו זיך...

א גארנישט, מיינע ליעבסטע, איך האב א שרעקליכען חלום געזעהן און מיר איז זעהר שווער אויף'ן הארצען געווארען... יעצט פיהל איך זיך גרינגער... יע, מיין זוהן, — האט ער זיך אפגערופען צו יונתן, געה און ברייננ אהער דעם יונגען פאסטוך פון בית לחם. ער וועט פאר מיר שפיעלען און מיר וועט זיכער גרינגער ווערען...

— וועמען זאל ער בריינגען — האט מיכל א פרעג געטהאן און אין איהרע אויגען האט זיך א פייעריל צושפיעלט...

דוד'ן דעם זוהן פון ישי, מיין טאכטער האט איהר שאול געענטפערט — יונתן זאגט אז ער איז א שפיעלער, א קינסטלער אויף דער הארפע, ווען ער וועט פאר מיר שפיעלען וועט מיר פיעלייכט גרינגער ווערען.

—דוד דער זוהן פון ישי ! — האט מיכל אויסגערופען און זיך באלד געכאפט צוריק, ווייל יונתן האט צו איהר א וואונק געטהאן... ווער איז דאס און פון וואנען קומט ער... ער איז פון בית לחם... ער שפיעלט וואונדערבאר שעהן — און איך בין זיכער אז זיין שפיעלען וועט זיין ווי א באלזאם צו אונזער פאטער'ס הארץ...

מיכל'ס פנים האט זיך געביטען קאליערען... זי האט קיין ארט נישט גע־פונען פאר איהרע אויגען... איהרע פינגער האבען נערוועאיש געצופט דעם פאר־האנג וואס האט אפגעטיילט איהר פאטער'ס צימער פון איהר מוטערס...

יונתן האט עס בעמערקט אויף זיין שוועסטער און ער האט זיך אפגערופען :

לאמיר יעצט לאזען אונזער פאטער זיך אפרוהען... ער האט געהאט זעהר א שלאפלאזע נאכט, און ווען ער וועט זיך אויסרוהען וועט ער פיהלען א סך בעסער... די רופאים ראטען אז מען זאל פאר איהם שפיעלען שעהנע מוזיק און דאס וועט זיכער בערוהיגען זיינע נערווען... איך וועל טאקע באלד אוועקגעהן קיין בית לחם און בריינגען דעם וואונדערבארען הארפען שפיעלער אין אונזער פאלאץ, זאל ער שפיעלען פאר אונזער פאטער און פערטרייבען דעם בייזען גייסט פון איהם...

אחינועם האט צורעכט געמאכט שאול'ס בעט און איהם געבעטען ער זאל זיך צולעגען אווילע שלאפען. שאול האט זיך געלעגט אין בעט און זיי האבען אלע פערלאזען זיין צימער...

יונתן האט א וואונק געטהאן צו מיכל'ן אז זי זאל ארויסגעהן מיט איהם אין גארטען... מיכל איז גלייך ארויס מיט איהר ברודער און אוועקגעשפאצירט וויים הינטערן פאלאץ.

— מיין שוועסטער — האָט זיך יונתן צו איהר אפּגערופען — דו דאַרפסט זעהר פאָרזיכטיג זיין... אויב דו האָסט נאָר א פונק פון ליעבע צו דעם יונגען פאַסטוך וועלכער האָט דיר פון זיכערען טויט געראַטעט. דאַרפסטו זעהן יעצט נאָך מעהר ווי פריהער איינצוהאַלטען דיינע געפיהלען פאַר איהם, אינזיך, און זאָל דער קלענסטער פערדאַכט נישט פאַלען אויף דיר אָדער אויף איהם... וויל ווען דער פאָטער זאָל זיך דערפון בעצייטענס דערוויסען, דאַן וועט אַלעס זיין פערלאָרען... און דערצו וועסטו נאָך פיעלייכט ברייננגען אַן אומגליק אויף דוד'ן... איך געה באַלד צו איהם און וועל איה סברייננגען אהער... ער וועט שפּיעלען פאַר אונזער פאָטער... איך בין זיכער אַז דער פאָטער וועט איהם זעהר ליעב בעקומען... און ווען דו זאָלסט נאָר וויסען ווי אַזוי צו האַנדלען, קען זיין אַז אַלע דיינע חלומות וועגען דעם יונגען בראַווען פאַסטוך, זאָלען פערווירקליכט ווערען.

— מיין ליעבער ברודער! — האָט איהם מיכל גענומען האַלזען און קושען.

— דו ביזט דאָך דער איינציגער וועלכער פאַרשטעהט מיך אַזוי גוט, דו קענסט מיטפיהלען מיינע ליידען... אָ, וויפיעל יסורים איך האָב אין מיין האַרצען אריבערגעטראָגען זינט איך האָב דוד'ן דעם ערשטען און דעם לעצטען מאָל געזעהן... שלאָפלאָזע נעכט, לאַנגזאַמע טעג, געדריקטע שטימונגען, איינזאַמקייט און בענקעניש האָבען זיך צונויפגעקליבען און אַזוי פיעל געדריקט מיין נשמה... און ווען איך וואָלט פאַר דיר מיין האַרץ נישט געקענט אויסגיסען, וואָלטען נאָך מיינע ליידען א סך שטאַרקער געווען... איך ווייס אַז נישט נור קען איך דיר אַלע מיינע סודות אַנפערטרויען, נאָר דו וועסט מיר געוויס אַרויסהעלפען און לינדערן מיינע שמערצען... אָ, דוד, דוד! דו האָסט אין מיין האַרצען א פונק אַריינגעשיקט און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעבליהט און איז אין א העלישען פייער פערוואַנדעלט געוואָרען... יאָ, יונתן, איך געה אויס פון בענקעניש נאָך איהם... איך לעכצע איהם צו זעהן, צו הערען זיין שפּיעלען און אַריינצוקוקען אין זיינע קלוגע אויגען.

— באַרוהיג זיך, שוועסטער, יעצט וועסטו דיין געלעגענהייט קריגען... איך האָף נאָר אַז גאָט זאָל דורך איהם צושיקען א רפואה פאַר אונזער ליעבען פאָטער... זאָל זיין שפּיעלען איינשטילען אונזער פאָטער'ס אויפגערעגטע נערווען... און דאַן וועט דיר שוין במילא זיין גרינגער צו עררייכען דיין ציעל... נו, יעצט מוז איך געהן... איך וועל נאָך היינט מיט איהם קומען אהער, אין פּאַלאַץ, אָבער דו, שוועסטער, זיי געלאַסען און רוהיג... פאַרשפּרעכסטו מיר עס צו טהאָן?

— יאָ, מיין געטרייער ברודער, — האָט איהם מיכל געקושט, — איך פערזיכער דיר, אַז איך וועל זיך קאָנטראָלירען.

יונתן האָט זיין שוועסטער ווידער געקושט און איז גלייך אַוועק נאָך בית לחם.

ווען דוד האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיינע שאָף האָט נאָך די אייל מיט וואָס שמואל האָט איהם געזאַלבט געגלאַנצט אויף זיין קאָפּ. די צוויי יונגען וועלכע האָבען איהם אומגעביטען האָבען דאָס בעמערקט און איינער האָט זיך צו איהם אָפּגערופען:

— דוד, דיין קאָפּ איז פול מיט אייל, ווער האָט עס דיר בעגאָסען מיט אַזאַ שמעקענדען אויל, אַזוי פריה?

— נעהם שנעל אַהיים איהר ליידיגגעהער! — האָט דוד אַרויסגעזאָגט מיט

א געמאכטען כעס — און עס איז נישט דיין עסק וואו איך האב די אייל געקראגען! — האט ער א מאך געטהאן מיט זיין האנט צום יונג.

די יונגען וועלכע האבען נאך דוד'ן געהאלטען פאר גאר א אינגעל מיט וועמען זיי פלעגען זיך פון צייט צו צייט ערלויבען א רייץ צו טהאן, האבען זיך איצט דערשראקען פאר זיין ערנסטקייט, און געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט...

— וואס שטעהט איהר? — האט זיי דוד א פרעג געטהאן — געהט אהיים און זאגט מיין פאטער אז איך רעכען צו פערבלייבען אליין מיט די שאף איינינע טעג און דעריבער וועט ער נישט דארפען שיקען אימיצען מיר אומצובייטען פאר א לייגגערע צייט.

די יונגען האבען זיך פערנייגט פאר דוד'ן און זיינען גלייך אוועקגעגאנגען.

יעצט ערשט האט זיך דוד ארומגעזעהן וואס מיט איהם האט פאסירט... ער האט זיין האנט איבער זיינע האר דורכגעפיהרט און דערפיהלענדיג די פייכטקייט פון דער אייל... האט זיין הארץ א צאפעל געטהאן. אין זיינע אויערען האבען אפגעקלונגען די מילדע צערטליכע ווערטער פון שמואל הנביא: "דו האסט געפונען חן אין די אויגען פון גאט און דאריבער האט ער מיר געשיקט דיר צו זאלבען פאר א קעניג"...

"וואס איז דא מיט מיר פארגעקומען — האט ער געטראכט — שמואל דער נביא האט מיר פאר א קעניג געזאלבט!... נו, און שאול?! ער האט דאך איהם אויסגעקליבען צו זיין קעניג... איז ער דען געווען ערנסט מיט מיר... איך וועל זיין קעניג נאך שאול'ן... און יונתן? דער קרוינפרינץ, אויב שאול האט מיט עפעס געזינדיגט געגען גאט, איז דאך אבער דער נאבעלער און בראווער יונתן עהרליך און גאט'ס פארכטיג און ער האט זיכער פערדיענט די קרוין מעהר איידער איך... מעגליך אז דער נביא האט איהם נאר געוואלט אויספראבירען... אבער די אייל... די הייליגע אייל מיט וואס דער נביא האט איהם געזאלבט... איז דאס מעגליך אז ער וועט ווערען קעניג איבער אלע שבטים?!... ניין, עס איז אונמעגליך!... ווער וויים דען פון איהם, און ווער האט פון איהם געהערט? אנשליסען זיך אין דער ארמעע, וואו ער וואלט זיך געקענט אויסצייכענען דערלאזען נישט זיינע ברידער, ער מוז אימער צו פאשען די שאף... דריי מלחמות האט דער קעניג געפיהרט און אלע זיינע ברידער האבען זיך אין די מלחמות בעטייליגט אבער נישט ער... פיעל מאל האט ער זיך ביים פאטער געבעטען ער זאל איהם ערלויבען צו געהן קעמפפען אין דער זעלבער רייהע מיט זיינע ברידער... אבער דער פאטער זאגט אז ער האט נישט אויף וועמען זיך צו פערלאזען מיט די שאף... ווי עס ווייזט אוים איז איהם גאר בעשערט צו בלייבען דער עוויגער פאסטוך... קיין געלעגענהייט אויסצוצייכענען זיך אין א מלחמה ווערט איהם נישט געגעבען... טו ווי אזוי קען עס מעגליך זיין אז שמואל'ס ווערטער זאלען ערפילט ווערען...

לאנג אבער האט דוד וועגען דעם נישט געטראכט... די גאנצע פאסירונג מיט איהם און מיט'ן נביא איז שנעל ארוים פון זיינע געדאנקען, און דעם פלאץ דארטען האט פערנומען מיכל, די וואונדערשעהנע מיכל...

דוד האט זעהר ליעב געהאט די איינזאמקייט און די שטילקייט פון פעלד. דארטען האט ער אונגעשטערט געקענט טראכטען פון מיכל'ן, וועמען ער האט אזוי ליעב...

זיינע שאָף האָבען זיך שטילערהייט געפּאשעט נישט ווייט פון איהם... ער זיצט זיך אונטער דעם שאָטען פון א בוים מיט דער האַרפע אין האַנט און זיינע געדאַנקען נעמען וואַנדערען... אַט דערמאָהנט ער זיך פון יענער צייט ווען ער האָט געפּיטערט זיינע שאָף אין טהאָל, איידער ער האָט מיכל'ן דערזעהען... ווי גליקליך ער איז געווען... זיין האַרץ האָט פון קיין טריעב און זאָרג נישט געוואוסט... זיין גאַנצער וועזען איז געווען אַנגעפילט מיט פרעהליכקייט, מיט מוטה און ענערגיע... די טענער פון זיין האַרפע האָבען אַזוי פיעל און הערליך געקלונגען... זיי האָבען ערקוויקט און ערפרישט זיין נשמה... דאָס שפּיעלען אויף דער האַרפע האָט איהם אוועקגעפיהרט אין א צווייטער וועלט, וואו אַלעס איז אַזוי שעהן, ערהאַבען און פּאַעטיש... און יעצט... זיין מונטערקייט איז פון איהם פערשוואונדען... די טענער פון זיין האַרפע זיינען געוואָרען אומעטיג... ברומען און וויינען די סטרונעס ווי די צעשראָקענע טויבען, פלאַטערען און שוועבען האַרצרייסענדע טענער און דאָס האַרץ בענקט, און די נשמה לעכצט... טרויעריג און מעלאַנכאָליש ווערען זיינע מחשבות און עס קוועלט איהם און דריקט איהם אויף'ן האַרצען ווי א שווערע כמאַרע... מיכל! די שעהנע מיכל וועט איהם שוין קיינמאָל נישט געהערען... איהם האָט זיך א חלום גע'חלום'ט אָבער דער חלום איז פערשוואונדען... ער טאָר גאָר יעצט וועגען איהר אפילו נישט טראַכטען... זי איז א פּרינצעסין געוואָרען און ער... א פּשוט'ער פּאַסטוך... זי וואָהנט אין פּאַלאַצען, אַרומגערינגעלט מיט דינסטען און קאַמער־מיידלעך, און ער איז דאָ — אין זיין אָרעמען געצעלט אַרומגערינגעלט פון זיינע שאָף...

ער פיהרט זיינע פינגער דורך דער האַרפע און גיסט אויס זיין האַרץ פאַר דעם בעשעפער פון דער וועלט:

דו האָסט, א גאָט, געעפענט די טיהר,
און איך האָב דיין געטליכע ליכט דערזעהן...
ס'האָט זיך א פלאַם צופלאַקערט אין מיר...
און יעצט איז עס אויס, ווי גאַרנישט געווען!...

זי האָט מיר מיט איהרע אויגען געפאַנגען,
בעצויבערט האָט זי מיר מיט איהר בליק...
און יעצט איז אַלעס פערשוואונדען, פערגאַנגען,
פערלאָשען ס'ליכט, אוועק איז מיין גליק...

— — — — — — — — — — — — —

דוד האָט פּלוצלונג אויפגעהערט זיין שפּיעלען; ער האָט דערפיהלט אַז איי־מיצער שטעהט נעבען איהם, און ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט האָט דערזעהן יונתן אין זיין פּרינצליכע קליידער...

— א יונתן! — האָט דוד אויסגערופען מיט פערוואונדערונג און זיך פאַר־איהם פערנויגט — מיין האַר ווי קומסטו אַהער?

— דאָס האָט מיר ווידער אַמאָל דיין שפּיעלען צוגעצויגען — האָט יונתן געענטפערט מיט א שמייכעל, דריקענדיג זיין האַנט — און איך האָב געמיינט אַז דו וועסט מיר נישט דערקענען...

—און איך האב געמיינט אז דו האסט אן מיר שוין לאנג פערגעסען — האט דוד געזאגט — ווייל זינט מיר האבען זיך דאס לעצטע מאל געזעהן איז אין דיר א גרויסע ענדערונג פארגעקומען...

— א דוד, דו בעשולדיגסט מיך אומזיסט, זינט דאן איז נישט אוועק קיין טאג דאס איך זאל דיין נאמען נישט דערמאנען צו מיין שוועסטער מיכל...

— מיכל! — האט דוד אויסגערופען און זיך גלייך צוריקגעכאפט — איך מיין... וואס מאכט דיין שוועסטער מיכל? האט זי מיר דען אויך ווען עס איז דערמאנט?...

— מיין שוועסטער איז נאך עד היום דיר דאנקבאר פאר דעם וואס דו האסט איהר לעבען גערעטעט...

דוד איז רויט געווארען ער האט זיך קיין ארט נישט געפונען... באלד אבער האט זיך אפגערופען:

— זאג דאך מיר יונתן ווי אזוי האסטו געוואוסט אז איך געפין זיך דא אין פעלד?...

איך בין אנגעקומען נעבען בית לחם, האב איך זיך אויף דיר נאכגעפרעגט און אימיצער האט מיר געצייגט דעם וועג צו דרי... איך האב שוין לאנג געוואלט דיר געהן אויפזוכען, נאר דו ווייסט דאך אז די מלחמות און פערשיעדענע אנ־דערע זאכען האבען מיר געהאלטען זעהר שטארק פארנומען... און יעצט איז מיין פאטער נישט אין גאנצען געזונד... און איך פערברייננג מיט איהם כמעט דעם גאנצען טאג...

— איז דער קעניג נישט געזונט? — האט דוד מיט זארג געפרעגט — וואס איז מיט איהם?

— מיין פאטער האט זיך צואווערטעלט מיט דעם נביא און ער האט עס גענומען שטארק צום הארצען און יעצט ליידט ער פון א שווערע מעלאנכאליע... פיעלע מאל ווערט ער פלוצלונג אומעטיג און טרויעריג און די רופאים זאגען אז ווען א גוטער שפיעלער וועט פאר איהם שפיעלען, וועט איהם גרינגער ווערען... און דאן האב איך זיך דערמאנט אן דיר... און איך האב מיין פאטער דערצעהלט וועגען דיין שפיעלען... ער האט מיר געבעטען איך זאל דיר אויפזוכען און דיר ברייננגען צו איהם...

— און איך זאל שפיעלען פאר'ן קעניג? — האט דוד געזאגט מיט שטראה־לענדע אויגען.

יע, דוד, דו וועסט שפיעלען פאר מיין פאטער, און איך בין זיכער אז מיט דיין קומען וועסטו אין דעם קעניגליכען פאלאץ פיעל פרייד אין לעבען אריינברייננגען... איך וועל זיין גליקליך צו האבען דיר נאהענט צו מיר... און מיין שוועסטער מיכל וועט אויך צופריעדען זיין, זי וועט האבען די מעגליכקייט ארויסצוצייגען דיר איהר דאנקבארקייט פארוואס דו האסט איהר פון דעם פלשתי גערעטעט... זי האט שוין פיעלע מאל געוואלט געהן צו דיר, אבער זי האט קיין מעגליכקייט נישט געהאט, ווייל קיינער, אחוץ איך און זי ווייסען נישט וואס איז דאן פארגעקומען מיט איהר ווען דער פלשתי האט זיך אויף דעם בארג נאכגעיאגט נאך איהר... און יעצט איז עס אוממעגליך פאר איהר אוועקצוגעהן אהן דעם פאטער'ס וויסען נו, מיין ליעבער פריינד וועסטו מיט מיר מיטגעהן?

— איך פיהל זיך זעהר גליקליך אויב איך וועל האבען די מעגליכקייט

דעם קעניג מיט עטוואס צו דינען — האט דוד געזאגט — איך וויל אבער פריהער קריגען ערלויבנים פון מיין פאטער...

— איך וועל מיט דיר צו רייטען צו דיין פאטער און איך בין זיכער אז דיין פאטער וועט מיין פערלאנג נישט צוריקוויזען — האט יונתן געזאגט.

— אבער אויף וועמען וועל איך קענען דערוויל איבערלאזען די שאף... דער פאטער האט קיינעם נישט געשיקט מיר אומצובייטען, און טרייבען די שאף קיין בית לחם וועט עס זיי איינמיערען...

חנן איז פערבליבען מיט די שאף און יונתן איז אוועק מיט דוד'ן קיין בית לחם, צו די הויז פון ישי'ן...

— דו בלייב דא מיט די שאף און איך וועל מיט דוד'ן אוועקרייטען קיין בית לחם און ווען מיר וועלען זיך צוריקקעהרען וועלען מיר אלע אוועקרייטען קיין גבעה.

די איינוואהנער פון בית לחם זיינען נישט ווינציגער איבערראשט געווארען פון יונתן'ס בעזוך ווי פון שמואל'ס. פיעלע האבען דערוויל זייער ארבייט גע־לעגט אן א זייט און האבען נאכגעקוקט יונתן און דוד צו זעהען וואוהין זיי וועלען ארייגעהן...

באלד האבען זיך פערזאמעלט א גרופע מענשען און זיך גענומען סוד'ען וועגען דעם.

— עפעס מוז דא זיין — האט זיך איינער אפגערופען — נעכטען איז אהער אנגעקומען דער נביא שמואל און היינט דער קרוינפרינץ, יונתן...

— מיין נושא כלים, חנן, ווארט דא נישט ווייט אויף מיר מיט די פערד, אט וועל איך איהם צורופען און ער וועט פערבלייבען דערווילע מיט די שאף ביז וואנען דיין פאטער וועט שיקען אימיצען אומצובייטען דיר...

— חנן! חנן! — האט יונתן אויסגעשריען און אין א קורצע ווילע איז שוין חנן געשטאנען מיט די פערד נעבען יונתן.

— מערקווירדיג! — האט זיך א צווייטער אפגערופען — היינט גאנץ פריה, ווען איך האב ארויסגעקוקט פון מיין פענסטער האב איך בעמערקט דעם נביא געהענדיג אין דער בעגלייטונג פון דוד'ן, און יעצט בעגלייט דוד דעם קרוינפרינץ יונתן צו זיין פאטער'ס הויז.

— ווי עס ווייזט אויס איז די משפחה פון ישי געווארען זעהר חשוב ביים קעניג — האט אן אנדערער געזאגט — שאול האט פריהער אהין געשיקט דעם נביא, און יעצט זיין זוהן... איך בין זעהר גערן צו וויסען, וואס איז די אורזאכע, וואס פלוצלונג איז ישי'ס הויז אזוי אויפגעריכט געווארען.

— איך וועל שוין היינט ביינאכט אלעס וויסען — האט זיך דער ערשטער בעריהמט — מיין טאכטער איז זעהר בעפריינדעט מיט ישי'ס אינגסטע שנור? און אין אבענד וועלען זיי זיך טרעפען ביים ברונעם וועט זי איהר שוין אלעס דערצעהלען...

— איך גלויב אז דאס האט דער קעניג געשיקט זיין זוהן צו בעדאנקען ישי פאר שיקען זעקס פון זיינע זיהן אין דער מלחמה מיט די עמלקים, וויל לויט ווי איך האב געהערט האבען זיי זיך זעהר גוט אויסגעצייכענט — האט זיך נאך איינער אפגערופען.

— טו פארוואס איז ער אנגעקומען מיט דוד׳ן? — האט אימיצער איהם געפרעגט — דוד האט זיך דאך דערווייל אין קיין מלחמה נישט בעטייליגט...
— און איך זאג אייך אז דעם קרוינפרינץ׳ם בעזוך האט בלויז צו טהאן מיט דוד׳ן... ווייל אויב דער נביא שמואל איז מיט דוד׳ן ארוים פון שטאדט און יונתן קומט מיט איהם אן... מסתמא האט דוד עס פארדיענט...

נאך א גרעסערע איבערראשונג האט יונתן׳ם בעזוך געמאכט אין ישי׳ס הויז... ישי איז איהם ארוים ענטקעגען, זיך פערנויגט און געזאגט:
— שלום!
— שלום! — האט יונתן געענטפערט און אראפגענידערט פון זיין פערד.
דוד׳ס ברידער האבען מיט ערשטוינונג אנגעקוקט דעם קרוינפרינץ... יעדערער האט זיך געטראכט אז דאס איז יונתן געקומען צו איהם, צו דערהויבען צו א גרעסערען ראנק אין דער ארמעע... זיי האבען זיך אלע אויסגעשטעלט אין א שורה און האבען איהם אפגעגעבען דעם מיליטערישען כבוד...
ווען זיי האבען אבער געהערט די אורזאכע צוליעב וואס יונתן איז אהער אנגעקומען זיינען ווי שטארק ענטוישט געווארען...
— און פון וואנען האסטו געוואוסט מיין האר אז מיין דוד שפיעלט אזוי שעהן אויף דער הארפע? — האט איהם ישי געפרעגט.
יונתן האט זיך איבערגעווארפען מיט בליקען מיט דוד׳ן און שמייכלענדיג זיך אפגערופען:
— איך קען שוין דוד׳ן פון לאנג, זינט ער האט זיינע שאף אין דעם טהאל געפיטערט... איך האב זיין שפיעלען געהערט און איך בין זעהר בעגייסטערט געווארען... איך בין זיכער אז מיין פאטער וועט אויך אפשאצען זיין שפיעלען און איהם דערפאר גוט בעלוינען...
— איך וועל זיין העכסט צופריעדען אויב מיין זוהן וועט מיט וואס עס איז קענען דינען דעם קעניג — האט ישי געזאגט. אבער איהר געהט אוועק פון דאנען — וואלט איך וועלען איהר זאלט מיט אונז מיטאג ברויט עסען...
— מיר וועלען קיין סך צייט נישט קענען ווארטען — האט זיך יונתן אפגערופען — מיר וועלען נאר עפעס צו בייסען און גלייך געהן, ווייל דער וועג נאך גבעה איז לאנג, און איך וויל אנקומען מיט דוד׳ן איידער עס ווערט פינסטער.
יונתן און דוד האבען זיך געוואשען און עפעס צוגעביסען.
די מוטער האט גענומען צוגרייטען פאר דוד׳ן זיינע זאכען און אז זיי זיינען פארטיג געווארען, האט זיך יונתן אפגערופען צו ישי׳ן:
— דו וועסט מיר, מיין האר מוזען מיטגעבען נאך א פערד פאר מיין נושא כלים, וועלכער היט דערווייל דיינע שאף, און ער וועט דיר איהם אומקעהרען אין א פאר טעג ארום.
ישי האט אויסגעקליבען א גוטען פערד און איהם איבערגעגעבען צו יונתן, ער האט מיטגעשיקט נתנאל׳ן און הדי׳ן צוויי פון זיינע אינגערע זיהן צו פערנעמען דוד׳ס פלאץ און ארויפלעגענדיג זיינע הענט אויף דוד׳ס קאפ האט ער געזאגט:
— גאט זאל מיט דיר זיין, מיין קינד, און בעגליקען אלע דיינע וועגען...

דוד האט געקושט זיין פאטער און מוטער, האט זיך געזעגנט מיט זיינע ברידער וועלכע האבן אויף איהם געקוקט מיט גרויס קנאה און זעצענדיג זיך אויף זיין פערד האט ער מיט יונתן אוועקגעריטען, אין די בעגלייטונג פון זיינע צוויי ברידער, צו דעם פלאץ וואו ער פיטערט זיינע שאף.

דוד האט זיינע ברידער אנגעצייגט וואו אלעם געפינט זיך, ער האט זיי געזאגט וואס צו טהאן מיט די שאף, און מיטנעמענדיג זיין הארפע האט ער זיך געזעצט אויף זיין פערד.

— דו קענסט דיין הארפע איבערלאזען דא — האט זיך יונתן צו איהם אפגערופען — ווייל די הארפע אין אונזער פאלאץ איז א סך בעסער פון דיינער...

— מיר איז אבער זיך שווער צו שיידען מיט מיינער — האט דוד געזאגט.

— טו נעם איהר טאקע מיט — האט יונתן געזאגט — און אין דיין פרייע צייט, וועסטו ארויסנעמען דיין הארפע אין אונזער גארטען און פאר אונז שפיעלען... מיכל וועט זיך זעהר גליקליך פיהלען צו הערען דיר שפיעלען... דוא ווייסט דאך ווי שטארק ליעב זי האט גוטע מוזיק...

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין גבעה, ביים פאלאץ, האט זיך די זון גע־האלטען ביים אונטערגעהן...

יונתן האט געמאלדען זיין פאטער אז דער יונגער פאסטוך מוזיק שפילער איז שוין דא.

— ברייננט איהם אריין צו מיר — האט שאול געזאגט. — יונתן האט אריינ־געפיהרט דוד'ן אין שאול'ס צימער און איהם פארגעשטעלט פאר זיין פאטער.

— מיין זוהן האט דיר שטארק פערלויבט פאר מיר — האט שאול געזאגט בעטראכטענדיג דוד'ן — איך האף אז איך וועל אין דיר נישט זיין ענטוישט...

דוד האט זיך פערנייגט פאר שאול'ן און זיך אפגערופען:

— איך וועל טהאן אלעס אין מיין מעגליכקייט צופרידענצושטעלען מיין האר דעם קעניג.

— אויב דו ביזט נישט מיעד פון וועג, קענסטו פראבירען עטוואס שפיעלען פאר מיר.

— איך בין נישט מיעד — האט דוד געענטפערט.

שאול האט געהייסען אריינברייננגען די הארפע אין זיין צימער און דוד האט זיך געשטעלט קעגען איבער שאול'ס בעט און אנגעפאנגען צו שפיעלען...

די שעהנע קלינגענדע טענער האבן זיך באלד צעטראגען איבער'ן פאלאץ...

ליגט דער קעניג אויף זיין בעט און הערט זיך צו די זיסע מעלאדיען... א געטליכע פערגעניגען געהט דורך אלע זיינע גליעדער... פערגעסט ער אז אלע זיינע זארגען... פערטרייבט אלע טרויעריגע מחשבות פון זיך. ווערט ליכטיגער שאול'ס פנים און פרעהליכער, הויבן זיך די קנייטשען אן אויסצוגלייכען און ער פיהלט זיך א סך איינגער...

דוד פערוואלפט זיין קאפ מיט די געקרייזעלטע האר און פערטיעפט זיך אין זיין שפיעלען... זיין התלהבות צעוואקסט זיך און די טענער קלינגען און פאלען ווי א באלזאם אויף דעם קעניג'ס צוווהעטאגטע הארץ...

דערזעהט דער קעניג זיין יוגענד, דערמאנט ער זיך אין יענע גליקליכע יאהר־רען ווען ער האט נאך זיין פאטער'ס שאף געפיטערט... ער קומט פון דער פאשע אין שטאדט און שטעלט זיך אפ ביי דעם ברונעם... אט דערזעהט ער די יונגע

עטליכע מענשען וועלכע זיינען געלאפען צום מארק, אבער ער האט פון זיי גאר־ נישט געקענט דערגעהן... ער האט שנעל זיינע שאף אהיימגעטריבען, דארטען האט ער בלויז געטראפען זיין מוטער און עטליכע שקלאפען...

— וואס האט פאסירט, מוטער? — האט דוד געפרעגט מיט נייגעריגקייט.

— איך וויים נישט! — האט איהם די מוטער געענטפערט. — ווי נאר זיי האבען געהערט דעם שאלען פון שופר אזוי זיינען זיי אלע אוועק צום מארק־ פלאץ. דיין פאטער און דיינע ברידער, זיין וועלען זיך באלד צוריקקעהרען ווע־ לען מיר געוואויר ווערען וואס עס האט פאסירט.

— מוטער, איך וועל אויך צולויפען צום מארק, — האט זיך דוד אפגע־ רופען, — איך בין זעהר אומגעדולדיג און איך וואלט וועלען וויסען וואס עס האט פאסירט.

— אבער דו ביזט דאך מיער פון וועג און אויך הונגעריג!...

— ניין, מוטער, איך בין נישט מיער און נישט הונגעריג. כ׳בעט דיך, לאז דאך מיר געהן.

— נו, אז דו ווילסט געהן, וועל איך דיך נישט פערהאלטען, — האט איהם די מוטער צערטליך געזאגט.

דוד איז שנעל אוועק צום מארק־פלאץ. דארטען האט ער געטראפען אלע אידען פון שטאדט. ווען דער גאנצער המון האט זיך פערזאמעלט, האבען צוויי מענשען וועלכע האבען געריטען אויף פערד ווידער געגומען שאלען מיט די שופרות. דער עולם האט זיך איינגעשטילט און די צוויי רייטער האבען אויס־ געריפען:

— מיר זיינען דעם קעניג שאול׳ס שלוחים! די פלשתים האבען אנגעפאנ־ גען א מלחמה מיט אונז... זיי האבען פערזאמעלט גרויסע מחנות און זיי געפינען זיך נעבען דער שטאדט שוכה. דאריבער האט דער קעניג באפוילען אז אלע געזונטע יונגע לייט פון צוואנציג יאהר און עלטער מוזען מיטנעהמען וואס פאר א געוועהר זיי האבען און גלייך אוועקגעהן נאך גבעה אנצושליסען זיך צו דער ארמיי...

— מלחמה! מלחמה! א מלחמה מיט די פלשתים! — האט אפגעהילכט איבער׳ן גאנצען מארק־פלאץ.

— מיר מוזען גלייך אוועקרייטען אין א צווייטע שטאדט! — האבען די שלוחים אויסגערופען, — די סכנה איז זעהר גרוים. קיינער טאר זיך נישט ארויסדרעהען פון מיליטער... מארגען גאנץ פריה מוזט איהר אלע שוין זיין אויפ׳ן וועג נאך גבעה...

דעם קעניג׳ס שלוחים זיינען שנעל אוועקגעריטען אויף זייערע פערד, און זיינען באלד פארשוואונדען געווארען פון אלעמענס אויגען.

אויף מארגען גאנץ פריה האבען זיך שוין אלע יונגע לייט פון בית לחם גענומען גרייטען צום וועג. ישי׳ס דריי עלטערע זיהן, אליאב, אבינדב און שמה האבען מיטגענומען זייער געוועהר און זיך געזעגנט מיט דער פאמיליע.

— איך וועל אויך געהן, — האט זיך דוד אפגערופען, — איך בין זיכער אז דער קעניג וועט מיך דארפען.

—ניין, מיין זוהן, — האט זיך ישי אפגערופען, — דו ביזט נאך צו יונג

צו געהן אין מלחמה, און א חוץ דעם זעהסטו דאָך אז דיינע עלטערע ברידער געהען, וועסטו מוזען בלייבען מיט די שאָף.

— ווען דער קעניג וועט מיך אָבער שיקען רופען, וועל איך דאָך מוזען געהן! — האָט דוד זיך אָפּגערופען אן ענטטוישטער.

— דערווייל איז דיר נאָך פארבליבען דריי וואָכען אורלויב און דער קעניג וועט דיך געווים נישט צוריקרופען איידער דיין אורלויב איז געענדיגט... און אויב ער וועט דיך יאָ צוריקרופען, וועסטו דאָך דאַן האָבען צייט צו געהן...

ישי האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון זיין אינגסטען זוהן אלס דער נעקסטער אידישער קעניג... ער האָט אין דעם נביא שמואל'ס ווערטער נישט געצווייפעלט... און כאָטש ער האָט פאר קיינעם נייעט דערצעהלט אז דוד איז פון דעם נביא געזאַלבט געוואָרען פאר דעם צווייטען אידישען קעניג, דאָך האָבען אלע באַמערקט אן ענדערונג אין ישי'ס בעציהונגען צו דוד'ן... די ברידער האָבען עס אָנגענומען צוליעב דעם וואָס דוד איז אזוי שנעל דער־הויבען געוואָרען ביי דעם קעניג... אין הארצען האָט עס זיי שטארק פארדראָ־סען, און ווען זיי האָבען געפּרואווט ריידען עפּעס שלעכטעס אויף דוד'ן, פלעגט ישי זיך אויף זיי אָנבייזערען און זאָגען: "דאָס רעדט אין אייך די קנאה, אָבער געדענקט, אז איהר וועט נאָך אמאָל זעהר שטאָלצירען מיט אייער ברודער"...

די ברידער האָבען דעם פאָטער גאָרנישט געענטפערט, אָבער זייער שנאה אויף דוד'ן איז נישט געמינערט געוואָרען... און ווען ישי איז אוועק האָבען זיי זיך צווישען זיך דורכגערעדט:

— ווי עס ווייזט אויס איז דוד געבאָרען געוואָרען מיט מזל... דוכט זיך, אזא פוסט און פּאַסניק, וויים נאָר צו זינגען און צו שפּיעלען און קען אזוי אָפּזיצען טעג און נעכט און גאָרנישט טהאָן, נור חלום'ן, פון דעסטוועגען האָבען איהם אלע ליעב... — האָט זיך אליאב אָפּגערופען.

— מסתמא מוז דאָך עפּעס פּאָרט זיין אין זיין שפּיעלען אז עס האָט אויסגעקורירט דעם קעניג, — האָט שמה געזאָגט, — אָבער איז עס דען א וואונדער אז ער קען גוט שפּיעלען... ער טהוט דאָך קיין זאַך ניט, נור ער שפּיעלט... איז עס דען א וואונדער אז ער שפּיעלט גוט... איך גלויב, אז ווען מיר וואָלטען זיך אָפּגעגעבען מיט שפּיעלען אזוי ווי דוד וואָלטען מיר קיין ערגערע שפּיעלער פאר איהם נישט געווען.

— אָבער הערט איהר דען נישט וואָס אונזער פאָטער זאָגט, אז אזא בעגאַבטער און טאלאַנטפאָלער ווי דוד איז גאָר נישטאָ אין גאַנץ ארץ ישראל. — האָט אליאב געזאָגט מיט א שמייכעל, — נור זאָל אונז נישט פארדריסען. דוד איז דאָך נישט יוסף און וועט געווים קיין העררשער איבער אונז נישט זיין...

— און קיין קלאָרטע זיידענע העמדעל האָט דאָך איהם אונזער פאָטער אויך נישט געמאַכט, — האָט שמה צוגעגעבען מיט א שמייכעל.

ווען דוד'ס דריי עלטערע ברידער זיינען שוין געווען אויפ'ן וועג נאָך גבעה מיט זייער געוועהר, האָבען זיי נאָך אלץ גערעדט וועגען זייער אינגסטען ברודער.

— האָסטו געזעהן ווי דוד האָט זיך געבעטען ביי דעם פאָטער ער זאָל איהם ערלויבען מיטצוגעהן אויף מלחמה, — האָט אליאב געזאָגט, — אָבער דיזען מאָל האָט ער נישט אויסגעפיהרט.

— ווען ער וואָלט מיטגעגאַנגען וואָלט איך זיך אומגעקעהרט, — האָט

שמחה געזאגט, — איך בין זיכער אז אפילו דארטען, אין לאגער, וואלטען מיר געדארפט קעמפען און דוד וואלט געקראגען די אויסצייכנונגען...

לאנג אבער האבען די ברידער וועגען דוד'ן נישט גערעדט. זיי האבען זיך אנגעשלאסען אן די איבריגע פוס-געהער און צוזאמען אוועקגעמארשירט אין גבעה.

פון גבעה האבען אלע, אונטער די פיהרערשאפט פון דעם קעניג און יונתן אוועקגעמארשירט צו דעם בארג וואו אבנר און זיין ארמיי זיינען געווען. און מיט א פאר טעג שפעטער איז אנגעקומען גלית וועלכער האט אויף אלעמען אנגעווארפען א שרעק.

* * *

דוד האט ביי יעדער געלעגענהייט געבעטען זיין פאטער ער זאל איהם ערלויבען אוועקצוגעהן צום אידישען לאגער. אבער ישי האט איהם דערפון שטארק אפגערעדט... ווען ער איז שטארק צוגעשטאנען צום פאטער, האט ישי איהם אוועקגערופען אין א צווייטען צימער וואו קיינער איז נישט געווען און האט זיך צו איהם אפגערופען:

— מיין זוהן, דיין לעבען דארף יעצט זיין טהייער ביי אלעמען... געדענקסטו דען נישט אז אונזער הייליגער נביא שמואל האט דיר געזאלבט פאר דעם צווייטען קעניג פון גאנץ ישראל... עס איז מיין פליכט דיך אפצוהיטען פון אלע סכנות, כדי די נבואה פון אונזער נביא זאל אויף דיר מקוים ווערען... ווען דו וועסט יעצט געהן אין מלחמה קען דאך מיט דיר פאסירען אן אומגליק און פון אלע מיינע ערווארטונגען און האפנונגען וועגען דיר, וועט גארנישט ווערען.

— אבער מיין ליעבער פאטער, — האט דוד זיך אפגערופען, רויט ווערענדיג, — איך טראכט אפילו נישט וועגען דעם... איך האב די פאסירונג מיט שמואל שוין לאנג פארגעסען.

— צווייפעלסטו דען מיין קינד, אין די ווערטער פון דעם הייליגען נביא?

— האט איהם ישי געפרעגט.

— ניין, פאטער, איך צווייפעל נישט אין זיינע רייד, אבער ווען אפילו איך זאל די געלעגענהייט יא קריגען, וועל איך דאס נישט טהאן... מיין פריינד יונתן איז מעהר בארעכטיגט צו דער מלוכה ווי איך... פארגעס נישט, אז ער איז מיין בעסטער פריינד פאר וועמען איך בין צו יעדער צייט גרייט אפילו מיין לעבען מקריב צו זיין, וועל איך דען פון איהם אוועקנעהמען די מלוכה?! דאריבער וויל איך גאר דערפון אפילו ניט טראכטען.

— אבער, מיין זוהן, קיינער פון אונז קען נישט וויסען די וועגען פון גאט, אפשר איז דאס דיר אזוי באשערט פון הימעל...

— לאמיר וועגען דעם מעהר נישט רעדען, ליעבער פאטער, איך וויל דו זאלסט מיר בלויז ערלויבען אוועקצוגעהן אויף עטליכע טעג און איך וועל זיך באלד צוריקקעהרען.

— ווייסטו גאר וואס, מיין זוהן, — האט זיך ישי אפגערופען, — דו וועסט געהן זעהן וואס דיינע ברידער מאכען, און אין דערזעלבער צייט וועסטו זיי עפעס בריינגען צום עסען, און אויך א מתנה פאר זייער הויפט, דעם שר האלף.

צו דוד'ס שמחה איז קיין גרעניץ נישט געווען... ענדליך ערלויבט איהם זיין פאטער אוועקצוגעהן צום פלאץ פון מלחמה.

די מוטער האט איהם מיטגעגעבען א צעהנדליג לאבענס ברויט, א צעהנדליג הארטען קעז, געטריקענטע קארן און נאך פערשידענע עסענווארג. דוד האט עס גוט איינגעפּאקט. ער האט געקושט זיין פאטער און מוטער און זיך אוועקגעזעצט אויף דעם פערד וואס שאול האט איהם מיטגעגעבען און האט אוועקגעריטען צום טהאל אלה . . .

ווען דוד איז צוגעקומען צום לאגער האט שוין די זון געהאלטען ביים אונטערגעהן. די גאנצע ארמעע איז געווען אין א צושטאנד פון אויפרעגונג... ער האט באמערקט ווי פיעלע סאלדאטען קריצען מיט די צייהן, דריקען זייערע פויסטען... ער האט געהערט די קללות וואס האבען זיך ארויסגעריסען פון פיעלע מיילער... ער האט זיך אונטערגעהערט צו עטליכע געשפרעכען פון די סאלדאטען, און ער איז געווען איבערצייגט אז עפעס אויסערגעוועהנליכעס האט דא נאר וואס פאסירט...

דוד איז צוגעגאנגען צו איינעם און געבעטען ער זאל איהם זאגען וואס דא קומט פאר.

דער סאלדאט האט אויף איהם בייז א קוק געטהאן:

— בעלעסטיג מיר נישט מיט דיינע נארישע פראגען! — האט ער איהם געזאגט — געה זיך דיר דיין וועג!

— איך וועל פריהער אויסגעפינען וואו מיינע ברידער זיינען — האט זיך דוד געטראכט — און זיי וועלען מיר געוויס אלעס דערצעהלען. ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף דעם הויפט, אונטער וועמען זיינע ברידער האבען געדיענט. נאך א לאנגע צייט זוכען האט ער זיך ענדליך דערשלאגען צו זיינע ברידער... ער האט זיין פערד צוגעבונדען צו א דערבייאיגען בוים, און גענומען דעם פעקעל און איז צוגעגאנגען צו זיינע ברידער.

— זעה נאר ווער עס קומט! — האט אליאב זיך אפגערופען צו זיינע ברידער ווען ער האט דערזעהן דוד'ן.

— איך האב אבער געוואוסט, אז ער וועט דא קומען! — האט אבינדב געזאגט — ער פיהרט אלעמאל אויס וואס איהם ווילט זיך.

— ער איז מסתמא אהער געקומען אהן דעם פאטער'ס ערלויבניס — האט זיך שמה אפגערופען — איך האב דאך געהערט אז דער פאטער האט איהם פערבאטען צו געהן אין מלחמה...

— ווער האט נאך דיר געשיקט! — האט אבינדב אויסגערופען! — ווער דארף דיר דא ?

דוד איז געבליבען שטעהן א פערשעהמטער און בעליידיגטער... ער האט זיך אזוי דערפרעהט ווען ער האט זיינע ברידער דערזעהן און האט געהאפט אז זיי וועלען זיך אויך פרעהען מיט איהם און בפרט ווען ער האט זיי געבראכט א גערוס פון דער היים און דערצו נאך עסענווארג, זייער מוטער'ס געבאקטע ברויט און איהר געמאכטע קעז....

— דער פאטער... ע... האט מיר ערלויבט צו געהן — האט דוד ארויסגעשטאמעלט, און זיינע אויגען האט ער ארונטערגעלאזען צום באדען.

— אפשר ביזטו נאר אהער געקומען קעמפפען מיט גלית'ן דעם פלשתי ?! — האט אליאב געלאכט.

— גלית דער פלשתי! — האט דוד אויסגערופען — ווער איז ער עס, אט

דער גלית ? איך האב שוין דא עטליכע מאל געהערט דערמאנענדיג זיין נאמען, דערציילט דאך מיר, איך בעט דיר, אליאב, וואס איז דא פארגעקומען מיט גלית׳ן ?...

— זעה נאר ווי נייגעריג ער איז עס אלעס צו וויסען ! — האט זיך אליאב אפגערופען מיט כעס — אויף וועמען האסטו פערלאזען די ביסעל שאף ? איך קען שוין דיין חוצפה. איך וויים אז דו ביסט אהער געקומען צו זעהן די מלחמה, כדי דו זאלסט זיך נאכהער קענען בעריהמען אז דו ביזט אויך געווען אויף מלחמה און זיך בעטייליגט אין קאמפף !...

— דער פאטער האט מיר געשיקט איך זאל אייך ברייגגען צו עסען האט דוד געזאגט, — אט איז אייער פעקעל ! דעם צווייטען פעקעל איז א מתנה פאר אייער שר האלף !... ער האט זיך אבגעקעהרט פון זיי און איז אוועק צו זייער הויפט, דעם שר האלף.

— מיין פאטער ישי פון בית לחם, האט דיר א מתנה געשיקט, א צעהנדליג קעז, וואס מיין מוטער האט מיט איהרע אייגענע הענט געמאכט — האט דוד זיך צו איהם אפגערופען און פערנייגט.

— איך דאנק דיר, מיין זוהן ! — האט דער שר האלף געזאגט און ביי איהם גענומען דעם פעקעל — האסטו שוין געזעהן דיינע ברידער ?

— איך האב זיי שוין געזעהן, מיין האר !... איך האב זיי געהערט ריידענ־דיג פון א גלית׳ן, און ווען איך האב זיי געפרעגט וועגען וואס עס האנדעלט זיך האבען זיי מיר נישט געוואלט דערציילען... איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען וואס דא האט פאסירט, ווייל ווען איך בין אהער אנגעקומען, האט כמעט יעדער איינער דערמאהנט זיין נאמען מיט אויפרעגונג... און אז איך האב וועמען עס איז געפרעגט האט מען מיר נישט געוואלט זאגען.

— און וואס וועט זיין אז דו וועסט וויסען, וועסטו אונז דען קענען העלפען? דער וועהטאג איז גרויס און די שאנדע איז נאך גרעסער !...

— איך בעט דיר, מיין הגר, דערציילט דאך מיר, וואס האט פאסירט מיט גלית׳ן ? — איז דוד צו איהם צוגעשטאנען.

— האסטו נאך גלית׳ן גאר נישט געזעהן ? ער איז דאך דא נישט לאנג געווען !...

— ניין, מיין האר, איך בין נאר וואס אנגעקומען, און דעם פלשתי נישט געזעהן.

— נו, אויב אזוי, וועסטו איהם מארגען גאנץ פריה זעהן ! — האט דער הויפט געענטפערט — ווייל גלית קומט אונז יעצט צו בעזוכען צוויי מאל א טאג, אין דער פריה און אין אבענד...

— אבער איך בין אזוי נייגעריג צו וויסען וועגען דעם... און איך וועל קיין געדולד נישט האבען צו ווארטען ביז׳ן מארגען. וועסטו דען מיר אויך ענטזאגען צו דערצעהלען, מיין האר ?

— עס בלוטיגט דאס הארץ צו רעדען אפילו וועגען דעם, אבער אז דו שטעהסט אזוי שטארק צו וועל איך דיר דערצעהלען :

”ווען מיר האבען אונזערע מחנות צונויפגעזאמעלט מלחמה צו האלטען מיט די פלשתים, האבען מיר גלייך בעמערקט, אז אונזערע שונאים האבען אויך א שטארקע און גרויסע ארמעע און עס וואלט געווען זעהר געפעהרליך ארונטער־

צוגעהן פון בארג און אנפאנגען די מלחמה. די פלשתים האבען אויך קיין חשש נישט געהאט ארונטערצונידערען פון זייער בארג, האבען זיי צו אונז צוגעשיקט דעם ריעזיגען גלית און ער פערלאנגט אז מיר זאלען אויסקלייבען א מאן וועלכער זאל קעמפפען מיט איהם; אויב אונזער העלד וועט איהם בייקומען, האבען די פלשתים פערלארען די מלחמה און זיי וועלען זיין אונזערע קנעכט... אבער גלית וועט זיעגען, דאן האבען מיר פערלארען די מלחמה און מיר וועלען מוזען זיין זייערע קנעכט... זינט דאן, קומט גלית נאהענט צו אונזער בארג צוויי מאל א טאג, ער בעלייריגט און ערניעדעריגט אונז, ער שילט און זידעלט אונז, ער שפאט און לאכט אפ פון אונז; ער לעסטערט אונזער גאט און קעניג!... ער רופט אונז פייגלינגע, שוואכלינגע און טרוסען... ווייל עס געפינט זיך ביי אונז נישט קיין העלד וועלכער זאל וואגען איינשטעלען זיין לעבען און דעם זיעג פון אונזער פאלק אין סכנה, און קעמפפען מיט דעם ריעזיגען, געזונטען העלד גלית!... דער קעניג האט זאגאר אנגעבאטען צו געבען איינע פון זיינע טעכטער פאר א פרוי צו דעם זיעגער איבער גלית'ן... ער וועט איהם אויך רייך מאכען און בעפרייען זיין גאנצע פאמיליע פון מיליטער און פון צו צאהלען צינזען... אבער ביז יעצט האט זיך נאך קיינער נישט אפגערופען...

— דער קעניג וועט געבען זיין טאכטער פאר א פרוי צו דעם זיעגער! — האט דוד אויסגערופען — האט ער דען נישט געזאגט וועלכע טאכטער?

— וואס איז דער אונטערשיעד! — האט דער שר האלף געזאגט — נישט יעדער איינער קען האבען די זכיה צו זיין דעם קעניג'ס איידעם... און דער זיעגער וועט זיך נישט ענטזאגען התונה צו האבען מיט וועלכע פרינצעסין ער זאל נישט קריגען...

— און קיינער האט זיך ביז אהער נישט אפגערופען?! — האט דוד ווידער געפרעגט...

— עס זיינען יע געקומען איינינע וועלכע האבען זיך אנגעבאטען צו געהן קעמפפען מיט דעם ערל, אבער ווי זיי האבען דערזעהען דעם ריעזן, האט זיי אנגענומען א שרעק און האבען זיך גלייך צוריקגעצויגען... דער איינציגער וועלכער רייסט זיך נאך יעצט אויך צו קעמפפען מיט דעם פלשתי, איז דער קרוינפרינץ, יונתן אבער דער קעניג דערלאזט איהם נישט...

דוד האט דעם הויפט בעדאנקט און איז אוועק אין א צווייטע ריכטונג. און געפרעגט ביי א גרופע סאלדאטען: "וואס האט דער קעניג צוגעזאגט צו געבען דעם זיעגער איבער גלית'ן?...

— די פרינצעסין, ברודער, וועט זיין דיינע, ווען דיר געלינגט נאר פאנאנדערצוטיילען גלית'עס גראבע קאפ פון זיין דיקען גוף! — האט איהם איין סאלדאט געענטפערט מיט א שמייכעל.

— און קיין געלט וועט דיר שוין אויך נישט פעהלען — האט איהם א צווייטער געזאגט.

— האט דער קעניג נישט געזאגט וועלכע טאכטער דער זיעגער פון גלית'ן וועט קריגען, די אינגערע, צו די עלטערע? — האט דוד געפרעגט.

— קוק נאר איהם אן! — האט זיך א דריטער סאלדאט פאנאנדערגעלאכט — אפשר ווילסטו זיך געהן שלאגען מיט גלית'ן! זעה, עס געהט דאך איהם אין לעבען, אויסצוגעפינען וועלכע פרינצעסין דער קעניג האט אנגעבאטען!!... אז

די עלטערע איז וואס? לוינט זיך דיר נישט... און אזא העלד ביזטו גאר! מיר דוכט זיך אז איך האב דיר בעמערקט אנטלויפענדיג מיט שרעק, ווען גלית האט זיך דערנעהענטערט צו אונזער לאגער... הא, נישט ריכטיג?

— געווים איז עס נישט ריכטיג! — האט דוד געענטפערט — איך האב נאך גלית'ן קיינמאל נישט געזעהן!... איך בין נאר וואס אנגעקומען!

— נו, אויב אזוי וועסטו אזוי גוט זיין און ווארטען ביז מארגען אין דערפריה... און איך פערזיכער דיר אז ווי נאר דו וועסט דערזעהן גלית דעם פלשתי, וועסטו מאכען אזא "ויברח", אז דו וועסט זיך אפילו מורא האבען אומצוקוקען אויף הינטען...

— אפשר איז א סברא אז דו זאלסט פאדערען ביים קעניג זיינע בידע טעכטער און אז נישט וועסטו זיך נישט געהן שלאגען מיט דעם פלשתי? — האט נאך איינער זיך געוויצעלט.

— ווייסטו גאר וואס? — האט אן אנדערער געשפאסט — לאמיר זיך גאר בידע א נעהם טהאן צו גלית'ן און ווען מיר וועלען מיט איהם פארטיג ווערען, וועלען מיר זיך צוטיילען דעם קעניג'ס פרינצעסינס... איינע פאר מיר און איינע פאר דיר... אפגעמאכט?!

אלע האבען זיך פאנאנדערגעלאכט, און יעדער איינער פון דער גרופע האט געפרובירט שפאס מאכען אויף דוד'ס חשבון...

עס איז שוין געווארען גוט פינסטער און די סאלדאטען האבען גענומען צונויפשטעלען זייערע געצעלטען, און זיך געקליבען אפצורוהען פאר דער נאכט. דוד איז אוועק צו דעם געצעלט וואו זיינע דריי ברידער זיינען געווען. זיי האבען איהם ווידער גענומען מכבד זיין מיט מוסר, און גענומען אפשפאטען פון איהם, אבער לאנג האט עס נישט געדויערט. זיי זיינען געווען זעהר מיעד און באלד איינגעשלאפען אויף'ן בארען... דוד האט אויך זיך געלעגט אויף'ן גראז אונטערלעגענדיג זיין מאנטעל צוקאפענס, אבער ער האט נישט געקענט איינשלאפען... די גאנצע נאכט האט ער געטראכט פון מיכל'ן... און פון גלית, דעם פלישתי... ער וועט טאקע געהן קעמפפען מיט דעם ערל... ער איז זיכער אז פון הימעל וועט מען איהם העלפען... ער וועט דאמיט הייליגען גאט'ס נאמען און ברייננען א ישועה אויף אלע אידען... וואס אבער וועט ער טהאן, — האט ער גענומען טראכטען אז שאול וועט איהם געבען מרב'ן אנשטאדט מיכל'ן... אבער ניין, דאן וועט ער זיך דאך שוין נישט דארפען שעהמען פאר'ן קעניג, ער וועט איהם קענען דערצעהלען אז ער האט מיכל'ן די גאנצע צייט ליעב געהאט... ער איז זיכער אז דער קעניג וועט נישט האבען דאגעגען איהם צו געבען מיכל'ן אנשטאדט מרב'ן... יונתן וועט איהם שוין זעהן העלפען...

די געדאנקען אז ער וועט נאך קריגען א געלעגענהייט צו געווינען מיכל'ס הארץ צוריק האט איהם געשטארקט און ערמוטהיגט... ווען גאט זאל נאר איהם העלפען און ער וועט בעזיעגען דעם פלשתי, דאן וועט מיכל'ס הארץ אויך ווייכער ווערען צו איהם... ער קען דאך נאך ביז יעצט נישט פערשטעהן וואס מיט מיכל'ן איז געווארען... ער איז דאך געווען כמעט ווי איבערצייגט אז זי איז אין איהם געווען פערליעבט... זאל עס זיין אז אימיצער האט אויף איהם אנגערעדט... יע, דאס איז געווים שמעי בן גרא. יונתן האט דאך איהם דערצעהלט אז שמעי בעלעסטיגט מיכל'ן מיט זיינע ליעבעס ערקלערונגען... דערווייל האט ער גענוזט

אנגרעדעז אויף איהם, כדי ער אליין זאל נושא חן זיין אין איהרע אויגען... יעצט פערדריסט איהם וואס ער האט אזוי שנעל פערלאזען דעם קעניג׳ס פאלאץ... ער האט געדארפט פריהער אויסגעפינען די אורזאכע פארוואס מיכל איז פלוצלונג אויף איהם אזוי אין כעס געווארען, אז זי האט אפגעקערט איהר קאפ ווען זיא האט איהם דערזעהן... ווען ער פערבלייבט דאן אין פאלאץ אויף נאך א פאר טעג וואלט ער זיכער אויסגעפונען די אורזאכע... ער וואלט איהר ערקלעהרט איהר טעות און אלעס וואלט רעכט געווען... יעצט אבער... ווער ווייס צו איז שוין נישט שפעט!... יע, ווען ער זאל נאר בעזיעגען דעם פלשתי, וועט מיכל וויעדער איהם אנפאנגען ליעב צו האבען. א ווי גליקליך ער וואלט געווען... ער האט בעשלאסען אז ווי נאר עס וועט טאג ווערען וועט ער אוועקגעהן צו דעם פלאץ וואו דער קעניג און יונתן געפינען זיך און וועט זיי איבערגעבען אז ער וויל קעמפפען מיט גלית׳ן... און אפשר זאל ער ווארטען ביז וואנען ער וועט זעהן גלית׳ן אנקומען און הערען זיינע רייד... יע, איידער ער געהט צום קעניג, מוז ער דעם פלשתי פריהער זעהן... אפשר וועט טאקע זיין אוממעגליך פאר איהם צו קעמפפען מיט אזא ריעז... ער האט דאך אנגעווארפען אזא שרעק אין גאנצען לאגער, אז מען האט גאר מורא אפילו זיין נאמען צו דערמאהנען...

עס האט שוין אנגעפאנגען צו טאגען... אין גאנצען אידישען לאגער האט מען זיך גענומען בעוועגען... בימלעכווייז זיינען די סאלדאטען אויפגעשטאנען פון זייער שלאף, זיי האבען פאנאנדערגענומען די געצעלטען... יעדער האט גענומען זוכען אין זיין פעקעל "אונטערצולעהנען" דאס הארץ... דוד איז שוין געשטאנען נעבען זיין פערד און איהם געגעבען דעם פרישען זעקעל היי... ער האט זיך צוריקגעקעהרט צו זיינע ברידער אין געצעלט און האט גענומען זיין טארבע גלאטע שטיינער און זיין שליידער האלץ...

— דו געה גלייך אהיים צום פאטער! — האט אליאב זיך אפגערופען צו דוד׳ן — ער האט זיך קוים דערווארט אויף דיר, דו זאלסט קומען און ארויסהעלפען מיט די שאף, און יעצט אז דו האסט געקראגען איין מאנאט אורלויב, ווען דו וואלסט יע געקענט ברייגגען נוצען דעם פאטער. געפינסטו אלערליי תרוצים אוועקצוגעהען פון הויז...

— איך וויל בלויז איבערווארטען ביז וואנען גלית וועט אנקומען — האט דוד געזאגט — און נאכהער...

— און נאכהער וואס? — האט איהם שמה נאכגעקרימט אפשר וועסטו זיך געהן שלאגען מיט גלית׳ן? דו האלסט זיך דאך טאקע פאר א גרויסען העלד!

— העלדישקייט ליגט אין גאט׳ס האנט! — האט דוד שנעל געענטפערט.

— דו מיינסט מסתמא אז דיר האט זיך איינגעגעבען אלס קינד צו טויטען צוויי פלשתים, וועסטו אויך קענען טויטען דיזען פלשתי! — האט אבינדב געזאגט — פערליער בעסער נישט קיין צייט און געה גלייך צוריק אהיים!

— זעהט נאר, דוד האט דאך פערגעסען מיטצונעהמען זיין הארפע! — האט שמה געזאגט מיט סארקאזם. זיין טארבע שטיינער מיט׳ן שליידערהאלץ האט ער נישט פערגעסען...

— עס איז טאקע א שאדען וואס דו האסט דיין הארפע נישט מיטגענומען— האט אליאב געשמייכעלט — ווען דו האסט דא דיין הארפען וואלסטו ארונטער־

געוואנגען צו גלית'ן און גענומען שפיעלען פאר איהם, אפשר וואלסטו איהם גע־קענט פערשלעפערען מיט דיין שפיעלען ?...

דוד האט קיינעם פון זיי מעהר נישט געענטפערט, ער איז גלייך אוועק צום ברעג בארג און גענומען ווארטען אויף דעם אנקומען פון דעם פלשתי...

דער וואך ביים ברעג האט זיך פערשטארקט, דוד האט זיך דורכגעשפארט צווישען די סאלדאטען... איינינגע האבען איהם פערהאלטען: "וואוהין קריכסטו?!
— האבען זיי איהם געפרעגט, — איך וויל זעהן גלית'ן — האט דוד שטיל געענטפערט.

— האסטו דען דערצו געקראגען ערלויבניס — האט מען איהם געפרעגט.

— לאזט איהם געהן — האט זיך איין סאלדאט אפגערופען — ווי ער וועט נאר דערזעהן דעם ריעז, וועט ער אליין אנטלויפען אזוי שנעל ווי זיינע פיס וועלען איהם קענען טראגען... און ער וועט שוין פארזאגען א צעהנטען, מעהר אהער נישט צוצוקומען.

ענדליך איז דוד צוגעקומען צום סאמע ברעג וואו די שטארקערע און מעהר העלדישע סלדאטען זיינען געשטאנען...

דוד איז געשטאנען און האט זיינע אויגען נישט ארונטערגענומען פון דעם אנדערען זייט בארג וואו די פלשתים האבען געלאגערט... ער האט אפילו פון וויטען געקענט בעמערקען אז דארטען הערשט מעהר פרעהליכקייט ווי אין דעם אידישען לאגער... ער האט בעמערקט ווי דארטען האבען איינינע סאלדאטען זיך אוועקגעלאזען טאנצען. זייערע יובעל געשרייען האט אויך אפגעהילכט אין די שטילקייט פון טהאל.

פלוצלונג האט דוד בעמערקט ווי איטיצער נידערט ארונטער פון יענעם זייט בארג... באלד נאך יענעם קומט ארונטער א צווייטער וואס קוקט אויס זעהר קליין אין פערגלייך מיט דעם ערשטען. דער צווייטער האלט עפעס אין זיין האנט...

— גלית קומט אן! גלית קומט אן! — האט דוד דערהערט שטימען ארום זיך... ער האט באלד בעמערקט ווי א כמארע האט זיך פערצויגען אויף יעדענס פנים... א זיפצען האט זיך דערטראגען צו זיינע אויערען... באלד איז אלעס שטיל געווארען. די שווערע לאנגזאמע טריט פון גלית'ן האט אפגעהילכט אין דער שטילקייט... וואס נעהענטער ער איז צוגעקומען אלץ שטארקער האבען די אידישע הערצער גענומען קלאפען... דוד האט אנגעשטעלט זיינע אויגען אויף גלית'ן, ער האט בעמערקט זיין געזונטען און רויטען פנים, זיין אונגעהויער גרוי־סען הויך מיט זיין פעסטען געבוי... יע, א שרעק נעמט יעדען איינעם דורך ווען מען גיט נאר א קוק אויף איהם!...

— נו, איהר קנעכט פון שאול'ן — האט גלית'עס שטימע א דונער גע־טהאן — איהר האט נאך אלץ קיין העלד נישט געפונען וועלכער זאל ארונטער־געהן מיט מיר קעמפפען... פערציג טעג ווי איך קום צו צו אייך צוויי מאל א טאג... ביז ווי לאנג דיינקט איהר וועל איך ווארטען, איהר צושראקענע הינט, איהר שוואכע פליגען וואס איהר זייט! מעהר וועל איך אויף אייך נישט ווארטען! מארגען וועל איך פירען מיין ארמעע געגען אייך און איך וועל מאכען פון אייך און פון אייער פיינלינג קעניג שטויב און אש... מיר וועלען אייער גאט וועמען איהר האלט פערשלאסען אין אייער ארון, ביי אייך נאך אמאל צונעה־

מען... איך וועל איהם ברייננען פנים אל פנים מיט אונזער שטארקען גאט, דגון, און זאל ער געגען איהם קעמפפען!... מארגען וועט זיין די ענדע פון אייער אי־דישע מלוכה! מיר וועלען פון אייך קיין זכר נישט איבערלאזען! אלעמען אויס־קוילענען ווי חזירים... בלויז אייערע שעהנע טעכטער און ווייבער וועלען מיר צו נעמען פאר זיך... דעם קעניג'ס צוויי טעכטער, די פרינצעסינס וועל איך נע־מען פאר זיך! מען האט מיר דערצעהלט אז די אינגערע פרינצעסין איז גאר א זעלטענע שעהנהייט, און וועט זי זיין א גוטער ביסען פאר מיר...

דוד'ס בלוט איז איהם געקומען אין זיין פנים. זיין כעס און אויפרעגונג איז געוועזען אזוי גרויס, ער האט געקריצט מיט די צייהן און געדריקט זיין פויסט... ער האט שוין מעהר נישט געקענט הערען ווי גלית לעסטערט דעם אידישען גאט און קעניג... זיין בלוט האט אין איהם אויפגעזידט ווען ער האט דערהערט ווי גלית לאכט אפ פון דעם קעניג'ס טעכטער... דוד איז ארויס פון די רייהען און אויפהויבענדיג זיין פויסט, האט ער ארונטערגעשריען צו גלית'ן מיט פערביטע־רונג און אויפרעגונג:

— מאך צו דיין חזיר'שע מויל, דו אומריינער ערל! קום צו היינט בייטאג און איך וועל דיין טמא'דיגען מויל אויף עוויג פערשטומען, דו אומווירדיגער פלשתי!...

א טויט שרעק איז אנגעפאלען אויף אלעמען, איינינע אפיצירען זיינען גלייך צוגעקומען און דוד'ן א שלעפ געטהאן אויף צוריק.

— וואס טוסטו, דו ווילסט אונז אלעמען אומגליקליך מאכען? — האבען זיי איהם געזאגט...

פון אונטען האט זיך געהערט א הילכיגער געלעכטער: כא, כא, כא! גרויסע העלדען געפינען זיך ביי אייך... כא, כא, כא! איך וועל דא בייטאג נאך אמאל זיין... איך וויל זיך נעהנענטער בעקענען מיט אייער "העלד"! כא, כא! כא!...

— — — — — — — — — — — —

אין אידישען לאגער איז געווארען א טומעל... די נייעס איז בליץ שנעל פערשפרייט געווארען אז נאך גאר א יונגער אינגעל האט געוואגט און צוריקגע־ענטפערט דעם פלשתי מיט בעליידיגונגען... און נאך מעהר: ער האט איהם ארויסגערופען צום קאמפף אויף היינט בייטאג!...

— ווער איז ער עס אט דער יונגער אינגעל?! — האבען די אפיציערען און סאלדאטען פון דער ערשטער רייהע זיך איינע די אנדערע געפרעגט. און באלד האט זיך די זעלבע פראגע ווידערהאלט פון ברעג צו ברעג...

— ווער איז ער דאס?

— מען זאגט אז ער קומט פון בית לחם!

— זיינע דריי ברידער זיינען צווישען אונז!...

— ער האט אונז שוין אין א גוטע צרה אריינגעפיהרט!...

— ער האט אונז אלעמען אומגליקליך געמאכט!

— אפשר וועט ער טאקע ארונטערגעהן קעמפפען מיט גלית'ן?!

— וויים איך וואס! אזא יונגער שנעק! גלית ווע טדאך איהם אוועקבלאזען מיט דעם ווינט פון זיין אטעם!...

— וואס וועלען מיר יעצט קענען טהאן ?!... מיר האבען די מלחמה פערשפיעלט !

איהם אהער געבראכט, דעם אינגעל ? ער מוז בעשטראפט ווערען דערפאר !...

ידער האבען דערהערט וואס ער האט אפגעטהאן זיינען זיי זעהר אויפגערעגט און אויפגעבראכט געווארען געגען איהם.

— איך האב אבער געוואוסט אז קיין גוטעס וועט ער אונז נישט טהאן מיט זיין קומען אהער ! — האט אליאב זיך גע׳כעס׳ט...

— וואס וועט יעצט זיין ?... — האט שמה געזאגט — צו אזוי צו אזוי זיינען מיר פערלארענע... וועט ער זיך טאקע געהן שלאגען מיט גלית׳ן וועט ער זיך שוין קיין לעבעדיגער נישט צוריקקעהרען... וועט עס דען אונזער פאטער אריבערטראגען... ער איז דאך אזוי צוגעבונדען צו איהם... אין אונזער גאנצער גליק און שלום פון אונזער הויז וועט צושטערט ווערען... און אויב דוד וועט זיך יעצט צוריקציהען, וועלען אלע אונזע גאנצע פאמיליע בעשולדיגען... זיי וועלען זאגען אז מיר זיינען שולדיג אין אונזער גרויסען פאלקס אומגליק.

— אה, ווען איך קריעג איהם יעצט, איך וואלט דאך איהם אויף שטיקער צוריסען פאר זיין חוצפה און גלייכגילטיגקייט ! וואס האט ער צו אונז געהאט ?...

ווען די נייעס האט דערגרייכט דעם קעניגליכען געצעלט, האט נאך שאול געשלאפען... יונתן אבער איז שוין געווען אין דרויסען...

— זאל מען דעם יונגען אינגעל ברייגגען אהער ! ! — האט יונתן בעפעהלט.

— עס האט לאנג נישט געדויערט און מען האט דוד׳ן געבראכט בעפאר יונתן.

— דאס ביזטו, דוד, מיין פריינד ? — האט איהם יונתן געהאלזט און גע־קושט — ווי קומסטו אהער ? דערצעהל דאך מיר...

— מיין פאטער האט מיר געשיקט צו ברייגגען שפייז פאר מיינע ברידער, און ווען איך בין היינט פארטאג אויפגעשטאנען און צוגעגאנגען צום ברעג בארג, האב איך געזעהן גלית דעם פלשתי, איך האב געהערט ווי דער אומווירדיגער ערל לעסטערט און זידעלט אונזער גאט און קעניג, איך האב געהערט ווי ער לאכט און שפאט אפ פון אונזער גאנצען פאלק... מיין כעס האט אין מיר געברענט. מיין בלוט אין מיר האט אויפגעווידט, און איך האב איהם געענטפערט מיט זידעל ווערטער... איך האב איהם ארויסגערופען צום קאמפף אויף היינט בייטאג...

— אבער דוד, דו ביזט דאך נאך אזוי יונג און אונערפאהרען. ווי קומסטו זיך צו פארמעסטען כוחות מיט אזא ריעז ? — האט איהם יונתן געפרעגט.

— איך האב שוין נישט איינמאל געקעמפפט מיט שטארקע פלשתים, מיין ברודער, און א חוץ דעם איז מיר אויך אויסגעקומען צו קעמפפען מיט ווילדע חיות און גאט האט מיך געשטארקט און איך האב זיי בייגעקומען... האב איך דיר דען נישט דערצעהלט ווי אזוי איך האב איינמאל געטויטעט א לייב, אין א צווייטען מאל א בער ? — האט איהם דוד געפרעגט.

— ניין, דאס האסטו מיר קיינמאל נישט דערצעהלט, אבער איך בעט דיר, דוד, דערצעהל עס מיר יעצט.

— איין מאל ווען איך האב מיינע שאף געפיטערט אין טהאל — האט דוד אנגעפאנגען — איך בין געזעסען פערטראכט נעבען מיין געצעלט... פלוצלונג

האב איך דערהערט א געלאף און טומעל צווישען מיינע שאף. איך האב אויפגעהויבען מיינע אויגען און האב דערזעהן א פירכטערליכען לייב, דערנעהענטערען זיך צו מיר, איך האב קיין צייט נישט געהאט צו כאפען עטוואס אין מיין האנד... איך בין אויפגעשפרונגען פון מיין פלאץ און זיך א ווארף געטהאן אויף׳ן לייב... דער לייב האט זיך גענומען ראנגלען מיט מיר און האט מיר שיעור נישט אומגעווארפען איך האב אנגעגורט מיין גאנצען כוח און איהם פון זיך א שליידער געטהאן אויף עטליכע איילען. דאס האט מיר דערווייל געגעבען א געלעגענהייט אויפצוהויבען מיין שטעקען. און ווען דער לייב איז ווידער געווען נעבען מיר, גרייט ארויפצושפרינגען, האב איך איהם געגעבען אזא שטארקען קלאפ מיט מיין שטעקען, דאס ער איז גלייך אומגעפאלען א באטויבטער... און באלד האב איך איהם מכבד געווען מיט נאך עטליכע קלעפ און דער לייב איז געלעגען טויט נעבען מיינע פיס...

—און דו האסט זינט דאן נישט מורא געהאט צו פערבלייבען אליין אין טהאל? — האט איהם יונתן געפרעגט.

— ניין, איך האב געזעהן אז גאט איז מיט מיר, און מיין בטחון אין איהם האט זיך נאך פערשטארקט... מיט עטליכע טעג שפעטער איז א בער ארויסגעפאלען אויף מיינע שאף און גענומען אוועקטראגען א שעפעלע פון סטאדע, איך האב זיך נאך איהם נאכגעיאגט און איהם געטויטעט און די שעפעלע גערעטעט פון זיינע צייהנער... און איך בין זיכער אז דער אומווירדיגער ערל, גלית איז נישט שטארקער פאר דעם לייב און דעם בער, און מיט גאטעס הילף וועל איך טהאן צו דעם טמא׳דיגען פלשתי וועלכער האט מיט זיינע אומריינע ליפען געלעסטערט אונזער גאט!... איך האף אז דער קעניג וועט נישט האבען דאגעגען אז איך זאל ארונטערגעהן און קעמפפען מיט גלית׳ן...

— ניין, מיין פריינד, דוד, — האט יונתן איהם געדריקט זיין האנט. קיינער וועט נישט זיין דאגעגען ווען דו צייגסט ארויס אזוי פיעל מוט און קוראזש... אט וועל איך איבערריידען מיט מיין פאטער, איך גלויב אז ער איז שוין אויפגעשטאנען פון שלאף.

יונתן איז אריין צו זיין פאטער׳ס געצעלט און דוד איז געבליבען אליין מיט זיינע געדאנקען... ער האט שוין יעצט מעהר נישט געטראכט פון שאול׳ס צוזאג צו געבען זיין טאכטער צו דעם זיעגער... ווען אפילו שאול וואלט קיין בעלאהנונג נישט געגעבען פאר גלית׳עס קאפ, וואלט ער דען נישט געגאנגען קעמפפען מיט דעם פלשתי? דער כבוד און דאס גליק פון זיין פאלק שטעהט ביי איהם העכער ווי זיין אייגען גליק... ער איז גרייט אפצוגעבען אלעס וואס ער פערמאגט, זיין גליק, זיין לעבען, פאר זיין גאט פאלק און לאנד...

ווען יונתן האט דערצעהלט זיין פאטער וואס דוד האט געטהאן, איז ער געווארען שטארק איבערראשט.

— שיק איהם גלייך אריין צו מיר, — האט דער קעניג געזאגט צו זיין זוהן.

יונתן האט דוד׳ן אריינגערופען צום קעניג׳ס געצעלט. דוד איז אריינגעקומען און זיך פערנייגט פאר שאול׳ן. זיין פנים האט געפלאמט און אין זיינע אויגען האט א פייערל געברענט.

— איז דאָס אמת, — האָט דער קעניג אויסגערופען, — אַז דו האָסט גלית'ן גוט אָפּגעזידעלט און איהם ארויסגערופען צום קאַמפף אויף היינט בייטאָג?

— עס איז אמת, מיין האַר קעניג, — האָט דוד געענטפערט.

— ווי אַזוי אָבער האָסטו געקענט טהאָן אַזאַ זאַך? ווייסטו דען נישט ווי שטאַרק און מעכטיג גלית איז... ער איז דאָך דער שטאַרקסטער ריעז וואָס די פלישתים האָבען ווען עס איז פאַרמאָגט... נאַ ווי אַזוי האָסטו איהם געוואָגט אויפצורייצען? — האָט שאול מיט כעס געפרעגט.

— אָבער גנעדיגער קעניג! — האָט דוד געענטפערט, — האָב איך דען געקאָנט שטעהן גלייכגילטיג און צוהערען ווי דער ערל לעסטערט און זידעלט מיין גאָט און מיין קעניג?!...

— דו ביזט דאָך נישט דער איינציגער וועלכער האָט איהם געהערט, — איז שאול ווייטער געוואָרען, — עס זיינען געווען שטאַרקערע פון דיר וועלכע האָבען דיזעלבע רבורים געהערט פון גלית'ן פאַר די לעצטע פערציג טעג, און פונדעסטוועגען האָבען זיי, די "העלדען", נישט געוואָגט אפילו צוגעהן גאַנץ נאָהענט צום ברעג באַרג... איך מוז דיר זאָגען, אַז דו ביזט אין מיינע אויגען געשטיגען פאַר דיין מוטה און קוראַזש, אָבער אין דערזעלבער צייט האָב איך מורא, אַז צוליעב דיר וועלען מיר די מלחמה פאַרלירען... און עס וועט פאַר מיר אויך זיין אַ גרויסער שאַדען ווען גלית וועט דיך טויטען... דיין שפּיעלען האָט דאָך מיך פון מיין אומרוהיגקייט און נערוועזיטעט אויסגעהיילט... און יעצט האָסטו דאָך אונזער לאַגע פאַרערגערט. דו האָסט דעם ריעז צום קאַמפף ארויסגערופען, און ווען ער וועט בייטאָג ווידער קומען וועט נישט זיין ווער עס זאָל צו איהם ארונטערגעהן...

— אָבער, מיין האַר קעניג, — האָט דוד אויסגערופען, — איך וועל געהן קעמפפען מיט דעם פלישתי, און גאָט, דער גאָט פון ישראל, וועט מיר קומען צו הילף...

— איך צווייפעל צי דו וועסט איהם קענען בייקומען, — האָט שאול גע־שאָקעלט מיט זיין קאָפּ.

— מיין ליעבער פאָטער, — האָט זיך יונתן אָפּגערופען, — איך האָב געגוג צוטרויען אין דוד'ן און איך בין זיכער אַז גאָט וועט דעם פלישתי איבער־געבען אין זיינע הענד... דערציעהל דאָך דוד, דעם פאָטער, וועגען לייב און דעם בער.

דוד האָט איבערדערציעהלט די געשיכטע ווי אַזוי ער האָט איינמאָל גע־טויטעט אַ לייב און אַ צווייטען מאָל אַ בער. און ווען דער ערל, דער פלישתי, זאָל זיין ווי איינער פון זיי, האָף איך, אַז איך וועל איהם בייקומען, און בפרט ווען ער בעליידיגט אונזער גאַנצעס פאָלק, — האָט דוד פאַרענדיגט.

דערווייל איז אָנגעקומען אבנר, דער זוהן פון נר. ער האָט קרום אַ קוק געטהאָן אויף דוד'ן.

— האָסטו געהערט וואָס מיין האַרפּען־שפּיעלער האָט היינט אין דער פריה אָפּגעטהאָן? — האָט שאול צו איהם געזאָגט.

— יאָ, איך האָב געהערט... ווי איך זעה האָט ער אונז איצט אריינגעפיהרט אין אַ בלאָטע... וואָס פאַר אַ ווערדע קען ער האָבען נעגען דעם דאָזיגען שטאַר־

קען גלית, — האט אבנר געזאגט און געווארפן א פערזאכטעטען בליק אויף דוד'ס זייט.

— ער האט דאך נישט געמאכט ערגער ווי עס איז ביז יעצט געווען! — האט יונתן זיך אפגערופן, — אויב עס האט זיך ביז אהער קיין אנדער העלד נישט געפונען, וועט זיך שוין געווים יעצט מעהר נישט געפינען... און ווי איך האב געהערט האט גלית געזאגט, אז ער וועט בלויז ווארטען ביז מארגען... אויב אזוי קענען מיר דאך אלץ איינס גארנישט פארלירען.

— איך האב אבער מורא, — האט זיך אבנר אפגערופען, — אז ווי נאר דוד וועט ארונטער אין טהאל און דערזעהן גלית'ן עטוואס נעהענטער, וועט ער זיך גלייך אומקעהרען און אנטלויפען... און דאס וואלט געווען פאר אונזער פאלק די גרעסטע כשאנדע...

— דער כבוד פון מיין פאלק און דער כבוד פון מיין קעניג איז ביי מיר טהייערער ווי מיין אייגענער לעבען, — האט דוד מיט פעסטקייט געענטפערט, — און איך וואלט גלייכער געשטארבען דען צו ברייגגען שאנדע אויף ישראל.

— ווי איך זעה ביזטו פעסט בעשלאסען! אויב אזוי, — האט זיך שאול אפגערופען, — ערלויב איך דיר צו געהן קעמפפען מיט גלית'ן... דו וועסט אנטהאן מיין פאנצער, און מיין קופערנעם היטעל, דו וועסט אנגורטען מיין שווערד, און מיין שפיעז וועסטו נעהמען אין דיין האנד, און ווען דו וועסט אין גאנצען זיין באוואפענט פון קאפ ביז די פיס, וועסטו דאן ארונטערגעהן אין טהאל צו קעמפפען מיט גלית'ן.

שאול אליין האט דוד'ן געהאלפען אנצוטהאן זיין פאנצער מיט'ן שווערד.

דוד האט פרובירט אפגעהן עטליכע טריט און נאכהער האט ער זיך אפ־ גערופען:

— מיין האר קעניג וועט מיר מוזען ענטשולדיגען... אבער איך בין נישט געוואוינט צו דעם, און דער שווערער פאנצער שטערט מיר זיך צו באוועגען פרייער... און דער שווערד איז אויך עטוואס צו לאנג...

— אבער דו ווייסט דאך, אז דער פלישתי איז בעוואפענט פון קאפ ביז די פיס, — האט שאול זיך אפגערופען, — און וויא זוי וועסטו קענען קעמפפען מיט איהם מיט ליידיגע הענט?

— איך וועל בלויז מיטנעהמען מיין שליידער־האלץ, עטליכע שטיינער און מיין שטעקען, און איך האף צו גאט, אז ער וועט מיך נישט פארלאזען.

— פאטער, — האט יונתן זיך אפגערופען, — דו דארפסט וויסען אז דוד איז אן אויסגעצייכענטער שטיינער־ווארפער, און ווען ער צילעוועט זיך אויף עפעס טרעפט ער אזוי פינקטליך אז עס פעהלט נישט א האר.

— נו, גוט, געה ווי דיר געפעלט! — האט שאול געזאגט און א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס.

דוד האט אויסגעטהאן דעם פאנצער, אראפגענומען די שווערד און אנגע־ טהאן זיין טארבע מיט די שטיינער, און מיטנעהמענדיג זיין שליידער־האלץ און שטעקען, האט ער געזאגט: „שלום”!

— געה בשלום מיין קינד, און זאל דער באשעפער פון דער וועלט דיך מצליח זיין אין דיין וועג, — האט דער קעניג איהם צוגעוואונשען.

יונתן האָט דוד'ן עטוואָס באַגלייט, און ווען ער האָט זיך מיט איהם גע־זעגענט, האָבען זיך טרעהרען באַוויזען אין זיינע אויגען.

— געה, מיין ברודער, — האָט איהם יונתן געקושט, — און ברייננ רוהם און כבוד פאַר אונזער פאָלק! זאָל דיין נאָמען גרויס ווערען צווישען אַלע שבטים!... גאָט זאָל געבען אַז דו זאָלסט אונזער שונא באַזיגען...

דוד האָט צוזאַמענגעקליבען פינף גלאַטע שטיינער און זיי אַריינגעלייגט אין זיין טאָרבע... ער איז צוגעגאַנגען צום ברעג באַרג און געוואַרט אויף גלית'ן...

די וואַך פון ברעג האָבען איהם דערקענט און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— ווערסטו טאַקע אַרונטערגעהן קעמפּפען מיט גלית'ן ווי דו האָסט איהם פאַרשפּראָכען?

דוד האָט זיי נישט געענטפערט. ער האָט בלויז אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. זיין פּנים האָט געפלאַמט און זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט... זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען בלויז מיט איין זאַך: ווי צו רעטען דעם כבוד פון זיין פאָלק... ער האָט אַרונטערגעקוקט אין טהאָל, ער האָט זיינע בליקען געווענדעט אויף דעם צווייטען באַרג וואו די אידישע שונאים שטעהן.

אין אידישען לאַגער האָט גלייך איינער דעם אַנדערען איבערגעגעבען אַז דער יונגער דוד פון בית לחם, וועלכער האָט אין־דער־פריה אַרויסגערופען גלית'ן צום קאַמפף, געהט טאַקע אַרונטער אין טהאָל צו קעמפּפען מיט איהם... די גאַנצע אַרמיי האָט זיך אַ רוק געטהאָן עטוואָס נעהענטער... יעדער האָט געוואָלט אָנ־קוקען דעם בראַווען יונג, וועלכער האָט געוואַגט...

דער קעניג און יונתן זיינען אויך גאַנץ נאָהענט צוגעקומען...

אבנר און די איבריגע שרים (הויפּטען) זיינען געשטאַנען ניט ווייט פון דוד'ן און האָבען בעאָבאַכטעט יעדע באַוועגונג וואָס ער האָט געמאַכט.

— וועמעס זוהן איז אָט דער יונגער דוד? — האָט שאול אַ פרעג געטהאָן אבנר'ן, — קענסטו נישט זיין פאָטער?

— ניין, מיין האר קעניג, איך ווייס אויך נישט ווער זיין פאָטער איז, — האָט אבנר געענטפערט.

— ער קומט! ער קומט! — האָט אימיצער פּלוצלינג אויסגעשריען.

— גלית קומט אָן! גלית קומט אָן! — האָבען שטימען אָפּגעהילכט איבער'ן גאַנצען אידישען לאַגער.

אַלע זיינען שטיל געבליבען... די אָטעמס איינגעהאַלטען, די אויגען אויס־געשטאַרטשעט, יעדעס גליעד איז געווען אָנגעשטרענגט... די הערצער האָבען שטאַרק און פעסט געקלאַפּט...

— — — — — — — — — — — —

גלית איז שוין געווען אין מיטען טהאָל... ער האָט זיך לאַנגזאַם בעוועגט מיט זיינע שווערע טריט, און זיך גענומען דערנעהענטערען צו דער אידישער זייט... אויף זיין מגושמ'דיגען פּנים האָט זיך בעוויזען אַ ציניש שמייכעל וואָס האָט אויסגעדריקט פעראַכטונג און שפּאָט... נעבען איהם איז געגאַנגען זיין "פאַנצער טרעגער", ער האָט געטראָגען אַ רונדען שילד... ער האָט אַרויפגעקוקט צו גלית'ן און נאָכגעמאַכט אַלעס וואָס זיין האר האָט געטהאָן; ווען גלית האָט גע־שמייכעלט, האָט ער אויך געשמייכעלט און אַז גלית האָט זיך הילכיג פאַנאַנדער־געלאַכט, האָט זיין "פאַנצער טרעגער" אויך געטהאָן דאָס זעלבע...

— נו, וואו איז אייער גרויסער העלד וועלכער האָט געוואגט מיר ארויסצורופען צום קאמף, היינט אין דער פריה? — האָט גלית אויסגעשריען.

די שטילקייט אין די אידישע מחנות איז נאָך מעהר אנגעשטרענגט געווארען... אלעמענס צושראָקענע אויגען זיינען געווען געווענדעט אויף דוד'ן...

— אייער שטרויענער העלד איז נישטא! — האָט גלית'עס שטימע ווידער א דונער געטהאָן — וואַרט! איך וועל אייך באלד אלעמען צייגען ווי אזוי צו באליידיגען גלית'ן!!... מארגען וועל איך אייער קעניג'ס קאָפּ ארומטראָגען אויף מיין שפּיעז... און די צוויי פּרינצעסינ'ס וועלען מיינע קעפּס־ווייבער ווערען!... אייער העלד וועלכער האָט מיר היינט אין דער פריה באליידיגט מוז געווים זיין באהאלטען ערגעץ וואו... אבער מארגען וועל איך איהם געפינען און דאן... דא האָט זיך גלית אפּגעשטעלט, ווייל ער האָט בעמערקט אימיצען אראָפּגיידענדיג פון דעם בארג וואו די אידען זיינען געשטאנען...

דוד האָט די אויגען פון גלית'ן נישט ארונטערגענומען... זיין בלוט האָט איהם א זעץ געטהאָן אין פּנים, ווען ער האָט ווידער דערהערט דעם ערל'ס שטימע... א ווייל איז ער געבליבען שטעהן בעוועגלאָז און זיין האַנט האָט ער געהאלטען מיט א בעזונדער שטייפקייט דעם שלידער־האַלץ און דעם שטעקען... באלד אבער האָט ער מיט זיכערע און שנעלע טריט זיך ארונטערגעלאָזען פון בארג... און גוט בעטראַכט גלית'ן פון נאָהענטקייט...

גלית איז געווען איבערראַשט פון דוד'ס וואוקס. ער האָט בעמערקט זיין שמאלציגע האַלטונג. ער האָט איהם בעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און פּלוצלונג אויסגעבראָכען אין א הילכיגען געלעכטער:

— כא, כא, כא! אט דאָס איז דער אידישער העלד!!!...

— כי, כי, כי!... — האָט דעם פּאנצער טרעגער'ס שטימע אפּגעכאָ'ט...

דוד'ס פּנים איז נאָך רויטער געווארען, און זיינע אויגען האָט זיך א פייער אנגעצונדען... ער האָט געווארפען א בליק פון פעראכטונג און פיינדשאַפט אויף גלית'ן...

— קיין גרעסערען העלד ווי דו, האָט דיין קעניג ניט געקענט געפינען!!... האָט גלית א שטשירע געטהאָן מיט זיינע גרויסע געלע ציינער — דיין מוטער'ס מילך ליגט נאָך אויף דיינע ליפּען!, כא, כא, כא!!!...

— פאַר אזא העלד ווי דו ביזט — האָט דוד איהם געענטפערט בין איך נאָך אויך צו גרויס...

— וואָס דענקסטו בין איך, א הונט?! — האָט גלית אויסגעשריען — וואָס דו קומסט צו מיר זיך שלאָגען מיט שטעקענס...

— דו ביזט ערגער ווי א הונט אין מיינע אויגען! — האָט איהם דוד שנעל געענטפערט — דו ביזט אן אומריינער הינט!...

— דו קליינער ווארעם! — האָט זיך שוין גלית אויפגערעגט — איך וועל דאָך דיר באלד מיט מיינע פיס צוטרעטען! — האָט דיר דען דיין קעניג נישט געקענט מיטגעבען א שווערד אדער א שפּיעז צו קעמפּפען מיט מיר... אזא קעניג האָסטו און אזא פאָלק זייט איהר!... זאָל מיין גאָט, דגון, אנשיקען אויף אייך אלעמען א מגפה!! קום נאָר אהער עטוואס נעהענטער און איך וועל באלד דיין פלייש מאַכען א שפּייז פאַר די פויגלען פון הימעל, און פאַר די חיות פון פעלד!!!...

— „פאר די פויגלען פון הימעל און פאר די חיות פון פעלד!... — האט גלית'עס פאנצער טרעגער ווידערהאלט, און צוגעשאקעלט מיט זיין קאפ...

— דו האלסט זיך דאך פאר א גרויסען העלד! — האט איהם דוד געענט־פערט — פונדעסטוועגען קוממטו צו מיר אנגעפאנצערט און באוואפענט פון קאפ ביז די פיס; א שווערד אנגעגורט צו דיינע לענדען און א שפיעז אין דיין האנט.



דוד האט זיך איבערגעבויגען איבער איהם, ער האט ארויסגעצויגען גלית'עס לאנגען שווערד פון דער שייד, און אראפגעשניטען זיין קאפ...

אבער איך קום צו דיר אין נאמען פון אונזער גאט, דער גאט פון ישראל, וועמען דו האסט מיט דיין אומריינע מויל געלעסטערט... היינט וועט אונזער פאטער אין הימעל דיר איבערגעבען אין מיין האנט... איך וועל דיר טויטען און ארונטער־האקען דיין גראבע קאפ פון דיינע געזונטע פלייצעס... פון דיין פלייש וועלען די פויגלען פון הימעל און די חיות פון פעלד האבען א גרעסערען מאלצייט... און די פגרים פון די פלשתים וועלען זיי זאט מאכען פאר א לאנגע צייט... דאן וועט די גאנצע לאנד וויסען אז דער גאט פון ישראל איז דער האר פון דער וועלט... און דיין פאלק וועט דאן זעהען אז אונזער גאט קען אונז העלפען אהן א שווערד און אהן א שפיעז... מיר וועלען זיעגען, און גאט וועט אייך אלעמען איבערגעבען

אין אונזערע הענט !... און צו דיין הילצערנעם גאט, דגון וועל איך טהאן דאס־ זעלבע וואס איך וועל טהאן צו דיר !...

— ווארט !! ! אט קום איך צו דיר ! — האט גלית א קריץ געטהאן מיט די צייהנער — איך וועל דיין קערפער אויף שטיב צו מאלען !... ער האט א רוק געטהאן זיין קופערנע היטעל, ער זאל בעסער קענען זעהן ווי ארויפצופאלען אויף דוד'ן... זיין רויטער פנים האט געברענט פון כעס... גרויסע שוויס טראפען האבען זיך אויף זיין גלאנציגען שטערען בעוויזען... ער האט אויסגעשטרעקט זיינע הענט, ער האט מיט איין טריט צוריקגעטראטען כדי ער זאל מיט מעהר כוח קענען א שפרונג טהאן אויף דוד'ן...

— — — — — — — — — — —

דוד האט אנידערגעווארפען זיין שטעקען און מיט גרוים פלינקייט ארויס־ געכאפט א שפיציגען שטיין פון זיין טארבע, און עס שנעל ארייגעלעגט אין זיין שליידער האלץ, און ארומדרעהענדיג עס עטליכע מאל איבער זיין קאפ האט ער זיך א צילעווע געטהאן און מיט אן אונגעהויער גרויסע קראפט, האט ער א שליידער געטהאן דעם שטיין... דער שפיציגער שטיין האט גלייך ארייגעזונקען אין גלית'עס שטערען...

גלית האט ארויסגעלאזען א געשריי... ער האט זיך גענומען וואקלען אויף אלע זייטען... און נאכהער האט ער געגעבען א פאל אויף דער ערד...

— אָ דגון, העלף מיר ! ער האט מיר געטויטעט — האט גלית געקרעכצט...

דער פאנצער טרעגער האט דערזעהן אז גלית ליגט א הילפלאזער אויף דער ערד... האט ער א ווארף געטהאן דעם פאנצער און האט גענומען לויפען צו דעם זייט פון די פלשתים...

דוד האט איבערגעלאזען זיין שטעקען און שליידערהאלץ אויף דעם פלאץ וואו ער איז געשטאנען, און איז גלייך צוגעלאפען צו גלית'ן...

— דגון שטארק מיר ! דגון קרעפטיג מיר ! — האט איהם דוד געהערט קרעכצען...

דוד האט זיך איבערגעבויגען איבער איהם, ער האט ארויסגעצויגען גלית'עס לאנגען שווערד פון דער שייד, און אראפגעשניטען זיין קאפ...

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

— א געשריי און שאלען פון פרייד, האט זיך געהערט פון די אידישע מחנות... אלע האבען צוריקגעקראגען זייער מוטה און קוראזש...

— גלית איז טויט ! דער זיעג איז אונזערער ! לאמיר נאכיאגען די פלשתים

— האט אבנר א קאמאנדעווע געטהאן און רייטענדיג אויף זיין פערד, איז ער שנעל ארונטער פון בארג... באלד האבען זיך די ארמעען א לאז געטהאן צו דעם בארג וואו די פלשתים זיינען געשטאנען...

אין דעם לאגער פון די פלשתים האט אויסגעבראכען א מהומה... א טויט שרעק איז אלעמען בעפאלען, ווען זיי האבען דערזעהן אז גלית, זייער גרעסטער העלד, ליעגט אויסגעצויגען אויף דער ערד, א הילפלאזער... א ציטער האט אלעמען אנגענומען ווען זיי האבען בעמערקט ווי דער אידישער קעמפפער שנייט ארונטער גלית'עס קאפ פון זיין קערפער...

— אונזער גלית איז טויט! אונזער העלד איז געפאלען!! — האבען די פלשתים גענומען יאמערען און שרייען — מיר האבען פערשפיעלט די מלחמה!... מיר זיינען בעזיעגט! א דגון אונזער גאט, מיר זיינען פערלארען!...

די פלשתים מחנות האבען איבערגעלאזען אלעס וואס זיי האבען געהאט אויף דעם בארג און גענומען לויפען...

אבנר און יונתן מיט זייערע ארמעען האבען נאכגעיאגט די אנטלויפענדע פלשתים און געטויטעט פון זיי אין די צעהנדליגע טויזענטער... די איבערגע־בליעבענע זיינען פעריאגט געווארען ביז גת און עקרון...

נישט אלע מאלדאמען האבען זיך אוועקגעלאזען זיך יאגען נאך די פלשתים... יעצט איז די גאנצע ארמעע נישט געווען נויטיג... ווען דער שונא אנטלויפט און צייגט נישט קיין ווידערשטאנד, קען מען זיך בענוגענען מיט א קלענערע ארמעע...

צווייטען די וועלכע זיינען איבערגעבליבען אויף'ן בארג זיינען געווען די דריי ברידער פון דוד... זיי זיינען געווען שטארק בערוישט פון זייער ברודער'ס זיעג... די שנאה, וואס זיי האבען פריהער אין זייער הארצען געטראגען אויף זייער אינגסטען ברודער, איז פערוואנדעלט געווארען אין א גרויסע ליעבשאפט...

יעצט זעהען זיי אז דוד איז טאקע דער אמת'ער בראווער העלד... ער איז בעגאבט און בעשאנקען מיט אלע מעלות... זיי האבען געהאט געוויסענסביסע וואס זיי האבען איהם די גאנצע צייט זעהר נית פיין בעהאנדעלט... זיי האבען איהם בעליידיגט און פערשעהמט... און יעצט אה, ווי שטאלץ זיי זיינען אויף איהם... און נישט נאר זיי נאר דאס גאנצע אידישע פאלק מעג שטאלצירען מיט דוד'ן — ער האט געקרוינט ישראל מיט נצחון...

און ווען דוד איז נאך געשטאנען נעבען דעם טויטען גלית'ן און פון איהם ארונטערגענומען זיין פאנצער פון שופען מיט דער שייד פון שווערד, זיינען זיינע דריי ברידער ארונטערגעגאנגען פון בארג און צוגעגאנגען צו דוד'ן...

— מיין טייערער און ליעבער ברודער — האט אליאב איהם ארומגענומען און געקושט — זיי געבענשט און געגריסט פאר דיין העלדישקייט און גבורה וואו דו האסט נאר וואס בעוויזען... איך בעט דיר דוד פערגיעב אונז וואס מיר האבען דיר בעליידיגט... עס איז אונז אלעמען געווען אזוי ביטער אויף'ן הארצען... מיר האבען זיך געפיהלט אזוי נידערשלאגען, אז יעדער קלייניגקייט האט אונז אויפגערעגט...

— דו האסט דאך געבראכט א ישועה אויף אלע אידען — האט איהם שמחה געהאלזט — אונז פעהלען ווערטער אויסצודריקען אונזער שמחה און גליק...

— א וואס פאר א גליקליכען עלטער אונזער ליעבער פאטער און מוטער וועלען יעצט האבען, ווי שטאלץ מיר זיינען מיט דיר — האט אבינדב איהם ארומגענומען — איך האב זיך קיינמאל נישט געקענט פארשטעלען אז דו בעזיצעסט אזא גבורה!...

— דער כוח און גבורה ליגט ביי גאט אין די הענט, און איך בין בלויז גע־ווען זיין שליח — האט דוד בעשיידען געענטפערט — איך בין גליקליך וואס איהר, מיינע ברידער, זייט די ערשטע צו מיר ארונטערגעגאנגען... יעצט לאמיר

זרונטערנעהמען פון גלית'ן די איבעריגע זאכען אלס אן אנדענקונג און איהר ועט מיר זיי העלפען ברייננען צום קעניג...

די ברידער האבען מיטגענומען גלית'ס פאנצער, זיין שווערד און שפיזז, זון דעם רונדען שילד וואס דער פאנצער טרעגער האט אוועקגעווארפען בעת ער זיז אנטלאפען געווארען. דוד האט אין זיין האנט געהאלטען גלית'ס קאפ פאר י קודלעוואטע האר, און זיינען ארויף צוריק אויף דעם בארג...

די סאלדאטען האבען דוד'ן אויפגענומען מיט פרייד געשרייען און שאלען...

דער קעניג און זיין צייטווייליגער נושא כלים, עדריאל פון מחולה זיינען ור'ן ענטקעגען געגאנגען.

— געבענשט זיי צו גאט, מיין זוהן! — האט איהם שאול בעגריסט — ים דיין טויטען דעם אומווירדיגען פלשתי, האסטו ארונטערגענומען דעם פלעק ון אונזער פאלק... די פלשתים האבען אונז געהאלטען פאר פייגלינגע, זיי האר ען געגלויבט אז אין מיינע ארמעען געפינען זיך נים קיין העלדען. יעצט וועלען י שוין וויסען ווי אונז צו בעליידיגען... איך האב דאך ביז אהער גאר נישט נוואוסט אז דו בעזיצט אזא העלדישקייט און מוטה...

— אונזער גאט איז מיר צו הילף געקומען, מיין האר קעניג — האט זיך יד פערנייגט... ער האט היינט א ישועה געגעבען צו אונזער פאלק...

— ווער זיינען די, וועלכע האבען דיר געהאלפען טראגען גלית'ס כלים — אט איהם שאול געפרעגט.

— דאס זיינען מיינע דריי עלטערע ברידער — האט דוד געענטפערט —

— אליאב, אבינדב און שמה...

זיי האבען זיך פערנייגט פאר דעם קעניג, און שאול האט זיך צו זיי פגערופען:

— אייער אינגערער ברודער האט געבראכט רוהם און כבוד פאר אונזער אלק איהר קענט מיט איהם זיכער שטאלצירען... יעצט קענט איהר געהן אהיים ין אנזאגען די בשורה אין אייער פאטער'ס הויז... דוד וועט פערבלייבען ים מיר...

דוד'ס ברידער האבען זיך נאך אמאל פערנייגט, זיי האבען געזאגט "שלום" ים קעניג און צו דוד'ן און זיינען אוועק נאך בית לחם.

ווען דער אלטער ישי, האט פון ווייטען דערזעהן זיינע דריי עלטערע זיהן מען און דוד איז צווישען זיי נישטא, איז ער שיעור נישט אומגעפאלען פון ־עק...

— וואו איז דוד! — האט ער אויסגעשריען, — האט דען חלילה און מגליק מיט איהם פאסירט?

— נישט קיין אומגליק נאר א גליק, פאטער — האט אליאב אויסגערור ען מיט פרייד... אונזער דוד האט גלית דעם פלשתי געטויטעט!!

— געלויבט איז גאט! געלויבט איז גאט!! — האט ישי אויסגערופען... רצעהלט דאך מיר שנעלער וואס האט דארט פאסירט?...

די מוטער האט דערהערט אליאב'ס לעצטע ווערטער און איז אויך פון הויז ויסגעלאפען מיט שטראהלענדע אויגען:

— מיין דוד האט גלית'ן געטויטעט? וואו איז ער דאס, מיין קינד?...

די ברידער האבן פאר זייער פאטער און מוטער אלעם דערצעהלט...

— געבענשט זיי גאט, דער גאט פון ישראל וואס דו טהוסט נישט אפ דיין גנאדע פון מיין הויז! — האט ישי געזאגט אויפהויבענדיג זיינע אויגען צום הימעל — פערלאז אונז נישט אויף ווייטער און בעגליק מיין זוהן דוד'ן אין אלע זיינע וועגען.

— זאג מיר, אליאב — האט זיך די מוטער אפגערופען איז עס אן אמת, וואס מען דערצעהלט אז דער קעניג האט אנגעזאגט זיין טאכטער צו דעם זיג־גער פון גלית'ן?...

— יע, מוטער, עס איז אמת, דעם זיעגער האט דער קעניג צוגעזאגט רייך צו מאכען, צו בעפרייען די גאנצע משפחה פון מיליטער־דיענסט און פון צאהלען צינזען, און איהם אויך אפגעבען זיין טאכטער פאר א פרוי...

— אויב אזוי וועט דאך מיין דוד ווערען דעם קעניג'ס איידעם — האט די מוטער א גליקליכע אויסגערופען — מיין הארץ האט מיר אבער געזאגט אז דוד וועט התונה האבען מיט א פרינצעסין... איז ער דען נישט שעהן, קלוג און בעגאבט מיט אלע מעלות... איהם פאסט דאך צו זיין אפילו א קעניג!...

— אשה! — האט זיך ישי אפגערופען צו זיין פרוי — דארפסטו דען אלעם ריידען!... ווייסטו דען נישט, אז ווען אימיצער וואלט דיינע לעצטע ווערטער געהערט און דעם קעניג דערמאן דערצעהלט, וואלט דיין זוהן אין דער גרעסטער סכנה געווען?...

— אח יע, פארגיעב מיר, איך בין א נארישע אשה! איך בין דאך אבער אזוי איבערראשט פון גליק אז איך האב ארויסגערעדט זאכען וואס איך האב נישט געוואלט ריידען...

אין בית לחם אזוי ווי אין אלע איבעריגע שטעדט און שטעדטלאך פון ארץ ישראל, איז באלד בעוואוסט געווארען אז דער יונגער דוד, דער זוהן פון ישי פון בית לחם, האט בעוויזען די גרעסטע העלדישקייט און איז געגאנגען קעמפפען מיט דעם פלשתי און איהם בעזיעגט... באלד האבען אנגעהויבען שטראמען מענשען פון אלע עקען פון שטאדט צו בעגריסען ישי'ן צו זיין זוהנ'ס גרעסטען נצחון...

דער המון האט זיך מיט יעדע רגע פערגרעסערט... יובעל געשרייען און שאלען האבען אנגעפילט די לופט:

—לאנג לעבען זאל אונזער העלד דוד, דער זוהן פון ישי...

— בלויז דער שבט יהודה קען ארויסגעבען אזעלכע בראווע גבורים ווי דוד!

— געבענשט איז די מוטער פון אזא זוהן!

— וואו איז דוד? ! וועט ער באלד קומען? — האבען זיך געהערט קולות.

ישי און זיין פרוי און זייערע זיהן זיינען געווען בערוישט פון גליק... זיי האבען בעטראכט דעם צופריעדענעם און נייגעריגען עולם און זיי האבען געלויכ־טען פון פרייד.

— מיין זוהן איז פערבליבען מיט דעם קעניג! — האט ישי זיך אבגע־רופען — און איך האב קיין נחנונג ווען ער וועט אהיים קומען...

דערווייל האבען זיך יונתן און אבנר צוריקגעקעהרט פון צושלאגען די פלשתים...

— צעהנדליגע טויזענדע פלשתים האבען מיר געטויטעט — האט אבנר

בעריכטעט צו דעם קעניג — מיר האָבען זיי פערטריבען טיעף אין זייער לאַנד...

— אָה, זיינען זיי געלאָפען ווי צושראָקענע האזען! !— האָט יונתן זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל — ווען גלית וואלט עס יעצט געקענט צוזעהן מיט זיינע אויגען...

— דוד האָט מיר זיין קאָפּ געבראַכט — האָט שאול געזאָגט ער געפינט זיך יעצט אין מיין געצעלט...

— איז דוד דאָ? ! — האָט יונתן זיך אָפּגערופען — ער איז דאָך יעצט אונזער גרעסטער העלד... א פאָטער, איך האָב איהם ליעב בעקומען פון דעם ערשטען מאָל, זינט איך האָב איהם דערזעהן! ווי אַן אייגענעם ברודער האָב איך איהם פעררעכענט און יעצט האָט ער בעוויזען אזא זעלטענע גבורה... ער האָט זיין לעבען אין סכנה איינגעשטעלט פאר דעם כבוד פון זיין גאָט, פאָלק און קעניג...

— און אפשר אויך צוליעב די פרינצעסין... — האָט אבנר בעמערקט מיט א לייכטען שמייכעל.

שאול איז געווען פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען און האָט נישט געהערט אבנר'ס בעמערקונג. יונתן אבער האָט אויף אבנר'ן בייז א קוק געטהאָן און איז גלייך אריין אין געצעלט.

— מיין פריינד, דוד, איז יונתן אויף איהם ארויפגעפאַלען און גענומען איהם האַלדזען און קושען... דו האָסט דעם כבוד פון אונזער פאָלק גערעטעט, צוזאַמען מיט מיין פאָטער'ס מלוכה... א ווי גליקליך איך בין דיר פאר מיין בעסטען פריינד צו האָבען... דו ביזט מיר טייערער פון א ברודער...

— מיין גאַנצען גליק האָב איך נור דיר צו פערדאַנקען, מיין ליעבער פריינד יונתן — האָט דוד זיין האַנד געדריקט — דו האָסט מיט מיר געטהאָן אזוי פיעל גנאַדע... וועל איך דען האָבען די מעגליכקייט ווען עס איז דיר צו בעצאָה־לען פאר אלעס וואס דו האָסט פאר מיר געטהאָן?...

— מיין ברודער דוד, — האָט זיך יונתן אָפּגערופען — לאָמיר ביידע שליסען א בונד, אז מיר וועלען פערבלייבען אייביגע פריינד.

— איך בין גליקליך אזא בונד צו שליסען מיט דיר, מיין ליעבער ברודער, יונתן — האָט דוד איהם געקושט.

יונתן האָט אויסגעטהאָן זיין פרינצליכען אויבער ראָק, זיין שווערד און בויגען און ער האָט עס איבערגעגעבען דוד'ן און צו איהם געזאָגט:

טו עס אָן מיין פריינד, און זאָלען אלע וויסען אז אונזער ליעבע און פריינד־שאַפט איז גרויס און מעכטיג.

באַלד האָט דוד א שניט געטאָן זיין פינגער מיט א מעסער און יונתן האָט אויך דאָס זעלבע געמהאָן און זיי האָבען צומישט זייער בלוט...

— אזוי ווי אונזער בלוט איז פעראייניגט, אזוי זאָלען מיר זיין פעראייניגט אויף עוויג — האָט זיך יונתן אָפּגערופען — קיין זאַך אין דער וועלט זאָל נישט שטעהען אין דעם וועג פון אונזער פריינדשאַפט...

—גאָט איז אונזער עדות! — האָט דוד אויסגערופען — מיר זיינען פעראייניגט דורך אונזער פריינדשאַפט אויף עוויג, זאָל גאָט זיין מיט דיר און מיט מיר, מיט דיינע און מיינע קינדער און קינד'ס קינדער ביז עוויג...

זיי זיינען ביידע ארויסגעגאנגען פון געצעלט און שאול האט זיך צו זיי אפגערופען:

— מיר זיינען אלע יעצט געגרייט דורכצומארשירען אונזערע שטעדט מיט דעם קרוין פון נצחון. דו, דוד וועסט האלטען גלית'ס קאפ אין דיין האנט, מיר וועלען זיך אפשטעלען פאר א קורצער וויילע אין יעדער שטאדט וואס מיר וועלען דורכגעהן, ביז וואנען מיר וועלען אנקומען אין גבעה.

אלע זיינען געגרייט געווארען צום מארש... יעדענס פנים האט געשיינט פון גליק... בלויז איינער איז געווען שטארק בעזארגט און טרויעריג... דאס איז געווען עדריאל פון מחולה... זיין האפנונג האט זיך געהאט פערגרעסערט, ווען מרב שאול'ס עלטערע טאכטער איז צו איהם לעצטענס זעהר פריינדליך געווא־רען... ער האט שוין מיט איהר עטליכע מאל אליין געשפאצירט. און פון איהרע בליקען אויף איהם האט ער דערקענט אז זי איז אין איהם פעראינטערעסירט... און בפרט ווען דער קעניג האט איהם דערהויבען צו זיין פאר זיין נושא כלים... אמת, ער איז בלויז זיין ציימווייליגער נושא כלים, ביז דוד וועט צוריקקומען... אבער ער האט דאמיט אויך געקענט שטאלץ זיין... מרב האט איהם דאך אזוי ליעבליך און פריינדליך בעגריסט, ווען זי האט זיך דערפון דערוואוסט... און יעצט איז געקומען דוד און געמאכט א סוף צו אלע זיינע חלומות... דער קעניג האט דאך פערשפראכען צו געבען דעם זיעגער איבער גלית'ן זיין טאכטער, און דאס איז דאך זעלבסטפערשטענדליך אז ער וועט אפגעבען מרב'ן... ער האט גארנישט צו דוד'ן... ער האט דאס זיכער פערדיענט, אבער דאס פערקלענערט נישט זיין צער און טרויער...

— וואס ביזטו אזוי פערטראכט? — האט זיך שאול אפגערופען צו עדריאל'ן — מיר זיינען דאך אלע געגרייט צום מארש...

ערשט דאן האט זיך עדריאל אויסגעגלייכט און גענומען מארשירען צוזאמען מיט די איבעריגע גענעראלען און סאלדאטען...

דרייצעהנטער קאפיטעל

שאול'ס קנאה

דער יובעל און פרייד פון אלע אידען אין ארץ ישראל איז געווען זעהר גרויס. די פערציג טעג וואס גלית האט זיי בעליידיגט, זיינען פאר אלעמען געווען טעג פון טרויער און פון גרויסען פאלקס צער. ווי א שווערער שווארצער וואלקען וואלט אויף זייער הימעל געהאנגען... יעדענס הארץ איז געווען בעטריבט, יעדענס געמיטה געבראכען. דער זארג און יאוש האבען געענבערט די מוחות פון אלע אידען... וועלען זיי שוין בלייבען אייביגע קנעכט צו די גרויזאמע פלשתים?!... וועלען זיי פארלירען אלע זייערע פרייהייטען, צוזאמען מיט זייער מלוכה!... וועט גלית אויספיהרען אלע זיינע דראהונגען?...

מיט גרויס נייגעריגקייט האט יעדער געווארט אויף נייעס פון מלחמה־פלאץ. די פערצווייפלונג איז שטארקער געווארען מיט יעדען טאג... עס געפינט זיך דאך נישט אין גאנץ ארץ ישראל א העלד, וועלכער זאל אננעהמען גלית'ס ארויסרוף... אה, ווען עס זאל זיך געפינען ביי זיי יעצט א צווייטער שמשון הגבור, וועלכער וואלט געקענט גוט אנלערנען דעם חוצפה'דיגען ערל... אויף דעם

אבער איז ניטא וואס צו האפען... ניטא מעהר קיין אויסערגעוויינליכע גבורים ביי אידען... און גלית איז דאך אזא געזונטער ריעז... ער ווארפט אן א שרעק בלויז מיט זיין אויסזעהן...

געטרויערט האבען די יונגע לייט, געיאמערט האבען די פרויען. דער חורבן פון זייער לאנד איז נאהענט... עס איז קיין רעטונג נישטא...

און פלוצים, א ליכטיגער זונען־שטראהל האט זיך באוויזען אויף די פאר־וואלקענטע הימלען . . . די נייעס האט זיך שנעל פארשפרייט אז עס האט זיך געפונען א אידישער העלד וועלכער האט ארויסגערופען גלית'ן צום קאמף.. אלע האבען זייערע אויגען צום הימעל געווענדעט... א תפלה צו גאט האט גע־פליסטערט פון יעדענס ליפען: "א, באשעפער פון דער וועלט, שטארק די הענד פון אונזער העלד! שיק דיין זיעג דורך זיינע פויסטען, און זאל ער אויף אייביג פארמאכען דאס מויל וועלכע האט דיר, אונזער גאט, געלעסטערט".

און יעצט, די גליקליכע, פרעהליכע בשורה: דוד האט גלית'ן געטויטעט! די פלשתים זיינען אין גרויס אונארדנונג אנטלאפען. דער זיעג פון די אידען איז פאלקאם!

דוד האט גלית'ן געטויטעט! . . .

ווי א צויבער האט זיך דער נאמען דוד צוטראגען פון שטאדט צו שטאדט.

דוד, דער זוהן פון ישי, פון בית לחם, פון שבט יהודה!

א פרעהליכע יום טוב'דיגע שטימונג האט געהערשט אין גאנצען לאנד. די טעכטער פון ישראל האבען זיך אויסגעפוצט אין זייערע שעהנסטע קליידער, אין זייערע הענד האבען זיי געהאלטען פויקען און צימבאלען... און אלע צוזאמען האבען געמארשירט צו באגעגענען דעם יונגען העלד און דעם קעניג מיט זיין זיעג־רייכער ארמיי.

און אט באגעגענען זיי די טריאומפירענדע מחנות: שאול רייט אויף זיין פערד, נעבען זיין רעכטער האנד רייט דוד, האלטענדיג גלית'עס קאפ אויפגע־הויבען אויף א שפיעז, לעבען זיין לינקער האנד רייט זיין זוהן יונתן!... פון הינטען רייטען אבנר און די איבריגע גענעראלען, נאך זיי מארשירען די מחנות, פיהרענדיג מיט זיך דעם שלל פון פלשתים.

הילכיגע יובעל־געשרייען פון פרייד און גליק האט אנגעפילט די לופט.

די פרויען זיינען אנטקעגען געקומען מיט טענץ און געזאנג און ווי נאר זיי האבען באמערקט דוד'ן דעם יונגען העלד, האט ארויסגעבראכען שטורמישע אפלא־דיסמענטען און שעהנע פראכטפאלע בלומען האבען געפלויגען פון אלע זייטען אויף דוד'ן און שאול'ן... באלד האבען אלע יונגע מיידלעך אויסגעזונגען דאס ליעד פון נצחון:

פון בית לחם איז ער געקומען,
דער בראווער דוד, יונג און שעהן!...
ער האט קיין שווערד, קיין שפיעז גענומען,
באזיעגט האט ער גלית'ן מיט'ן שטיין!...

לאמיר זינגען, לאמיר שאלען,
א לויב געזאנג צום יונגען העלד...

אונזער שונא איז געפאלען,
ג'לויבט איז דער בורא פון דער וועלט!...
שאול האט טויזענדע געשלאגען,
פון אונזערע פיינד לינק און רעכט!
ר'האט געפאנגען פערד און וואגען,
און דעם שונא האט ער פארקנעכט.

אבער דוד האט פארטיליגט,
צעהנדליגע טויזענדע מיט זיין האנד!
ער האט גאט'ס נאמען געהייליגט
און בעפרייט פון פיינד אונזער לאנד!...

שאול'ס פנים האט זיך גענומען בייטן קאלירן, ווען ער האט דערהערט די לעצטע ווערטער פון דעם ליד, וואס די פרויען האבן געזונגען לכבוד איהם און דוד'ן.

— אזוי? הייסט דאס, אז דוד'ן האלטן זיי העכער פון איהם! — האט ער געטראכט, — ער האט בלויז טויזענדע געשלאגען, און דוד — אין די צעהנדליגע טויזענדע! יעצט אז ער איז שטארקער פון מיר, און האט געבראכט גרע־סערע פארדינסטען פאר'ן פאלק... פעהלט דאך איהם יעצט בלויז די מלוכה!

שאול האט א קוק געטהאן אויף דוד'ן. ער האט באמערקט זיין רויט פלא־מענדיג פנים, זיינע פון גליקשטראהלענדע אויגען. ער האט בעטראכט דעם ענטוזיאסטישען המון... קיינער נעהמט פון דוד'ן די אויגען נישט ארונטער... מען ווארפט מעהר בליקען אויף דוד'ן ווי אויף איהם.

באלד איז איהם ארויפגעקומען א טרויעריגע מחשבה. ער האט זיך גענומען דערמאהנען אן די ווערטער פון שמואל דעם נביא, וואס ער האט צו איהם גע־זאגט בעת ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון דער מלחמה מיט די עמלקים: "אזוי וועט גאט אפרייסען דיין קעניגרייך פון דיר און די אפגעבען צו איינעם וועלכער איז מעהר ראוי ווי דו פאר מלוכה"... זאל עס זיין אז שמואל האט געמיינט איהם, דעם יונגען הארפען־שפיעלער. ביז אהער האט זיך איהם געדוכט, אז צווישען אלע שבטים געפינט זיך נישט איינער וועלכער זאל זיין מעהר ראוי ווי ער פאר מלוכה... פריהער האט ער זיך געטרייסט דאמיט דאס פיעלייכט האט דער נביא געמיינט זיין זוהן יונתן, אלס דער בעסערער און מעהר ראוי פאר מלוכה... יעצט אבער זעהט ער דאך אז דוד איז פלוצים אזוי בעליעבט געווארען ביים פאלק... צעהנדליגע טויזענדע האט ער פארטיליגט און איך — בלויז טויזענדע! אך, ווי אונדאנקבאר דאס פאלק קען זיין!

אן אומעט און א טרויער האט זיך צוגאסען אויף זיין פנים.

— מיר וועלען רייטען גלייך נאך גבעה — האט דער קעניג זיך אפגערופען צו יונתן.

— פאטער, — האט יונתן געזאגט, — דאס פאלק איז דאך אזוי גליקליך, אזוי צופריעדען. פאר וואס זאלען מיר פון איהם פארמיידען דעם פארגעניגען און נחת צו פייערען אונזער גרויסען זיעג מיט גרויס פאראד... לאמיר דורכמאר־שירען נאך אייניגע שטעדט און געבען א געלעגענהייט אויך צו די איבריגע זיך משמח זיין מיט אונזער נצחון!

— ביז ווי לאנג וועט דיין קאפּ זיין אזוי פארשטאפּט! — האָט שאול צו איהם א זאָג געטהאָן מיט כעס. — זאָג אבנר'ן אז מיר מיידען אויס די איבריגע שטערט און רייטען גלייך נאָך גבעה!

יונתן האָט באמערקט די ענדערונג וואָס איז אזוי פּלוצלינג פארגעקומען אין זיין פאטערס פּנים. ער האָט ניט פארשטאַנען וואָס דאָס קען בעדייטען... נאָר וואָס איז ער דאָך געווען אזוי פרעהליך און מונטער, אזוי צופרידען און גליקליך... און יעצט...

יונתן וועלכער האָט אזוי ליעב געהאט דוד'ן, האָט נישט געקענט פאַר־שטעהן אז די קנאה אויף דוד'ן האָט געבראכט די ענדערונג אין זיין פאטער... ער האָט זיך ניט געקענט פארשטעלען ווי אזוי מען קען גאָר זיין אייפערזיכטיג אויף דעם בראַווען יונגען העלד, וועלכער האָט געלייסטעט די גרעסטע דיענסט צו זיין פאָלק און לאנד... איהם איז גאַרנישט איינגעפאַלען אז יעצט, אין דער צייט ווען אלע זיינען אזוי בערוישט פון דעם גרויסען נצחון, זאָל זיין פאטער גאָר פאַרדריסען פאר וואָס די פרויען האָבען דוד'ן באַקרוינט אלס דער העלד פון די צעהנדליגע טויזענדע און איהם — אלס דעם העלד פון טויזענדע.

— וואָס טראכסטו נאָך לאנג, — האָט שאול ווידער בייז א זאָג געטהאָן צו יונתן'ן, — גיב איבער אבנר'ן מיינע ווערטער.

דאַן האָט זיך יונתן אומגעדרעהט און געזאָגט צו אבנר'ן עפּעס אין דער שטיל.

— מיר מארשירען גלייך נאָך גבעה! — האָט אבנר א קאָמאַנדעווע גע־טהאָן... און באלד איז שוין די גאַנצע זיעגרייכע ארמיי געווען אויפ'ן וועג נאָך גבעה.

דער המון, איבערהויפּט די פרויען, זיינען שטארק ענטטוישט געוואָרען וואָס דער קעניג לאָזט אויס זייערע שטערט... זיי האָבען נאָך בעגלייט די מארשירענדע ארמייען פאר א קורצע שטרעקע און יעדער האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין שטאָדט.

דאָס ליעד פון נצחון האָט זיך בליץ שנעל פארשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאנד און ווען שאול און דוד און די גאַנצע ארמיי זיינען אָנגעקומען אין די הויפּט־שטאָדט גבעה, זיינען אויך די דאָרטיגע פרויען זיי אנטקעגען געקומען מיט טענץ און געזאַנג און געזונגען די זעלבע ליעד, געבענדיג דוד'ן צעהנדליגע טויזענדע און שאול'ן בלויז טויזענדע . . .

— טרייבט פאנאַנדער די פרויען! — האָט שאול אויסגעשריען צו אבנר'ן און צו יונתן'ן, — איך וויל מעהר זייער געזאַנג נישט הערען.

דוד האָט אויך געהערט זיין שטימע און א קאַלט איז דורכגעלאָפען זיין לייב... וואָס זאָל עס בעדייטען? מען זאָל צוטרייבען די וועלכע דריקען אויס זייער גרעסטע שמחה פאר דעם נצחון וואָס גאָט האָט אונז געגעבען איבער די פּלשתים?

— מיין האר קעניג! — האָט זיך אבנר אפּגערופען, — קענען מיר דען זיין אזוי גרויזאם צו די פרויען.

— צוטרייב זיי! — האָט שאול'ס שטימע געדונערט.

— אָבער פאטער, — האָט זיך יונתן גענומען בעטען ביי איהם.

— איך וויל מעהר קיין וואָרט פון דיר נישט הערען!

אבנר איז געבליבען אין גרויס פארלעגענהייט... ווי אזוי וועט ער קענען

דעם פרעהליכען המון צוטרייבען אהין און אורזאכע. דאס וואלט דאך אלעמען אויפגערעגט און יעדער וואלט דאך דערפאר געטראגען א שנאה אויפ'ן קעניג.

אבנר האט צו זיך צוגערופען עדריאל'ן און איהם שטילערהייט געזאגט:

— געה צו דער פיהרערין פון די פרויען און זאג איהר אז אין מיין נאמען, אז זי און די איבריגע פרויען זאלען זינגען דאס ליעד וואס זיי האבען געזונגען דאן ווען דער קעניג האט זיך צוריקגעקעהרט א זיעגרייכער פון דער מלחמה מיט עמלק...

עדריאל איז גלייך אראפ פון זיין פערד און איז צוגעגאנגען צו דער פיהרערין פון דעם פרויען כאר און איהר איבערגעגעבען אבנר'ס פערלאנג.

צו דער זעלבער צייט האט אבנר אנגעפאנגען א געשפרעך מיט שאול'ן, כדי אפצוציהען זיין אויפמערקזאמקייט פון עדריאל'ן. ער זאל נישט באמערקען אז עדריאל רעדט מיט דער הויפט־אנפיהרערין פון די פרויען.

— מיר מוזען האנדלען אין דיזען פאל זעהר טאקטיש, — האט אבנר זיך אפגערופען צו שאול'ן, — ווען מיר זאלען יעצט צוטרייבען די פרויען אהין קיין סיבה וועלען זיי בעליידיגט ווערען און וועלען אין זייערע הערצער טראגען א שנאה צו דעם קעניג. דאריבער איז מיין עצה, מיר זאלען בעטען אלעמען זיך צוגעהן יעדער צו זיין הויז, ווייל דער קעניג האט קאפ־שמערצען.

— טהו ווי דו פארשטעהסט, — האט זיך שאול אפגערופען, — אבי זיי זאלען אויפהערען זינגען דאס ליעד... אבער וואס הער איך... אן אנדער ליעד זינגען זיי... אה, טשעפע זיי ניט מעהר, זאלען זיי זינגען... ווי אנגענעהם דיזעס ליעד איז צו מיינע אויערען!... זיין פנים איז געווארען עטוואס מונטערער... א שמייכעל האט זיך ווידער באוויזען אויף זיינע ליפען ווען די פרויען האבען גענומען זינגען און שפיעלען:

„געבענטשט און געלויבט זאל זיין אונזער קעניג!
ער האט א ישועה געבראכט די אידען,
ער האט די שונאים געמאכט אונטערטהעניג,
און אין אונזער לאנד געבראכט דעם פריעדען...

טויזענדע זיינען פון זיין שווערד געפאלען,
עמון, פלשתים און עמלק צוזאמען . . .
דאריבער קומט, לאמיר זינגען און שאלען,
לויבען דעם קעניג און בענשען זיין מאמען!...“

אבנר האט א ווונק געטהאן צו דער פיהרערין און דאס זעלבע ליעד איז עטליכע מאל איבערגעזונגען געווארען...

שאול איז געזעסען אויף זיין פערד און האט אנגעקוועלען. אויף זיינע געדאנקען זיינען ארויפגעקומען די יאהרען פון פריהער, ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט זיעגרייך פון דער מלחמה מיט נחש'ן דעם קעניג פון עמון... ווי גליקליך אלע זיינען מיט איהם געווען, זיי האבען אויף איהם ווי אויף זייער ערלייזער געקוקט... דאן האט ער געפיהלט אז גאט איז מיט איהם... דער נביא האט איהם אויך זעהר פריינדליך באגריסט... און עטוואס שפעטער איז געקומען די צווייטע

וויכטיגע מלחמה מיט די עמלקים, און נאָך אמאָל האָט ער מיט טריאומף גע־פיהרט זיינע זיעגרייכע ארמייען אין ארץ ישראל... און דאן זיינען די פרויען ארויסגעקומען און פאר איהם געזונגען דאָס זעלבע ליעד... וואָס האָט איהם פערשאפט אזוי פיעל כבוד, גליק און מוטה.

שאול האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פערד און האָט זיך פערנייגט פאר׳ן עולם און גלייך האָט אין דער לופט אויפגעהילכט דונערנדע שטימען.

— לאנג לעבען זאָל אונזער קעניג שאול!

— לאנג לעבען זאָל דער יונגער העלד דוד!

* * *

אין דער צייט ווען שאול און יונתן זיינען געווען פערנומען מיט דער מלחמה מיט די פלשתים, האָט שמעי בן גרא גאָר אויפגעלעבט. ער איז געווען כמעט דער איינציגער מאן פון דעם קעניג׳ס משפחה, וועלכער איז פארבליבען אין פאלאץ, און אויב עס האָט איהם בעת מעשה פארדראָסען פארוואָס שאול האָט געמאכט עדריאל׳ן פאר זיין צייטווייליגען נושא כלים, איז ער יעצט געווען העכסט צופרידען דערפון. ער וועט קענען פארברייגגען מיט מיכל׳ן אונגעשטערט, און עס קען זיין אז דורך דיזער צייט וועט ער שוין קומען צו א פאלקאמענע פאר־שטענדניס מיט איהר...

ווען ער האָט באמערקט אז מרב איז זעהר אין כעס אויף איהם, האָט שמעי זיך שטארק נישט גענומען צום הארצען... ער ווייס אז זי איז אויף איהם אין כעס צוליעב דעם, וואָס עס האָט זיך גארנישט אויסגעלאָזען צווישען איהר און דוד׳ן... אָבער זי דארף דאָך פארשטעהען, די נארישע פרינצעסין, אז ער איז אין דעם גארנישט שולדיג... ער האָט געטהאָן אלעס וואָס נאָר מעגליך און זי צוזאמענגעבראכט. איי, וואָס דער קעניג וויל דוד׳ן נישט האָבען פאר קיין איידעם, קען ער דאָך גארנישט העלפען! מעגליך, אז מרב ווייס גאָר נישט די אורזאכע פארוואָס דער קעניג האָט אוועקגעשיקט דוד׳ן פון פאלאץ, און זי דענקט, אז דאָס האָט ער, שמעי אין גאנצען קאליע געמאכט. אָבער זי וויל דאָך איהם נישט אויסהערען. ווען ער איז אוועק צו איהר אויף מארגען, נאכדעם ווי דער קעניג האָט פערשיקט דוד׳ן, איז צו איהם צוגעגאנגען מרב׳ס קאמער־מיידעל און איהם שטרייננג אנגעזאָגט:

—„די פרינצעסין מרב האָט מיר געבעטען דיר אנצוזאָגען, אז דו זאָלסט נישט וואגען מעהר צוצוקומען און צו ריידען צו איהר... אויב דו וועסט מאכען א פערזוך איהר נאָך אמאָל צו באלעסטיגען, וועט זי בעטען דעם קעניג ער זאָל דיך אין גאנצען דערווייטערען פון פאלאץ".

— אָבער איך וויל איהר בלויז עפּעס קלאָר מאכען! — האָט ער זיך דאן געבעטען ביי דער קאמער־מיידעל, — זאָג דאָך איהר, אז איך האָב עפּעס וויכ־טיגעס איהר צו דערצעהלען.

און דאן האָט ער באמערקט ווי די קאמער־מיידעל רעדט מיט דער פרינצעסין און מרב שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין, מיט א פנים פון כעס און שנאה...

און ווען די קאמער־מיידעל איז צו איהם נאָך אמאָל צוגעגאנגען, האָט זי איהם געזאָגט, אז מרב וויל פון איהם מעהר גארנישט וויסען...

לכתחילה איז ער דערפון געווען שטארק בעזאָרגט, אָבער נאכהער האָט ער

זיך ארומגעזעהן אז ער האט גארנישט וועגן וואס צו דאגה'ן. אזוי לאנג ווי איהר איינגערע שוועסטער מיכל איז צו איהם זעהר פריינדליך, קען איהם מרב גארנישט שאדען...

גלייך נאכדעם איז ער טאקע אוועקגעגאנגען צו מיכל'ן... ער איז געווען זיכער אז זי איז געווען גאנץ צופרידען מיט זיין קומען.

— נו, וואס פאר א נייעס האסטו מיר יעצט געבראכט? — האט איהם מיכל א פרעג געטהאן.

— דיין שוועסטער מרב איז אויף מיר שטארק אין כעס און אנגעשטויסען, אז זי וויל זיך גאר אויף מיר נישט אומקוקען, — האט שמעי געזאגט, — און גלויבט מיר, מיכל, אז איך בין אין גאנצען אומשולדיג...

— פאר וואס זאל מיין שוועסטער זיין אויף דיר אין כעס? — האט מיכל זיך אפגערופען מיט א שמייכעל, — איהר האסטו דאך נאך נישט באלעסטיגט מיט ליעבעס־ערקלעהרונגען.

— זי גלויבט אז איך בין שולדיג אין דעם וואס דער קעניג וויל דוד'ן נישט האבען פאר קיין איידעם...

— פון וואנען ווייסטו אז מיין פאטער וויל דוד'ן נישט האבען פאר קיין איידעם?

— פון וואנען איך ווייס?! — האט שמעי געזאגט מיט שטאלץ, — פאר מיר איז קיין פארבארגענעס ניטא... ווען דער קעניג פארטרייבט פלוצים זיין הארפען־שפיעלער פון פאלאץ, איז פאראן א גוטע אורזאכע דערצו...

— ווער האט דיר דען געזאגט אז דער קעניג האט פארטריבען דוד'ן פון פאלאץ?!...

— מיך וואונדערט נאר אויף דיר, מיכל, אז דו ווייסט גאר נישט דערפון.

— און איך האב געהערט אז דוד האט ביי מיין פאטער געבעטען א מאנאט אורלויב, וויל ער האט זיך שטארק פארבייגקט אהיים! — האט מיכל געזאגט.

— דאס איז מעהר נישט ווי געזאגט, כדי מענשען זאלען גלויבען אז דוד איז אוועק מיט פריערען פון איהם, און דערפאר האט דער קעניג אויך געהייסען איהם מיטגעבען א פערד... אבער איך ווייס עפעס אנדערש.

— וואס ווייסטו?

— איך ווייס, אז דער קעניג האט אויף דוד'ן אנגעשריגען און איהם אנגעזאגט צו פארלאזען דעם פאלאץ.

— אבער וואס איז די אורזאכע דאס מיין פאטער זאל איהם וועלען פארטרייבען פון זיך?...

— די אורזאכע איז, ווי איך האב דיר שוין פריהער געזאגט, אז דער קעניג וויל דוד'ן נישט האבען פאר קיין איידעם... און נאך אלעמען, ווער איז עס אט דער דוד, א פאסטוך און פון א פרעמדען שבט... און לויט ווי מען האט מיר איבערגעגעבען האט דיין פאטער אויף איהם אנגעשריען און צו איהם געזאגט: "פון א פאסטוך האב איך דיך צו מיין נושא כלים דערהויבען, און דו בעצאהלסט מיר מיט דיין חוצפה צו זוכען געווינען מיין טאכטער'ס הארץ"?

— האסטו דען עס אליין געהערט פון דעם קעניג'ס מויל? — האט איהם מיכל געפרעגט מיט נייגעריגקייט.

— איך האָב עס געהערט פון דואג׳ן, וועלכער געפינט זיך אין מיין שטאהל... איהם האָט עס דעם קעניג׳ס לייבוועכטער דערצעהלט, — האָט שמעי געזאָגט.

מיכל האָט א קוועטש געטאָהן מיט איהרע פלייצעס און איז אוועקגעגאַנגען.

— ער איז א ליגנער, — האָט זי זיך געטראַכט, — און דערצו איז ער נאָך א גרויסער אינטריגאַנט... מעגליך אז ער האָט אויף איהר אָנגערעדט צו דוד׳ן, און דערהויפּט איהם צוזאַמענגעבראַכט מיט מרב׳ן... כדי ער זאָל קיין שטערונג נישט האָבען צוצוקומען צו איהר... אה, ווי זי פאַרשטעהט איהם! אבער דוד! זאָל ער זיך אַזוי גרינג לאָזען פאַרפיהרען פון שמעי׳ן... זי האָט געגלויבט אז ער איז אין איהר פערליעבט... זי איז אין דעם געווען זיכער, און א חוץ דעם האָט דאָך איהר יונתן געגעבען אָנצוהערען אז דוד ליעבט איהר... און דאָ פּלוצים אַזאַ ענדערונג! ווען זי וואָלט דאַן אליין מיט איהרע אויגען נישט געזעהן ווי דוד האָלט ארומגענומען מרב׳ן, וואָלט זי עס אויף איהם קיינמאָל נישט געגלויבט... יאָ, זי האָט דוד׳ן פאַרלאָרען און איהר שוועסטער האָט איהם געוואונען... זי איז אבער אין דעם אליין שולדיג... זי האָט צו לאַנג געוואַרט... מרב האָט אבער פערשטאַנען וואָס זי דאַרף טהאָן און דאַריבער האָט זי געוואונען זיין ליעבע...

איין זאַך איז פאַר מיכל׳ן געווען אונפאַרשטענדליך, פאַרוואָס איהר שוועס־טער איז פּלוצים אַזוי אומעטיג געוואָרען... זי קוקט אויס צו זיין אין כעס אויף יעדען... זי איז זעהר אויפגערעגט און האָט שוין צו איהר א פּאָר טעג נישט גע־רעדט... ווער ווייס! — האָט מיכל א טראַכט געטהאָן, — אפשר איז טאַקע אמת וואָס שמעי האָט געהערט אז דער פאַטער האָט זיך דערוואוסט פון דוד׳ס ליעבע צו איהר און איהם אוועקגעשיקט פון פּאַלאַץ און דאָס איז די אורזאַכע פון איהר טרויער...

מיכל האָט בעשלאָסען אויסצוגעפינען אַלעס און טאַקע פון איהר שוועסטער... און ווען זי האָט באַמערקט אז מרב געפינט זיך אליין אין גאָרטען איז זי צו איהר צוגעגאַנגען.

— עס קען זיין אז איך מאַך א טעות, — האָט זיך מיכל אָפּגערופען צו איהר שוועסטער, — אָבער עפּעס דוכט זיך מיר אז דו ביזט אויף מיר שטאַרק בייז... איך גלויב אז איך האָב גאָרנישט געטהאָן דיך צו ערגערען... איז עס מעגליך, אז שמעי בן גרא האָט שוין ווידער געזוכט צו מאַכען אן אינטריגע.

— איך בעט דיך, מיכל, דערמאָהן מיר נישט זיין נאָמען... איך האָס איהם אַזוי פיעל, אז ווען איך הער נור זיין נאָמען ווער איך שוין אויפגערעגט...

— ער איז נאָר וואָס ביי מיר געווען, — האָט איהר מיכל געזאָגט, — און ער האָט מיר געזאָגט אז דו...

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט וועגען מיר, דער ליגנער, דער באַטריגער, דער אויסוואורף! — האָט מרב אויסגערופען מיט גאַל און ביטערניס. — איך וועל מוזען בעטען דעם פאַטער ער זאָל איהם גלייך אוועקשיקען פון דאַנען.

— איך בעט דיך, מרב, איז דען דאָ אויף וועמען צו זיין אין כעס? עס איז שוין צייט אז דו זאָלסט וויסען אז ער איז נישט קיין פעראַנטוואָרטליכער מענש, און זיינע רייד דאַרף אויף דיר קיין ווירקונג נישט האָבען.

— אָבער זאָג דאָך מיר, וואָס ער האָט וועגען מיר גערעדט, — האָט מרב געזאָגט, — איך וועל דיר נאָכהער אויך אַלעס דערצעהלען.

— ער האָט מיר געזאָגט, אז דו האָסט זיך געליעבט אין דוד׳ן און ווען דער

פאטער האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אויף איהם אין כעס געוואָרען, און דערפאר האָט ער איהם אוועקגעשיקט פון פּאַלאַץ... איך אָבער האָב גלייך איינגעזעהן אז דאָס איז א ליגען, ווייל די מוטער האָט מיר געזאָגט, אז דוד האָט זיך שטארק פארביינקט אהיים און האָט געבעטען א מאָנאַט אורלויב ביים פאטער.

— און איך האָב אליין געהערט פון פאטער'ס מויל, — האָט מרב זיך אפּגערופען, — אז ער האָט דוד'ן געגעבען א מאָנאַט אורלויב, און אז עס איז איהם אומעטיג אָהן דוד'ן.

— נו, זעהסטו שוין ווי מען קען זיך פארלאָזען אויף שמעי'ן! — האָט מיכל געזאָגט, — דערצעהל דאָך מיר, מרב, וואָס האָט דאָ פּאַסירט אז עס האָט דיר אזוי אויפגערודערט...

מרב האָט א ווײלע געשוויגען. זי איז געבליבען שטעהן אין א פארלעגענהייט. זי האָט זיך נישט געקענט באַשליסען צו דערצעהלען מיכל'ן וועגען אלעס. באַלד אָבער האָט זי געפאסט מוטה און אָנגעפאַנגען:

—"דוד, ווי דו ווייסט, האָט אויף אונז אלעמען געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק מיט זיין שפּיעלען און זינגען... דעם אמת זאָגענדיג, מיכל, האָב איך וועגען איהם גאָרנישט געטראַכט... געוויינליך, עס איז מיר געווען אנגענעהם זיין געזעלשאַפט. איך האָב ליעב געהאַט זיך צוצוהערען ווען ער האָט געשפּיעלט פאר'ן פאטער. דאָ נישט לאַנג קומט צו מיר דער פאלשער שמעי און דערצעהלט מיר, אז דוד איז שטערבליך פערליעבט אין מיר און אז ער וואָלט שוין לאַנג פארלאָזען דעם פּאַלאַץ, אָבער ער טהוט עס נישט צוליעב מיר... דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט, אז דוד וויל זיך מיט מיר טרעפען גאַנץ פריה ביים טייכעל.

— נו, ביזטו געגאַנגען צום טייכעל זיך טרעפען מיט דוד'ן? — האָט איהר מיכל אונטערבראָכען.

— פארשטעהסטו מיך, מיין שוועסטער, — האָט מרב אומעטיג געזאָגט, — שמעי האָט מיר אזוי פערדרעהט דעם קאָפּ אז איך האָב געגלויבט אז דוד איז אין מיר פערליעבט און בעת מעשה האָב איך אויך אָנגעפאַנגען צו פיהלען א שטיקעל ליעבע צו איהם און עפּעס האָט מיר אהין געצויגען... איך בין יענעם פריהמאָרגען אויפגעשטאַנען זעהר פריה און אוועק צום טייכעל... און פון וויטען האָב איך טאַקע באַמערקט דוד'ן... ווען איך קום צו עטוואָס נעהענטער, באַמערק איך אז דוד ריהרט זיך נישט פון אָרט... איך האָב געגלויבט אז דאָס איז שוין געווען אן אָפּגעמאכטע זאַך און ווען דוד וועט מיר נור דערזעהען וועט ער מיר לויפען אנטקעגען... צום סוף זעה איך ווי ער שטעהט ווי צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ און זיינע אויגען ארונטערגעלאָזען צום באָדען... ער מוז זיך שעהמען, האָב איך געטראַכט, ער איז צו בעשיידען... און איך בין אליין צו איהם צוגעגאַנגען... שטעל זיך אָבער פאָר מיין איבערראַשונג און הארצווייטאָג, ווען איך האָב זיך פון דוד'ן דערוואוסט אז ער ווייס נישט פון וואָס צו זאָגען, און אז שמעי איז מיט א טאָג פריהער צו איהם צוגעקומען און איהם געזאָגט, אז איך האָב איהם פערטרויט מיין סוד... און אז איך בין שטערבליך פארליעבט אין איהם... האָסטו געהערט אזא געמיינהייט?

— אָבער איך פארשטעה ניט, — האָט מיכל געפרעגט, — פאַר וואָס האָט שמעי אזוי שטארק געוואָלט דיר צוזאַמענברייגען מיט דוד'ן? עס איז דאָך געווים נישט צוליעב דעם וואָס ער איז דיר אָדער דוד'ן אזא גוטער פריינד?

— ער האט דא קיינעמ'ס טובה נישט געמיינט, בלויז זיין אייגענע.

— וואס פאר א נוצען וואלט ער דערפון געקענט האבען?

— ער האט געוואלט, — האט מרב געזאגט מיט א שמייכעל, — איך זאל איהם דערפאר העלפען ארייננקריגען דיך, פאר זיין פרוי... ער האט זיך מודה געווען אז ער איז אין דיר זעהר פארליעבט און פאר דער טובה וואס ער האט גערעכנט ער טהוט מיר, וועל איך איהם אפטהאן א טובה און איהם ארויסהעלפען.

— א, דער נידערטרעכטיגער יונג! — האט מיכל אויסגערופען, — איך קען זיך פארשטעלען, ווי דו און דוד האבען געפיהלט, ווען אייך ביידען איז קלאר געווארען מיט וואס פאר א געמיינעם בעטרוג שמעי האט אייך געזוכט אפצונארען.

— אה, מיין שוועסטער, — האט מרב אויסגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען, — איך האב געמיינט אז איך וועל שטארבען פון שאנדע! מיר האט אנגעהויבען צו שווינדלען אין די אויגען... און ווען דוד וואלט מיך ניט צוגעהאלטען וואלט איך צום באדען אין חלשות געפאלען.

— וואס?! — האט מיכל אויסגערופען, — איז דאס נישט... ע... איך מיין אז... ע... דוד האט דאס דיך צוגעהאלטען כדי דו זאלסט נישט אומפאלען?.. און איך האב געמיינט אז.. עס הייסט, שמעי האט מיר דערצעהלט, אז עס איז שוין עטליכע וואכען אז איהר באגעגענט זיך, — האט זיך מיכל פערכאפט.

— ער וועט שוין, דאכט זיך, מעהר קיין ליגענס נישט זאגען, — איך וועל שוין זעהן אז זיין מויל זאל פערמאכט ווערען... איך וועל דיר זאגען דעם אמת, מיכל, איך האב גלייך געוואלט דעם פאטער וועגען אלעם דערצעהלען, נאר איך האב מורא געהאט אז דוד זאל צוליעב דעם נישט ליידען און ער איז דאך גאר אומשולדיג... אבער יעצט וועל איך מוזען גיהן צום פאטער, ווייל זיין מויל איז נאך אפען... און ער האט נאך די חעזה אזוי צו ריידען וועגען מיר...

— ניין, מרב, דו דייף מיט'ן פאטער גארנישט וועגען דעם, לאז שמעי'ן איבער צו מיר, איך וועל שוין וויסען ווי אזוי מיט איהם צו האנדלען... איך וועל איהם דא מאכען אזוי ענג אז ער וועט שוין אליין פון דאנען אנטלויפען... ער וועט דאך נאך צו מיר קומען און זוכען צו בעלעסטיגען מיך מיט זיינע נארישע רייד... דאן וועל איך שוין וויסען וואס צו טהאן.

מיכל איז אוועק פון איהר שוועסטער א גליקליכע, איהר פנים האט גע־שטראהלט פון פרייד... הייסט עס, אז זי האט געמאכט א טעות... דאס האט דוד נישט ארומגענומען מרב'ן, ער האט איהר נור צוגעהאלטען זי זאל נישט אומ־פאלען... אה, ווי גליקליך זי איז! דוד האט איהר ליעב, בלויז איהר!... און זי איז געווען צו איילינ און רעשיג... זי האט איהם אומזיסט בעשולדיגט... זי איז זיכער אז איהר באגעהן זיך מיט איהם האט געטריבען דוד'ן ער זאל בעטען איהר פאטער א מאנאט אורלויב... ער האט זיך געווים געפיהלט זעהר געקרענקט ווען זי האט איהם באגעגענט און מיט כעס איהר קאפ פון איהם אפגעקעהרט... א, ווען זי קען דאס פערריכטען! ווען יונתן וואלט יעצט געווען, וואלט זי פאר איהם איהר הארץ אויסגעגאסען... אבער ער איז יעצט אויף מלחמה מיט די פלשתים... זי איז דאך אזוי גליקליך מיט איהר טעות וואס זי האט געמאכט, אבער אין דער זעלבער צייט האט זי געווייטענבייטע פארוואס זי האט אזוי גרויזאם בעהאנדעלט דעם אומשולדיגען דוד'ן...

דערווייל איז יונתן צוריקגעקומען פון דעם לאגער און אנגעזאגט שאול'ן, אז די פלשתים קומען אן מיט גרויסע ארמעען.

מיכל האט אפילו געוואלט ריידען מיט איהר ברודער און דערצעהלען איהם איהר טעות וואס זי האט געמאכט, אבער יונתן איז געווען אזוי פארנומען די עטליכע טעג וואס ער איז געווען אין גבעה, אז זי האט מיט איהם קיין ווארט נישט געקענט ריידען.

ווען שאול האט געמאכט עדריאל'ן פאר זיין צייטווייליגען נושא כלים, האט מיכל באמערקט אן ענדערונג אין איהר שוועסטער, וואס האט איהר אויך שטארק געפרעהט: זי האט געהערט ווי מרב האט זיך אויסגעדריקט אז עדריאל איז זעהר א בראווער יונג, און אז זי איז שטארק צופרידען וואס דער פאטער האט איהם דערהויבען צו ריזען אמט... דעם זעלבען טאג האט זי אויך געזעהן ווי מרב שפאצירט מיט עדריאל'ן אין גארטען... זי איז זיכער אז עפעס וועט פארקומען צווישען זיי און דאן...דאן וועט דוד געהערען נור איהר אליין... זי וועט נישט דארפען מורא האבען אז מרב וועט איהם פון איהר אוועקנעמען... און ווען זי האט נאכהער גערעדט מיט איהר שוועסטער, האט זי אויך גענומען לויבען עדריאל'ן פאר מרב'ן.

— דו ווייסט, מרב — האט זיך מיכל אפגערופען — יונתן האט מיר דא נישט לאנג דערצעהלט אז עדריאל האט מיט איין פאטש שמעי'ן צום בארען געווארפען... ווי עם ווייזט אויס האט שמעי איהם אויך געזוכט צו אינטריגירען...

— האט דיר דען יונתן נישט דערצעהלט פארוואס עדריאל האט געפאטשט שמעי'ן? — איז מרב נייגעריג געווארען.

— ניין, ער האט בלויז באמערקט ווי שמעי הויבט זיך אויף פון בארען און מיט זיין לינקע האנט האלט ער צו זיין רויט־געשוואלענע באק און אין דער רעכטער האנט האט ער געהאלטען א שטיין, גרייט צו ווארפען אויף עדריאל'ן... ווען אבער ער האט דערזעהן יונת'ן, האט ער אפגעלאזען דעם שטיין... יונתן האט נישט אויסגעפונען די אורזאכע פארוואס עס איז פארגעקומען א געשלעג צווישען זיי.

— איך בין זעהר גערן צו וויסען די אורזאכע — האט מרב זיך אפגערופען — ווען איך וועל זעהן עדריאל'ן וועל איך איהם בעטען ער זאל מיר אלעם דער־צעהלען...

— איך קען זיך פארשטעלען — האט מיכל געזאגט טראכטענדיג — ווי גרויס שמעי'ס שנאה איז צו עדריאל'ן, יעצט, נאכדעם ווי דער פאטער האט איהם געמאכט פאר זיין נושא כלים... שמעי האט דאך זיינע אויגען אויסגע־קוקט אויף דיעזען אמט...

— ווארט, דו וועסט זעהן, מיכל, אז עדריאל וועט נאך שטייגען העכער און העכער! — האט מרב געזאגט מיט א בעהאלטענע צופרידענהייט — איך בין זיכער אז ווען אבנר וואלט נישט געווען אונזער נאהענטסטער קרוב, וואלט עדריאל יעצט געווען דער הויפט קאמאנדיר פון אלע ארמעען... נישט איינמאל האב איך געהערט ווי דער באטער האט געלויבט עדריאל'ן פאר זיין העלדישקייט און בראווקייט...

— איבערהויפט האט ער זיך אויסגעצייכענט אין דער מלחמה מיט די עמונים — האט מיכל צוגעגעבען — איך האב אליין געהערט פון פאטער'ס מויל,

אז אין יענער מלחמה האט ער ארויסגעוויזן גרעסערע העלדישקייט ווי אבנר...

— פערגעס נישט — האט מרב געזאגט מיט שטראהלענדע אויגען — אז עדריאל איז נישט פון אונזער שבט, און אויב דער פאטער האט איהם אריינגענומען אין פאלאץ, מסתמא האט ער עס גוט פארדיענט...

— נו, און דוד? — האט מיכל זיך ארויסגערעדט — ער איז דאך אויך פון א צווייטען שבט, פונדעסטוועגען...

— דוד איז אין פאלאץ צוליעב גאר אן אנדער אורזאכע — האט מרב געזאגט — דער פאטער האט זעהר ליעב צו הערען זיין שפיעלען... אמת, ער שפיעלט און זינגט זעהר שעהן, אבער איך צווייפעל צי ער וואלט זיך ווען עס איז געקענט אויסצייכענען אין מלחמה... פערשטעהסטו, גוטע זינגער און שפילער זיינען זעלטען אויך העלדען...

מיכל האט איהר שוועסטער דערויף גאר נישט געענטפערט... זי האט זיך אומגעקערט און א שמייכעל געטהאן... — ווען מרב וואלט געוואוסט וואס פאר א העלד דוד איז, וואלט זי שוין אזוי נישט גערעדט פון איהם — האט ווען ער האט דעם פלשתי, וועלכער האט זיך נאך איהר נאכגעיאגט, געטויטעט... און זי זאל וויסען, ווי ער האט נאך אלס יונגער אינגעל די גאנצע שטאדט בית לחם גערעטעט פון אן אנפאל פון א פלשתים רויבער באנדע... דוד האט נאך קיין געלעגענהייט געהאט ארויסצוצייגען זיין גבורה אויף דעם שלאכטפעלד...

מיכל איז דאך געווען שטארק צופרידען וואס איהר שוועסטער וויים גאר נישט פון דוד'ס העלדישקייט, און האלט נישט פון איהם אלס העלד... עס וועט זיין א סך גלייכער און בעסער פאר איהר ווען מרב וועט בלויז פערעהרען עדריאל'ן... ווייל דוד, דער העלדישער ליעבער דוד, בעלאנגט נור צו איהר...

מיכל'ס ליעבע צו דוד'ן איז געווען יעצט, ווען דוד איז אוועק אויף זיין אורלויב, נאך שטארקער און בולט'ער אין איהר הארץ האט זיך צופלאקערט די ליעבע צו דעם יונגען העלדישען הארפען שפיעלער, און זי האט פון איהם געחלום'ט טאג און נאכט... וואס א טאג ווייטער, אלץ מעהר האט זי נאך איהם געביינקט, איהר נשמה האט געלעכצעט נאך איהם... גרויס זיינען איהרע יסורים געווען, אז זי האט זיך דערמאהנט דאס זי האט איהם חושד געווען, דאס ער ליעבט נישט איהר, נור מרב'ן... אח, ווי גרויזאם זי האט איהם בעשטראפט... זי האט פון איהם איהר קאפ אפגעקערט... און ווען זי האט איהם נאכהער פון דער ווייטען דערזעהן, האט זי גוט געקענט באמערקען ווי דערשלאגען און אומגליקליך ער קוקט אויס... עס איז איהם דא געווארען אזוי ענג... נישט אנגענעהם... ער איז געצוואונגען געווען דעם פאלאץ צו פערלאזען... ווער וויים! אפשר וועט ער זיך שוין מעהר קיינמאל צוריקקעהרען... ביי דיעזע געדאנקען ציטערט מיכל אויף... אח, ווען זי זאל דוד'ן פערליערען, דאן וואס טויג איהר דאס לעבען!... זי וואלט געווען גליקליך צו פערלאזען איהר פאטערס קעניגליכען פאלאץ און וואהנען אין אן ארימען געצעלט מיט דוד'ן... זי וואלט טאג און נאכט געזעסען און זיך צוגעהערט צו די זיסע מעלאדיען און קלאנגען וואס זיינע פינגער ברייננגען אזוי צערטליך ארויס פון דער הארפע... זי וואלט איהר קאפ אין זיין שוים געלעגט, און געוועבט און געשפונען איהרע גאלדענע חלומות... אך ווי גוט און אנגענעהם, ווי זיס און גליקליך דאס לעבען וואלט דאן פאר איהר געווען... דוד, דער זוהן פון ישי, פון בית לחם!...

— וואס ביזטו אזוי פארטראכט מיכל ? — האט מרב אונטערבראכבען איהרע געדאנקען — דער פאטער, יונתן און די גאנצע ארמעע מארשירען דאך באלד אוועק צו דעם טהאל פון אלה, צו פעראייניגען זיך מיט אבנר׳ס מחנות...

— וואס ?! — האט מיכל אויסגערופען — זיי מארשירען שוין אוועק, איך מוז זיך זעהן מיט יונתן איידער ער געהט אוועק, איך האב איהם עטוואס געוואלט בעטען.

— איך גלויב אז עס איז שוין צו שפעט — האט מרב געזאגט — ווייל יונתן און דער פאטער זיצען שוין אויף די פערד גרייט אוועקצומארשירען... וואס האסטו איהם אזוי געוואלט בעטען ? — האט מרב געפרעגט :

— אה, גארנישט, האט מיכל געענטפערט — ער זאל זיין זעהר פארזיכ־טיג אין דער מלחמה און זאל ניט איינשטעלען זיין לעבען אין גרויס סכנה ווי ער האט געטהאן אין פריהערדיגע מלחמות...

— וועגען דעם דארפסטו נישט זארגען, מיכל, דער פאטער וועט שוין גוט אכטונג געבען אויף איהם... דו ווייסט, עדריאל האט זיך יעצט מיט מיר גע־זעגענט, און איך האב אין זיינע אויגען באמערקט טרעהרען...

— זאג דאך מיר, שוועסטער — האט מיכל פלוצלונג איהר א פרעג געטהאן — פערלייקען נישט פון מיר, ביזטו נישט פערליעבט אין עדריאל׳ן פון מחולה?

— הע... ער... — איך וויים נאך אליין נישט ווי דאס אנצורופען — האט מרב ארויסגעשטאמעלט... עדריאל׳ס געזעלשאפט איז מיר אלע מאל געווען אנ־גענעהם... אבער יעצט, נאכדעם ווי שמעי האט מיר מיין קאפ פערדרעהט און איך האב זיך געלאזט איינריידען און זיך צום נארען געמאכט מיט דעם הארפען שפיעלער... האב איך זיך אין גאנצען געענדערט... דוד׳ס קאלטען בענעהמען זיך צו מיר, האט מיר מיינע אויגען געעפענט... פארשטעהסטו, אנשטאט צו זיין צופרידען און גליקליך אז איך בין צו איהם געקומען, זאל זיין אפילו דורך א טעות, אבער איך בין דאך פארט צו איהם געגאנגען !... בלייבט ער שטעהן ווי צוגעשמידט צו זיין פלאץ... דאס איז פאר מיר געווען די גרעסטע בעליי־דיגונג ! וואלט עדריאל אויך אזוי געהאנדעלט, איך פרעג דיר ?...

— אבער עס קען דאך זיין אז זיין הארץ געהערט אימיצען אנדערש... — האט מיכל געפרואווט פערטיידיגען דוד׳ן...

— נו, אויב אזוי זאל ער זיך געהן צו זיין גלייבען ! — האט מיכל אויס־געפרופען — ווי עס ווייזט אוים האט ער זיך טאקע פערבענקט נאך יענער בויערן מיידעל, אדער הירטין און דעריבער געבעטען א מאנאט אורלויב פון פאטער... אנשטאט צו פיהלען געשמייכעלט אז דעם קעניג׳ס טאכטער קומט איהם זעהן, איז ער גאר אזוי שטאלץ ביי זיך ! נאך אלעמען ווער איז ער דאס ? עדריאל איז א סך וויכטיגער פאר איהם... און ווי גליקליך מיינער א בליק מאכט איהם... יע, איך מוז דיר מודה זיין, מיכל אז איך בין פערליעבט אין עדריאל׳ן און ער אין מיר אויך...

— זייט איהר שוין געקומען צו א פערשטענדנים ? — איז מיכל נייגעריג געווארען.

מרב האט אויפגעהויבען איהר לינקע האנט און געצייגט מיכל׳ן :

— דו זעהסט, דאס האט ער מיר געגעבען זיין רינג אלס אנדענקען און איך האב איהם מיין רינג געגעבען... און מיר האבען אפגעמאכט אז גלייך ווי ער

וועט זיך אומקעהרין פון מלחמה וועל איך בעטען דעם פאטער'ס הסכמה און מיר וועלעןביידע חתונה האבען...

— איך ווינש דיר גליק, מיין ליעבע שוועסטע, האט מיכל איהר געקושט — און איך פערהאף אז דו וועסט זיין גליקליך דיין גאנצען לעבען...

מיכל האט טאקע געוואונשען גליק צו איהר שוועסטער מיט'ן גאנצען הארצען... מרב איז איהר פון יעצט אן געווען אזוי טייער און ליעב... זי האט דאך איהר יעצט איהר גרעסטען סוד אנפערטרויט... זי האט זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז מרב וועט מיט איהר אזוי אפענהערציג ריידען... יעצט אז עדריאל וועט ווערען מרב'ס מאן, וועט זי דאך מעהר איהר נישט שטעהן אין וועג פון איהר ליעבע צו דוד'ן... זי האט זיך יעצט געפיהלט עטוואס שולדיג געגען מרב'ן פארוואס זי פערטרויט איהר נישט דעם סוד פון איהר ליעבע צו דוד'ן... אבער ווי אזוי קען זי דאס יעצט טהאן?... זי האט דאך נאך אפילו וועגען דעם מיט דוד'ן אליין נישט גערעדט... אין הארצען האט זי אבער געוואונשען עס זאל קומען די צייט ווען זיי קענען ריידען מיט איהר שוועסטער אזוי אפענהערציג וועגען דוד'ן, ווי מרב האט גערעדט וועגען עדריאל'ן.

— —

עטליכע טעג זיינען פאראיבער און דא האט פלטיאל בן ליש געבראכט די ידיעה אין גבעה פון לאגער וועגען דעם פירכטליכען ריעז גלית הפלשתי.

שאול האט פלטיאל'ן געמאכט פאר דעם ספעציעלען שליח, וועלכען ער פלעגט שיקען פון מלחמה פלאץ נאך גבעה, ער זאל איבערגעבען די קעניגליכע פאמיליע די וויכטיגסטע נייעס און פאסירונגען. און אין דערזעלבער צייט ברייגגען צוריק א גרוס פון דער היים...

ווי נאר פלטיאל האט זיך בעוויזען אין קעניגליכען הויף, אזוי האט קיש, שאול'ס פאטער א אחינועם, די קעניגין, מיט איהרע צוויי טעכטער און איהרע אינגערע זיהן איהם ארומגערינגעלט און מיט גרויס אומגעדולד געווארט אויף זיין בעריכט...

— נו, האסטו עפעס פרעהליכעס צו בעריכטען פון מלחמה פלאץ — האט איהם די קעניגין געפרעגט.

— דער קעניג און יונתן זיינען אין גוטען צושטאנד — איז געווען פלטיאל'ס ערשטער בעריכט — אבער...

— וואס?! — האט אחינועם מיט שרעק געפרעגט — זיינען דען פיעלע פון אונזערע מחנות אין שלאכט געפאלען?...

— דערווייל האט זיך נאך דער קאמפף נישט אנגעפאנגען — אבער די פלשתים האבען ארונטערגעשיקט א מעכטיגען ריעז מיט'ן נאמען גלית, און ער דערנעהנטערט זיך צוויי מאל א טאג צו אונזער לאגער און פאדערט פון אונז ארונטערצושיקען איינעם וועלכער זאל איינוויליגען צו קעמפען מיט איהם... ער ווארפט אן א שרעק אין דעם גאנצען אידישען לאגער... ווייל צווישען אונז געפינט זיך איינער וועלכער זאל זיין אזוי געזונט און שטארק ווי גלית דער פלשתי פון גת... דער קעניג איז שטארק בעזארגט וועגען דעם... ער האט זאגאר געהייסען אויסרופען אין זיין נאמען, אז דער, וועלכער וועט גלית'ן בעזיעגען וועט קריגען זיין טאכטער פאר א פרוי. און דערצו וועט ער איהם זעהר רייך מאכען אבער דערווייל האט זיך נאך קיינער נישט אפגערופען...

— און עדריאל? — האט זיך מרב ארויסגעכאפט — ער איז דאך אזוי שטארק און בראוו... האט ער זיך דען נישט אנגעבאטען צו געהן קעמפפען מיט גלית'ן?...

— ניין, דערווייל איז יונתן דער איינציגער וועלכער רייסט זיך צו קעמפפען מיט דעם ריעז... — האט פלטיאל געענטפערט — אבער דער קעניג לאזט איהם נישט...

— עס איז טאקע א וואונדער — האט מיכל אויסגערופען — אז צווישען אלע שבטים זאל זיך נישט געפינען איינער, וועלכער איז גענוג בראוו און שטארק צו קעמפפען מיט דעם פלשתי...

— ווען איך זאל וויסען אז איך האב בלויז צו פערלירען מיין לעבען — וואלט איך זיך אנגעבאטען צו קעמפפען — האט פלטיאל געזאגט — אבער ווען דער פלשתי וועט מיר טויטען, דאן פערלירט אונזער קעניג די מלחמה, און בעהיט גאט — אויך זיין קרוין... אזוי פיעל האב איך קיין רעכט נישט איינצושטעלען... איך בין ביי זיך נישט גענארט... איך האב אין זיך נישט צופיעל צוטרויען אז איך וועל זיעגען...

— איך גלויב אז עדריאל מוז אויך פיהלען דאס זעלבע — האט זיך מרב אפגערופען.

— געוויס, אלע אידישע העלדען פיהלען אז זיי האבען קיין רעכט נישט צו שטעלען אין סכנה אונזער קעניגרייך אין לאנד...

— אבער אימיצער וועט דאך פארט מוזען קעמפפען מיט גלית'ן — האט מיכל געזאגט — ווען נישט וועט דאך נאך ערגער זיין...

אלע האבען געשוויגען. א טרויער האט זיך בעוויזען ביי יעדען אויפ'ן פנים...

— אזוי! — האט אחינועם אונטערבראכען די שטילקייט — דער קעניג האט צוגעזאגט צו געבען איינע פון אונזערע טעכטער צו דעם זיעגער! געוויס וואלט אזא העלד פערדינט איינע פון אונזערע טעכטער. איך האף נאר, אז ווען אזא העלד וועט זיך שוין יע געפינען, זאל ער נאך נישט זיין פערהייראט... איך וואלט זעהר נישט געוואלט אז מיינע א טאכטער זאל הייראטען א מאן וועלכער האט נאך א פרוי...

מרב און מיכל זיינען ביידע רויט געווארען פון אחינועם'ס בעמערקונג, און דער אלטער קיש, זייער זיידע, וועלכער איז די גאנצע צייט געשטאנען און געשוויגען, האט זיך יעצט אפגערופען:

— וואס וועט זיין אז דער מאן וועלכער וועט הייראטען איינע פון דעם קעניג'ס טעכטער, וועט נאכהער וועלען נעמען א צווייטע פרוי, וועט זי דען איהם קענען פערווערען? דאריבער דארף קיין אונטערשיעד נישט זיין ווער דער מאן איז, וויבאלד ער האט געזיגט וועט דער קעניג מוזען האלטען זיין פארשפרעכען...

— אבער זיידע, דער פאטער וועט דאך מיר נישט צווינגען צו הייראטען איינעם געגען מיין ווילען — האט מרב געזאגט האלב אין שפאס און האלב אין ערנסט...

— אבער קינד מיינס — האט זיך קיש אפגערופען — דער קעניג וועט דאך נישט קענען בייטען זיין ווארט...

— ווי וועט זיין אז איך וועל שוין דאן האבען צוגעזאגט צו זיין אימיצענס אנדערש פרוי? — האט מרב געזאגט מיט א שמייכעל.

— נו, דאן וועל איך מוזען פערנעמען דעם פלאץ האט מיכל געלאכט...

— גוט, האָט מרב געזאָגט לאַכענדיג — איז אָפּגעמאַכט צווישען אונז, אַז יענער העלד, וועלכער וועט בעזיעגען גלית'ן זאָל געהערען צו דיר... א חוץ... עדריאל'ן! איך מיין, יונתן — האָט זי זיך פערכאַפּט, אויב אונזער ברודער וועט איהם טויטען וועלען מיר זיין ביידע גלייכע מזוּתנים...

— ביי אונז איז דאָס א שפּאַס — האָט זיך מיכל אָפּגערופען מיט זאָרג — אָבער דאָרטען, אויף דעם מלחמה פּלאַץ געפינען זיך אונזער ליעבער פאָטער און ברודער... זיי זיינען זיכער זעהר נידערגעשלאָגען... און ווער ווייס צו וועלען מיר טאקע מנצח זיין אונזער שונא... לויט ווי פּלטיאל גיט אונז איבער וואַרפט דאָך אָט דער גלית אָן א פּחד אויף אַלעמען... און אונטער אַזעלכע אומשטענדען וועלען דען אונזערע סאָלדאַטען האָבען געמוג מוטה צו קעמפּפען געגען די פּלשתים?...

ווען שמעי בן גרא האָט זיך דערוואוסט אַז פּלטיאל איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון מלחמה פּלאַץ, איז ער גלייך צוגעקומען, אָבער ווען ער האָט געזעהן אַז מרב שטעהט דערביי האָט ער זיך אָפּגערוקט.

— אָט קומט אָן שמעי! — האָט זיך מרב אָפּגערופען — אפשר וואָלטען מיר איהם אוועקגעשיקט צו קעמפּפען מיט גלית'ן...

— אה, ווען שמעי זאָל דאָס זיין דער העלד, דאַן וועל איך חרטה האָבען אויף מיין אָפּמאַך מיט דיר! — האָט מיכל געזאָגט מיט א שמייכעל — אָבער יעדענפאַלס וואָלט געווען א סך בעסער פאַר אונז ווען איהם פערגלוסט זיך פלוצלונג צו געהן אויף מלחמה...

— עדריאל וואָלט איהם דאָרטען געקענט נאָך אמאָל אָנפּאַטשען — האָט מרב שטילערהייט געזאָגט צו מיכל'ן.

— יע, איך האָב דיר פערגעסען צו פרעגען, האָסטו ביי עדריאל'ן אויסגעפונען די אורזאכע פאַרוואָס ער האָט שמעי'ן געפּאַטשט...

— ניין, איך האָב קיין געלעגענהייט נישט געהאַט מיט איהם צו ריידען וועגען דעם — האָט מרב געזאָגט און איז אוועקגעגאַנגען.

ווי שמעי האָט נאָר דערזעהן אַז מרב איז אוועקגעגאַנגען איז ער גלייך צוגעגאַנגען צו מיכל'ן.

— האָסטו געהערט וועגען גלית'ן? — האָט מיכל איהם א פרעג געטהאָן.

— עס איז טאקע א גרויסער פּערדרוס אַז אַזא ערל ווי דער פּלשתי זאָל אַזוי בעליידיגען אונזער גאַנצען פאָלק און קעניג און קיינער זאָל זיך נישט געפינען צווישען אַזוי פיעל העלדען ווי מיר פערמאָגען און זאָל געהן מיט איהם קעמפּפען.

— פאַרוואָס זאָלסטו זיך נישט אָנבאָטען צו געהן קעמפּפען מיט גלית'ן?

— האָט מיכל מיט אַן איראָנישען שמייכעל געזאָגט.

— עס זיינען דאָך פאַראַן שטאַרקערע פון מיר, און אַז זיי האָבען מורא זיך אַנצופאַנגען מיט דעם פּלשתי, טו וואָס זאָל איך שוין זאָגען!..

— מיר האָט מען אָבער איבערגעגעבען אַז דו האָסט זיך ליעב צו שלאָגען... ווען דוד איז נאָך א פּאַסטוך אין טהאָל געווען האָסטו אויף זיין געצעלט שטיינער געוואָרפען... און דאָ נישט לאַנג, האָב איך געהערט, אַז דו האָסט זיך גאָר צושלאָגען מיט עדריאל'ן פון מחולה...

— איך גיב צו — האָט זיך שמעי אָפּגערופען פערשעהמט — אַז מיט דוד'ן האָב איך זיך בענאַרישט אָבער מיט עדריאל'ן האָב איך זיך נעשלאָגען

ווייל ער האָט מיר בעליידיגט... ער האָט געוואָלט איך זאָל איבעררייִדען מיט מרב'ן וועגען איהם... און איך האָב איהם געזאָגט: "ווי קומסטו גאָר צו טראַכטען וועגען די פּרינצעסין מרב, ביזטו דען אַ קרוב צו דעם קעניג... דו ביזט דאָך גאָר פון אַ פּרעמדען שבט"!... איז ער אויף מיר אין כעס געוואָרען און אויפגעהויבען זיין האַנט אויף מיר... האָב איך איהם גוט מכבד געווען! זאָל ער וויסען ווי אַנצופאַנגען מיט שמעי'ן...

— און איך האָב געהערט — האָט מיכל געשמייכעלט — אַז עדריאל האָט דיר מיט איין פּאַטש צום באָדען געשליידערט...

— איך האָב זיך אויסגעגליטשט אויף עפּעס און אומגעפאַלען — אָבער ער האָט זיך אויך נישט געגאַרט פון מיר...

— ווי איך זעה — האָט מיכל איראָניש געזאָגט — האָסטו זיך אונטער־גענומען צו בעזאָרגען דעם קעניג'ס טעכטער מיט חתנים, פריהער האָסטו פּרו־בירט צו פערשלייערען עדריאל'ן מיט מרב'ן און אַז עס איז ניט געגאַנגען, האָסטו זיך גענומען צו דוד'ן... און ווי איך פערשטעה ביזטו אויך שטאַרק בעזאָרגט וועגען מיר און דו וועסט מסתמא נישט רוהען, ביז וואַנען דו וועסט פאַר מיר איך געפינען וועמען עס איז...

— איך ע, — האָב עס אַלץ געטהאָן צוליעב דיר, ליעבע מיכל, ווייל איך הע... איך האָב דאָך דיר שטאַרק ליעב...

— עס איז שוין צייט, שמעי אַז דו זאָלסט זיך דיזע נאַרישקייטען אַרויס־שלאָגען פון דיין קאָפּ — האָט מיכל שטרענג געזאָגט צו איהם — און אַ חוץ דעם, האָסטו דען נישט געהערט אַז דער פאָטער האָט צוגעזאָגט אָפּצוגעבען מיר צו דעם העלד, וועלכער וועט בעזיעגען גלית'ן...

— דער קעניג האָט דאָך נישט בעשטימט וועלכע טאָכטער און עס איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך אַז ער האָט געמיינט די עלטערע...

— ווי איז אָבער אַז די עלטערע איז שוין צוגעזאָגט געוואָרען צו אַמיצען... דאַן בלייב איך דאָך אַליין און דער זיגער וועט מיר קריגען...

— איך וויים, מיכל, אַז דו טרייבסט שפּאַס מיט מיר! — האָט שמעי געזאָגט — נאָך אַלעמען, גלויב איך, וועט גאָר דיין ברודער יונתן קעמפּפען מיט גלית'ן, ווייל ער איז דער שטאַרקסטער און אין די פריהערדיגע מלחמות מיט די פלשתים האָט אַרויסגעוויזען זיין העלדישקייט...

— דעם איינציגען וועג צו מיין האַרץ, וועסטו געפינען דורך גלית'עס קאָפּ — האָט מיכל אַ שפּאַס געטהאָן מיט איהם — און אויב דו ווילסט מיר פאַר דיינע קריגען, דאַן געה קעמפּפען מיט גלית'ן...

— אָבער... האָט שמעי געזאָגט — ווען איך זאָל זיך געהן שלאָגען מיט דעם ריעזן... דאַן וועל איך דאָך פערלירען, אי מיין אייגען לעבען און אי דיר... גלית איז דאָך זיכער שטאַרקער פאַר מיר און ער וועט מיר גלייך טויטען...

— דעריבער איז מיין עצה צו דיר, אַז דו זאָלסט זיך צוריקקעהרען נאָך בחורים, דאָרטען וועסטו זיין זיכער מיט דיין לעבען, אָבער נישט דאָ...

— וואָס מיינסטו, מיכל? — האָט שמעי אַ דערשראָקענער געפרעגט — פאַרוואָס זאָל איך דאָ נישט זיין זיכער מיט מיין לעבען?...

— פערשטעהסטו, ווען דער העלד, וועלכער וועט בעזיעגען גלית'ן וועט אויסגעפונען, אַז דו ביזט זיין איינציגער קאָנקורענט, וועט ער דיר דען שאַנ־

ווען? דאן וועלען דיר אפילו דיינע שטיינער נישט העלפען — האט מיכל געזאגט און איהם פערלאזען...

שמעי איז געבליבען שטעהן נידערשלאגען און פערצווייפעלט... יעצט זעהט ער אז פון אלע זיינע האפענונגען איז גארנישט געווארען... ער איז דאך שוין געווען אזוי זיכער, אז מיכל ליעבט איהם... דווקא האט דאך עס אליין געהערט פון יונתן'ס מויל... און מיט עטליכע טעג צוריק האט זי דאך ארויסגעצייגט צו איהם אזוי פיעל פריינדליכקייט... וואס זאל עס בעדייטען?... ער קען זיך גארנישט פארשטעלען אז זי זאל איהם גאר קיין מאל נישט האבען געליעבט... ניין, אין דעם איז שולדיג די יעצטיגע מלחמה און איהר פאטער'ס פערשפרעכען צו דעם זיעגער פון גלית'ן... וואס זאל ער יעצט טהאן? קען ער דען פערבלייבען אין דעם קעניגליכען פאלאץ, נאכדעם ווי מיכל האט פון איהם חוזק געמאכט. — ער וועט מוזען פערלאזען דעם פאלאץ און צוריקגעהן נאך בחורים... אבער וואס קען ער ערווארטען אין זיין אייגען שטאדט... זיינע פריינד וועלען זיך יעצט קענען לוסטיג מאכען איבער איהם... ער האט זיי פערטרויט דאס ער וועט הייראטען מיט דעם קעניג'ס איינגערע טאכטער, און יעצט... וואס וועט ער זיי קענען דערצעהלען? אבער פערבלייבען דא איז אויך אונמעגליך... מרב איז אויך שטארק אין כעס אויף איהם... יונתן האט איהם אויך איבערינגס נישט ליעב... מיט עדריאל'ן האט ער זיך צושלאגען... און ווען דער קעניג זאל זיך דערוויסען וואס ער האט געטהאן צו דוד'ן און מרב'ן וועט ער דאך זיכער איהם שיקען אהיים... איז דען נישט בעסער פאר איהם, ער זאל עס אליין טהאן? אזוי האט שמעי געטראכט און זיך נישט געקענט בעשליסען וואס צו טהאן... עס איז איהם זעהר שווער געווען אויפצוגעבען מיכל'ן אפילו אין זיינע געדאנקען... ניין ער וועט נאר ווארטען ביז איבער דער מלחמה. אה, ווען דער זיעגער זאל נאר זיין יונתן און נישט קיין אנדערער... דאן וועט אפשר מיכל נאך געהערען צו איהם... יע, ער וועט פערבלייבען דא ביז דער קעניג און יונתן וועלען אנקומען און דאן וועט ער זעהן...

— —

מיכל האט זיך ארומגעטראגען מיט איהרע געדאנקען וועגען דוד'ן... א, ווען דוד וואלט נאר געווען אויף מלחמה, וואלט ער זיכער זיך אנגעבאטען צו קעמפפען מיט גלית'ן... זי ווייס אז ער איז בראוו, מוטהיג און שטארק... אבער עס איז נאר בלויז א חלום... דוד געפינט זיך יעצט ארום בית לחם... דארטען פיטערט ער רוהיג זיינע שאף און שפיעלט זיסע מעלאדיען אויף זיין הארפע, און ער ווייס נישט אז ביי איהר אין הארצען ברויזט א שטורעם... וואס וועט זי טאקע טהאן אז אימיצער וועט טויטען גלית'ן און מרב וועט נישט וועלען אויפגעבען עדריאל'ן... דאן בלייבט זי דאך אליין איבער פאר יענעם... א שוידער געהט דורך איהר לייב... ניין, זי געהערט צו דוד'ן און דוד געהערט צו איהר... איהר פאטער וועט איהר דאך נישט צווינגען צו הייראטען איינעם געגען איהר ווילען... זי ווייס דאך ווי שטארק ליעב דער פאטער האט איהר. ער וועט איהר נישט וועלען קיין שמערצען פערשאפען...

אזוי האט מיכל געטראכט, געחלום'ט און געפאנטאזירט יעדען טאג, און מיט גרויס אומגעדולד געווארט צו הערען נייעס פון שלאכטפעלד... אין איין

טאג, ווען זי איז געווען אזוי שטארק פערטיעפט אין איהרע געדאנקען, האט זי פלוצלונג אויפגעוואכט פון א טומעל און גערודער וואס איז געקומען פון גאס... זי האט ארויסגעקוקט דורך איהר פענסטער און דערזעהען מענשען לויפען מיט אימפעט... זי איז גלייך ארים פון איהר צימער און גענומען לויפען אין יענער ריכטונג...

— גלית איז טויט! דער זיעג איז אונזערער! האבען שטימען דערגרייכט איהרע אויערען... פון וויימען האט זי דערזעהען פלטיאל'ן און ארום איהם א גרויסער המון פון מענשען... זי איז האסטיג צוגעלאפען, זיך דורכגעשפארט צווישען נייגעריגען און בעגייסטערטען עולם.

ווען פלטיאל האט מיכל'ן דערזעהען איז ער אראפ פון זיין פערד און זיך פאר איהר פערנייגט:

— גלית, דער שטארקסטער און גרעסטער אידישער שונא איז טויט! די פלשתים זיינען זיך צולאפען אין גרויס אומארדנונג... אונזערע מחנות יאגען זיך נאך די צושראקענע פלשתים — האט ער אויסגערופען...

— ווער, א ווער איז עס דער העלד, וועלכער האט גלית'ן געטויטעט?! — האט מיכל שנעל געפרעגט...

— דוד, דער זוהן פון ישי פון בית לחם! — האט פלטיאל געענטפערט.

— דוד, דער זוהן פון ישי פון בית לחם! — האט מיכל אויסגעשריען — גיכער, קום זאג אן מיין מוטער און די איבעריגע!...

— לאנג לעבען זאל דער קעניג שאול!!

— לאנג לעבען זאל דוד דער זוהן פון ישי!!

מיכל האט אבער גארנישט געהערט און געזעהן... זי איז אהן אהן אטעם געלאפען צום פאלאץ און ווען איהר מוטער איז איהר אנטקעגען געקומען, האט זי אויסגעשריען: דוד האט גלית'ן געטויטעט! א, מוטער ווי גליקליך איך בין...

מעהר האט מיכל נישט געדענקט וואס מיט איהר איז פארגעקומען... און ווען זי האט זיך אויפגעכאפט האט זי געטראפען די מוטער און איהר קאמער מיידעל נעבען איהר בעטעל.

— ווי פיהלסטו זיך, מיכל? — האט איהר די מוטער געפרעגט מיט צערטליכקייט...

— אה, איך פיהל זיך זעהר פריש און מונטער — איז מיכל אויפגעשפרונגען פון איהר בעט... וואס? האב איך דאס דען גע'חלום'ט אז דוד האט גלית'ן געטויטעט?...

— ניין, טאכטער מיינע — האט איהר אחינועם געקושט — עס איז נישט קיין חלום, אזוי האט עס טאקע פאסירט! געלויבט איז גאט... אבער דו, מיין קינד, האסט זיך אזוי שטארק אויפגערעגט פון די פרעהליכע נייעס, אז דו ביזט אין חלשות געפאלען און מיר האבען דיר געמוזט לייגען אין בעט... אבער, דאנקען גאט, דער רופא האט געזאגט אז דאס איז נור צוליעב די פרעהליכע איבעררואשונג... און יעצט אז דו ביזט שוין בערוהיגט, טהו זיך אן, מיין טאכטער אין דיינע יום-טוב'דיגע קליידער, און מיר וועלען געהן בעגעגענען דעם פאטער און דוד'ן מיט די גאנצע זיעגרייכע ארמעע... זיי קומען באלד אן!

— יע, מוטער, אָט וועל איך באַלד פאַרטיג ווערען — האָט מיכל אויסגעשרופען א שטראַהלענדע און א פרעהליכע...

באַלד איז אויך אריינגעקומען מרב און אויסגערופען מיט ענטציקונג:

— וואָס זאָגסטו דערצו, מיכל, ווער האָט עס געקענט גלויבען אַז דער האַרפען שפּיעלען זאָל זיין אַזוי העלדיש?...

— מיר האָט אָבער די גאַנצע צייט דאָס הארץ געזאָגט אַז דוד וועט איהם אַרויסרופען צום קאַמפף — האָט מיכל א גליקליכע געזאָגט... אַ, ווי אומגעדולדיג איך בין, איך וואָלט איהם שוין וועלען זעהן...

— מען זאָגט אַז ער טראָגט גלית'עס קאָפּ אויף א שפּיז... און די פרויען זינגען שוין לכבוד דעם יונגען העלד א וואונדער שעהנע ליעד...

— לאָמיר נעמען צימבאַלען און זיך אַנשליסען מיט די איבעריגע פרויען — האָט מיכל אויסגערופען — און איז צוזאַמען מיט איהר מוטער, שוועסטער און די איבעריגע געגאַנגען מקבל פנים זיין דעם יונגען העלד און איהר פאָטער...

שאול איז געווען אַזוי בעגייסטערט פון דעם ליעד וואָס די פרויען איז גבעה האָבען נאָכהער אָנגעהויבען זינגען, וואו נאָר ער אַליין ווערט געבענשט און געלויבט, אַז ער האָט נישט באַמערקט דאָס זיין אייגענע פרוי מיט זיינע צוויי טעכטער געפינען זיך צווישען די אַלע פרעהליכע לוסטיגע פרויען זינגערינס.

אבנר איז געזעסען אויף זיין פערד און בעטראַכט דעם איינדרוק וואָס זיין "איינפאַל" האָט געמאַכט אויף שאול'ן... א ווייל פריהער איז ער געווען אומעטיג און טרויעריג, ער איז געווען זעהר אויפגערעגט און אין כעס... יעצט איז ער פרעהליך און מונטער, זיין כעס איז אין גאַנצען פון איהם פערשוואונדען... ער איז געווען שטאָלץ וואָס איהם איז געלונגען צו פאַרמיידען אזא אונאַנגענעהמע לאַגע, וואָס דער קעניג האָט געוואָלט אַרויפצווינגען אויף אַלעמען דורך זיין כעס און צאָרן.

יונתן אָבער, האָט שטאַרק פאַרדראָסען די גאַנצע געשיכטע. זיין פאָטער מוז יעצט ווידער זיין נישט מיט אַלעמען, אויב ער האָט געקענט זיין אייפערזיכטיג אויף דעם גרעסטען אידישען העלד, וועלכער האָט געראַטעוועט דאָס גאַנצע פאָלק פון שאַנדע און פיעלייכט אויך פון אונטערגאַנג. ער האָט באַמערקט ווי אבנר האָט זיך געסוד'עט מיט עדריאל'ן, און באַלד נאָכדעם האָבען די פרויען אויפגעהערט צו זינגען דאָס ליעד פון דוד'ס נצחון איבער גלית'ן, און אַנשטאָט דעם אָנגעפאַנגען צו זינגען דאָס אַלטע ליעד פון זיין פאָטער'ס נצחון איבער די עמלקים... און יעצט איז זיין פאָטער צופרידען... יעצט איז ער בערוהיגט און זיין שמייכעל אויף זיינע ליפּען האָט זיך צוריק באַוויזען.

פּלוצלינג האָט ער באַמערקט ווי זיין שוועסטער מיכל שטופּט זיך דורך די רייהען פון די פרויען, צימבאַלען אין איהר הענט, און זי שרייט אויס:

— און יעצט לאמיר ווידער זינגען דאס ליעד פון דוד'ס זיעג !

"פון בית לחם איז ער געקומען,
דער בראווער דוד, יונג און שעהן ! . . .
ער האט קיין שווערד, קיין שפיעז גענומען . . .
באזיעגט האט ער גלית'ן מיט'ן שטיין . . ."

— — — — — — — — — — — — —

אלע פרויען האבען זיך אנגעשלאסען אין כאר וואס מיכל, די פרינצעסין,

(א רעפראדוקציע פון אן אֵיל בילד פון דעם בעריהמטען מאלער מארק ס. יאפפע, מיט א ספעציעלע פריינדליכע ערלויבניס פון דעם מאלער).

דוד האט אנגעפאנגען צו שפיעלען א בעצויבערנדע מעלאדיע, פול מיט בענקשאפט און טרויערייען... מיכל איז געזעסען אויף די קניע, איהר לינקע האנד אנגעשפארט אויף די זאפא וואו שאול איז געלעגען. זי האט זיך צוגעהערט צו דוד'ס שפיעלען... זי האט איהרע אויגען פון איהם נישט ארונטערגענומען... שאול איז געלעגען אויף דער זאפא, אין זיין רעכטע האנד האט ער געהאלטען זיין שפיעז... מיט זיין לינקע האנד האט ער געגלעט זיין בארד... א בייזע מחשבה איז אריין אין שאול'ס מוח... ער האט נערוועאיש געצופט זיין בארד... זיינע אויגען האבען אויסגעקוקט טריעב און בייז... "איך וועל א שליידער טהאן דעם שפיעז און דורכלעכערען זיין הארץ ביז'ן וואנט..."

האט יעצט אנגעפיהרט און דאס ליעד לכבוד דוד'ן איז ווידער געזונגען געווארען מיט גרויס התלהבות און פרייד . . .

ישי שיקט דורך דוד'ן שפּייז פאַר זיינע זיהן וועלכע געפינען זיך
אויפ'ן שלאַכטפעלד אין קאַמף מיט די פלשתים.

דוד וועלכער האט גערימען אויף זיין פערד נעבען דער רעכטער האנט פון קעניג, האלטענדיג גלית'עס קאפ אויפגעהויבען אויף א שפיעז, האט גלייך באמערקט מיכל'ן... זיין בלוט האט איהם א זעץ געטהאן אין פנים... אט זעהט ער די, וועלכע ער ליעבט אזוי פיעל, פון וועלכען ער האט זיך שוין געהאט מיאש געווען... איהרע אויגען שטראהלען פון פרייד, איהר פנים לייכט פון גליק!... זי הייסט די פרויען ווידער אנפאנגען צו זינגען דאס ליעד וואס קרוינט איהם אלס דעם גרעסטען העלד... דוד'ס בליקען באגעגנען זיך מיט מיכל'ס... זיין הארץ האט גענומען קלאפען שטארקער... מיכל איז זיינע! מיכל וועט געהערען צו איהם... א פרייד האט זיך צוגאסען איבער אלע זיינע גליעדער... גאט האט איהם באגליקט... ער האט זיינע תפלות אנגענומען... ער האט זיין טיעפען צער געזעהן און איהם יעצט מיט הימעלשען גליק בעשאנקען... העכער און שעהנער קלינגט מיכל'ס שטימע פון אלע יונגע פרויען... אן אנגענעהמע זיסקייט געהט דורך זיין קערפער ווען ער הערט מיכל'ס שטימע בעגלייטענדיג מיט די צימבא־לען פון איהרע הענט, זינגט:

לאמיר זינגען, לאמיר שאלען,
א ליעב־געזאנג צום יונגען העלד . . .
אונזער שונא איז געפאלען,
געלויבט איז דער בורא פון דער וועלט! . . .

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— מיכל! — האט שאול אויסגעשריען און אראפגענידערט פון זיין פערד.

מיכל איז באלד צוגעלאפען צו איהר פאטער און איהם גענומען האלזען און קושען.

— מיין ליעבער פאטער! — האט זי געזאגט, — איך בין די גליקליכסטע אין דער וועלט. אונזערע ארמייען האבען דעם שונא בעזיעגט... גאט האט אונז א ישועה געשיקט.

אין זעלבען אויגענבליק איז די קעניגין אחינועם, מיט מרב'ן און שאול'ס דריי אינגערע זיהן צוגעגאנגען צו שאול'ן און זיך מיט איהם צוקושט.

מיכל האט אויך ארומגענומען איהר ברודער יונתן און איהם געקושט... נאכהער האט זי איהרע אויגען געווענדעט צו דוד'ן און איהם מיט א גליקליכען שמייכעל בעגריסט... און אך, ווי שטארק געוואונשען האט איצט דוד צו זיין אויף יונתן'ס פלאץ... זי זאל איהם קענען קושען אונגעשטערט און אומפארשעהמט ווי אן אייגענעם ברודער...

שאול, וועמענס כעס האט אויף א ווילע ווידער אנגעפאנגען אויפצו־ברויזען, נאכדעם ווי מיכל האט באנייט צו זינגען דאס ליעד וואס איהם אזוי פיעל געערגערט, האט יעצט, ווען ער האט דערזעהן זיין פאמיליע צוריק־געקראגען זיין מונטערען פנים... ער האט געקושט זיין פרוי, זיינע צוויי טעכ־טער און זיינע אינגערע זיהן...

די מוזיק האָט אָנגעהויבען שפּיעלען. דער עולם האָט זיך נאָך מעהר צו־וואַרעמט און די לופט איז אָנגעפּילט געוואָרען מיט די הילכיגע געשרייען:

— הורראַ פאַר דעם קעניג שאול!

— הורראַ פאַר די קעניגין אחינועם!

— הורראַ פאַר דעם יונגען העלד דוד!...

ביסלעכווייז האָט זיך דער המון איינגעשטילט. יעדער האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט צו הערען עטליכע ווערטער פון קעניג, אָבער שאול האָט געלאָזט וויסען אבנר'ן אַז ער איז יעצט נישט אימשטאַנד עפּעס צו זאָגען, ער איז זעהר מיעד און וויל וואָס שנעלער אוועקרייטען צום פּאַלאַץ.

אבנר האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— אין נאָמען פון אונזער ווירדיגען קעניג וויל איך אייך אַלעמען בעדאַנ־קען פאַר די גרויסע בעגייסטערונג וואָס איהר, די איינוואָהנער פון גבעה, האָט ארויסגעוויזען צו דעם קעניג און צו זיין זיעגרייכע אַרמיי. זאָל גאָט געבען אַז מיר זאָלען מנצח זיין אַלע אונזערע שונאים... זינט גאָט האָט אונזער קעניג גע־זאַלבט, האָט ער אויף איהם אַרויפגעטהאָן דעם רוח פון גבורה, און אַלע מלחמות וואָס אונזער קעניג האָט געפיהרט מיט אונזערע פיינד, איז ער אַרויסגעקומען זיעגרייך... לאָמיר אַלע דאַנקען דעם באַשעפער פון דער וועלט פאַר זיין חסד וואָס ער טהוט מיט זיין פאָלק ישראל, און זאָל דער וואָס זיצט אין די הימלען באַפעסטיגען די מלוכה פון אונזער קעניג שאול ביז עוויג...

— לאַנג לעבען זאָל אונזער גרויסער מעכטיגער קעניג שאול! — האָבען צעהנדליגע טויזענדע שטימען געדונערט.

ווען דאָס פאָלק האָט זיך ווידער איינגעשטילט האָט אבנר פאָרטגעזעצט:

— דער קעניג פיהלט זיך יעצט עטוואָס מיעד און ער נויטיגט זיך שטאַרק אין באַלדיגע רוהיגקייט, און דעריבער איז עס אונמעגליך פאַר דעם קעניג צו פאַרלייננגערען דעם פּאַראַד, און יעדער פון אייך איז העפליך געבעטען צו געהן אַהיים און אין אַ קורצע צייט שפּעטער וועט דער קעניג ערקלעהרען פייער־טאָג לכבוד אונזער גלענצענדער זיעג איבער די פלשתים...

ווידער האָבען די שטימען געדונערט, און די געשרייען און שאַלען פון פרייד האָבען זיך נאָך פערשטאַרקט...

פיעלע זיינען אָבער נישט געווען צופרידען מיט אבנר'ס ערקלעהרונג; זיין נישט דערמאָהנען דוד'ס נאָמען האָט זיי אויפגערייצט... זיי האָבען אין דעם געזעהן אַ בעליידיגונג פאַר זייער יונגען העלד, וועמען זיי האָבען אַזוי שטאַרק פאַרגעטערט און איינינגע האָבען אויסגעשריען:

— לאַנג לעבען זאָל דער יונגער דוד, דער שמשון הגבור פון אונזער צייט...

און ווי דורך אַ כישוף איז דער נאָמען דוד ווידער געלעגען אויף אַלעמענס ליפּען. אַלעמענס בליקען זיינען געווענדעט געוואָרען אויף דוד'ן וועלכער איז געזעסען אויף זיין פערד און בעשיידען אַרונטערגעלאָזען זיינע אויגען... יעדער האָט געוואָלט בלויז געבען נאָך איין בליק אויף דעם וואונדערשעהנעם העלד, איידער מען געהט אַהיים און מיט אַמאָל האָבען טויזענדע שטימען גענומען ווידער זינגען:

„אָבער דוד האָט פאַרטיליגט,
צעהנדליגע טויזענדע מיט זיין האַנד,

ער האט גאט'ס נאמען געהייליגט,
און בעפרייט פון פיינד אונזער לאנד!"

שאול און זיינע נאכפאלגער האבען זיך דערנעהנטערט צום פאלאץ און דער עולם איז זיך ביסלעכווייז צוגאנגען.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

אין דער צייט ווען אין פאלאץ האט מען זיך געגרייט פאר א גרויסארטיגען מאלצייט, איז שאול געלעגען אויף זיין זאפע, זיין קאפ אנגעשפארט אויף די זיידענע קישעלעך וואס מרב און מיכל האבען אויסגענעהט. זיין פאמיליע איז אויך געווען אין זיין צימער. יונתן האט פאר אלעמען דערצעהלט ווי אזוי די מלחמה איז צוגעגאנגען... ווי אזוי גלית האט געשימפפט און געזידעלט גאנץ ישראל... און נאכהער איז אנגעקומען דוד, דער הארפען־שפיעלער, גערעטעט דעם כבוד פון ישראל און געטויטעט דעם ריעז, נעהמענדיג ראכע פון דעם גאנצען פלשתים פאלק...

מיכל האט זיך איינגעהערט צו איהר ברודער'ס ערצעהלען און טרעהרען פון פרייד האבען זיך באוויזען אין איהרע אויגען... ווי דאנקבאר זי איז צו יונתן פארוואס ער דערצעהלט וועגען דוד'ן מיט אזוי פיעל ווארעמקייט און התפעלות... זי דערקענט אין איהר פאטער'ס פנים אז גראדע יעצט, ווען דוד האט געלייסטעט אזא אונגעהייער גרויסע דיענסט צום פאלק און מלוכה, איז ער צו איהם אפגע־קיהלט געווארען... זאל עס זיין ווייל ער איז מיעד ?!... אדער פיעלייכט פיהלט ער נישט גוט!...

— מוטער, — האט זיך מיכל פלוצלינג אפגערופען צו דער קעניגין, — דער פאטער שיינט צו זיין מיעד... איך גלויב אז מיר זאלען יעצט אלע ארויס פון צימער און לאזען איהם א דרעמעל טהאן און ווען ער וועט זיך אויסבאפען וועט אלעם זיין געגרייט צום מאלצייט...

— גלויבסטו נישט אז מיכל איז גערעכט ? — האט זיך אחינועם אפגע־רופען צו שאול'ן — דו מוזט זיך עטוואס אפרוהען און נאכהער וועלען מיר אלע פארברייינגען.

— יא, איך בין עטוואס מיעד און שלעפעריג, — האט שאול זיך אפגע־רופען, — אבער איך בעט אייך איהר זאלט מיך לאנג נישט לאזען שלאפען, ווייל איהר מוזט דאך אלע הונגעריג זיין.

— מיר זיינען נאך נישט הונגעריג, — האט די קעניגין געענטפערט, — מיר וועלען קענעןווארטען ביז וואנען דו וועסט אליין אויפשטעהן.

אלע זיינען ארויס פון שאול'ס צימער און גלייך טאקע איז שאול ארייג־געפאלען אין א טיעפען שלאף.

* * *

מיכל איז ארויס אין גארטען, זי האט געזוכט א געלעגענהייט זיך צו טרעפען מיט דוד'ן און הערצליך בעדאנקען איהם פאר זיין בראווקייט און העל־דישקייט. זי האט אבער דארטען געטראפען מרב'ן און עדריאל'ן. זי האט זיך געוואלט צוריקציהען, אבער מרב האט איהר צוגערופען.

— מיכל, — האט זי זיך צו איהר אפּגערופען, — איך גלויב אז דו דארפסט זיין העכסט צופרידען מיט דעם אַפּמאַך וואס מיר האבען אפּגעמאכט, איידער מיר האבען געוואוסט ווער עס וועט קעמפּפען מיט גלית'ן...

מיכל איז רויט געוואָרען, און עדריאל האט זיך אפּגערופען:

— אפשר שטער איך אייך ביידען, וועל איך זיך צוריקציהען.

— צה, ניין, עדריאל, — האט זיך מרב אפּגערופען, — דו מעגסט דא בלייבען, ווייל מיין שוועסטער וויס שוין פון אלעם...

— מעג איך אייך ביידען ווינשען גליק? — האט זיך מיכל אפּגערופען מיט א שמייכעל.

עדריאל האט זיך פערנייגט און מיכל'ן בעדאנקט...

— דערווייל וויס נאך קיינער, א חוץ דיר, און ביז וואנען די צייט וועט קומען דאס איך וועל אליין קענען אלעמען וועגען דעם דערצעהלען, בעט איך דיך, מיכל, עס זאל בלייבען א סוד... איך װארט פאר א געלעגענהייט ווען איך זאל קענען ריידען מיט'ן פאטער וועגען דעם און קריגען זיין הסכמה...

— איך האף, אז ווען דער פאטער וועט זיך עטוואס אויסרוהען, וועט ער זיין אין א בעסערער שטימונג, — האט זיך מיכל אפּגערופען, — ער האט זעהר שלעכט אויסגעקוקט ווען ער איז אנגעקומען אין גבעה... און דעם אמת זאגענדיג האב איך זיך געשראקען טאמער איז צו איהם צוריקגעקומען זיין פריהערדיגע מרה שחורה... קענסטו אונז, עדריאל, פיעלייכט זאגען, וואס די אורזאכע איז אז אונזער פאטער איז פּלוצים אזוי אומעטיג געווארען...

— עס איז זעהר שווער צו זאגען, — האט זיך עדריאל אפּגערופען, — דעם גאנצען וועג איז דער קעניג געווען פרעהליך און מונטער, אבער ווען די פרויען זיינען ארויסגעגאנגען באגריסען אונז צו דעם גרויסען זיעג, האבען אייניגע געזונגען א ליעד פון נצחון, געבענדיג דוד'ן צעהנדליגע טויזענדע טויטע שונאים און דעם קעניג בלויז טויזענדע... דאס, ווייזט אויס האט דעם קעניג זעהר פאַרדראָסען. ער האט זיך שטארק צום הארצען גענומען, און האט זאגאר באפוילען צוצוטרייבען די פרויען וועלכע האבען יענע ליעד געזונגען... אבער האט פארשטאנען די ערנסטקייט פון דער לאגע און האט מיך גלייך צוגעשיקט צו די פיהרערין איך זאל איהר בעטען זי זאל זינגען דאס ליעד לכבוד דעם קעניג...

— עס איז טאקע געווען א חוצפה פון די פרויען, — האט מרב אויסגערופען, — אזוי צו בעליידיגען דעם קעניג, געבענדיג איהם בלויז טויזענדע אין דער צייט וואס דוד'ן האבען זיי געגעבען צעהן טויזענדע... האבען זיי שוין פארגעסען די מלחמות מיט עמון, עמלק, און די פריהערדיגע זיעגרייכע מלחמות וואס אונזער פאטער האט געפיהרט געגען די פּלשתים?...

— איך גלויב נישט, — האט מיכל געזאגט, — אז די פרויען האבען מיט זייער ליעד געהאט א בייזע כוונה... די שמחה אז דוד האט בעזיעגט גלית'ן איז אזוי גרוים, אז אלע זיינען ווי פאר'שכור'ט געווארען... און איך אליין, ווען איך האב דאס ליעד געהערט זינגענדיג, בין איך מיט אלעמען מיטגעריסען געווארען, און ווען איך האב דערזעהן ווי דוד האלט גלית'עס קאפּ אויף זיין שפּיעז, בין איך אזוי בעגייסטערט געווארען, אז איך אליין האב אנגעפאנגען צו זינגען דאס ליעד... און איך גלויב, אזוי ווי איך האב דערמיט נישט געמיינט אנצוריהרען דעם פאטער'ס כבוד, אזוי האט קיינער נישט געהאט קיין שלעכטע כוונה דערמיט.

מיכל האט זיי איבערגעלאזען און זי איז צוריק אריין אין פאלאץ; דארט האט זי געטראפען יונת'ן ריידענדיג מיט דוד'ן...

ווען דוד האט מיכל'ן דערזעהן האט ער זיך באלד פארנייגט.

— איך בין זעהר גליקליך צו האבען די געלעגענהייט דיך צו באגריסען צו דיין וואונדערבארען זיעג!... — האט זיך מיכל אפגערופען און איהר פנים האט געפלאמט. — איך בין זיכער אז מיין פאטער און דאס גאנצע פאלק וועט וויסען ווי געהעריג אפצושאצען דיין העלדישקייט און מוטה.

— דער זיעג איז צו גאט, — האט דוד בעשיידען געענטפערט. — ווען אימי־צער אנדערש וואלט געגאנגען קעמפפען מיט דעם פלשתי, וואלט גאט דורך יענעם די ישועה געשיקט.

— אבער אין גאנץ ארץ ישראל האט נאך קיינער אזוי פיעל מוטה און בראווקייט באוויזען ווי דו, — האט מיכל געזאגט מיט א שמייכעל.

— דו האסט געזאלט זעהן, מיין שוועסטער, — האט יונתן צו איהר גע־זאגט, — ווי אלע האבען געשפאט און געלאכט פון דוד'ן ווען ער האט זיך אונ־טערגענומען צו קעמפפען מיט גלית'ן... און ווען דוד האט דעם פלשתי ארויס־גערופען צום קאמפף, שימפפענדיג און זידלענדיג איהם צוריק, האט אלעמען א גרויס שרעק אנגענומען... פיעלע האבען איהם זעהר ענטמוטיגט, אבער דוד האט געהאט גענוג מוטה און העלדישקייט און גענומען דעם שריט...

— און מיר האט עפעס ווי דאס הארץ געזאגט, אז דוד וועט זיין דער יעניגער וועלכער וועט קעמפפען און בעזיעגען גלית'ן, — האט מיכל זיך אפגערופען צו יונתן אין דער שטיל...

דוד האט עס אבער געהערט און האט זיך זעהר גליקליך געפיהלט וואס מיכל האט פון איהם די גאנצע צייט געטראכט.

— דער קעניג איז וואך! דער קעניג איז אויפגעשטאנען! — האט מען אין פאלאץ אלעמען געלאזט וויסען. די טישען זיינען שוין געווען געגרייט... מען האט געווארט אויף שאול'ס אנקומען. ווי נאר דער קעניג האט פארנומען זיין פלאץ, אזוי האבען אלע פארנומען זייערע פלעצער.

דוד איז געזעסען נעבען יונתן. עדריאל, שמעי און פלטיאל זיינען געזעסען אויף זייערע פלעצער.

שאול האט זיך יעצט געפיהלט פרישער און מונטערער, ער האט זיך גוט אויסגערוהט און ער אליין האט די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט צו ריידען פון דוד'ס העלדישקייט...

— איך האב אימערצו ערווארטעט פון דוד'ן אויסערגעוועהנליכע פעהיג־קייטען צו וואס ער זאל זיך נישט נעמען! — האט זיך די קעניגען אפגערופען — גאט האט איהם בעגאבט מיט פיעלע מעלות... ער איז זיכער א שטאלץ צו דער מוטער וועלכע האט איהם געבוירען...

— נו, יעצט וועט ער דאך שוין געהערען צו אונזער פאמיליע — האט שאול געזאגט. — איך האב צוגעזאגט איינע פון מיינע טעכטער צו דעם זיעגער איבער גלית'ן... און איך וועל האלטען ווארט... איך וועל מרב'ן איהם אפגעבען פאר זיין פרוי...

דעם קעני'ס לעצטע ווערטער האט זיך זעהר שלעכט אפגערופען אויף פיער פערזאנען וועלכע זיינען געזעסען ביים טיש... דוד האט זיינע אויגען ארונ־

טערגעלאזען און נישט געוואגט צו קוקען אויף דעם קעניג אדער זאגען עפעס. מרב און מיכל זיינען רויט געווארען און עדריאל'ן האט אנגעהויבען צו שווינדלען אין די אויגען... זאל עס זיין אז פון זיין גליקליכען חלום זאל זיך גארנישט אויסלאזען... די זעלבע געדאנקען האבען די איבעריגע געהאט, יעדען פון זיי איז טרויעריג געווארען אויף'ן הארצען און יעדער האט זיך שטארק בעמיהט עס נישט ארויסצוצייגען.

שמעי בן גרא איז געווען דער איינציגער וועלכער האט זיך געפיהלט גליקליך פון דעם קעניג'ס לעצטע ווערטער. ווי באלד אז מרב וועט הייראטען דוד'ן ווערט דאך מיכל ווידער פריי... און דאן איז דאך מעגליך אז זי זאל ווערען זיינע... עס קען נאך זיין אז דער קעניג וועט טאקע ווינשען ער זאל חתונה האבען מיט מיכל'ן... אבי ער האט שוין געגלויבט אז אלעס איז פערלארען... שמעי'ס פנים האט גענומען לייכטען פון גליק: ער האט די אויגען פון מיכל'ן נישט ארונטערגענומען...

מיכל האט געפיהלט זיינע דורכדרינגענדע בליקען און עס האט איהר זעהר אונאנגענעהם געמאכט...

— זאג מיר דוד, — האט זיך שאול צו איהם אפגערופען — ווי אזוי האסטו זיך אויסגעלערענט צו ווארפען פינקטליך אין ציעל? איך האב דאך נאר נישט געוואוסט אז דו בעזיצסט אזא קראפט...

— איך גלויב אז יעצט איז געקומען די צייט, דיר צו דערצעהלען, פאטער וואס האט פאסירט מיט עטליכע יאהר צוריק — האט יונתן געזאגט — זיי געדענקסט דאך אודאי, ווען מיכל איז פערפאלען געווארען דעם גאנצען טאג און איך און שמעי זיינען איהר אוועק זוכען... דורך א צופאל איז מיכל מיט איהר פריינדין מרים, פלטיאל'ס שוועסטער געגאנגען שפאצירען אויף איינע פון די בערג... צו זייערע אויערען האט דערגרייכט וואונדער שעהנע מוזיק וואס איז געקומען פון טהאל... און כאטש ביידע האבען נישט געוואוסט און נישט געזעהן ווער דער שפיעלער איז, האט זיי די מוזיק אזוי בעצויבערט, אז זיי פלעגען ארויפקומען זעהר אפט אויף'ן בארג און זיך צו הערען צו דעם שפיעלען פון אונטען... און ווען מרים האט קיין מעגליכקייט נישט געהאט מיטצוגעהן פלעגט מיכל דארטען אליין קומען... און איין מאל ווען מיכל איז אזוי געלעגען אויף'ן גראז און זיך צוגעהערט צו די מוזיק פון טהאל האט זיך צו איהר דערנעהענטערט א פלשתי. ער האט אויסגעקוקט געזונט און שטארק ווי א ריעז... ווען מיכל האט איהם דערזעהן האט זי גענומען לויפען און שרייען. דער פלשתי האט זיך נאכגעיאגט נאך איהר און וואלט איהר שוין דערגרייכט... אבער פלוצלינג איז ער געפאלען טויט פון א שטיין וואס האט איהם געטראפען אין קאפ... און מיכל איז געראטעוועט געווארען פון א זיכערען טויט... איך האב דעמזעלבען טאג דעם טויטען פלשתי געזעהן.

— מיין ארימע מיכל! — האט אחינועם אויסגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען — און איך האב דערפון גארנישט געוואוסט.

— און ווער איז דאס געווען דער יעניגער וועלכער האט איהר פון זיכערן טויט געראטעוועט? — האט שאול א פרעג געטהאן.

— דאס איז געווען דער זעלבער וועלכער האט צום טויט געשלאגען גלית דעם פלשתי! — האט יונתן געענטפערט...

— האסטו הייסט עס גערעטעט מיין טאכטער ! — האט זיך דער קעניג אפגערופען צו דוד'ן — דערצעהל דאך מיר ווי אזוי איז עס פארגעקומען...

דוד האט דערצעהלט אלע איינצעלהייטען ווי אזוי ער האט געהערט קולות פון א פרוי, און ווען ער האט ארויפגעקלעטערט דעם בארג האט ער דער פרוי'ס פנים נישט בעמערקט אבער ער האט דערזעהן ווי דער פלשתי דערגרייכט איהר שוין... און ער האט זיך געציעלעוועט און איהם געטויטעט... די פרוי איז אבער אנטלאפען געווארען און ער האט נישט געוואוסט ווער זי איז... ביז וואנען יונתן איז געקומען און פון איהם האט ער אויסגעפונען אז דאס איז געווען זיין שוועסטער...

מיכל האט גאנץ גוט פערשטאנען פארוואס איהר געטרייער ברודער האט אויסגעקליבען יעצטיגע צייט צו דערצעהלען די זאנדערבארע פאסירונג מיט איהר, יעצט אז דער פאטער האט זיך ארויסגערעדט אז ער וועט אפגעבען מרב'ן צו דוד'ן, יעצט איז טאקע פאסיג צו דערצעהלען אז מיכל איז געווען די וועמען דוד האט גערעטעט, און דעריבער איז ער מעהר בערעכטיגט צו איהר ווי צו מרב'ן...

שאול האט אבער דערפון נישט געטראכט, ער איז געווען העכסט צופריע־דען צו וויסען אז דוד האט זיין טאכטער גערעטעט פון א זיכערען טויט, און ער האט אויך געבעטען מיכל'ן צו דערצעהלען אלע איינצעלהייטען...

ווען מיכל האט געענדיגט דערצעהלען, האט זיך איהר מוטער אפגערופען:

— יעצט איז דוד נאך העכער געשטיגען אין מיינע אויגען... איך האב דאך איהם צו פארדאנקען וואס מיין ליעבע מיכל איז יעצט מיט אונז... בלויז איין טריט איז געווען צווישען איהר און דעם טויט...

נאד'ן מאלצייט איז דער קעניג אריינגעקומען אין דעם גרויסען ליכטיגען צימער וואס קוקט ארויס צום מערב. דארטען האט ער ליעב געהאט צו ליעגען יעדען אבענד און בעאבאכטען דורך די פענסטער דעם זונענאונטערגאנג.

א היבשע ווייל איז ער אזוי געלעזען און ארויסגעקוקט דורך'ן פענסטער... דער בלויער קריסטאל קלאהרער הימעל איז רויט געווארען פון דער זון וואס איז געווען ווי א רויט פייערדיגער קוגעל, און וואס האט זיך שוין גאנץ ווייט א רוק געטהאן צום מערב... שאול איז געלעגען אויף דער זאפא און בעטראכט די וואונדערשעהנע נאטור... ער האט פלוצלונג דערפיהלט א שטארקע נייגונג צו די מעלאדיען פון דוד'ס הארפע... און ווען מיכל איז פאמעלאך פערביי גע־גאנגען, האט איהר שאול צוגערופען:

— מיכל — האט ער צו איהר געזאגט — געה זאג דוד'ן ער זאל נעהמען די הארפע און אריינקומען צו מיר... איך וויל ער זאל עפעס שפיעלען פאר מיר...

— גוט ליעבער פאטער — האט איהם מיכל א קוש געטהאן, און צורעכט געמאכט די קישעלע אונטער זיין קאפ — וועסטו נישט האבען דאגעגען פא־טער, אז איך וועל זיך אויך צוהערען צו דוד'ס שפיעלען...

— יע, מיין טאכטער, דו קענסט זיך אויך צוהערען צו זיין שפיעלען — האט דער קעניג געזאגט.

מיכל איז ארויסגעגאנגען פון צימער און איבערגעגעבען דוד'ן איהר פאר־טער'ס פערלאנג, און איז צוריק אריין אין צימער וואו איהר פאטער איז געווען.

באלד איז אריינגעקומען דוד מיט דער הארפע; ער האט זיך פערנייגט פאר'ן קעניג און געפרעגט וואס ער זאל שפיעלען.

— שפיעל עפעס א זאך וואס זאל הארמאנירען מיט דעם יעצטיגען פראכט־פולען זונען אונטערגאנג — האט איהם שאול געזאגט.

דוד האט אנגעפאנגען שפיעלען א בעצויבערנדע מעלאדיע, פול מיט בענק־שאפט און טרוימעריען... ער האט אויף דער הארפע יעצט אויסגעגאסען אלע זיינע געפיהלען...

מיכל איז געזעסען אויף די קניע. איהר לינקע האנט אנגעשפארט אויף דער זאפא וואו שאול איז געלעגען. זי האט זיך צוגעהערט צו דוד'ס שפיעלען... זי האט איהרע אויגען פון איהם נישט ארונטערגענומען.. די הארפע האט צו איהר גערעדט... און זי האט פערשטאנען איהר שפראך...

די לעצטע זונען־שטראהלען וועלכע האבען אריינגעדרונגען דורך'ן פענסטער זיינען געפאלען אויף מיכל'ן וועלכע האט געטראגען א ווייסע זיידענע קלייד... זי האט יעצט אויסגעזעהן ווי א מלאך...

דוד האט פון צייט צו צייט געווארפען א בליק אויף איהר... דאן האבען זיך זייערע בליקען בעגעגענט... און די טענער פון דער הארפע זיינען נאך מעהר הארציגער געווארען, זיי האבען צו איהר גערעדט מיט אזוי פיעל צערטליכקייט און זיסקייט...

שאול איז געלעגען אויף דער זאפא אין זיין רעכטע האנט האט ער געהאל־טען זיין שפיעז. מיט זיין לינקע האנט האט ער געגלעט זיין בארד... ער האט אויך געקוקט אויף דוד'ן. אבער זיינע געדאנקען האבען גענומען וואנדערען אין אנ־דערע ריכטונגען... ער האט זיך פלוצלונג דערמאהנט אז דעם ליעד וואס די פרויען האבען געזונגען לכבוד דוד'ן... יע, דאס גאנצע פאלק האט איהם יעצט ליעב בעקומען... שאול האט געשלאגען טויזענדע און דוד צעהן טויזענדע! נאכהער איז איהם אויך געקומען אויף'ן געדאנק שמואל'ס ווערטער: "גאט וועט פון דיר אוועקרייסען דיין קעניגרייך און זי אבגעבען צו איינעם וועלכער איז בעסער פון דיר... ער איז זיכער אז דאס האט דער נביא געמיינט דוד'ן... ער, דער הארפענשפיעלער וועט ירשנ'ען זיין קרוין, דער פרעמדער, פון א פרעמדען שבט. וועט ווערען קעניג!... זיין קאפ האט איהם אנגעהויבען שווינדלען... ער בע־טראכט דוד'ן נאך אמאל... דער יונגער העלד ער שטעהט דאך אזוי אומשולדיג און שפיעלט... אבער ווער ווייס צו טראכט ער נישט וועגען ירשנ'ען דעם קרוין...

א בייזע מחשבה איז אריין אין שאול'ס מוח... ער האלט דעם שפיעז אין זיין האנט... זאל ער איהם נאר א שליידער טהאן אויף דוד'ן און דורכלעכערען זיין הארץ און פטור ווערען פון זיין גרעסטען שונא... דער געדאנק האט דעם קעניג נישט צו רוה געלאזען... ער האט נערוויייזיש געצופט זיין בארד... זיינע אויגען האבען אויסגעקוקט טריעב און בייז... "איך וועל א שליידער טהאן דעם שפיעז און דורכלעכערען זיין הארץ ביז'ן וואנט"...

דוד האט געשפּיעלט... די סטרונעס האבען וויברירט די לופט פון צימער איז אנגעפילט געווארען מיט שעהנע ערהאבענע מעלאדיען...

און וואס שטארקער דוד׳ס שפּיעלען איז געווען אלץ מעהר האט דער שרעקליכער געדאנק געעגבערט דעם קעניג׳ס מוח.. אין זיינע אויגען האט זיך דער טויט אפּגעשפּיגעלט... יע, דורכלעכערען דוד׳ס הארץ מיט דעם שפּיעז... און פּטור ווערען פון א שונא...

מיכל האט געקוקט אויף איהם מיט אזעלכע צערטליכע אויגען. זי זעהט איהם, דעם שעהנעם העלד. די שכינה רוהט אויף איהם זיינע מילדע פער׳חלומ׳־טע אויגען, זיינע לאנגע געקרייזעלטע האר... ווי קינסטליך זיינע פינגער פליהען איבער די סטרונעס... און אט זעהט זי אין איהם דעם שמשון הגבור פון וועמען זי האט נאך אלס קינד אזוי פיעל געטרוימט... ער איז דאך אזוי בראוו און העלדיש ער איז אזוי פלינק און געשיקט... ער האט דעם גרעסטען פלשתים ריעז געטויטעט... און גאנץ ישראל מיט איהר פאטער׳ס קרוין גערעטעט... ער איז דער גרעסטער העלד פון אלע שבטים... אה ווי זיס און אנגענעהם זיין שפּיעלען איז... טרעהרען בעווייזען זיך אין איהרע אויגען... די לעצטע זונען־שטראהלען פערוואנדלען איהרע טרעהרען אין פּערעל...

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

דוד האט בעמערקט מיכל׳ס טרעהרען... ער האט איהר אזוי גוט פער־שטאנען... יע, זי ליעבט איהם אויך... די וואונדערשעהנע פּרינצעסין מיכל ליעבט איהם... אה ווי גליקליך ער איז יעצט... ווי מילד און צערטליך זי קוקט אויף איהם... איהרע בליקען דערצעהלען איהם, גיסען אויס דאס הארץ פאר איהם... און ער ענטפערט איהר מיט די הימעלשע קלאנגען פון דער הארפע...

דוד דערמאהנט זיך פּלוצלונג אן די ווערטער פון קעניג בעת׳ן מאלצייט: ״איך וועל מרב׳ן איהם אפּגעבען פאר א פרוי״... וואס וועט ער טהאן אז דער קעניג וועט נישט וועלען ענדערען זיין ווארט... מרב וועט ווערען זיין פרוי! א שוידער געהט דורך זיין לייב... ער גערענקט גאנץ גוט יענעם פריהמארגען ווען מרב איז צו איהם צוגעגאנגען צום טייכעל... ער האט ערווארטעט מיכל׳ן און צום סוף קומט גאר מרב צו... דער אונפעראנטווארטליכער שמעי האט איהם אפּגענארט... יע, זי איז געווען אזוי דרייסט און זיך צו איהם אפּגערופען: ״דו דארפסט זיך פאר מיר נישט שעהמען, דיין פריינד שמעי האט מיר אלעס איבערגעגעבען״... ״האסטו דען נישט פערטרויט שמעי׳ן אז דו ליעבסט מיר מיט דיין גאנצען לעבען״... יעצט קען דאך זיין אז די ליעבע אין מרב׳ן זאל ווידער ערוואכען און זי וועט איהם מעהר נישט אפּלאזען... זי וועט זיך שטיצען אויף איהר פאטער׳ס ווערטער... אן אומעט פאלט אן אויף דוד׳ן ווען ער טראכט נור פון אזא מעגליכקייט... עס ווערט איהם טרויעריג אויף׳ן הארצען, און די טע־נער פון זיין הארפע קלינגען ווידער אזוי מעלאנכאליש, אזוי יאוש׳דיג... זיי בעטען זיך התנוגים ביי דעם קעניג, ער זאל איהם געבען זיין טאכטער מיכל אנשטאדט מרב׳ן... דודווארפט זיין בליק אויף שאול׳ן... ער בעמערקט ווי ער צופּט נערוויאיש זיין בארד... צומעליג האט זיך זיין בליק בעגעגענט מיט שאול׳ס און א ציטער איז דורך זיין קערפּער... זיין הארץ האט איהם אנגעפאנגען צו שרעקען... אח, וואס פאר א קוק דער קעניג האט איהם געגעבען! ווי שרעקליך

ביז זיינע אויגען קוקען אויס... ער נעמט פון איהם זיינע אויגען נישט ארונטער... אה ווי ער שטעכט איהם מיט זיינע בליקען... דוד לאזט ארונטער זיינע אויגען... אבער ער פיהלט אויף זיך דעם קעניג'ס דורכדרינגענדע בליקען... וואס זאל עס בעדייטען?... פאר וואס קוקט אויף איהם דער קעניג אזוי שרעקליך?... און אט באגעגענען זיך זיינע אויגען מיט מיכל'ס... עס ווערט איהם ווידער אזוי ווארעם אזוי גוט...

די זון האט שוין גענומען פערגעהן און צימער איז געווארען טונקעלער. די לעצטע גאלדענע שטראהלען זיינען געפאלען אויף דעם קעניג... דוד איז שוין געווארען מיעד שפיעלענדיג און האט מיט אונגעדולד געווארט דער קעניג זאל זאגען "גענוג"!...

שאול האט געקוקט אויף דוד'ן און די בייזע מחשבה האט איהם קיין רוה נישט געגעבען... אט שטעהט פאר איהם זיין גרעסטער שונא, וועלכער וועט זיכער ירשנ'ען זיין טראהן!... ער איז ערפאלגרייך אין אלעם וואס ער טהוט: דאס פאלק ליעבט און שעצט איהם... צעהן טויזענד האט איהם דאס פאלק געגעבען... און איהם, זייער קעניג וועלכער האט בעוויזען צו פעראייניגען אלע שבטים, און פערניכטעט אזוי פיעל שונאים... איהם, האט מען בלויז טויזענדע נעגעבען... דורך אט דעם הארפען שפיעלער האט ער זיין חן ביים פאלק פערלארען... יע, ער וועט זיכער צונעהמען די מלוכה פון איהם... ער וועט איבערטראגען די קרוין צום שבט יהודה... נישט יונתן וועט זיין זיין טראהן נאכפאלגער, נור דוד! אט דער יונגער פאסטוך אינגעל וועמען ער האט פון די שאף צו זיין פאלאץ געבראכט... נייז, כל זמן דוד לעבט איז ער און זיין טראהן נישט געזיכערט... ער מוז איינמאל פאר אלעמאל מאכען אן ענדע פון זיין שונא... יעצט האט ער די בעסטע געלעגענהייט... ער האלט דעם שפיעז אין האנט, ער וועט א שליידער טאהן דעם שפיעז און דורכלעכערען זיין הארץ ביז'ן וואנט... עס האט איהם גענומען רוישען אין קאפ... זיין בלוט האט אין איהם גענומען אויפזידען... אן ענדע וועט ער מאכען צו זיין שונא... די אויגען האבען איהם גענומען שווינדלען... ער האט דעם שפיעז מיט דעם שארפען שפיץ איבערגעדרעהט אזוי אז עס זאל אויסקומען צו דוד'ן... אין זיינע אויגען האט זיך א פייער אנגעצונדען. א פייער פון נקמה און האס... ער מוז איהם פערניכטען...

דוד האט געשפיעלט... זיינע פינגער האבען פיבערהאפט די סטרונעס געריהרט...

מיכל איז געזעסען א פערגאפטע... זי האט זיך געפונען אין א צויבער וועלט... זי וואלט אזוי אייביג געזעסען און זיך איינגעהערט צו זיין וואונדערשעהנעם שפיעלען און זיך צוגעקוקט צו דעם פנים וועלכער איז איהר אזוי ליעב און טייער... אה גאט. ווי שטארק זי ליעבט איהם! איהר פאטער האט איהם פערשפראכען צו געבען איינע פון זיינע טעכטער... מרב איז פערליעבט אין עדריאל'ן... וועט דאך דער פאטער מוזען איהר, זיין אינגערער טאכטער, אפגעבען צו איהם, צו דוד'ן... דאך ציטערט איהר דאס הארץ, אפשר וועט זיך מרב ארומזעהען און זי וועט ביי איהר אוועקנעמען דוד'ן... דער פאטער האט דאך געזאגט אז ער וועט איהם אפגעבען מרב'ן... נייז, דאס וועט קיינמאל נישט פאסירען — בעשליסט מיכל — יונתן וועט איהר אין דעם ארויסהעלפען, און דוד אליין וועט געוויס נישט וועלען מרב'ן... זי וועט ווארטען ביז מארגען און

דאן וועט זי בעטען איהר ברודער, יונתן ער זאל זיך דורכריידען מיט'ן פאטער וועגען איהר און דוד'ן...

שאול איז געווארען אונרוהיג. ער האט זיך געדרעהט און געקארטשעט אויף דער זאפא... דער געדאנק צו טויטען דוד'ן האט איהם נישט אפגעלאזט... ער האט זיך איז איהם איינגעגעסען ווי א ווארעם און געלעכערט זיין מוח... ער האט געזוכט צו פערגעסען אלעס וואס דוד האט געטהאן פאר איהם און פאר'ן פאלק... פאר זיינע אויגען איז יעצט געשטאנען זיין געפעהרליכסטער פיינד פון וועמען ער מוז פטור ווערען... ער טאר נישט דערלאזען ער זאל געהן צו ווייט... זיין לעצטע שטונדע האט געקלאפט א טוידטען מוז מען איהם פון דאנען אוועקנעמען... פלוצלונג האט זיך שאול א הויב געטהאן פון זיין פלאץ... און מיט גרויס אימפעט און כוח האט ער א שליידער געטהאן זיין שפיעז אויף דוד'ן...

דער פלינקער דוד האט שנעל א שפרונג געטהאן אן א זייט און דער שפיעז האט זיך טיעף אין וואנט אריינגערוקט...

מיכל האט ארויסגעלאזען א קוויטש און א געשריי:

— פאטער, א פאטער! וואס האסטו געוואלט טהאן! א ליעבער פאטער פארוואס קומט עס איהם!... אה, ער האט דוד'ן געוואלט טויטען!... זי איז זעהר היסטעריש געווארען און איז געפאלען אין חלשות נעבען איהר פאטער...

דוד איז געשטאנען א צושראקענער... זיין פנים איז געווארען בלייך... די הארפע איז פון זיינע הענט ארויסגעפאלען... הענט און פיס האבען איהם געצי־טערט... זיינע קניע האבען זיך געבויגען...

צו מיכל'ס געשרייען זיינען אריינגעלאפען יונתן און אחינועם און זיי זיינען אויך געבליעבען ווי פערשטיינערט פון דעם שרעקליכען בילד! מיכל ליעגט א גע'חלש'טע און שאול פרובירט איהר דערמינטערען... שאול'ס שפיעז שטעקט אין וואנט... די הארפע ליעגט אויף'ן באדען און דוד שטעהט א טויט בלאסער און ציטערט ווי א בלאט...

גרויסע טראפענס שוויס האבען זיך בעוויזען אויף דעם קעניג'ס שטערען...

— אה גאט, וואס האט פאסירט?! — האט אחינועם אויסגעשריען און גלייך גענומען אפמינטערען מיכל'ן.

יונתן האט גלייך פערשטאנען די גאנצע לאגע... אה גאט! ווי שרעקליך! זיין פאטער איז ווידער קראנק! ער איז צוגעגאנגען צו שאול'ן און האט זיך אויף זיינע קניע געשטעלט און מיט טרעהרען אין די אויגען זיך אפגערופען:

— פאטער, אה, ליעבער פאטער!...

שאול האט ארונטערגעלאזען די אויגען און האט א ווילע געשוויגען, דער־נאך האט ער פלוצלונג אויף דער זאפא, איינגעגראבען די קאפ אין קישען און זיך פאנאנדערגעוויינט ווי א קינד...

— אה, מיין זוהן איך בין קראנק, דער בייזער גייסט איז צו מיר ווידער געקומען... איך האב נאך א האר אומשולדיגעם בלוט פערגאסען... געלויבט איז גאט וואס ער האט מיר אויסגעהיט צו טהאן אזא גרויסע אומרעכט...

מען האט מיכל'ן קוים דערמינטערט און דוד איז נאך אלץ געשטאנען צו־טומעלט און צושראקען... ער האט נישט געוואוסט וואס צו טהאן צו בלייבען דא אדער ארויסגעהן פון צימער... ביסלאכווייז איז ער געקומען צו זיך... יע, דער

קעניג האט איהם געוואלט טוידטען... פארוואס?... ער ווייס נישט... דוכט זיך אז ער האט איהם קיין שלעכטס געטהאן...

יונתן האט א וואונק געטהאן צו דוד'ן ער זאל פארלאזען דעם צימער און דוד איז גלייך ארויס... אחינועם האט מיכל'ן דערלאנגט א טרונק וואסער און זי האט זיך געפיהלט קרעפטיגער... אלעם איז איהר פארגעקומען ווי א קאשמאר... זי האט זיך גענומען דערמאנען אין אלע איינצעלהייטען... זי האט ווידער גענומען ציטערן... — בערוהיג דיך, מיין טאכטער, — האט אחינועם געזאגט און איהר א קוש געטהאן...

— וואו איז דוד?! — האט מיכל מיט א שוואכע שטימע געפרעגט.

— ער איז אריין אין צווייטען צימער... זארג זיך נישט מיכל, אלעס וועט רעכט ווערען...

— דער פאטער איז ווידער קראנק געווארען — האט מיכל א טרויעריגע געזאגט. אחינועם האט יעצט געלאזען מיכל'ן און צוגעגאנגען צום קעניג:

— דו פיהלסט זיך נישט גוט, שאול — האט זי צערטליך געגלעט זיין שטערען, זאל איך פיעלייכט שיקען רופען די רופאים?...

— ניין אחינועם — האט שאול געענטפערט — איך וועל זיך אויסרוהען דאן וועל איך זיך ווידער פיהלען גוט.

— ווערסטו דען געהן אין דיין שלאפצימער? — האט אחינועם איהם געפרעגט.

— שאול האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ און אחינועם האט גלייך געהייסען צורעכט מאכען שאול'ס בעט.

אין א ווייל שפעטער איז שוין שאול געווען פערזונקען אין א טיעפען שלאף. יונתן האט ארויסגעצויגען דעם שפיעז פון וואנט... ער האט איהם געהאלטען אין האנט געקוקט און געטראכט: נאך א האר און דער שפיעז וואלט דורכגעלעכערט דוד'ס הארץ... ווען ער וואלט נישט געווען פלינק גענוג, וואלט ער, זיין בעסטער פריינד, און דער גרעסטער אידישער העלד, געלעגען א טוידטער אין א טייך בלוט... אה, געליבט ביזטו גאט, וואס דו האסט מיין ליעבסטען פריינד בעשיצט פון אזא שענדליכען טוידט, און פערמיטען מיין פאטער צו פערגיסען ריינע אומשולדיגע בלוט...

יונתן איז באלד אריין צו דוד'ן און איהם גענומען טרייסטען: — גאט האט דיך, מיין פריינד בעשיצט... מיין פאטער האט שטארק חרטה אויף זיין טהאט... ער האט עס געטהאן אין א רגע ווען דער בייזער גייסט איז איהם אנגעקומען... איך האף אז דו וועסט מיין פאטער מוחל זיין...

דוד איז געבליבען שטעהן א טרויעריגער. ער האט נישט געוואוסט וואס צו זאגען.

— דאך, מיין פריינד — האט יונתן ווידער געזאגט דארפסטו זעהר פארזיכטיג זיין ביז וואנען דעם פאטער'ס מרה שחורה וועט אין גאנצען פערשווינדען...

— וואס זאל איך טהאן? — האט דוד געפרעגט — מיין לעבען וועט דאך יעצט שטענדיג זיין אין געפאהר...

— מארגען וועל איך זיך דורכריידען מיט'ן פאטער און איך וועל זעהן וואי

עס האלט און איך וועל דיר פון אלעם לאזען וויסען... איך וועל אויך פרובירע־
איהם בעטען ער זאָל דיר מאכען פאר א שר האלף (א הויפּט איבער טויזענט).

דוד האָט בעדאנקט יונתן פאר זיין גוטסקייט און איבערגעבענהייט.ביידע
פריינד האבען נאך אמאל געשוואָרען צו זיין געטריי איינער צום צווייטען זייער
גאנצען לעבען.

פערצעהנטער קאפיטעל

דוד הייראט מיכל'ן

מיכל האָט יענע נאכט נישט געקענט שלאָפען... פאר איהרע אויגען איז
יעדע ווײלע פארגעקומען דאָס שרעקליכע בילד וואס זי האָט איבערגעלעבט
לעצטען אבענד... איהר פאטער האָט געמאכט א פערזוך צו טויטען דוד'ן וועל־
כער איז איהר פיעל טייערער פון איהר לעבען... יע, ער איז שטארק אייפערזיכ־
טיג אויף דעם יונגען העלד... זי ווייס, אז ווען איהר פאטער וואלט געזונט געווען
וואלט ער אזא זאך קיינמאָל ניט געטאָן. יעצט אָבער איז ער קראנק, צוברא־
כען... ער איז מעלאנכאליש... און ווען דער בייזער גייסט קומט אויף איהם
ארויף, דאן פערליערט ער זיך... דאן קען ער די שרעקליכסטע זאכען אפּטהאָן...
א שווידער לויפט דורך איהר לייב ווען זי טראכט וועגען דעם אז אין איין אוי־
גענבליק וואלט שוין דוד מעהר נישט געווען צווישען די לעבעדיגע... זי מוז
דוד'ן ווארענען ער זאָל מעהר נישט שפּיעלען פאר איהר פאטער... דאָס ווייס
זי אבער אז עס איז אוממעגליך... דוד וועט דאָך נישט קענען ענטזאגען דעם
קעניג...

זי האָט בעשלאָסען זיך צו זעהן מיט דוד'ן מארגען גאנץ פריה און האָט
מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט אויף'ן פריהמארגען.

דוד האָט אויך פערבראכט זעהר אן אומרוהיגע נאכט... יעצט, אז דער
קעניג האָט אזוי עפענטליך ארויסגעצייגט זיין שנאה צו איהם זיינען שוין אלע
זיינע האָפנונגען וועגען מיכל'ן צורונען געוואָרען... ער זעהט אז ער וועט דארפען
פערלאָזען דעם פּאַלאַץ... זיין גרעסטער גליק וואס האָט מיט א טאָג פריהער
געוואונקען צו איהם איז יעצט ווי מיט'ן רויך אוועק...

ווען עס האָט אנגעהויבען טאָגען איז ער אין דרויסען ארויס, און ווי זיין
געוואוהנהייט איז געווען, צום טייכעל אוועקגעגאנגען, און ווי איבערראשט איז
ער געוואָרען, ווען ער האָט דאָרטען מיכל'ן געטראָפען...

— מיכל! — האָט זיך דוד פערנייגט.

— דוד! — האָט מיכל אויסגערופען.

א קורצע ווײלע זיינען ביידע שטיל געבליבען... זייערע יונגע הערצער האבען
שטארק געקלאַפּט...

— דוד! — האָט מיכל די שטילקייט אונטערבראָכען — גאָט האָט דיר
פון טויט גערעטעט. וועסטו דען ווען עס איז קענען מוחל זיין מיין פאטער פאר
זיין גרויזאמקייט... ער איז קראנק, זעהר קראנק און ער האָט אליין נישט גע־
וואוסט וואס ער טהוט. אבער אונטער אזעלכע אומשטענדען דארפסטו זעהר פאר־

זיכטיג זיין... איך גלויב אז אביסעל איז געווען שולדיג אין דעם דיין שפיעלען... דו האסט געשפיעלט זעהר א טרויעריגע זאך און דאס האט נאך זיין מרה שחורה פערגרעסערט... איך בין דאך זעהר גליקליך, דוד, דאס אונזער פאטער אין הימעל האט דיר בעשיצט...

— איך דאנק דיר גנעדיגע פרינצעסין — האט דוד אויסגערופען — דיינע ווערטער זיינען א היילונג צו מיין הארצען — יעצט גלויב איך אז מיין גליק איז נאך אין גאנצען פון מיר נישט פערלארען... איך גלויב אז... אז מיין שטארקע ליעבע צו דיר וועט ענדליך דאך זיעגען...

— דוד, מיין ליעבער דוד! — האט מיכל אויסגערופען — דו ליעבסט מיר! דיין ליעבע צו מיר איז אזוי שטארק און מעכטיג ווי מיינע צו דיר... אה, דוד, ווי גליקליך איך בין צו טראכטען פון מיין ליעבע צו דיר... עס זיינען געווען צייטען ווען איך האב זיך העכסט אומגליקליך געפיהלט, ווייל איך האב געמיינט אז דו ליעבסט מיר נישט...

— מיין ליעבע מיכל — האט דוד אנגענומען איהר האנט — האב איך דיר דען געגעבען אורזאכע צו דענקען אזוי?...

— מיינע אויגען האבען מיר גענארט — איז מיכל נעהענטער צו איהם צוגעגאנגען — און מיין גרויסע אייפערזוכט האט נאך מיין חשד פערשטארקט...

— אבער וואס אזוינס איז געשעהן, וואס האט דיר געמאכט מיר חושד צו זיין.

— איין פריה־מארגען, ווען איך בין געגאנגען צום טייכעל מיט'ן צוועק זיך מיט דיר דורכצורעדען, האב איך צו מיין גרויס איבערראשונג געטראפען מרב'ן אין דיין אומארמונג...

— מרב'ן אין מיין אומארמונג! — האט דוד אויסגערופען — דא האט געמוזט פארקומען א שרעקליכער טעות! איך...

— יעצט וויים איך אלעס... מיין שוועסטער האט מיר דערצעהלט אבער דאן האט זיך מיר געדוכט אז מיין גאנצער גליק איז אויסגעלאשען געווארען...

— אבער מיכל, ווי איז דאס מעגליך איך זאל...

— איך בין געראדע אנגעקומען אין דער צייט ווען מרב האט זיך זעהר שלעכט געפיהלט און שיער נישט אומגעפאלען... דו האסט איהר אומגעהאלטען זי זאל נישט פאלען... און איך האב דאס אנגענומען אלס אומארמונג... דערצו איז נאך געקומען דער געמיינער שמעי און האט מיר אויך פיעלע ליגענס דער־צעהלט פון דיין ליעבע צו מרב'ן... דאס האט נאך מיין חשד פערשטארקט און מיר זעהר אומגליקליך געמאכט פאר דער קורצער צייט ביז וואנען איך האב אלעס אויסגעפונען פון מרב'ן.

— וואס האט דיר דיין שוועסטער דערצעהלט? — איז דוד נייגעריג געווארען.

— זי האט מיר דערצעהלט ווי ער האט איהר גענארט זאגענדיג אין דייז נאמען אז דו ביזט אין איהר פערליעבט, און זי האט זיך געלאזען איינרײדען און איז געגאנגען צו דיר אויף דעם בעשטימטען פלאץ... אבער איין זאך פער־שטעה איך נאך יעצט נישט ווי אזוי האסטו זיך געקענט לאזען פערפיהרען פון שמעין?...

— פערשטעהסטו מיר, מיכל, ער האט קיין נאמען נישט דערמאהנט, ער

האט מיר בלויז געזאגט אז די פרינצעסין איז אין מיר פערליעבט און זי וואלט זיך וועלען מיט מיר טרעפען... איך בין געווען זיכער אז ער מיינט עם דיר...

— אבער יעצט דארפען מיר ביידע זיין העכסט צופריעדען וואס דאס האט אזוי פאסירט — האט מיכל געזאגט מיט א שמייכעל, מיין שוועסטער איז זינט דאן געווארען אזוי ענטמוטיגט איז דיר, זי האט זיך געטראפען זעהר בע־לייריגט פון דייז קאלטקייט, דאס זי האט גלייך איבערגעטראגען איהר ליעבע צו עדריאל'ן פון מחולה... זי איז אין איהם זעהר שטארק פערליעבט... און ער איז אויך אין איהר פערליעבט און זיי ווארטען אויף דער געלעגענהייט צו קריגען דעם פאטער'ס צושטימונג...

— דען דאס וואס דער קעניג האט נעכטען ביים מאלצייט געזאגט וועגען מרב'ן איז ניטא וואס מורא צו האבען — האט דוד אויסגערופען מיט א שטראה־לענדען פנים...

— איך גלויב אז נישט — האט מיכל געענטפערט — דער פאטער וועט דאך נישט וועלען צווינגען זיינע טעכטער צו הייראטען געגען זייער ווילען... און דערצו האט מיין ליעבער ברודער יונתן, גלייך געפונען פאר נויטיג צו דער־צעהלען דעם פאטער ווי אזוי דו האסט מיר אמאל פון טויט געראטעוועט, און ער האט איהם דאמיט איבערצייגט אז דו ביזט מעהר בערעכטיגט צו מיר ווי צו מרב'ן... איך בין זיכער אז דער פאטער האט גאר נישט געמיינט ווען ער האט געזאגט אז ער וועט דיר אפגעבען מרב'ן פאר א פרוי... געוועהנליך, מרב איז די עלטערע, דארף זי הייראטען פריהער, אבער יעצט אז זי וועט הייראטען מיט עדריאל'ן, בלייב איך דאך די איינציגע וועמען דער פאטער האט פערשפראכען אפצוגעבען דעם זיעגער פון גלית'ן...

— אבער יעצט. ליעבע מיכל — איז דוד ווידער טרויעריג געווארען — נאכדעם ווי דיין פאטער האט ארויסגעצייגט זיין שנאה צו מיר, וועט ער דען וועלען אפגעבען דיר צו מיר... איך ווייס נישט מיט וואס איך האב ביי איהם פערזינדיגט דאס ער זאל מיר וועלען טויטען.

אין מיכל'ס אויגען האבען זיך בעוויזען טרעהרען:

— רייד מעהר נישט דערפון, ליעבער דוד, מיין פאטער איז פלוצלונג ווידער קראנק געווארען... ער האט באלד חרטה געקראגען אויף זיין טהאט, און איך בין זיכער אז מעהר וועט אזא זאך נישט פאסירען... איך און יונתן וועלען פרו־בירען נאך היינט איבערריידען מיט'ן פאטער, און איך האף אז ער וועט זיין צושטימונג געבען צו פעראייניגען אונזער ליעבעס בונד...

— אה ווי גליקליך דיינע ווערטער מאכען מיר — האט איהר דוד צוגע־דריקט צו זיך און געקושט...

מיכל האט איהם מיט הייסע קושען געענטפערט...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

ווען שאול איז אויפגעשטאנען פון זיין שלאף און ער האט זיך געגומען דערמאהנען וואס מיט איהם האט פאסירט לעצטען אבענד, האט איהם עס שטארק פערדראסען: וואס האט ער געהאט צו דוד'ן פארוואס זאל ער דעם אומשולדיגען העלדישען און בראווען זוהן פון ישי'ן זוכען צו טויטען... אה, ווען דער שפיען וואלט זיין הארץ דורכגעלעכערט... וואס וואלט דערויף דאס פאלק

געזאגט... דוד איז דאך געווארען ביי אלעמען אזוי פאפולער און באליעבט... ווי שטארק דאס פאלק וואלט נאך איהם געטרויערט... און דאן ווער ווייס צו וואלט דער שבט יהודה זיך נישט אפגעריסען פון דער מלוכה און מיט זיך מיטגעשלעפט אויך אנדערע שבטים... מעגליך אז דורך דוד'ס טויט, וואלט זיין גאנצע מלוכה צופאלען... אבער כל זמן דוד לעבט איז דאך זיין מלוכה אלץ איינס נישט בע־פעסטיגט — האט שאול ווידער גענומען טראכטען — דוד מוז שטארבען, אבער נישט דורך זיינע הענט... ער דארף זוכען אנדערע מיטלען ווי אזוי איהם אפצו־ראמען פון דער וועלט... אח ווען יונתן וואלט געווען איינשטימיג מיט איהם און וואלט איהם געהאלפען פטור צו ווערען פון זיין גרעסטען שונא... איז ער אבער דאך געווארען גוטע פריינד מיט איהם...

שאול האט א קלאפ געטהאן מיט זיינע הענט און באלד האט זיך אין זיין שלאפצימער בעוויזען איינער פון זיינע לייבוועכטער.

— שיק מיר אריין יונתן'ען — האט דער קעניג בעפוילען.

דער לייב וועכטער האט זיך פערנייגט און איז ארויס. יונתן איז באלד אריינ־געקומען צו זיין פאטער אין צימער און האט איהם בעגריסט.

— מיין זוהן — האט שאול צו איהם געזאגט — איך ווייס אז איך בין בעגאנגען א גרויסע אומרעכט נעגען דוד'ן... איך האב אין א רגע פון מרה שחורה זיך אין גאנצען פערלארען און אויף איהם מיין שפיז געווארפען... דאך אבער מיין זוהן, מוזטו וויסען אז כל זמן דוד לעבט איז די מלוכה נישט זיכער אין אונזערע הענט... דאס פאלק פערגעטערט דוד'ן, און ביי דער קלענסטער געלע־גענהייט וועט מען איבערגעבען דעם קרוין צו דוד'ן...

— א פאטער — האט זיך יונתן אפגערופען — ווי איך זעה קענסטו נאך דוד'ן נישט זעהר גוט... ווי בראוו און העלדיש ער איז אזוי ערליך און בע־שיידען איז ער... איך פערזיכער דיר אז אזעלכע געדאנקען קומען איהם קיינמאל נישט ארויף אויף'ן זינען... ער וועט זיך העכסט גליקליך שעצען ווען דו וועסט ערפילען דיין הבטחה און איהם מאכען פאר דיין איידעם... ער וועט אונז אלעמען זעהר דאנקבאר זיין כל זמן ער וועט לעבען...

— אבער, מיין זוהן, דו האסט פערגעסען וואס דער נביא שמואל האט מיר געזאגט, ווען מיר האבען זיך צוריקגעקעהרט פון דער מלחמה מיט עמלק. "גאט וועט אפרייסען די מלוכה פון דיר און זי אפגעבען צו דיין פריינד וועלכער איז בעסער פון דיר"... יעצט קענסטו דאך אליין זעהן אז שמואל האט געמיינט דוד'ן... וייל ווער איז בעסער פאר מיר צווישען גאנצען פאלק? ווענמען האבען די פרויען געגעבען צעהנדליגע טויזענדער אויב נישט צו דעם זוהן פון ישי... מיר האבען זיי בלויז טויזענדע געגעבען און דוד'ן צעהנדליגע טויזענדע! זעהסטו דען נישט ווי שטארק דאס פאלק ליעבט איהם... איך בין זיכער אז שמואל וועט איהם נאך אויך צוהעלפען אוועקנעהמען פון מיר די מלוכה...

— דו ווייסט דאך אבער פאטער, אז שמואל האט זיינע ווערטער גערעדט בעת ער איז געווען זעהר אויפגערעגט און אין כעס... ער האט געוויס דאמיט נארנישט געמיינט... און דאס וואס דוד איז געווארען אזוי פאפולער און בע־ליעבט ביים פאלק, האט ער דאס דען נישט פערדיענט... וואלטען מיר דען נישט אלע געדארפט זיין שקלאפען צו די פלשתים, ווען דוד וואלט גלית'ן נישט בעזיעגט... גאט האט דורך איהם געשיקט די גרויסע ישועה און דאס פאלק איז

געווען אזוי פער׳שכור׳ט פון דעם גלענצענדען זיעג אז זיי האבען געזונגען דאס ליעד... אבער קיינער האט אין דעם קיין שלעכטע כונה געהאט...

— איך וויים מיין זוהן, אפשר ביזטו גערעכט — האט שאול געענטפערט — אבער דאך פיהל איך יעצט מעהר ווי אימער אז מיין טראהן וואקעלט זיך...

— דאס איז בלויז א רעזולטאט פון דיין פריהעריגע קראנקהייט פאטער, דאס איז אן איינריידעניש. און דו דארפסט זעהן איינמאל פאר אלע מאל אזעל־כע שרעקליכע געדאנקען פון זיך פארטרייבען...

— די בעסטע זאך גלויב איך וועט זיין אז דוד זאל נישט זיין צו נאהענט צו מיר — האט שאול אומעטיג געזאגט — איך האב מורא אז עס זאל זיך נאך אמאל נישט ווידערהאלען דאס זעלבע פון לעצטען אבענד.

— פאטער, עס וואלט געווען ראטהזאם דו זאלסט איהם בעשטימען פאר א שר האלף, כדי ער זאל קענען קעמפפען מיט די פלשתים... ווייל דו ווייסט דאך כאטש מיר האבען געהאט א גלענצענדען זיעג איבער זיי, זיינען זיי נאך ווייט פון צו זיין איינגאנצען בעזיעגט... אונזערע גרעניצען זיינען ווייט נישט געזיכערט... דוד וואלט יעצט זעהר צוניץ געקומען ווייל די פלשתים ציטערען פאר איהם, פונקט ווי זיי האבען אמאל געציטערט פאר שמשון הגבור...

— גוט — האט שאול געזאגט — איך וועל איהם מאכען פאר א שר האלף, און זאל ער געהן מלחמה האלטען מיט די פלשתים. געה רוף איהם אריין און איך וועל דאס איהם גלייך זאגען:

יונתן איז ארויסגעגאנגען און שאול האט זיך געטראכט: — זאל דוד בעסער פאלען דורך די הענט פון די פלשתים. יע, ער וועט איהם ערמוטיגען צו קעמפפען מיט די פלשתים... זאל ער זיין דער אנפיהרער פון אלע מלחמות...

יונתן איז אריינגעקומען מיט דוד׳ן און שאול האט זיך אפגערופען:

— איך האף דוד, אז דו וועסט מיר מוחל זיין וואס איך האב אזוי גע־האנדעלט געגען דיר לעצטען אבענד... עפעס א ״רוח רעה״ איז אויף מיר אנ־געקומען און איך האב נישט געוואוסט וואס איך טוה... איך פערזיכער דיר אבער, דוד אז דו שטעהסט ביי מיר זעהר הויך... איך שאץ אפ דיין גרויסע העלדישקייט וואס דו האסט בעוויזען ווען דו האסט דעם גלית דעם פלשתי געטויטעט... איך וועל מיין ווארט האלטען, איך וועל דיר פאר מיין איידעם נעהמען. יעצט מאך איך דיר פאר דעם שר האלף און ווען דו וועסט זיך צוריק־קעהרען זיעגרייך פון נאך א מלחמה מיט די פלשתים, דאן וועל איך דיר מרב׳ן אפגעבען אלס דיין פרוי.

דוד האט זיך פערנייגט פאר׳ן קעניג און געוואלט עפעס זאגען אבער יונתן האט צו איהם א וואונק געטהאן ער זאל יעצט גארנישט ריידען...

— איך דאנק דיר מיין האר קעניג האט דוד געזאגט און איז צוזאמען מיט יונתן ארויס פון צימער.

יונתן האט אויסגעקליבען טויזענד גבורים פון זיין חיל און ער האט זיך צו זיי אפגערופען:

— דער קעניג האט בעוויליגט צו מאכען דוד׳ן פאר אייער הויפט און פיהרער... זיין ווארט דארף זיין געזעץ און איהר דארפט אלע שווערען צו דינען איהם געטריי פאר דעם גוט און וואהלזיין פון דעם קעניג און פאטערלאנד.

אלע האבען אויפגעהויבען זייערע הענט און געשוואָרען. יונתן האָט דוד'ן איבערגעגעבען זיין שווערד און זיך מיט איהם געזעגענט:

— געה, מיין ברודער און גאָט זאָל מצליח זיין אלע דיינע וועגען... און ווען דו וועסט זיך צוריקקעהרען זיעגרייך פון די קלענערע מלחמות און ארויס־טרייבען דעם שונא איננאנצען פון אונזערע גרעניצען בין איך זיכער אז דער קעניג וועט איינשטימען דו זאָלסט קריגען מיכל'ן אנשטאָדט מרב'ן. ווייל איך ווייס ווי שטארק דו ליעבסט איהר און זי דיר.

דוד האָט געדריקט זיין האנט און האָט איהם נאָכאמאָל בעדאנקט פאר זיין איבערגעבענהייט. ער האָט זיך געזעצט אויף זיין פערד און א קאָמאנדעווע געטהאָן צו זיינע טויזענד גבורים זיי זאָלען איהם נאָכפאָלגען...

מיכל האָט בעמערקט דורך איהר פענסטער אז דוד האַלט ביים אפּפאָהרען. זי איז גלייך ארונטערגעגאנגען און געגומען צוגעהן צו דוד'ן...

דוד האָט איהר באמערקט און האָט גלייך אפּגעשטעלט זיין פערד און זיך פערנייגט פאר איהר.

— איך וויל מיט דוד'ן רעדען איניגע ווערטער איידער ער רייט אוועק אויף מלחמה — האָט מיכל געזאָגט צו יונתן שטילערהייד.

יונתן האָט געבעטען דוד'ן ארונטערקומען פון פערד, און האָט אויך גע־הייסען די סאָלדאַטען וואַרטען א ווײַלע, ווייל דער קעניג האָט געשיקט די פּרינצעסין מיט א שליחות.

דוד איז צוגעגאנגען צו מיכל'ן און יונתן ער האָט זיך ווידער פאר איהר פערנייגט...

— דוד, — האָט זיך מיכל צו איהם אפּגערופען — איך בין זעהר גליקליך וואָס דער פאָטער האָט דיר צו דער יעצטיגער צייט געמאַכט פאַר'ן שר האלף... איך בין זיכער אז דו וועסט זיך נאָך ערוועַרבען א גרעסערען נאָמען ווי פריהער... איך וועל טאָג און נאַכט מתפלל זיין צום בעשעפער ער זאָל זיין מיט דיר און וואוהין דו וועסט זיך קעהרען זאָלסטו מצליח זיין... איך וועל וואַרטען מיט גרויס אומגעדולד אויף דיין צוריקקומען. ווען דער פאָטער וועט אונזביידען זיין בענטשונג געבען... נעהם דעם רינג פון מיין פינגער און זאָל עס דינען צו דיר אלס צייכען פון מיין גרויסע ליעבע צו דיר...

אין דוד'ס אויגען האָבען זיך טרעהרען בעוויזען ער האָט פון איהר דעם רינג גענומען... ער האָט איהר האַנט געקושט און געזאָגט:

— מיין ליעבע מיכל! איך האָב אלעס נאָר דיר צו פערדאנקען מיין ליעבע צו דיר האָט מיר בעגייסטערט און איך האָב געקראָגען גענוג מוטה מיט גלית'ן צו קעמפּפען, און יעצט, ווען איך בין נאָך מעהר ווי אימער איבערצייגט אז דו ליעבסט מיר אויך מיט דיין גאנצען הארצען וועט פאר מיר קיין זאך נישט צו שווער זיין צו אונטערנעמען... איך דאנק דיר פאר דעם רינג וואָס דו האָסט מיר געגעבען אלס אנדענקונג איך וועל איהם זעהר טייער האלטען...

דוד האָט זיך געזעגענט מיט מיכל'ן און נאָך אמאָל מיט יונתי'ען און איז ארויף אויף זיין פערד און צוזאַמען מיט זיין ארמעע ארויסגעמאַרשירט פון גבעה.

אויפ'ן וועג האָט דוד, רייטענדיג פאַראויס פון זיין ארמעע, באַגעגענט

פילע אידישע פליכטלינגע, וועלכע האבען געפיהרט זייער האב און גוטס אויף די עזלען און קעמלען.

— פון וואנען אנטלויפט איהר דאס? — האט זיי דוד געפרעגט.

— פון אונזער געבורטשטאדט בית־שמש — האבען זיי געענטפערט. — די פלישתים האבען ווידער אונזער שטאט באפאלען און גענומען ראבירען אונזערע הייזער... פילע פון אונזערע איינוואוינער האבען זיי אויסגעשלאכטעט, און מיר האבען זיך קוים מיט׳ן לעבען געראטעוועט...

— מיין פרוי און קינדער האבען די ערלים געפאנגען. גאט ווייסט, וואס פון זיי איז געווארען... — האט אן עלטערער איד געיאמערט. — עס איז מיר ביטער און וועה! איך דארף אויף מיינע עלטערע יאהרען נע־ונד ווערען... אה, גאט, פארוואס שטראפסטו מיך אזוי!

— און מיינע טעכטער האבען זיי געפאנגען גענומען! — האט א פרוי געקלאגט.

— נישט לאנג צוריק האט ישראל׳ס גרעסטער העלד געטויטעט דעם מעכ־טיגסטען פלישתים־ריעז און די פלישתים פון אונזערע גרעניצען פאריאגט. און איצט זיינען זיי שוין ווידער אונז באפאלען, ווי הייששריקען — האט א יונגער איד, מיט א זאק אויף זיינע פלייצעס, געזאגט.

— פארוואס זאלען אונזערע גרעניצען נישט זיין באוואכט? — האט נאך איינער זיך אפגערופען. — פארוואס זאל דער קעניג אונז איבערלאזען אויף דעם יושר פון אונזערע שונאים?... איצט זיינען מיר אלע רואינירט. אונזער תבואה וועלען זיי פארניכטען, אונזערע הייזער וועלען זיי פארברענען; און מיר וועלען מוזען פארוואגעלט ווערען פון אונזערע היימען. אה, ווי טרויעריג אונזער לאגע איז...

טרעהרען האבען זיך באוויזען אין דוד׳ס אויגען, ווען ער האט געהערט די טרויעריגע נייעס.

— ברידער! — האט ער זיך צו זיי אפגערופען. — קומט צוריק צו אייער געבורטשטאדט, בית שמש... ווי גאט לעבט, אז עס וועט ביז אין דער פריה פון די פלישתים נישט איבערבלייבען קיין שריד ופליט...

אלע האבען איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— אט קומט הינטער מיר מיין ארמעע פון גבורים! — האט דוד אויס־גערופען. — מיר וועלען אויסראטען אלע פלישתים און נקמה נעהמען פון זיי פאר אלדאס בייז, וואס זיי האבען צו אייך געטאן.

— איז ער נישט דוד, דער זוהן פון ישי?! — האט איינער פון די פליכט־לינגע אויסגערופען.

— יע, ער איז דוד, וועלכער האט גלית׳ן געטויטעט. — האבען זיך גע־הערט שטימען. — ער קומט אונז העלפען! ער וועט באפרייען אונזערע פרויען און טעכטער פון געפאנגשאפט... אה, גאט, בענש זיינע הענד!

דערווייל האבען זיך דוד׳ס גבורים דערנעהנטערט.

דוד האט זיך אויפגעשטעלט אויף זיין פערד, ער האט אויפגעהויבען זיין בלויזען שווערד און אויסגערופען:

— מיינע בראווע סאלדאטען! אונזער גאט האט אונז געשיקט אין צייט צו העלפען אונזערע פאראומגליקטע ברידער פון בית־שמש... די פלישתים

האבען ווידער געוואגט און באפאלען די גרעניץ־שטאדט און פאראורזאכט פילע צרות און אומגליקען אויף די הילפלאזע איינוואוינער פון שטאדט... קומט, אין נאמען פון אונזער גאט און קעניג, און לאמיר נעהמען ראכע פון די אומווירדיגע ערלים...

— מיר זיינען געגרייט צו דיין באפעהל! — האבען די גבורים אויסגערופען. — מיר געהען!

די פליכטלינגע, וועלכע זיינען געוועזן געבויגען אונטער דעם יאך פון פיין און אנגסט, האבען זיך איצט אויסגעגלייכט. און מיט שטראהלענדע פנים׳ער האבען זיי אויף דוד׳ן געקוקט.

— קומט וואס שנעלער! מיר טארען קיין צייט נישט פארלירען! — האט דוד אויסגערופען און זיך צוריקגעזעצט אויף זיין פערד.

— פאר גאט, פאר אונזער קעניג און פאר אונזער לאנד! — האבען אלע אויסגעשריען און גענומען מארשירען מיט שנעלע טריט צו דער שטאדט בית־שמש.

די פארוואגלטע אידען האבען זיך אומגעקעהרט און גענומען לאנגזאם נאכפאלגען דוד׳ס ארמעע...

ווען דוד איז אנגעקומען נעבען בית־שמש, איז שוין די זון אונטערגעגאנגען... עס איז געווען גאנץ טונקעל...

— מיר וועלען מוזען בלייבען נעכטיגען אויף דעם בארג ביז באגינען, — האט דוד געזאגט צו זיין חיל — און ווי נאר דער מארגענשטערען וועט אויפגעהן, וועלען מיר אריינדרינגען אין שטאדט און פארטיליגען דעם שונא.

— דערווייל וועלען די ערלים פאראומרייניגען אונזערע פרויען און טעכטער! — האט איינער פון די אנטלאפענע טרויעריג געזאגט...

— אבער ווען מיר זאלען זיי איצט באפאלען אין דער פינסטער, וועלען דאך אויך די אומשולדיגע געפאנגענע פאלען ביי אונזער שווערד — האט דוד געזאגט — אין דער פינסטער וועלען מיר דאך ניט קענען אונטערשיידען פון אן אייגענעם ביז א שונא.

— אה, מיין באשיידענע טאכטער, בת שבע! — האט א פרוי אויסגעבראכען אין א גרויס יאמער, — ווי וועסטו אויסהאלטען פון גרויס שאנדע!

— די פלישתים טארען זיך נישט דערוויסען, אז מיר געפינען זיך נאהענט צו דער שטאדט! — האט דוד אויסגערופען. — מיר מוזען זיך זעהר שטיל פארהאלטען...

— יאמער נישט, מיין פרוי! — האט אליעם, איהר מאן, גענומען איהר טרייסטען — גאט וועט איהר אויסהיטען... דו ווייסט דאך, ווי קלוג און באשיידען אונזער טאכטער איז. זי וועט שוין וויסען, ווי אזוי זיך אויסצודרעהען פון די אומיירנע פלישתים, און מארגען גאנץ פריה וועט מען דאך איהר באפרייען פון איהר געפאנגשאפט.

די פרוי האט זיך אבער נישט געלאזען טרייסטען... זי האט איצט נישט אויפגעהערט צו קלאגען אין דער שטיל: בת שבע, בת שבע! מיין איינציגע ליבע טאכטער! ווער ווייסט, אין וועלכע ברוטאלע הענד דו געפינסט זיך איצט!...

דוד איז שטארק גערירט געווארן פון דער אומגליקליכער מוטער'ס רייד; ער איז צו איהר צוגעגאנגען און זיך אפּגערופען:

— די אידישע טעכטער זיינען באוואוסט מאר זייער צניעות, און דיין טאכטער איז, ווי איך האב געהערט פון דיין מאן, אויך בעגאבט מיט קלוגשאפט און שטארקען ווילען... וועט די פלישתים נישט אזוי גרינג אנקומען איהר צו פאראומרייניגען... און גלייך פארטאג וועלען מיר די ערשטע צו דיין הויז געהן און מיר וועלען דיין טאכטער רעטען...

— איך דאנק דיר, מיין האר, פאר דיין חסד! — האט די פרוי געזאגט. —גאט ווייסט אבער, צי זיי האבען איהר נישט איבערגעפיהרט אין א צווייטען פלאץ — דער אפיציר פון די פלישתים האט דאך איהר אויפגעגעסען מיט זיינע אויגען...

— האט איהר דען געזעהן אייער טאכטער'ס פאנגער? — האט דוד געפרעגט אליעם'ען און זיין פרוי.

— מיר קענען איהר פאנגער זעהר גוט! — האט אליעם געענטפערט. — ער פלעגט פריהער מיט אונז האנדלען... מיין טאכטער בת שבע איז א זעלטענע שעהנהייט, כמעט די שענסטע פון גאנץ בית־שמש, און דער פלישתי האט שוין לאנג אויף איהר זיינע אויגען געווארפען... און ווען ער האט זיך מיט זיינע סאלדאטען אין אונזער הויז אריינגעבראכען, האט ער אונז געוואלט טויטען, אבער מיין טאכטער האט זיך איינגעשטעלט פאר אונזער לעבען... ער האט איינגעווילינט אונז צו לאזען לעבען, אויב מיר וועלען אויך די שטאדט פאר־לאזען, און זי וועט מיט איהם בלייבען...

— מיין ליעבענקע טאכטער! — האט די מוטער געבראכען מיט די הענד — זי האט זיך פאר אונז מקריב געווען! גאט ווייסט, וואס מיט איהר האט פאסירט...

דוד האט איהר קוים בארוהיגט און ער האט געהייסען אלעמען ווארטען געדולדיג, ביז עס וועט א שפּראָץ טאן אויף טאג.

אלע האבען זיך אויף דעם גראז געלייגט און מיט גרויס אומגעדולד געווארט אויף דעם פריהמארגען...

די נאכט איז געווען א פינסטערע, און די שטילקייט פון ארום איז אונ־טערבראכען געווארען פון די קולות און שכור'ע געזאנגען פון די פלישתים, וועלכע האבען זיך צעהוליעט אין שטאדט... ארום מיטען נאכט האבען די געזאנגען פון די פלישתים אויפגעהערט... דוד מיט זיינע גבורים זיינען געווען וואך. זיי האבען געהיט, אז די פערד זאלען נישט אנמאכען קיין טומעל מיט זייער הירזשען... שטילע קרעכצען פון די פארוואגעלטע אידען האבען זיך געהערט פון פארשידענע ריכטונגען... אט האט זיך א גריל פאנאנדערגע־גרילט... דער קול פון שאקאלען האט זיך געלאזט הערען... א בילען פון א הונט האט דורכגעלעבערט די שטילקייט... דער מארגענשטערען איז אויפ־געגאנגען... אין מזרח־זייט האט זיך א ליכטיגער פאס באוויזען...

— איצט איז די צייט! קומט, מיינע העלדען! — האט דוד א קאמאנ־דירטע געטאן און זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד.

די טויזענד גבורים האבען זיך, ווי איין מענש, אויפגעשטעלט. זיי האבען זייערע פייל־און־בויגען געהאלטען אנגעגרייט. דוד האט ארויסגעצויגען זיין שווערד פון דער שייד, און גאלאפירענדיג פון בארג, האט ער אויסגעשריען:

— פאר אונזער גאט און דעם קעניג שאול!
די גבורים האבען איהם נאכגעפאלגט...

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו די טויערען פון שטאדט, האט דוד צעטיילט זיין מחנה אין צוויי טייל; איין טייל האט ער געהייסען ווארטען נעבען די טויערען פון שטאדט.

— זעהט, אז קיין פלישתי זאל קיין לעבעדיגער פון דאנען נישט אנטלויפען — האט ער זיי אנגעזאגט.

מיט דער אנדערער העלפט האט ער זיך ארייינגעבראכען אין דער שטאדט בית־שמש.

1

אליעם, דער פאטער פון בת שבע, איז צוגעגאנגען צו די טויערען פון שטאדט און אויך געוואלט אין שטאדט ארייינקומען. אבער דוד'ס סאלדאטען, וועלכע האבען געוואכט דעם טויער, האבען איהם נישט געוואלט ארייינלאזען.

— עס איז פאר דיר א גרויסע סכנה איצט ארייינצוקומען אין שטאדט— האט איהם איינער פון די גבורים געזאגט — באלד ועט ענטשטעהן א געפעכט אין מיטען שטאדט, און דו קענסט נאך געטויטעט ווערען...

— אבער מיין טאכטער! — האט אליעם זיך געגומען בעטען, — דער שר האלף האט מיר פארשפראכען די ערשטע זי צו רעטען פון די הענד פון דעם אומריינעם פלישתי... איך וועל איהם מוזען אנצייגען מיין הויז, אז נישט, וועט ער נישט וויסען, וואו זי געפינט זיך!... און ווען חלילה אן אומגליק זאל מיט מיין בת שבע פאסירען, דאן וועט איהר מוטער עס נישט אריבערטראגען! לאזט מיך, איך בעט אייך, ראטעווען צוויי לעבענס...

— זאג דאך מיר, מיין האר, — האט זיך צו איהם אפגערופען אן אנדער גבור, מיט'ן נאמען אוריה דער חתי,—קען איך דיר פילייכט העלפען מיט עפעס?

— די פלישתים האבען מיין איינציגע טאכטער געפאנגען, זיי האבען מיין הויז פארנומען, און איך האב מורא, אז אן אפיציר פון די פלישתים וועט מאבען א פארזוך מיין טאכטער צו פאראומרייניגען... זעה, בעט דיינע חברים, זיי זאלען מיך אין שטאדט ארייינלאזען. איך וועל דוד'ן אנצייגען מיין הויז, און ער וועט מיין טאכטער פון שאנדע רעטען!

— דו בעסער זאג מיר, וואו דיין הויז געפינט זיך, — האט אוריה דער חתי געזאגט, — און איך וועל לויפען צייגען דוד'ן, און מיר וועלען דיין טאכטער די ערשטע רעטען.

— מיין הויז געפינט זיך אויף דער גאס, וואס פיהרט צום מארק־פלאץ, און עס איז די דריטע הויז לינקס.

— גוט, איך וועל דיר דיין טאכטער צושטעלען — האט זיך אוריה אפגערופען און איז אריין אין שטאדט און אנגעזאגט דוד'ן מיט זיינע סאלדאטען.

— מיין האר! — האט אוריה אויסגערופען — דו האסט צוגעזאגט די אומגליקליכע עלטערען, אליעם מיט זיין פרוי, צו רעטען זייער טאכטער צום ערשטען... קום, איך וועל דיר וויזען זייער הויז. פילייכט געפינט זיך נאך זייער טאכטער דארטען.

— גוט, לאמיר געהן אהין פריהער! — האט דוד אויסגערופען — און איהר היט דערווייל די שטאדט. באלד וועלען מיר אלע שכור'ע און פארשלאפענע פלישתים איבערראשען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אליעס׳ס הויז איז געזעסען דער אָפיציער פון די פלישתים. נעבען איהם איז געזעסען בת שבע, אליעס׳ס טאָכטער, און אָנגעפילט זיין בעכער מיט דעם גוטען שטאַרקען וויין פון א קריגעל...

— אויף דער געלעגענהייט האָב איך שוין זעהר לאַנג געוואַרט — האָט דער האַלב־שכור׳ער פלישתי געזאָגט צו בת שבע׳ן — דו ביסט דאָך אַזוי שעהן און רייצענד. קום צו נעהנטער, און איך וועל א קוש טאָן דיינע שעהנע ליפּעלעך...

— אָט, וואַרט א ווײלע, לאָמיר פריהער טרינקען נאָך א בעכער וויין פאַר דעם געזונט פון דיין קעניג... — האָט בת שבע זיך אָפּגערופען און זיין בעכער ווידער אָנגעפילט מיט וויין.

דער פלישתי האָט דעם בעכער אויסגעליידיגט, און בת שבע האָט צו איהם מיט א געמאַכטען שמייכעל געזאָגט:

— דער וויין מאַכט דעם מענשען פרעהליך! לאָמיר פאַרגעסען אונזערע זאָרגען און טרינקען וואָס מעהר פון דעם גוטען וויין... דו ווייסט דאָך, אז פון איצט אָן וועל איך שוין בלייבען דיינע... דו וועסט מיט מיר קענען טאָן, וואָס דו וועסט וועלען... איך וועל דאָך פון דיר נישט אַנטלויפען...

— יע, דו וועסט בלייבען מיינע אויף אייביג... ביי אונז, צווישען די פלישתים, קען מען אַזאַ שעהנע מיידעל, ווי דו, נישט געפינען... איך האָב געבעטען מיין גאָט דגון, ער זאָל דיך איבערגעבען אין מיין רשות. און איצט האָט ער מיין תפלה געהערט און דיך אָפּגעגעבען צו מיר... און די גאַנצע שטאָדט בית־שמש איז אין אונזערע הענד...

— דעריבער לאָמיר טאַקע טרינקען נאָך אַמאָל לכבוד דיין גאָט דגון — האָט בת שבע איהם אָנגעגאָסען נאָך א בעכער וויין...

דער פלישתי האָט ווידער געטרונקען...

— אָבער פאַרוואָס ע... דו שעהנע... טרינקסטו נישט? — האָט דער פלישתי געפּלאָנטערט מיט זיין צונג — דו ווילסט מיך אַנ׳שכור׳ען און אליין זיין ניכטער... הא? טרינק אויך.

—איך טרינק! איך טרינק! — האָט זיך בת שבע אָפּגערופען און זיך געמאַכט טרינקענדיג...

— נו, איצט קום צו מיר! — האָט דער פלישתי צו איהר אויסגעשטרעקט זיינע הענד...

— אָט באַלד, אָט באַלד קום איך צו דיר — האָט איהם בת שבע געזאָגט.

דער פלישתי האָט געגומען איינדרעמלען... און די צעשראָקענע בת שבע האָט פון איהם די אויגען נישט אַראָפּגענומען. זיין כראָפּען האָט זיך צעטראָגען איבער׳ן הויז. און בת שבע האָט איצט געגומען טראַכטען פון א פּלאַן, ווי אַזוי צו אַנטלויפען פון הויז... זי האָט געוואוסט, אז נעבען הויז שטעהען דעם אָפיציר׳ס סאָלדאַטען אויף דער וואַך... זי איז פאַמעליך צוגעגאַנגען צום פענסטער... אָבער זי האָט באַמערקט, אז די סאָלדאַטען זיינען וואַך... זי וועט פּרובירען זיך ביי זיי אָפּבעטען, אפשר וועלען זיי איהר אָפּלאָזען... זי ווייסט, אז זיי וועלען דאָס איהר נישט טאָן...

בת שבע איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי פּאַוואָלינקע אויפגעעפענט...

— וואוהין ווילסטו געהן? — איז איינער פון וואַך צו איהר צוגעגאַנגען

—מיין האר, דער אפיציר, האט מיך געבעטעו, איך זאל ארויפטראגען נאך וויין פון קעלער...

— איך וועל איהם פרעגען, צי עס איז ריכטיג! — האט דער פלישתי סאלדאט איהר געזאגט...

— דו קענסט איהם פרעגען — האט בת שבע געזאגט א צעשראקענע.

דער סאלדאט איז מיט איהר אריין אינעווייניג און האט דערזעהן, אז זיין אפיציר כראפעט גאנץ געשמאק...

— אהא, דו האסט געוואלט פון מיין האר אנטלויפען! — האט דער סאלדאט אויסגעשריען.

— איך בעט דיך, לאז מיך געהן! — האט בת שבע גענומען וויינען — איך וועל דיין גנארע קיינמאל נישט פארגעסען...

— וואס? פאר אזא נאר האלסטו מיך! איך זאל דיך אפלאזען און בעטריגען מיין האר! — האט ער אויסגעשריען און איז גלייך צוגעגאנגען צום אפיציר און איהם אנגעהויבען וועקען.

— וואס איז? — איז דער שכור'ער אפיציר אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ.

— דאס אידישע מיידעל האט געוואלט פון דיר אנטלויפען, מיין האר! — האט ער אויסגערופען, האלטענדיג שטארק בת שבע'ן פאר איהר האנד...

— אנטלויפען פון מיר! — האט דער שכור'ער פלישתי אנגעכאפט איהר פארביידע הענד... דו וועסט שוין פון מיר נישט אנטלויפען...

ער האט א וואונק געטאן צום סאלדאט, ער זאל איהם איבערלאזען אליין מיט איהר.

דער סאלדאט האט זיך ארויסגערוקט פון הויז.

— איצט וועסטו שוין זיין מיינע — האט דער אפיציר גענומען שלעפען בת שבע'ן צו זיך.

בת שבע האט זיך מיט איהם גענומען ראנגלען. זי האט איהם זיינע הענד צעביסען... זי האט זיין פנים צעדראפעט... דער פלישתי האט איהר אבער מיט זיינע אייזערנע לאפעס ארומגענומען און איהר געוואלט א קוש טאן... בת שבע האט זיין פנים אפגעשטופט און זיך גענומען ראנגלען און שרייען... דער פלישתי האט גענומען רייסען פון איהר די קליידער. בת שבע האט זיך גע־ווערט, איהם געביסען...

אין דרויסען האט שוין גענומען טאגען . . .

פלוצלונג האט זיך די טיר פון הויז אן עפען געטאן, און דוד מיט אוריה'ן זיינען אין הויז אריין...

— דו אומווירדיגער פלישתי! — האט דוד אויסגערופען און מיט זיין שווערד זיין קאפ אראפגעהאקט.

אוריה האט די פאר'חלש'טע בת שבע אפגעמינטערט...

— זי איז דאך טאקע א זעלטענע שעהנהייט, — האט זיך דוד אפגערופען.

—געלויבט איז גאט, וואס מיר זיינען אין צייט אנגעקומען...

בת שבע האט אויפגעעפענט איהרע אויגען און דערזעהן דוד'ן מיט אוריה'ן.

— אה, איהר האט מיך פון א שענדליכען טויט גערעטעט! — האט זי

זיך צו זיי אפגערופען. — געבענשט זייט צו גאט! איז אונזער שטאדט געראטעט? אה, וואו איז מיין מוטער און מיין פאטער?

— וויין נישט, בת שבע! — האט איהר דוד גענומען בארוהיגען.

— בת שבע?! וואס? איהר ווייסט דען מיין נאמען? ווער זייט איהר דאס?... מלאכים פון הימעל! גאט, איז עס א חלום?...

— דיינע עלטערען האבען אונז צו דיר געשיקט, מיר זאלען דיך רעטען. און געלויבט איז גאט, וואס מיר זיינען נישט געקומען צו שפעט... דיינע עלטערען געפינען זיך נעבען די טויערען פון שטאדט, — האט איהר דוד געזאגט.
— און דו, אוריה, — האט ער זיך צו איהם אפגערופען, — נעהם איהר ארויף אויף דיין פערד און רייט שנעל ארויס פון שטאדט און גיב איהר איבער צו די הענד פון איהרע עלטערען.

אוריה האט בת שבע'ן געהאלפען ארויפשטייגען אויף זיין פערד און נאכהער איז ער אליין ארויף אויפ'ן פערד און שנעל ווי א בליץ, איז ער מיט איהר ארויסגעריטען פון שטאדט...

דוד האט דערוויל א קאמאנדעווע געטאן צו זיינע גבורים:

— לאמיר געהן פון הויז צו הויז און אויסשלאכטען די פלישתים.

עס איז געווארען א טומעל אין שטאדט... די פארשלאפענע פלישתים האבען זיך פלוצלונג דערוואוסט, אז די אידישע מחנות זיינען אריינגעקומען אין שטאדט... עס איז געווארען א געלאף. יעדערער פון זיי האט זיך געזוכט צו ראטעווען. אבער זיי זיינען אלע געפאלען פון דוד'ס שווערד און פון די שווערדען פון זיינע גבורים... קליינע פלישתים מחנות האבען זיך געפרואווט געגענשטעלען, אבער זיי זיינען געפאלען אין שלאכט מיט דוד'ן... די פלישתים, וועמען עס איז געלונגען צו אנטלויפען פון שטאדט, זיינען געטויטעט געווארען פון די איבריגע גבורים, וועלכע האבען געוואכט ביי די טויערען פון שטאדט.

ווען אוריה האט בת שבע'ן איבערגעגעבען צו איהרע עלטערען, איז צו זייער שמחה קיין גרעניץ נישט געווען. זיי האבען איהר געהאלזט און געקושט און געוויינט פון גליק.

בת שבע האט זיי דערציילט אלעס, וואס ס'איז פארגעקומען...

— ווען נישט יענער העלדישער יונגערמאן, וועלכער איז געקומען אין צייט און האט מיט זיין שווערד דעם אפיציר'ס קאפ אפגעהאקט, וואלט איך שוין זיכער מעהר נישט געווען צווישען די לעבעדיגע... אה, ווער איז ער דאס יענער וואונדערבארער העלד?...

— דאס איז דאך דוד—דער, וועלכער האט גלית'ן צום טויט געשלאגען! —האט איהר אליעם געזאגט. — אבער מיין טאכטער, דו דארפסט דאך אויך באדאנקען דיזען יונגען העלד. ער האט זיין לעבען אין סכנה געשטעלט און אליין געלאפען צייגען דוד'ן אונזער הויז... און איצט האט ער דיך צו אונז געבראכט...

— איך וועל קיינמאל נישט פארגעסען דיין בראווקייט און גוטסקייט— האט בת שבע צו איהם געזאגט מיט דאנקבארע אויגען.

אוריה האט זיך פארניגט און איהר א קוש געטאן אין האנד...

— זאג דאך מיר צו, מיין האר, — האט אליעם געזאגט צו אוריה'ן, —

אז נאכדעם, אז אלעס וועט רוהיג ווערען, וועסטו באזוכען מיין הויז... איך וואלט וועלען האבען א בעסערע געלעגענהייט דיר אפצודאנקען...

— איך דאנק דיר, מיין האר, איך נעהם דיין איינלאדונג גערן אן, — האט אוריה זיך אפגערופען. — עס וועט זיין מיין גרעסטער פארגעניגען צו געפינען זיך אונטער איין דאך מיט דיין שעהנער איידעלער טאכטער...

בת שבע'ס פנים האט זיך באגאסען מיט רויטקייט... זי האט ארונטער־געלאזען איהרע שעהנע אויגען און א שמייכעל געטאן...

— ווען דו וועסט זעהן דיין האר דוד'ן — האט זי זיך אפגערופען צו אוריה'ן, — גיב איהם אויך איבער מיין הערצליכען דאנק... איך וואלט זיך זעהר גליקליך געשעצט, ווען איך וואלט איהם קענען זעהן פאר זיין אוועקגעהן פון אונזער שטאדט און איהם נאך אמאל באדאנקען פאר זיין העלדישקייט...

— איך גלויב, אז מיר וועלען נאך דא אין בית־שמש פארבלייבען נאך עטליכע טעג, ביז וואנען אלעס וועט שטיל ווערען, און די גרעניצען וועלען זיכער זיין פון ווייטערע אנפאלען פון די פלישתים...

דעם זעלבען טאג האבען אלע אנטלאפענע אידען זיך אומגעקערט אין בית־שמש. דער שאדען, וואס די פלישתים האבען פאראורזאכט, איז נישט געווען זעהר גרויס, ווייל זיי האבען נאך קיין צייט נישט געהאט... בלויז איינינע איינוואוינער זיינען פארוואונדעט געווארען... זייער שמחה איז געווען גרויס.

ווען דוד און די גבורים זיינען דורכגעגאנגען די גאסען פון בית־שמש, זיינען ארויסגעגאנגען די פרויען אנטקעגען און האבען גענומען זינגען לויב־געזאנגען צו דעם העלדישען דוד.

ווען בת שבע האט דערזעהן דוד'ן, איז זי צו איהם צוגעלאפען, געפאלען צו דער ערד און זיך פארנייגט פאר איהם.

— מיין האר! — האט זי מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט — דו האסט דיין דינסט'ס לעבען און עהרע געראטעוועט... וועל איך דען ווען עס איז אימשטאנד זיין דיך צו באלוינען פאר דיין העלדישקייט...

דוד איז ארונטער פון פערד און געהאלפען בת שבע'ן אויפשטעהן. ערשט איצט האט ער דערזעהן, ווי וואונדער־שעהן זי איז...

"יע", האט ער געטראכט, "איהרע עלטערען האבען נישט איבערטריבען"...

ער האט זיך זעהר גליקליך געפיהלט, וואס ער איז אין צייט געקומען און איהר פון דעם פלישתי'ס אומריינע הענד געראטעוועט... איין קליינע ווילע, ווען ער וואלט פארשפעטיגט אנצוקומען מיט אוריה'ן, דאן וואלט דיזע צארטע שעהנע בלום פאראומרייניגט געווארען דורך דעם פלישתי'שען אפיציר...

בת שבע האט אויף איהם געקוקט מיט איהרע שעהנע אויגען, וואס זיינען געווען פול מיט דאנקבארקייט...

א ווילע איז דוד געשטאנען ווי פאר'שכור'ט פון בת שבע'ס שעהנקייט... באלד אבער האט ער זיך דערמאנט אן זיין מיכל'ן, און א גליקליכע פרייד האט זיך צוגאסען איבער זיין לייב...

"בת שבע איז שעהן... אבער מיכל איז די שענסטע..." האט דוד געטראכט.

— איך פיהל זיך גליקליך, דאס איך האב די געלעגענהייט דיר נאך אמאל צו דאנקען — האט בת שבע געזאגט, און טרעהרען האבען זיך אין איהרע אויגען באוויזען...

— דעם גרעסטען דאנק, דו שעהנע צווישען טעכטער, קומט דאך מיין העלד אוריה'ן... ער האט מיט זיין פלינקקייט און בראווקייט באוויזען מיר אין צייט אנצוזאגען און מיר צייגען דיין הויז...

ווען בת שבע האט אויפגעהויבען איהרע אויגען, האט זי זיך באגעגנט מיט אוריה'ס בליקען...

— אט איז ער טאקע, אוריה החתי! — האט דוד געזאגט צו בת שבע'ן — ער פארדינט זיכער דיין אנערקענונג. — ער האט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין פערד און, מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען, האט ער איבערגעלאזען אוריה'ן מיט בת שבע'ן און ער מיט זיין ארמעע האבען ווייטער געריטען...

צעהן טעג האט דוד מיט זיינע גבורים פארבראכט אין בית־שמש. און ווען ער איז זיכער געווען, אז די פלישתים וועלען שוין מעהר נישט וואגען צו קומען באלעסטיגען די דארטיגע איינוואוינער, האט ער באשלאסען זיך אומצוקעהרען נאך גבעה.

ווען די עלטסטע פון שטאדט האבען זיך דערוואוסט, אז דוד מאכט הכנות צו פארלאזען בית־שמש, זיינען זיי צו איהם ארויסגעקומען און זיך אפגערופען:

— דו האסט, דוד, אונזער שטאדט געראטעוועט פון די פלישתים'ס הענד... אונזערע פרויען און קינדער האסטו פון געפאנגשאפט באפרייט, און אן אונזער גרעסטען שונא האבען מיר א נקמה דערלעבט. דערפאר זאל גאט דיר געבען זיין ברכה און באגליקען דיך אין אלע דיינע וועגען... אבער איצט, אז אונזער האר דוד פארלאזט אונז מיט זיין חיל, וואס וועלען מיר טאן, אז די פלישתים וועלען זוכען נוקם צו זיין זיך אן אונז און זיי וועלען ווידער אונזער שטאדט באפאלען? מיר זיינען דאך נישט זיכער מיט אונזערע לעבענס!...

— נישט אזוי גיך וועלען די פלישתים וואגען נאך אמאל צו באפאלען אייער שטאדט — האט דוד געענטפערט — אבער פונדעסטוועגען וועל איך צוליב זיכערקייט איבערלאזען אין בית־שמש פופציג באוואפענטע גבורים צו באשיצען אייך פון א ווייטערען איבערפאל פון די פלישתים.

דוד האט אויסגעקליבען פופציג פון זיינע טויזענט העלדען און ער האט זיי איבערגעלאזען אין בית־שמש. אוריה'ס דעם חתי האט ער געמאכט אלס זייער שר המשים און מיט די איבעריגע העלדען האט ער זיך אומגעקערט אין גבעה.

ווען דוד איז אנגעקומען אין גבעה מיט זיין גדוד (לעגיאן) איז שאול ארויס מ'ט יונתן באגעגענען איהם. זיי האבען גלייך באמערקט אז פופציג גבורים פעהלען.

— וואס? דו האסט פארלארען פופציג סאלדאטען אין דיזער קליינער מלחמה מיט די פלשתים?! — האט שאול אויסגערופען מיט כעס — ביי דיר, ווי עס שיינט, האט דאס לעבען פון מיינע סאלדאטען קיין גרויסע ווערדע נישט.

— מיין האר קעניג! — האט זיך דוד פערנייגט — מיר האבען קיין איינציגען פון די גבורים פארלארען, — די איינוואהנער פון בית שמש האבען מורא געהאט פיעלייכט וועלען די פלשתים זוכען נקמה צו נעהמען פון זיי און זיי האבען דעריבער פערלאנגט מיר זאלען איבערלאזען איניגע באוואפענטע גבורים צו בעשיצען די שטאדט.

— דערצעהל דאך דוד ווי אזוי דו האסט צוריק איינגענומען די שטאדט בית שמש? — האט יונתן געזאגט.

דוד האט אלע איינצעלהייטן דערצעהלט און האט פארענדיגט: — מיט אזעלכע העלדישע סאלדאטען וועט גאט אלע אונזערע שונאים אונטערטהעניג מאכען צו אונזער קעניג.

שאול האט יעצט געזעהן אז דוד באגליקט וואוהין ער זאל זיך נישט קעהרען און די אייפערזוכט האט זיך ווידער גענומען צופלאקערען אין איהם... זיין איינציגע האפנונג איז יעצט אז דוד זאל געטויטעט ווערען פון די פלשתים, ער וועט איהם לאזען חתונה האבען מיט מרב'ן ווי זי האט איהם צוגעזאגט און שיקען איהם אין דעם פלשתים לאנד דארטען מלחמה צו האלטען און סוף כל סוף וועט ער מוזען אריינפאלען אין זייערע הענט...

— יעצט זעה איך, דוד, אז דו ביזט טאקע א גרויסער העלד — האט שאול צו איהם געזאגט — קום אריין אין פאלאץ און איך וועל זיך דורכריידען מיט מיין טאכטער וועגען דיר... איך וועל האלטען מיין ווארט, איך וועל דיר מאכען פאר מיין איידעם!

דער קעניג און דוד און יונתן זיינען אריין אין פאלאץ... — דו ווארט דא צו מיט יונתן, — האט זיך שאול אפגערופען צו דוד'ן און איך וועל דערווייל איבעררייידען מיט מיין טאכטער מרב'ן, און ווען זי וועט איינשטימען, דאן וועלען מיר די חתונה אויף לאנג נישט אפלעגען.

דוד האט געשוויגען, א טרויער האט בעצויגען זיין פנים, און א שטילער זיפץ האט זיך פון זיין ברוסט ארויסגעריסען...

— מיין ברודער! — האט זיך יונתן צו איהם אפגערופען — דו האסט גארנישט וואס צו זארגען — מרב איז שוין פער'קנס'ט צו עדריאל'ן פון מחולה און זי ווארט נאר אויף א געלעגענהייט צו בעטען דעם פאטער'ס ערלויבניס... איך בין זיכער אז ווען דער פאטער וועט אויסגעפינען אז מיכל ליעבט דיר און דו ליעבסט איהר וועט ער מיט צופריעדענהייט זיין הסכמה געבען...

— איך האב אבער מורא אז דער קעניג טראגט נאך אלץ א שנאה אויף מיר און יעצט אז מיט מרב'ן וועט גארנישט ארויסקומען, וועט ער פיעלייכט נישט וועלען איהר פערבייטען אויף מיכל'ן.

— איך האב שוין וועגען דיר און מיכל'ן אויך גערעדט מיט מיין מוטער און זי וועט אונז אויך דערצו העלפען. — האט יונתן געזאגט...

שאול האט געשיקט רופען זיין עלטערע טאכטער און ווען זי איז צו איהם געקומען האט ער זיך אפגערופען:

— מרב, מיין טאכטער, איך וויל מיט דיר רעדען וועגען דוד'ן... דו ווייסט דאך אז איך האב צוגעזאגט צו געבען דעם זיעגער פון גלית'ן מיין טאכטער פאר א פרוי... איך וויל האלטען מיין ווארט און דיר אפגעבען צו דוד'ן. ביזטו צופריעדען?

א ווייל איז מרב געשטאנען, די אויגען צום באדען ארונטערגעלאזען און געשוויגען... א רויטקייט האט בעדעקט איהר פנים...

— האט דען דוד ביי דיר נישט אויסגענומען?! — האט דער קעניג איהר געפרעגט פארוואונדערט — דוכט זיך אז ער האט געפונען גנאדע אין די אויגען פון אלע פרויען... זיי האבען דאך צו איהם אזוי פיעל ליעב געזאנג געזונגען... איהם צעהנדליגע טויזענדע געגעבען... ווי קומט עס אז דו ביזט גאר אזוי קאלט צו איהם? ווילסטו דען נישט הייראטען מיט איהם?

— ניין, מיין ליעבער פאטער; איז מרב דרייסטער געווארען — אויב דו וועסט נישט זיין אויף מיר אין כעס וועל איך דיר גלייך זאגען די אורזאכע.

— זאג דאך מיר מיין טאכטער — האט שאול א שמייכעל געטהאן, איך וואלט וועלען הערען וואס דו האסט אויסצוזעצען געגען דוד'ן.

— נאך איידער דוד האט דעם פלשתי געטויטעט — האט מרב געענט־פערט — האב איך מיין האנט גענעבען צו... עדריאל'ן פון מחולה...

— עדריאל פון מחולה?! — האט שאול געשטוינט — און איך האב די גאנצע צייט דערפון נישט געוואוסט... יע, עדריאל איז זעהר א בראווער יונג. איך האב איהם זעהר ליעב, אבער ווי אזוי קען איך ברעכען מיין ווארט צו דוד'ן... דאס גאנצע פאלק ווייס פון מיין צוזאג...

— פאטער! — האט מרב זיך אפגערופען — דו האסט דאך נאך א טאכטער...

— איך זאל איהם געבען מיכל'ן? ניין, מיין טאכטער, וועגען דעם האב איך גארנישט געטראכט... זי איז דאך נאך אזוי יונג...

— אבער מיכל איז שטארק פערליעבט אין דוד'ן! — האט מרב געזאגט שמייכלענדיג.

שאול האט א ווייל'ע געטראכט נאכהער האט ער זיך אפגערופען: — אפשר איז עס טאקע נישט קיין שלעכטער פלאן... ביזטו זיכער אז מיכל איז אין איהם פערליעבט, מיין טאכטער?

— יע, איך האב עס אליין געהערט פון איהר מויל — האט מרב געזאגט.

— אויב אזוי איז עפעס אנדערש! — האט שאול אויסגערופען — שיק מיר אריין מיכל'ן איך וויל מיט איהר ריידען.

מרב איז ארויס א צופריעדענע און צוגעגאנגען צו מיכל'ן און איהר געזאגט:

— געה אריין צום פאטער, מיין שוועסטער, ער וויל מיט דיר ריידען וועגען דוד'ן, ער ווייס שוין אלעס... איך האב איהם דערצעהלט אז דו ביזט אין איהם פערליעבט...

— מרב, דו האסט איהם דערצעהלט! — האט מיכל אויסגערופען — זאג דאך מיר איז דער פאטער אין כעס געווארען?... האט ער דיר עפעס געזאגט וועגען דעם?...

— ניין, מיכל, איך גלויב אז דער פאטער איז געווען צופריעדען פון דעם... איך האב איהם אויך געזאגט וועגען עדריאל'ן... און ער האט גארנישט געהאט דאגעגען... געה דאך שנעלער צו איהם און דיינע חלומות וועלען באלד פערווירק־ליכט ווערען...

מיכל איז אריינגעגאנגען צו איהר פאטער אין צימער מיט א קלאפענדע הארץ. איהר פנים האט געפלאמט און איהרע אויגען האבען געגלאנצט...

— זאג מיר, מיכל — האט זיך שאול צו איהר אפגערופען — איז דאס אמת אז דו ביזט פערליעבט אין דוד'ן, נאך איידער ער האט גלית'ן געטויטעט?

— יע, ליעבער פאטער, זינט דוד האט מיר פון דעם פלשתי'ס הענט גע־רעטעט, האב איך איהם ליעב בעקומען. מעהר פון אלעס אין דער וועלט...

— הייסט דאס אז ביי דיר איז דוד טייערער ווי דיין אייגענער פאטער און זיין קרוין? — האט דער קעניג איהר האסטיג א פרעג געטהאן.

— אבער פאטער, — האט זיך מיכל אפגערופען דערשראקען — איך פער־שטעה דאך נישט וואס דו מיינסט דערמיט!

— דו זאגסט מיר אז דו האסט ליעב דוד'ן מעהר פון אלעם אין דער וועלט, הייסט עס דאך אפילו מעהר פון מיר און דיין מוטער...

— איך האב געמיינט — האט זיך מיכל פערענטפערט מיט א שמייכעל — מעהר פון אלע מענער אין דער וועלט וועלכע וואלטען מיין האנט געזוכט...

— דו ליעבסט איהם זעהר שטארק! — האט שאול ווידער געזאגט — און אפילו ווען דו וואלסט געוואוסט דאס ער האט אין זינען מיך אומצוברייננגען און ירש'נען מיין קרוין וואלסטו נאך אלץ איהם ליעב געהאט...

— אבער פאטער! — האט מיכל זיך אפגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען — פארוואס זאלסטו גאר אזוי טראכטען וועגען דוד'ן, זעהסטו דען נישט ווי איבערגעגעבען און געטריי ער איז דיר? ער איז אימער געגרייט איינצו־שטעלען זיין לעבען פאר דיר. איז ער דען נישט געגאנגען קעמפפען מיט די פלשתים און דאמיט דיין נאמען געגרויסט?

— דו ביזט גערעכט מיכל — האט שאול געשאקעלט מיט'ן קאפ — דוד איז מיר יעצט איבערגעגעבען און געטריי, אבער זאג מיר מיין טאכטער, איך בעט דיר, ווען דו וועסט איהם הייראטען און דו וועסט פון איהם אויסגעפינען אז ער טראכט און פלאנעוועט מיר, דיין פאטער, שלעכטעס צו טאהן, וועסטו דען נישט זיין געטרייער צו איהם ווי צו מיר, און איהם נאך העלפען אויספיהרען זיינע פלענער... ווייל דיין ליעבע צו איהם איז זעהר שטארק...

— אה ניין, ליעבער פאטער, רייד נישט אזוי... עס איז אוממעגליך גאר צו דענקען אזוי פון דוד'ן! אבער ווען אזא זאך זאל יע געשעהן און איך וואלט אויסגעפונען אז דוד טראכט צו טהאן שלעכטעס דיר, מיין ליעבען פאטער, דאן וואלט איך דוד'ן דערפאר געהאסט און איך וואלט מעהר נישט געוואלט קענען... איך וואלט פון זיין הויז צוריק צו דיר אנטלאפען, און דיר איבערגעגעבען אלעס וואס ער טראכט צו טהאן צו דיר. אבער דאך וואלט איך וועלען, פאטער אז דו זאלסט דוד'ן נישט בעשולדיגען דאס ער טראגט זיך ארום מיט אזעלכע גע־דאנקען... ער איז ריין און אומשולדיג ווי א מלאך...

— אויב דיין פאטער'ס עהרע און זיכערקייט שטעהט ביי דיר העכער ווי דיין ליעבע צו דוד'ן — האט שאול אויסגערופען מיט פרייד — דאן וועל איך דיר לאזען חתונה האבען מיט איהם — און איך בין זיכער אז ער וועט פון דיר קיין זאך נישט פערבארגען, און ווען דו וועסט אויסגעפינען אז מיין חשד איז אויף עטוואס בעגרינדעט, דאן האף איך וועסטו מיר גלייך מודיע זיין, כדי איך זאל זיך וויסען ווי צו היטען פון איהם... שווער מיר צו, מיין טאכטער אז דו וועסט אזוי טהאן.

מיכל האט אויפגעהויבען איהר רעכטע האנט און געזאגט:

— איך שווער צו דיר, מיין ליעבער פאטער, אז ווען איך וועל אויסגעפינען אז מיין מאן, דוד, טראכט דיר אדער דיין קרוין צו שעדיגען, וועל איך דיר אלעס ענטדעקען און איהם וועל איך מעהר נישט וועלען קענען...

— דו ביזט זעהר א געטרייע טאכטער, מיכל — האט איהר שאול געקושט — און איך בין זיכער, אז דו וועסט האלטען דיין שבועה צו מיר. אט וועל איך אריינרופען דוד'ן און אייך ביידען מיין בענשונג געבען...

— אה, איך דאנק דיר, פאטער פאר דיין גוטהערציגקייט, דו האסט מיר יעצט זעהר גליקליך געמאכט.

— דו ווייסט דאך, מיין טאכטער, ווי שטארק ליעב איך האב דיר, און דיין גליק מיינט אויך מיין גליק. דאך יעצט ווען איך גיב דיר אפגעבען צו דוד'ן אלס זיין פרוי, בין איך נאך נישט אזוי זיכער צו ער האט דיר אויך שטארק ליעב...

— אין דעם בין איך זיכער! — האט מיכל א שמייכעל געטהאן — און אויך יונתן ווייס דערפון.

שאול האט א קלונג געטהאן און א לייב וועכטער האט זיך בעוויזען.

— געה רוף מיר אריין דוד'ן! — האט שאול איהם געזאגט.

דער לייב וועכטער האט זיך פערנייגט און איז ארויס. און באלד נאכדעם איז דוד אריין אין צימער וואו שאול און מיכל זיינען געווען, זיין פנים האט אויסגעזעהן בלאס און צושראקען... ווען אבער ער האט בעמערקט מיכל'ן האט ער געקראגען צוריק זיין קאליער... עפעס א ווארימקייט האט זיך צוגאסען איבער זיין גאנצען קערפער... ער האט זיך פערנייגט פאר'ן קעניג און זיך צוריק אויסגעגלייכט.

שאול האט בעטראכט דעם יונגען העלדישען דוד'ן און ווידער האט זיך אין איהם אריינגענב'עט א בייזע מחשבה... יעצט, ווען דוד וועט ווערען זיין איידים — קען איהם נאך גרינגער אנקומען די מלוכה... אט קומט גאר אויס אז ער אליין העלפט נאך דערצו... ער האט איהם געמאכט פאר א שר אלף און איהם געלאזען געהן מלחמה האלטען מיט די פלשתים... און נאך אמאל האט ער זיך צוריקגעקעהרט א זיעגרייכער פון דער מלחמה... וואס ווייטער ווערט אט דער דוד מעהר בעליעבט ביים פאלק און ער אליין איז נאך דערצו גורם... דוד ווערט מעכטיגער. פאפולערער און ער, דער קעניג, ווערט שוואכער... באלד, מסתמא, וועלען די פרויען נעמען זינגען א נייעם ליעד פאר דוד'ן און וועלען איהם געבען "הונדערטע טויזענדע"... ניין, ער טאר דערצו נישט דערלאזען! ער מוז זעהן פטור צו ווערען פון איהם... און טאקע מיכל זאל זיין דער נעץ פאר איהם.. דורך איהר וועט ער מיט זיין לעבען בעצאהלען.. זאל ער וויסען אז נישט אזוי גרינג קען ער בעקומען די שעהנע מיכל פאר זיין ווייב...

א שטילקייט האט געהערשט אין צימער, נישט דוד און נישט מיכל האבען געוואגט אונטערצוברעכען די שטילקייט, און שאול האט נאך אלץ געטראכט פון דוד'ן זוכענדיג פערשיעדענע מיטלען ווי אזוי פטור צו ווערען פון זיין געפעהרליכען שונא... יע, דער איינציגער מיטעל איז צו שיקען איהם נאך טיעפער אין פלשתים לאנד אויפצורייצען די פלשתים — האט שאול בעשלאסען און פריהער אדער שפעטער וועט ער אריינפאלען אין זייערע הענט...

— דוד, האט זיך שאול פלוצלונג אפגערופען — מיין טאכטער מיכל האט מיר איבערגעגעבען דאס זי ליעבט דיר זעהר פיעל און זי וויל איך זאל מיין הסכמה געבען צו אייער היירא‏ט.

מיכל'ס פנים איז געווארען רויט ווי פייער זי האט שעמעוודיג איהרע אויגען ארונטערגעלאזען...

שאול האט עס בעמערקט און מיט א שמייכעל געזאגט! "מיכל, דו געה ארויס אויף א ווייל'ע פון צימער און איך וועל זיך מיט דוד'ן אליין דורכריידען.

מיכל האט פערלאזען דעם צימער... דוד׳ס הארץ האט גענומען שטארקער קלאפען ווען ער איז אליין געבליבען מיט דעם קעניג.

— פערשטעהסטו מיר, דוד — האט זיך שאול אפגערופען צו איהם איך האב דיר פערשפראכען אפצוגעבען פאר א פרוי מיין עלטערע טאכטער מרב. און איך האב געוויס געגלויבט צו האלטען מיין ווארט... אבער איך האב היינט ערפאהרען פון מרב׳ן אז זי האט איהר הארץ שוין לאנג אפגעגעבען צו עדריאל׳ן פון מחולה, — נאך איידער דו האסט גלית׳ן געטויטעט... און אויב אזוי בין איך דאך נישט שולדיג אז איך קען מיין ווארט צו דיר נישט האלטען...

דוד׳ס קניע האבען זיך גענומען בויגען, און זיין פנים האבען זיך קאליער־רען געביטען. פאר זיינע אויגען האט אלעס גענומען שווינדלען הייסט עס אז אלעס איז פערלארען... דער קעניג וויל איהם מיכל׳ן נישט אפגעבען...

— דאך אבער האט זיך שאול ווידער אפגערופען ווען מיכל האט מיר דערצעהלט אז זי ליעבט דיר, האב איך זיך גענומען אין דעם אריינטראכטען צו דו האסט ווירקליך פערדיענט צו קריגען פאר א פרוי מיין אינגערע טאכטער, וועלכע איז אזוי שעהן און נאבעל... ליעבסטו איהר שטארק גענוג אז קיין זאך אין דער וועלט וועט פאר דיר נישט צו שווער זיין צו טהאן פאר איהר...

— אה מעכטיגער קעניג האט דוד פלוצלונג אויסגערופען — איך ליעב מיכל׳ן מיט אלע פיבערן פון מיין נשמה... איך בין געגרייט מקריב צו זיין מיין לעבען פאר איהר צו יעדער צייט... קיין זאך וועט מיר נישט זיין צו שווער צו טאהן און צו קריגען מיכל׳ן פאר מיין פרוי.

— גוט! — האט שאול אויסגערופען — איך וועל דיר אפגעבען מיכל׳ן פאר דיין פרוי — אבער מיט דעם בעדינג אז דו זאלסט אריינדרינגען אין פלשתים לאנד און אויסשלאכטען הונדערט פלשתים און זייערע קעפ זאלסטו צו מיר ברייגנען אלס א מהר (נדן) פאר מיין טאכטער, מיכל׳ן.

— נישט נאר הונדערט קעפ פון דעם קעניג׳ס שונאים — האט דוד א גליק־ליכער אויסגערופען, אבער אפילו צוויי הונדערט קעפ פון די פלשתים וועל איך צושטעלען דעם קעניג — און זאל דער קעניג וויסען ווי טייער און ליעב מיכל איז מיר.

— נו, אויב אזוי וועסטו קענען גלייך מיט איהר הייראטען, אבער זעה און לעג דאס נישט אפ... ווייל איך ווינש וואס שנעלער צו זעהן די נקמה אן אונזערע גרעסטע שונאים — האט שאול מיט צופריעדענהייט געזאגט.

דוד איז געווען אזוי גליקליך דאס דער קעניג האט דייטליך איהם צוגעזאגט אפצוגעבען מיכל׳ן אז ער האט גארנישט געטראכט וועגען דער געפעהרליכער בעדינגונג וואס שאול האט איהם געשטעלט... הונדערט קעפ פון זיינע שונאים! וואס פאר א ווערדע האט עס! יע, ער וועט דעם צאהל פערדאפלען, זאל ער דער קעניג זעהן ווי טייער מיכל איז ביי איהם...

ארויסגעהענדיג פון קעניג׳ס צימער, האט ער בעגעגענט יונתן.

— איך דערקען אן דיין פנים דוד — האט איהם יונתן ארומגענומען אז דו האסט מיר צו דערצעהלען עטוואס פרעהליכעס.

— יע, מיין ברודער איך בין יעצט דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט... דער ליעבער גאט איז צו מיר גוט, און טוט פון מיר זיין חסד נישט אפ... דער קעניג האט איינגעוויליגט מיר צו געבען מיכל׳ן אנשטאט מרב׳ן!...

— איך ווינש דיר גליק פון מיין גאנצען הארצען — האט איהם יונתן געקושט — א, ווי גליקליך מיין שוועסטער מיכל וועט יעצט זיין. ווייס זי שוין דערפון ?...

— דער קעניג האט מיכל'ן ארויסגעשיקט פון צימער ווען ער האט מיר זיין צושטימונג געגעבען ! — האט דוד געענטפערט.

— אויב אזוי דארפען מיר דאך גלייך געהן אנזאגען מיכל'ן וועגען דעם !

— האט יונתן אויסגערופען — אבער זאג דאך מיר, אויף ווען האט מיין פאטער בעשטימט די חתונה ?

— די חתונה ? — האט זיך דוד ווי אויסגעניכטערט — א אזוי שנעל ווי איך וועל פארטיג ווערען מיט דעם "מהר" (נדן)...

— איך פערשטעה נישט וואס דו מיינסט דאמיט, מיין ליעבער ברודער — האט איהם יונתן אנגעקוקט ערשטוינט — וועגען וואס פאר א "מהר" רעדסטו ?

— דער קעניג האט מיר געזאגט, דאס ער גיט מיר אפ זיין אינגערע טאכטער מיכל'ן מיט דעם בעדינג אז איך זאל איהם צושטעלען הונדערט קעפ פון אונזערע גרעסטע שונאים, די פלשתים...

— און דו האסט דעם בעדינג אנגענומען ? — האט יונתן איהם געפרעגט — וויסטו דען נישט די גרויסע סכנה וואס שטעקט אין אזא אונטערנעמונג... דו וועסט דאך מוזען ארייגדרינגען אין פלשתים לאנד, און דיר זיינען די וועגען און שטעגען אומבעקאנט, דו וועסט נישט וויסען וואוהין זיך צו קעהרען... א חוץ דעם וויסטו דאך ווי פערביטערט די פלשתים זיינען קעגען דיר, און ווען זיי וועלען זיך דערוויסען אז דו געפינסט זיך אין זייער לאנד, וועלען זיי דען נישט אנשטרענגען אלע זייערע כוחות אום דיר צו באשטראפען... ניין, מיין ליעבער דוד, טו נישט אזא געפעהרליכען שריט, מיין הארץ שרעקט מיר פאר דיר ! דו שטעלסט דיין לעבען אין גרויס געפאהר...

— גאט וועלכער האט מיר ביז יעצט געהיט און בעשיצט פון אלע געפאהרען, וועט מיר אויך אויף ווייטער נישט פערלאזען — האט דוד געזאגט — איך בין זיכער אז איך וועל קענען נאכקומען דעם בעדינג און צושטעלען דעם קעניג די צוויי הונדערט פלשתים קעפ...

— צוויי הונדערט ? ! — האט יונתן זיך אפגערופען — דו האסט דאך מיר געזאגט אז מיין פאטער פערלאנגט בלויז הונדערט פלשתים קעפ...

— אמת, דער קעניג האט פערלאנגט בלויז הונדערט פערשטאפטע קעפ פון די פלשתים. אבער איך האב איהם צוגעזאגט צוצושטעלען צוויי הונדערט, וויל קיין זאך איז פאר מיר צו שווער צו טהאן צוליעב מיכל'ן...

— אבער איך בין זיכער — האט יונתן געזאגט — ווען מיכל זאל זיך דערפון דערוויסען, וועט זי נישט דערלאזען דו זאלסט דיין לעבען אין געפאהר שטעלען צוליעב איהר.

— דעריבער בעט איך דיר, טאקע מיין טייערער ברודער, דו זאלסט דערוויל וועגען דעם א ווארט נישט דערמאהנען צו מיכל'ן — האט דוד געזאגט.

— דו ווייסט דאך אבער, דוד, ווי ליעב און טייער דו ביזט אויך צו מיר. און איך וואלט זעהר נישט וועלען דו זאלסט דיין לעבען איינשטעלען אין אזא גרויסען געפאהר... — האט יונתן איהם געזאגט.

— האסטו אליין דען נישט דאסזעלבע געטהאן צוויי מאהל? — האט דוד געזאגט — איינמאל ווען דו האסט פערשטעלטערהייט זיך אריינגעגנב'עט אין די גרעניצען פון די פלשתים און דעם צווייטען מאל ווען דו און דיין נושא כלים זיינען בעפאלען דעם מצב פלשתים און זיי געטויטעט און דערמיט גע־האלפען געווינען די מלחמה... האסטו דען דיין לעבען נישט איינגעשטעלט אין סכנה? און דא געה איך דאך נישט אליין איך וועל מיטנעהמען איניגע פון מיינע גבורים.

יונתן האט געשוויגען, ער האט איהם נישט געהאט וואס צו ענטפערען... אבער אין הארצען האט איהם שטארק פערדראסען פארוואס זיין פאטער האט דוד'ן געשטעלט אזא געפעהרליכע בעדינגונג אום צו קריגען מיכל'ן... זאל עס זיין אז זיין פאטער זוכט ווידער מיטלען ווי אזוי פטור צו ווערען פון דוד'ן?.... יע, יעצט פערשטעהט ער... דאס איז טאקע זיין כונה... ער זאל איהם ברייגנען הונדערט קעפ... ווען ער וועט זיין פערנומען אין אפשניידען די קעפ, קען מעגליך זיין אז די פלשתים וועלען איהם דערווייל קענען טויטען...

— דער גרויסער געפאהר ליעגט נישט אזוי אין טויטען די צוויי הונדערט פלשתים, ווי אין אפשניידען זייערע קעפ — האט יונתן זיך אפגערופען צו דוד'ן נאך א קליינע פויזע — אין דער צייט וואס דו וועסט זיין פערנומען אין ארונטערשניידען די קעפ, קענען דיר די פלשתים בעפאלען און זיך מיט דיר אפרעכענען...

— איך וועל זעהר פארזיכטיג זיין! — האט דוד געענטפערט — איניגע פון מיינע גבורים וועלען שטעהען אויף'ן וואך, ביז וואנען דעם קעניג'ס נקמה אן די פלשתים וועט דורכגעפיהרט ווערען... וויפיעל מאל האבען די ערלים זיך אריינגעריסען אין די גרעניצען פון אונזער לאנד, און געטויטעט אומשולדיגע בירגער מיט זייערע קינדער און פרויען.. דארפען מיר דען אימער צו ווארטען ביז וואנען זיי וועלען אונז בעפאלען.. יעצט וועלען זיי פיהלען אויך אונזער מאכט...

— און ווען ווילסטו געהן צו די פלשתים? — האט יונתן איהם געפרעגט.

— איך וועל געהן מארגען גאנץ פריה! — האט דוד געענטפערט — ווייל איך וויל קיין צייט נישט פערליערען.

— געה בשלום, מיין גוטער פריינד און זאל גאט זיין מיט דיר... אט קומט אן מיכל. — האט יונתן געזאגט — וועסטו איהר דען דערצעהלען פון דעם בעדינג, וואס דער פאטער האט דיר געשטעלט?

— דערווייל דארף זי וועגען דעם נישט וויסען — האט דוד שטיל געזאגט, ווייל עס וועט איהר געוויס פערשאפען זארגען.. ווען גאט וועט העלפען אז איך וועל זיך צוריקקעהרען בשלום, דאן וועל איך איהר אלעס דערצעהלען.

מיכל האט זיך דערנעהענטערט און זיי בעגריסט.

— גוט, מיין שוועסטער וואס דו ביזט יעצט צוגעקומען, מיר האבען דאך גוטע נייעס פאר דיר — האט יונתן זיך אפגערופען.

— איך ווייס שוין, מיין ברודער וועגען אלעס — האט מיכל געענטפערט — דער פאטער האט מיר נארוואס אלעס איבערגעגעבען...

— ווייסטו אויך וועגען דעם בעדינג? — האט איהר יונתן געפרעגט.

— יע, מיין ברודער... אלעס האט ער מיר דערצעהלט.

יונתן האט זיך צוריקגעצויגען און איבערגעלאזט די צוויי פערליעבטע אליין.

— דוד, מיין ליעבער דוד — האט מיכל זיך צו איהם אפגערופען — דו ליעבסט מיר, זעה איך אזוי שטארק ווי איך ליעב דיר — אבער דאך האסטו נישט געדארפט דיין לעבען איינשטעלען אין אזא סכנה צוליעב מיר ווייל דיין לעבען איז טייער אויך ביים גאנצען פאלק... דו דארפסט זעהן עס גוט אפצוהיטען.

— אבער מיין ליעבע מיכל, מיין לעבען אהן דיר, איז נישט ווערט דיא שטויב אויף וואס איך טרעט... און ווען איך וואלט דיזען בעדינג פון דעם קעניג נישט אנגענומען, וואלט ער זיכער זיין הסכמה נישט געגעבען פאר אונזער הייראט... — האט דוד געזאגט.

—דוד! איך וויים און איך בין זיכער אז דו וועסט זיך צוריקקערען זיגרייך... איך וועל פאר דיר מתפלל זיין די גאנצע צייט... ווען גאט האט דיר געהאלפען בייצוקומען דעם שטארקען ריעז גלית'ן, וועט ער דיר אויך יעצט נישט פערלאזען.. זעה אין נאמען פון אונזער גרויסער און הייליגער ליעבע און זיעג! און דאן וועל איך געהערען צו דיר אויף עוויג... קיינער וועט אונז נישט קענען צושיידען. ווייל דו האסט מיין פאטער דעם העכסטען פרייז פאר מיר בעצאהלט...

דוד האט איהר ארומגענומען און איהר געקושט:

— מיכל! — האט ער שטילערהייט געזאגט — דו גיבסט מיר אזוי פיעל מוטה... און ווען איך וועל אין דעם לאנד פון אונזערע שונאים אריינדרינגען און די סכנה וועט גרויס זיין, וועל איך זיך בלויז דארפען דערמאנען אן א בליק פון דיינע שעהנע אויגען... דאס וועט מיר שטארקען און ערמוטהיגען... דיינע הימעלשע אויגען וועלען מיר בעגלייטען אוי"אלע מיינע אונטערנעהמונגען...

—אה, דוד, ווי ליעב און טייער דו ביזט מיר—האט מיכל געלעגט איהר קאפ אויף זיינע שולטער — איך וועל די גאנצע צייט מיט קיין אויג נישט צו מאכען ביז וואנען איך וועל דיר זעהן אז דו ביזט צוריק געקומען בשלום, און נאכנעקומען אלע לעכערליכע פאדערונגען פון מיין פאטער...

אויף מארגען גאנץ פריה האט דוד צוזאמען גערופען זיינע גבורים און זיי געפרעגט אויב זיי ווילען מיט איהם אריינדרינגען אין פלשתים לאנד, כדי צוצושטעלען פאר דעם קעניג צוויי הונדערט פלשתים קעפ.

— מיר געהען! מיר געהן! — האבען אלע אויסגערופען — וואוהין דו וועסט אונז רופען, וועלען מיר געהן, א, אונזער בראווער און העלדישער פיהרער.

דוד האט אויסגעקליבען הונדערט גבורים פון זיין גדוד און איז אוועק צו דעם גרעניץ פון די פלשתים, מיטנעמענדיג א צעהנדליג וועגען.

עס איז געווען א ליכטיגע לבנה נאכט און דוד מיט זיינע מענשען זיינען אריין אין פלשתים שטעדטעל נישט ווייט פון לכיש... און מיט בלויזע שווערדען זיינען זיי בעפאלען די איינוואינער... עס איז געווארען א טומעל, א געשריי.

— דוד געפינט זיך צווישען אונז! ... — האבען די פלשתים געשריען און גענומען לויפען אין אלע ריכטונגען.

— לאמיר נקמה נעמען אן אונזערע שונאים, פאר זייערע אפטע איבערפאלען וואס זיי מאכען אויף אידישע שטעדט וועלכע ליגען ביים גרעניץ. האט דוד אויסגערופען און געשטאנען מטי זיין שווערד אויף רעכטס און לינקס... בלויז צוויי הונדערט פון זיי וועל איך טויטען, און זאלען זיי וויסען אז דאס אידישע אומשולדיגע בלוט וואס זיי האבען פערגאסען שווייגט נישט... דאס וועט זיי אויך אנלערנען מעהר אזעלכע איבערפאלען נישט צו מאכען...

די לבנה האט זיך רוהיג און לאנגזאם געשוועבט איבער דעם לויטערען הימעל און דוד איז יעצט געווען פערנומען אין אויסערשניידען די קעפ פון די פלשתים הרוגים און זיי לעגען אויף די וועגען... ווען ער האט געהאט אנגעפילט די וועגען מיט צוויי הונדערט קעפ — האט ער זיך אפגערופען צו זיינע מענשען:

— יעצט קענען מיר זיך צוריקקערען אין אונזער לאנד און ברייגגען א מתנה דעם קעניג די צוויי הונדערט קעפ פון זיינע גרעסטע שונאים...

ווען זיי האבען פערלאזען די פלשתים לאנד, האט שוין אנגעפאנגען צו טאגען... אין גבעה זיינען זיי אנגעקומען נאך האלבען טאג.

מיכל איז געווען די ערשטע צו בעגעגענען דוד'ן מיט זיינע מענשען, ווייל זי האט די גאנצע צייט מיט גרויס אונגעדולד געווארט און זי איז ארויס פון שטאדט צו זעהן אויב דוד קומט אן...

דוד איז ארונטערגעשפרונגען פון זיין פערד און איז צוגעלאפען צו מיכל'ן.

— דו ביזט מיינע! — האט ער אויסגערופען — גאט האט מיר געהאלפען. דעם קעניג'ס פערלאנג איז ערפילט, אה, ווי גליקליך איך בין!

מיכל האט געקושט דוד'ן... טרערען האבען זיך בעוויזען אין איהרע אויגען: איך האב קיין מאל נישט געצווייפעלט, מיין בראווער העלד, אז דו וועסט בעגליקען אויך אין דיעזער געפעהרליכער אונטערנעהמונג...

באלד איז ארויסגעקומען שאול און ווען ער האט דערזעהן דוד'ן געזונט און שטארק, האט ווייטער א ריס געטהאן ביים הארצען.. ער איז געווען זיכער אז דוד וועט יעצט פון די פלשתים לאנד קיין לעבעדיגער נישט ארויס... אבער דא זעהט ער אז נישט נאר איז דוד צוריקגעקומען אומבעשעדיגט, נאר ער האט אויך ערפילט זיין צוזאג און געבראכט די קעפ פון די פלשתים... נו, יעצט וועט ער מוזען האלטען זיין ווארט און איהם אפגעבען מיכל'ן פאר זיין פרוי... ער איז זיכער אז גאט איז מיט איהם...

שאול האט דערהערט די שאלען און הורא געשרייען וואס האט ווידער דוד'ן בעגריסט צו זיין לעצטען זיעג.. און א טרויער האט איהם אנגענומען... ער רקען נאר פון זיין שונא נישט פטור ווערען. וואס מעהר ער זוכט פון איהם פטור צו ווערען אלס מעהר בעליעבט און פאפולער ווערט ער ביים פאלק.. איין זיעג נאך'ן צווייטען. — און ווי ווייט איז די קרוין פון זיין קאפ...

דער קעניג אבער האט זיך געשטארקט און מיט א געמאכטען שמייכעל איז ער ענטקעגען געגאנגען דוד'ן...

דוד האט זיך פאר איהם פערנייגט און געזאגט:

— איך האב מיין פערשפרעכען ערפילט און דעם קעניג געבראכט צוויי הונדערט קעפ פון זיינע שונאים, די פלשתים...

— געבענשט זאלסטו זיין צו גאט מיין זוהן — האט שאול איהם א קוש געטהאן — יעצט זעה איך אז דו האסט מיין טאכטער מיכ'ל פערדיענט... אין איינינע טעג ארום וועט פארקומען די חתונה פון מיין עלטערע טאכטער מרב מיט עדריאל'ן און גלייך נאכדעם וועלען מיר רפייערען די חתונה פון מיכל'ן מיט דיר, מיין יונגער העלד.

דוד'ס אויגען האבען געלויכטען זיין פנים האט געשטראהלט פון גליק...

— פון מיין טיפען הארצען בעגרים איך דיך מיין ברודער דוד — האט איהם יונתן געהאלזט און געקושט...

— אין איינינע טעג ארום וועט דוד ווערען מיין איידעם — האט דער קעניג אויסגערופען פאר אלע פערזאמעלטע — מיכל, מיין איננערע טאכטער וועט ווערען זיין פרוי...

געשרייען פון יובל און פרייד האט אפגעהילכט אין דער לופט:

— הורא, לאנג לעבען זאל אונזער גרויסער מעכטיגער קעניג! הורא, לאנג לעבען זאל דער יונגער העלד דוד!

הורא פאר דער פרינצעסין מיכל!

א פרייד און שמחה האט ארומגענומען אלע פערזאמעלטע... די פיס האבען זיך געהויבען צום טאנצען. די מיילער זיינען געווען אפען צו זינגען...

איינער, בלויז איינער איז געשטאנען א טרויעריגער מיט א געבויגענעם קאפ — דאס איז געווען: שמעי בן גרא... — יעצט איז אלעס פערלארען! — האט ער זיך געטראכט — דוד נעמט אוועק זיין מיכל'ן... דוד'ס מזל שיינט אויף אבער זיין גליק איז פערוואלקענט... מיכל וועט שוין קיינמאל נישט געהערען צו איהם.

קיינער האט זיך אויף שמעי'ן נישט אומגעקוקט, קיינער האט זיינע טרעה־רען נישט בעמערקט... א חוץ דואג דער אדומי... ער האט פון איהם זיינע אויגען נישט ארונטערגענומען און ווען שמעי איז מיט וואקלענדע טריט אוועקגעגאנ־גען האט זיך דואג שטארק און הילכיג פאנאנדערגעלאכט...

שמעי איז צוגעגאנגען צום שטאהל און האט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם היי... זיין פנים איז געווען טרויעריג. עס איז איהם פלוצלינג אזוי ענג גע־ווארען. דעם קעניג'ס הויף איז פאר איהם ווי א תפיסה געווארען... ער האט זיך געפיהלט אזוי קליין און נישטיג... ער האט אין זיך שטארק געגלויבט... ער איז געווען זיכער אז דורך זיין קלוגע האנדלונג וועט איהם געלינגען צו פאר־ווירקליכען זיין זיסען חלום וועגען מיכל'ן וואס ער האט געטרוימט נאך איידער זי איז געווארען א פרינצעסין... יעצט זעהט ער אז ער האט זיך בלויז צום נארען געמאכט... ער האט צוגעקראגען פיעלע שונאים, אבער זיין צוועק האט ער נישט דערגרייכט... ער וועט מוזען פארלאזען גבעה... אבער וואוהין זאל ער געהן? צוריק נאך זיין געבורטסשטאדט בחורים? ניין, דאס איז אונמעגליך! דעם לעצטען מאל ווען ער האט זיין שטאדט בעזוכט, האט ער זיך בעריהמט פאר אלעמען אז גאר אין גיכען וועט ער ווערען דעם קעניג'ס איידעם... און... ווי שטארק מען האט איהם מקנא געווען. יעדער איינער האט געזוכט זיין פריינדשאפט. די שעהנסטע מיידלעך פון שטאדט זיינען געקומען זיך געזעגנען מיט איהם און איהם צוגעווונשען צו זיין גרויסען גליק... א קלייניגקייט, ווערען דעם קעניג איידעם!... זיינע עלטערען האבען אזוי געשטאלצירט מיט איהם. און ווען ער זאל זיך יעצט באווייזען אין בחורים, וואלטען דאך אלע פון איהם געלאכט אין די הויפענס... ער וועט זיך דאך נישט האבען וואו אהינצר טהאן פון שאנדע... ניין! ער וועט זיך קיין בחורים נישט צוריקקעהרען... אבער פארבלייבען אין גבעה אויך נישט... וואוהין קען ער געהן?...

— וואס ביזטו אזוי פארטרויערט און פארזארגט, מיין פריינד? — האט דואג, דער אדומי, אונטערבראכען זיינע געדאנקען.

שמעי האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף דואג'ן, ער האָט אָפּגעזיפצט און צוריק זיין קאָפּ אַרונטערגעלאָזן.

— ווי איך זעה, מיין פריינד, האָסטו אויפגעגעבן דיין קאַמפף, — האָט דואג זיך ווידער אָפּגערופען, — אָבער דואג זעהט די גאַנצע לאַגע מיט גאַנץ אַנדערע אויגען.

— וואָס מיינסטו ? — האָט איהם שמעי אַ פרעג געטאָן.

— איך מיין, אַז בלויז פייגלינגע גיבען זיך אַזוי שנעל אונטער, ריכטיגע העלדען וועלען קעמפּפען ביז צום ענדע.

— איז דאָס דען נישט די ענדע פון אַלע מיינע האָפנונגען ? — האָט שמעי טרויעריג געזאָגט, — יעצט האָב איך אַלעס פאַרלאָרען... איך ווייס, איך בין אַ גרויסער נאַר געווען... איך האָב באַלד געזאָלט איינזעהן אַז מיכל איז נישט פאַר מיר... זי איז צו יונג און שעהן... ווען איך וואָלט אין זיך אַזוי נישט געווען גענאַרט, וואָלט איך דאָך זיכער געקענט קריגען מרב'ן... אמת, זי איז נישט אַזוי שעהן ווי מיכל, אָבער דערפאַר וואָלט איך דאָך געבליבען דעם קעניג'ס איידעם... און דאָ האָב איך אַזאַ גליק פון מיינע הענט אַרויסגעלאָזען, וויל מיר האָט זיך געדוכט אַז אַ גרעסערעס גליק קלאַפּט אין מיינע טיהרען... איך בין שולדיג אין דעם וואָס מרב האָט זיך פערליעבט אין עדריאל'ן פון מחולה... איך אַליין האָב די ערשטע קערנדלעך פון זייער ליעבע פאַרזעעט... און יעצט בין איך געבליבען נישט אַהין און נישט אַהער...

— דאָך אָבער, גלויב איך נישט, אַז מיכל איז אויף אייביג צו דיר פאַרלאָרען... ווען דו וועסט וויסען ווי צו האַנדלען, קען מעגליך זיין אַז דו וועסט איהר נאָך קריגען פאַר זיך...

— ווי איך זעה, זוכסטו פון מיר שפּאַס צו מאַכען, — האָט שמעי זיך אָפּגערופען צו דואג'ן, — ווייסטו דען נישט אַז דער קעניג האָט עפענטליך ערקלעהרט דאָס ער גיט מיכל'ן אָפּ צו דוד'ן און אין איניגע טעג אַרום וועט מען פייערען זייער החתונה ?

— און דו גלויבסט טאַקע אַז דער קעניג גיט אָפּ זיין טאָכטער צו דוד'ן וויל ער האָט איהם שטאַרק ליעב ? — האָט דואג געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— נישט נאָר דער קעניג, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק האָט דוד'ן ליעב בעקור־מען ! — האָט שמעי געזאָגט, — האָט ער זיך דען נישט אַרויסגעצייגט אַלס בראַוער מוטיגער קעמפּפער געגען אונזערע שונאים ? קוקסטו און זאָגסט, אַז עס איז נאָך מעגליך איך זאָל קריגען מיכל'ן...

— יעצט הער זיך איין וואָס איך וועל דיר דערצעהלען, מיין פריינד, — האָט זיך דואג איינגעבויגען צו שמעי'ן, — דער קעניג האָסט דוד'ן נאָך מעהר ווי דו האָסט איהם. און ווען ער האָט גוט איהם געוואָרפען זיין שפּיעז, האָט ער זיכער געמיינט איהם צו טויטען... מען האָט פאַרשפּרייט דעם קלאַנג נאָכהער אַז עס איז געווען אַ צופאַל, וויל עס האָט זיך אַזוי געלוינט... פאַרשטעהסטו, שמעי, אַז דער קעניג וואָלט זיך זעהר גליקליך געפיהלט ווען איטיצער ראַמט אָפּ דוד'ן פון וועג... ער האָט איהם געשיקט אויסצופיהרען אַ זעהר געפעהרליכע שליחות, וויל ער האָט געהאָפט אַז דוד וועט דאָרט זיין לעבען פאַרלירען...

און יעצט, ווען דו וואָלסט נור געהאַט גענוג מוטה, וואָלסטו וויסען ווי אויסצונוצען די געלעגענהייט, און דער קעניג וואָלט דיר אלס דאַנקבארקייט אויך אָפּגעגעבען מיכל׳ן.

— איך פאַרשטעה נאָך אַלץ ניט וואָס דו מיינסט, — האָט שמעי זיך אָפּגערופען, — דו מיינסט אז איך זאָל דוד׳ן טויטען !...

— דו פאַרשטעהסט שוין גאָר גוט וואָס איך מיין, — האָט דואג געלאַכט.

— אָבער ווי... ע... ווי וועל איך עס קענען טהאָן, — האָט שמעי מיט שרעק געזאָגט, — ער איז דאָך אזוי שטארק און פלינק, איידער איך וועל אויף איהם מיין האַנד הויבען, וועל איך שוין זיין געטויטעט... און א חוץ דעם, וועט דען מיכל וועלען הייראַטען מיט דעם מערדער פון איהר מאַן...

— דו קענסט איהם באַפאַלען פּלוצלינג, אומגעריכטערהייד, — האָט דואג געזאָגט, — און דו וועסט נאָכהער פאַר אַלעמען זאָגען, אז דו האָסט איהם געטויט אין א געשלעג...

— אך, מיין גוטער פריינד, דואג, ווען דו נעהמסט זיך אונטער אָפּצוטהאָן פאַר מיר די שטיקעל ארבייט, וואָלט איך דיר שטאַרק בעלוינט, און דערצו בין איך זיכער אז דער קעניג וואָלט דיר דערהויבען צו א העכערען אמט, אויב עס איז ריכטיג ווי דו זאָגסט, דאָס דוד איז דעם קעניג׳ס גרעסטער שונא... און אז איך וועל ווערען דעם קעניג׳ס איידעם וועט דיר שוין דאָן זיכער גאַרנישט פעהלען.

— פאַרגעס נישט אז איך שטאַם נישט פון אייער פאָלק, — האָט דואג געזאָגט, — איך בין דאָך אַן אדומי און ווען דאָס פאָלק וועט זיך דערוויסען אז אן אדומי האָט זייער ליעבסטען העלד געטויטעט, וועלען זיי דען שווייגען ?

— אויב אזוי, — האָט זיך שמעי אָפּגערופען, — איז וועגען דעם פלאַן נישט וואָס צו ריידען... ווען דוד זאָל געטויטעט ווערען דורך אונזערע הענד, וועל איך דורך דעם סאי ווי סאי גאָרנישט געווינען... מיכל וואָלט דאַן געוויס געהייראַט מיט פלטיאל׳ן, דעם זוהן פון ליש... און מיר וואָלט זי נאָך מעהר פערהאַסט ווען זי זאָל מיר חושד זיין אז איך האָב א טייל אין זיין טויט... איך גלויב אז אויב דער קעניג וועט איהם וועלען אָפּראַמען פון וועג, וועט ער עס פריהער אָדער שפּעטער טהאָן... די איינציגע זאַך וואָס דו קענסט טהאָן, איז צו פער׳מיאוס׳ען דוד׳ן אין די אויגען פון קעניג.

— דאָס וועל איך זיכער טהאָן ! — האָט זיך דואג אָפּגערופען, — ווייל איך אויך האָב דוד׳ן זעהר נישט ליעב... זינט ער איז אין פאַלאַץ קוקט ער אויף מיר מיט א שלעכט אויג... און איך בין זיכער אז ווען ער וואָלט געהאַט די מאַכט, וואָלט ער מיר אין גאַנצען דערווייטערט פון קעניג׳ס הויף...

— דעם אמת זאָגענדיג, מיין גוטער פריינד, — האָט שמעי זיך אָפּגערופען, — האָב איך שוין בעשלאָסען אויף אימער צו פאַרלאָזען דעם קעניג׳ס הויף, ווייל מיין ענטטוישונג איז זעהר שטאַרק... איך האָב שוין מיין גאַנצע האָפנונג אויפגעגעבען... אָבער דו האָסט מיר אויף ווייטער ערמוטיגט... און דערפאַר בין איך דיר זעהר דאַנקבאַר.

— איך בין זיכער, — האָט דואג געענטפערט, — אז דער קעניג איז אויך אויף אונזער זייט, — און עס וועט אונז נישט קאָסטען פיעל מיה, דוד׳ן צו פער׳מיאוס׳ען אין זיינע אויגען...

שמעי האט ארויסגענומען עטליכע שקלים פון זיין קעשענע און זיי אפגע־געבען צו דואג'ן...

— איך בין גענוג רייך, — האט ער געזאגט, — און איך וועל דיר גוט באפרידיגען פאר אלעס וואס דו וועסט טהאן פאר מיר... און אז דיר זאל געלינגען עס צו טהאן וועט איך דיר העלפען פון מיין רייכטהום אפגעבען.

דואג האט דאס געלד ביי איהם גענומען און זיך אפגערופען:

— דו קענסט זיך אויף מיר פארלאזען, שמעי, איך וועל זעהן אויסצופיהרען אלע מיינע פלענער.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

די נייעס אז דוד וועט חתונה האבען מיט שאול'ס איינגערע טאכטער, מיכל, איז שנעל פארשפרייט געווארען איבער'ן גאנצען לאנד. און פיעלע אידען פון אלע שבטים זיינען אוועק נאך גבעה, צו זיין אנוועזענד אויף דער חתונה פון זייער בעליעבטען העלד...

די שמחה אין בית לחם איז געווען זעהר גרויס.. די איינוואוינער פון שטאדט האבען זעהר שטאלצירט מיט דוד'ן, און ווען זיי האבען זיך דער־וואוסט וועגען דער חתונה, האבען זיך כמעט אלע פון שטאדט, יונג און אלט, [illegible]טשן אויף דעם מארק־פלאץ און געווארט אויף דער גאנצער פא־מיליע פון ישי, כדי זיי זאלען צוזאמען מיט זיי עולי רגל זיין קיין גבעה.

[illegible] עלטערע פון דעם בעליעבטען פאלקס־העלד, זיינע געגאנגען פאראויס, נאך זיי זיינען געגאנגען די זעקס איבריגע [illegible] געגאנגען ישי'ס צוויי טעכטער, צרויה און אביגיל. צרויה איז געגאנגען מיט איהרע דריי זיהן: אבישי, יואב און עשהאל. נעבען אביגיל איז געגאנגען איהר זוהן עמשא.

צרויה'ס זיהן האבען זעהר שטארק ליעב געהאט זייער אנקעל דוד'ן, און יואב האט אימערצו געטרוימט צו זיין נעבען דוד'ן, ווייל ער האט איהם שטארק פארעהרט אלס העלד. און ווען דוד איז געווארען דער שר אלף, האט זיך יואב געוואלט אנשליסען אין דוד'ס חיל, אבער זיין מוטער צרויה האט איהם נישט געלאזען.

— דו ביזט נאך צו יונג, מיין זוהן, — האט איהם די מוטער געזאגט, — יין פאטער האב איך פארלארען אין א מלחמה מיט די פלשתים. איך בין גע־בליבען אן אלמנה ווען דו ביזט נאך גאר א קליין קינד געווען... איך האב שווער און ביטער געארבייט ביז וואנען איך האב אייך, מיינע זיהן ערצויגען... און איצט אז איהר זייט אויפגעוואקסען, איהר זייט שטארק און געזונט, דארפט איהר אייער מוטער אויף איהר עלטער נישט פארלאזען... ווען עס וועט נויטיג זיין צו פערטיידיגען אונזער לאנד, וועל איך אייך געווים אליין שיקען...

— די מוטער איז גערעכט, — האט זיך אבישי אפגערופען, — דו קענסט איהר יעצט נישט פארלאזען... מען דארף די בעלדער פערזארגען און זעהן, די בהמות דארף מען פיטערען, און דו ווייסט דאך ווי מען קען זיך אויף פרעמדע הענט נישט פארלאזען.

יואב האט געשוויגען. ער האט געוואוסט אז יעצט איז נישט די צייט צו

פארלאזען זיין היים. אבער איהם האט דאך אזוי געצויגען צו דער ארמיי... ער האט אימער גע'חלום'ט צו ווערען א הויפט איבער א חיל און אויסצייכנען זיך אין מלחמה מיט די שונאים.

יעצט איז ער געווען זעהר גליקליך. אלע געהען אין גבעה צו דוד'ס חתונה. דארטען וועט ער בעטען דוד'ן ער זאל איבעררײדען מיט זיין מוטער איהם צו ערלויבען זיך אנצושליסען אין דוד'ס ארמיי.

די שטאדט גבעה איז געווען פארפלייצט מיט מענשען. די גאסען זיינען געווען אויסגעפוצט. די סאלדאטען האבען געשפּיעלט אויף פערשידענע כלי־זמר. און כאטש דער קעניג און זיין פאמיליע האבען דערהוייל געפראוועט מרב'ס חתונה מיט עדריאל'ן, האבען אבער אלע מיט גרויס אונגעדולד געווארט אויף דעם טאג ווען דוד'ס חתונה וועט פארקומען מיט מיכל'ן.

און אט איז דער טאג געקומען. טויזענדער מענשען, מענער און פרויען, יונג און אלט, האבען זיך פערזאמעלט ארום דעם קעניג'ס פאלאץ, און האבען צוגעזעהען די צערעמאניעס פון דוד'ס חתונה. צום ערשטען איז געגאנגען דער קעניג מיט דער קעניגין, נאך זיי זיינען געגאנגען דוד און מיכל, בעגלייט פון יונתן און זיינע דריי אינגערע ברידער. הינטער זיי זיינען געגאנגען מרב און עדריאל.

די מוזיק האט געשפּיעלט, די סאלדאטען האבען אויפגעהויבען זייערע בלאנקע שווערדען און שפּיזען און אויסגעשריען:

— הוררא פאר דעם קעניג און דער קעניגין!...

— הוררא פאר דוד און מיכל'ן, די פון גאט געבענשטע פּאר!

ביסלעכווייז האט זיך אלץ איינגעשטילט. אחימלך, דער כהן גדול פון נב איז געשטאנען צוזאמען מיט נאך אייניגע כהנים, און ווען דוד און מיכל זיינען איהם אנטקעגען געקומען, האט ער אויפגעהויבען זיינע הענט און זיי געבענשט:

"דער באשעפער פון דער וועלט, דער גאט פון ישראל, זאל אייך זיין ברכה שיקען פון הימעל, איהר זאלט זיין גליקליך אייער גאנצען לעבען און זאלען זיך מיט אייך בענשען גאנץ ישראל... און דו, דוד, האט זיך דער כהן גדול צו איהם אפגערופען, דו האסט באוויזען אזעלכע גבורות, דו האסט געהייליגט דעם נאמען פון אונזער גאט, ווען דו האסט גלית'ן געטויטעט, און אויך אין די איבריגע מלחמות מיט די פלשתים האסטו זעהר געטריי געדיענט אונזער קעניג און אונזער לאנד... היינט ווערסטו דעם קעניג'ס איידעם, און זאל גאט שטארקען דיינע הענט און דיר געבען גענוג כח צו קעמפפען געגען אלע אונזערע שונאים און בעפרייען אונזער פאלק פון דעם יאך פון אונזערע שונאים"...

אחימלך האט זיינע הענט ארויפגעלייגט אויף דוד'ס און מיכל'ס קעפּ און געזאגט:

"מיט דער ברכה פון אונזער פאטער אין הימעל און מיט דער הסכמה פון דעם קעניג און דער קעניגין, פעראייניג איך אייך אויף אייביג, כדת משה וישראל..."

דוד האט ארויפגעטהאן א גאלדענעם רינג אויף מיכל'ס פינגער און איהר מקדש געווען.

געשרייען פון יובעל און פרייד האט גלייך אפגעהילכט ארום דעם פאלאץ. די מוזיק האט געשפּיעלט, די טענצער האבען געטאנצט. די זינגער האבען גע־

זונגען, און פון יעדענס הארץ האט זיך ארויסגעריסען א גליקוואונש און א ברכה צו דעם יונגען גליקליכען פאר.

בלויז שמעי איז געשטאנען און געשאלטען... דואג, דער אדומי, האט איהם מיטגעהאלפען.

ביז שפעט אין אבענד האבען די טענץ און געזאנג נישט אויפגעהערט. אין פאלאץ זיינען געווען פערזאמעלט אלע חשוב'ע געסט און מען האט זיך משמח געווען די גאנצע נאכט.

שאול אליין האט זיך אויך געפיהלט זעהר געהויבען, און איהם האט בעת מעשה שטארק פארדראסען פאר וואס ער האט געהאט שלעכטע געדאנקען וועגען דוד'ן.

יונתן האט זיך אויך העכסט גליקליך געפיהלט וואס דער חלום פון זיין ליעבער שוועסטער און זיין בעסטען פריינד איז פארווירקליכט געווארען.

ישי און זיין פרוי וועלכע זיינען געזעסען ביים קעניגליכען טיש, האבען מיט פיעל ליעבשאפט און מיט נישט ווייניגען שטאלץ געקוקט אויף זייער זוהן, דוד... ישי האט זיך דערמאהנט אן די ווערטער פון דעם נביא שמואל, און ער האט געטראכט: דעם נביא'ס נבואה ווערט ביסלעכווייז מקוים... דוד שטייגט אלץ העכער און העכער און ער האפט נאך ער זאל דערלעבען צו זעהן שמואל'ס גאנצע נבואה זאל מקוים ווערען...

יואב, דוד'ס פלימעניק, האט פון איהם די גאנצע צייט די אויגען נישט ארונטערגענומען, און ווען דער מאלצייט האט זיך געענדיגט, איז ער צו דוד'ן צוגעגאנגען און געזאגט:

— דוד, איך וויל זיך אנשליסען אין דיין ארמיי... איך וויל קעמפפען צוזא־מען מיט דיר געגען אונזערע פיינד... איך וועל דיר זעהר געטריי דיענען מיין גאנצען לעבען... איך בעט דיך, רעד איבער מיט מיין מוטער, זי זאל מיר ערלויבען דאס צו טהאן.

דוד האט א שמייכעל געטהאן, און איהם צוגעזאגט צו ריידען מיט זיין שוועסטער צרויה.

אויף מארגען ווען פיעלע פון די געסט האבען זיך גענומען זעגענען מיט דוד'ן און מיכל'ן, האט זיך דוד אפגערופען צו זיין שוועסטער:

— דיין זוהן, יואב, האט מיך געבעטען איך זאל מיט דיר איבערריידען אז דו זאלסט איהם ערלויבען זיך אנצושליסען אין מיין חיל... ווי איך זעה, איז יואב זעהר שטארק און בראוו, און איך בין זיכער, אז ער וועט נאך אמאל בע־וואוסט און בעריהמט ווערען פאר זיין גבורה... לאז איהם דאך, מיין שוועסטער, איבער מיט מיר, און איך זאל זעהן גוט אכטונג געבען אז איהם זאל גארנישט פעהלען...

— נו, יא, מיין ליעבער ברודער, — האט צרויה איהם געקושט, — אויף דיר קען איך זיך פארלאזען, איך ווייס, אז דו וועסט אלעס מעגליכעס טהאן פאר מיין קינד... גוט, איך וועל איהם איבערלאזען מיט דיר... אבער איך בעט דיך, אז צו יעדען יום טוב זאלסטו איהם שיקען קיין בית לחם, ווייל איך וועל נאך איהם שטארק בייענקען.

דוד האט איהר פארשפראכען צו טהאן, און ער האט גלייך איבערגעגעבען יואב'ן אז זיין מוטער האט איינגעשטימט, דאס ער זאל מיט איהם פארבלייבען.

יואב איז געווען איבערגליקליך. ענדליך וועט ער האבען א געלעגענהייט צו קעמפפען מיט די שונאים. ער וועט קענען ארויסצייגען זיין גבורה און אפשר וועט איהם נאך דער קעניג דערהויבען צו זיין א גענעראל.

אבישי און עשהאל האבען שטארק מקנא געווען זייער ברודער. אבער יואב האט זיי פארשפראכען אז ער וועט זעהן עפעס צו טהאן פאר זיי... און מעגליך, אז שפעטער וועלען זיי זיין צוזאמען מיט איהם.

זיבען טעג האט זיך דער קעניג מיט דער פאמיליע משמח געווען, און באלד נאכדעם האט דער קעניג געגעבען א מתנה צו מיכל'ן א פראכטפאלע הויז וואס איז געווען ניט ווייט פון פאלאץ.

דוד און מיכל האבען זיך דארטען באזעצט.

פופצעהנטער קאפיטעל

שמועי'ס בלבול אויף דוד'ן

עס איז געווען גאנץ פריה, און דוד האט זיך שנעל אנגעטאן. מיכל האט נאך געשלאפען, און ער איז זעהר פארזיכטיג געווען כדי איהר נישט אויפצו־וועקען. א קליינע ווײלע איז ער געשטאנען בעוועגלאז נעבען איהר בעט... ער האט בעטראכט איהר שעהנעם מלאך־פנים וואס האט געשטראהלט. אויף איהרע ליפען האט זיך א גליקליכער שמייכעל באוויזען... איהרע לאנגע שווארצע לאקען זיינען געווען צושפרייט איבער'ן קישען... מיכל, די וואונדערשעהנע פרינצעסין פון וועמען ער האט אזוי פיעל געטרוימט, איז יעצט זיין פרוי... ווי גוט דער ליעבער גאט איז צו איהם!... מיט איינינע יאהר פריהער האט ער גארנישט געוואגט צו טראכטען וועגען איהר... און יעצט איז זי זיינע... זי געהערט בלויז צו איהם... קען דען זיין א גרעסערער גליק אויף דער וועלט?... אה, ווי ליעב ער האט איהר . . . איהרע ליפען האבען איהם ווי א מאגנעט צו זיך געצויגען... אה, ווי שטארק עס האט זיך איהם יעצט געלוסט איהר א קוש צו טהאן... ער האט זיך לאנגזאם איבערגעבויגען איבער איהר פנים, אבער האט זיך גלייך צוריקגעצויגען... ניין, ער וועט ניט שטערען איהר פון דעם זיסען שלאף...

מיכל האט אבער דערפיהלט דוד'ס אטהעם, זי האט אויפגעעפענט איהרע אויגען און אויסגערופען:

— דוד!...

— אה, מיכל, — האט דוד צוריקגעטראטען, — איך האב דיך פון דיין שלאף געשטערט, ענטשולדיג מיר!

— א דאנק גאט וואס דאס איז געווען בלויז א חלום! — האט זי זיך אפגערופען, — זעץ זיך אט דא נעבען מיר, מיין ליעבער דוד.

דוד האט זיך אנידערגעזעצט אויף מיכל'ס בעטעל, ער האט איהר ארומ־גענומען און געקושט...

מיכל האט איהרע צארטע פינגער דורך זיינע האר דורכגעפיהרט.

— דיר האט זיך מסתמא גע'חלום'ט א קאמישער חלום, — האט איהר דוד געזאגט, — ווייל איך האב באמערקט א שמייכעל אויף דיין פנים...

— ניין, עס איז געווען א שרעקליכער חלום! — האט זיך מיכל אוועק־

געזעצט און צעטרייקט דוד'ן שטארקער צו זיך, — מיר האט זיך גע'חלום'ט, אז א פייער האט ארומגענומען אונזער הויז, און מיר ביידע האבען זיך געראטעוועט. מיר זיינען געלאפען זיך צו בעשיצען פון פייער, פלוצלינג אבער האב איך באמערקט ווי וועלף, פירכטערליכע וועלף, מיט פייערדיגע אויגען לויפען אונז אנטקעגען. דו, מיין ליעבער דוד, האסט גענומען קעמפפען געגען זיי און זיי אלעמען בייגעקומען... איך בין זעהר גליקליך געוועזן וואס דו האסט זיי באזיעגט... אבער ווען איך האב זיך צו דיר גוט צוגעקוקט, האב איך באמערקט ווי דו ביזט פארבלוטיגט און פארוואונדעט... אה, ווי שרעקליך דאס איז געוועזן... פון דיינע הענד האט בלוט גערונען... איך האב גענומען פארבאנדאזשירען דיינע וואונדען, אבער דא האב איך זיך אויפגעכאפט און האב דיך דערזעהן שטעהענדיג נעבען מיר פריש און געזונט... אה, ווי גליקליך איך בין אז דאס איז בלויז א חלום געוועזן! אבער דאך שרעקט מיר מיין הארץ... ווייל איך וויים דאך, אז דו האסט זעהר פיעל שונאים... אפשר איז דער חלום אן אנדייטונג אויף עפעס?

— אה, ניין, ליעבע מיכל — האט דוד אנגענומען איהר האנט, — דו האסט אזא חלום געזעהן, ווייל איך האב דיר נעכטען שפעט בייננאכט, דערצעהלט וועגען מיינע מלחמות מיט די פלשתים... און ווי אזוי מיינע הענט זיינען געוועזן פארבלוטיגט ווען איך האב די פלשתים אפגעשניטען זייערע קעפ און זיי צו דיין פאטער אלס "מהר" געבראכט.

מיכל האט זיך עטוואס בארוהיגט, און נאכהער האט זי זיך אפגערופען:

— אבער דו מוזט מיר צוזאגען, מיין ליעבער מאן, מעהר אזעלכע געפעהרליכע אונטערנעהמונגען נישט אננעהמען, — האט איהם מיכל א קוש געטהאן אין קאפ, — ווייל יעצט געהערסטו אין גאנצען צו מיר...

דוד האט איהר מיט קושען געענטפערט: זיי רוהיג, טהייערע מיכל, קיין שלעכטס וועט מיט מיר נישט געשעהן, ווייל גאט איז מיט מיר...

— אבער דאך, בעט איך דיך, צו זיין זעהר פארזיכטיג... אפילו ווען דו שפיעלסט פאר מיין פאטער, כאטש ער האט זיך געענדערט זייט דאן ווען ער האט אויף דיר זיין שפיעז געווארפען... איהם האט שטארק פארדראסען אויף זיין טהאט, דאך אבער קומט אויף איהם אן זעהר אפט דער בייזער גייסט... ווען דו שפיעלסט פאר איהם, זעה צו שפיעלען נור פרעהליכע נגונים... ווייל ווי איך האב באמערקט, פארגרעסערען די אומעטיגע נגונים זיין מרה שחורה.

— איך גלויב, — האט זיך דוד אפגערופען, — אז יעצט, ווען ער האט מיך פאר זיין איידעם גענומען, איז זיין שנאה צו מיר פארשוואונדען. א חוץ דעם האט מיר יונתן צוגעזאגט אויסצוגעפינען וואס דער קעניג טראכט וועגען מיר יעצט, און איך וועל שוין וויסען ווי זיך אויסצוהיטען...

— נאך אלעמען איז מיין פאטער בלויז אייפערזיכטיג אויף דיר, זינט די פרויען האבען געזונגען דאס ליעד פון דיין זיעג איבער גלית'ן, האט ער אלץ מורא אז דו וועסט ביי איהם אוועקנעהמען די מלוכה... דו ווייסט, אז איידער ער האט זיין הסכמה געגעבען פאר אונזער חתונה, האט ער מיר נעגעבען א שבועה, דאס איך זאל איהם גלייך מודיע זיין אויב איך וועל אויסגעפינען אז זיין חשד איז אויף עפעס בעגרינדעט.

— איך האב דערגרייכט מיין העכסטען גליק ווען איך האב דיך פאר מיין פרוי נעקראגען! — האט איהר דוד געזאגט, — און ווי אזוי וועל איך גאר

קענען טראכטען שלעכטעס וועגען דעם קעניג, וועלכער האט מיט מיר אזוי פיעל גוטעס געטהאן?

— איך האב דעם פאטער פארזיכערט, אז דו ביזט איהם געטריי און איבערגעבען, דאך אבער האט ער געוואלט איך זאל איהם שווערען.

— און דו ווייסט דאך, ליעבע מיכל, ווי טהייער און ליעב איז מיר דיין ברודער יונתן... קען איך דען האבען אזעלכע געדאנקען ווי אוועקצורויבען פון איהם, מיין בעסטען פריינד, די מלוכה? איך פארזיכער דיר, אז איך וואלט בעסער וועלען זיין טויט איידער שלעכטס צו טהאן צו דעם וועמענס פריינד־שאפט איז מיר אזוי טהייער און היילינ... אבער לאמיר וועגען דעם יעצט נישט טראכטען, מיין ליעבענקע מיכל, עס איז דאך אזוי פריה, און דו ביזט נאך שלעפעריג... איך וועל ארויס פאר א ווילע און דו וועסט נאך כאפען א דרעמעל.

דוד האט נאך אמאל מיכל'ן געקושט און איז ארויס פון צימער.

אין דרויסען האט זיך דער הימעל אין מזרח געפורפורט און באגאסען מיט פלאמענדע גאלדענע שטראהלען די בוימער און הייזער פון ארום. דוד איז געשטאנען א פרעהליכער, א מונטערער, און האט בעטראכט דעם גלארייכען זונען־אויפגאנג... פלוצים האט ער פון וויטען דערזעהען זיין פלימעניק יואב בן צרויה. ער האט איהם צוגערופען און געפרעגט:

— וואס טהוסטו אזוי פריה אין דרויסען, יואב, האסטו דען נישט גוט געשלאפען אין דיין נייעם פלאץ?

— איך האב גוט געשלאפען, דוד, — האט יואב געענטפערט מיט א שמייכעל, — איך בין אבער געוואוינט אימער אויפצושטעהן גאנץ פריה, און א חוץ דעם האב איך מיט דיר געוואלט ריידען וועגען עפעס.

— נו, גוט, לאמיר א שפאציר טהאן צוזאמען, — האט דוד צו איהם געזאגט.

ווען זיי זיינען אפגעגאנגען א שטיקעל וועג, האט זיך יואב אפגערופען:

— זאג מיר, דוד, ווער איז ער דאס, אט דער דואג?

— דואג, דער אדומי? צוליעב וואס פרעגסטו עס? — האט איהם דוד אנגעקוקט פערוואונדערט.

— נעכטען פארנאכט ווען איך בין פארבייגעגאנגען דעם קעניגליכען שטאהל, האב איך באמערקט ווי דואג און שמעי זיצעןביידע פערטיעפט אין א שמועס. ווען זיי האבען מיך דערזעהן, האבען זיי מיך צוגערופען און דואג האט מיר גענומען אויספרעגען וועגען דיר, וועגען דיינע עלטערען און דיין גאנצע פאמיליע. שמעי האט מיר אויך געשטעלט עטליכע פראגען וועגען דיר... איך האב בעת מעשה קיין זאך נים פארדעכטיגט, אבער ווען איך בין פון זיי אוועק־געגאנגען, איז מיר פארגעקומען אז נישט דואג און נישט שמעי זיינען דיר גוטע פריינד...

— וואס א שטיינער, מאכט דיר אזוי צו גלויבען, יואב? — האט דוד געשמייכעלט.

— זיי האבען מיר געזאגט עטליכע זאכען, איך געדענק זיי נישט גענוי, אבער איך האב דעם איינדרוק געקראגען אז זיי זוכען דיר שלעכטס צו טהאן... שמעי, צום ביישפיעל, האט מיר דערצעהלט ווי דער קעניג האט אויף דיר זיין שפיעז געווארפען, און פון זיינע רייד האב איך באמערקט אז עס פארדריסט

איהם זעהר שטארק וואס דער קעניג האט נישט געטראפען אין ציעל... דואג האט מיר אויך געזאגט, אז פיעלע גלויבען, אז ווען דו וועסט אפהאלטען נאך עטליכע זיעגען איבער די פלשתים וועסטו זוכען מעהר הערשאפט...

— שמעי, ווייס איך, איז אויף מיר אין כעס, — האט דוד געלאכט, — ווייל ער האט ליעב געהאט מיכל'ן, און כאטש מיכל האט אויף איהם קיינמאל זיך נישט אומגעקוקט, דענקט ער דאך, אז ווען נישט איך, וואלט זי יעצט זיינע געווען... אבער אז דואג זאל זוכען מיר שלעכטס צו טהאן, גלויבט זיך מיר נישט, ווייל איך האב איהם קיין אורזאכע דערצו נישט געגעבען.

— דאך, מיין ליעבער אנקעל, וועט זיין גוט אז דו וועסט פארזיכטיג זיין...

— [illegible]נק דיר, יואב, פאר דיין ווארנונג, — האט דוד געזאגט, — אבער זיי ביידע זיינען דאך נישט אזוי וויכטיג, אז עס לוינט זיך גארנישט [illegible] אלטען.

— שמעי איז דאך אבער א קרוב צום קעניג, — האט יואב געזאגט.

— ער איז טאקע א קרוב, אבער דער קעניג האלט זעהר ווייניג פון איהם, און נאך ווייניגער האלטען פון איהם יונתן און מיכל...

מעהר האט דוד און יואב נישט גערעדט, אבער יואב האט ביי זיך בעשלאסען גוט אויסצופארשען די זאך און אז קיין בייז זאל נישט בעפאלען זיין בעליעבטען העלדישען אנקעל, דוד...

לאנג האבען ביידע, שמעי און דואג, געפלאנעוועט ווי אזוי אויפצורייצען דעם קעניג'ס כעס אויף דוד'ן. ענדליך האבען זיי בעשלאסען צו מאכען א בלבול אויף דוד'ן.

— דו געה אוועק צום קעניג — האט זיך דואג אפגערופען צו שמעי'ן, — און גיב איהם איבער אז מיר ביידע האבען אונטערגעהערט וואס דוד האט גערעדט צו זיין פלימעניק יואב... און טאמער וועט ער דיר נישט וועלען גלויבען, זאלסטו דעם קעניג הייסען מיך רופען און איך וועל דיינע ווערטער בעשטעטיגען.

— ווי וועט אבער זיין, אז דער קעניג וועט רופען ביידע, דוד'ן און יואב'ן, און זיי וועלען אפלייקענען די גאנצע באשולדיגונג? — האט שמעי געפרעגט דואג'ן, — עס קען דאך זיין אז ער זאל זיי בעסער גלויבען ווי אונז.

— דו ווייסט דאך אז דער קעניג איז שוין דוד'ן לאנג חושד אין דעם... ווען ער האט אויף איהם געשליידערט זיין שפיעז און איהם געזוכט צו טויטען, איז שוין דער חשד ביים קעניג געבוירען געווארען... און יעצט, אז מיר וועלען קומען און בעשטעטיגען, וועט ער מעהר קיין חקירות ודרישות נישט מאכען, און גלייך בעשטראפען דוד'ן... און ווען ער זאל איהם גלייך טויטען, דאן וועט מיכל נאך געהערען צו דיר...

— דאך צווייפעל איך, — האט שמעי מיט זארג געזאגט, — אויב מיכל וועט וועלען איינשטימען צו ווערען מיינע, אויב זי וועט זיך דערוויסען אז איך האב איהר מאן פער'מסר'ט פאר'ן קעניג.

— דער קעניג וועט קיינעם נישט אויסזאגען ווער עס האט איהם וועגען דוד'ס פערדעטערישען פלאן דערצעהלט, — האט דואג געזאגט, — און מיכל וועט אפילו נישט וויסען ווי אזוי ער האט זיך דערפון דערוואוסט... נעהם זיך אן מיט מוטה און געה צום קעניג... דו וועסט זיכער נישט האבען קיין חרטה...

אבער זעה אז מיר זאלען זיך נישט ווידערשפרעכען... געדענק גוט דעם פלאַץ וואס מיר האבען אפגעמאכט, וואו מיר האבען געזאלט הערען דוד'ן איבערגעבען זיינע פערדעטערישע פלענער... אויך די צייט איז געווען ביים זון־אונטערגאנג, און אונז וועט געלינגען פטור צו ווערען פון דוד'ן...

שמעי איז נאך דעם זעלבען טאג אוועקגעגאנגען צום קעניג אין פאלאץ.

שמעי איז אוועק צום קעניג'ס פאלאץ. א היבשע ווײלע האט ער זיך דארט ארומגעדרעהט... ער האט זיך געשלאגען מיט דער דעה, זאל ער אריינגעהן צום קעניג און פער'מסור'ן אויף דוד'ן אדער נישט... ער האט געציטערט טאמער וועט דער קעניג אויסגעפינען אז ער מאכט א בלבול אויף איהם, וועט ער דאך איהם שמארק בעשטראפען. ענדליך האט ער בעשלאסען אריינצוגעהן... ווען ער איז געווען אינווייניג האט ער געבעטען דעם קעניג'ס לייב וועכטער צו מעלדען דעם קעניג אז שמעי האט עפעס וויכטיגעס מיט איהם צו ריידען.

שאול איז געווען זעהר שלעכט געשטימט, און האט אויך א ווײלע זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף שמעי'ן, וועלכער איז געשטאנען און געציטערט ווי א בלאט.

— וואס פאר א וויכטיגע זאך האסטו מיט מיר צו ריידען ? — האט שאול זיך אפגערופען, נאך א קליינע פויזע.

— איך וואלט געוואלט... איך מיין איך און דואג האבען... ער... נעכטען ע...

— וואס ווילסטו זאגען, רייד ! — איז שאול אומגעדולדיג געווארען.

שמעי האט זיך אויסגעגלייכט, געפאסט מוטה און געזאגט :

— דאס וואס איך האב צו זאגען צום האר קעניג, איז זעהר וויכטיג... שאול האט א וואונק געטהאן צו די לייב וועכטער זיי זאלען פערלאזען דעם צימער.

ווען שמעי איז געבליבען מיט דעם קעניג אליין האט ער זיך אפגערופען :

— איך בין געקומען ווארענען דעם קעניג ער זאל זיך אויסהיטען פון זיין גרעסטען שונא, וועלכער איז זיין כלומר'שטער פריינד... און מיט וועמען דער קעניג האט אזוי פיעל גענאר געטהאן און איהם דערהויבען צום העכסטען אמט...

— ווער איז דאס, זאג דאך מיר, שנעלער ? ! — איז שאול אומרוה'יג געווארען.

— דאס איז דיין איידעם, דוד ! — האט שמעי אויסגערופען.

— דוד ! פון וואנען נעמסטו עס אז ער איז מיין גרעסטער שונא ? — האט שאול געזאגט און אין זיינע אויגען האט זיך א פייער אנגעצונדען...

— נעכטען פארנאכט ווען די זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהן האב איך געשפאצירט מיט דואג דעם אדומי אויף'ן וועג צום טייכעל... אלעס ארום איז געווען שטיל און רוהיג... פלוצים האבען מיר דערהערט א געשפרעך... מיר האבען זיך שטילערהייד דערנעהנטערט צום פלאץ פון וואנען די שטימען זיינען געקומען. מיר האבען גלייך דערקענט די שטימע פון דוד'ן. מיר זיינען נאך נעהענטער צוגעגאנגען, און מיר האבען זיך בעהאלטען הינטער א דיקען

בוים און מיר האָבען נעקענט הערען דעם גאַנצען געשפּרעך. מיר האָבען אַיִיד דייטליך געקענט זעהן דוד'ן און זיין פלימעניק יואב'ן....

— נו, וואָס האָט דוד גערעדט ? ! — איז דער קעניג נאָך מעהר אומ־געדולדיג געוואָרען.

— וואָס דוד האָט פריהער גערעדט ווייס איך נישט, נאָר ווען מיר זיינען צוגעקומען האָבען מיר געהערט ווי ער זאָגט צו יואב'ן: "עס וועט שוין לאַנג ניט נעהמען און די קרוין וועט איבערגעטראָגען ווערען פון גבעת נאָך בית לחם"... דאָס גאַנצע פאָלק האָט מיר ליעב... עס איז דאָך זעהר מעגליך אז אין א יאָהר ארום וועל איך ווערען קעניג איבער גאַנץ ארץ ישראל"...

— וואָס ? ! — איז דער קעניג אויפגעשפּרונגען פון זיין פלאַץ — אזוי האָט גערעדט דוד, מיין איידעם !

— יע, מיין האר קעניג, אזוי האָבען מיר געהערט ווי דוד האָט גערעדט !

— האָט שמעי קאַלטבלוטיג געזאָגט — און אויב דער קעניג צווייפעלט נאָך אין מייענע ווערטער, קען זיי דואג בעשטעטיגען...

— געה ברייננ מיר דואג'ן אהער ! — האָט דער קעניג בעפוילען שפּריי־זענדיג אַן אויפגערעגטער איבער'ן צימער היו און צוריק.

שמעי איז שנעל אוועקגעגאַנגען צו דואג'ן און מיט צופרידענהייט האָט ער צו איהם געזאָגט:

דער קעניג גלויבט אלעס וואָס איך האָב איהם געזאָגט, יעצט דאַרפסטו זעהן מיר ניט צו ווידערשפּרעכען.

— וואָס האָט דער קעניג געזאָגט ? — האָט איהם דואג געפרעגט — און ווי אזוי האָט ער דיין באריכט אויפגענומען ?

— ער איז געוועזען שטאַרק אויפגערעגט און אין כעס... און ווען דוד וואָלט יעצט געוועזען ביי דער האַנט וואָלט ער איהם זיכער געטויטעט...

— נו, זעהסטו שוין — האָט דואג געשמייכעלט — איך האָב דאָך דיר געזאָגט אז אזוי וועט זיין... דער קעניג האָט דוד'ן אזוי פיינט אז וואָס מעהר דו וועסט אויף איהם אַנריידען, אלץ מעהר וועט ער דיר גלויבען...

— און איך וועל שוין זעהן אז דער קעניג זאָל דיר דערפאַר גוט בעלוינען — האָט שמעי געזאָגט.

זיי זיינען ביידע אריין אין קעניג'ס צימער און איהם געטראָפען נאָך אלץ אויפגערעגט און אין כעס...

— דואג, דערצעהל מיר וואָס דו האָסט געהערט דוד'ן רעדענדיג צו זיין פלימעניק יואב'ן ?...

— איך האָב שוין פון לאַנג חושד געוועזען דוד'ן דאָס ער טראַכט בייזעס צו טהאָן דעם קעניג — האָט דואג געענטפערט און נעכטען פאַרנאַכט האָב איך בעמערקט ווי ער איז אוועקגעגאַנגען מיט יואב'ן אין דער ריכטונג פון טייכעל, האָב איך גלייך צוגערופען שמעי'ן און געבעטען ער זאָל מיט מיר שפּאַצירען... איך האָב פאַרשטאַנען אז דוד וויל זיך סוד'ען מיט זיין פלימעניק און דאריבער איז ער אוועק מיט איהם אין א פלאַץ וואו קיינער וועט איהם נישט הערען און ניט זעהן. מיר האָבען ביידע אוועקגעשפּאַצירט אין דער זעל־בער ריכטונג, ביזוואַנען מיר האָבען דערהערט דוד'ס שטימע און ווען מיר זיינען צוגעקומען נעהענטער האָבען מיר געהערט ווי ער זאָגט צו יואב'ן: "עס

וועט שוין לאנג נישט נעהמען און די קרוין וועט איבערגעטראגען ווערען פון גבעה נאך בית לחם"... "דאס גאנצע פאלק האט מיר ליעב... עס איז נאך זעהר מעגליך אז אין א יאהר ארום וועל איך ווערען קעניג איבער גאנץ ארץ ישראל"...

— יעצט זעה איך, האט דער קעניג געדריקט זיינע פויסטען פון כעס — אז שמעי האט מיר ניט גענארט... עס איז אמת, הייסט עס, אז דוד וויל אוועק־רויבען פון מיר מיין קרוין — דעם טויט האט ער דערפאר פארדיענט!... און דיר, דואג וועל איך מאכען פאר דעם הויפט פון מיינע קנעכט און דיין עובדה וועט זיין אויסצוגעפינען אלעם וואס דוד טהוט און מיר בעריכטען [illegible]... ביזוואנגען ער וועט אריינפאלען אין מיינע הענט און איך וועל איהם טויטען...

[illegible] האט זיך פערנייגט פאר'ן קעניג און געזאגט:

איך וועל מיט געטרייהייט און איבערגעבענהייט דינען דעם תאר קעניג...

צופרידענע און גליקליכע זיינען ביידע, שמעי און דואג, ארויס פון קעניג'ס פאלאץ...

שאול האט שוין יעצט ניט געצווייפעלט אז דוד וויל ביי איהם אוועקנעהמען די מלוכה... ער האט שוין ווידער גענומען טראכטען ווי אזוי פטור צו ווערען פון זיין שונא...

ער האט אריינגערופען זיין זוהן יונתן צו זיך אין צימער און איהם געזאגט:

— יעצט זעהסטו, מיין זוהן, אז איך בין די גאנצע צייט געווען גערעכט... איך האב דיר שוין פון לאנג געזאגט אז דוד איז מיין גרעסטער שונא... ער וויל מיין קרוין פון מיר רויבען... אבער דו האסט אימערצו געהאלטען מיט איהם, און מיר האסטו געוואלט איבערצייגען אז איך מאך א טעות... יעצט זיי וויסען, יונתן, אז דו האסט די גאנצע צייט געלעבט אין טעות... דוד איז מיר פאלש! ער פלאנעוועט צו ווערען קעניג אנשטאט מיר!

— אה, פאטער! ווי אזוי קענסטו איהם באשולדיגען אין פאררעטה! איך וויים דאך ווי געטריי דוד דיענט דיר, ער וואלט דאך זיין לעבען געאפפערט פאר דיר!... בפרט נאך יעצט ווען דו האסט איהם אפגעגעבען מיכל'ן, וועמען ער האט אזוי פיעל געליעבט, פאר א פרוי... דו האסט איהם אזוי גליקליך געמאכט, טו ווי זאל ער האבען אזעלכע געדאנקען וועגען דיר...

— דיין שטארקע פריינדשאפט צו איהם, פערבלענדעט דיר דיינע אוי־גען! — האט שאול אויסגעשריען — איך האב אבער היינט אויסגעפינען אז דוד האט זיך בעריהמט פאר יואב'ן דאס ער וועט ווערען קעניג אין א יאהר ארום...

— אבער ווער האט עס דיר דערצעהלט, פאטער? — האט יונתן געוואונדערט.

— איך האב עס נישט געהערט פון איין פערזאן, איך האב דיזעלבע זאך געהערט פון צוויי פערזאן... און איך בין זיכער, אז זיי האבען מיר דער־צעהלט דעם אמת!... — האט שאול געשטורעמט — דוד האט פערדיענט דעם טויט!

— פאטער, עס איז א בלבול... א שרעקליכער בלבול האבען דוד'ס שונאים אויף איהם אויסגעטראכט! ווי אזוי קענסטו עס גאר גלייבען אויף דוד'ן, וועלכער האט זיין לעבען איינגעשטעלט אין סכנה און געגאנגען קעמפפען מיט גלית'ן... ער האט געבראכט א גרויסע ישועה אויף אלע אידען און האט דיין מלוכה פערשטארקט... ווען נישט דוד וואלטען מיר דאך אלע יעצט געווען פארשקלאפט צו די פלישתים און ווער וויים צו די פלשתים וואלטען נים געפאדערט דעם קאפ פון דעם אידישען קעניג, ווען גלית וואלט דאן געזיעגט... און יעצט ווילסטו פערגיסען רייגע אומשולדיגע בלוט... איז עס נים דערזעלבער דוד, וועלכער האט דא נים לאנג ווידער איינגעשטעלט זיין לעבען אין סכנה ערפילענדיג דיין וואונש זיך אפצורעכענען מיט דיינע שונאים, די פלשתים?... און וואלט נישט דער זעלבער דוד, זיין לעבען נאך פיעלע מאל אין סכנה געשטעלט פאר דעם קעניג און זיין לאנד... א, פאטער, איך בעט דיר בעגעה [illegible] אויסגעטראכט געגען דוד'ן... ברייגג נישט אויף זיך און אונז אלעמען א פלעק וואס דו וועסט קיינמאל נישט אימשטאנד זיין עס אפ־[illegible] אז דער ליעבענסווירדיגער דוד, זאל זיין פעהיג אפילו צו טראכטען פערדעטעריש וועגען דיר...

— א ווייל איז שאול געשטאנען ווי א בעשולדיגטער... טרעהרען האבען זיך באוויזען אין זיינע אויגען... ער האט טאקע געגומען צווייפלען אין הארצען אין דוד'ס שולד... זיין זוהן'ס ווערטער האבען איהם גערוהרט...

— דו ביזט גערעכט, יונתן. איך בין טאקע געווען צו איילינ... אבער איך שווער דיר, אז מעהר וועל איך אפילו נישט טראכטען וועגען טויטען איהם... איך זעה אז דוד אז מיר געטריי... ער קען שון צו מר ווידער קימען שפיעלען... איך בין שוין איבערצייגט אן זיין געטרייהייט, אין זיין עהרליכ־קייט... געבענשט זיי, מיין זוהן, צו גאט, וואס דו האסט מיר מיינע אויגען געעפענט... געה איך בעט דיר, זאג דוד'ן ער זאל קומען שפיעלען פאר מיר... איך האב זיך יעצט ווידער אזוי פערבענקט נאך זיין שפיעלען... איך האב ליעב צו זעהן זיינע וואונדער שעהנע פער'חלום'טע אויגען, ווען ער גיסט אוים זיין הארץ מיט א ליעבליכע מעלאדיע אויף די סטרונעס פון דער הארפע... געה, מיין זוהן, רוף איהם, זאל ער זיין הארפע מיטנעהמען און גלייך קומען צו מיר...

א גליקליכער איז יונתן אוועק צו דוד'ן און איהם אנגעזאגט אז דער קעניג וויל ער זאל ווידער קומען שפיעלען פאר איהם...

— יעצט דארפסטו שוין מעהר קיין מורא נישט האבען, מיין ליעבער פריינד — האט יונתן איהם געדריקט די האנט — מיין פאטער האט מיר צוגעשווארען, דיר מעהר קיין מאל נישט שלעכטס צו טהאן.

— דאך, מיין ליעבער דוד — האט זיך מיכל אפגערופען מיט א שטראהל־לענדען פנים — זאג מיר צו נישט צו שפיעלען פאר מיין פאטער קיין אר־מעטיגע נגונים אפילו ווען ער וועט עס פאדערען... ווייל עס ווירקט אויף איהם זעהר שטארק... איך וויים אז ער האט זעהר ליעב צו הערען אזעלכע נגונים... און וועט דיר וואהרשיינליך בעטען דו זאלסט זיי פאר איהם שפיע־לען... דו וועסט אבער קענען זיך ארויסדרעהען דערפון...

דוד האט גענומען זיין הארפע, ער האט געקושט מיכל'ן און איז אוועק צום קעניג אין פאלאץ...

איינינע טעג האט דוד געשפיעלט פאר שאול'ן... דער קעניג האט שוין באלד געהאט פערגעסען וואס שמעי און דואג האבען איהם דערצעהלט וועגען דוד'ן... ער איז געווען שטארק צופרידען וואס יונתן האט איהם אפגעהאלטען צו טהאן אן אומרעכט צו דוד'ן...

— איך וועל מוזען רופען דואג'ן און שמעי'ן — האט זיך דער קעניג געטראכט — און זיי גוט בעשטראפען פאר דעם בלבול וואס זיי האבען אויסגעטראכט אויף דוד'ן... און ווען דוד איז פון איהם אוועקגעגאנגען, האט שאול נאך זיי געשיקט.

שמעי האט גענומען ציטערען ווי א בלאט, ווען ער האט דערהערט אז דער קעניג רופט איהם און דואג'ן צו זיך...

— איך האב דאך דיר געזאגט, אז עס לוינט זיך נישט אנצופאנגען מיט דוד'ן — האט שמעי מיט שרעק געזאגט צו דואג'ן — זעהסטו דען נישט אז גאט איז מיט דוד'ן... שוין עטליכע מאג ווי דוד שפיעלט פאר'ן קעניג... און ער בעשטראפט איהם נישט... יע, ער האט בערשטאנען אז מיר האבען אויף איהם א בלבול אויסגעטראכט און יעצט וועט ער אונז דערפאר בעצאהלען...

— פון וואנען וועט זיך דער קעניג קענען איבערצייגען אז מיר האבען איהם דערצעהלט א ליגען — האט דואג זיך אפגערופען מיט א שמייכעל — מיר מוזען באשטעהן אויף דעם, אז אלעס וואס מיר האבען דעם קעניג דער־צעהלט, איז אמת... און אפילו ווען דער קעניג זאל אונז הייסען שווערען דארפען מיר גלייך שווערען... אבער ווען דו וועסט זיך דערשרעקען און די וועסט נעהמען שטאמלען... וועט דער קעניג פארשטעהן אז דאס איז א בלבול אויף דוד'ן און וועט דיר צווינגען זיך מודה צו זיין, דאן וועלען מיר ביידע זיין פערלארענע... דאריבער איז מיין עצה, אז וויפיעל דער קעניג זאל אונז נים אויספרעגען, זאלען מיר זיך האלטען פעסט ביי אונזער ערשטען בריבט... ביזוואנען דער קעניג וועט נעהמען גלויבען אז מיר האבען טאקע אזוי געהערט...

— איך וויים, דואג, אז דו ביזט קלוג, און מען קען זיך אויף דיר פער־לאזען — האט שמעי געזאגט — דאך שרעק איך זיך זעהר, פיליייכט איז געלונגען דוד'ן איבערצוצייגען דעם קעניג אז ער איז אומשולדיג.

— ווי אזוי וועט ער דאס קענען טהאן? — האט דואג געזאגט — איך האב דאך איהם יענעם אבענד טאקע געזעהן שפאצירענדיג מיט יואב'ן... דאס וועט ער דאך נישט קענען אפלייקענען... אויב אזוי וועט דאך דער קעניג איינזעהען אז מיר זיינען גערעכט... צוליעב וואס איז ער אוועק מיט יואב'ן אין אזא פערבארגענעם פלאץ... בערוהיג דיך נאך און אלעס וועט גוט זיין...

— אבער דאך וואלט איך נישט וועלען אז דער קעניג זאל טויטען דוד'ן צוליעב מיינעם א בלבול — האט זיך שמעי אפגערופען נאך אלעמען. איז דאך דוד נישט אין גאנצען שולדיג וואס מיכל האט זיך אין איהם פערליעבט אנשטאט אין מיר...

— זיי נישט אזוי ווייכהארציג, מיין פריינד! — האט דואג צו איהם געזאגט — דוד האט דאך דיין גליק צושטערט, און דו האסט א רעכט איהם צו בעקעמפפען מיט יעדען וואפען וואס דו פערמאגסט... און אחוץ דעם גלייב

איך נישט אז דער קעניג וועט טויטען דוד'ן... ער וועט מורא האבען צו פערגיסען דאס בלוט פון דעם בעליעבטען פאלקס העלד... אבער ער וועט איהם פערטרייבען פון זיך און דאס איז וואס מיר זיינען דאך אייסען... ווען ער פעריאגט דוד'ן פון פאלאץ, אלס א פעררעטהער, דאן וועט דאך דער קעניג צונעהמען פון איהם אלעס וואס ער פערמאגט... ער וועט אויך פין איהם צונעהמען מיכל'ן... און דאן אויב דו וועסט וויסען ווי אזוי צו האנדלען, וועסט סוף כל סוף קריגען מיכל'ן פאר זיך...

— אה, ווי גליקליך איך וואלט זיך געפיהלט, ווען אלעס וועט זיך אויס־לאזען ווי דו זאגסט — האט שמעי זידך אפגערופען — קום לאמיר געהן איך וועל זיך אזוי שנעל נישט אונטערגעבען...

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום פאלאץ, האט זיי שאול גליך געהייסען אריינקומען.

— זאגט דאך מיר פיליכט האט איהר געמאכט א טעות און דוד האט אפשר ניט געזאגט דאס וואס איהר האט מיר איבערגעגעבען — האט שאול געפרעגט — ווען איך זאל נאר זיין זיכער... עס איז דאך אבער אוממעגליך ער זאל גאר אזוי טראכטען פון מיר... איך האב דאך איהם אזוי פיעל גוטעס געטהאן...

— מיין האר קעניג — האט זיך דואג אפגערופען — דוד, ווי עס ווייזט אויס איז זיך אליין געגארט... איהם האט בעגליקט דער קאמפף מיט גלית'ן... די פרויען פון איבער'ן גאנצען לאנד האבען איהם געלויבט און גע־הויבען ביז אין הימעל אריין און יעצט רעדט ער זיך איין אז דאס פאלק וואלט איהם אויך וועלען פאר א קעניג... און בפרט נאך יעצט, ווען ער איז געווארען דעם קעניג'ס איידעם...

— נו, יע, מיין האר קעניג, דער זוהן פון ישי האט וואהרשיינליך פער־געסען אז ער איז געוועזן א פאסטוך און דער קעניג האט איהם דערהויבען צו אזא הויכען ראנג — האט שמעי זיך אפגערופען — דעם גרויסען כבוד וואס דער קעניג האט איהם געטהאן איז איהם נאך ווינציג... ער שטרעבט נאך העכער... נו, געוויס וואס קען מען ערווארטען פון א זוהן פון שבט יהודה!...

— יא, דו ביזט גערעכט מיין קינד! — האט זיך שאול אפגערופען צו שמעי'ן, — דער שבט יהודה האט זיך קיינמאל ניט געוואלט אינגאנצען אונטער־ווארפען מיין הערשאפט, אפילו אין צייט פון מלחמה מיט אונזערע שונאים, האט דיזער שבט בעזונדער געצעהלט זיינע ארמעען... און יעצט נעהמען זיי זיך זיכער איבער מיט זייער דוד'ן וועלכער האט גלית'ן געטויטעט... ווער ווייס צי דוד פיהרט מיט זיי נישט קיין פארהאנדלונגען איבערצופיהרען די מלוכה קיין בית לחם יהודה!

— און דאס האבען מיר דאך מאקע געהערט פון זיין מויל ווען ער האט זיין סוד פערטרויט יואב'ן — האט זיך דואג אפגערופען.

— אט דאס האב איך אלע מאל געזאגט — האט שמעי געזאגט — אז עס איז נישט ראטהזאם און אפשר אויך געפעהרליך צו דערהויבען א זוהן פון א פיינדליכען שבט צו אזא הויכען און בכבוד'ן אמט... וואלט דוד געווען פון אונזער שבט בנימין — וואלט ער קיינמאל גאר אזעלכע בייזע געדאנקען נישט געהאט וועגען קעניג... ווייל מיר אלע פון שבט בנימין זיינען איבריכטיג

און עהרליך... נישט אזו שנעל פארגעסען מר א טובה וואס מען מחוס מיט אונז... און ווער רעדט נאך אפצוטהאן א רעה פאר א טובה...

— יע, ער פערדיענט דעם טויט! ער פערדיענט דעם טויט! — האט שאול געקריצט מיט די צייהן... איך זעה יעצט אז מיין זוהן איז אין איהם גענארט... יעצט גלויב איך מאקע אז ער האט גערעדט אזוי צו יואב׳ן, איך האב זיך בענארישט! דער זוהן פון ישי׳ן האט אונז אלעמען פערבלענדעט די אויגען! און יעצט האב איך איהם נאך מיין טאכטער פאר א פרוי געגעבען! איהם, מיין גרעסטען שונא, האב איך אנפערטרויט מיין ליעבע טאכטער, מיכל׳ן!

— ער האט איהר מיט זיין שפיעלען פערכשופט — האט שמעי געזאגט — אט אזוי געווינט ער צוטריט אין פיעלע הערצער... און זיינע פריינד זיינען איבערגעגעבען צו איהם מיט׳ן גאנצען הארצען, אבער דוד איז פאלש, ער זוכט נאר זיין אייגענעם.

— איך וועל זיך מיט איהם אפרעכענען! — האט שאול אויסגערופען — יעצט געהטביידע, ווען איך וועל אייך דארפען, וועל איך אייך שיקען רופען, דאן וועט איהר עפענטליך ערקלערען אז דוד האט מיר געזוכט צו פערכאפען...

יענע נאכט איז געווען פאר שאול׳ן א שלאפלאזע.. א גאנצע נאכט האט ער מיט זיך געקעמפפט... ער איז במעט ווי זיכער אז שמעי און דואג האבען איהם גענארט... אבער ער פיהלט אז גראדע יעצט נארט ער צו זיין גענארט... זיין אייפערזוכט אויף דוד׳ן האט זיך נאך מעהר פערשטארקט... און אין דער אמת׳ן האט דען דוד נישט געזיעגט אין אלע מלחמות מיט די פלשתים... ווערט ער דען נישט פון טאג צו טאג מעהר בעליעבט און פאפולער צווישען פאלק? ווי ווייט פעהלט עס, אז מען זאל איהם איינגאנצען אנבאטען די קרוין... ניין, די מלוכה איז נישט בעפעסטיגט פאר איהם און זיינע קינדער כל זמן דוד לעבט... ער וועט איהם נאך מארגען טויטען... יעצט ווען ער שוין צו יונתן וועגען דעם גארנישט זאגען און מארגען ווען דוד וועט קומען שפיעלען... וועט ער שוין וויסען וואס צו טהאן...

אין דער פריה האבען שאול׳ס אלע נאהענטע באמערקט אויף זיין פנים אז דער ״בייזער גייסט״ האט איהם ווידער בעאומרוהיגט, אבער זיי האבען געגלויבט אז ער וועט באלד מונטערער ווערען, זאל נאר דוד אנפאנגען צו שפיעלען...

דוד האט זיך שוין ווידער צוגעוואהנט צו שפיעלען פאר׳ן קעניג, און האט זיך יעצט נאך היימישער געפיהלט אין קעניג׳ס פאלאץ...

— איך פיהל זיך עטוואס מיעד און שלעפעריג, — האט שאול געזאגט צו דוד׳ן — דו וועסט צו מיר אין שלאף צימער אריינקומען, און איך וועל זיך צולייגען אין מיין בעט...

— דוד האט אזוי געטהאן; ער איז אריין מיט דעם קעניג אין שלאף־צימער... שאול האט זיך געלעגט אין בעט... זיין שפיעז האט ער ווי געוועהנ־ליך געהאלטען אין זיין רעכטער האנט.

דוד האט גענומען שפיעלען פאר איהם... די קלאנגען פון דער הארפע האבען אנגעפילט דעם צימער... שאול ליגט אין בעט און נעהמט פון דוד׳ן נישט

ארונטער די אויגען.... אט שטעהט פאר איהם זיין גרעסטער שונא און שפיעלט פאר איהם... אין הארצען אבער טראכט ער נאר ווי אזוי ער זאל קענען וואס שנעלער אוועקנעהמען די קרוין פון איהם... "עס איז זעהר מעגליך אז אין א יאהר ארום וועל איך ווערען קעניג איבער גאנץ ארץ ישראל", אזוי האט שמעי איהם געהערט ריידענדיג... איז עס מעגליך אז אט דער דוד, וועלכער שטעהט און שפיעלט פאר איהם מיט אזא אומשולדיגען פנים, זאל ריידען אזעלכע ווערטער און אזוי הויך אז שמעי זאל איהם קענען הערען... נו, און אויב ער האט נישט גערעדט אזעלכע ווערטער, טראכט עתר דען נישט וועגען דעם... ער שטאמט דאך פון שבט יהודה... און די פרויען האבען דאך איהם "צעהנדליגע טויזענדע" געגעבען... דאס פאלק האט איהם ליעב... וואס ער נעהמט זיך אונטער איז ער ערפאלגרייך... איין מאל פאר אלע כיאל אן ענדע מוז ער מאכען דערצו... שמעי וועט איהם קיין ליגען ניט זאגען ער האט געוויס געהערט ווי דוד האט זיינע פעררעטערישע ווערטער גערעדט צו יואב'ן. און דואג? האט דען דואג נישט געהערט די זעלבע זאך. דוד פערדיענט דעם טויט! ער וועט שוין דיזען מאל זעהן זיך ריכטיג צו צילעווען... ער וועט דעם שפיעז א שליידער טהאן און דורכלעכערען דוד'ס הארץ... דאן וועט ער רופען שמעי'ן און דואג'ן און זאלען זיי עדות זאגען וואס דוד האט גערעדט... דאס בלוט האט אין איהם גענומען קאכען און זידען... אויב נישט יעצט וועט ער עס קיינמאל ניט טהאן...

דוד האט באמערקט דעם קעניג'ס בייזען בליק אין ער האט געזעהן אז דער בייזער גייסט קומט אן אויף איהם. ער האט דעריבער גלייך געענדערט זיין שפיעלען; ער האט גענומען שפיעלען א פרעהליכען ניגון...

— פארוואס האסטו פלוצים אומגעביטען דעם נגון? — האט איהם שאול געפרעגט און האט זיך אנידערגעזעצט אויף'ן בעטעל, אזוי ער זאל אויסקומען פונקט געגען איבער דודא'ן...

— איך האב געוואלט שפיעלען עפעס פרעהליכערעס פאר דעם קעניג — האט דוד געזאגט אונטערברעכענדיג זיין שפיעלען...

— שפיעל די זעלבע זאך פון פריהער! — האט שאול בעפוילען און דוד האט אין זיין שטימע דערקענט אויפרעגונג און ביטערקייט... שאול האט יעצט אפגעמאסטען מיט זיינע אויגען די ווייטקייט פון איהם ביז דוד'ן... ער וועט דארפען דעם שפיעז א שליידער טהאן עטוואס רעכטס, כדי איהם גלייך צו טרעפען אין הארצען...

דוד'ס פינגער זיינען שנעל געלאפען איבער די סטרונעס פון דער הארפע און אין דערזעלבער צייט האט ער געווארפען זיינע בליקען אויף שאו'ן... עפעס געפעלט איהם נישט דעם קעניג'ס בייזער בליק און זיין צופען נער ווייאיש די בארד... עס דערמאנט איהם אן יענעם מאל ווען ער האט איהם שיער צום טויט נישט דערשטאכען... זאל ער יעצט ווידער האבען א שלעכטע כונה... אבער יונתן האט דאך איהם געזאגט אז דער קעניג האט געשוואוען איהם מעהר קיין בייז נישט צו טהאן... דאך וועט ער מוזען זעהר פארזיכטיג זיין... ער האט שוין דעם קעניג לאנג נישט געזעהן אין אזא כרייערינגען געמיטה... אה, ווען ער לעגט אוועק דעם שפיעז... פארוואס האלט ער איהם אין האנט און נעהמט פון איהם די אויג נישט ארונטער?...

דוד׳ס שפּיעלען איז יעצט געווען מעכאַניש... זיין האַרץ איז דאַביי נישט געווען... זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט דעם קעניג... מעגליך אַז דער קעניג מיינט איהם ווידער צו טויטען... נו, און אַז ער האָט געשוואָרען איז וואָס?... דער בייזער גייסט קומט איהם אָן... אָה, זיט וואָס פאַר א בייזע און שרעקליכע אויגען ער קוקט אויף איהם... און ווי מאָדנע ער האַלט דעם שפּיעז...

שאול האָט זיך ווידער גענומען דערמאָהנען אָן שמעי׳ס ווערטער וועגען שבט יהודה... אַט שטעהט פאַר איהם איינער פון יענעם שבט, וועמען ער אַליין האָט גורם געווען צו מאַכען איהם אַזוי בעליעבט ביים פאָלק... און יעצט איז ער זיין ערגסטער שונא. ער טראַכט נאָר ווי צו טויטען דעם קעניג און ירשנ׳ען זיין קרוין... יעצט איז זיין צייט... ער מוז שטאַרבען, דער פעררעטהער!...

שאול האָט פלוצלינג א שלײַדער געטהאָן דעם שפּיעז אויף דוד׳ן... אָבער דוד האָט אין צייט א שפּרונג געטהאָן אָן א זייט און אַזוי האָט ער זיך געראַטעוועט דעם צווייטען מאָל... דער שפּיעז איז געבליבען שטעקען אין וואַנט...

דוד האָט איבערגעלאָזען די האַרפּע אין שאול׳ס צימער און אַליין איז ער פון דאָרט אַנטלאָפען... ער האָט געהערט ווי שאול האָט אויסגעשריען: ״גאָט איז מיט איהם!... אָבער ער וועט זיך פון מיינע הענט נישט אַרויסדרעהען״...

קוים כאַפּענדיג דעם אָטעם און מיט צושויבערטע האָר איז דוד געקומען צו זיך אין הויז.

— וואָס איז מיט דיר, דוד? — האָט איהם מיכל געפרעגט מיט שרעק.

— דיין פאָטער האָט ווידער אויף מיר געוואָרפען זיין שפּיעז... בלויז איין טריט איז געווען צווישען מיר און דעם טויט...

— אַה, מיין ליעבער דוד! — האָט איהם מיכל געהאַלזט און געקושט, — וואָס האָט דער פאָטער צו דיר? פאַרוואָס זוכט ער דיר שלעכטס צו טהאָן? מיט וואָס האָסטו געזינדיגט געגען איהם... טרעהרען האָבען געשטיקט איהר שטימע. דוד, איך בעט דיך, נעהם מיך אַוועק פון דאַנען. לאָמיר געהן אין בית לחם אין דיין געבורטסשטאָדט... דו וועסט דאָרטען ווידער פּיטערן דיינע שאָף און איך וועל שטענדיג זיין מיט דיר, מיר וועלען דאָרט זיין רוהיג און גליקליך... מיר איז דער פּאַלאַץ נמאס געוואָרען... און בפרט ווען מיר מוזען דאָ אימער זיין אין טויט־שרעק.

— וועט דען דער קעניג איינשטימען דערצו? — האָט דוד געפרעגט מיט א יאוש׳דיגע שטימע, — און ווען ער זאָל בעשליסען מיך צו טויטען, וועט ער דען מיר ניט קענען דערגרייכען אפילו אין מיין אייגענער שטאָדט, בית לחם?

— וואָס זאָלען מיר טהאָן! וואָס זאָלען מיר טהאָן! — האָט מיכל אויסגערופען פאַרצווייפעלט, — אָבער ניין! קיין האָר וועל איך פון דיר נישט לאָזען פאַלען און אויב ער וויל דיך טויטען, דאַן זאָל ער מיך פריהער טויטען...

א קלאַפּ אין טיהר האָט זיך פּלוצלונג דערהערט און דוד און מיכל זיינען ביידע געבליבען שטעהן א ווײַלע ווי פאַרגליווערט... באַלד האָט זיך מיכל געשטאַרקט און זיך אָפּגערופען צו דוד׳ן:

— געה אַריין אין צווייטען צימער און איך וועל געהן עפענען די טיהר,

און זיי זיכער, אז איך וועל קיינעם נישט דערלאָזען דיר שלעכטס צו טהאָן... סיידען זיי וועלען טרעטען איבער מיין קערפּער.

דוד איז אריין אין צווייטען צימער, און מיכל איז געגאַנגען עפענען די טיהר.

— אה, יונתן! — האָט מיכל אויסגעבראָכען אין א געוויין, — האָסטו געהערט וואָס דער פאָטער האָט ווידער געוואָלט טהאָן צו דוד׳ן?

— איך ווייס אַלעס, מיין שוועסטער! איך האָב נאָך אמאָל דעם שפּיעז געפונען שטעקען אין וואַנט, און די האַרפּע אויפ׳ן באָדען... יאָ, דער בייזער גייסט באהערשט ווידער אונזער פאָטער... ער האָט בעשלאָסען צו טויטען דוד׳ן... און איך בין יעצט געלאָפען דיר אָנזאָגען אז דוד טאָר זיך דאָ מעהר נישט גע־פינען. איך האָב געהערט ווי דער פאָטער האָט באַפוילען עטליכע פון זיינע געטרייע איבערגעבענע לייב־וועכטער אָפּצוואַרטען נעבען דוד׳ס הויז, און היטען דעם ארויסגאַנג פון הויז, און ווי נאָר ער וועט פּאַרזוכען ארויסצוגעהן פון הויז זאָלען זיי איהם באַפאַלען און טויטען...

— אה, וואָס זאָל איך טהאָן? וואָס זאָל איך טהאָן?! — האָט מיכל געיאָמערט, — יונתן גיב דאָך מיר אן עצה.

דוד האָט דערהערט יונתן׳ס שטימע, איז ער ארויס פון זיין צימער וואו ער איז געווען בעהאַלטען.

— איך זעה אז מיין לעבען הענגט אויף א האָר! — האָט זיך דוד אָפּגע־רופען צו יונתן, — איך ווייס נישט וואָס אזוינס איך האָב געטהאָן וואָס דער קעניג זוכט מיר אומצובריינגען פון דער וועלט.

— מיין פאָטער איז קראַנק, דוד, און דו מוזט זעהן גלייך פון דאַנען צו אנטלויפען איידער דעם קעניג׳ס מענשען וועלען קומען דיך טויטען.

— זיי קומען אָן! זיי קומען אָן! — האָט מיכל ארויסגעלאָזען א געשריי, ווען זי האָט ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער, — איך זעה זיי אָנקומענדיג פון דעם וועג פון פּאַלאַץ... זייערע שווערדען זיינען געצויגען פון די שיידען... אה, יונתן! ראַטעווע דוד׳ן!...

— ווען עס וועט פינסטער ווערען זאָלסטו דוד׳ן אַרונטערלאָזען דורכ׳ן פענסטער פון הינטערשטען טייל פון הויז... דאָס וועט געבען דוד׳ן א מעגליכקייט צו אנטלויפען... איך מוז דערווייל געהן, זיי זאָלען נישט באַמערקען אז איך בין דאָ געווען. איך וועל א ווייל פערהאַלטען זיי אויפ׳ן וועג, זעה גרייט צו אביסעל שפּייז פאַר איהם... און מיט דער דיקער שטריק זאָלסטו איהם דורכ׳ן פענסטער ארונטערלאָזען... זיי וועלען וואַהרשיינליך וואַרטען אויף איהם ביז אין דער פריה, ווייל דער פאָטער האָט באַפוילען איהם צו טויטען ווי נאָר ער וועט ארויס פון דער טיהר פון זיין הויז...

יונתן האָט זיך צוקושט מיט דוד׳ן און איהם געזאָגט: גאָט וועט דיך בעשיצען פון אַלע דיינע שונאים, ווי ער האָט דיך ביז איצט באַשיצט... ווען דו וועסט האָבען א געלעגענהייט וועסטו דורך א געהיימען שליח מיר שיקען אָנזאָגען וואו דו געפינסט זיך און דאַן וועל איך מיט דיר אָפּמאַכען וואוהין זיך צו טרעפען... און וועגען מיכל׳ן זאָלסטו נישט זאָרגען, קיין שלעכטס וועט איהר נישט געשעהן... פרידען צו דיר, מיין ברודער!... גאָט זאָל דיך בעשיצען אין אַלע דיינע וועגען, שלום!

יונתן האָט שנעל פאַרלאָזען דוד׳ס הויז, און מיכל איז געשטאַנען א צו־שראָקענע און האָפנונגסלאָזע.

— מיכל, מיין ליעבע מיכל! — האָט דוד איהר צוגעדריקט צו זיך, — אזוי קורץ האָט אונזער גליק אָנגעהאַלטען, אזוי שנעל מוזען מיר זיך צושיידען און גאָט ווייס אויף ווי לאַנג. איך וועל מוזען יעצט אין גלות געהן! אָה, גאָט! די זון פון גליק האָט פּלוצלינג פאַר מיר א שיין געטהאָן און יעצט וועט א שוואַרצער דיקער וואָלקען מיין ליכט פאַרשטעלען...

מיכל האָט זיך שטאַרק און היסטעריש פאַנאַנדערגעוויינט.

— אָה, זאָל גאָט איהם דערפאַר באַצאָהלען! — האָט דוד אויסגערופען מיט ביטערקייט —ער רודף׳ט מיך אומזיסט און אומנישט! איך ווייס נאָך אַלץ נישט וואָס דיין פאָטער וויל פון מיר האָבען.

— איך בעט דיך, מיין ליבער דוד, זיי נישט אזוי ביטער געגען מיין פאָטער. ער איז שוין גענוג באַשטראָפט פון גאָט, ווען ער האָט דערגרייכט אזא צושטאַנד... באַשולדיג דאָך איהם נישט אין ביזוויליגקייט... ער איז קראַנק, גייסטיג קראַנק... זאָל איהם גאָט צושיקען א רפואה... ווען ער וואָלט געווען געזונט וואָלט ער דאָך געוויס נישט באַגאַנגען אזא אומרעכט געגען דיר... ער איז דאָך פון אימער צו געווען אזא גוטער, אזא מילדער... און ווען ער איז נאָך א פּאַסטוך געווען, איז ער געווען ביי אַלעמען אזוי באַליבט, אזוי טהייער... און אָה, ווי שטאַרק ער האָט מיך ליעב געהאַט.. .און יעצט, ווען ער זאָל וויסען וויפיעל יסורים און ליידען ער פאַרשאַפט מיר... אָבער ער איז דאָך נישט שולדיג... ער איז לעצטענס אזוי טרויעריג, אזוי פאַר׳מרה־שחורה׳ט, אז ער איז נישט פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע טהאַטען.

— אָבער פאַרוואָס זוכט ער בלויז מיר שלעכטעס צו טהאָן! — האָט דוד זיך אָפּגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען — מיט קיינעם באַגעהט ער זיך נישט אזוי גרויזאַם ווי מיט מיר...

— דאָס איז דערפאַר, וואָס ער איז זעהר איפערזיכטיג אויף דיר, מיין ליבער דוד, און ווען דער בייזער גייסט קומט אויף איהם אָן, ווערט ער נישט דער זעלבער... איך בעט דיך, מיין טייערער דוד, זיי דאָך איהם מוחל... לאָמיר ביידע מתפלל זיין צו גאָט ער זאָל איהם אויסהיילען... אַ, מיין גאָט! — האָט מיכל אויסגעשריען, ווען זי האָט א קוק געטהאָן דורכ׳ן פענסטער — זיי זיינען שוין נעבען הויז, די מערדער!... זיי קוקען אַרויף!... מיין דוד! מיין ליבער, טייערער מאַן! זיי זיינען געקומען צו רויבען דיין לעבען און מיין גליק! אָה, ווי גרויזאַם דו ביסט, מיין פאָטער! ניין, ניין! איך וועל נישט דערלאָזען: זאָל ער מיך פריהער טויטען!...

זי האָט דוד׳ן צוגעדריקט צו זיך און איהם געקושט...

— איך ווייס נישט וואוהין איך זאָל לויפען, וואוהין זאָל איך זיך פון דעם קעניג פאַרבאַרגען?... — האָט דוד מיט יאוש געזאָגט.

— דערווייל זאָלסטו ענטלויפען צו שמואל׳ן אין רמה... צו איהם וועט מיין פאָטער נישט וואַגען צו קומען דיך צונעהמען און נאָכהער וועסטו זעהן... אפשר וועט מיין פאָטער זיך אַרומזעהן, אז זיין חשד איז גרונדלאָז און וועט דיך אויפהערען רודף׳ן...

— אה, מיכל, מיין ליבע, טייערע מיכל! — האט איהר דוד ווידער נע־קושט — אפילו ווען דיין פאטער זאל זיך ארומזעהן ווי גרונדלאז און זינלאז זיין חשד ווענען מיר איז, ווי לאנג דענקסטו וועט עס אנהאלטען?... ער קען זיך דאך ענדערען דריי מאל א טאג... מיין לעבען וועט שטענדיג זיין אין נע־פאהר... און יעצט וועל איך זיך דארפען צושיידען מיט דיר, מיין ליעבסטע... אה, דאס איז נאך שווערער פאר מיר ווי דער טויט... וויפיעל יאהרען איך האב געטראכט און געטרוימט פון דיר, און ווען דער ליעבער גאט האט מיין געבעט דערהערט און מיין פארלאנג ערפילט... ווען איך האב דערגרייכט די העכסטע שטופע פון מיין גליק, ווען מיין זיסטער טרוים איז פארווירקליכט געווארען, ווערט עס אלעס יעצט ווי א חלום פארשוואונדען... איך האב בלויז פארזוכט פון דעם בעכער פון מיין גליק און יעצט מוז איך אויסטרינקען איינגאנצען דעם פולען בעכער פון גיפט... אה, ווי שווער עס איז פאר מיר זיך פון דיר, מיין טייערסטע, זיך צו צושיידען...

— מיין דוד, מיין ליבער, איך בעט דיך, נעהם מיך מיט... איך וועל מיט דיר צוזאמען געהן אין גלות, וואוהין דו וועסט געהן וועל איך אויך געהן, און וואס עס וועט מיט דיר געשעהן, וועט אויך מיט מיר געשעהן... אהן דיר איז אלץ איינס מיין לעבען גארנישט ווערט.

— ניין, ליעבסטע מיינע! — האט דוד טרויעריג געזאגט — דו מוזט דא פארבלייבען — דו טארסט דיין לעבען נישט איינשטעלען אין די זעלבע געפאהרען מיט מיר... איך אליין וועל זיך קענען אויסבאהאלטען, איך וועל קענען ענטלויפען צו יעדער צייט, אבער ווען דו וועסט מיטגעהן מיט מיר, דאן וועלען מיר ביידע פאלען גרינגע קרבנות צו אונזערע נאכיאגער...

דוד און מיכל זיינען א היבשע ווילע געזעסען איינגעפלאכטען איינע אין דעם אנדערען און שטילערהייט געוויינט... זייערע באקען זיינען געווען צונויפגעפרעסט איינער צום צווייטען און זייערע טרעהרען האבען זיך צונויפ־געמישט...

עס איז געווארען גוט פינסטער. אלעס ארום איז געווען שטיל... זיי האבען בלויז געקענט הערען די שווערע טריט פון שאול'ס לייב־וועכטער, וועלכע זיינען געגאנגען הין און צוריק נעבען ארויסגאנג פון הויז... יעדער טראט, וואס זיי האבען געגעבען, האט מיכל'ן געשטאכען ווי מיט שפיזען...

— דוד! — איך מיכל אויפגעשפרונגען פון איהר פלאץ — דו טארסט דא מעהר נישט פארבלייבען... דו מוזט גלייך פון דאנען ענטלויפען איידער מיין פאטער'ס מערדער וועלען צו דיר צוקומען... איך האב צוגעגרייט פאר דיר עטוואס שפייז... איך גלויב עס וועט זיין גענוג פאר דיר ביז וואנען דו וועסט אנקומען אין רמה... דארטען גלויב איך, אז דער גוטער נביא שמואל וועט דיך נישט פארלאזען...

— יע, מיין ליעבסטע, איך בין געגרייט צו געהן, און זאל גאט געבען, אז איך וועל זיך נאך מיט דיר זעהן אין א פרעהליכערען צושטאנד...

מיכל האט צוגעבונדען דעם שטריק צום פענסטער, וואס קוקט ארויס אין גארטען. זי האט מיטגעגעבען דוד'ן זיין קורצען שווערדעל מיט דעם קליינעם פעקעל שפייז. זיי האבען זיך נאכאמאל צוקושט.

— זיי געזונט, מיין ליעבסטע און טייערסטע — האט דוד שטילערהייט געזאגט, אנהאלטענדיג זיך אין דעם שטריק...

— געה געזונט — האט מיכל געקושט זיין האנט, וואס האט זיך אנגעהאלטען אין שטריק — זאל דיך גאט באשיצען אין דיין וועג...

דוד האט זיך ארונטערגעלאזען צום באדען, איז א ווײלע געבליבען שטעהן... ער האט ארויפגעקוקט אויבען צו מיכל'ן, און מיכל האט צו איהם א מאך געטהאן מיט'ן האנט... און דוד האט גענומען זיין פעקעל און געגאנגען.

מיכל האט איהם נאכגעפאלגט מיט איהרע אויגען, און כאטש עס איז שוין געווען גוט פינסטער, האט זי דאך געקענט זעהן ווי דוד קלעטערט אריבער דעם פארקאן פון גארטען... זי האט זיך ארויסגעבויגען פון פענסטער און איהם נאכגעקוקט ביז וואנען די פינסטערניש האט איהם פארשלונגען.

א ווײלע איז זי א באוועגלאזע געשטאנען נעבען אפענעם פענסטער און נאך אלץ געקוקט אין יענער ריכטונג, וואוהין איהר ליעבסטער איז אוועק... נאכהער איז זי אריין אין שלאף־צימער, זיך אווארף געטהאן אויף איהר בעט און שטארק פאנאנדערגעוויינט...

לאנג איז זי אויף איהר בעט געלעגען און געוויינט: „דוד, דוד! מיין ליעבער דוד... גאט ווייס צו וועל איך דיך ווען עס איז זעהן“... זי האט זיך געדרעהט און געקארטשעט פון יסורים... טרויעריגע געדאנקען האבען געדריקט איהר הארץ און זי האט זיי אראפגעשווענקט מיט איהרע טרעהרען...

אז דער קוואל פון איהרע טרעהרען האט זיך אויסגעטריקענט, איז מיכל אויפגעשטאנען פון איהר בעט, אנגעצונדען א ליכט אין צימער, זי איז צוגעגאנגען צו דוד'ס בעט און געקוקט אויף איהר מיט איהרע פון וויינען רויט געווארענע אויגען... „וואו ביסטו יעצט, דוד? — האט זי צו זיך שטילערהייט גערעדט, דו וואנדערסט יעצט אין דער פירכטערליכע פינסטערניש... אומבאשיצט פון דער נאכטיגער קעלט און פון ווילדע חיות שלעפסטו זיך, דוד, א מיעדער אין דיין ווייטען לאנגען גלות... נישט וויסענדיג וואס דער מארגענדיגער טאג וועט דיר ברייגגען... מיין פאטער וועט געוויס נישט שווייגען, ער וועט פארשפרייטען נעצען איבער'ן גאנצען לאנד דיך, מיין ליעבסטען, צו פאנגען... דו וועסט דארפען וואגלען פון שטאדט צו שטאדט, און אימער זיין אין טויט שרעק... אה, מיין העלדישער דוד, ווער האט גאר געקענט דערפון טראכטען, אז אזוי וועט זיך עס אויסלאזען... מיין פרייד האט זיך אין טרויער פארוואנדעלט“...

מיכל האט די גאנצע נאכט נישט געשלאפען. זי איז געזעסען אויף דוד'ס בעטעל פארזונקען אין איהרע טרויעריגע געדאנקען...

עס האט שוין אנגעהויבען טאגען. פון מזרח זייט האבען זיך די ערשטע זונען־שטראהלען באוויזען... מיכל איז צום פענסטער צוגעגאנגען און זי האט באמערקט ווי איהרע פאטער'ס דינער שטעהען אייניגע מיט שפיזען און אייניגע מיט בלויזע שווערדען און ווארטען אומגעדולדיג אויף דוד'ס ארונטערגעהן...

— ניין, זיי טארען גאר אזוי גיך נישט אויסגעפינען, אז דוד איז אנטלאפען — האט מיכל ביי זיך באשלאסען. זי האט גענוסען דעם פיגור, וואס

איז געשטאנען אין אווינקעל פון צימער און זי אוועקגעלייגט אויף דוד'ס בעטעל... נאכהער האט זי אויפגעשניטען א קישעלע און ארויסגענומען די ציגענע האר און עס ארומגעלעגט אויף דעם קאפ פון דער פיגור... מיט א זייד דענער דעקע האט זי איבערגעדעקט די פיגור ביז דעם שטערען...

די שטונדען זיינען געפלויגען. עס איז שוין געווען גרויסער טאג, און דעם קעניג'ס וועכטער האבען נאך אלץ געוואַרט אויף דוד'ן...

— אויב ער וועט באלד נישט ארונטערקומען — האט זיך איינער פון די וועכטער אפגערופען — וועלען מיר מוזען ארויפגעהן צו איהם...

— איך ווייס נישט צו מיר האבען א רעכט דאס צו טהאן — האט א צווייטער געזאגט — דער קעניג האט אונז באפוילען צו טויטען איהם נאר דאן, ווען ער וועט ארויסגעהן פון זיין הויז...

— לאמיר שיקען זאגען דעם קעניג, אז דוד געהט נישט ארויס פון הויז — האט א דריטער געזאגט.

איינער פון די וועכטער איז אוועק צום קעניג און איהם געזאגט:

— מיין האר קעניג, מיר האבען די גאנצע נאכט געהיט דעם ארויסגאנג פון דוד'ס הויז און ער קומט נישט ארויס... ווי עס ווייזט אויס פארדעכטיגט ער, אז מיר וואַרטען אויף איהם... מיר ווייסען נישט צו דער קעניג פארלאנגט פון אונז צו טויטען איהם אין זיין הויז פאר די אויגען פון דער פרינצעסין...

— אויב ער וועט נישט ארויסקומען אין א קליינע ווייל, זאלט איהר איהם אין הויז טויטען, אפילו פאר מיין טאכטער אין די אויגען — האט שאול באפוילען — ער טאר זיך מעהר פון מיינע הענט נישט ארויסדרעהען... א טויטען זאלט איהר איהם ברייגגען צו מיר!

דער וועכטער איז שנעל צוריקגעלאפען צו זיינע חברים און זיי איבערגעגעבען דעם קעניג'ס ווערטער...

גלייך זיינען אלע וועכטער מיט די בלויזע שווערדען און שפיזען אין זייערע הענט ארויפגעגאנגען אויף די טרעפ און אנגעקלאפט אין טיהר...

מיכל איז צוגעגאנגען, האט עטוואס אויפגעעפענט די טיהר און זיי מיט א טרוקענע שטימע געפרעגט:

— וואס פארלאנגט איהר?!

— דער קעניג האט אונז אהער געשיקט צו נעהמען דוד'ן, — האט דער עלטסטער זיך אפגערופען.

— דוד איז געפעהרליך קראנק — האט מיכל געענטפערט — ער ליגט אין בעט און קען נישט ארויס פון דארט...

די וועכטער זיינען געבליבען שטעהן ווי געפלעפטע און נישט געוואוסט וואס צו טהאן... זיי האבען זיך געביטען מיט בליקען און געקוועטשט מיט פלייצעס...

דארפען זיי איהם אויך א קראנקען פון בעט ארויסנעהמען?...

— מיר וואלטען וועלען זעהן צו איז ער טאקע קראנק אין בעט — האט דער עלטסטער צו מיכל'ן געזאגט...

— ער האט געהאט א שלאפלאזע נאכט, און ער איז נאר וואס איינגעשלאפען און איך וויל נישט איהר זאלט איהם אויפוועקען — האט מיכל גע־

זאגט — פון ווייטען קענט איהר איהם זעהן... אבער איהר מוזט מיר צוזאגען קיין גערויש צו מאכען און איהם פון זיי שלאף נישט צו שטערען.

די וועכטער האבען צוגעזאגט, און מיכל האט פאוואלינקע אויפגעעפענט די טיהר פון דוד'ס שלאפצימער... זיי האבען אויסגעצויגען זייערע העלזער און זיך פון ווייטען אריבערגעבויגען צו זעהן ווי דוד ליגט אין בעטעל... זיי האבען צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ... מיכל האט צוגעשטעלט איהר פינגער צו איהרע ליפען, אגווינקענדיג זיי זאלען קיין גערויש נישט מאכען, האט זי צוגעמאכט די טיהר.

ווען די וועכטער זיינען ארונטערגעגאנגען פון די טרעפ, האט זיך דער עלטסטער אפגערופען:

— דיזע אומערווארטעטע לאגע האט אונז ווידער אין פארלעגענהייט געבראכט — עס איז זעהר נישט אנגענעהם צו טויטען א מאן ווען ער ליגט א קראנקער און א הילפלאזער... איהר טרעט פון דאנען נישט אפ און איך וועל אוועקגעהן צום קעניג און איהם פרעגען וואס צו טהאן.

די וועכטער זיינען געבליבען שטעהען אויף זייערע פלעצער, און דער עלטסטער איז אוועק צום קעניג...

און איידער ער האט באוויזען אויסצורייידען א ווארט, האט זיך שאול אפגערופען מיט אויפרעגונג און כעס:

— וואס? נאך אלץ נישט אויסגעפיהרט מיין באפעהל, איהר שרע־קעדיגע האזען, — איהר ציטערט פאר דעם זוהן פון ישי'ן.

— מיין האר קעניג! — האט זיך דער עלטסטער אפגערופען פארנייגענדיג זיך פאר שאול'ן — דוד ליגט א קראנקער אין בעט... מיכל האט איהם אונז געוויזען אין בעט... זי האט געזאגט, אז ער איז געפעהרליך קראנק, און מיר האבען נישט געוואוסט צו מיר האבען דאס רעכט צו טויטען א קראנקען מענשען...

— ברייגנען זאלען זיי איהם צו מיר א קראנקען אין זיין בעטעל — האט שאול געקריצט מיט די צייהן — איך אליין וועל איהם מיט מיין שפיז טויטען — גערענק! זאלסט מעהר נישט וואגען צו קומען אהן דוד'ן... ברייגנט איהם מיט זיין בעטעל אהער.

ווען דער עלטסטער האט זיך צוריקגעקעהרט און איבערגעגעבען זיינע חברים דעם קעניג'ס ווערטער, זיינען זיי אלע געבליבען שטעהן ווי פארשטיי־נערט... אזוי גרויזאם האבען זיי נישט געגלויבט וועט דער קעניג זיין... באלד זיינען זיי אבער ארויפגעגאנגען און איבערגעגעבען מיכל'ן דעם קעניג'ס באפעהל...

— ניין, איך וועל איהם נישט לאזען נעהמען א קראנקען! — האט מיכל געשריען...

— מיר האבען א שטרענגען פארזאג פון קעניג אויסצופיהרען זיין בא־פעהל — האט דער עלטסטער געזאגט — און אויב דו וועסט אונז נישט לאזען, וועלען מיר איהם מוזען נעהמען איבערגעוואלד...

— און דו וועסט נוצען צוואנגס־מיטלען אויף דעם קעניג'ס טאכטער? — האט איהם מיכל געפרעגט...

— אזוי ווינשט דער קעניג! — האט ער געזאגט, און זיך גענומען דער־נעהנטערען מיט די איבעריגע וועכטער צו דוד׳ס צימער...

— זאגט איהר מיר צו זעהר פארזיכטיג צו זיין, און זעהן ווי ווייט מעג־ליך איהם פון זיין שלאף נישט אויפוועקען. דאן וועל איך אייך ערלויבען איהם צו נעהמען אין זיין בעטעל.

זיי האבען איהר פארשפראכען צו זיין פארזיכטיג, און מיכל איז צוגע־גאנגען צו דוד׳ס בעטעל און אריבערגעצויגען די דעקע איבער׳ן קאפ פון דער פיגור, זאגענדיג דאביי: "איך האב מורא ער זאל זיך נאך ערגער נישט פאר־קיהלען"... זעהט איהם נישט אויפצודעקען אויפ׳ן גאס...

די וועכטער האבען אויפגעהויבען דאס בעטעל און זעהר פארזיכטיג ארונטערגעטראגען פון די טרעפ...

דערווייל איז אנגעקומען יואב, דוד׳ס פלימעניק, און ער האט זיך פון די וועכטער דערוואוסט, אז מען פיהרט עם דוד׳ן א קראנקען צום קעניג, איהם צו טויטען.

— איהר וועט איהם צום קעניג נישט פיהרען! — האט יואב ארויסגע־צויגען זיין שווערד און זיך פארמאסטען צו די וועכטער.

— ווער ביסטו עס, וואס דו ווערסט נישט דערלאזען אונז דורכצופיהרען דעם קעניג׳ס באפעהל — האט זיך דער עלטסטער אפגערופען און ארויסגע־צויגען זיין שווערד.

— איך וועל דוד׳ן פארטיידיגען ביז דעם לעצטען טראפען פון מיין בלוט — האט יואב אויסגעשריען און זיך גענומען פעכטען מיט איהם.

די איבעריגע וועכטער האבען אנידערגעשטעלט דאס בעטעל און אויך געצויגען זייערע שווערדען...

דערווייל האט מיכל באמערקט דורכ׳ן פענסטער וואס עס קומט פאר אין דרויסען. זי איז גלייך ארונטערגעגאנגען און צוריקגעהאלטען יואב׳ן...

— לאז זיי, יואב! אזוי פארלאנגט מיין פאטער!

יואב האט איהר אנגעקוקט מיט ערשטוינונג... מיכל זאל אזוי קאלט־בלוטיג איבערגעבען איהר דוד׳ן אין די הענט פון זיינע שונאים.

מיכל אבער האט א װאונק געטהאן צו איהם און יואב האט צוריקגעלייגט דעם שווערד אין דער שייד.

די וועכטער האבען נאכאמאל אויפגעהויבען דאס בעטעל מיט פארזיכטיג־קייט און געגאנגען זייער וועג...

— מיכל! — האט יואב אויסגערופען — ווי אזוי האסטו דערלאזען אזא זאך?!...

— דוד איז דארטען אין בעטעל נישטא — האט מיכל איהם געענטפערט מיט א ביטערען שמייכעל — דוד איז נאך נעכטען ביינאכט פון דאנען אנטלאפען — און דארטען אין בעטעל ליגט גאר א פיגור...

— דיין דוד איז געראטעט! — האט יואב אויסגערופען מיט צופרי־דענהייט.

— יא, איך האב איהם דורכ׳ן פענסטער דורכגעלאזען... דאס מוז בליי־בען א סוד... אבער פאר דיר, יואב, וועלען קיין סודות נישט זיין, ווייל איך

וועט ווי געטריי און איבערגעגעבן דו ביסט צו דוד'ן... דו ביסט געווען גע־גרייט דיין לעבן איינצושטעלן פאר איהם... גוט, דיך וועל איך טאקע נויטיג דארפען... איך וועל ווארטען צו זעהן וואס מיין פאטער וועט זאגען ווען ער וועט אויסגעפינען, אז איך האב איהם גענארט... און דאן וועל איך דיך שיקען מיט א שליחות צו דוד'ן... דערווייל געה אוועק פון דאנען, כדי קיינער זאל וויסען, אז דו ווייסט עפעס דערפון... איך געה גלייך אריבער אין פאלאץ צו מיין פאטער.

אויף דער גאס ארום די וועכטער האט זיך דערווייל פארזאמעלט א המון... פילע האבען גענומען פאדערען מען זאל זיי דערצעהלען וועמען מען פיהרט עס צום קעניג...

די וועכטער האבען נישט געוואלט זאגען, ווייל זיי האבען מורא געהאט, אז דער המון זאל דוד'ן נישט אריוסראטעווען פון זייערע הענט...

ווען שמעי און דואג האבען פון ווייטען דערזעהן ווי די וועכטער טראגען דאס בעטעל, האבען זיי פארשטאנען וואס דא קומט פאר.

— גיכער, לאמיר זיי אניאגען — האט דואג זיך אפגערופען צו שמעי'ן... דוד'ס לעצטע שטונדע האט געשלאגען — דאס ברייננט מען איהם צום קעניג... קום, דו וועסט באלד זעהן מיט דיינע אויגען די נקמה אן דיין גרעסטען שונא.

— גוט, ער האט פארדינט דעם טויט! — האט שמעי געזאגט — אזא פאררעטער! ווינציג האט דער קעניג פאר איהם געטהאן...

זיי האבען ביידע זיך דורכגעבראכען א וועג און גענומען העלפען טראגען דאס בעטעל.

— דאס פיהרט מען דוד'ן! — האט איינער פון דעם המון זיך אפגע־רופען — דאס פיהרט מען אונזער באליעבטען העלד, דער קעניג זאל איהם טויטען!

— ניין, מיר וועלען עס נישט דערלאזען! — האבען איינינע פון המון געשטורעמט — מיר וועלען נישט לאזען טויטען אונזער העלד...

— דו בעסער לויף צום קעניג! — האט דער עלטסטער געזאגט צו שמעי'ן — און זאג איהם ער זאל אונז שנעל שיקען א הונדערט באוואפענטע גבורים, ווייל דער המון דראהט אונז... און מיר זיינען הילפלאז נעגען אזא המון.

שמעי איז געלאפען פייל אויסען בויגען צום פאלאץ און קוים אפכאפענ־דיג דעם אטעם, האט ער דעם קעניג איבערגעגעבן וואס עס קומט פאר און וואס דער עלטסטער פון די וועכטער פארלאנגט.

שאול האט באלד ארויסגעשיקט א הונדערט באוואפענטע גבורים, וועלכע זיינען נאכגעגאנגען שמעי'ן צו באגעגענען די וועכטער...

ווען דער המון האט דערזעהן די אנקומענדע גבורים, זיינען זיי זיך צולאפען.

דער קעניג וויים וואס ער טוט—האט זיך איינער פון המון אפגערופען—נאך אלעמען איז דאך דוד ניט פון שבט בנימין, ער איז דאך פון יהודה, זאלען די ברידער פון זיין שבט קומען זיך אננעמען זיין קריוודע... אבער וואס האבען מיר איינצושטעלען אונזער לעבען פאר איינעם פון א פרעמדען שבט.

נישט אלע האבען זיך בערוהיגט הערענדיג דיזע ווערטער, אבער דאך האָבען זיי זיך ארומגעזעהען אז זיי וועלען גארנישט קענען אויספיהרען און זיי זיינען אהיים געגאנגען.

די וועכטער האבען ווייטער געטראגען די בעטעל און זיך שטילערהייד צווישען זיך דורכגערעדט:

— אזא שטארקער שלאף איז אויף'ן דוד'ן אנגעפאלען—האט איינער מיט א שמייכעל געזאגט—אז ער הערט גאר נישט וואס עס קומט דא פאר. אפילו דער געשריי און טומעל פון דעם המון האט איהם פון זיין זיסען שלאף נישט אויפגעוועקט.

אזוי געשמאק שלאפען דארף מען קענען! מיר טראגען איהם שוין א היבשע ווייל און ער טוט זיך אפילו נישט קיין ריהר מיט אן אבר...

— ווען ער וואלט וויסען וואס עס קומט דא פאר מיט איהם און וואוהין מיר פיהרען איהם, וואלט ער אזוי רוהיג נישט געלעגען...

— באלד וועט איהם שוין דער קעניג פערשלעפערן אויף עוויג

ווען די קעניגין אחינועם האט זיך דערוואוסט אז מען ברייגגט דוד'ן צו שאול'ן איז זי אריינגעגאנגען צו איהם אין צימער און גענומען בעטען ער זאל קיין שלעכטעס נישט טהאן צו איהם:

— דוד איז ריין און אומשולדיג! — האט אחינועם געזאגט—פארוואס קומט עס איהם דו זאלסט איהם אזוי גרויזאם בעשטראפען?

— ער איז ניט אזוי אומשולדיג און ריין ווי דו דיינקסט — האט איהר שאול געענטפערט, ער איז א פעררעטער! ער זוכט פון מיר די קרוין צו רויבען... ער האט פארדיענט דעם טויט!

— אבער פארגעס נישט אז דוד איז יעצט נישט קיין פרעמדער צו דיר, ער איז דאך אונזער טאכטער'ס מאן און זי ליעבט דאך איהם אזוי שטארק, ווי אזוי וועסטו קענען בעגעהן אזא גרויזאמקייט נעגען דיין אייגענע טאכטער?

— כל זמן דוד וועט לעבען בין איך נישט געזיכערט מיט מיין לעבען און מיין קרוין — האט שאול מיט כעס געענטפערט—איך האב עדות וועלכע האבען איהם געהערט בעריהמענדיג זיך דאס אין א יאהר ארום וועט ער ווערען קעניג.

— דאס האבען נאר זיינע שונאים אויסגעטראכט א בלבול אויף איהם—האט אחינועם מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט...

אפילו דאס געוויין און געבעט פון שאול'ס פאטער, דעם גרייז גראהען קיש, האט נישט געהאלפען.

— מיין זוהן, — האט זיך דער אלטער און שוואכער קיש אפגערופען מיט טרעהרען—דו וועסט פארגיסען אומשולדיגעס בלוט, וועט דיר דען גאט וועלען מוחל זיין אזא גרויס זינד!

— ער איז א מורד במלכות! —האט שאול געשטורעמט—ער האט דעם טויט פארדינט... איך פרעג מעהר דא קיינעם נישט קיין עצות! היינט וועט דער זוהן פון ישי שטארבען!

אחינועם האט איינגעגראבען איהר פנים אין איהרע הענד און האט שטילערהייד געוויינט... דער אלטער קיש האט א שטילע תפלה געזאגט. שאול איז ארומגעגאנגען אן אויפגערעגטער הין און צוריק מיט זיין שפיעז אין האנט.

— די וועכטער האבען דוד'ן געבראכט אין זיין בעטעל—האט א דינער געמעלדען דעם קעניג.

— ער איז דא, דער פעררעטער! — האט שאול אויסגעשריען—זיין סוף וועט באלד זיין! ער האט גענומען לויפען מיט אימפעט צום טיהר.

— שאול! — האט אחינועם זיך שטארקער פאנאנדערגעווינט—שאול, איך בעט דיר, פערגיס נישט קיין בלוט! זי האט איהם צוגעהאלטען פאר'ן האנט דו וועסט נאכהער חרטה האבען אבער עס וועט זיין צו שפעט....

— מיין זוהן! — האט קיש אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו איהם — בעזין זיך איידער דו געהסט אזא שוידערליכען פארברעכען אפטהאן. טויט מיר אנשטאט איהם! אה, איך בעט דיר, מיין זוהן, האלט איין דיין כעס...

— ניין, איהר וועט מיר נישט אפהאלטען! — האט שאול געדונערט,— יעצט ווען מיין גרעסטער שונא איז אין מיינע הענט וועל איך איהם שוין קיין לעבעדיגען נישט ארויסלאזען פון מיר. ער מוז זאפארט שטארבען!

שאול האט זיך א ריס געטהאן פון אחינועם'ן און מיט זיין שפיעז אין האנט איז ער האסטיג ארויס פון זיין צימער...

די וועכטער האבען פארזיכטיג ארונטערגעלאזען די בעטעל אויף'ן באדען און האבען זיך פערנייגט פאר'ן קעניג...

— דיין ענדע איז געקומען, דו אומווירדיגער זוהן פון ישי'ן! — האט שאול אויסגערופען מיט כעס און האט מיט זיין גאנצען כוח א זעץ געטהאן מיט זיין שפיעז אויף "דודן"...

דער שפיעז האט זיך צובראכען אין צווייען... און שאול האט ארויסגעלא־זען א געשריי: אוי, גאט איז מיט איהם! מיין שפיעז האט איהם אפילו נישט אנגעריהרט...

די וועכטער זיינען געשטאנען פערגאפטע, מיט אפענע מיילער און זיך פון ארט נישט געריהרט...

— מיין האר קעניג! — האט זיך דואג דער אדומי אפגערופען ערלויב דאך מיר און איך וועל איהם מיט מיין שווערד דערשטעכען...

דער קעניג איז געשטאנען א צושראקענער און א צוטומעלטער. הענט און פיס האבען איהם געציטערט און ער האט נישט געוואוסט וואס ווייטער צו טהאן.

און ווען דואג האט נאך אמאל געבעטען זיין ערלויבניש צו דערשטעכען דוד'ן האט שאול א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ אויף יע...

דואג האט ארויסגעצויגען זיין שווערד און צוגעלאפען צום בעטעל און מיט מאכט א שטאך געטהאן דוד'ן...

זיין שווערד האט זיך אויך צובראכען... און דואג האט אפגעטראטען אויף צוריק...

— א נס איז געשעהן, גאט האט דוד'ן גערעטעט! — האט איינער אויס־גערופען. דואג אבער האט זיך נישט דערשראקען... ער איז נאך אמאל צוגע־גאנגען און האט מיט האסט א שלעפ געטהאן די דעקע און דא האבען אלע באלד דערזעהן אז אנשטאדט דוד'ן ליגט אין בעט א פיגור פון הארטען האלץ...

— א בעטרוג! א בעטרוג! — האט דואג אויסגערופען מען האט דעב

קעניג אפגענארט! זיין שונא איז ענטלאפען און אין בעט געפינט זיך א פיגור...

שאול האט זיך דערנעהענטערט און א קוק געטהאן אויף דער פיגור...

— **ווער האט עס געוואגט מיר אפצונארען — האט ער אויסגערופען מיט כעס.**

— מיין האר קעניג — איז דער עלטסטער פון די וועכטער געפאלען אויף זיינע קניע — דעם קעניג׳ס טאכטער האט אונז אפגענארט... זי האט אונז געזאגט אז דוד איז געפעהרליך קראנק און מיר זאלען זעהר פארזיכטיג זיין מיט איהם... פון וואנען האבען זיי געזאלט וויסען אז אין בעטעל ליגט א פיגור אנשטאט דוד׳ן.

— וואו איז מיכל? — האט שאול א געשריי געטהאן — ברייננגט איהר צו מיר און זי וועט בעשטראפט ווערען...

אוויילע שפעטער איז מיכל אריינגעקומען אין פאלאץ, איהר פנים איז געווען בלאס און איהרע אויגען רויט פון וויינען...

— ווי אזוי האסטו געוואגט מיר אפצונארען! — האט שאול זיך אפגערופען צו איהר מיט כעס — ווי אזוי האסטו עס אוועקגעשיקט מיין ערגסטען און גרעסטען שונא און ער איז אנטלאפען פון מיר...

— וואס האב איך געזאלט טהאן, פאטער — האט זיך מיכל אפגערופען — אז דוד האט צו מיר געזאגט־ ״שיק מיר אוועק אז נישט וועל איך דיר טויטען״־

— עס איז א ליגען — האט שאול אויסגערופען — דו האסט איהם געהאלפען ענטלויפען פון מיר — און דו ווייסט אויך אלע זיינע פלענער און דו האסט מיר גארנישט דערצעהלט... איידער איך האב דיר מיין הסכמה געגעבען חתונה צו האבען מיט דוד׳ן האסטו מיר צוגעשווארען באלד מודיע צו זיין אויב דוד וועט פלאנעווען מיר, דיין פאטער עפעס שלעכטעס צו טהאן, און דא געהסטו און העלפסט איהם ער זאל פון מיר אנטלויפען.

— אבער מיין ליעבער פאטער — האט מיכל געזאגט וויינענדיג — דוד איז אומשולדיג — איך שווער דיר ביי מיין לעבען אז ער האט נישט קיינע בייזע מחשבות וועגען דיר...

— שוייג, דו ווידערשפעניגע טאכטער־ — האט שאול א געשריי געטהאן — דיין ליעבע צו דעם הארפען שפיעלער מאכט דיר בלינד צו אלע זיינע פעהלערען... איך ווייס אז דוד וויל מיין קרוין פון מיר רויבען... איך האב עדות וועלכע האבען געהערט אז ער פלאנעוועט צו ווערען קעניג אין א יאהר ארום... און דו זוכסט איהם נאך צו העלפען געגען דיין פאטער...

— א פאטער. איך בעט דיר גלויב זיי נישט... די אלע וועלכע ריידען שלעכטעס אויף דוד׳ן זיינען זיינע שונאים און האבען אויף איהם א בלבול אויסגעטראכט...

— זיי זיינען מיינע פריינד, זיי זוכען מיין טובה — האט שאול אויסגערופען, — אבער דו, מיין טאכטער, מיין אייגען פלייש און בלוט, זוכסט מיין רעה... דו ווילסט ארויסהעלפען דיין מאן... כדי נאכהער זאלסטו קענען ווערען די קעניגין...

— פאטער — האט מיכל אויסגעבראכען אין א געוויין — ווי קענסטו

זעס אזוי ריידען פון מיר... דיינע ווערטער שניידען מיר ווי מיט מעסערס... אויב דו דיינקסט אז איך טראג זיך ארום מיט אזעלכע כונות וועגען דיר, טו טויט מיר, טויט מיר גלייך אויף אן ארט...

— מיין טאכטער, מיין ליעבע טאכטער — האט אחינועם איהר ארומגענומען — וואס רעדסטו אזעלכע רייד? ווער זאל דער פאטער טויטען, דיר, זיין אייגען בלוט און פלייש...

די מוטער און די טאכטער האבען זיך פאננדערגעוויינט און שאול, אז אויפגערעגטער און מיט א צארנדיגען פנים, איז ארויס פון צימער.

זעכצעהנטער קאפיטעל

דוד אין גלות

זינט דער נביא שמואל איז ענטטוישט געווארען אין שאול'ן, האט ער זיך אין גאנצען אויפגעהערט צו מישען אין מלוכה ענינים. אנשטאט וואס פריהער פלעגט ער ארומרייזען איבער אלע שטעדט און שטעדטלאך, וועקען דעם פאלק צו אחדות און לערנען איהם ווי צו דינען דעם איינציגען גאט פון ישראל, האט ער זיך יעצט, נאכדעם ווי די פעראייניגונג פון אלע שבטים זיינען געקומען דורך דעם קעניג, בעזעצט אויף שטענדיג אין זיין געבורטסשטאדט רמה אין נויות, די פארשטאדט פון רמה. ער האט דארט נאך פון לאנג געגרינדעט א בית מדרש פאר די "בני הנביאים", וואו שמואל האט מיט זיי געלערענט די תורה און זיי בעגייסטערט מיט דעם רוח הנבואה. פון דעם גאנצען לאנד פלעגען קומען יונגע לייט, וועלכע האבען זיך געהאט אין זיך א פונק געטליכקייט, און זיך אנגעשלאסען אין דער גרופע פון די נביאים. זייער התלהבות און בעגייסטערונג זיינען גע־וואקסען פון טאג צו טאג, דער רוח הנביאה איז צו זיי געקומען דורך שפילען אויף פערשידענע כלי זמר, און זינגען די היילינע שירים... אייניגע מאל אין יאהר פלעגען זיי זיך איינטיילען גרופען־ווייז און וואנדערען איבער'ן גאנצען לאנד, זינגענדיג און טאנצענדיג מיט גרויס התלהבות און פייער, צוציהענדיג דאביי דעם המון מיט וועמען זיי פלעגען לערנען די וועגען פון גאט. אלע אי־דען האבען געהאט גרויס דרך ארץ פאר זיי און מיט יראת הכבוד זיך צוהערען צו זייערע ווערטער. און פיעלע יונגע לייט פלעגען פערלאזען זייער אקער אדער די שאף און מיטגעהן מיט די בני הנביאים קיין רמה צו דעם נביא שמואל.

איין פריהמארגען, ווען שמואל האט גערעדט אין בית המדרש פון נוית פאר די בני הנביאים איז גד, דער נביא, איינער פון שמואל'ס תלמידים, ארויף אויף דער במה און אריינגערוימט שמואל'ן עפעס אין אויער.

— וואס? וואו איז ער?! — האט שמואל אויסגערופען מיט איבער־ראשונג.

— ער איז אין דרויסען! — האט גד געענטפערט.

— מיינע תלמדים! פערבלייבט אלע אויף אייערע פלעצער און זעצט פאר די עבודת הבורא, איך וועל זיך באלד צוריקקעהרען — האט זיך שמואל אפגערופען און איז ארונטער פון במה און ארויס מיט גד'ן אין דרויסען.

גד האָט אָנגעוויזען שמואל'ן דעם פּלאַץ און ווען שמואל איז אָנגעקומען, האָט ער איהם גלייך דערקענט...

— דאָס ביזטו, דוד? — האָט שמואל איהם אַ קוש געטהאָן — געבענשט זאָל דיין קומען זיין צו גאָט! דערצעהל מיר וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט און ווי אַזוי קומסטו אַהער?

דוד האָט אַ קוק געטהאָן אויף'ן גד'ן און ער האָט גיט געוואוסט צי ער קען ריידען אין זיין אַנוועזענהייט.

שמואל האָט פערשטאַנען דוד'ס מחשבה און איהם געזאָגט:

— דו קענסט מיט זיכערהייט ריידען גאַנץ אָפען פאַר גד'ן, ווייל ער איז אַ נביא און ער ווייס, אַז דו וועסט ווערען קעניג איבער גאַנץ ישראל.

אַ ביטערער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף דוד'ס פּנים...

— איך וואָלט זיך געפיהלט אַ סך גליקליכער — האָט ער געזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען — ווען איך זאָל רוהיג קענען פיטערען מיינע שאָף און לעבען צוזאַמען מיט מיין מיכל'ן אין פרידען... און יעצט... יעצט איז מיין לעבען אין געפאַהר... דער קעניג האָט בעשלאָסען מיך צו טויטען... און ניט איין מאָל איז געווען בלויז אַ טריט צווישען מיר און דעם טויט...

דוד האָט דערצעהלט פאַר שמואל'ן אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, ווי אַזוי דער קעניג האָט געשיקט זיינע דיענער איהם צו טויטען אין זיין אייגען הויז און מיכל, זיין פרוי, האָט איהם געראַטעט, ווען זי האָט איהם אַרונטערגע־לאָזען דורך'ן פענסטער... און ער האָט געוואַנדערט די גאַנצע נאַכט דורך פעלד און וואַלד ביז וואַנען ער איז אַהער געקומען... און יעצט — האָט ער פערענדיגט מיט אַ טרויעריגען פּנים — ווען שאול וועט זיך דערוויסען, אַז איך געפין זיך דאָ, וועט ער געווים שיקען זיינע דיענער מיך צו טויטען...

— דער בעשעפער פון דער וועלט וועט דיך בעשיצען פון דעם שווערד פון דיין שונא — האָט איהם שמואל געטרייסט — דו וועסט יעצט פערבלייבען מיט מיר... שאול וועט דיר ניט וואַגען קיין שלעכטס צו טהאָן, ווען דו גע־פינסט זיך ביי מיר.

— איך האָב מורא, אַז קיין זאַך אין דער וועלט וועט שאול'ן ניט אָפּ־האַלטען מיך צו טויטען — האָט דוד געזאָגט מיט יאוש.

— פאַרגעס ניט, דוד, אַז גאָט האָט דיך געזאַלבט פאַר אַ קעניג און ער וועט דיך זיכער אויסהיטען פון אַלדאָס בייז... אמת, אין אַ צייט פון סכנה טאָר מען זיך אויף ניסים ניט פערלאָזען און דעריבער טאַקע, ווען דו וועסט זעהן, אַז די סכנה איז נאָהענט, וועסטו זיך דאָן אויסבעהאַלטען, און גאָט וועט דיר העלפען...

— איך בין זעהר בעזאָרגט און בעאונרוהיגט וועגען מיכל'ן — האָט דוד טרויעריג געזאָגט — איך ווייס ניט וואָס דער קעניג האָט צו איהר געטהאָן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זי האָט מיך געלאָזט אַנטלויפען...

— איך וועל שיקען גד'ן נאָך גבעה, פיליי‌כט וועט איהם געלינגען זיך צו זעהן מיט מיכל'ן און איהר איבערגעבען אַ גרוס פון דיר — האָט שמואל איהם געזאָגט — זי וועט איהם אויך קענען זאָגען וואָס דו זאָלסט ווייטער טהאָן.

— ווען גד וואָלט זיך געקענט זעהן מיט יונתן, שאול'ס זוהן, וואָלט געווען

א סך זיכערער, ווייל מיכל'ן וועט דער קעניג גוט היטען און ווען גר זאל פרובירען מיט איהר ריידען וואלט דער חשד פון קעניג אויף איהם געפאלען און ער וואלט איהם געזוכט צו בעשטראפען. יונתן איז מיין בעסטער פריינד און דער קעניג וועט אפילו ניט חושד זיין, אז דאס וואס אימיצער רעדט צו יונתן, האט עס צו טהאן מיט מיר.

— געה נאך גבעה — האט זיך שמואל אפגערופען צו גד'ן — און זעה זיך מיט דעם קעניג'ס זוהן יונתן און זאג איהם, אז דוד האט דיך צו איהם געשיקט... דו קענסט איהם אלעס דערצעהלען, ער וועט דיר אויך ראטען וואס דוד זאל ווייטער טהאן.

— פארגעס איהם ניט צו פרעגען, איך בעט דיך, וועגען מיכל'ן — האט דוד געזאגט. — און זיי זעהר פארזיכטיג.

— איך וועל אזוי טהאן! — האט גר געזאגט. ער האט זיך פערנייגט און איז אוועקגעגאנגען.

— דערווייל וועסטו זיין צוזאמען מיט די איבעריגע בני נביאים — האט שמואל געזאגט צו דוד'ן — דו וועסט פאר אונז אלעמען שפילען, און קיינער דארף ניט וויסען ווער דו ביזט.

דוד האט זיך אנגעשלאסען אן די בני הנביאים. און אין דער צייט, ווען ער פלעגט פאר זיי שפילען, פלעגט ער אין גאנצען פערגעסען אן זיינע צרות. ער איז צוזאמען מיט די איבעריגע אריינגעפאלען אין אזא התלהבות, אז די וועלט ארום האט איהם מעהר ניט געקימערט. דוד'ס שפילען האט נאך שטארקער בעגייסטערט די בני הנביאים, דער רעליגיעזער גייסט האט זיך נאך מעהר אין זיי צוואורעמט און ווען זיי האבען געזונגען און געטאנצט האט אויף זייערע פנים'ער די שכינה גערוהט און זייערע אויגען האבען מיט הייליגע פונקען געשפריצט...

דוד האט מיט זיינע פינגער אנגעריהרט די סטרונעס פון דער הארפע און אלע בני הנביאים האבען צוזאמען געזונגען.

דינט גאט מיט פרייד און געזאנג,
מיט הייליגער מוזיק קלאנג.
שאלט צו איהם דאס גאנצע לאנד
ווייל ער איז אונזער שוץ־וואנט!

אין זיינע טויערען קומט מיט דאנק אריין,
געלויבט און געבענשט זאל זיין נאמען זיין!
ווייל ער איז גנעדיג און אימער גוט,
און ריכטיג איז אלעס וואס ער טהוט!

* * *

שאול'ן האט שטארק פערדראסען וואס דוד'ן איז אויך דיזען מאל געלונגען זיך פון איהם צו רעטען.... ער איז געווען דאן אזוי זיכער, אז דוד וועט געטויטעט ווערען, און צום סוף האט איהם זיין אייגענע טאכטער אזוי אפגענארט... יעצט, נאך מעהר ווי פריהער, האט ער גענומען מורא האבען פאר

דוד'ן... ער זעהט דאך ווי איהם געלינגט יעדען מאל זיך צו ראטעווען... גאט היט איהם און בעשיצט איהם! יעצט איז ער זיכער, אז דוד וועט ווערען קעניג נאך איהם... און ער האט דאך איהם געהאט אין זיינע הענד! עס פערדריסט איהם פארוואס ער האט ניט בעפוילען זיינע דיענער איהם צו טויטען, ווען ער האט פאר איהם געשפיעלט... ער האט געזאלט זיי אנזאגען זיי זאלען איהם בעפאלען אין זיין צימער.

שאול האט צוזאמענגערופען איינינע פון זיינע געטרייע און איבערגעגעבענע דינער צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען שמעי און דואג און האט זיי געהייסען נאכשפיאנירען וואו דוד געפינט זיך.

— ער מוז זיך זיכער אויסבעהאלטען אין זיין געבורטסשטאדט בית לחם — האט שמעי געזאגט — איך וועל אהין אוועקגעהן און איהם אזוי לאנג זוכען ביז וואנען איך וועל איהם געפינען.

— און איך גלויב, אז ער מוז זיך יעצט געפינען אין דער שטאדט נב, דארטען אין "אהל מועד" געפינט זיך גלית'ס שווערד און פאנצער און די כהנים וועלען איהם געווים מקרב זיין ווען ער וועט אהין קומען — האט דואג געזאגט.

— גיכער פון אלץ גלויב איך, אז ער איז אוועק צו דעם נביא אין רמה — האט זיך פלטיאל, דער זוהן פון ליש, אפגערופען.

— גוט — האט שאול געזאגט — זאל יעדער איינער פון אייך געהן אין דער שטאדט וואס ער האט דערמאהנט.

שמעי איז אוועק זוכען דוד'ן אין בית לחם, דואג — אין נב און פלטיאל אין רמה.

איינזאם און טרויעריג האט זיך מיכל געפיהלט. זי איז ניט ארויסגעגאנגען פון איהר הויז... זי האט די גאנצע צייט געטראכט פון דוד'ן... גאט ווייס וואו ער געפינט זיך יעצט... צי האט מיט איהם חלילה ניט קיין אונגליק פאסירט.

דער איינציגער, וועלכער פלעגט צו איהר אריינקומען, איז געווען יונתן. ער האט איהר געטרייסט און געזוכט צו בערוהיגען.

— דו דארפסט זיך שטארקען און קרעפטיגען, מיין ליעבע שוועסטער — האט איהר יונתן געזאגט — ווען דו וועסט זיך אזוי אפלאזען, וועסט נאך קראנק ווערען, און דאס וועט נאך דוד'ן פערשאפען מעהר שמערצען ווי זיינע אייגענע...

— דוד! ווען איך זאל נאר זיין געזיכערט, אז ער איז געזונד און שטארק — האט מיכל א זיפץ געטהאן — ער איז דאך אנטלאפען ביינאכט, געוואנדערט דורך פעלדער און וועלדער, וואו ווילדע און בייזע חיות לויערען אויף יעדען וואנדערער...

מיכל, דו טארסט נאר אזעלכע געדאנקען צו דיר ניט צולאזען! — האט איהר יונתן געזאגט — דו דארפסט שוין דוד'ן גוט קענען! און ווען ער פלעגט אליין בלייבען נעכטיגען אין טהאל מיט די שאף, האט ער דען מורא געהאט פאר די חיות? ער ווייס זיך שוין גאנץ גוט צו בעשיצען געגען זיי...

— נו, און דער פאטער וואס זאגט? — האט מיכל מיט טרעהרען איז די אויגען געפרעגט — וועט ער שוין מאקע קיינמאל ניט אויפגעבען דעם געדאנק צו מיין מאן צו רודף'ן און צו פערפינסטערען אונזערע טעג... וואס האבען די רופאים יעצט געזאגט וועגען זיין קראנקהייט?

— ער לאזט גאר צו זיך מעהר קיין רופאים ניט צו — האט יונתן געזאגט — ער האט זיי אלעמען צוטריבען פון פאלאץ. ער האט מיט קיינעם קיין געדולד ניט... וואס ווייטער ווערט ער מעהר אויפגערעגט און מעהר בייז...

— האט ער מיט דיר לעצטענס גערעדט וועגען דוד'ן? — האט איהם מיכל געפרעגט.

— יע. ער האט צו מיר געזאגט: "דו ביזט דאך געוועז דוד'ס פריינד, ווייסטו דען ניט וואו ער געפינט זיך יעצט?" און ווען איך האב איהם געזאגט, אז איך וויים ניט, איז ער אויף מיר אין כעס געווארען און געזאגט, אז איך פערלייקען פון איהם...

— ווי איך זעה, איז שוין מעהר קיין האפנונג ניטא, אז דער פאטער זאל אויפגעבען דעם געדאנק צו טויטען מאן מאן — האט מיכל טרויעריג געזאגט — איך וועל שוין אזוי זיין אונגליקליך מיין גאנצען לעבען.

— פריהער אדער שפעטער וועט זיך דער פאטער ארומזעהן זיין טעות און וועט חרטה האבען אויף דעם... און דאן וועט איהר ביידע ווידער גליקליך זיין...

— ווער וויים צי דער פאטער וועט זיך ניט צו שפעט ארומזעהן — האט מיכל געשאקעלט מיט'ן קאפ — וויפיעל האט געפעהלט, אז ער זאל איהם טויטען... צוויי מאל אויף איהם זיין שפיעז געווארפען...

— אבער דו האסט דאך געזעהן ווי גאט האט איהם ביידע מאל בעשיצט, דעריבער לאמיר האפען, אז דער פאטער אין הימעל וועט איהם אויך אויף ווייטער ניט פערלאזען.

— ווי איך פערשטעה, האבען דוד'ס שונאים אונזער פאטער נאך מעהר דעם קאפ פארדרעהט. און ער גלויבט אין די לעכערליכע בעשולדיגונג, וואס זיי האבען אויף איהם געמאכט, דאס ער האט זיך בעריהמט, אז אין א יאהר ארום וועט ער ווערען קעניג.

— ניין, מיין שוועסטער, דא איז ניט א פראגע וואס דוד'ס שונאים האבען אויף איהם אנגערעדט... דער פאטער איז זעהר אייפערזיכטיג אויף איהם און האט זיך אליין איינגערעדט, אז דוד וועט ווערען קעניג אנשטאט איהם, און כדי צו רעכטפערטיגען זיינע רדיפות אויף דוד'ן, ערמוטיגט ער יעדען איינעם וואס רעדט שלעכטעס אויף דוד'ן...

— אבער דאך וואונדערט זיך מיר, ווער עס האט געקענט מאכען אזא געמיינעם בלבול אויף דוד'ן...

— איך בין חושד שמעי'ן — האט יונתן געזאגט.

— און זאל זיין, אז דער צווייטער עדות איז פלטיאל? — האט מיכל געפרעגט.

— איך גלויב ניט, אז פלטיאל איז פעהיג אפצוטהאן אזא געמיינהייט האט יונתן געענטפערט — איך וועל גיכער גלויבען אויף דואג'ן דעם ארומי.

— דער אדומי? — וואָס קען דואג האָבען צו דוד'ן? אויף שמעי'ן קען איך פערשטעהן, אָבער דואג...

— שמעי איז זעהר גוט בעפריינדעט מיט דעם אדומי און עס קען זיין, אז דאָס האָט שמעי געבעטען דואג'ן ער זאָל איהם ארויסהעלפען... אָבער נאָר אַלעמען דאָס איז ניט וויכטיג... אפילו ווען די עדות זאָלען יע האָבען דערצעהלט דעם פאָטער אַזאַ זאַך וועגען דוד'ן, ווייס ער גאַנץ גוט, אז עס איז אַ ליגען... ער זוכט בלויז צו פאַרדעקען זיינע עולות נעגען דוד'ן... אָבער איך האָף, אז עס וועט לאַנג אַזוי ניט אָנהאַלטען, ער וועט זיך ארומזעהן ווי אומגערעכט ער איז, און וועט זעהן צו פערגיטיגען אַלע אומרעכטען וואָס ער איז בעגאַנגען נעגען דוד'ן.

ארויסגעהענדיג פון מיכל'ס הויז איז צו יונתן אַנטקעגען געקומען אַ יונ־ נערמאַן און זיך פאַר איהם פערנייגט.

— דו ביזט עס מיין האַר יונתן? — האָט איהם דער מאַן געפרעגט.

— יע, איך בין עס יונתן, וואָס איז דיין פערלאַנג.

— איך האָב עפּעס וויכטיגעס מיט דיר, מיין האַר, צו רעדען.

יונתן איז גלייך מיט איהם אוועק אין אַ זייטיגע געסעל, און איהם געזאָגט:

— דו קענסט ריידען מיט מיר אומגעשטערט, קיינער וועט אונז ניט הערען, אָבער פריהער זאָג מיר, ווער ביזטו און פון וואַנען קומסטו?

— מיין נאָמען איז גד און איך קום פון רמה. דער הייליגער נביא שמואל האָט מיך אהער געשיקט... דוד, דער זוהן פון ישי, געפינט זיך יעצט ביי שמואל'ן און איך בין געקומען אָנזאָגען מיין האַר און הערען זיין עצה וואָס דוד זאָל ווייטער טהאָן?

— געבענשט זיי צו גאָט, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט די נייעס. איך און מיין שוועסטער זיינען שוין געווען שטאַרק בעזאָרגט וועגען איהם... איז ער געזונד?

— ער איז געזונד, אָבער ער איז זעהר נידערשלאָגען, וואָס ער איז גע־ צוואונגען געווען צו אַנטלויפען פון דעם קעניג'ס צאָרן... ווי גלויבט מיין האַר, וועט דער קעניג נאָך איהם אַלץ זוכען?

— דערווייל איז נאָך אַלץ דער קעניג זעהר ביטער געשטימט געגען איהם, און זיין אויפהאַלטען זיך אין רמה דאַרף בלייבען אַ סוד... דו פערבלייב דאָ איניגע טעג און נאָכהער וועל איך דיר לאָזען וויסען וואָס דוד זאָל ווייטער טהאָן... איך וועל מאָרגען פאַרנאַכט מיט דיר זיך ווידער טרעפען אויף דיזען פּלאַץ.

גד האָט זיך פערנייגט און איז שנעל אוועקגעגאַנגען. יונתן האָט זיך גלייך אומגעקעהרט צו מיכל'ן.

— איך האָב נאָר וואָס געהאַט אַ גרוס פון דיין מאַן — האָט זיך יונתן אָפּגערופען.

— נו, וואָס מאַכט ער, ווי פיהלט ער זיך? איז ער געזונד און וואו גע־ פינט ער זיך? — האָט מיכל אומגעדולדיג געפרעגט.

ער איז פאָלקאָם געזונד און געפינט זיך ביי דעם נביא שמואל'ן אין רמה.

— אַ, געלויבט ביזטו גאָט! — האָט מיכל אויסגעשריען מיט טרעהרען

אין די אויגען — דו האסט מיין ליעבען דוד'ן אפגעהיט אין זיין וועג, פערלאז דאך איהם ניט אויף ווייטער, פאטער אין הימעל.

— איך האב געהייסען דעם שליח פארבלייבען אין גבעה עטליכע טעג און דערווייל וועל איך אויסגעפינען, וואס מיין פאטער טראכט ווייטער צו טהאן מיט דוד'ן און איך וועל איהם לאזען וויסען...

— וואו געפינט זיך יעצט דער שליח? — האט מיכל געפרעגט — איך וואלט איהם וועלען זעהן און הערען פון זיין מויל וועגען דוד'ן...

— דו טארסט צו איהם ניט ריידען, מיין שוועסטער — האט יונתן געזאגט — ווייל אויב אימיצער זאל דיך דערזעהן ריידענדיג צו איהם, וועט גלייך פאלען אויף איהם דער חשד, אז ער איז צו דיר געשיקט פון דוד'ן, און דאס קען נאך ברייגגען אן אונגליק אויף איהם... איך וועל דיר שוין אלעס איבערגעבען און זעהן וואס ווייטער צו טהאן...

ווען יונתן איז צוריקגעקומען אין פאלאץ, האט ער זיך דארטען דערוואוסט, אז דער קעניג האט געשיקט אין די וויכטיגסטע שטעדט ארום אויסצוזוכען דוד'ן... יעצט האט ער פערשטאנען, אז זיין פאטער וועט זיך פאר קיין זאך ניט אפשטעלען אום צו געפינען דוד'ן און דעריבער האט ער אפילו ניט געפונען פאר נויטיג ארייצוגעהן ווידער אין א שמועס מיט'ן פאטער מכח דוד'ן.

— געה גלייך אוועק צו דוד'ן און זאג איהם אן, אז דער קעניג האט ארויסגעשיקט פיעלע שלוחים איהם אויפצוזוכען. דערווייל זאל ער פארבלייבען אין רמה און ווען ער וועט דארטען מעהר ניט קענען בלייבען, זאל ער צוקומען צו דעם פלאץ פון "אבן העזר", וואס געפינט זיך ניט ווייט פון מצפה, און זיך דארטען בעהאלטען... איך וועל צוקומען דארטען צוויי מאל א טאג איהם בעזוכען...

— און וואס זאל איך איהם איבערגעבען פון מיכל'ן? — האט גד איהם געפרעגט.

— זאג איהם, אז פריעדען איז צו איהר, זי איז בלויז בעזארגט וועגען איהם.

ער האט זיך פערנייגט און האט זיך אוועקגעלאזען צוריק אין אין וועג נאך רמה...

דעם זעלבען טאג האט פלטיאל געשיקט א שליח צו שאול'ן פון רמה איהם אנצוזאגען, אז דוד געפינט זיך ביי שמואל'ן.

שאול האט גלייך אהין אוועקגעשיקט אייניגע פון זיינע גבורים זיי זאלען נעהמען דוד'ן און ברייגגען איהם אין גבעה. ווען די שלוחים זיינען אנגעקומען אין רמה און זיינען אריינגעקומען אין "בית המדרש" און געזעהן ווי דער פאטריארכאלישער נביא שטעהט אויף דער במה און אלע בני הנביאים זינגען און שפילען די הייליגע לידער מיט אזא התלהבות און התפעלות, זיינען זיי אזוי בעגייסטערט געווארען, אז זיי האבען פארגעסען נאך וואס זיי זיינען אהער געשיקט געווארען און האבען זיך אנגעשלאסען אין די קאמפאני פון די נביאים און אויך גענומען זאגען נביאות און זינגען לויב געזאנגען צו גאט.

דערווייל האט מען אנגעזאגט שאול'ן, אז זיינע שלוחים האבען זיך אנגעשלאסען אן די בני הנביאים און זאגען נביאות צוגלייך מיט זיי. שאול האט א

צווייטע אפטיילונג פון גבורים געשיקט צו פאנגען דוד'ן, אבער מיט יענע האט אויך פאסירט די זעלבע זאך... און ווען די דריטע אפטיילונג האט אויך גענומען נביאות זאגען און זינגען צוזאמען, דאן האט שאול בעשלאסען, אז ער וועט מיט־פאהרען מיט זיינע מענשען. ער האט מיטגענומען הונדערט גבורים און איז מיט זיי אוועק נאך רמה.

ווען ער איז דארטען אנגעקומען האט ער זיך נאכגעפרעגט וואו שמואל געפינט זיך, און איז גלייך אוועק מיט זיינע מענשען אין בית המדרש, וואו שמואל איז געווען. דארטען האט ער געטראפען די בני הנביאים אין מיטען גאטעס דיענסט. זיי זיינען אריין אין דעם העכסטע עקסטאז... שאול האט זיך דערמאהנט אן דער צייט, ווען שמואל האט איהם געזאלבט פאר'ן קעניג, דאן האט ער די בני הנביאים בעגעגענט און צוזאמען מיט זיי גענומען נביאות זאגען... א נייער פרישער גייסט איז אויף איהם אנגעקומען... זיינע פיס האבען זיך גענומען הויבען צו דעם טאקט פון דער הייליגער מוזיק, ער האט אראפגע־ווארפען פון זיך זיין אויבערמאנטעל און מיט דעם זעלבען אמאליגען ברען און בעגייסטערונג האט ער גענומען זינגען און נביאות זאגען, אז ער האט אין גאנצען פארגעסען צוליעב וועלכען צוועק ער איז אהער געקומען...

דוד האט די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו שפילען אויף דער הארפע... זיין הארץ האט שטארק געקלאפט, ווען ער האט שאול'ן דערזעהן... ער האט געשפילט ביז שמואל האט צו איהם א וואונק געטהאן ער זאל אויפהערען... שמואל האט איהם אריינגערופען צו זיך אין הויז... דארטען האט אויף זיי געווארט גד דער נביא...

— וואס מאכט מיכל? — איז געווען די ערשטע זאך וואס דוד האט געפרעגט.

שלום איז צו איהר! — האט גד געענטפערט.

— האסטו איהר אליין געזעהן? — האט דוד ווייטער געפרעגט.

— ניין, איך האב בלויז געזעהן יונתן און ער האט מיר איבערגעגעבען וואס זי מאכט. זי איז געזונד אבער זי איז שטארק בעזארגט וועגען דיר... יונתן האט מיר אויך געזאגט, אז ווען עס וועט ווערען פאר דיר אונמעגליך צו פער־בלייבען אין רמה, זאלסטו פון דארטען אוועק און זיך אויסבעהאלטען הינטער דעם גרויסען שטיין וואס רופט זיך "אבן העזר", ניט ווייט פון מצפה. דארטען וועט ער דיך טרעפען און זאגען וואס ווייטער צו טהאן.

— טהו אזוי ווי יונתן האט דיר אנגעזאגט, מיין זוהן! — האט איהם שמואל געזאגט — צו פערבלייבען דא ווייטער אונטער דיעזע אומשטענדען ווען שאול געפינט זיך דא מיט זיינע גבורים, איז געפעהרליך, געה און גאט זאל מיט דיר זיין און דיך בעשיצען אין דיין וועג.

שמואל האט געקושט דוד'ן און איהם מיטגעגעבען אבימעל שפייז אויף'ן וועג. דוד האט זיך געזעגענט מיט שמואל'ן און גד'ן און פארנאכט, ווען די זון האט געהאלטען ביים פארגעהן, איז ער אנטלאפען פון רמה...

ווען ער איז צוגעקומען צום "אבן העזר" האט ער בעמערקט א גרויסע לאך אין שטיין... דארטען איז ער אריינגעקראכען, און פארשטעלענדיג די לאך מיט צווייגען און גראז איז ער דארטען איבערגעוועזן די נאכט.

גאנץ פריה איז דוד פון דארטען ארויסגעקראכען און ארומקוקענדיג זיך, אויב קיינער געהט ניט, איז ער שנעל צוגעגאנגען צו דעם קלאהרען טייכעל און האט זיך ארומגעוואשען, געגעסען פון דעם ברויט וואס שמואל האט איהם מיטגעגעבען, געטרונקען פון דעם וואסער און גלייך צוריק געגאנגען צו דעם לאך פון שטיין.

א היבשע ווײלע איז ער געזעסען דארטען... ער האט די גאנצע צייט מתפלל געווען צו גאט ער זאל קרעפטיגען און בעשיצען זיין ליעבענדע מיכל...

פלוצלונג האט ער דערהערט מענשען־טריט ארום דעם שטיין, ער האט זיך טיעפער פעררוקט אין לאך און איינגעהאלטען זיין אטהעם...

— דוד! דוד! ביזטו שוין דא? — האט ער געהערט אימיצען זאגענדיג גאנץ שטיל.

דוד האט ארויסגערוקט די קאפ פון זיין באהעלטענים און דערזעהענדיג יונתן'ען, איז ער ארויס פון זיין נארע.

די צוויי אמת'ע איבערגעגעבענע פריינד זיינען ארויפגעפאלען איינער אויפ'ן צווייטען און האבען זיך געהאלזט און געקושט...

— מיין ברודער — האט זיך דוד צו איהם אפגערופען — זאג דאך מיר וואס מאכט מיכל, ווי פיהלט זי זיך? האט זי זיך אביסעל בערוהיגט?

— יע, זי איז געזונד און האט איהר האפנונג ניט אויפגעגעבען נאך מיט דיר גליקליך צו זיין, אבער געוועהנליך איז זי שטארק בעזארגט וועגען דיר... דערצעהל דאך מיר, מיין טייערסטער פריינד, וואס האט מיט דיר פאסירט די גאנצע צייט זינט דו ביזט פון גבעה אנטלאפען.

דוד האט איהם דערצעהלט אלע איינצעלהייטען.

— איין זאך פערשטעה איך ניט, ווי אזוי דער קעניג האט זיך אזוי שנעל דערוואוסט פון מיין באהעלטענים — האט ער געזאגט.

— מיין פאטער, ווי איך פערשטעה, האט ארויסגעשיקט שפיאנען אין פערשיעדענע שטעדט און וואהרשיינליך האט מען איהם פון רמה געלאזט וויסען, אז דו געפינסט זיך דארטען... אבער דו ווייסט, דוד, אז דאס וואס מיין פאטער האט זיך באטייליגט אין די גאטעס־דיענסט פון די בני הנביאים, גיט מיר א שטיקעל האפנונג, אז ער האט זיך עטוואס געענדערט... זעלטען איז ער די לעצטע צייט אריין אין אזא עקסטאז און בעגייסטערונג... אפשר האט שמואל און די "בני הנביאים" אויף איהם געווירקט צום גוטען...

— ווען דו וואלסט נאר קענען אויסגעפינען וואס דיין פאטער טראכט וועגען מיר יעצט, נאכדעם ווי שמואל האט אויף איהם משפיע געווען, וואלט איך וויסען וואס ווייטער צו טהאן, צי איך זאל געהן רעכטס אדער לינקס...

— איך וועל ווארטען אויף א געלעגענהייט, ווען מיין פאטער וועט דערמאהנען דיין נאמען, דאן וועל איך מיט איהם ריידען וועגען דיר. פערשטעהסטו מיך, ער טאר יעצט ניט וויסען פון מיין שטארקע פריינדשאפט צו דיר.

— מארגען איז דאך ראש חדש, און דער קעניג וועט דאך, ווי זיין שטייגער איז, מאכען א מאלצייט, און אלע קרובים און געסט פון קעניג וועלען פערנעהמען זייערע פלעצער. מיין פלאץ וועט דאך זיין ליידיג און דער קעניג וועט

געווים מאכען א בעמערקונג וועגען דעם... דאן וועסטו האבען א געלעגענהייט צו ריידען מיט דיין פאטער וועגען מיר...

— גוט, איך וועל אזוי טהאן — האט יונתן געזאגט — ווען ער וועט דערמאהנען דיין נאמען, וועל איך איהם פרעגען, וואס פאר א זינד ער האט אין דיר געפונען, אז ער זוכט דיך צו טויטען... און אויב ער וועט ווייזען סימנים אויף חרטה דאן וועסטו ניט דארפען מורא האבען, און דו וועסט זיך קענען צוריקקעהרען אין גבעה צו מיכל׳ן, אויב אבער ער וועט ארויסצייגען סימנים פון כעס, דאן וועט דיר זיין די בעסטע זאך ווידער צו אנטלויפען.

— ווי אבער וועל איך קענען וויסען וואס דיין פאטער האט צו דיר גערעדט וועגען מיר? — האט איהם דוד געפרעגט. — ווען ער וועט זעהן, אז דו געהסט אליין ארויס אין פעלד, וועט ער דאך וואהרשיינליך דיך חושד זיין אז דו געהסט צו מיר.

— איך וועל מיטנעהמען מיין נושא כלים — האט איהם יונתן געענטפערט — איך וועל זיך אוועקשטעלען ביי דער זייט פון שטיין און שיסען מיינע פיילען און שיקען דעם יונג ער זאל מיר זיי צוריקברייגנען, אויב איך וועל צו איהם צו זאגען, דאס ער איז צו ווייט אוועק, די פיילען זיינען געהענטער איז א סימן אז דו האסט ניט וואס מורא צו האבען, און דו קענסט גלייך ארויסגעהן פון דיין באהעלטניס און מיטגעהן מיט מיר. אבער ווען איך וועל צום יונג א געשריי טהאן, אז די פיילען זיינען ווייטער פון איהם, דאס וועט זיין א סימן פאר דיר, אז דו קענסט מיט מיר ניט געהן, אז דו מוזט ווייטער פון דאנען אוועקגעהן.

דוד האט בעדאנקט יונתן׳ען און געזאגט:

— געה, מיין פריינד, איך האף, אז דיין פאטער האט זיך געענדערט צום גוטען.

— איך וועל זיין נאך אמאל אין אווענט און דיר ברייגנען עטוואס שפייז — האט יונתן צו איהם געזאגט און ארומקוקענדיג צי מען בעמערקט איהם ניט, איז ער אוועק אהיים.

אויף מארגען ווען די גאנצע קעניגליכע משפחה איז געזעסען ארום טיש, פייערנדיג דעם ראש חודש מיט א מאלצייט, האט שאול געווארפען זיינע בליקען אויף דעם ליידיגען פלאץ פון דוד׳ן. אבער ער האט גארנישט גערעדט. יונתן האט דערפון געדרונגען אז זיין פאטער האט חרטה אויף זיינע רדיפות אויף דוד׳ן. ער האט יעצט געווארט אויף א געלעגענהייט אריינצוגעהן מיט איהם אין א געשפרעך וועגען דעם. ווען אבער ער האט דערזעהן אז זיין פאטער רעדט נישט דערפון, האט ער בעשלאסען צו ווארטען ביז מארגען.

דעם צווייטען טאג ראש חודש זיינען ווידער אלע געקומען צום קעניג׳ס מאלצייט. דער טיש איז געווען געגרייט מיט די בעסטע קעניגליכע מאכלים וואס האט שטארק גערייצט די אפעטיטען פון די "קרואים". אלע האבען געווארט אז דער קעניג זאל אנפאנגען צו עסען.

שאול איז צוגעגאנגען און זיך געזעצט צום טיש. זיין פנים איז געווען פארכמורעט, פארזארגט. די שטייפקייט פון זיין געזיכט האט זיך נישט געענדערט אפילו דאן ווען אלע געסט האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און זיך פאר איהם פארנייגט.

אין גרויסען קעניגליכען עס־צימער האט געהערשט אן אנגעצויגענע שטיל־קייט. אחינועם און יונתן האבען פון שאול'ן נישט ארונטערגענומען די אויגען ווי זיי וואלטען געוואלט לעזען דארטען זיינע געפיהלען. מיכל איז געזעסען בעוועגלאז מיט אן ארונטערגעלאזענעם קאפ... זינט דאן ווען זי האט געהאלפען דוד'ן זיך ראטעווען, האט דער קעניג מיט איהר נישט גערעדט... אבנר איז גע־זעסען צווישען דעם קעניג און יונתן און האט געשוויגען.

מרב איז געזעסען נעבען איהר מאן עדריאל'ן און פון צייט צו צייט האט זי געווארפען א בליק פון מיטלייד און סימפאטיע צו איהר אומגליקליכער שוועסטער.

די שטילקייט איז געווארען נאך מעהר אנגעשטריינגט... שאול איז געזעסען אויבען אן אויף זיין קעניגליכען שטוהל און געקוקט אויף דעם ליידיגען פלאץ פון דוד'ן... ער האט געקוועטשט מיט זיינע פלייצעס און א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ.

— הא, דוד איז היינט ווידער נישט געקומען! — האט שאול ווי צו זיך גערעדט — ער האט ביי מיר קיין ערלויבניש ניט גענומען צו זיין אבוועזענדביידע טעג ראש חודש... פארוואס איז דוד נישט געקומען, נישט נעכטען און נישט היינט? — האט זיך שאול געווענדעט צו יונתן, — ווייס ער דען נישט אז צו זיין אבוועזענד אהן מיין ערלויבניש איז א באליידיגונג פאר דער קרוין?...

— אה, יע, פאטער, — האט יונתן געענטפערט, — עס איז שוין א לאנגע צייט זינט דוד האט ביי מיר געבעטען איך זאל איהם ערלויבען צו געהן אין בית לחם צו פייערען דעם יום טוב ראש חודש צוזאמען מיט זיין פאמיליע, און איך האב איהם ערלויבט דאס צו טהאן, ווייל איך ווייס ווי שטארק ער בייגקט נאך זיין פאמיליע.

— דו האסט איהם ערלויבט אוועקצוגעהן! — האט שאול אויסגעשריען מיט כעס, — דו, זוהן פון א ווידערשפעניגע מוטער... איך ווייס אז ביי דיר און דיין מוטער און שוועסטער איז דוד טהייערער ווי איך... איהר זוכט איהם צו בעשיצען מיט אלע מעגליכקייטען... אבער זיי וויסען, אז כל זמן דער זוהן פון ישי וועט לעבען, בין איך און דו נישט זיכער מיט'ן לעבען און מיט דער מלוכה... און איצט געה שיק נאך איהם, זאל ער קומען אהער, ווייל ער פער־דיענט דעם טויט...

— אבער, פאטער! — האט זיך יונתן אפגערופען, — פאר וואס זאל ער געטויטעט ווערען... וואס פאר אן אומרעכט איז ער בעגאנגען געגען דיר?... פאר וואס פארפאלגסטו דעם אומשולדיגען דוד'ן אומזיסט און אומנישט...

— וואס?! דו פערטיידיגסט נאך מיין גרעסטען שונא, דו אומווירדיגער זוהן! דו פערדיענסט דעם טויט צוזאמען מיט דיין פריינד דוד'ן, — איז שאול אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל און האט א שליידער געטהאן זיין שפיעז אין דער ריכטונג וואו יונתן איז געזעסען.

— שאול! — האט אחינועם אויסגעשריען, — וואס האסטו געטהאן!...

מיכל איז געפאלען אין חלשות, און מען האט איהר קוים אפגעמינטערט.

יונתן האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און פארלאזען דעם טיש מיט כעס און אויפרעגונג.

א גרויסע שרעק איז אנגעפאלען אויף אלע אנוועזענדע... יעדען האט געצי־טערט העגט און פיס... קיינער האט נישט געוואוסט וואס צו טהאן, צי בלייבען ביים טיש צי ניט.

— פאנג אן דעם מאלצייט! — האט שאול באפוילען אבנר'ן,ווארט נישט אויף מיר...

אבנר האט גענומען דעם לעפעל אין האנט און האט א וואונק געטהאן צו די איבריגע געסט, און אלע האבען זיך נישט ווילענדיג גענומען צו דער אכילה.

אויף מארגען גאנץ פ"יה האט יונתן צוגערופען זיין נושא כלים און האט איהם געהייסען נעהמען זיין בויגען און פיילען.

— קום מיט מיר אין פעלד, — האט ער צו איהם געזאגט, — איך וויל שיסען מיינע פיילען אין ציעל.

זיי זיינען ביידע אוועקגעגאנגען ביז צום פלאץ פון אבן העזר.

יונתן האט גענומען דעם בויגען אין האנט און אנגעפאנגען שיסען מיט די פיילען.

— לויף, געפין די פיילען, — האט ער זיך אפגערופען צו זיין נושא כלים.
— דו וועסט זיי צונויפזאמלען און זיי ברייגגען צוריק צו מיר.

דער נושא כלים איז געלאפען און יונתן האט אנגעצויגען זיין בויגען זעהר שטארק און געשאסען.

— די פיילען זיינען א סך ווייטער פון דיר! — האט יונתן הויך אויס־געשריען, — לויף ווייטער, דארטען וועסטו זיי געפינען.

דוד, וועלכער איז געלעגען פארבארגען אין זיין נארע, און מיט גרוים אומגעדולד געווארט אויף יונתן, האט יעצט, דערהערענדיג יונתן'ס אויסרוף צו זיין נושא כלים, זיך טיעפער פערדרוקט אהין... א קאלטער שוויים האט בעדעקט זיין קערפער. יא, יעצט זעהט ער אז אלעס איז פארפאלען... עס איז פאר איהם מעהר קיין האפנונג נימא זיך צו זעהן מיט זיין ליעבענדע מיכל... ער וועט ווייטער מוזען געהן אין גלות און זיין אין טויט־שרעק טאמער וועט איהם שאול כאפען... ער האט פון זיין באהעלטענים דערהערט ווי יונתן רופט זיך אפ צו זיין נושא כלים: "נעהם מיין בויגען און די פיילען און לויף שנעל אין שטאדט. איך וועל דארט אנקומען עטוואס שפעטער...

— דוד! — האט יונתן אויסגערופען, ווען זיין נושא כלים איז שוין גע־ווען גאנץ ווייט אוועקגעגאנגען.

דוד איז ארוים פון זיין באהעלטענים און האט זיך דריי מאל פארנייגט פאר יונתן.

— מיין ליעבער ברודער! — האט איהם יונתן געהאלזט און געקושט, — גלויב מיר אז מיינע יסורים זיינען אזוי גרוים ווי דיינע. דער טויט וואלט שוין געווען פאר מיר א סך אנגענעהמער איידער צו לעבען און צו זעהן מיט מיינע אויגען דעם גרויסען אומרעכט וואס מיין פאטער באגעהט געגען דיר... יא, ער האט בעשלאסען דיך צו טויטען, און קיין זאך אין דער וועלט וועט איהם נישט אפהאלטען פון צו זוכען דיר שלעכטס צו טהאן.

דוד האט זיך ביטער און הילכיג פאנאנדערגעוויינט.

— געה, מיין ברודער, אין פריעדען, זאל גאט געבען אז איך זאל נאך זוכה זיין זיך מיט דיר ווידער צו זעהן אונטער בעסערע אומשטענדען, — האט זיך

יונתן אויך שטארק פאנאנדערגעווײנט. — זאָל גאָט דיך בעשיצען און דיך אויסהיטען פון אַלע דײנע פײנד. אָבער דו דאַרפסט נאָך יעצט מעהר פאָרזיכטיג זײן װי פריהער... שיק דײנע שלוחים נישט נאָך גבעה, װײל מײן פאַטער׳ס חשד אויף מיר איז יעצט נאָך שטאַרקער געװאָרען, און װען ער װעט זיך דער־װיסען אַז אַ פרעמדער רעדט מיט מיר, װעט ער די זאַך גוט אויספאָרשען און װעט נאָך קענען קריגען אַ שפור װאו דו געפינסט זיך.

— אָבער װי אַזוי װעל איך קענען אויסגעפינען װעגען מיכל׳ס געזונדס־צושטאַנד און װאָס דו מאַכסט? — האָט איהם דוד געפרעגט.

— איך האָב אַ גוטע עצה, — האָט יונתן אויסגערופען — אין דעם זעלבען פּלאַץ װאו דו האָסט זיך יעצט בעהאַלטען, װעל איך פון צייט צו צייט איבער־לאָזען פאַר דיר אַ בריעף. און דײן שליח װעט עס געפינען און ברײנגען צו דיר און דו װעסט אויך שרײבען אַ בריעף װעגען דיר, און בעטען דײן שליח ער זאָל עס איבערלאָזען אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ װאו ער װעט מײן בריעף געפינען. דאָך אָבער זײ פאָרזיכטיג נישט צו שרײבען אין דײן בריעף גענוי דעם פּלאַץ װאו דו גע־פינסט זיך, טאָמער װעט אײנער פון דײנע בריעף אַרײנפאַלען אין מײן פאַטער׳ס הענט.

די צװײ געטרײע און איבערגעבענע גוטע פרײנד האָבען זיך װידער צו־קושט, און געזעגענט. יונתן האָט זיך פערנומען לינקס, צוריק נאָך גבעה און דוד איז אַװעק רעכטס, נאָך דער שטאָדט פון די כהנים, נב...

* * *

נב איז געװען אַ שטאָדט אין בנימין. זי געפינט זיך פון צפון זײט פון ירושלים, נישט װײט פון גבעה. זינט דער משכן פון שלמה איז חרוב געװאָרען, האָבען זיך די כהנים פון עלי׳ס משפחה באַזעצט אין דער שטאָדט נב און האָבען אויפגעשטעלט דאָרטען אַן אהל מועד און אַ מזבח. דער כהן גדול אין שאול׳ס צײטען איז געװען אחימלך, עלי׳ס אײניקעל, װעלכער האָט געטראָגען דעם אפוד און דעם אורים ותומים. אהין אין נב פלעגען די אידען עולה רגל זײן און מקריב זײן קרבנות אויפ׳ן מזבח.

װען דואג דער אדומי איז אָנגעקומען אין נב, האָט ער נישט געװאָלט אַז אימיצער זאָל װיסען צוליעב װאָס פאַר אַ צװעק ער איז געקומען. האָט ער מיט זיך געבראַכט אײניגע שעפּסען מקריב צו זײן אויפ׳ן מזבח פאַר׳ן קעניג. יעדען טאָג פלעגט ער קומען אין אהל מועד און זיך דאָרטען פאַרזאַמען ביז װאַנען מען איז פאַרטיג געװאָרען מיט זײן קרבן.

אײן טאָג װען דואג האָט געבראַכט זײן שעפּס צום אהל מועד, האָט ער באַמערקט װי אחימלך און די איבריגע כהנים האָבען אויפגענומען אַ גאַסט אין אהל מועד.

דואג האָט זיך געשטעלט הינטער׳ן פאַרהאַנג און האָט זיך צוגעהערט צו זײער געשפּרעך. די שטימע פון גאַסט איז איהם אויסגעקומען בעקאַנט. ער האָט עטװאָס אויפגעפּעפּנט דעם פאָרהאַנג און דערזעהן דוד׳ן...

—אהא! — האָט זיך דואג דערפרעהט, — יעצט איז דוד אין מײנע הענט. ער װעט מסתמא פאַרבלײבען דאַ אויף עטליכע טעג, און דערװײל װעט ער שיקען אָנזאָגען דעם קעניג, און װען עס װעט געלינגען דעם קעניג איהם צו כאַפּען, װעט ער איהם זעהר גוט באַלוינען... ער האָט שנעל צוריק פאַרצױגען

דעם פאַרהאַנג כדי קיינער זאָל איהם נישט באַמערקען און צוגעשטעלט זיין אויער זיך צוצוהערען זייער געשפּרעך.

— דוד, דו, דעם קעניג'ס איידעם, ביזט גאַר געקומען אליין אַהן קיין בעגלייטער ? — האָט דואג געהערט ווי אחימלך פרעגט דוד'ן.

— איך דאַרף אויספיהרען זעהר א וויכטיגע שליחות פאַר דעם קעניג, — האָט דוד געענטפערט, — און איך האָב מיינע בעגלייטער איבערגעלאָזען ערגעץ וואו הינטער'ן שטאָדט. עס איז א סוד און קיינער טאָר דערפון נישט וויסען... איך אייל זיך זעהר, און האָב קיין צייט נישט געהאַט אנצוגרייטען שפּייז פאַר מיר און די יונגען... איז פאַראַן דאָ עטוואָס שפּייז איך זאָל קענען מיטנעהמען מיט זיך...

— קיין פּשוט'ע ברויט איז דאָ ביי אונז יעצט ניטאָ, — האָט איהם אחימלך געענטפערט, — מיר האָבען דאָ דעם לחם הפּנים. (די צוועלף חלות וואָס מען פלעגט אוועקלייגען אויפ'ן שלחן פון ערב שבת ביז ערב שבת און בלויז די כהנים אליין האָבען זיי געמעגט עסען. און בלויז על פּי הדחק פלעגט מען זיי אָפּגעבען צו ניט כהנים), אויב די יונגען פון מיין האַר זיינען ריין וועלען זיי מעגען עסען פון די חלות.

—גוט ! — האָט דוד געזאָגט, — גיב מיר דעם לחם הפּנים. מיר זיינען אַלע טהור, מיר האָבען פאַר זיך זעהר א לאַנגען וועג און איך מוז צוגרייטען שפּייז פאַר מיינע בעגלייטער און זיך.

אחימלך האָט דוד'ן איבערגעגעבען דעם גאַנצען לחם הפּנים פון דעם שלחן.

— פיליכט געפינט זיך דאָ ביי דיר א שווערד, אָדער א שפּיעז, — האָט איהם דוד ווידער געפרעגט, — אין גרוים איילעניש האָב איך פאַרגעסען מיטצונעהמען מיין שווערד.

— די איינציגע שווערד וואָס געפינט זיך דאָ אין אהל מועד, איז די שווערד פון גלית הפּלשתי וועמען דו האָסט געטויטעט, אויב דו ווילסט קענסטו זי נעהמען !

— אז דו האָסט נישט קיין אנדער שווערד, וועל איך שוין מוזען נעהמען די שווערד פון גלית'ן, — האָט דוד געזאָגט, — גיב זי מיר !

אחימלך האָט אראָפּגענומען די שווערד וואָס איז געהאַנגען אויפ'ן וואַנט, איינגעוויקעלט אין א טוך, און זי דערלאַנגט דוד'ן...

דוד האָט גענומען די שווערד און זאָגענדיג "שלום !" איז ער ארויס פון אהל מועד און איז שנעל פאַרשוואונדען געוואָרען.

דואג, דער אדומי, האָט אפילו געוואָלט ארויסגעהן פון אונטער דעם פאַר־האַנג און אויסשרייען אז דוד אנטלויפט עס גאַר פון קעניג, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר דוד'ן ער זאָל איהם ניט טויטען... דאַריבער איז דואג שנעל ארויסגעגאַנגען פון אהל מועד אום נאָכצושפּירען דוד'ן. אָבער ער האָט שוין מעהר קיין שפּור פון איהם נישט געפונען.

זעהר ענטטוישט איז דער אדומי געוואָרען. אַט איז דוד געווען אין זיינע הענט... און איידער ער האָט צייט געהאַט זיך ארומצוזעהן איז ער פערשוואונ־דען געוואָרען. וואָס זאָל ער יעצט טהאָן ? זאָל ער דעם קעניג דערצעהלען וועגען דוד'ס קומען אין נב, אָדער נישט ? ווען דער קעניג זאָל וויסען אז דוד האָט זיך ארויסגעדרעהט פון זיינע הענד וועט ער דאָך איהם פאַררעכענען פאַר א שוואַכ־

לינג... ניין, ער וועט דעם קעניג דערצעהלען און אנדער געשיכטע... ער וועט איהם דערצעהלען אז דער כהן גדול אחימלך מיט אלע איבריגע כהנים פון נב האבען געהאלפען דוד'ן זיך ארויסדרעהען פון זיינע הענט... און אזוי ווי ער איז דאך געווען אליין, איז ער געווען מאכטלאז געגען אזוי פיעל עפעס צו טהאן... יא, אזוי וועט עס זיין, — האט דואג א שמייכעל געטהאן — איך וועלווארפען די שולד אויף אלעמען... ער האט זיך צוריקגעקעהרט צום אהל מועד און מקריב געווען זיין לעצטען שעפס אויפ'ן מזבח.

* * *

דוד איז אנטלאפען געווארען פון נב און ווען ער איז אנגעקומען נעבען דער שטאדט קרית יערים איז שוין געווען גוט פינסטער... ער האט איבערגענעכטיגט אין דארף, און גאנץ פריה, ווי נאר די זון איז אויפגעגאנגען, האט ער זיך ווידער געלאזט אין וועג. ווען ער איז געווען ניט ווייט פון אבן העזר, האט ער בעשלאסען דארט צוזוגעהן, פיליכט וועט ער דארטען געפינען א בריעף פון יונתן...

די גאנצע צייט געהענדיג צום אבן העזר האט ער זיך ארומגעקוקט צו קיינער זעהט איהם נישט... די זון האט אומ'רחמנות'דיג געברענט און ווען ער איז צוגעקומען דארטען איז ער געווען זעהר מיעד, און האט בעשלאסען זיך אפצורוהען אין דער גרויסער לאך פון שטיין... אבער ווי ער איז אהין אריין, האט ער באַ־מערקט א בריעף. ער האט עס שנעל אויפגעוויקעלט און געליענט די פאלגענדע ווערטער:

„דוד, דו מוזט זעהן וואס שנעלער אין גאנצען צו אנטלויפען פון ארץ ישראל, ווייל דער קעניג האט איבעראל פערשפרייט נעצען דיך צו פאנגען... ער האט פאנאנדערגעשיקט פיעלע אפטיילונגען פון די ארמייען אין פערשידענע שטערט און האט זיי באפוילען דיך צו כאפען און ברייגגען צו איהם, טויט אדער לעבעדיג... ווי גאט איז דיר ליעב, דוד, אנטלויף פון דאנען וואס שנעלער. אויב מעגליך, געה אין פלשתים לאנד און בעהאלט זיך אוים דארטען אין א דארף, ווייל ווי גרויס די סכנה זאל נישט זיין אין דעם לאנד פון פלשתים, איז זי נאך אלץ גרעסער ווען דו וועסט פארבלייבען אין ארץ ישראל.

„איך לאז איבער פאר דיר פלשתים קליידער, טהו זיך איבער און געה אוועק צו די פלשתים און זיי דארטען ביז וואנען גאט וועט רחמנות האבען . . .”

דיין איבערגעבענער פריינד און ברודער, יונתן.

דוד האט שוין יעצט מעהר נישט געקוקט וואס ער איז מיעד. ער האט אויסגעטהאן זיינע בגדים און אנגעטהאן אויף זיך די פלשתים קליידער...

הינטער'ן גרויסען שטיין האט ער בעהאלטען דעם שווערד פון גלית דעם פלשתי און ער האט ווידער געלאזען זיך אין וועג אריין צו די גרענעצען פון די פלשתים ביז ער איז אנגעקומען אין גת.

דוד'ס פנים איז געווען בעוואקסען און פון זיין וואגלען און וואנדערען, און פון די איבריגע צרות וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן די לעצטע צייט, האט זיך זיין פנים א סך געענדערט. די פלשתים האבען איהם ניט דערקענט... ער האט זיך פארדונגען פאר א פאסטוך צו איינעם פון די פלשתים און איז אפגעווען עטליכע וואכען.

איינמאל, טרייבענדיג די שאף פון פעלד אין שטאדט אריין, האט איהם איינער פון די פלשתים דערקענט... ער איז איהם נאכגעגאנגען און זיך גוט צוגעקוקט צו איהם...

— דאס איז דאך דוד, דער העלד פון ישראל! — האט דער פלשתי אויסגערופען, — ער איז דאך אונזער גרעסטער שונא... ער האט דאך געטויטעט אונזער גלית'ן.

ווען דוד האט עס דערהערט איז ער בלייך געווארען פון שרעק... יעצט איז ער נאך ערגער אריינגעפאלען — האט ער געטראכט — וואס זאל ער טהאן? זאל ער פרובירען אנטלויפען, וועלען זיי דאך טאקע זעהן אז יענער פלשתי האט רעכט און וועלען איהם נאכיאגען און טויטען...

דערווייל זיינען אנגעלאפען פיעלע פלשתים איהם אנצוקוקען צי ער איז טאקע דוד, דער העלד פון ארץ ישראל.

א געדאנק איז פלוצים געקומען צו דוד'ן. ער וועט זיך משוגע מאכען. אפשר וועלען זיי איהם אפלאזען. ער האט אנגעהויבען מאכען משונה'דיגע העויות, פון זיין מויל האט ער געלאזען לויפען די סליונע... ווען ער האט דערזעהן א ציעג האט ער זיך אויף איהר ארויפגעכאפט און גענומען רייטען... זיינע לאנגע האר זיינען געווען צעווארפען און זיין פנים האט אנגענומען א משונה'דיגען אויסקוק...

א גאנצע מחנה פלשתים זיינען איהם נאכגעגאנגען און האבען זיך געקייקעלט פון געלעכטער פון זיינע משונה'דיגע שפיצלעך... ווען ער איז ארונטער פון דער ציעג, האט ער אויפגעהויבען א שטיקעל קויהל און גענומען שרייבען אויף אלע טיהרען און טויערען פון שטאדט.

דאך האבען אייניגע פלשתים גענומען דוד'ן און איהם געבראכט פאר אכיש'ן, דעם קעניג פון גת.

— מיר האבען איהם געטראפען אין די גאסען פון אונזער שטאדט, — האבען די פלשתים דערצעהלט זייער קעניג, — און אייניגע האבען דעם פרעמדען דערקענט אלס דוד, וועלכער האט גלית'ן געטויטעט און צו וועמען אלע פרויען האבען געזונגען "אז ער האט צעהנדליגע טויזענדע טויזענדע פון אונז געטויטעט".

— ברייננט איהם נעהענטער צו מיר, — האט אכיש באפוילען.

מען האט דוד'ן צוגעפיהרט עטוואס נעהנטער... ער האט זיינע העוויות געמאכט נאך מעהר משונה'דיג... ער האט גענומען טאנצען און שפרינגען, און נערעדט ווערטער וואס איינס האט זיך נישט געקלעפט צום צווייטען...

— ער איז דאך משוגע! — האט אכיש אויסגערופען צו זיינע קנעכט, — וואס האט איהר איהם געבראכט צו מיר... עס פעהלען מיר דען משוגעים! מיין ווייב איז משוגע, מיין טאכטער איז אויך משוגע, און יעצט ברייננט איהר מיר נאר א פרעמדען משוגענעם... ארוס פון מיין הויז, דו משוגענער!...

אכיש'ס קנעכט האבען דוד'ן פארטריבען פון זייער שטאדט, און ער איז קוים מיט'ן לעבען אנטלאפען אין עדלם (א שטאדט אין יהודה). דארטען האט ער זיך בעהאלטען אין דעם הייהל עדלם.

זיעבעצעהנטער קאפיטעל

אוריה׳ס פערראטה

איינינע טעג האט זיך דוד אויסבעהאלטען אין דער מערה פון ערום. ער האט זיך ערנעהרט פון די פרוכט פון די דערבייאיגע בוימער, אבער קיין וואסער האט ער דארטען ניט געקענט קריגען. צו א טייכעל איז געווען גאנץ ווייט. ער האט מורא געהאט צו געהן אהין, פילייכט וועט מען איהם דערקענען און אנזאגען דעם קעניג. דאס ביסעל וואסער וואס ער האט געהאט מיט זיך האט ער שוין לאנג אויסגעטרונקען. איהם האט זיך אנגעפאנגען דורשטען. און ער האט דעריבער גענומען טראכטען וואוהין ער זאל ווייטער געהן...

נאך בית שמש — האט דוד בעשלאסען — ער וועט געהן אהין, ער האט דאך אלע איינוואוינער פון בית שמש פון די פלשתים גערעטעט, זיי זיינען דאך איהם געווים דאנקבאר און וועלען איהם זיכער ניט פערראטהען צו שאול׳ן...

דוד האט זיך ווידער געלאזט וואנדערען. אויף׳ן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט אין דעם פלאץ פון אבן העזר. דארטען האט ער געפונען נאך א בריעף פון יונתן, וואו ער ווארענט איהם וויעדער ער זאל זעהר פארזיכטיג זיין ווייל דער קעניג האט פערשפרייט נעצען אומעטום איהם צו פאנגען. וועגען מיכל׳ן שרייבט ער, אז זי איז געזונט אבער טרויעריג און בעזארגט וועגען איהם.

טרעהרען האבען זיך בעוויזען אין דוד׳ס אויגען, ווען ער האט דורכגעלייענט דיעזען בריעף, ער האט זיך גענומען דערמאהנען די גליקליכע געצעהלטע טעג, וואס ער האט פערבראכט מיט מיכל׳ן... גערענקט האט ער דאן, אז זיין גרויסער גליק וועט זיך ציהען לעבענסלאנג, אבער יעצט איז ער פארוואגעלט, ווייט, זעהר ווייט פון מיכל׳ן... ער איז ארומגערינגעלט פון שאטען פון טויט... און ווער וויים ווי לאנג עס וועט אזוי דויערען... דאס לעבען ווערט איהם נמאס, אפשר איז שוין גלייכער פאר איהם ער זאל זיך אליין איבערגעבען אין שאול׳ס הענט און זאל ער מאכען א סוף צו זיין פארוואגעלטען וויסטען לעבען. אבער ניין, ער וועט עס ניט טהאן צוליבע מיכל׳ן! זי ליעבט איהם אזוי שטארק ווי ער איהר... פון איהרטוועגען וועט ער זיין קאמפף ניט אויפגעבען. ביי גאט איז אלעס מעגליך: אפשר וועט איהם נאך דער בעשעפער ווידער אמאל צונויפברייננען מיט מיכל׳ן און בענייען זייער גליק...

דוד האט דארטען געפונען זיינע אלטע קליידער און האט זיך איבערגעטהאן. ער האט ארויסגענומען דעם שווערד פון גלית, וואס ער האט דארטען בעהאלטען, און איז ארויס פון אונטער דעם שטיין.

די זון האט געהאלטען ביים פערגעהן. עס איז גאנץ טונקעל געווארען. דוד איז געבליבען שטעהן אין א פערלעגענהייט; ער האט זיך ניט געקענט בעשליסען צי זאל ער גלייך געהן נאך בית שמש אדער צו ווארטען ביז מארגען גאנץ פריה. דער וועג איז א קורצער, סך הכל א שטונדע מהלך פון דאנען. אבער וואו וועט ער זיך אהינטהאן ביינאכט... באלד איז איהם ארויפגעקומען

אויף'ן זינען דאס הויז פון אליעם, דעם פאטער פון בת שבע וועמען ער האט ניט לאנג צוריק געראטעוועט פון דעם פלשתי'ס הענט... יע, ער וועט געהן אין בית שמש און זיך אויסבעהאלטען אין אליעם'ס הויז... ער וועט זיי אלעס דערצעהלען און זיי וועלען איהם זיכער ניט פערראטהען...

דוד האט אנגעגורט אויף זיך גלית'עס שווערד און איז אוועקגעגאנגען נאך בית שמש.

ווען ער איז געקומען אין שטאדט, איז שוין געווען גוט פינסטער... ער האט אויפגעזוכט אליעם'ס הויז און איז צוגעגאנגען צום טיר. א ווײלע איז ער געשטאנען בעוועגלאז און זיך איינגעהארכט. נאכהער האט ער א לייכטען קלאפ געטהאן... די טיר האט זיך געעפענט און אליעם איז ארויסגעקומען.

— ווער ביזטו, און וואס פערלאנגסטו? — האט אליעם איהם געפרעגט אין דער פינסטער.

— איך בין דוד, דער זוהן פון ישי, דערקענסטו דען מיך ניט?

— אה, דוד! — האט אליעם אויסגערופען מיט פרייד — געבענשט זאל זיין דיין קומען צו מיין הויז!

— ש...ש...ש... — האט דוד צוגעלעגט זיין פינגער צום מויל — איך האב דיר א סוד צו ענטדעקען... געפינט זיך ווער עס איז אין דיין הויז, אחוץ דיין פרוי און טאכטער?

— יע, אוריה דער חתי, וועלכער איז פאררעכענט אלס בת שבע'ס חתן, געפינט זיך יעצט אין אונזער הויז... אבער ער איז דאך יעצט ניט קיין פרעמדער ביי אונז, און איך בין זיכער, אז ער וועט וויסען ווי צו האלטען דיין סוד פערזיגעלט אין זיין הארצען...

— וועט ער אין דיין הויז פערבלייבען נעכטיגען? — האט דוד געפרעגט.

— אה ניין, מיין האר — האט אליעם געענטפערט — ער וועט באלד אוועקגעהן, אבער איך וויים, אז אוריה וועט זיך זעהר גליקליך שעצען, ווען ער וועט דיך דערזעהן... ער האט זינט דאן, ווען דו האסט בית שמש פערלאזען מיט דיינע גבורים, פון דיר ניט אויפגעהערט צו ריידען...

— דאך אבער וואלט איך ניט וועלען זיך יעצט מיט איהם בעגעגענען — האט דוד געזאגט — האסטו פיללייכט ערגעץ וואו א פלאץ, וואו דו וועסט מיך קענען פארבארגען ביז וואנען ער וועט פון דיין הויז אוועקגעהן...

— דערווייל קענסטו ארונטערגעהן אין קעלער — האט אליעם געזאגט — אבער זאג דאך מיר, מיין האר, וואס האט אזוינס פאסירט, אז דו מוזט זיך פערבארגען?

— פיהר מיך ארונטער אין קעלער — האט דוד איהם געבעטען — און דארטען וועל איך דיר אלעס דערצעהלען.

אליעם איז מיט איהם ארונטערגעגאנגען אין קעלער און דוד האט צו איהם געזאגט:

— זיי וויסען, אז איך אנטלויף עס פון דעם קעניג. ער האט שוין געמאכט עטליכע פערזוכען מיך צו טויטען, און יעצט זוכט ער מיך איבעראל ארום און אויב איהם וועט געלינגען מיך צו געפינען, דאן האב איך מיין לעבען פארשפיעלט...

— אָבער ווי אזוי קען דער קעניג דיך אזוי בעהאנדלען? — האָט אליעם אויסגערופען מיט פערוואונדערונג — דו האָסט דאָך דעם כבוד פון אונזער פאָלק געראַטעוועט און פיעלע גבורות אין די מלחמות מיט די פלשתים בעוויזען און אחוץ דעם ביזטו דאָך זיין איידעם...

— דער קעניג איז ניט מיט אלעמען, ער איז זעהר מעלאנכאליש און גייסטיג קראַנק — האָט דוד געזאָגט — ער איז אייפערזיכטיג אויף מיר, זינט דאַן, ווען איך האָב גלית׳ן געטויטעט... ער האָט פיעלע מענשען ארויסגעשיקט מיך צו זוכען און צו טויטען... דעריבער מוז מיין אָנקומען דאָ, אין דיזער שטאָדט, בלייבען א סוד פאַר אלעמען. און איך גלויב, אז אזא גוטער פריינד ווי אוריה דער חתי, דאַרף דערוויילן אויך דערפון ניט וויסען, אם ווענינגסטענס, ניט גלייך... שפּעטער, ווען דו וועסט זיך איבערצייגען אין זיין טריהייט צו מיר, וועסטו איהם קענען דערצעהלען וועגען מיר.

אליעם האָט איבערגעלאָזען דוד׳ן אין קעלער און אליין איז ער צוריק אריין אין הויז...

ווער איז דאָס געווען, פאָטער? — האָט בת שבע געפרעגט...

אליעם איז געבליבען שטעהן צוטומעלט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— עפּעס האָט דאָך דאָ פּאַסירט, אז דו האָסט אזוי לאַנג פערזאַמט. — האָט בת שבע׳ס מוטער זיך אָפּגערופען.

— גאָרניט וויכטיג — האָט אליעם געענטפערט — אונזער שכן האָט בעמערקט א רויטע קוה און האָט געמיינט, אז זי איז אונזערע, איז ער געקומען פרעגען. אָבער איך האָב אונזער קוה געפונען אין שטאַהל... עס איז געווען א טעות....

ווען אוריה האָט פערלאָזען דאָס הויז, האָט זיך אליעם אָפּגערופען צו זיין פרוי און טאָכטער:

יעצט קען איך זאָגען, אז מיר האָבען א וויכטיגען גאַסט אונטער אונזער דאַך...

— ווער איז דאָס?! — האָבען די מוטער און טאָכטער מיט אמאָל אויסגערופען.

— דוד, דער זוהן פון ישי, איז נור וואָס אָנגעקומען!

— דוד! — האָט בת שבע אויסגערופען — דער, וועלכער האָט מיך פון דעם פלשתי געראַטעוועט?

— יע, ער האָט עס אָנגעקלאַפּט אין טיר... אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז א פרעמדער געפינט זיך ביי אונז אין הויז, האָט ער מיך געבעטען איך זאָל איהם דערוויילן ערגעץ וואו בעהאַלטען... ער געפינט זיך יעצט אין קעלער.

בת שבע מיט איהר מוטער האָבען אליעם׳ן אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— איך פערשטעה ניט, פאָטער, פאַרוואָס דוד דאַרף זיך בעהאַלטען. איז ער ניט דער גרעסטער אידישער העלד פון יעצטיגער צייט? — האָט זיך בת שבע אָפּגערופען.

— דער קעניג שאול זוכט איהם צו טויטען... פיעלע שפּיאָנען האָט ער

ארויסגעשיקט אין יעדער שטאָדט איהם צו פאנגען... איהר מוזט זעהן פאר קיינעם קיין וואָרט ניט ארויסריידען, אז דוד געפינט זיך ביי אונז... יעצט וועל איך ארונטערגעהן איהם ארויפברייננגען אין הויז. און איהר גרייט עפּעס אָן פאר איהם צו עסען.

אליעם איז ארונטערגעגאנגען אין קעלער און גלייך צוריקגעקומען מיט דוד'ן. בת שבע און איהר מוטער האָבען איהם זעהר ווארים און הערצליך עמפּפאנגען. דוד האָט זיי אלעם דערצעהלט, וואָס מיט איהם האָט פּאסירט זינט ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון בית שמש. בת שבע האָט געווישט איהרע אויגען, דערהערענדיג זיינע גרויסע ליידען... זי האָט זיך דערמאָהנט ווי העלדיש ער האָט איהר געראטעוועט פון פּלישתי'ס טמא'דיגע הענט און נאכהער ארויסגעטריבען אלע פּלשתים פון שטאָדט... ווי דאנקבאר זי, איהרע עלטערען און אלע איינוואוינער פון בית שמש זיינען דאַך איהם געווען... און יעצט איז ער פערוואָגעלט. ער דאַרף אנטלויפען פאר זיין לעבען און זיך אויסבעהאלטען פון דעם צאָרן פון דעם קעניג...

בת שבע האָט דוד'ן דערלאנגט עסען און איהם געזאָגט:

— געה, מיין האַר, וואַש זיך ארום און ביים עפּעס צו, ווייל דו ביזט זיכער הונגעריג.

דוד האָט איהר געפאָלגט, און זי האָט אָנגעוויזען דעם פּלאַץ.

נאָך'ן עסען האָט בת שבע'ס מוטער פאר איהם צורעכט געמאכט א בעט און איהם געהייסען זיך געהן אָפּרוהען.

זעהר מיעד און שלעפעריג איז דוד געווען, און ווי נאָר ער האָט זיך אין דער ווייכער בעט אריינגעלייגט, האָט ער באלד געשמאק איינגעשלאָפען.

אוריה דער חתי איז יעצט געווען דער גליקליכסטער צווישען אלע גבורים וואָס שאול האָט געהאט. זינט ער האָט בת שבע'ן צום ערשטען מאָל דערזעהען, ווען ער האָט איהר געראטעוועט פון די פּלשתים, איז ער בעצויבערט געוואָרען פון איהר שעהנקייט... איהם האָט שטארק געצויגען צו איהר... ווען די צייט איז געקומען און אלע גבורים האָבען געזאָלט פארלאָזען בית שמש צוזאמען מיט דוד'ן, האָט אוריה זעהר פיעל געליטען... עס איז איהם זעהר שווער געווען צו פארלאָזען די שטאָדט וואו בת שבע געפינט זיך... זייענדיג איינער פון די גבורים אין שאול'ס ארמעע אונטער דוד'ס פיהרערשאפט, וועט ער נישט זיין פריי צו קומען נאָך בית שמש ווען איהם וועט זיך געלוסטען... און אפילו ווען עס זאָל איהם שוין יא געלינגען ווען עס איז צו קומען, קען עס זיין צו שפּעט... דאריבער איז צו זיין שמחה קיין גרעניץ נישט געווען ווען דוד האָט אין בית שמש איבערגעלאָזען פופציג גבורים און איהם נאָך באשטימט אלס זייער הויפּט (שר חמישים).

יעדען טאָג פלעגט אוריה קומען בעזוכען בת שבע'ן אין איהר פאטער'ס הויז. די ערשטע צייטען איז אוריה זעהר טרויעריג געווען, ווייל בת שבע האָט די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט צו ריידען פון דוד'ן און פון זיינע העלדענטהאטען... זי האָט איהם איינפאַך פארגעטערט... אוריה האָט זיך געפיהלט זעהר געקרענקט דערפון. זיין אייפערזוכט אויף דוד'ן האָט אין איהם געברענט... און ער האָט שוין כמעט געהאט אויפגעגעבען זיין האָפנונג צו געווינען בת שבע'ס ליעבע... צו זיין גליק אבער איז מיט א קורצע צייט שפּעטער אנגעקומען די נייעס

אין בית שמש אז דוד האט געהייראט מיט מיכל'ן... א שווערער שטיין איז פון זיין הארצען אראפ... יעצט איז זיין וועג צו בת שבע'ס הארץ פריי געווארען... ער האט נישט אויפגעהערט צו קומען צו איהר און ריידען וועגען זיין גרויסע ליעבע צו איהר...

אויף בת שבע'ן האט די נייעס פון דוד'ס חתונה מיט מיכל'ן געווירקט זעהר שלעכט... זי איז זעהר אומעטיג און טרויעריג געווארען... זי האט אזא שעהנעם טרוים פון דעם העלדישען דוד'ן געוועבט... זי האט איהם אימער געזעהן אין איהר פאנטאזיע... ווי גליקליך זי וואלט געווען ווען זי זאל קענען איהם נאך אמאל זעהן... זי וואלט די שטויב אונטער זיינע טריט געקושט... פיעלע טעג האט זי אין איהר הארצען געטרויערט וואס דער שעהנער געוועב פון איהרע חלומות איז אזוי שנעל צוריסען געווארען...

אוריה האט פארשטאנען וואס עס טהוט זיך אין בת שבע'ס הארץ... איהר קאלטקייט צו איהם, האט איהם זעהר געערגערט, האט איהם פיעל יסורים פערשאפט. ער האט אבער געדולדיג געווארט ביז די צייט וועט אריבער, און בת שבע וועט ביסלעכווייז נעהמען פארגעסען אן דוד'ן...

בת שבע האט אוריה'ן ניט ליעב געהאט, הגם זי איז איהם דאנקבאר געווען פאר זיין העלפען דוד'ן צו רעטען איהר פון דעם פלשתי... זי האט נישט געגליכען זיין פלאטשיגען נאז און דיקע ליפען... און מעהר פון אלעם איז ער איהר נישט געווען צום הארצען צוליעב זיין חתי'שער אפשטאמונג... כאטש זיין מוטער איז געווען א אידישע און ער אליין איז געבארען געווארען אין ארץ ישראל צוו שען אידען . . .

אויב אוריה האט קיין סך מעלות נישט געהאט וואס זאלען צו איהם צוציהען די שעהנע בת שבע, האט ער אבער געהאט א פאר אויסערגעוויינליכע אויגען וועלכע האבען געברענט מיט לײדענשאפט און ליעבע... און עפעס האט זי אין זיינע אויגען געזעהן וואס האט ביסלעכווייז איהר הארץ געוואונען, זיינע פייערדיגע בליקען האבען איהר נשמה דורכגעדרונגען... און איינמאל, נאך פיעלע נישט געלונגענע פארזוכען פון אוריה'ן צו געווינען בת שבע'ס האנד, האט זי פלוצלינג איינגעשטימט זיין פרוי צו ווערען.

צי דאס איז געווען צוליעב דעם וואס איהרע חלומות וועגען דוד'ן זיינען צורונען געווארען, נאכדעם ווי דוד האט געהייראט מיכל'ן... אדער צי זי האט טאקע אוריה'ן אנגעפאנגען ליעב צו האבען, וועגען דעם האט אוריה גאר נישט געוואלט טראכטען. ער האט זיך העכסט גליקליך געפיהלט דאס בת שבע וועט געהערען צו איהם... אלע זיינע חברים און בעקאנטע האבען איהם שטארק מקנא געווען דאס ער האט געקראגען די שעהנסטע מיידעל פון בית שמש.

בת שבע איז פאר'קנס'ט געווארען צו אוריה'ן און איהר פאטער האט בעשטימט די חתונה אין צעהן חדשים שפעטער.

אוריה פלעגט יעדען טאג קומען און פארברייגגען מיט בת שבע'ן, אפזיצען שטונדען לאנג און פלאנעווען צוזאמען זייער צוקונפט...

ווען בת שבע האט יעצט ווידער דערזעהן דוד'ן, האבען אין איהר אויפגעוואכט איהרע חלומות. די ליעבע צו איהם האט זיך אין איהר אויף דאס ניי צופלאקערט... דוד געפינט זיך יעצט אין איהר הויז, בעהאלטענערהייד... אח, ווי גליקליך זי פיהלט זיך... ווען אוריה זאל נאר נישט קומען... זי וויים אבער אז דאס

איז אומעגליך; ער קומט יעדען טאג... וואס זאל זי טהאן? זאל זי איהם דערצעהלען וועגען דוד׳ן און איהם בעטען האלטען עס בסוד, אדער ניט? ער וועט דאך אבער פריהער אדער שפעטער אויסגעפינען...

זי האט זיך בעראטהען מיט איהרע עלטערען ווי אזוי צו האנדלען...

— געוויס מיין טאכטער, דארף מען איהם דערצעהלען, — האט אליעם זיך אפגערופען, — ער איז דאך דיר שוין נישט קיין פרעמדער, און אז מיר וועלען איהם בעטען קיינעם וועגען דעם נישט צו דערצעהלען, וועט ער עס געוויס טהאן.

— און איך גלויב אז פריהער זאלען מיר זיך בעראטהען מיט דוד׳ן, און אויב ער האט נענוג צוטרויען צו אוריה׳ן וועט מען איהם דעם סוד ענטדעקען, סאמער נישט, איז טאקע גלייכער אז אפילו אוריה זאל דערפון נישט וויסען — האט איהר מוטער זיך אפגערופען.

— אבער ווי וועט זיין אז טאמער קומט ער אן פלוצלינג און געפינט דוד׳ן אין אונזער הויז? — האט אליעם געזאגט.

— איך וועל שוין זעהן אז ער זאל בלויז קומען צו א בעשטימטע צייט, — האט בת שבע געזאגט, — און דאן וועט דוד זיין אין זיין שלאף־צימער, אבער איך גלויב, אז די מוטער איז גערעכט. מיר וועלען הערען וואס דוד האט צו זאגען וועגען דעם.

ווען דוד האט זיך פון זיין שלאף אויפגעכאפט איז שוין געווען אין מיטען טאג... ער האט נאך די גאנצע צייט פון זיין וואנדערען אזוי געשמאק נישט געשלאפען ווי דא, אין אליעם׳ס הויז. די פריהערדיגע נעכט ווען ער האט זיך בעהאלטען אין די הייהלען אדער אין די שפאלטען פון פעלזען־שטיינער, האט ער זיין אויג נישט געקענט צומאכען... אבער דא אין הויז האט ער זיך זיכער געפיהלט און זיין שלאף איז געווען גאנץ געשמאק און רוהיג.

ער האט זיך שנעל אנגעטהאן און איז אריין אין צווייטען צימער וואו בת שבע און איהרע עלטערען זיינען געווען.

זיי האבען איהם הערצליך באגריסט און בת שבע האט גלייך געגרייט פאר איהם צום טיש.

דערזעהענדיג די שעהנע בת שבע האט זיך דוד׳ס פנים בעצויגען מיט א כמארע... אויף זיינע געדאנקען איז ארויפגעקומען זיין פרוי, די וואונדער־שעהנע מיכל, זי איז יעצט ווייט פון איהם... ווער וויים ווי זי פיהלט זיך יעצט דארטען אין גבעה... טרעהרען האבען זיך באוויזען אין דוד׳ס אויגען... בת שבע האט די טרעהרען באמערקט און איהר הארץ איז פול געווארען מיט מיטלייד צו דעם אונגליקליכען פארוואגעלטען דוד׳ן... זי האט שנעל פארלאזען איהם, און איז אריין צו זיך אין צימער און אגפעווישט איהרע טרעהרען.

נאך דעם ווי דוד האט אפגעגעסען, האט זיך אליעם צו איהם אפגערופען:

— דו ווייסט דאך, מיין האר, וואס פאר א טהייערער און חשוב׳ער גאסט דו ביזט ביי אונז, און דאריבער וואלטען מיר זיך וועלען בעראטהען מיט דיר ווי אזוי צו האנדלען מיט אוריה׳ן, דעם חתן פון מיין טאכטער... ער קומט אין מיין הויז יעדען טאג... קען דאך זיין, אז ער וועט אמאל אנקומען אומגעריכ־טערהייד און דיך דא טרעפען, איז דען פיעלייכט נישט גלייבער אז מיר זאלען איהם אנפערטרויען דעם גאנצען סוד?

— איך האב צוטרויען אין אוריה'ן, — האט דוד געזאגט, — און איך גלויב, אז ער וועט וויסען ווי צו האלטען מיין סוד פערבארגען ביי זיך אין הארצען... ער איז אן עהרליכער און בראווער יונג... יא, דו ביזט גערעכט מיין האר, עס איז גלייכער אז ער זאל גלייך וויסען וועגען מיין קומען דא... איך גלויב, אז ער וועט נאך קענען עפעס טהאן פאר מיר.

דעם זעלבען אבענד ווען אוריה איז געקומען בעזוכען בת שבע'ן, איז ער איבערראשט געווארען צו געפינען דארטען דוד'ן.

דאס בלוט איז איהם פארגליווערט געווארען... דוד! ווי קומט ער יעצט דא, אין בת שבע'ס הויז ?! זאל עס זיין אז ער איז געקומען אוועקרויבען בת שבע'ן פון איהם ?...

באלד אבער האט איהם דוד דערצעהלט זיין גאנצע לאגע און אוריה האט זיך בארוהיגט.

— זיי וויסען, מיין פריינד, — האט דוד פארענדיגט, — אז אויב דו וועסט נישט זעהר פארזיכטיג זיין און זיך פאר וועמען עס איז ארויסריידען, אז איך געפין זיך דא אין בית שמש, וועט זיך דער קעניג גלייך דערפון דערוויסען, ווייל ער האט שפיאנען איבעראל... און ער וועט מיך זיכער טויטען.

— דאס לעבען פון מיין האר איז מיר זעהר טהייער, — האט זיך אוריה אפגערופען, — און דאריבער וועט דיין סוד זיין פארזיגעלט אין מיין הארצען.

* * *

דורך דער קורצער צייט וואס דוד האט זיך געפונען אין אליעם'ס הויז, האט אוריה באמערקט א גרויסע ענדערונג אין בת שבע'ן... זי האט געזוכט אויסצומיידען זיין געזעלשאפט, און ווען איהם איז געלונגען צו בלייבען אליין מיט איהר, איז זי צו איהם גאנץ גלייכגילטיג געווען...

— בת שבע! זאג מיר, איך בעט דיך, פארוואס האסטו זיך פלוצלינג אזוי געענדערט, — האט אוריה איהר גענומען מאכען פארווירפע — פארוואס באנעהמסטו זיך צו מיר מיט אזא פרעמדקייט און קאלטקייט... בין איך דען נישט דיין חתן... האט דען נישט דיין פאטער בעשטימט אונזער חתונה אין עטליכע מאנאטען ארום!... און דו, האסטו דען נישט אליין איינגעשטימט צו ווערען מיין פרוי ?!...

בת שבע האט איהם נארנישט געענטפערט... אין איהר הארץ איז א שטורעם געוועזן... קען זי דען פאר איהם עפענען דאס הארץ... וועט ער איהר דען פארשטעהען...

אוריה האט אויף איהר אנגעשטעלט זיינע אויגען און זיינע פייערדיגע בליקען האבען איהר ווי מיט שפיזען געשטאכען...

— בת שבע, זאג מיר, האסטו דען מיר מעהר נישט ליעב ?!

א שטילקייט האט געהערשט אין צימער. בת שבע איז געשטאנען נעבען אוריה'ן א באוועגלאזע... איהרע אויגען האבען געשווינדעלט, דאס הארץ האט איהר פארקוועטשט... און פלוצים האט זי זיך פאנאנדערגעוויינט.

אוריה האט איהר פרובירט בארוהיגען. ער האט איהר געבעטען זי זאל זיך געהן אפרוהען, און זיך געשווארען אז ער וועט איהר מעהר נישט באלעסטיגען מיט זיינע פראגען.

בת שבע איז אריין אין איהר צימער, און אוריה איז געבליבען אליין מיט זיינע געדאנקען... זיין אייפערזוכט האט זיך אין איהם צופלאקערט, און אין זיין הארצען האט געברויזט און געשטורעמט... יא, ער איז זיכער אז דוד איז שולדיג אין בת שבע׳ס ענדערונג... ער האט גענומען האסען דוד׳ן, און זיין שנאה צו איהם איז שטארקער געווארען פון טאג צו טאג... אה, ווען ער זאל נאר קענען מאכען אז דוד זאל פארלאזען בית שמש... אבער ער וועט דאך איהם נישט פערראטהען... איז דען דוד צו איהם נישט געווען גנעדיג? ער האט דאך איהם איבערגעלאזען אין בית שמש, און דערצו האט ער איהם געמאכט פאר א שר חמישים... ווען נישט זיין הויכען אמט וואלט ער דאך בת שבע׳ס הארץ קיינמאל נישט געוואונען... אבער וואס האט ער דערפון יעצט?... ער פארלירט אלעס, זיין גליק, בת שבע׳ס ליעבע, צוליעב דוד׳ן...

דוד איז אריינגעקומען אין צימער און איבערגעשלאגען זיינע געדאנקען.

אוריה האט א ציטער געטהאן ווען ער האט דערזעהן דוד׳ן. באלד אבער האט ער זיך געשטארקט און איהם באגריסט מיט א שמייכעל:

— קען איך דיר מיט עפּעס דיענען, מיין האר?

— יא, איך וויל טאקע דו זאלסט מיר א טובה טהאן, — האט זיך דוד אפּגערופען.

— קיין זאך וועט מיר נישט זיין צו שווער צו טהאן פאר מיין האר, — האט אוריה געענטפערט, — דו האסט מיט מיר אזוי פיעל גוטעס געטהאן... דו האסט גענרויסט דיין גנאדע צו מיר און מיך געלאזען בלייבען אין בית שמש און דערצו נאך האסטו מיך געמאכט פאר דעם שר פון די פופציג גבורים... און בלויז א דאנק דיר האב איך געהאט די מעגליכקייט צו געווינען די ליעבע פון דער שעהנער בת שבע...

— יא, זי איזווירקליך וואונדער־שעהן, — האט דוד געזאגט מיט א שמייכעל, — און דו פערדינסט גראטולירט צו ווערען פאר דיין אויסוואהל...

—און די פּרינצעסין מיכל, וועלכע מיין האר האט פאר זיין פרוי גענקראָגען איז דאך אויך וואונדער־שעהן! — האט אוריה געזאגט...

— יא, זי איז די שעהנסטע פון אלע טעכטער אין ארץ ישראל, אבער וואס האב איך דערפון, אז איך בין ווייט פון איהר... מיין גליק האט נישט לאנג אַנגעהאלטען... איך בין פארוואגעלט פון מיין היים... נע ונד בין איך אין דער פרעמד, געיאגט און געפּלאגט ביי דעם קעניג... דער טויט איז מיר אימער פאר די אויגען... איך וויים אפילו נישט וואס מיכל מאכט... און זי ווייסט נישט וואס מיט מיר קומט פאר, וואו איך געפין זיך... ווער וויים צי זי גלויבט נישט אז איך בין טויט... יא, יא, מיין פריינד, איך בין יעצט אומגליקליך, זעהר אומגלקליך... דו קענסט פּאררעכענט ווערען צו זיין גליקליך, אבער נישט איך.

אוריה האט ארונטערגעלאזען זיינע אויגען און האט ביי זיך געטראכט: איך בין געווען גליקליך ביז וואנען דו ביזט אהער געקומען, און יעצט רויבסטו פון מיר מיין גליק...

— איין געטרייער און איבערגעגעבענער פריינד איז מיר פארבליבען — האט דוד פארטגעזעצט, — און דאס איז יונתן, שאול׳ס זוהן... דורך איהם, האף איך, וועט מיר געלינגען זיך אויסצוהיטען פון דעם קעניג... יעצט, אוריה,

וויל איך דיר אנפערטרויען א געהיימע שליחות. וועסטו עס וועלען פאר מיר טהאן?

— איך בין דיין קנעכט! — האט איהם אוריה געענטפערט, — איך בין גרייט צו טהאן אלעס וואס דו וועסט מיר הייסען.

— דיר איז דאך געוויס בעקאנט דער פלאץ פון "אבן העזר", — האט דוד צו איהם געזאגט, — דארטען צו לינקס איז פאראן א גרויסער לאך, און דארטען האב איך זיך שוין איינינע מאל פארבארגען. יונתן האט מיט מיר אפ־געמאכט אז ער וועט פאר מיר פון צייט צו צייט דארטען איבערלאזען א בריעף, וואו ער וועט מיר לאזען וויסען וועגען מיכל'ן און וועגען שאול'ס וויטערע פלענער וועגען מיר. געה אריבער אהין פיעלייכט וועסטו דארטען געפינען א בריף פאר מיר פון יונתן... אבער זיי זעהר פארזיכטיג, קיינער זאל דיר דארטען נישט טרעפען... איך האב מורא יעצט צו געהן אליין אהין, פיעלייכט וועט מיך אימיצער דערקענען...

— איך געה! — האט אוריה געזאגט, — און זיי רוהיג, איך וועל שוין זעהר פארזיכטיג זיין.

* * *

פיעלע טעג האט שאול געווארט אויף א בעריכט פון זיינע געטרייע דיענער וועמען ער האט צושפרייט איבער'ן לאנד צו פאנגען דוד'ן, אדער אם ווייניגסטען אויסגעפינען וואו ער בעהאלט זיך. אבער ער האט פון זיי גאר נישט געהערט... ער איז געווארען מעהר נערוועז און אומרוהיג. איהם האט זיך גענומען דוכטען, אז זיינע בעסטע פריינד קעהרען זיך אפ פון איהם, און האלטען מיט דוד'ן... זיין הארץ האט איהם נאך מעהר אנגעהויבען צו שרעקען... ער האט זיך גענומען פארשטעלען אז זיינע קנעכט האבען געמאכט א בונד מיט דוד'ן און זיי זוכען איהם אומצוברייגען... ער האט גענומען ציטערען פאר זיין אייגענעם שאטען. און האט אלעמען אנגעפאנגען חושד צו זיין אין פערראטה.

איינמאל ווען ער איז געזעסען אין זיין גארטען אונטער דעם שאטען פון א בוים, האט ער צונויפגערופען אלע זיינע דיענער און בעאמטע, און האט זיך צו זיי אפגערופען:

— הערט זיך איין, איהר אלע פון מיין שבט בנימין! ווי עס ווייזט אויס, האב איך פאר אייך זעהר ווינציג געטהאן... פון דוד'ן האט איהר א סך מעהר צו ערווארטען... דוד וועט אייך אלעמען געבען פעלדער, וויינגערטנער, הייזער און בהמות... דוד וועט אייך געוויס אויך מאכען פאר הארען, פאר בעאמטע... ער וועט געוויס יעדען פון אייך זוכען צו דערהויבען העכער פון די וועלכע געהערען צו זיין אייגענעם שבט, יהודה!... יא, אזוי ווייזט אויס, גלויבט איהר אלע, ווייל איהר האט זיך אלע צוזאמענגערעדט, אזוי ווי איהר וואלט איין בונד געמאכט געגען מיר... קיינעם פון אייך קימערט נישט פאר מיר, פאר מיין געזונד־צו־שטאנד... אפילו מיין איינענער זוהן איז מעהר איבערגעבען צו דעם זוהן פון ישי'ן ווי צו מיר... איהם קימערט אויך נישט וואס דוד זוכט מיך צו בעפאלען און צו רויבען מיין לעבען און מיין קעניגרייך... און ווי איך זעה, גלויבט איהר, אז פאר אייך וואלט אויך געווען א סך בעסער ווען דוד וועט מיך טויטען, ווייל קיינער פון אייך וויל מיר נישט אויסזאגען וואו מיין גרעסטער שונא געפינט זיך..

צווישען שאול'ס דיענער איז אויך געווען דואג, דער אדומי, וועלכער האט

זיך געהאט נאר וואס צוריקגעקעהרט פון דער שטאדט נב. ער איז געווען זעהר ענטטוישט וואס איהם איז נישט געלונגען צו כאפען דוד'ן און ברײנגען פאר דעם קעניג... ער האט זיך אויך געשעהמט צו זאגען אז ער האט מורא געהאט צו ווארנען די כהנים פון נב, דאס דוד אנטלויפט פון קעניג. ער האט דאריבער בעשלאסען צו מאכען א בלבול אויף אלע כהנים פון נב.

— מיין האר קעניג, — האט זיך דואג פארנייגט פאר שאול'ן, — איך קום נאר וואס פון דער שטאדט נב... דארטען האב איך געזעהן דוד'ן.

דו האסט דארטען געזעהן דוד'ן !! — איז שאול אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ, — פארוואס האסטו מיר דען גלייך נישט מודיע געווען וועגען דעם ?!

— ווען דוד וואלט נישט געהאט הינטער זיך אלע כהנים פון נב, — וואלט ער זיך שוין פון מיינע הענד נישט ארויסגעדרעהט... אבער אזוי ווי דער כהן גדול, אחימלך, און די איבריגע כהנים האבען איהם בעשיצט, בין איך געבליבען מאכטלאז, און ווען איך האב געוואלט שיקען אנזאגען דעם קעניג וועגען דעם, איז שוין געווען צו שפעט. אחימלך האט איהם געגעבען וואפען און דוד איז אנטרונען געווארען...

— אה, די בעטריגער, די פעררעטהער ! — האט שאול אויסגערופען, — דערצעהל מיר, דואג, ווי אזוי האבען די כהנים דוד'ן געהאלפען.

— ווען איך בין אנגעקומען אין נב, — האט דואג אנגעפאנגען דערצעהלען, — האב איך מיטגעבראכט עטליכע שעפסען, און איך האב געזאגט די כהנים, אז דער האר קעניג האט מיך געשיקט מקריב צו זיין די שעפסען אויף דעם מזבח פאר גאט. דערווייל האב איך גענומען אויספארשען צי דוד געפינט זיך אין נב... איינמאל ווען איך בין געווען אין "אהל מועד", האב איך דערהערט דוד'ס שטימע... איך האב זיך בעהאלטען הינטער'ן פארהאנג קיינער זאל מיך נישט באמערקען... איך האב געזעהן דעם כהן גדול אחימלך און נאך אייניגע כהנים רינגלען ארום דעם זוהן פון ישי'ן... איך האב איינגעבויגען מיין אויער און זיך גוט צוגעהערט צו זייער געשפרעך. דוד האט זיי דערצעהלט אז ער אנטלויפט פון דעם קעניג און ער וויל זיי זאלען איהם העלפען זיך אויסבעהאלטען. אחימלך האט איהם געזאגט, אז צו בעהאלטען זיך אין נב איז זעהר געפעהרליך, ווייל דעם קעניג'ס דיענער קומען דא זעהר אפט צו מקריב זיין קרבנות, און ווען זיי וועלען זיך דערוויסען, וועלען זיי גלייך מודיע זיין דעם קעניג וועגען דעם. דאריבער איז זיין עצה, — האט ער איהם געזאגט, — מיטנעהמען מיט זיך גלית הפלשתי'ס שווערד און שפייז אויפ'ן וועג און זאל אנטלויפען. און זיך אויסבעהאלטען אין א זיכערען פלאץ... איך האב געזעהן ווי אחימלך האט אראפגענומען גלית'עס שווערד פון וואנט און דעם לחם הפנים פון שלחן און זיי איבערגעגעבען צו דוד'ן... און ער איז אנטלאפען... איך האב זיך גלייך גענומען נאכיאגען נאך איהם, אבער די כהנים האבען מיך פערהאלטען און מיר אנגעזאגט, דאס אויב איך וועל דוד'ן אנריהרען וועלען זיי מיך טויטען !..

— דעם טויט האבען זיי אלע פערדיענט !! — האט שאול אויסגעשריען, — זאל מען אחימלך'ן מיט אלע כהנים פון נב גלייך ברײנגען צו מיר... נקמה וועל איך פון זיי אלעמען נעהמען... די פעררעטהער, מיינע שונאים !... דורך מיין שווערד וועלען אלע געטויטעט ווערען.

א טויטע שטילקייט האט געהערשט ארום... א פחד איז אויף אלעמען אנגעפאלען... קיינער האט זיך נישט געריהרט פון ארט....

— פאר וואס שטעהט איהר דא! — האט שאול אויסגעשריען, — שיקט גלייך אן ארמעע נאך נב און זאל מען מיר גלייך ברייגגען אלע כהנים פון דארטען. אבנר, אייל זיך און שיק אהין דיינע סאלדאטען, פיעלייכט וועלען אויך מיינע איבריגע שונאים פון דארטען אנטלויפען.

אבנר האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און איז שנעל אוועקגעגאנגען צו דעם שר האלף און איהם באפוילען צו ברייגגען אלע כהנים פון דער שטאדט נב.

מיט א שטונדע שפעטער זיינען טויזענד סאלדאטען פון דעם קעניג אנגעקומען אין נב. דער שר האלף האט עטליכע גבורים אוועקגעשטעלט נעבען די טויערען פון שטאדט און זיי אנגעזאגט קיינעם ניט ארויסצולאזען פון נב.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין הויף, וואו דער אהל מועד איז געשטאנען, האבען זיי דארטען געטראפען אחימלך'ן דעם כהן גדול און נאך פינף און אכציג כהנים. דער שר האלף איז צוגעגאנגען צו אחימלך'ן און זיך אפגערופען:

— דו און די איבעריגע כהנים פו נב זיינען אין נאמען פון אונזער קעניג אויפגעפאדערט גלייך צו ערשיינען בעפאר איהם.

— וואס איז געשעהן?! — האט אחימלך געפרעגט דערשראקען.

— דאס וועט איהר אלע אויסגעפינען פון קעניג... איך בין בלויז געקומען אהער דורכצופיהרען דעם קעניג'ס בעפעהל.

— גיב אונז אביסעל צייט, מיר וועלען זיך איבערטהאן און זיך צוגרייטען צום וועג — האט אחימלך געבעטען דעם שר האלף.

— דעם קעניג'ס פארזאג איז דרינגענד און איך קען קיין רגע ניט פארלירען — האט דער הויפט געענטפערט — איהר מוזט גלייך מיט אונז מיטגעהן!

אנגעטהאן אין זייערע "בגדי כהנה" זיינען אלע כהנים פארגעבראכט געווארען פאר שאול'ן, וועלכער האט מיט גרויס אויפרעגונג און אומגעדולד געווארט צו נעהמען ראכע פון זיינע "שונאים".

— זאג מיר נאר, דו זוהן פון אחיטוב! — האט זיך שאול אפגערופען צו אחימלך'ן — וואס פאר א שלעכטעס האב איך דיר און די איבעריגע כהנים געטהאן, אז דו האסט צוזאמען מיט מיין גרעסטען שונא געמאכט א בונד נעגען מיר...

— מיין האר קעניג! — האט אחימלך צושראקען געזאגט — דא האט געמוזט פארקומען א גרויסער טעות. ווי קום איך און די כהנים אונטריי צו זיין אונזער גנעדיגען קעניג!

— איז דוד, דער זוהן פון ישי, געקומען צו דיר אין נב? — האט שאול מיט כעס א פרעג געטהאן.

— יע, מיין האר, דוד איז געוועזן ביי מיר. ער איז אריין צו מיר אין אהל מועד — האט אחימלך געענטפערט.

— און דו האסט איהם אפגעגעבען דעם לחם הפנים און גלית'עס שווערד? — האט זיך שאול אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און זיין גאנצער קערפער האט געציטערט פון אויפרעגונג און כעס.

— מיין האר קעניג! — האט אחימלך זיך אפגערופען — ווער איז נאך

צווישען אלע דיינע דינער אזוי חשוב און טייער ביי דיר ווי דוד, דיין איידעם...
איך בין געווען העכסט גליקליך צו קענען עפעס טהאן פאר דוד'ן !

— האסטו דען ניט געוואוסט, אז דוד איז מיין גרעסטער שונא, און דאס ער אנטלויפט פון מיר ? ! — האט שאול געשטורעמט.

— ניין, מיין האר קעניג, איך האב פון קיין זאך ניט געוואוסט. איך האב געמיינט, אז ער איז געקומען אין די שליחות פון קעניג און דעריבער האב איך איהם געגעבען דעם שווערד פון גלית'ן און דעם לחם הפנים אלס שפייז פאר'ן וועג.

— ער איז א ליגנער ! — איז דואג אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ — איך האב אליין געהערט, ווי ער האט דוד'ן געראטהען וואוהין צו אנטלויפען פון דעם קעניג.

— דו ביזט א פעררעטהער און א ליגנער ! — האט שאול אויסגעשריען — דו האסט פעררדיענט דעם טויט, אחימלך ! דו און אלע כהנים. איהר האט אלע בונד געווען אין אייער קעניג !..

— אה, מיין האר קעניג, מיר זיינען ריין פון זינד, מיר זיינען אונשולדיג !

— טויטעט זיי מיט אייערע שווערדען ! — האט שאול בעפוילען זיינע גבורים — קיינער פון זיי זאל פון דאנען קיין לעבעדיגער ארויס, ווייל זיי זיינען יד אחת מיט דוד'ן !

די סאלדאטען זיינען געבליבען שטעהן בעוועגלאז, האלטענדיג זייערע שווערדען שטייף אין זייערע הענד און האבען מורא געהאט א ריהר זיך צו טהאן...

— דואג ! — האט זיך שאול אפגערופען — דו ביזט געווען דער איינציגער, וועלכער האט מיר געטריי געדיענט ביז יעצט. נעהם דיין שווערד און טויט אפ די אלע שונאים, וועלכע שטעהען דא בעפאר מיר.

— מיר שטארבען אומשולדיגע ! — האט אחימלך אויסגערופען און אויפגעהויבען די הענט צום הימעל, און געזונגען א תפלה צו גאט... די איבעריגע כהנים האבען איהם נאכגעטהאן און האבען מתפלל געווען צו גאט...

— דיין בלוט אויף דיין קאפ ! — האט דואג אויסגערופען און מיט זיין שווערד האט ער א זעץ געטהאן אחימלך'ן איבער'ן האלדז...

דער כהן גדול פון נב איז אנידערגעפאלען צום באדען א צובלוטיגטער. ווען אביתר, אחימלך'ס זוהן, האט דערזעהן, אז דואג האט געטויטעט זיין פאטער, איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ און איז צוגעלאפען צו דואג'ען און איהם אריינגעלאזען אזא זעץ מיט זיין פויסט אין פנים, אז דואג איז אויך אומגעפאלען א צובלוטיגטער צום באדען... עס איז געווארען א טומעל... דואג האט געקרעכצט און געשריען פון וועהטאג... איינציגע סאלדאטען האבען איהם אויפגעהויבען פון באדען...

אביתר האט דורכגעבראכען די שורות פון דעם חיל, וואס האבען ארומגערינגעלט אלע כהנים און ער איז אנטלאפען געווארען.

א היבשע ווייל איז דואג געשטאנען מיט א צובלוטיגטען פנים און צוקאלעטשעטען נאז, און זיך געקארטשעט און געדרעהט אין דרייען פון יסורים.. נאכהער, ווען ער איז געקומען צו זיך, האט ער זיך אפגערופען צו שאול'ן, דאס

ער איז יעצט ווידער גרייט אויסצופאלגען דעם קעניג'ס בעפעהל.

שאול האט צו איהם א וואונק געטהאן און דואג האט נאך מיט מעהר ביטערקייט זיך גענומען צו די הילפלאזע כהנים און זיי אלעמען געטויטעט...

— אזוי וועל איך טהאן צו אלע מיינע שונאים! — האט שאול אויסגע־רופען, ווען די פינף און אכציג כהנים זיינען געלעגען טויטע פאר זיינע אויגען.

— נקמה וועל איך פון זיי נעהמען!

אוריה איז אוועק צו דעם "אבן העזר" און נאכדעם ווי ער האט א היבשע ווילע דארטען געזוכט, האט ער געפונען יונתן'ס בריעף. ער האט איהם פונאנ־דערגעוויקעלט און ער האט דורכגעלייענט פאלגענדעס:

"מיין טייערסטער פריינד דוד!

"זעהר טרויעריגע נייעס קום איך דיר יעצט דערצעהלען. דואג דער אדומי איז גראדע געווען אין דער שטאדט נב, ווען דער כהן גדול האט דיר איבערגעגע־בען גלית'ס שווערד און שפייזן. ער האט דאריבער געמאכט א בלבול אויף אלע כהנים, אז זיי זיינען געווען יד אחת מיט דיר. זיי האבען דיך בעשיצט און געהאלפען אנטלויפען פון דארטען. מיין פאטער האט געשיקט רופען אלע כהנים פון נב און אין א רגע, ווען דער בייזער גייסט איז אויף איהם אנגעקומען, האט ער בעפוילען צו טויטען אלע כהנים פון נב. דואג דער אדומי האט זיין בעפעהל גלייך אויסגעפיהרט און האט אליין מיט זיין שווערד אויסגעשלאכטעט פינף און אכציג כהנים צוזאמען מיט דעם כהן גדול אחימלך. בלויז אחימלך'ס זוהן אביתר'ן איז געלונגען צו אנטלויפען.

"יא, מיין ליעבער דוד, די לאגע ווערט טרויעריגער און שרעקליכער פון טאג צו טאג. ניט נאר זוכט מיין פאטער דיך צו בעשטראפען, אבער אויך די יעניגע, וועלכע גיבען דיר שפייז און שוץ...

"זעה צו זיין זעהר פארזיכטיג, ענטדעק צו קיינעם ניט דעם פלאץ, וואו דו האלטסט זיך אויף און לאמיר האפען צו גאט, אז מיין פאטער וועט נאך געזונד ווערען און זיך ארומזעהן ווי שטארק ער זינדיגט נעגען דיר און נעגען אונזער פאלק.

דיין ברודער יונתן".

אוריה האט צונויפגעוויקעלט דעם בריעף און איז געבליבען שטעהן א ווילע אויף זיין פלאץ, פערטיעפט אין געדאנקען... ווען דער קעניג זאל זיך דערוויסען אז דוד געפינט זיך אין בת שבע'ס הויז, און אז זי און איהרע על־טערען בעהאלטען איהם און גיבען איהם שפייז און שוץ, וועט ער דאך געוויס אויסראטען די גאנצע פאמיליע און אויך בת שבע'ן... ניין, דוד טאר דארט מעהר ניט פארבלייבען... צו גרויס איז די סכנה פאר בת שבע'ן... און אחוץ דעם, אויב דוד וועט עטוואס לענגער פארבלייבען אין בת שבע'ס הויז, וועט איהר ליעבע צו איהם אין גאנצען אפגעקיהלט ווערען. זי האט זיך שוין פיעל געענדערט... ער ווייס, אז בת שבע וועט גיכער איינשטימען צו זיין דוד'ס צווייטע ווייב, איידער די איינציגע ווייב צו איהם... יע, ער מוז זעהן פטור צו ווערען פון דוד'ן... אבער ווי אזוי?... איבערגעבען שאול'ן, אז דוד געפינט זיך אין בית שמש, וועט דאך אויסקומען, אז ער פערראטה דעם, וועלכער האט איהם פיעלע טובות געטהאן און אחוץ דעם קען ער נאך ברייגנען שאדען צו

בת שבע'ן און איהרע עלטערען... אבער ער קען דאך ניט דערלאזען, אז דוד זאל דארטען ווייטער בלייבען... דאס וועט דאן מאכען אן ענדע צו זיין גליק... אפשר זאל ער קומען זאגען דוד'ן, דאס ער האט זיך דערוואוסט, אז דער קעניג וועט שיקען זיינע מענשען אין בית שמש איהם דארטען צו זוכען. ווען ער וועט דאס דערהערען, וועט ער זיכער פון דארטען אנטלויפען... דער פלאן איז אויך ניט קיין גוטער, האט אוריה ביי זיך בעשלאסען, ווען בת שבע וועט זעהן, אז דער קעניג האט זיינע מענשען ניט געשיקט אין בית שמש, וועט זי פערשטעהן, אז ער האט דוד'ן גענארט צוליעב זיין אייפערזוכט. אזו דאן קען ער איהר נאר אין גאנצען פארלירען...

— איך וועל מוזען ווארטען נאך איינינע טעג — האט אוריה אין זיך געטראכט — און נאכהער וועל איך שוין וויסען וואס צו טהאן. — ער איז שנעל צוריק־געגאנגען אין בית שמש און געבראכט דוד'ן דעם בריעף.

דוד האט איבערגעלייענט דעם בריעף אין דער הויך פאר אלעמען און האט זעהר פיעל טרעהרען פארגאסען אויף דעם גרויסען אומגליק, וואס ער האט פעראורזאכט צו אלע כהנים פון נב.

אלע האבען מיט איהם מיטגעוויינט.

— עס איז זעהר שרעקליך און טרויעריג, אז דער קעניג זאל אזוי טהאן צו א גאנצע שטאדט כהנים, אבער עס איז דאך ניט דיין שולד — האט בת שבע געטרייסט דוד'ן — זייער בלוט וועט פאלען אויף זיין קאפ...

— אח, ווען איך וואלט וויסען, אז דואג געפינט זיך אין נב, וואלט איך זיך דאך דארטען אויף א רגע ניט אפגעשטעלט... ער האט אויף זיי א בלבול געמאכט דער אדומי... אומשולדיגע בלוט האט ער פארגאסען — האט דוד געקלאגט — ער וועט מיט זיין לעבען דערפאר בעצאהלען.

— ווי גרויס איז דעם קעניג'ס שנאה צו דיר — האט זיך אוריה אפגערופען — אז ביי איהם איז רעכט געוועזן אויסצו'הרג'ענען א גאנצע שטאדט כהנים צוליעב דעם, וואס זיי האבען דיר עטוואס אונטערשטיצט...

— ווען ער וואלט ניט געוועזן גייסטיג קראנק, וואלט ער דאך אזא זאך געוויס ניט געטהאן — האט זיך אליעם אפגערופען.

— איך באגעה זעהר א גרויסע אומרעכט געגען אייך, מיינע פריינד — האט דוד געזאגט — איך שטעל אייערע לעבענס אין געפאהר, ווייל זאל זיך דער קעניג דערוויסען, אז איהר האט מיך בעשיצט, געגעבען א דאך איבער מיין קאפ און שפייז, וועט ער זיך געוויס וועלען אפרעכענען מיט אייך דערפאר...

— יע, די סכנה איז זעהר גרויס. — האט אוריה צוגעגעבען.

— איך וועל אייך נאך היינט אין אווענט פארלאזען! — האט דוד אויס־גערופען — איך האב ניט קיין רעכט איינצושטעלען אייערע לעבענס אין סכנה!

— מיין האר — האט זיך אליעם אפגערופען — קיינער, אחוץ אונז וויים דאך ניט דיין סוד, און דער קעניג וועט קיינמאל אויסגעפינען, וואו דו געפינסט זיך.

— אבער צו גרויס איז די געפאהר... דער קעניג האט פיעלע שפיאנען אין יעדער שטאדט... גרויזאם איז זיין נקמה! יע, איך מוז פון דאנען אוועק־געהן! איך האב קיין רעכט ניט צו זיין אין א אידישע הויז, ווייל דער קעניג

קען נאך אויסלאזען זיין כעס אויף די יעניגע, וועלכע האבען מיט מיר גוטעס געטהאן... ווען די זון וועט אונטערגעהן, וועל איך אייער הויז פארלאזען... איך האב קיין ווערטער מיט וואס אייך אלעמען צו באדאנקען פאר די גנאדע און גוטסקטט, וואס איהר האט מיט מיר געטהאן... זאל אייך דער באשעפער דער־פאר בעצאהלען כפל כפלים...

— מיין הער! — האט זיך בת שבע אפגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען — דו האסט מיין לעבען און עהרע גערעטעט. דו האסט אויך אונזער גאנצע שטאדט בעפרייט פון דעם פלשתים יאך... און איך האב די גאנצע צייט געטראכט: וועל איך און מיינע עלטערען זיין אימשטאנד דיר מיט עפעס צו באצאהלען פאר אלעס וואס דו האסט פאר אונז געטהאן... און יעצט, אז דו געפינסט זיך אין אזא שלעכטער לאגע, ווען דו ווערסט אזוי שרעקליך פאר־פאלגט און ביזט פארוואגעלט אין דער פרעמד. און גאט האט אונז די מעגליכקייט געגעבען צו לינדערן עטוואס דיינע יסורים. ווילסטו אויך פון אונז דיעזען קליי־נעם פערגעניגען און בעפריעדיגונג פארמיידען? ניין, דוד, איך בעט דיך, פארלאז אונז נים. שטעה מיט אונז אזוי לאנג ביז וואנען דער באשעפער וועט דיך אין גאנצען באפרייען פון דעם קעניג׳ס אומגערעכטע פארפאלגונג...

— איך דאנק דיר זעהר פאר דיין פריינדליכקייט און גוטהערציגקייט. אבער אונטער איצטיגע אומשטענדען האב איך קיין רעכט נים איינצושטעלען דיין לעבען און די לעבענס פון דיין משפחה אין געפאהר... איך וועל פון דאנען אוועקגעהן און זיך ווידער אויסבעהאלטען אין דער מדבר, אדער צווישען די פעלזען שטיינער, און דער קעניג וועט קיינעם נים קענען בעשולדיגען, אז מען האט מיך געשיצט געגען זיינע רדיפות... ניין, בת שבע, דו ביזט שעהן און יונג, א גליקליכע צוקונפט ערווארטעט דיך, דו טארסט נים מסכן זיין דיין לעבען צוליעב מיר...

— איך וואלט בעסער געשטארבען, איידער צו וויסען, אז דו וואגעלסט און וואנדערסט ארום וויעדער אהן שוץ און אהן שפייז, צוליעב דעם וואס מיר האבען זיך געשראקען דיך צו בעשיצען... ניין, דוד, דיין זיכערקייט און וואויל־זיין איז מיר טייערער ווי מיין לעבען, וואס באלאנגט אלץ איינס צו דיר... זאג דאך מיר צו, אז דו וועסט פארבלייבען...

— טהו מיר די געפעלינקייט צוליעב מיין טאכטער און פארבלייב מיט אונז אויף ווייטער — האט אליעם זיך ביי איהם געבעטען — דו ווייסט נים, וואס דאס וועט מיינען פאר בת שבע׳ן, ווען זי וועט וויסען, אז זי וועט קענען אויסדריקען איהר דאנקבארקייט צו דיר כאטש דערמיט, וואס דו וועסט נים דארפען פארוואגעלט ווערען אין דער פרעמד און ליידען הונגער און דורשט.

— פון מיין טיעפסטען הארצען דאנק איך דיר, בת שבע, דו איידעלע און טייערסטע צווישען טעכטער... גוט, איך וועל דא פארבלייבען אזוי לאנג ווי מעגליך, און זאל גאט געבען, אז איהר זאלט דערפון גארנים ליידען...

ווען אוריה האט געהערט וואס בת שבע האט געזאגט צו דוד׳ן, איז ער בלאס געווארען... זיינע אויגען האבען איהם גענומען שווינדלען... זיינע קניע האבען זיך געבויגען, און מורא האבענדיג, אז מען זאל אויף איהם עפעס נים דערקענען, האט ער זיך ענטשולדיגט און איז ארויס פון בת שבע׳ס הויז...

זיין כעס איז נאך שטארקער געווארען... די אייפערזוכט האט אין איהם גע־פלאקערט... יעצט איז ער זיכער, אז בת שבע האט איהם אויפגעהערט ליעב צו האבען און זי האט איבערגעטראגען איהר ליעבע צו דוד'ן... ער איז ביי איהר טייערער ווי איהר לעבען... דוד האט איהם פעראורזאכט ער זאל פערזוכען דעם טעם פון הימעלשען גליק און יעצט רויבט ער עס אזוי אכזריות'דיג אוועק פון איהם... ניין, ער טאר ניט דערלאזען, דוד זאל צו לאנג פארבלייבען אין בת שבע'ס הויז... ער מוז עפעס טהאן, וואס זאל צווינגען דוד'ן פון דארטען צו אנטלויפען... יע! ער האט א גוטען פלאן, ער וועט קומען שנעל צו לויפען צו אליעם'ס הויז און זיי זאגען, אז ער האט נאר וואס געקראגען א ידיעה, אז שאול האט געשיקט זיינע שפיאָנען נאך בית שמש, און פון זיי האט ער אויסגעפונען, אז דער קעניג וועט קומען מיט אן ארמעע אין שטאדט און וועט זוכען פון הויז צו הויז... דאן וועט דאך דוד אנטלויפען פון בית שמש, און ווי דוד וועט נאר זיין ווייט פון שטאדט, וועט ער דאן שיקען א שליח אנזאגען דעם קעניג, אז ער האט געהערט, אז דוד געפינט זיך אין בית שמש... שאול וועט געוויס גלייך שיקען זיינע סאלדאטען נאך בית שמש... בת שבע וועט דאן זעהן, אז ער האט קיין ליגען געזאגט און זי וועט איהם נאך דאנקבאר זיין פארוואס ער האט דוד'ן גערעטעט פון שאול'ס הענד.

אוריה האט זיך זעהר גליקליך געפיהלט מיט דעם געדאנק. באלד וועט ער פטור ווערען פון דוד'ן... בית שבע וועט איהם ניט פערדעכטיגען און איהם נאך דאנקבאר זיין... דוד וועט האבען א געלעגענהייט זיך צו ראטעווען... און וועט אויך מעהר ניט וואגען אהער צו קומען... בת שבע וועט איהם ביסלעכווייז ווידער פארגעסען... דערווייל וועט אנקומען די בעשטימטע צייט פאר זייער חתונה, און בת שבע וועט ווערען זיין פרוי.

אויף מארגען איז אוריה אריינגעקומען אין אליעם'ס הויז מיט האסט און קוים אפכאפענדיג זיין אטהעם, האט ער אויסגערופען: דוד, ווי גאט איז דיר ליעב, אנטלויף פון דאנען וואס שנעלער, איך האב נאר וואס אויסגעפונען, אז דער קעניג שיקט אן ארמעע אין בית שמש, און מען וועט זוכען און נישטערען יעדען'ס הויז... אויב דיין לעבען איז ביי דיר טייער, טא אנטלויף פון בית שמש! איך וועל דערווייל פערהאלטען דעם קעניג'ס חיל וואס לייגער אין שטאדט, כדי דו זאלסט האבען די מעגליכקייט אוועקצוגעהן גאנץ ווייט פון בית שמש...

בת שבע און איהרע עלטערען זיינען געשטאנען צושראקענע און צוטור־מעלטע.

— יעצט מוז איך געהן! — האט דוד אויסגערופען — און אנגענומען גלית'ס שווערד אויף זיך. — זייט אלע געזונט! איך דאנק אייך אלעמען פאר אייער גאסטפריינדליכקייט און גוטסקייט, וואס איהר האט מיר אלע ארויסגעוויזען... א דאנק דיר, אוריה, מיין פריינד, פאר דער ווארנונג, וואס דו האסט מיר געגעבען אין צייט. זאל גאט געבען, אז איך זאל אייך נאך אלעמען קענען באלוינען לויט אייערע פארדינסטען... שלום!

— זאל גאט זיין מיט דיר, דוד! — האט אליעם זיך מיט איהם געזעגענט.

— זאָל דיר דער באַשעפער שיקען זיין ברכה פון הימעל — האָט בת שבע'ס מוטער געזאָגט.

— דוד! דוד! — האָט בת שבע אויסגעבראָכען אין א געוויין — אָה, דוד, פערלאָז מיך ניט!

— איך וועל דיר אָנצייגען א פאַרלאָזענעם וועג, וויו קיינער וועט דיך ניט דערזעהן — האָט זיך אוריה אָפּגערופען — און גאָט זאָל דיר צוריקקערהען דיין פאַרלאָרענעם גליק... ער זאָל דיך ווידער פאַראייניגען מיט דיין מיכל'ן און איך מעהר קיינמאָל ניט צו שיידען.

— פריידען צו אייך אַלעמען! — האָט דוד ווידער אויסגערופען, און איז מיט אוריה'ן ארוים פון הויז.

אוריה האָט איהם דורכגעפיהרט דורך'ן גאָרטען.

— דו וועסט זיך פאַרנעהמען לינקס ביז וואנען דו וועסט צוקומען צו א קליינעם וואַלד און דו וועסט איבערגעהן דעם וועלדעל. וועסטו זיין ווייט פון שטאָדט.

דוד האָט אוריה'ן נאָך אַמאָל בעדאַנקט און איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען אין וועלדעל.

אוריה האָט זיך אומגעקעהרט נאָך בית שמש. ער האָט צוגערופען צוויי פון זיינע סאָלדאַטען, די צוויי ברידער רכב און בענה, און האָט זיך צו זיי אָפּגערופען:

— איך האָב אייך זעהר א וויכטיגע זאַך צו פאַרטרויען. אָבער איידער איך געה אייך דערצעהלען, מוזט איהר שווערען קיינעם ניט צו ענטדעקען, אז איך האָב עס אייך געזאָגט. רכב און בעטה האָבען איהם צוגעשוואוירען, און אוריה האָט פאָרטגעזעצט: — אייך איז דאָך בעוואוסט, אז דוד איז געוואָרען דער גרעסטער שונא פון אונזער קעניג... און שאול זוכט איהם ארום איבער גאַנץ ארץ ישראל... ער האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז ווער עס וועט דערזעהן דוד'ן, זאָל איהם גלייך מודיע זיין... ווען איך בין געווען אויף מאַרק־פּלאַץ, האָב איך געהערט אייניגע מענשען ריידען, אז זיי האָבען בעמערקט דוד'ן אויף איינע פון די גאַסען פון בית שמש... און מיר, אלס דעם קעניג'ס אונטערטהאַנען וויינען פאַרפּליכטעט דורכצופיהרען דעם קעניג'ס באַפעהל... דאַריבער געהט אוועק צום קעניג און זאָגט איהם, אז מענשען האָבען דוד'ן געזעהן אין בית שמש. טאָמער פרעגט ער אייך, ווער עס זיינען די מענשען, זאָלט איהר זאָגען, אז איהר געדענקט ניט פון וועמען איהר האָט עס געהערט. זייט זעהר פאָרזיכ־טיג ניט אריינצומישען מיין נאָמען אין דעם, זאָגט איהר מיר צו?!

— יע, מיין האַר, מיר זאָגען דיר צו — האָט רכב און בענה געענטפערט.

אוריה האָט זיי ביידען געגעבען צוויי שטיקער זילבער און האָט זיי אוועק־געשיקט אין גבעה.

אויף'ן צווייטען טאָג האָט שוין שאול מיט זיינע מחנות ארומגערינגעלט די גאַנצע שטאָדט ית שמש און האָט באַפוילען זיינע סאָלדאַטען צו היטען יעדען ארויסגאַנג פון שטאָדט. און דער קעניג אַליין איז אריין מיט א הונדערט סאָלדאַטען אין שטאָדט און געגומען זוכען פון הויז צו הויז. צוויי טעג האָט דער קעניג געזוכט אין די היזער פון אַלע איינוואוינער פון בית שמש. ער

איז אויך אריין אין דער הויז פון אליעם. אבער ער האט דוד'ן ניט געפונען. ער האט אויך ארומגעזוכט אין אלע נענגענדען פון אויסער'ן שטאדט, אבער אומ־זיסט...

ווען שאול און זיינע מחנות זיינען אוועקגעגאנגען פון בית שמש, איז אוריה אריינגעקומען צו בת שבע'ן און מיט שטראהלענדע אויגען זיך אפגערופען:

— איך בין דאך אזוי גליקליך, דאס מיר איז געלונגען באצייטענס ווארענען אונזער פריינד דוד'ן... געלויבט איז גאט, וואס איך האב זיך דער־וואוסט וועגען שאול'ס פלאן אין צייט.

— אוריה, ווי א מלאך פון הימעל האט דיך גאט געשיקט צו ראטעווען דוד'ן פון א זיכערען טויט — האט זיך בת שבע צו איהם אפגערופען.

א גליקליכער שמייכעל האט זיך צוגאסען איבער אוריה'ס פנים... ער איז געווען זיכער ביי זיך, אז ער האט ווידער געוואונען בת שבע'ס הארץ...

אכטצעהנטער קאפיטעל

שאול גיט אפ מיכל'ן צו פלטיאל'ן

שאול האט זיך צוריקגעקעהרט פון בית שמש ענטטוישט און נידערגעשלא־גען. ער האט דוד'ן נישט געכאפט. אומזיסט איז געווען זיין זוכען... זיין פאר־ביטערונג איז שטארקער געווארען. ער, דער קעניג פון אלע שבטים, דער הערשער פון גאנצען לאנד, זאל נישט האבען ביכולת צו כאפען אין זיין אייגען לאנד זיין גרעסטען שונא און איהם בעשטראפען... עפעס זעהט ער דעם נביא'ס קללה רוהט אויף איהם: "גאט האט דיין מלוכה פון דיר אפגעריסען און זי אפגעגעבען צו איינעם וועלכער איז בעסער פון דיר"... אז דוד איז בעסער פון איהם זעהט ער דאך. ער איז געווארען מעהר פאפולער און בעליעבט ביים פאלק ווי ער. "שאול האט טויזענדע געשלאגען און דוד — צעהן טויזענדער!"... דאס פאלק האט דוד'ן פאר א גרעסערען העלד געמאכט... אבער ער, זייער קעניג, האט א סך פארלארען אין די אויגען פון פאלק, בפרט נאכדעם ווי ער האט אויסגע'הרג'עט אלע כהנים פון נב... אמת, ער איז געווען צו איילינג, צו היציג, אבער וואס האט ער געזאלט טהאן מיט זיינע שונאים... מעגליך אז נישט אלע זיינען געווען שולדיג אין דעם פערראטה און ער האט געהאפט צו מאכען א נענויערע אויספארשונג וועגען דעם.

שאול האט געשיקט רופען דואג'ן און זיך צו איהם אפגערופען:

— זאג מיר, דואג, ביזטו זיכער אז אלע כהנים פון נב האבען געמאכט יד אחת מיט דוד'ן נעגען מיר... אפשר זיינען פיעלע פון זיי אומשולדיג געווען?

— מיין האר קעניג, — האט דואג געענטפערט — זיי זיינען אלע געווען פערזאמעלט אין אהל מועד ווען דוד איז דארט געווען. איך האב געהערט ווי אלע האבען זיך גע'סוד'עט און געשושקעט מיט דוד'ן. געווים זיינען זיי אלע געווען שולדיג, פון קליין ביז גרויס...

— געדענק, דואג, — האט שאול אויסגערופען, — טאמער האסטו מיך נענארט, וועט זייער אלעמענס בלוט פאלען אויף דיין קאפ...

— איך האב דעם קעניג נישט גענארט... איך האב דערצעהלט אלעס ווי אזוי עס האט פאסירט.

— נעה יעצט פון מיר! — האט דער קעניג באפוילען דואג'ן, און אומגעקעהרט זיין קאפ.

דואג האט פארלאזען דעם פאלאץ און שאול איז פארבליבען מיט זיינע מחשבות... און ווען דער "שלעכטער גייסט" האט איהם אפגעלאזען, האט איהם זיין געוויסען גענומען שטארק פלאגען פאר דער גרויזאמער שחיטה וואס ער האט גורם געווען צו דער גאנצער שטאדט נב... און איינמאל, זיצענדיג ארום דעם טיש צוזאמען מיט זיין פאמיליע און פריינד — האט ער זיך אפגערופען:

— איך ווייס אז איך האב זעהר פיעל געזינדיגט געגען גאט מיט מיין גרויזאמע טהאט צו אלע כהנים, די קינדער פון עלי, און אויב גאט וועט מיך יעצט שטראפען וועט עס בלויז זיין פאר דיזער זינד... וויל ביז דאן, האב איך געגען גאט קיינמאל נישט געזינדיגט... איך האב אימער געטהאן זיין רצון... און דער נביא שמואל האט עס אליין גאנץ גוט געוואוסט... אבער ער האט פלוצלינג געווארפען אן אומ'חן אויף מיר, גענומען זוכען חטאים פון קליינער בעדייטונג און זיי א סך פארגרעסערט, כדי מיר מיט זיי צו בעאומרוהיגען און צו פייניגען. ער האט אויף מיר א מרה שחורה ארויפגעבראכט... און אין דער צייט פון אויפרעגונג און אינערליכע ערשיטערונג האב איך אזוי אומ'ברחמנות'דיג אומגעבראכט אזוי פיעל אומשולדיגע נפשות... אלע קינדער פון עלי, וועלכער איז אמאל געווען דער הייליגסטער מאן אין ארץ ישראל.

— ערלויב דאך מיר צו זאגען איינינגע ווערטער, — האט זיך אפגערופען פלטיאל, דער זוהן פון ליש, וועלכער איז געזעסען אויף דוד'ס פלאץ, — איך האב געהערט פון מיין זיידען, אז די קינדער פון עלי'ן זיינען געווען שלעכטע און זינדיגע צו גאט, און א געטליכער מאן איז געקומען צו עלי'ן און איהם געזאגט, אז עס וועט קומען א צייט און גאט וועט בעשטראפען זיין גאנצע משפחה. און ווען שמואל דער נביא איז נאך גאר יונג געווען, איז די ערשטע נבואה וואס ער האט געהערט פון גאט איז געווען: אז די משפחה פון עלי וועט פארטיליגט ווערען. און מיין האר קעניג האט בלויז אויסגעפיהרט דעם רצון פון גאט...

שאול'ס פנים האט גענומען אויפלייכטען: "ביזטו זיכער אז שמואל'ס ערשטע נבואה איז אויך געווען וועגען דער אויסראטונג פון עלי'ס משפחה?"

— איך בין אין דעם זיכער, — האט פלטיאל געזאגט, — איך האב עס פיעלע מאל געהערט פון מיין זיידען.

— געבענשט זיי צו גאט, מיין זוהן, — האט איהם שאול א קוש געטהאן אין קאפ — דיינע ווערטער זיינען יעצט ווי א באלזאם צו מיין הארצען... — איך האב, הייסט עס, בלויז אויסגעפיהרט די שליחות פון גאט, און מיין זינד איז נאר נישט אזוי גרויס.

יונתן האט געקוקט אויף זיין פאטער מיט טריבע אויגען און האט געשוויגען. ער איז געווען צופריעדען איהם צו זעהן פרעהלאך און מונטער, און כאטש זיין הארץ האט געבלוטיגט וויסענדיג ווי אומגערעכט זיין פאטער איז געווען מיט דער ערמארדונג פון אלע כהנים, האט ער דאך יעצט קיין ווארט וועגען דעם ניט גערעדט.

— יעצט ווען נאט זאל מיר געבען און דוד, מיין גרעסטער שונא, וועט אריינפאלען צו מיר אין די הענד, דאן וואלט זיך מיין נאנצער גליק צו מיר אומגעקעהרט... יא, כל זמן דער זוהן פון ישי לעבט, איז מיין לעבען צובראכען... איך וועל קיינמאל זיך אליין נישט מוחל זיין, פארוואס איך האב איהם אפגעגעבען מיכל'ן, מיין טאכטער, פאר א פרוי!... דאמיט איז זיין פאפולאריטעט פארגרעסערט געווארען צוזאמען מיט זיינע שאנסען צו ווערען קעניג נאך מיר. יעצט איז ער דעם קעניג'ס איידעם און איז ביי אלעמען מעהר נעאכטעט... ווען ער וואלט מיין איידעם נישט געווען, וואלט מען זיך אין איהם לאנג פארגעסען...

— מיין האר קעניג, — האט זיך שמעי בן גרא אויפגעשטעלט, — איך גלויב, אז עס איז נאך יעצט אויך ניט צו שפעט. דער קעניג האט דאך א רעכט מבטל צו מאכען מיכל'ס הייראט צו דוד'ן, און נאכדעם קען ער איהר אפגעבען צו איינעם פון אונזער שבט און פיעלייכט אויך פון דער קעניגליכער משפחה.

— עס איז דאס ערשטע מאל וואס איך הער פון דיר א גלייכע זאך, שמעי, — האט זיך שאול אפגערופען, — דו ביזט גערעכט! דוד וועט מעהר מיין איידעם נישט זיין. איך מאך זיין חתונה צו מיין טאכטער בטל. איך וועל בעסער אפגעבען מיין מיכל'ן צו איינעם וועלכער איז מיר א גוטער פריינד.

— פאטער, וואס געהסטו טהאן! — האט יונתן זיך אפגערופען, — האסטו דען א רעכט צוצורייסען די קייטען מיט וואס די צוויי יונגע ליעבענדע הערצער זיינען געבונדען געווארען?!...

— יא, מיין זוהן, איך האב דאס פולע רעכט, — האט שאול אויפגערופען, מיין צושטימונג צו מיכל'ס הייראט מיט דוד'ן איז געווען א טעות... ווען איך וואלט דאן געוואוסט אז דוד פלאנעוועט אוועקצורויבען די מלוכה פון מיר, וואלט איך געווים נישט דערלאזען אז מיין מיכל זאל איהם הייראטען. און דאריבער האב איך א רעכט בטל צו מאכען די הייראט...

— אבער ווייסטו וואס פאר א שלעכטע ווירקונג דאס וועט האבען אויף מיכל? — האט זיך שוין אחינועם נישט געקענט צוריקהאלטען, — זי ליעבט דוד'ן מיט איהר גאנצען לעבען און יעצט ווילסטו איהר גאר אפגעבען צו א צווייטען.

— האט זיך מיכל דען פערטראכט וואס פאר א שלעכטע ווירקונג עס וועט האבען אויף מיר, ווען זי האט מיר אפגענארט און אוועקגעשיקט מיין גרעסטען שונא פון מיר?... וויפיעל צער, עגמת נפש און שלאפלאזע נעכט האב איך זינט דאן געהאט?!...

— אבער פאטער, — האט זיך יונתן אפגערופען, — איך בין נאך אלץ איבערצייגט אז דוד איז געווען אומשולדיג און דאס האבען נאר זיינע שונאים אויף איהם א בלבול אויסגעטראכט, דאס ער האט זיך באריהמט פאר יואב'ן דאס ער וועט קעניגען אנשטאט דיר...

— אח, יונתן, יונתן, ביז ווי לאנג וועט דיין קאפ זיין פארשטאפט, ביז ווי לאנג וועסטו זיין געגארט אין דוד'ן... און אפילו ווען דוד זאל זיך נישט האבען באריהמט אז ער וועט ווערען קעניג אנשטאט מיר, זעהסטו דען נישט אז ער איז דער בעסערער מאן וועמען דער נביא שמואל האט געמיינט ווען ער האט גע־

זאגט: "גאט האט דיין מלוכה פון דיר אפגעריסען און זי אפגעגעבען צו אייגעם וועלכער איז בעסער פון דיר"!

— **יא, דער זעלבער נביא וועלכער האט מיר פלוצלינג צום העכסטען גליק געבראכט,** האט מיר יעצט מיט זיין איבערזיכטינקייט ארונטערגעשלעפט צום אבגרונד. ער האט פלוצלינג אויף מיר אן אום׳חן געווארפען און ער האט מיך **אומגליקליך געמאכט. איך בין געווען אזוי צופריעדען און גליקליך צו פיטערען** די שאף און צו בעארבייטען מיין פעלד... איך האב נישט געזוכט קיין כבוד. און האב נישט געשטרעבט צו קיין הערשאפט. און דא קומט דער נביא און זאלבט מיר פאר א קעניג. ער לאזט מיך פארזוכען דעם טעם פון הערשאפט... מיין גליק ווערט גרענצלאז און דער ליעבער גאט האט מיר געהאלפען און איך האב בעזיעגט די עמונים, די פלשתים און די עמלקים... דאס גאנצע פאלק איז דאך געווען אזוי גליקליך און צופריעדען מיט מיר... איך בין ביי זיי פאררעכענט געווען פאר דעם גרעסטען העלד... און דאן האט שמואל דערזעהן אז אלע שבטים קוקען אויף מיר און ווארטען איך זאל זיי ברייגנען הילף פון זייערע פיינד... ער האט באמערקט אז דאס פאלק רעכענט זיך מיט איהם שוין נישט ווי פריהער, און זיין השפעה איז געמינערט געווארען, איז ער אויף מיר איבערזיכטיג געווארען און גענומען אונטערגראבען דעם פונדאמענט פון מיין גליק... און אין דער צייט ווען די פלשתים האבען זיך פערזאמעלט אין מכמש און איך האב צונויפגעשטעלט א גרויסע ארמיי אין גלגל און געוואלט אנפאנגען די מלחמה... אבער איך האב געווארט אויף שמואל׳ן ער זאל מקריב זיין דעם קרבן פאר גאט... ווען אבער ער איז צו דער בעשטימטער צייט נישט געקומען און דאס פאלק איז אומגעדולדיג געווארען און איך בין געצוואונגען געווען אליין מקריב צו זיין דעם קרבן, איז שוין שמואל אויף מיר אין כעס געווארען און אויסגערופען: "דו האסט זיך בענארישט! דיין קעניגרייך וועט שוין נישט זיין פעסט און נישט קיין אייביגע. גאט וועט זוכען א מאן וואס וועט ווערטה זיין"...

— דער נביא האט עס נישט געמיינט! — האט יונתן איבערגעשלאגען זיין פאטער׳ס רייד, — ער איז געווען איבערגעגט און אין כעס.

— יא, איך אליין האב דאן אויך געמיינט אז שמואל רעדט עס פון כעס, און האב קיין שום געוויכט נישט געלעגט אויף זיינע ווערטער... אבער דעם צווייטען מאל ווען איך האב פון איהם געהערט דיזעלבע ווערטער נאך מיט מעהר שטארקייט און ביטערקייט, און געמאכט האט ער אזא ווענען צוליעב א קליינינקייט... איך האב ערלויבט מיינע סאלדאטען צוצונעהמען די גוטע בהמות פאר זיך... און כאטש דער נצחון איבער די עמלקים איז געווען א פאלקאמענער, אגג זייער קעניג האב איך גענומען אין געפאנגענשאפט, איז אנשטאט צו קומען און גראטולירען מיך פאר דעם גלענצענדען זיעג וואס איך האב אבגעהאלטען איבער אונזערע ערגסטע שונאים, איז ער געקומען און האט מיך בעליידיגט. ער האט מיך געזידעלט און געזאגט אויסדריקליך, אז מיין מלוכה וועט אפגעגעבען ווערען צו אייגעם וועלכער איז בעסער פון מיר... און יעצט האט ער געפונען אייגעם, און דאס איז דוד... יא, דוד וועט ווערען קעניג איבער גאנץ ישראל... און איהר מעגט אלע וויסען, אז כל זמן דער זוהן פון ישי לעבט, איז מיין מלוכה נישט געזיכערט. אבער דיר, יונתן קימערט נישט, איך זעה אז דו ביזט פאר דוד׳ן שטאל און אייזען... דו פארשטעהסט נישט, אז מיט דעם וואס

דו העלפסט מיין גרעסטען שונא, גראבסטן דיין אייגענעם גרוב... איין זאך וועל איך יעצט טהאן: איך שווער ביי מיין לעבען, איך וועל מיכל'ס הייראט צו דוד'ן בטל מאכען און מיכל'ן וועל איך אפגעבען צו איינעם פון מיינע בעסטע פריינד.

שמעי'ס פנים האט גענומען שטראהלען פון שמחה ווען ער האט יעצט גע־הערט דעם קעניג'ס שבועה... "ווענען דען האלט דער קעניג פאר זיין בעסטען פריינד אויב נישט מיר?" — האט ער זיך געטראכט.

— איך האב זיך אלע מאל געוואונדערט ווי אזוי דער קעניג האט צוגע־שטימט אפצוגעבען מיכל'ן צו איינעם פון א פרעמדען שבט, — האט זיך שמעי אפגערופען, — יעצט וועט זיך שוין דוד נישט האבען מיט וואס גרויס צו האלטען... און וויבאלד ער איז שוין מעהר נישט דעם קעניג'ס איידעם, וועט ארונטערגעהן א סך פון זיין חשיבות ביים פאלק...

שאול האט זיך א ווייל פערטראכט: אויב ער וויל אז דוד זאל מעהר נישט זיין זיין איידעם, דאן מוז ער אפגעבען מיכל'ן צו א צווייטען, ווייל כל זמן מיכל וועט נישט הייראטען מיט אן אנדער מאן, וועט זי נאך אלץ פאררעכענט ווערען פאר דוד'ס פרוי... וועמען אבער זאל ער איהר אפגעבען?... שמעי בן גרא? ניין! ער איז זעהר נאריש און אומגעלומפערט... ער ווייס אויך, אז מיכל האסט איהם... זי וועט זעהר אומגליקליך זיין מיט איהם! פלטיאל, דער זוהן פון ליש! יא! ער וועט זיין דער פאסענדער מאן פאר מיכל'ן אנשטאט דוד'ן... מיכל איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט זיין שוועסטער... מעגליך אז זי וועט זיין גליקליך מיט איהם און פארגעסען אן דוד'ן...

אלע זיינען געזעסען ארום טיש און געשוויגען... קיינער האט נישט געוואגט אונטערצוברעכען דעם קעניג'ס געדאנקען... שמעי בן גרא האט מיט גרויס אונגעדולד געווארט שאול זאל אויסרופען זיין נאמען אלס זיין צוקינפטיגער איידעם... א גליקליבער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיינע ליפען, ווען ער האט זיך גענומען פארשטעלען אז ענדליך וועט מיכל געהערען צו איהם... דער קעניג וועט איהם געוויס גלייך מאכען פאר א שר צבא, און דאן וועט ער געהן בעזוכען זיין שטאדט בחורים מיט מיכל'ן... א גרויסע מחנה סאלדאטען וועלען זיי באגלייטען און ווי שטארק אלע וועלען איהם מקנא זיין... די אלע וועלכע האבען זיך געפרעהט מיט זיין דורכפאל, וועלען יעצט האבען דרך ארץ פאר איהם, דעם קעניגס איידעם! זיין פאטער און מוטער וועלען שטאלצירען מיט איהם און מיכל וועט איהם אזוי ליעב האבען!...

— יא, אזוי וועט עס בלייבען! — האט שאול פלוצים אויסגערופען, — מיכל וועט חתונה האבען מיט פלטיאל'ן, דעם זוהן פון ליש! פלטיאל, — האט ער זיך צו איהם אנגערופען, — דו האסט געפונען חן אין מיינע אויגען, און דיר וועל איך אפגעבען מיכל'ן...

פלטיאל איז אזוי צוטומעלט געווארען פון דער פלוצלינגער איבערראשונג אז ער האט נישט געוואוסט וואס צו זאגען. ער האט געקוקט אויף דעם קעניג מיט דאנקבארע אויגען און געשוויגען.

— ביזטו צופרידען, מיין זוהן? — האט שאול ארויפגעלייגט זיין האנד אויף פלטיאל'ס פלייצע — איך האב נאך נישט פארגעסען די פיעלע טובות וואס איך האב געהאט פון דיין פאטער, ווען איך האב מיינע שאף געפיטערט נעבען גלים. זעהר אן איבערגעבענער און געטרייער פריינד איז דיין פאטער

צו מיר געווען... איך האף אז דו וועסט אויך זיין געטריי און איבערגעבען צו מיכל'ן און צו מיר...

— איך בין גליקליך אז איך האב געפונען גנאדע אין דיינע אויגען! — האט פלטיאל זיך פארניינט. — ווען מיכל איז נאך א קליין קינד געווען, האב איך איהר שוין ליעב געהאט... און זייט דאן האב איך נישט אויפגעהערט צו חלום'ן פון איהר... און יעצט, יעצט האט דער ליעבער גאט געמאכט אז מיינע חלומות זאלען פארווירקליכט ווערען...

שמעי איז געבליבען זיצען אויף זיין פלאץ נידערשלאגען און בעטריבט... אין די אויגען האט איהם געגומען שווינדלען... א קאלטער שוויים האט בעגאסען זיין קערפער... יעצט האט ער שוין מעהר נישט אויף וואס צו האפען... זיין גאנצער לעבען איז געווען א דורכפאל... אומזיסט האט ער זיך געפרעהט אויף דוד'ס מפלה... מיכל וועט שוין אלץ איינס נישט בעלאנגען צו איהם... מעהר וועט ער שוין ניט פערבלייבען אין פאלאץ, ער וועט געהן אהיים נאך בחורים, זיך אפגעבען מיט ערד־ארבייט, פיטערען די שאף און זוכען צו פארגעסען מיכל'ן און דעם פאלאץ...

— יונתן, געה רוף מיכל'ן! — האט דער קעניג באפוילען, — איך וויל זיך מיט איהר דורכריידען.

יונתן האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ... א כמארע האט באדעקט זיין פנים... איהם האט זעהר באנג געטהאן פאר זיין בעסטען פריינד, דוד... ער האט זיך אבער געטרייסט, דאס זיין פאטער וועט פיעלייכט אן דוד'ן פארגעסען... נאכדעם ווי ער וועט מעהר זיין איידעם נישט זיין, וועט ער אפשר אויך אויפהערען איהם צו רודף'ן... ער האט געווארפען א בליק אויף פלטיאל'ן און איז ארויסגעגאנגען.

שאול איז אריין אין זיין צימער און אחינועם האט איהם נאכגעפאלגט...

— איך בעט דיר, שאול, זיי זעהר פארזיכטיג מיט מיכל'ן, דו ווייסט דאך ווי פערביטערט זי איז... זי איז אויך יעצט זעהר שוואך, און ווען דו וועסט איהר פלוצלינג אנזאגען אז דו האסט בטל געמאכט איהר חתונה מיט דוד'ן, קען זי נאך קראנק ווערען, — האט איהם אחינועם געזאגט.

— איך וועל וויסען ווי אזוי צו ריידען מיט איהר, — האט שאול געענטפערט, — איך וויל בלייבען מיט איהר אליין.

* * *

זינט דוד איז געצוואונגען געווען צו אנטלויפען פון זיין היים, האט מיכל נישט אויפגעהערט צו טרויערען. זי איז געווען שטארק בעזארגט וועגען זיין געזונד־צושטאנד, און יעדעס מאל ווען איהר פאטער פלעגט זיך ארויסלאזען מיט אן ארמיי זוכען דוד'ן, האבען זיך איהרע ליידען פערשטארקט... זי האט מתפלל געווען צו גאט ער זאל אפהיטען איהר ליעבען דוד און איהר פאטער זאל איהם נישט געפינען... נישט ווייניגער יסורים האט איהר פערשאפט איהר פאטער'ס קראנקהייט, זי האט געוואוסט אז זיין גרויסע שנאה צו דוד'ן איז צו איהם געקומען צוליעב זיין מרה שמורה... זי האט אלץ געהאפט אז ווען זיין געזונד־צושטאנד וועט זיך פארבעסערען וועט ער זיך ארומזעהן וואס פאר א גרויסע עולה ער באנעהט נעגען איהר מאן, און דאן וועט דוד קענען צוריקקומען און זי וועט ווידער גליקליך זיין. אבער וואס ווייטער איז די לאגע געווארען

ערגער... זיין פארביטערונג געגען דוד'ן האט זיך נאך בולט'ער ארויסגעוויזען, נאכדעם ווי ער האט אומגעבראכט אלע כהנים פון נב... זי וויים אז ער האט פאנאנדערגעשיקט פיעלע שפיאָנען אויפצוזוכען דוד'ן, און ווי נאר ער הערט אז דוד געפינט זיך ערגעץ וואו קומט ער אהין גלייך מיט אן ארמיי... וויפיעל זי האט איהר פאטער געבעטען ער זאל אויפהערען צו רודפ'ן איהר אומשולדיגען דוד'ן... וויפיעל טרעהרען זי האט פארגאָסען, צו זיינע פיס איז זי געפאלען, אבער עס האט גארנישט געהאָלפען... ער איז נאך אלץ אויף איהר געווען שטארק ברוגז דערפאר! און אפילו ווען איהר ברודער יונתן האט איהם פארזיכערט אז דוד איז אומשולדיג, איז ער אויף איהם זעהר בייז געוואָרען. איהר הארץ טהוט איהר זעהר וועה פאר איהר פאטער... זי וויים אז ער ליידעט זעהר פיעל... זיין גרויזאמקייט קומט ניט ווייל ער איז שלעכט, ער איז דאך אימער צו געווען אזוי גוט, אזוי ליעבליך... ער איז ביי אלעמען זעהר געאכטעט און בעליעבט געוועזן פאר זיין גוטהערציגקייט... אה, ווי גליקליך זיינען געוועזן יענע יאָהרען, ווען זי איז נאך גאנץ יונג געוועזן... יעדען אבענד פלעגט זי געהן איהר פאטער אנטקעגען ווען ער האט זיך אומגעקעהרט פון פעלד... זי פלעגט צולויפען צו איהם און איהם האלזען און קושען, און ער פלעגט איהר אזוי שטארק צודריקען צו זיך... און ניט איינמאָל האט ער איהר שעהנע מתנות געבראכט... יא, ער האט איהר א סך מעהר ליעב געהאט ווי איהר עלטערע שוועסטער מרב... פיעלע מאָל האט זי איהם געדארפט בעטען ער זאָל מרב'ן אויך עפּעס ברייגגען... אפילו נאכדעם ווי ער איז קעניג געוואָרען האט ער איהר אויך ארויסגעוויזען מעהר ליעבשאפט ווי איהר שוועסטער און איהרע ברידער. יעצט אבער, איז איהר פאטער זעהר בייז אויף איהר... וואס פאר א רעכט האט ער צו זיין אויף איהר אין כעס ?! איז נישט דוד איהר מאן ?... דארף זי דען איהם נישט זיין געטריי און בעשיצען פון אלע אומגליקען ?... האט זי דען געקענט דערלאָזען ער זאָל איהם טויטען ?... און בפרט ווען זי ליעבט איהם מעהר פון אלץ אין דער וועלט... דוד איז דאך אזוי אומשולדיג... ער קלעהרט גארנישט פון הערשאפט... אמת, ער האט אלע אויסזיכטען צו ווערען דער נעקסטער קעניג, ער איז העלדיש, שעהן און קלוג, און דערצו איז ער נאך שטארק בעליעבט ביים גאנצען פאלק... אבער זי אליין וואָלט דאך נישט געוואָלט דאס איהר דוד זאָל קעניג ווערען... איהר איז נמאס געוואָרען דאס לעבען פון פאלאץ... זי האט פיינט די פערשידענע אינטריגעס פון דעם קעניגליכען הויף... און די גרויזאמקייטען פון הערשער איז איהר דערווידער... זי פעראכטעט די חניפה און שמייכלעריי פון די הויפלייטע... די פערשייטע טענץ און זויפעריי פון די קעניגליכע אמוזירער זיינען צו איהר עקעלהאפטיג... נייז, זי וואָלט בשום אופן נישט געוואָלט דאס איהר דוד זאָל קעניג ווערען... זי וועט זיך א סך גליקליכער פיהלען. ווען זי וואָלט קענען מיט איהר דוד'ן וואהנען אין א דארף ארומגערינגעלט פון דער וואונדער שעהנע נאטור. דאס געזאנג פון די פויגעלאך זאָל זיי אמוזירען און דאס טאנצען און שפרינגען פון די יונגע שאף זאָל זיי אונטערהאלטען... דאָרטען, וואו קנאה און שנאה איז נישט בעוואוסט, וואו דאס לעבען פליסט אזוי שטיל און רוהיג ווי דאס קלארע וואסער פון דעם טייד... דאָרטען איז די ליעבע אזוי רייצענד שעהן, אזוי פראכטפול און אנגענעהם ווי די נאטור זעלבסט וואס גאט האט געבענשט... דאָרטען וואָלט זי געוואלט בויען איהר נעסט פון

ליעבע מיט איהר דוד'ן... ווייט, ווייט פון דעם מענשענס בייזע אויגען, ווייט פון פאלשקייט און רכילות... דארטען, זעהט זי איהר דוד'ן פיטערען די שאף... זי קומט נעהענטער צו איהם: ער שפיעלט אויף זיין הארפע אזעלכע שעהנע הימעלישע מעלאָדיען... דאס וואסער פון טייכעל פלעטשעט דורך די שטיינדלעך. און בעגלייטען זיין שפיעלען, די ווארימע זוהן שמייכעלט אזוי ליעבליך צו זיי פון דעם בלויען קלארען הימעל... דער זמיר און די טורטעל טויב צולאָזען זיך מיט א זיסען געזאנג... די לעמעלעך און יונגע ציגעלעך בעוועגען זיך אזוי גראַ־ציעז און ריטמיש, נאך די טענער פון דוד'ס הארפע... זי זעצט זיך נעבען איהם, שפארט אַן איהר קאפּ אויף דעם בוזים פון איהר געליעבטען און וועבט איהרע זיסע ליעבע חלומות און איהר איז דאך אזוי גוט... זי איז דאך אזוי גליקליך... דוד! דוד! ווי ליעב איך האָב דיר! ער פיהרט זיינע הענט דורך איהרע האר... זי פיהלט זיין הייסען אטעם... ער בעדעקט איהר מיט ברענענדע קושען... זי איז זיינע, און ער איז איהרער! זי גראבט איין איהר קאפּ טיפער אין זיין בוזים און א הימעלישער גליק דרינגט דורך איהר קערפּער... זי מאכט צו איהרע אויגען און שפינט און וועבט גאלדענע טרוימען... אייביג, אייביג וואלט זי אזוי געלעגען און געטרוימט...

— מיכל! מיכל! — האָט יונתן אונטערבראָכען איהרע געדאנקען — וואָס איז עס מיט דיר? דו ביזט געוועזען אזוי פערטיעפט אין דיינע מחשבות, אז דו האָסט מיר גארנישט געזעהן, איך שטעה דאך שוין נעבען דיר א היבשע ווײלע!

— וואס איז, יונתן! — איז מיכל אויפגעשפרונגען פון איהר פלאץ — האָסטו עפּעס געהערט פון דוד'ן?! ווי פיהלט ער זיך? וואו געפינט ער זיך?! אה, זאג דאך מיר, מיין ברודער... וואס איז? פארוואס שווייגסטו? האָט דען מיט דוד'ן אן אומגליק פּאסירט?! אה, יונתן! זאג דאך מיר!

— איך האָב פון דוד'ן גאָרנישט געהערט, מיכל, און דו ווייסט דאך אז דעם פּאטרע'ס לעצטער פערזוך איהם צו כאפּען איז אויך געוועזען ניט ערפאָלגרייך...

— אבער איך קען זעהן פון דיינע אויגען אז עפּעס איז דא נישט גלאט? זאג מיר, וואָס ביזטו געקומען אהער אזוי פּלוצלונג... עפּעס האָט דאך געמוזט געשעהן?...

— גאָרנישט איז געשעהן, מיין שוועסטער, בערוהיג זיך... המ... ער... דער פאטער וויל דיר זעהן... ער האָט מיר געשיקט צו דיר איך זאל דיר רופען... ער וויל מיט דיר עטוואס ריידען...

—ער וויל מיט מיר ריידען! מסתמא ווידער וועגען דוד'ן.

— איך ווייס נישט — האָט יונתן געענטפערט מיט א טרויעריגען פנים — אבער קום דאך שנעלער, ער ווארט אויף דיר אין זיין צימער.

— עפּעס שרעקט מיר דאָס הארץ? — האָט מיכל אויסגערופען — אבער קום לאמיר געהן — ערגער ווי עס איז יעצט קען דאך שוין נישט זיין... ער קען מיר אפילו טויטען אויב ער וויל... קום!

יונתן איז מיט איהר צוגעגאנגען ביז שאול'ס צימער און מיכל איז אליין אריינגעגאנגען אינווייניג...

שאול איז געזעסען אויף זיין בעטעל, זיין פנים איז געוועזען בלאס און זיינע

אויגען האבען אויסגעקוקט זעהר טרויעריג און מעלאנכאליש, ער האט נערוויאיש געצופט זיין בארד וואס האט שוין אנגעפאנגען גרוי צו ווערען.

א ווייל איז מיכל געבליבען שטעהן און בעטראכט איהר פאטער... זי האט בעמערקט זיין בלייך געווארענעם פנים, די ארויסגעשטארטשעטע ביינער פון זיינע איינגעפאלענע באקען, די גרויע האר... זי האט געזעהן דעם יאוש און פערצווייפלונג וואס שפיגעלט זיך אפ אין זיינע מוטהלאזיגע בליקען... א טיעפער צער האט איהר ארומגענומען... איהר הארץ איז אנגעפילט געווארען מיט גרויס מיטלייד צו איהר אומגליקליכען פאטער... אה, ווי זי וואלט איהם געוואלט העלפען, לינדערען זיינע יסורים!... אין דיזער רגע איז ער איהר געווען אזוי ליעב און טייער... זי וואלט אלעס אין דער וועלט געטהאן זי זאל צוריק קענען זעהן זיין פרעהליך מונטערען פנים פון אמאל, זיינע שטראהלענדע ליעבליכע אויגען...

— פאטער, אה ליעבער, טייערער פאטער! — איז מיכל צוגעלאפען, איהם ארומגענומען און געקושט — פערגיב מיר, אויב איך האב דיר גורם געווען אזוי פיעל עגמת נפש, דו ווייסט דאך ווי ליעב איך האב דיר!...

— מיין קינד! — האט שאול מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט — דו האסט דיין פאטער מעהר נישט ליעב... דיין הארץ האסטו אפגעגעבען צו א פרעמדען, צו איינעם וועלכער איז די אורזאך פון מיין נידערלאגע... איהם האסטו ליעב און נישט מיר! זיין לעבען און גליק איז ביי דיר טייערער פון מיר!...

— אה פאטער, פאטער רעד נישט אזוי! — האט מיכל זיך פאנאנדערגעוויינט — דו ביזט מיר ליעב און טייער... אבער אויך ער... פארוואס, א גאט, שטראפסטו מיר אזוי! מיין הארציגער ליעבער פאטער איז א שונא מיין מאן, וועמען איך ליעב אזוי שטארק! פאטער איך בעט דיר, בעזין זיך נאך איינמאל, בעטראכט זיך גוט און דו וועסט זיך ארומזעהן ווי ריין און אומשולדיג דוד איז פון די אלע בעשולדיגונגען מיט וואס דו בעשולדיגסט איהם! ער איז דיר אזוי געטריי און איבערגעגעבען ווי צו מיר... און איך שווער דיר, ביי גאט, אז ער האט קיינע בייזע מחשבות וועגען דיר.. ווען דו וואלסט איהם נאר געגלויבט, ווי גליקליך איך וואלט דאן געווען... מיר וואלטען ביידע אוועק וואהנען אין דארף, און דוד וואלט די שאף געפיטערט...

— דו קענסט נאך ניט דוד'ן, מיין טאכטער! דוד איז פער'שכור'ט פון זיינע נצחונות איבער די פלשתים... דערצו האבען נאך די פרויען איהם געשמייכעלט... יעצט וועט ער מעהר נישט קענען איינזיצען רוהיג, ער וועט שטרעבען צו מאכט, צו הערשאפט, צו כבוד, און אפילו דו, מיין טאכטער, וועסט נישט זיין אימשטאנד איהם אפצוהאלטען... יע, ער איז דער מאן, וועמען שמואל, דער נביא, האט אויסגעקליבען צו קעניגען אנשטט מיר! און איך אליין האב איהם דערצו געהאלפען, ווען איך האב דיר אפגעגעבען צו איהם פאר א פרוי... און איצט העלפסטו איהם זיך פון מיינע הענד ארויסצודרעהען...

— גלויב מיר, פאטער, ווען דוד וואלט געהאט בייזע געדאנקען וועגען דיר, וואלט איך די ערשטע דערפון געוואוסט... איז עס זיין שולד אז גאט האט איהם בעגליקט און ער האט גלית'ן געטויטעט און די פלשתים פון אונזערע גרעניצען פערטריבען?...

— קענסטו מיר פיעלייכט זאגען, מיכל, פארוואס האט דוד צוגענומען דעם שווערד פון גלית דעם פלשתי, ווען ער איז אנגעקומען אין נב, צו די כהנים?... יע, ער האט גענומען דעם שווערד כדי ער זאל דערמיט קענען צוציהען פיעלע פון די אידען אויף זיין זייט, כדי ער זאל זיי שטענדיג האבען צו צייגען וואס ער האט אויפגעטהאן פאר ארץ ישראל... נו, דארפסטו נאך האבען א גרעסערען בעוויז אז דוד מיינט צוצונעהמען פון מיר די מלוכה!

— דוד איז אנטלאפען געווארען פאר זיין לעבען, ער האט מיט זיך נישט געהאט קיין געוועהר זיך צו בעשיצען געגען חיות, און ווען ער איז געקומען אין נב האט ער געבעטען דעם שווערד וואס בעלאנגט צו איהם — האט מיכל געזאגט.

— אומזיסט זוכסטו איהם צו פערטיידיגען, מיכל — האט שאול אויסגערופען, איך וויים אז שמואל האט איהם געמאכט פאר מיין נאכפאלגער... און מעהר איבערציינט אין דעם, בין איך געווארען ווען איך בין געוועזען אין רמה, צווישען די בני הנביאים, וואו דוד האט זיך פון מיר בעהאלטען... איך האב עס געפיהלט אין די לופט, און כאטש, זייענדיג דארטען, בין איך מיטגעריסען געווארען פון די בעגייסטערונג פון די איבעריגע נביאים... אבער איך האב דארטען געפיהלט אז שמואל בעשיצט דוד'ן פון מיר.. און ער ערמוטיגט איהם... איך פיהל אז דער נביא האט שוין זיכער דוד'ן געזאלבט פאר קעניג אנשטאדט מיר... ניין! ער מוז געטויטעט ווערען! דוד איז מיין שונא! ער איז א פעררעטער... ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועט ער מיר טויטען, אויב איך וועל איהם פריהער נישט פערניכטען!

מיכל האט טרויעריג ארונטערגעבויגען איהר קאפ און זי האט איהם מעהר נישט געענטפערט, זי האט מורא געהאט ווייטער צו ריידען מיט איהר פאטער וועגען דוד'ן. טאמער וועט ער זיך ווידער אויפרעגען... זי האט געוואוסט אז זי וועט איהם נישט קענען איבערציייגען אז ער איז אומגערעכט.

— דו שווייגסט, מיכל, — האט שאול אויסגערופען — דו זעהסט שוין אליין אז איך בין גערעכט: אבער ווי אזוי האסטו די גאנצע צייט געקענט פערבארגען פון מיר די פלענער פון מיין גרעסטען שונא?! האסטו מיר דען נישט צוגעשווארען, איידער איך האב מיין הסכמה געגעבען צו דיין הייראט מיט דוד'ן, אז אויב דו וועסט אויסגעפינען אז דוד טראגט זיך ארום מיט שלעכטע מחשבות וועגען מיר, וועסטו מיר באלד דערצעהלען, און יעצט זוכסטו איהם צו פארטהיידיגען און פערבארגסט פון מיר זיינע פלענער!

— ניין, איך פערבארג גאר נישט פון דיר, ליעבער פאטער! — האט מיכל אויסגערופען — ווען איך וואלט נאר געהאט א קליינעם חשד אויף דוד'ן אז ער זוכט דיר שלעכטס צו טהאן, וואלט איך מיט איהם קיין איין רגע נישט געוועזען צוזאמען...

איך ליעב דוד'ן, ווייל איך וויים ווי ריין און אומשולדיג ער איז, איך פערשטעה די גוטסקייט פון זיין הארצען, די איידעלקייט און זויבערקייט פון זיין נשמה... איך וויים אז ער איז נישט פעהיג צו זאגען אנדערש פון וואס ער טראכט... א יעען דו וואלסט איהם נאר געוואלט פערשטעהן! דאן וואלסטו צוגעגעבען אז ער איז דיר דער בעסטער פריינד, אז ער איז געגרייט זיך מקריב צו זיין פאר דיר און פאר אונזער פאלק!

— אה, מיכל, ווי נאאיוו און נאריש דו ביזט איהם צו גלויבען! זיין גלאַטער צונג האַט דיר אין גאנצען צוטומעלט, און דו זעהסט נישט די פאַלשקייטען וואס ליגט ביי איהם פארבארגען... ניין, מיכל, דוד קען מעהר דיין מאן נישט זיין... איך האָב זיך זעהר באנארישט ווען איך האָב איהם פאר מיין איידעם גענומען... דאמיט האַט ער ביים פאָלק נאך מעהר אויסגענומען... דאָס האַט פערקירצט זייז וועג צו מיין קרוין... יעצט וועל איך דיר זאָגען, מיכל, איך האָב בעשלאָסען בטל צו מאכען דיין חתונה צו דוד'ן... פון היינט אָן איז דוד מעהר נישט מיין איידעם... דו מוזט דוד'ן פון דיין הארצען ארויסרייסען... ער איז מעהר נישט דיין מאן!... דיין מאן וועט יעצט זיין פלטיאל דער זוהן פון ליש... ער האַט געפונען גנאדע אין מיינע אויגען און איך האָב איהם אויסגעקליבען פאר מיין איידעם אַנשטאַט דוד'ן!

— פאטער! האַט מיכל אויסגעשריען און איז גלייך געפאלען אין חלשות...

— — — — — — — — — — —

ווען מען האַט איהר אפגעמינטערט, האַט איהר לאנג גענומען ביז וואנען זי האַט זיך דערמאנט וואס מיט איהר איז פארגעקומען. באלד האַט זי אויסגעבראָכען אין א געוויין... אַ, דוד, מיין ליעבער דוד! — האַט זי געיאמערט — אונזער גליק ווערט אויף אייביג אויסגעלאשען... נישט מעהר וועל איך אנקוקען דיין שעהנעם ליעבליכען פנים... נישט מעהר וועל איך הערען דיין זיסע שטימע און די צויבערענדע קלאנגען פון דיין הארפע!

איהר מוטער האַט איהר געזוכט צו בערוהיגען.

— מיין טאכטער, עס איז מן הסתם אזוי בעשערט פון הימעל: דוד איז פיעלייכט נישט דיין ריכטיגער זיווג... פלטיאל איז אויך זעהר א וואוילער יונג און דו וועסט נאך פאר איהם גליקליך זיין...

— מיין טאכטער! — איז שאול צו איהר צוגעגאנגען — דוד איז דער גרעסטער שונא פון דיין פאטער, ער וועט מוזען געטויטעט ווערען, ווייל כל זמן ער לעבט, ביז איך און מיין גאנץ הויז געזינט נישט זיכער מיט'ן לעבען... איך האָב זיך זעהר בענארישט, וואס איך האָב לכתחילה דערלאזען דו זאָלסט מיט איהם הייראטען, אבער יעצט, איז ער מעהר נישט דיין מאן, בלויז מיין פיינד, וועמען איך האָב פולע רעכט צו טוידטען... שלאָג דוד'ן ארויס פון דיין קאָפּ, ווייל אין דריי טעג ארום וועסטו חתונה האבען מיט פלטיאל'ן דעם זוהן פון ליש.

— — — — — — — — — — —

די גאנצע דריי טעג האַט מיכל נישט אויפגעהערט צו וויינען און טרויערען... זי האַט צו קיינעם נישט געוואלט ריידען א חוץ צו יונתן, וועלכער האַט איהר געפּרואווט טרייסטען און בערוהיגען...

— זאָג מיר, מיין ליעבער ברודער, וואס זאָל איך טהאָן — האַט זיך מיכל אפגערופען — מאָרגען ווער איך געצוואונגען צו הייראטען פלטיאל'ן... מיינע טרעהרען האבען נישט געקענט ווייכער מאכען דעם פאטער'ס הארץ... פיעלייכט זאָל איך גאָר אנטלויפען פון דאנען... איך וואָלט געוועזן גליקליכער צו עסען ברויט און וואסער, צו וואהנען אין אן איינזאמען געצעלט און ווארטען אויף דוד'ן...

— ניין, מיין ליבע שוועסטער — האט יונתן געענטפערט — מיט דיין אנטלויפען פון דאנען וועסטו נישט זיך און נישט דוד'ן העלפען... דו בעסער בלייב מיט פלטיאל'ן... ער איז אַ ערשטענדליך און גוטהערציג... גיעב איהם צו פערשטעהען דיין לאגע און זאג איהם אז דיין היראט צו איהם וועט בלויז זיין אין נאמען... איך ווייס אז ער האט דיר ליעב און וואלט וועלען דיר זעהן גליק־ליך... ער ווייס אויך אז דו ביזט געצוואונגען דורך'ן פאטער דאס צו טהאן, און איך בין זיכער אז ער וועט איינשטימען... און איך וועל דערווייל זעהן אויסצו־געפינען וואו דוד איז, און איהם אלעס דערצעהלען... איך וועל איהם ערקלערען אז דיין הארץ געהערט נאך אלץ צו איהם... ער וועט פערשטעהן און מיט געדולד ווארטען אויף דער צייט ווען איהר ביידע וועט ווידער קענען צוריק פעראייניגט ווערען... דעם פאטער'ס בעפעהל וועסטו אבער מוזען אויספאלגען, ווייל דו ווייסט דאך אז ער איז קראנק... און דיין ווידערשטעלען זיך וועט איהם בלויז מעהר אויפרעגען...

— געה זאג פלטיאל'ן אז איך וויל זיך מיט איהם זעהן — האט מיכל געזאגט צו יונתן — איך וועל זיך מיט איהם דורכריידען פאר דער חתונה...

יונתן איז אוועק און אביסעל שפעטער איז אנגעקומען פלטיאל. מיכל האט איהם געבעטען זיצען. פלטיאל האט זיך געזעצט און האט בעטראכט מיכל'ן... ער האט געזעהן ווי בלאס זי איז, איהרע אויגען זיינען רויט פון וויינען... אן אומעט און טרויער ליגט אויף איהר פנים...

— מיכל! מיכל! פארוואס ביזטו אזוי אומעטיג? ! דו פיהלסט זיך אומגליקליך !... האט פלטיאל אויסגערופען מיט צערטליכקייט.

— פלטיאל — האט מיכל געענטפערט, קוים איינהאלטענדיג זיך פון וויינען... מיין פאטער פערלאנגט אז דו זאלסט מארגען מיט מיר היראטען... ווייסטו אבער אז איך געהער צו דוד'ן... איך ליעב איהם מעהר ווי מיין אייגען לעבען...

— איך ווייס, מיכל, איך ווייס! — האט פלטיאל אומעטיג געזאגט — איך ווייס אויך וויפיעל געזונד עס וועט דיר קאסטען... אבער אזוי איז דעם קעניג'ס וואונש... קען איך זיך דען געגענשטעלען זיין בעפעהל?

— ניין, עס וועט דיר גארניט העלפען... מיין פאטער איז קראנק, ער שטעלט זיך פאר די שרעקליכסטע זאכען וועגען דוד'ן, און האט ער איינמאל בעשלאסען מיך אוועקצונעהמען פון איהם, וועט ער זיין מיינונג ניט ענדערען...

— איך פערשטעה, מיכל, אויב דו ווילסט וועל איך זאגען דעם קעניג אז איך האב חרטה... ער וועט דאך מיר נישט קענען צווינגען.

— מיין פאטער וועט אויף דיר זיין זעהר אויפגעבראכט דערפאר און דאס קען נאך דיר זעהר פיעל שאדען... איך וויל נישט אז דו זאלסט צוליעב מיר דארפען ליידען... און א חוץ דעם קען נאך מיין פאטער מיר איבערגעבען צו שמעי בן גרא און דאס וועט נאך פיעל ערגער זיין...

— אבער מיכל, איך וואלט דיר געוואלט העלפען... זאג מיר וואס איך קען טהאן פאר דיר?

— פלטיאל, דו ביזט אימער צו געווען מיין פריינד, נאך אין די צייטען ווען איך און דייז שוועסטער זיינען זעהר יונג געווען...

— יע, איך האב דיר שוין ליעב געהאט ווען דו ביזט נאך א קינד געווען.

דיין פאטער פלעגט דיך זעהר אפט ברייננען צו אונז אין הויז, און ווען דו פלעגסט זיך שפּיעלען מיט מיין שוועסטער מרים, בין איך זעהר גליקליך געווען צו קוקען אויף דיר און טראכטען וועגען דיר... איך געדענק אז איינמאל ביזטו געקומען צו לויפען צו אונז א צושראקענע, און קוים כאפענדיג דעם אטעם, האסטו אונז דערצעהלט אז א פלשתי האט זיך נאך דיר נאכגעיאגט... איך האב דאן געוואלט געהן אויפזוכען דעם פלשתי און זיך מיט איהם אפרעכענען, אבער דו האסט מיר נישט דערלאזען...

— יע, דאס בין איך דאן געווען אויף'ן בארג זיך צוצוהערען צו די וואונדערבארע מעלאדיען פון דוד'ס הארפע... דאן האב איך נאך דוד'ן נישט געקענט, אבער דיין שוועסטער האט מיר איינמאל מיטגענומען אויף'ן בארג איך זאל זיך צו הערען צו די טענער וואס קומען פון טהאל.

— האט מיין שוועסטער שוין דאן געקענט דוד'ן? — האט פלטיאל נערפרעגט מיט פערוואונדערונג.

— ניין, נישט דיין שוועסטער און נישט איך האבען איהם דאן געקענט... מיר האבען זיין פנים קיינמאל נישט געזעהן... אונז האט געצוינען צו געהן אהין, צוליעב דעם שעהנעם שפּיעלען וואס מיר פלעגען הערען... פיעלע מאל בין איך אליין אוועק אויף יענעם בארג, זיך געלעגט אויף'ן גראז און זיך צוגעהערט צו דעם פאסטיר'ס שפּיעלען... און איין מאל, ווען איך בין געלעגען אויסגעצוינע: אויף'ן גראז און זיך צוגעהערט צו די בעצויבערענדע טענער וואס איז געקומען פון טהאל... האב איך בעמערקט ווי א פלשתי דערנעהנטערט זיך... איך האב זיך אויפגעשטעלט און גענומען לויפען... אבער דער פלשתי האט זיך נאך מיר נאכגעיאגט... איך האב גענומען שרייען און לויפען מיט מיינע אלע כוחות ביז וואנען איך בין אנגעקומען אין גלים און אריין צו דיין הויז...

— אה, ביזטו דאס דאן געלאפען פון דעם בארג, און דאס איז געווען דערזעלבער פלשתי וועמען דוד האט גלייך געטויטעט.

— יע, מיין ברודער און שמעי זיינען מיר דאן געגאנגען נוכען, און יונתן האט זיך דערוואוסט אז דער וואס האט דעם פלשתי געטויטעט איז געווען דער פאסטוך פון טהאל... און אויף דעם צווייטען טאג בין איך מיט איהם געגאנגען צום טהאל וואו דער פאסטוך געפינט זיך, איהם צו בעדאנקען פאר זיין ראטעווען מיר פון דעם פלשתי... דארטען האב איך דעם הארפען שפּיעלער צום ערשטען מאל דערזעהן... דאס איז געווען דוד!

— און זינט דאן האסטו דוד'ן ליעב בעקומען?

— יא, זינט דאן האב איך פון איהם ניט אויפגעהערט צו חלום'ען... סאג און נאכט איז דוד פון מיין זינען נישט ארויס... איך האב זעהר פיעל געליטען... ביז וואנען גאט האט אונז צוזאמענגעפיהרט נאכדעם ווי דוד האט גלית'ען געטויטעט... און יעצט... מיין גליק איז אזוי קורץ געווען... יעצט מוז איך זיך מיט איהם אויף אייביג שיידען... מארגען וועט אונזער חתונה זיין!

— מיכל איך בין געגרייט צו טהאן אלעס פאר דיר! זאג מיר ווי אזוי איך קען דיינע שמערצען פערלינדערען.

— פלטיאל, דו ביזט זעהר גוט און גנעדיג... וועסטו איינשטימען מיט מיר צו הייראטען בלויז אין נאמען?... פערשטעהסטו ביז די צייט וועט קומען און מיין פאטער וועט זיך ארומזעהן אז ער האט געמאכט א גרויסען טעות... און

ווען דוד וועט צוריקקעהרען וועל איך צו איהם קומען ריין און אומשולדיג ווי ער האט מיר געלאזען...

— איך פערשטעה דיר, מיכל, דיין גליק איז ביי מיר טייערער פון אלעס אין דער וועלט... איך וועל טהאן אלעס וואס דו וועסט מיר הייסען...

אויף מארגען ווען די חתונה צערעמאניע האט זיך אנגעפאנגען, האט שאול בעוואונדערט די שטילקייט און געלאסענקייט מיט וואס מיכל איז געגאנגען צו דער חופה מיט פלטיאל'ן... ער האט נישט ערווארטעט אז מיכל וועט זיך אזוי שנעל אונטערגעבען... ער איז געווען זעהר צופריעדען דערפון און האט זיי ביידען, מיכל און פלטיאל'ן, געוואונשען גליק...

ענדע פון בוך איינס